STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00605

GESHTALTN

Jacob Zerubavel

Permanent preservation of this book was made possible by
David & Shirley Guralnik
in memory of
Julius Guralnik & Fishl Nashkin

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב זרובבל

געשטאלטן

פארלאג י. ל. פרץ ישראל

1967

צוגעגרייט צום דרוק דורכן רינגעלבלום־אינסטיטוט

YAAKOV ZERUBAVEL
GESHTALTN

Publishing House I. L. Peretz
Tel-Aviv, 31 Allenby St.

נדפס בישראל
Printed in Israel, 1967

יעקב זרובבל — געשטאַלטן
אַרויסגעבער: פאַרלאַג י. ל. פרץ
תל־אביב, רחוב אלנבי 31

דפוס „ארזי״ בע״מ, ת״א, רח׳ אילת השחר 4, טל. 34294



דאָס בוך „געשטאַלטן" איז דורך זרובבלען פאַרטראַכט געוואָרן נאָך מיט יאָרן צוריק. אָבער ערשט געציילטע חדשים פאַר זיין פטירה, ווען זיינע נאָענטע האָבן שוין געוווּסט דעם ביטערן אמת, האָט ער דאָס בוך גענומען צוגרייטן.

אין יענע טעג האָט זרובבל, נאָך וואַרשיינלעך נישט באַנומען די גאַנצע האַרבקייט פון זיין מצב. ווי ס'זאָל נישט זיין, האָט ער אים נישט געוואָלט באַנעמען. אַזוי שטאַרק איז ביי אים געווען דער ווילן צו לעבן.

אָבער אַ געוויסע אומרויִקייט האָט, זעט אויס, שוין גענומען זיך איינניסטן אין אים, אַן אומרויִקייט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן צוזאַמען מיטן וואַקסן פון זיינע פיזישע ווייטיקן, וועלכע ער פלעגט בדרך כלל אויך פאַרבאַהאַלטן פאַר זיינע נאָענטע. דעריבער האָט ער, באַזונדער די לעצטע וואָכן, אַזוי געיאָגט און צוגעאיילט דאָס פאַרענדיקן און אַרויסגעבן דאָס בוך. יעדער אויסגעזעצטער און אָפּגעצויגענער בויגן איז פאַר אים געווען אַ דערקוויקונג. און ווען דאָס בוך איז לסוף אָפּגעדרוקט געוואָרן און ווען מ'האָט אים געבראַכט דעם ערשטן, נאָך נישט געבונדענעם עקזעמפּלאַר, האָט זיין אויסגעבלאַסט פּנים געלויכטן פון פרייד. און נאָך גרעסער איז געווען זיין צופרידנקייט, ווען ער האָט, ליגנדיק שוין אויפן טויטן־בעט, אַריינגענומען אין זיינע הענט דעם זעלבן עקזעמפּלאַר, וואָס מ'האָט פאַר אים ספּעציעל איינגעבונדן.

דאָס בוך „געשטאַלטן" איז זרובבלס לעצטער צושטייער צו דער געשיכטע פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג. אַ טייל פון די פּאָרטרעטן האָט זרובבל אָנגעשריבן מיט אַ צייט פריער. ער האָט זיי איינגעזאַמלט און טיילווייז אויך דערגאַנצט. דעם רעשט האָט ער ספּעציעל אָנגעשריבן ממש אין די לעצטע וואָכן.

געשריבן האָט ער אָפּטמאָל ביי גרויסע פיזישע יסורים, מיטן באַוווּסטזיין, אַז ער פילט אויס אַ חוב, וואָס ער איז שולדיק דער באַוועגונג. דערביי האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אַ סך חברים ווערן דורך אים באַעוולט, מחמת זיינע פיזישע כוחות דערמעגלעכן אים נישט אַלע אַרומצונעמען. האָט ער דעריבער כסדר געזאָגט די חברים, זיי זאָלן אים נאָכטאָן און אויך שרייבן — וועגן די, וואָס ער האָט נישט באַוויזן צו דערמאָנען.

פון די „געשטאַלטן" פילט זיך אַרויס זרובבלס ענגע צונויפגעבונדנקייט מיט אַלע דורך אים געשילדערטע חברים, וואָס זענען מיט אים מיטגעגאַנגען זייער גאַנץ לעבן און צוזאַמען געבילדעט די פּועלי־ציון משפחה.

און איבער די געשטאַלטן הייבט זיך אַרויס די געשטאַלט פון זרובבלען גופא, פון דעם, וואָס מאָלט זיי אַזוי ווי ער האָט זיי געזען און געקענט — און וואָס וועט אין דער פאָרשטעלונג און אין געמיט פון די יידישע פאָלקסמאַסן אין ישראל און אין די תפוצות פאַרבלייבן ווי אַ לעגענדע.

אינהאַלט

פאָרוואָרט	5
אַריינפיר	7
בלעטערפאַל	9
דער דור פון די ערשטע	13
בער באָראָכאָוו	20
יצחק בן־צבי	44
שלמה קאַפּלאַנסקי	60
לעאָן כאַזאַנאָוויטש	73
מוליע עדעלמאַן	88
אריה האַלענדערסקי	99
ישראל שוחט	108
מאַניע שוחט	114
יאָסל כץ	118
ישראל שורעק	122
יצחק אחדותי	129
בערל קליי	136
יצחק לעוו	142
יוסף ראָזען	148
עמנואל רינגעלבלום	154
יעקב פּעטערזייל	161
שאַכנע זאַגאַן	169
נתן בוקסבוים	180
יעקב קענער	187
גרשון גרשוני	195
משה מענאַכאָווסקי	201
ד״ר ברוך אייזנשטאַט	204
מאַקס פּעדערמאַן	209
לייבל שמעוני	213
חיים קראַפּט	218
יוסף ראָטנבערג	225
שמעון ראָזענבערג	231
חיים בראַנד	236
א. ש. יוריס	242
שלמה שווייצער	247
אַבוש ווערבער	252
יונה קאָווענסקי	257
יהודה טיבערג	263
משה אַדערבערג	269
משה גערשאַנאָוויטש	274
אייזיק העמלין	279
חיים זיידמאַן	283
שמואל באָנטשעק	288
חיים טורנער	293
מרדכי ביטערמאַן	297
דוד פרידמאַן	301
דוד טאַבאַטשניק	305
חיים לייב פּוקאַטש	309
ד״ר נחמן סירקין	313
ד״ר חיים זשיטלאָווסקי	320
ש. אַנ־סקי	336
קסעניאַ פון נען	352
נחום ניר	366
זאב אַבראַמאָוויטש	378
גאָלדע מאיר	385
משה ערעם	391
פּאָול גאָלדמאַן	397
חיים פינקלשטיין	402
דניאל לייבל	408
זלמן שזר	424
אויטאָפּאָרטרעט	434
כ׳געדענק אייך	443
רויטע צאַפּלדיקע רויזן	447
בילדער	453

פ אָ ר ו ואָ ר ט

אין יאָר 1956 איז דערשינען דער „ספר זרבבל״, ווו צענדליקער חברים און פריינד, פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טוער, שרייבער און דיכטער האָבן אַרויסגעבראַכט זרובבלס געשטאַלט, יעדער אויף זיין שטייגער. איצטער קומט זרובבל און באַצאָלט מיט אַ ברייטער האַנט, מידה כנגד מידה, און נאָך מער פון דעם, אַ חוב פון הארץ, וואָס האָט אים מסתמא נישט געלאָזט רוען. נישט דווקא ווי אַ תשובה אויף די שפע אויסדרוקן פון פאַרערונג און ליבשאַפט, מיט וועלכע מען האָט אים מיט רעכט מזכה געווען, נאָר ווי אַ טיפער באַגער זיך מתייחד זיין מיט געשטאַלטן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט און מאַכן דורך אַ לעבנס-וועג מיט אים. מיט דעם בוך „געשטאַלטן״, וואָס דער רינגעלבלום-אינסטיטוט דערלאַנגט איצט דעם לייענער, עפנט זרובבל אויף אַ גאַנצע גאַלעריע סילועטן, ווי ער רופט עס אָן אין זיין הקדמה. דאָס זענען נישט קיין ביאָגראַפיעס, נישט קיין טרוקענע אָביעקטיווע פאָטאָגראַפיעס, נאָר גראָד סוביעקטיווע אויפנאַמען, ווו דער זכרון וועגן דעם מענטשן איז כולו באַשטראַלט מיט טיפן געפיל און פערזענלעכער באַציאונג צו אים. דאָס „זרובבל-בוך״ האָט באַקומען דערמיט אַ דערגאַנצונג דורך דעם „בוך פון זרובבלען״, אויסגעטראָגן פון אים אַליין, פון זיינע געפילן און געדאַנקען פון זיין אָפּקלייב.

גאַנצע 56 געשטאַלטן הייבן זיך אַרויס פאַר אונדז, נישט ווי אַ דאָקומענטאַרער פילם, נאָר ווי אַ גרויסער מענטשלעכער דאָקומענט, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם אינטימסטן צוגאַנג פונעם מחבר צו די, וועלכע זענען געווען אים נאָענט און זענען אים נאָענט. זרובבל האָט זיך אויסגעקליבן זיין אייגענעם, באַזונדערן גאַנג. נישט אָפּטיילן דעם נעכטן פון היינט — אַריינגעמען אין בוך די אַלע, וואָס לעבן בא אים אין האַרצן. אַלע איז, נאַטירלעך, אַ גוזמה, ווייל ס'זענען נאָך דאַ געשטאַלטן כהנה וכהנה, וואָס זענען געקניפּט און

געבונדן מיט זרובבלס לעבנס־וועג. אָבער ווער קאָן פאַרלאַנגען פון אים אויסברייטערן די גאַלעריע אין אַ פאַרנעם פון אַן ענציקלאָ־פּעדיע? — אַפילו אַזאַ אויסטערליש־פּעיִקער און פרוכבאַרער מחבר ווי זרובבל מוז זיך אָנשטויסן סוף־סוף אויף אַ גרענעץ־ליניע. ווי זאָגט דער רוסישער קאָזמאַ פּרוטקאָוו: „ניעלזיאַ אָבניאַט ניעאָביאַטנאָיע" — מען קען נישט אַרומנעמען דאָס וואָס האָט נישט קיין שיעור. אָבער זרובבלס אויפטו איז נישט נאָר אַ ווערק פאַר זיך, נאָר אויך אַ באַפעלערישער אַרויסרוף פאַר אַ המשך, וואָס מוז נעמען און וועט נעמען אויף זיך דער קאָלעקטיוו פון פּועלי־ציון.

אין יאָר 1938 איז דערשינען זרובבלס בוך „אין אָנהויב" (אַר־טיקלען, זכרונות), אין פאַרלאַג „נייע קולטור", תל־אביב. איז עס כמעט סימבאָליש, אַז זרובבל האָט ווידער געמאַכט אַן אָנהייב פאַר אַ גרויסן אויפטו, וואָס האָט זיך שוין לאַנג געבעטן: פאַראייביקן געשטאַלטן פון דער באַוועגונג — פון די וועלכע זענען שוין נישטאָ און פון די, וועלכע לעבן און ווירקן ווייטער געטריי צו זייער גייס־טיקן פּועלי־ציון מקור, אויך פון די, וואָס האָבן געצויגן אַמאָל זייערע יניקה פון אים, הגם זיי האָבן זיך מיט דער צייט דער־ווייטערט פון קוואַל. אַרויסברענגען פון דער פאַרגעסנקייט דעם פּועלי־ציון אַקטיוו, ווי ווייט ס'איז נאָר מעגלעך און שטעלן אים אַ דענקמאָל אין שריפט, ווי ער האָט עס פאַרדינט מיט זיין איבער־געגעבנקייט, טריישאַפט אין אַרבעט — איז אַ חוב, וואָס וועט דער־פילט ווערן דורך אַ קאָלעקטיוו מיט צוגרייטן און אַרויסגעבן דעם צווייטן באַנד געשטאַלטן.

זרובבלען דעם פּיאָנער אויך אויף דעם פעלד קומט די גרעסטע אָנערקענונג און אַ האַרציקער יישר כוח.

רינגעלבלום־אינסטיטוט

אַרײַנפֿיר

די סילועטן, וואָס קומען אַריין אין איצטיקן בוך „גע־שטאַלטן", זענען געצייכנט געוואָרן אין משך פון צענדליקער יאָרן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. דאָס זענען נישט קיין ביאָגראַפיעס און נישט קיין מאָנאָגראַפיעס וועגן טוער אין דער פועלי־ציון באַוועגונג, צי אין דער ברייטערער מחנה פון סאָציאַליסטישן ציוניזם.

דאָס זענען אין עצם שטריכן אויפגעכאַפּטע צו דער כאַראַק־טעריסטיק פון טוער, וואָס האָבן געווירקט אין דער באַוועגונג, מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן ביי דער אַרבעט און געזען זייער השפעה אין אונדזער סביבה.

איך האָב זיך דערלויבט אַריינגעמען אין דער ראַם פון מיינע געשטאַלטן עטלעכע סילועטן, וואָס זענען נישט געווען ענג אָרגאַ־ניזאַטאָריש פאַרבונדן מיט דער פועלי־ציון באַוועגונג, אָבער וואָס זייער לעבנס־גאַנג און אויפטו האָבן אַזוי אָדער אַנדערש באַפרוכ־פערט אירע רעיונות און מעשים.

מיינע צייכענונגען פרעטענדירן נישט אויף פולקייט און אַלזייטיקייט.

אַזוי האָב איך זיי געזען און אויפגענומען. יעדער איינער פון זיי האָט מיך אויף זיין שטייגער באַאיינפלוסט, און אַזוי האָב איך זיי דאָ אַרויסגעבראַכט.

עס שעפט ווייט נישט אויס די רייכע קאָלירפולע רשימה פון די וואָס האָבן מיך פאַראינטערעסירט אין די אַלע לענדער פון מיין פועלי־ציוניסטישער טעטיקייט און וואָס האָבן איבערגעלאָזט

שפורן אין מיין נשמה. עס דאַרפן געשריבן ווערן אַ סך בענדער און נישט פון איין מחבר.

ס'איז די מינימאַלסטע צאָל אויף וועלכע איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט מוותר זיין. אַנדערע חברים האָבן געצייכנט אַנדערע סילועטן און ס'וועט זיין נישט מער ווי רעכט, אַז נאָך דעם איצטיקן באַנד מיינעם זאָלן קומען אַנדערע פון מערערע מחברים, כדי מיר זאָלן מיט דער צייט קריגן אַ פול בילד פון אונדזער מערקווירדיקער מענטשן־גאַלעריע.

איך ווייס איצט, אַז עס פעלן אין בוך אַ סך חברים, וואָס זייער ראָל און השפעה אין דער באַוועגונג שעץ איך הויך. דאָס איז אַ פעלער. זיי זענען דורכגעלאָזן געוואָרן נישט בכיוון. זיי זענען „באַעוולט" און די באַוועגונג — דאָסזעלבע. זאָל עס מיר נישט גענומען ווערן פאַר אומגוט.

איך האָף און וועל זיך באַמיען, אַז דער דאָזיקער גרייז זאָל דורך מיר און דורך אַנדערע חברים קריגן אין די אויסגאַבעס פון דער באַוועגונג וואָס גיכער דעם געהעריקן תיקון.

בלעטערפאַל

מעלבורן, מאַי, 1954

צוויי איוב־ידיעות האָבן מיך אָנגעיאָגט אין איין וואָך. נאָך איידער דער מוח האָט תופס געווען דעם אומפאַרשטענדלעכן פאַקט, אַז יוסף ראָזען איז געשטאָרבן אַזוי פּלוצים, האָט זיך אַריינגעשניטן די צווייטע בשורה, אַז יצחק לעוו איז טויט.

מיט וועמען זאָל איך טיילן מיין טרויער, ווער וועט זיין אַ שותף צו מיין ווייטיק?

גיי איך אַרום איינער אַליין אין גרויסן גאָרטן, שפּאַן איבער די אַלעיען פון סט. קילדא ראוד.

אָנהייב ווינטער אין מעלבורן. עצבותדיקער בלעטערפאַל. ס׳פאַלן בלע־טער, האַלב באַגילדעטע, פון דיביימער, און דער קאַלטער ווינט רייסט זיי אַוועק פון זייער מאַמע־שטאַם, יאָגט זיי צונויף איבער דער ערד. זיי שאַרן זיך, טוליען זיך איינער צום צווייטן, ווי זיי וואָלטן באַוויינען בציבור זייער איבערגעהאַקט לעבן.

ס׳פאַלן בלעטער... איך טרעט פאַרזיכטיק נעבן די הויפנס אָנגעזאַמלטע בלעטער און באַמי זיך זיי אויסצומיידן, נישט באַרירן זיי, חלילה, מיט מיינע פיס.

אַזוי פאַלן דאָך איצט אויך די בלעטער פון אַ גאַנצן דור. פון מיין דור. דער דור פון די ערשטע. ווי לאַנג איז געווען אונדזער פרילינג? אַלע אַזוי יונג און מונטער. דאָס לעבן האָט צו אונדז אַריינגעקוקט דורך די פענצטערלעך פון מאָרגן און געגעבן אַלע הבטחות, וואָס לעבן איז נוהג צוצוזאָגן. ס׳איז אויפגעגאַנגען אַ באַוועגונג, פון שטאַם האָבן זיך צעלאָזן צווייגן אין פאַרשידענע זייטן, און רייך האָבן זיי זיך באַבלעטערט. האָט געלעבט אַ תקופה אַ יידישע, און אַ דור האָט גערוישט און אַריינגעאָטעמט האָפענונג, גלויבן, זיכערקייט און פולן גליק.

איצט פאַלן אַוועק די בלעטער פונעם דור. איינציקווייז, אָבער נאָכ־אַנאַנד. און זיי מערן זיך כסדר. די ביימער הוילן זיך אָפּ, בלייבן נאַקעט.

געוויס וועט קומען דער נייער פרילינג און וועט ברענגען נייע, פרישע בלעטער.

דאָס וועט זיין שפעטער, דערנאָך, נאָכן ווינטער.

איצט, דערווייל, איז בלעטערפאַל.

עס פאַלן בלעטער פון אַ דור, פון מיין דור. דאָס שטאַרב איך אַליין אָפּ. נישט מיט אַ מאָל, איינציקווייז פאַלן די בלעטער. ס'איז מיין בלעטער־פאַל. אין מיר שטאַרבט אָפּ דער דור.

מיר זענען געווען אַ קאָלעקטיוו. אונדזער כוח איז געווען דער כוח פון קאָלעקטיוו. איינער האָט פאַרמאָגט איניציאַטיוו, דער אַנדערער האָט אַרויסגעבראַכט דעם המשך פונעם רעיון. איינער האָט געשטעלט דעם טאָן, אַ צווייטער האָט געגעבן די פאַרב. איז עס געווען די יצירה פון יעדן איינעם און פון אַלע צוזאַמען. צוזאַמען געלעבט, געטראַכט, זיך געראַנגלט, געקעמפט. איינער האָט געלעבט אין דעם אַנדערן. דער אַנדערער האָט געלעבט אין יעדן איינעם. איך האָב געלעבט אין זיי אַלע. זיי אַלע האָבן געלעבט אין מיר. איצט שטאַרבן זיי — שטאַרבן זיי אין מיר. שטאַרב איך דורך זיי.

בלעטערפאַל. ווי קאָן איך טרעטן אויף די בלעטער? ווי קאָן איך נאָכגיין נאָך דער אייגענער לוויה? ווי קאָן איך זען זיך אַליין אין תכריכים?

איך בין שוין היינט נישט דער זעלבער, וואָס נעכטן — פאַר דעם טויט פון די חברים. איך האָב דאָך געלעבט אויך מיט זייער כוח, ווי זיי האָבן געלעבט מיט מיין כוח. ווו־זשע וועל איך איצט נעמען כוחות צו לעבן ווייטער?

ביטער איז צו פילן דעם טויט פון אַ נאָענטן. נישט איבערצוטראָגן איז דאָס געפיל פון אייגענעם טויט.

ווידער ערב־פרילינג

שוואַך איז דער מענטש, און ס'קלעקט אים נישט קיין כוח אויסצוטראָגן איינער אַליין זיין פערזענלעכן בראָך — זוכט ער אינסטינקטיוו אַ טרייסט ביי דעם קאָלעקטיוו און כאַפּט זיך אָן, מיט אַלע נערוון און פיבערן, ווי אין אַן אָנשפאַר, אין די, וואָס זענען ערב פאַרן המשך און בילדן־אויס די צוקונפט; ס'איז אין עצם דער המשך נישט נאָר פונעם קאָלעקטיוו, נייערט — אין דעם פאַל — אויך זיינער. דער אינדיווידועלער.

דער פּאַדעם פון לעבן, אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן גערעַנגל, שפּאַנונג, שטייגונג, איבעראַנדערשונג, פאַרפּולקומונג, ווערט אַ דאַנק דעם, נישט איבערגעהאַקט און נישט איבערגעריסן. ס׳קומט אונטער ווידער ערב־פּרילינג און ס׳גייען־אויף נייע שפּראָצונגען. עס ווערט נישט איבערגע־חזרט געניי דאָס, וואָס איז אונטערגעגאַנגען און פאַרשוווּנדן. דאָך גילט אַ נאַטירלעכע געקייטלטקייט, און די נייע צווייגן שפּאַרן אַרויס פון די זעלבע וואָרצלען.

די וואָרצלען פון דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג זענען נישט גע־ווען די אָדער אַנדערע אייגנשאַפטן פון אויסדערוויילטע יחידים, ווי גע־ראָטן און גאוניש עס האָט נישט געזאָלט אויפשטראַלן זייער אינדיווידועלע התגלות און באַצויבערן די מיטצייטלער. די יידישע ווירקלעכקייט, ווי זי ווערט פאַרענדערט אין איר געשיכטלעכער אומאויפהערלעכקייט — זי איז פון תמיד געווען אונדזער שפּרודלדיקער מקור; פון איר האָבן מיר געזויגן אונדזערע זאַפטן, דעם חיות פון דער באַוועגונג, איר פרישקייט און די־נאַמישקייט.

צום גליק האָבן זיך אין אונדזער ראשונים־משפּחה גריילעך פאַרזאַמלט און צונויפגעטראָפן יחידים, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט אייגנאַרטיקע מעלות, און אינעם שותפותדיקן שאַפן האָבן זיי מזכה געווען דעם קאָלעקטיוו מיט אַן אוצר אייגנס — אַנאַליטישע פעי־קייטן, טעאָרעטישע בקיאות, עלויישע חריפות, עטישע זויבערישקייט און אינדיווידועלער אידעאַליזם. אין סך הכל האָט זיך דורך דעם באַרייכערט דער גייסטיק־פּסיכישער פאַרמעג פון דער באַוועגונג.

אַוודאי האָט יעדער יחיד פאַרמאָגט אויך ספּעציפישע שוואַכקייטן און אפשר אויך פאַרדריסלעכע קליינלעכקייטן. האָבן זיי זיך אינעם קאָ־לעקטיוו אויסגעמישט, דורכגעזיפּט און געלייטערט. אומגערן, כמעט אָן ווייטיק. אין פּראָצעס פון אָרגאַנישן אָפּקלייב איז באַזייטיקט געוואָרן די סרח־העודפדיקע אינדיווידועלע פּסולת און ס׳האָט זיך אויסגעקוואַלט דער־קאָלעקטיווער אמת, ס׳האָבן זיך אויסגעשמידט די לוחות־הברית פון דער פּועלי־ציוניסטישער תורה, ווו ס׳איז פאָרמולירט די אידעע און געצייכנט די טאָט פון רעוואָלוציע אין יידישן לעבן, אין וועלכער עס איז געשיכט־לעך פאַרוועבט דער גורל פון יחיד און כלל.

ווינציקע, געציילטע, האָבן ווי אַקושאָרן זיך מטפּל געווען ביי דעם

געבורט פונעם פראָלעטאַריש־ציוניסטישן פענאָמען אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע. צו זייער ערשטן מנין האָבן זיך אין גיכן מצטרף געווען יינגערע, וואָס האָבן פאַרמאָגט העזה און רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט און אַזוי איז אויפגעריכט געוואָרן ציגל נאָך ציגל, שטאַפּל נאָך שטאַפּל דער בנין פון דער באַוועגונג. זי האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט געדאַנק, אַבסטראַקטע נוסחאות און טעאָרעטישע קאָנסטרוקציעס. ס׳איז אויפגע־שטעלט געוואָרן אָרגאַניזאַציע נאָך אָרגאַניזאַציע, קאָנצענטרירטע אין ראַ־יאָנען, ביז ס׳האָט זיך צעמענטירט אַ געשלאָסענע סאָציאַליסטיש־ציוניס־טישע פּאַרטיי, וואָס האָט דערצויגן דעם יידישן אַרבעטער צו קלאָרן קלאַסן־באַוווסטזיין און רעאַלן פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם אין געראַנגל פאַר פולע רעכט און גלייכווערט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער אַרמיי.

יאָרן פון שטייגנדיקע און צוריקגעפאַלענע רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס, יאָרן פון טייכן יידיש בלוט און טרערן דורך אַנטיסעמיטישע רדיפות און כוליגאַנישע פּאָגראָמען, יאָרן פון בהלהדיקער וואָגלעניש און מאַסן־וואַנדע־רונג אין אַלע עקן וועלט און פון אידעאַליסטישער פּיאָנערן־עליה קיין ארץ־ישראל. אַ געווירבל פון דערשיינונגען און פאַרענדערונגען האָבן געפאָדערט פון דער יונגער באַוועגונג טיפערן אַנאַליז פון געשיכטלעכע פּראָצעסן און דיקטירט די נייטיקע פּראָגנאָזן פון ווייטערער אַנטוויקלונג, כדי צו האָבן אַן אָריענטיר־ליניע פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס ביים פעסט־שטעלן זיינע אויפגאַבן אין דער טאָג־טעגלעכקייט אין הסכם מיט זיין היסטאָרישן אידעאַל.

דער דור פון די ערשטע

דער דור פון די ערשטע אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אויסגעצייכנט מיט כאַראַקטער־שטריכן, וועלכע מ׳געפינט נישט ביי די נאָכקומער. היינט קומט מען בדרך כלל אויף אַלעם פאַרטיקן. פאַראַן עמי־צער, וואָס פסקנט פאַר דיר, אָנשטאָט דיר. נעמסט אָן דעם משפט אָן איבער־קלערן, אָן קווענקלעניש. היינט איז דאָ אַ גרייטער שולחן ערוך: כזה ראה וקדש. גאָרנישט איבערפרעגן, גאָרנישט שטעלן אונטער אַ ספק, גאָרנישט ענדערן.

דער דור פון די ערשטע האָט אַליין געמוזט נישטערן, נאָכזוכן און טראַכטן, שטעלן פראַגן און זוכן אַן ענטפער. אַליין פאָרמולירן און פעסט־שטעלן דעם ענטפער. דער דור פון די ערשטע אין דער פועלי־ציון באַ־וועגונג האָט נישט געגומען פון גרייטן; אַפילו מאַרקס גופא, דער גאוני־שער לערער האָט נישט באַוויזן תופס צו זיין די נאַציאָנאַלע פראַגע פון סאָציאַליסטישן, פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפונקט. נישט ער און נישט אַנ־דערע גרויסע מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער נאָך אים.

באָראָכאָוו איז געווען דער ערשטער צווישן אַלע מאַרקסיסטישע טעאָ־רעטיקער, וואָס האָט זיך דערגרונטעוועט צום מאַרקסיסטישן תוך פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע און געגעבן אַ מאַרקסיסטישן ענטפער אויף איר. דערפון ערשט האָט ער אַרויסגעדרונגען די אויפפאַסונג פון דער ספעצי־פישער יידנפראַגע און איר ליזונג. פאַלש איז דער פרוּוו צו כשרן דעם באָראָכאָוויזם דורך פעסטשטעלן, אַז באָראָכאָוו האָט כלומרשט אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע זיך געשטעלט אויף אַ סטאַליניסטישן שטאַנדפונקט. עס רעדט קעגן דעם דער איינפאַכער פאַקט, וואָס באָראָכאָוו האָט פאַר־עפנטלעכט זיין ווערק „קלאַסן־מאָמענטן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע״ אין יאָר 1905, בעת סטאַלין האָט זיין בוך וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע פאַרעפנטלעכט ערשט אין 1913!

אונדזער סאָציאַליזם האָבן מיר נישט געלערנט דווקא פון ספרים. דער דור פון די ערשטע איז געווען אויסגעוועבן מיט דער טאָג־טעגלעכער

ווירקלעכקייט, סיי אַלס אַרבעטער און סיי אַלס אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ, און ער האָט געלערנט דירעקט דאָס לעבן. אַזוי האָט ער אויך אויפגענומען דעם ציוניזם אין אָרגאַנישן סינטעז מיטן סאָציאַליזם, הגם הן די סאָציאַליסטישע און הן די ציוניסטישע לערער האָבן דאָס פאַרלייקנט און פאַרשריגן אַלס אוטאָפיע.

דער דור פון די ערשטע האָט געהאַט פאַרנעם, העזה און היסטאָרישע פערספעקטיוו. אַ קליינע גרופּע אין אַ פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער שבעה ימים, צווישן אַרבעטער, וואָס הייבן זיך ערשט אָן אויספּיקן פון דער קליינבירגערלעכקייט, האָט די ערשטע געוואָגט זיך אַוועקשטעלן קעגן אַ געוועסט־איינגעפונדעוועטער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג און מעלדן דער וועלט, אַז זי האַלט פאַר פאַלש, פאַר נישט סאָציאַליסטיש די גילטיקע אויפפאַסונג פון דער יידנפראַגע, און אַז זי וועט זיך ראַנגלען פאַר אַ נייעם צוגאַנג, און פאַר אַן אַנדער לייזונג פון דער יידנפראַגע אויפן וועג פון קלאַסן־קאַמף.

דער דור פון די ערשטע האָט געהאַט אַ טיפע אמונה אין זיין אמת, ער האָט פאַרמאָגט אַ גוואַלדיקן מאָראַלישן כוח צו באַשטיין אויף זיין אמת. ייהרג ואל יעבור. פון דער העכסטער טריבונע פון דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס האָט מען פאַראורטיילט דעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם, ווי אַ רעאַקציע און קאָנטער־רעוואָלוציע, מ'האָט אונדז געשליידערט אין פּרצוף די באַשולדיקונג, אַז מיר זענען אַגענטן פון בריטישן אימפּעריאַליזם.

מיר זענען נישט אָפּגעטראָטן פון אונדזער פּאָזיציע, נישט ברוגז געוואָרן מיטן סאָציאַליזם און אַנגעגאַנגען מיט אונדזער אַרבעט. מיר האָבן געוווּסט, געוווּען זיכער, אַז מיר וועלן מנצח זיין. לא בחיל ולא בכוח. מ'שטיינס געזאָגט, וואָס פאַראַ פיזישן און צאָלמעסיקן כוח האָבן יידישע אַרבעטער, בפרט פועלי־ציון געהאַט אין פאַרגלייך מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָ איז גילטיק געווען און אַנגעמאָסטן דער אויסדרוק: ברוח. מיר האָבן געגלייבט אין דער קראַפט פון אונדזער גייסט; מיר וועלן גייסטיק מנצח זיין, ווען די וועלט וועט זיך איבערצייגן אינעם רעזולטאַט פון אונדזערע אויפטוען אין ארץ־ישראל.

דער דור פון די ערשטע האָט געהאַלטן פון פרייהייט. פרייהייט פון געדאַנק, פון וואָרט, פון מיינונג. מיר האָבן געשעצט דעם מענטש. דער אידעאַל און זיין רעאַליזירונג זענען נייטיק פאַרן מענטש, כדי אים צו

דערהייבן און באַפרייען. האָבן מיר פון זיך געפאָדערט זעלבשטענדיק צו דענקען, טראַכטן, האָבן אַן אייגענע מיינונג. נישטאָ דאָ קיין אויטאָריטאַ־רער אַרט דענקען. דער אויטאָריטעט דענקט שוין כלומרשט פאַר דיר.

האָבן מיר זיך גענומען דאָס רעכט צו האָבן אונדזער מיינונג. נישט בלויז וועגן „פינטעלע ייד". מיר האָבן באַטראַכט, ווי אַ פאַלשע, אַנטי־סאָ־ציאַליסטישע די איינשטעלונג צו דער קאָלאָניאַל־פראַגע פון אינטערנאַ־ציאָנאַלע סאָציאַליסטישע אינסטאַנצן. דאָס האָט געהאַט צו טאָן נישט דווקא מיט ארץ־ישראל, ווען מען האָט פּראָקלאַמירט פּאַגראָמען אַלס „רע־וואָלוציאָנערן אויפשטאַנד קעגן אימפּעריאַליזם". מיר האָבן געהאַלטן פון כלל, אַז נאַציאָנאַלע באַפרייונגס־באַוועגונגען פון אונטערדריקטע קאָלאָ־ניאַלע פעלקער טראָגן אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער נאָר דאַן, ווען אין זייער שפּיץ שטייט דער אַרבעטער־קלאַס, און ער לאָזט זיך דיקטירן פון זיינע קלאַסן־אינטערעסן.

די ציוניסטישע באַוועגונג איז דורך אונדז באַטראַכט געוואָרן ווי די נאַציאָנאַלע פרייהייטס־באַוועגונג פון יידישן פאָלק, הגם עס זענען אין איר באַטייליקט אויך אַנדערע קלאַסן און דורכויס רעאַקציאָנערע עלעמענטן. אָבער אָביעקטיוו האָט די באַוועגונג זיך געשטיצט אויף די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן. זיי האָבן זיך אויך פּאַקטיש גע־שטעלט אין איר שפּיץ און אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויף אירע אויפטוען.

אונדזער סאָציאַליזם האָט נישט געשמעקט די בירגערלעכע עלעמענטן אין ציוניזם און זיי האָבן אונדז פאַרשריגן אַלס „באָלשעוויקעס", אַגענטן פון מאָסקווע. זיי האָבן געהאַלטן פאַרמאַכט פאַר פועלי־ציון יענע טירן פון פּאַלעסטינע, וואָס די בריטישע מאַנדאַט־מאַכט האָט געהאַט געעפנט. זענען מיר נישט ברוגז געוואָרן מיטן ציוניזם, אַפילו ווען מיר האָבן זיך נישט באַטייליקט, צוליב טאַקטישע טעמים, אין קאָנגרעס און אין דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע. אונדזערע חברים, עלטערע און יוגנטלעכע, האָבן געקלאַפּט אין די טויערן פון די פּאַלעסטינע־אַמטן, און בלית־ברירה זיך געשמוגלט קיין ארץ־ישראל אויף כל המינים וועגן. אונדזער ציוניזם איז געווען דיקטירט פון לעבן און מיר האָבן נישט געוואַרט אויף קיין סמיכה פון וועלכן עס איז ציוניסטישן אַמט.

מיר האָבן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט די ערשטע פּראָצעסן אין

ראַטנפאַרבאַנד, בפרט ווען זיי האָבן זיך איבערגעחזרט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. קאָן דאָס געמאָלט זײַן, אַז אַלע, כמעט אַלע קעמפער, פירער און וועגווייזער פון רעוואָלוציע זענען געווען קרעציקע און אָפּשוילעכע מנוולים פון מענטשלעכן מין, אַלע יאָרן פאַרקויפטע אַגענטן, באַצאָלטע שפּיאָנען פון קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, און נאָך אין מאַמעס בויך האָבן זיי פאַרראַטן? פון וואַנען האָבן מיר די גאַראַנטיע, אַז איצט זיצן ערלעכע, טרייע און אמתע פריינד פון דער רעוואָלוציע? צי וועט נישט קומען אויך זייער ריי? און פאַרוואָס זענען זיי אַלע זיך מודה אין אַלץ, אין די ווילדסטע זאַכן? מיר האָבן נישט געוואָלט אַראָפּשלינגען די דאָזיקע פאַרשווערונג פון דער רעוואָלוציע גופא און די לעסטערונג פון אירע הייליקייטן ביי די מיליאָניקע מאַסן. נאָר וואָס האָט מען די מאַסן געהייסן בוקן זיך פאַר די זעלבע פירער: אלה אלהיך! שפּרינג פאַר זיי קדוש און פאַרגעטער זיי, נעם־אָן יעדעס וואָרט, וואָס גייט אַרויס פון זייער הייליקן מויל. און פּלוצים ווערן זיי אַלע פאַראומווערדיקט. ווי קאָן מען דערציען אַ נייע מענטשהייט אין אַזאַ מאַראַזם?

מוז אַזאַ זײַן דער וועג פון רעוואָלוציע? עס האָט געפּייניקט די פראַגע, געעגבערט דעם געוויסן. אָבער מיר האָבן נישט פאַראַטן אונדזער ערלעכן אידעאַל פון רעוואָלוציע, נישט אויסגעדרייט זיך צו אים מיט דער פּלייצע. מיר האָבן געזען פון יענער זייט באַריקאַדע דעם אימפּעריאַליסטישן שגעון, ווי ער שאַרפט זיינע ציין צו נייע מלחמות און פאַרשקלאַפונג פון מענטש־לעכן מין.

מיר האָבן זיך דערוואַרט, און ס׳איז געקומען די גראַמיקאָ־דעקלאַראַציע.

דער דור ערשטע האָבן געקאָנט רויק מאַכן אַ ברכה: שהחיינו וקימנו והגיענו לדעקלאַראַציע של גראָמיקאָ. דערלעבט צו מדינת־ישראל און צו דער אָנערקענונג מצדן ראַטנפאַרבאַנד. די יעניקע וואָס זענען געשטאָרבן אין צייט, האָבן נישט געהערט דעם ווילדן בלבול פאַרן משפּט פראַג, אויפן ראַטנפאַרבאַנד און אויף גראָמיקאָ, אַז זיי האָבן כלומרשט זיך געלאָזט מיאוס פאַרפירן און פאַרנאַרן, געגעבן זייער ברכה צו אַ מדינה, וואָס איז אויפגעקומען אין רעזולטאַט פון אַ שענדלעכער טייוולשער קנוניה צווישן טשיסאָן, טרומאַן, בן־גוריון און מאַרגענטוי... קאָן דען זײַן אַ מער שענד־לעכער שפּיי אין פּנים דעם ראַטנפאַרבאַנד, ווי דער בלבול, אַז ער האָט געגעבן זיין ברכה צו אָט דער פּראָוואָקאַציע?!

אונדז שטייען פאַר שווערע טראַגישע טעג. עס הענגט אין חלל פאַר אונדזערע אויגן אַ ריזיקער פייעריק־בלוטיקער פראַגע־צייכן פון פראַג: וווהין גייט דאָס יידישע לעבן? איז פראַג אַ סימן פון אַ ווענדונג, פון אַ קער? אַנשטאָט גראַמיקאַ־דעקלאַראַציע זאָל קומען די פראַגער דעקלאַ־ראַציע? זענען צענדליקער מיליאָנען אַראַבער, וויכטיקער ווי אַ קליינטשיק מדינהלע ישראל? קאָן עס דאָך זיין אַ מאָטיוו אויך פאַרן צווייטן צד, ער זאָל מאַכן אַ קער און זאָל אויסדרייען זיך מיטן פנים צו די 40 מיליאָן; אין לייק־סאַקסעס מערקן זיך אַזעלכע סימנים לרעה. איז עס אַ טראַגישע פראַגע פאַר אונדזער וויטערן קיום. עס איז די גורל־פראַגע פון יידישן פאָלק, פון מדינת ישראל.

איך בין נישט מקנא יענע, וואָס האָבן שוין פאַרטיק זייער ענטפער. זייער וועלט איז חלילה נישט חרוב. זיי וועלן בויען סאָציאַליזם און אַ זעלבשטענדיקע מדינה מיט דער הילף פון „אייק" און די דייטשע גואלים פון דעם אַטלאַנטיק־פאַקט. זיי איז גוט. אַבער מיר נעמען נישט אָן יענע וועלט אין תוך, אין יסוד.

מיר האָבן נישט געלערנט ציוניזם ביי גראָמיקאָ. זיין דעקלאַראַציע איז געקומען אין רעזולטאַט פון די אָנשטרענגונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך יידישע אַרבעטער, יוגנט און חלוצים אין היפּוך צו דער איינשטעלונג פון ראַטנפאַרבאַנד. אונדזער פרייד איז געווען אין דעם, וואָס די באַרעכטיקטע אָנערקענונג איז געקומען.

איז עס געווען אַ טעות, אַ פאַלשער טראָט?

ס'פאָדערט זיך אַ געוואַלטיקע מאָראַלישע קראַפט כדי אויסצוהאַלטן און בלייבן פעסט אויף די פּאָזיציעס. דערצו איז נייטיק די קראַפט פון דעם דור פון די ערשטע.

באָראָכאָוו האָט געזאָגט: דער ציוניזם איז אַ רעוואָלוציע אין יידישן לעבן. רעוואָלוציעס ווערן נישט געשריבן מיט טינט אויף פּאַפּיר, נאָר זיי ווערן רעאַליזירט דורך בלוט אין לעבן. טויזנטער יידישע אַרבעטער און חלוצים האָבן מיט זייער בלוט דורכגעפירט די ציוניסטישע רעוואָלוציע אויף די פעלדער און בערג פון ארץ־ישראל! מיט געווער אין האַנט פאַר־טיידיקט די דערגרייכונגען און די אויסזיכטן אויף ווייטער. צו זייער גליק האָבן די בויער פון סאָציאַליזם אין ראַטנפאַרבאַנד און אין די פאָלקסדעמאָ־קראַטישע רעפּובליקן זיי געהאָלפן ממשותדיק דורך געווער און דורך די

געעפנטע טויערן, דורך וועלכע עס האָבן געשטראָמט טויזנטער, און געשטאַרקט די רייען פון די קעמפער אויף לעבן און טויט פאַר דער אויפקומענדיקער מדינת ישראל.

פראַגער משפט קאָן אָט־די פאַקטן פון אונדזער באַפרייונגס־געשיכטע נישט ענדערן און נישט אויסמעקן. זיי זענען געצייכנט מיט בלוט און מיט פייער אין די הערצער פון אלמנות און יתומים, פון פאַראומגליקטע טאַטעס און מאַמעס, וועמענס טייערסטע זענען אומגעקומען פרייוויליק אַלס קרבנות פון אונדזער אומפאַרגעסלעכן פרייהייטס־קאַמף, וואָס האָט פאַרטריבן דעם אימפעריאַליסטישן מאַנדאַטאָר און געפלאַסטערט דעם וועג צו אונדזער מלוכהשער זעלבשטענדיקייט.

מען טאָר נישט צעטומלט ווערן, מען מוז זיך האַלטן פעסט און אומגעבראָכן. דערצו איז נייטיק דער מוט און דער מאָראַלישער כוח פון דעם דור פון די ערשטע.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געמיינט, אַז מ׳קאָן די מדינה ווייטער בויען אָן חלוציזם, אָן אָן אידעאַל, וואָס באַפליגלט און דערהייבט, אַז מ׳קאָן אַלץ אויפטאָן מיט מיליטער־פאַראָרדענונגען און מלוכהשער פליכט.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געמיינט, אַז גראַמיקאַ־דעקלאַראַציע איז סוף־פסוק, אַז זי רוימט אַוועק די שטיינער און שטרויכלונגען פון אומפאַרשטענדעניש און קעגנערשאַפט.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז פועלי־ציון האָבן שוין זייער לעצט וואָרט געזאָגט, און זייער ירושה קאָן געטראָגן ווערן דורך אַנדערע, ווען אַפילו יענע זענען נישט טריי אַלע אמתן פון רעוואָלוציאָנערן באַראָכאָוויזם.

ווייזט זיך אַרויס, אַז ניין. מיר זענען ערשט אין אָנהייב וועג. פאַראַן אַזעלכע, וואָס קווענקלען זיך נישט צו זאָגן: אַז וויבאַלד מיר זענען אַריענטירט אויף די „כוחות פון מאָרגן", מוזן מיר אָננעמען פאַר ליב אויך זייער גזר־דין אין פראָג, ווען אַפילו ער טרעפט אונדז דירעקט.

גייט עס נישט מכוח אַ פאַרטיי, נאָר עס שטייט אין קאָן אַלץ, דער גאַנצער לעבנס־וועג, דאָס פרייהייטס־ווערק, וואָס מיר האָבן באַוויזן אַ דאַנק אונדזער טריישאַפט און אמונה אין אייגענעם אמת אויפצושטעלן.

דאָ גילט דער אַלטער לאָזונג: ייהרג ואל יעבור!

געווען אַ רגע, ווען די באַוועגונג אין אַ מינוט פון התלהבות האָט

דערקלערט, אַז זי וועט זיך פאַרלאָזן אין „אַלגעמיינע״ ענינים אויף די אַנ־פיר־כוחות פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס און זי אַליין וועט שטיין אויף דער וואַך בלויז פון די יידישע „ציוניסטישע אַנגעלעגנהייטן״.

די ערשטע האָט זיך אויפגעבונטעוועט קעגן דעם אונדזער יוגנט, — מ׳קאָן נישט טיילן און פונאַנדערשיידן די גרענעצן פון אמת און גערעכ־טיקייט. מיר זענען מחויב צו טראַכטן און האָבן אונדזער אייגענע פרייע מיינונג וועגן אַלץ. נאָר אַזאַ גאַנג וועט אונדז באַרעכטיקן צו באַשטיין אויף אונדזער אייגענעם גאַנג אין יידישן לעבן.

יוגנט עלטערט זיך נישט. די פאַרטייען, וואָס האָבן אין זיך די קראַפט פון יוגנטלעכע באַן־ברעכער און לעבנס־בויער, עלטערן זיך נישט, היטן תמיד אויף דעם פייער פון סאָציאַליסטישער התלהבות, די קאַמפּס־באַגייס־טערונג פון אויסלייזער און וועלט־באַנייער.

דער דור פון די ערשטע האָט נישט געהאַלטן פון שאַבלאָניקער רע־וואָלוציאָנערער פראַזע, נאָר פון אַזאַ קאַמפּס־באַגייסטערונג, וואָס איז אויסגערעכנט אויף היסטאָרישער פּערספּעקטיוו.

די היסטאָרישע פּערספּעקטיוו איז אומדערשיטערט.
לאָמיר וויסן ווי צו קעמפן אין טריישאַפט צו איר אמת.

י. זרובבל

בער באָראָכאָוו

פאַראַן דאַטעס, וואָס קריצן זיך איין אין זיכרון, שניידן זיך אַריין אין האַרצן און ווערן אומבאַמערקטערהייט אַ שטיק מהות פונעם מענטשן. זיי לעבן אין אים און ער אָטעמט מיט זיי. ער קאָן נישט און וויל נישט זיך באַפרייען פון זייער השפעה, און אין לעצטן סך־הכל באַשטימען זיי אָפט זיין התנהגות, זאָגן אים אונטער, וועגן וואָס צו טראַכטן און ווי אַזוי צו רעאַגירן אויף דערשיינונגען פון גורלדיקער חשיבות פאַרן לעבן.

אַזאַ דאַטע איז ביי מיר דער אַכצנטער דעצעמבער 1917.

אין יענעם פראָסטיקן רוסישן ווינטער־פרימאָרגן האָט מיך די באַן געבראַכט פון שוועדן דורך פינלאַנד קיין פעטראָגראַד (פעטערבורג), די הונדערט־יאָריקע רעזידענץ פון די רוסישע צאַרן. די ערשטע טריט אין באַפרייטן רוסלאַנד האָב איך געמוזט שטעלן פאָרזיכטיק. פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן קנאַלן פון ביקסן און מיטראַליעזן. די גאַסן זענען געווען, אין פלוג, אויסגעליידיקט. אָבער אין די רינשטאָקן האָבן זיך גע־וואַלגערט רויט־גוואַרדייער, אַרבעטער, מענער און אויך פרויען, און זיך באַמיט צו כאַפּן אַ זופּ, אָדער כאָטש אַ לעק פונעם „ביטערן טראָפּן", וואָס האָט געפלאָסן פון די צעהאַקטע פעסער און פלעשער אין די פּאָגראָ־מירטע בראָנפן־סקלאַדעס.

כ'בין אַריינגעקומען מיט סכנות־נפשות אין אַ הויז, זיך ממש גע־ראַטעוועט, אַ געפּלעפּטער פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט דעם שיכורן המון, וואָס האָט געזאָלט דורכפירן די גרעסטע רעוואָלוציע אין דער מענטשלעכער געשיכטע. און איידער כ'האָב באַוויזן זיך פונאַנדערצוקלייבן אין דעם דערשיטערנדיקן רושם פון דער גאַס, האָט מיך אָנגעיאָגט אַ טע־לעפאָנישע איוב־בשורה: „נעכטן איז אין קיעוו געשטאָרבן באָראָכאָוו..."

צוצוקומען פון פעטראָגראַד קיין קיעוו איז אין יענע טעג געווען אַ שווערע און אומזיכערע אונטערנעמונג. המונים דעמאָביליזירטע האָבן מעת־לעתן לאַנג געוואַרט אויף די וואָקזאַלן; נישט געווען קיין באַ־

שטימטע צייט פאַר די פּאַסאַזשיר־צוגן, און פאַר אַ פּשוטן בשר ודם איז געווען כמעט אוממעגלעך אַריינצובאַקומען זיך אין זיי אָן אַ ספּעציעלער אָפיציעלער „שליחות״.

אָבער איך בין נישט געווען אין אייגענעם רשות. איך האָב אָנגעוואָרן די אינערלעכע מנוחה און בין נישט געווען פעיִק צו אַ רויִקן שיקול הדעת. צו דער לוויה איז זיכער צו־שפּעט. כ׳וועל קומען „נאָך אַלעמען״. און דאָך האָב איך געפילט, אַז איך מוז פאָרן אַהין, זיין כאָטש באַם קבר פון דעם, וואָס האָט אַזוי משפּיע געווען מיין גאַנג אין לעבן. איצט, אין דער צעשטורעמטער סטיכיע פון רעוואָלוציע, האָב איך זיך מער ווי ווען עס איז געניטיקט אין דעם ליכט, וואָס האָט כסדר געשטראַמט פון זיין געשטאַלט.

איך האָב גלייך באַשלאָסן צו לאָזן זיך אין וועג. אַריינגעכאַפּט זיך אין אַ „טיעפּלושקאַ״, אין איינעם פון די הילצערנע וואַגאָנעס, ווו מ׳פירט געוויינטלעך פערד אָדער משאות, און אַזוי זיך געשלעפּט דורך מאָסקווע קיין קיעוו העכער 5 מעת־לעת. דעם גאַנצן וועג נישט געזען קיינעם פון די אייגענע, נישט געהאַט קיין קאָנטאַקט מיט עמעצן. נישט געווען מסוגל צו שמועסן מיט זייטיקע. געווען מיט זיך אַליין. טעג און נעכט. ניין, נישט אַליין. די גאַנצע צייט האָט מיך נישט אָפּגעלאָזן דער געדאַנק וועגן באַראַכאָוון. מיין רבי און חבר איז געווען מיט מיר, ווי תמיד. איך האָב בשום אופן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן אים אויפן טויטנבעט. איך האָב אים געהאַט דאָ נאָענט מיט זיך. עס זענען כסדר אַרויסגעשווומען מאָמענטן פון אונדזער געמיינזאַם לעבן אין משך פון יאָרן אין פאַר־שידענע לענדער, אָנגעהויבן אין אונדזער היימשטאָט, פּאָלטאַווע, שפּעטער אין מינסק און אין ווילנע. אין קראָקע און אין ווין, אין ניו־יאָרק און אין שטאָקהאָלם, אַ לאַנגע נסיעה אין צייט פון קריג אויפן ים און אין די נאָרוועגישע פיאָרדן, ביז צו דער לעצטער באַגעגעניש אין טאָרנעאָ, די גרענעץ צווישן שוועדן און פינלאַנד־רוסלאַנד, דאָ ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק.

ס׳האָבן דורכגעדעפילירט יאָרן פון אַרבעט, פון ברויזנדיקער פּאָ־ליטישער טעטיקייט, געזעלשאַפטלעכן געראַנגל, באַגעגענישן־באַראַטונגען, עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען און אינטימע שמועסן... איך הער נאָך זיין

שטימע. ווי ער שילדערט פאַר מיר זיינע געוואַגטע פלענער פאַר דער צוקונפט אין די נייע פרייע באַדינגונגען...

אַ פילפאַרביקע לענטע וויקלט זיך אויף, אַ קאַליידאָסקאָפּ פון אָנציענדיקע פאַרכאַפּנדיקע בילדער. איך בין אינגאַנצן שפּאַנונג. שעהן, טעג און נעכט, מעת־לעתן...

...פאַרן פינפטן יאָר אין פּאָלטאַווע. מען שפּירט אין דער לופט דעם אָנקום פון אַ שטורעם. די יוגנט איז אויפגערודערט. דיסקוסיעס טאָג ווי נאַכט. מ׳לופטערט געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמעס, מ׳איז פאַרטיפט אין פילאָזאָפישע חקירות. וואָס איז פאַרט דער זין פון לעבן? וואָס האָט דער מענטש צו טאָן אויף דער וועלט? וווהין פירט דער יידישער וועג? אין צענטער פון אַלעמעס אינטערעס איז דער יונגער גימנאַזיסט, באַריאַ באָראָכאָוו. אַ חריף און אַ בקי. זיינע רעפעראַטן איבער פילאָזאָפיע און איבער ליטעראַטור, איבער ניטשע און איבסען, איבער פיכטע און מאַרקסן ציען די יוגנט און זידן־אויף איר געמיט. דער יונגער עילוי גיט לעקציעס אומזיסט פאַר אומפאַרמעגלעכע עקסטערנעס, וואָס ווילן געניסן פונעם עץ־הדעת. באַשיידן און צוריקגעהאַלטן חברט ער זיך נישט נאָר מיט וויל־געלערנטע, נאָר אויך מיט „עמך, שער און אייזן”. מ׳קוקט אים נאָך אין די גאַסן, מ׳זוכט זיך צו אים דערנענטערן, און אַלס יוגנטלעכער אַרבעטער גיי איך אים נאָך צו שטילן מיין הייסן דורשט פון זיין קוואַליקן וויסן...

...1906. מיר זענען חברים אין איין פאַרטיי. נאָר וואָס פאַרגעקומען דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר טאָקע אין פּאָלטאַווע. באָראָכאָוו איז דער מורה הלכה און מורה־דרך. ער האָט באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן אַ פילאָזאָפישע אַרבעט „דער כאַראַקטער פון יידישן שכל” און גלייך דערנאָך איז דערשינען זיין מאמר איבער „די קלאַסן־מאָמענטן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע”. ער האָט געוואַגט און זיך פאַרמאָסטן צו געבן אַ מאַרקסיסטישן אַנאַליז פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע און דעפינירן דעם מהות פון דער פאַראינטערעסירונג אין איר ביי יעדן קלאַס. דערמיט האָט ער געעפנט אַ ניי בלאַט אין דער פאָרשונג פון דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפונקט. דאָס האָט אים געדינט ווי אַ יסוד פאַר אויסאַרבעטן זיין אָריגינעלע מייסטעריש פאָרמולירטע תורה פונעם פועלי־ציוניזם, ווי

ער האָט זי אַרויסגעבראַכט אינעם קלאַסישן ווערק פון סאָציאַליסטישן ציוניזם „אונזער פּלאַטפאָרם״.

דאָס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן. באָראָכאָוו האָט געשריבן דירעקט פאַרן זשורנאַל „יעווריעיסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ״. געשריבן אין צימער פון דער רעדאַקציע, נישט אין התבודדות, נאָר אין געטומל פון צענדליקער חברים, וואָס זענען געקומען פון דער פּראָווינץ און געוואָלט אַ קוק טאָן כאָטש פון דער ווייטן אויף באָראָכאָוון, און וועמען זיי האָבן געשפּירט דעם לערער און אים ליב געקריגן, ווי אַ נאָענטן טייערן צוגע־לאָזענעם חבר. שעה נאָך שעה טראָג איך די נאָר וואָס אָנגעשריבענע בלעטער מיט באָראָכאָווס דראַבנעם קלאָרן כתב אין דרוקעריי, און באַלד ברענג איך צוריק די קאָרעקטור־אָפּצוגן, וואָס שמעקן מיט אָנגעגעמער פרישער פאַרב. די דרוקעריי געפינט זיך טיף אין הויף פון אַ האָלץ־סקלאַד אויף קאַבעליאַקער גאַס און די רעדאַקציע איז אַ פּאָר גאַסן ווייטער, נעבן דעם קליינעם סקווער. דעם גאַנצן וועג בין איך פאַרטיפט אין לייענען די קאַפּיטלעך פון דער ניי־פאָרמולירטער פּועלי־ציון־לערע, און כ׳פיל בחוש, ווי ס׳עפענען זיך מיר נישט נאָר די אויגן צו דערזען זאַכן, וואָס זענען ביז אַהער געווען פון מיר פאַרבאָרגן, נאָר דער מוח הייבט אָן באַנעמען דערשיינונגען, וועלכע כ׳האָב פריער נישט תופס געווען.

באָראָכאָוו האָט אין יענעם גרינטלעכן חיבור זיינעם גענומען אויפן צימבל די אַלע טעאָריעס, וואָס האָבן געשווינדלט און געגריבלט אין דער יידישער גאַס, אַנאַליזירט די פּראָגראַמען פון די פּאַרטייען, וואָס זענען שוין געווען היפּש פאַרוואָרצלט אין דער יידישער אַרבעטערשאַפט, און גליד נאָך גליד זיי געפּאַלמעסט, אויפווייזנדיק די גרייזן און פאַלשקייטן, וואָס זיי פאַרמאָגן אין זיך דער עיקר דערפאַר, וואָס זיי האָבן לכתחילה נישט תופס געווען דעם יסוד פון דער יידישער ספּעציפישקייט און אַנאָמאַליע.

עס איז אין זיין נייעם פּראָגראַם געווען באמת אַ מין התגלות, וואָס האָט געגעבן צו פאַרשטיין די סיבות און פאַקטאָרן, וואָס ווירקן אין דער יידישער געשיכטע און אויף אַזאַ אופן אַרויסגעפירט די געהעריקע מס־קנות לגבי דעם ראַדיקאַלן ענטפער אויף דער יידן־פראַגע דורך דעם אויפ־בוי פון אַ יידישער סאָציאַליסטישער מדינה אין ארץ־ישראל.

איך שפּאַן איבער די גאַסן פון פּאָלטאַווע צווישן ביימער און מענטשן,

לייען באַראַכאָווס בלעטער און איך האָב דאָס געפּיל, ווי איך שפּאַן איבער דורות יידישער געשיכטע, בין פאַרכאַפּט פון גרעאַנגל פון אידעען, און אָט ווערט אַרום מיר אַלץ העלער און העלער, עס צאַפּלט די פרייד אין האַרצן — פאַראַן אַן אויסוועג, עס איז כדאי דער קאַמף!

איך האָב זיך געפילט ווי אויסדערוויילט פון אַלע אַנדערע חברים דערמיט, וואָס כ׳האָב די פּריווילעגיע צו לייענען דער ערשטער די דאָזיקע פּרקים, און, ווען נייטיק, אויך בעטן ביים מחבר מפרש צו זיין מיר די שווערע סוגיא, וועלכע איך קאָן נישט בייקומען מיט אייגענע כוחות. באַראַכאָוו האָט עס גערן געטאָן, ווייל תמיד, בעת ער האָט געשריבן זיינע טיפזיניקסטע טראַקטאַטן, האָט ער געהאַט אין זינען, אַז דער דורכשניט־לעכער אַרבעטער זאָל פאַרשטיין לייכט דאָס גאַנצע ווערק. איז דאָך עס אַ לערע פון זיינטוועגן, פאַר דעם אַרבעטערס לעבן און גראַנגל.

נישט לאַנג האָט אָנגעהאַלטן אָט די פריידיקע צייט פאַר מיר. אין חודש יוני האָבן די צאַרישע סאַטראַפּן צעטריבן די רוסישע פאָלקס־פאַר־טרעטונג, די „דומע". אין גאַנצן לאַנד זענען דורכגעפירט געוואָרן מאַסן־אַרעסטן פון פּאָליטישע טוער און עס זענען געשלאָסן געוואָרן לעגאַלע און האַלב־לעגאַלע סאָציאַליסטישע צייטונגען.

צופעליק האָב איך נישט געגעכטיקט אין דער היים יענע נאַכט, ווען די פּאָליציי האָט באַ אונדז דורכגעפירט אַן „אָביסק". אַז די מאַמע האָט מיר פאַרטאָג אָנגעזאָגט די בשורה, בין איך גלייך אַוועקגעלאָפן צו באַראַ־כאָוון, זיך דערוויסן, וואָס איז מיט אים. אויפן וועג, נישט ווייט פון מיין באַליבטן סקווער, ווו כ׳פלעג זיך פאַרטיפן אין די בלעטער פון „אונזער פלאַטפאָרם", האָב איך דערזען באַראַכאָוון, אַן אַרעסטירטן אין באַגלייטונג פון פּאָליציאַנטן. דעם זעלבן טאָג נאָך האָט באַראַכאָוו אַרויסגעשיקט פון טורמע אַ צעטל, ווו ער האָט אינסטרואירט, איך זאָל תיכף ומיד „אָפּציען" פון פּאָלטאַווע און אַריבערטראָגן די צענטראַלע פאַרטיי־אַרבעט אין ווילנע. דאָס איז געווען אין גייסט פון דעם באַשלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויפן גרינדונגס־צוזאַמענפאַר, מען זאָל די אַרבעט פירן נעענטער צו די יידישע מאַסן, אַריינדרינגען אין זייער געדיכטעניש, און ווערן אַ יידישע אַרבעטער־פאַרטיי אויך אין פּרט פון שפּראַך.

איך האָב איבערגעריסן מיט פאַמיליע און היים און אַוועק קיין ווילנע. דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן דער „יידישער" פעריאָד אין אונדזער פאַרטיי־

אַרבעט. מיר האָבן אין ווילנע געשאַפן דעם פאַרלאַג „דער האַמער״, וואָס זיין ערשטע בראָשור איז געווען באַראַכאָווס „די קלאַסן מאָמענטן און די נאַציאָנאַלע פראַגע״ אין יידישער איבערזעצונג און פאָפּולאַריזירונג פון הלל מיימאָן. אין ווילנע האָט אָנגעהויבן דערשיינען דער ערשטער צענ־טראַל־אָרגאַן פון פּועלי־ציון אין יידיש „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק״. הגם באַראָכאָוו איז געזעסן אין תפיסה, האָבן אָבער די לייט־אַרטיקלען געהערט אים, אונטערן פּסעוודאָנים בר־דרומא. ער האָט ממשיך געווען און פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג די וויכטיקסטע קאַפּיטלעך פון „אונ־זער פּלאַטפאָרם״, וואָס ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן אין פּאָל־טאַווער אָרגאַן אויף רוסיש. אויך אויף אַנדערע טעמעס האָט באַראָכאָוו געשריבן אונטער כלערליי פּסעוודאָנימען. איין אַרטיקל „וואָס ווילן די פּועלי־ציון ?״, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט צום ערשטן נומער, האָבן מיר אַרויסגעלאָזט ווי אַ בראָשור מיט דער אונטערשריפט דאניִן.

נאָך לאַנגע השתדלותן האָבן מיר געפּועלט אַרויסצונעמען באַראָכאָוון אויף ערבות פון 1000 רובל. זענען אַרויסגעפאָרן שליחים איבער די אָר־גאַניזאַציעס כדי צונויפשטעלן די צו יענער צייט ריזיקע סומע. אויך איך האָב געהאַט די זכיה צו באַטייליקן זיך אין יענעם „אַרויספלי״ פאַר באָ־ראָכאָווס באַפרייונג, און ס׳איז געווען באַ מיר אַ געפיל פון גרויסער באַפרידיקונג, ווען כ׳האָב דערנאָך געהאַט די מעגלעכקייט צוזאַמען מיט אַנדערע חברים פון דער רעדאַקציע באַזוכן באַראָכאָוון אין מינסק, וווּ ער האָט זיך באַזעצט צייטווייליק אינקאָגניטאָ, ווי איינער אַ משה.

איינער פון די ליכטיקסטע פּעריאָדן אין מיין לעבן. געקומען פון ווילנע באַזונדער, האָבן מיר זיך דורך פאַרשיידענע וועגן, גאַסן און געס־לעך געטראָפן אַלע באַ משהן אין צימער. צום חידוש און נייגיר פון זיינע בעלי־בתים. דאָ האָבן מיר פאַרבראַכט לאַנגע שעהן. שוין איין מאָל פאַר־בראַכט. נישט געווען קיין שטולן, פלעגט מען זיך אויסזעצן אויף דער פּאָדלאָגע, און באַריאַ האָט פאַר אונדז „געזאָגט תורה״. אין דער אמתן איז עס געווען אַ חברשער שמועס. כלומרשט האָבן זיך אַלע אין אים באַ־טייליקט. דער און יענער האָט אַריינגעשטעלט אַ וואָרט, אַריינגעוואָרפן אַ פּסוק. אָבער גערעדט האָט באַריאַ. אָן מליצות, אָן רמזים און סודות. רעיונות ליכטיקע העלע האָבן זיך געטראָגן איבער די קלאָרע וואַסערן פון אַ פרילינגדיקן טייך און ווי ווייסע טויבן געוועקט חלומות און וויזיעס,

אַריינגעאָטעמט זיכערקייט און גלויבן אין דער אויסגעבענקטער נשמה פון חברים צוהערער, וואָס קומען נאָר וואָס פון שלאַכט־פעלד און גרייטן זיך אַהין צוריקקערן.

טיפע מחשבות איבער וועלט און מענטש, איבער נאַטור און קאַמף, איבער פאָלק און קלאַס, ייד אַמאָל און ייד אין דער צוקונפט, טרוימען און ווירקלעכקייט, סוביעקטיוון רצון און אָביעקטיווע אַנטוויקלונג, פאַטאַליזם און אָרגאַניזירטע אַקטיווע טאַט... אויפלייכטנדיקע אַנאַליזן, טרעפלעכע פאָרמולירונגען און פּינקטלעכע דעפיניציעס, ועל כולם — אומדערמידלעכער אָפּטימיזם, אַנשטעקנדיקע אמונה אינעם ניצחון פון מענטשלעכן אַנשטרענג.

באָראָכאָוו האָט נישט געמאַכט קיין אָנשטעל פון אַן „אַלץ־ווייסער" און נישט געפּראָוועט קיין רבי־ישקייט. ער איז געווען אַ צנא מלא ספרא און ער האָט זיך געטיילט מיט חברים מיט זיינע ידיעות, נאָר מיט אַזאַ פּשטות און עניוות, אַז אומגערן איז אַרויסגעקומען די מידה פון נישט באַרעכנטער פּזרנות. בפירוש, עס האָבן זיך געשאָטן שטראַלן פון זיינע שמועסן און וואָכן דערנאָך איז געווען ליכטיק אין מוח, בעת מען האָט פּרובירט זיינע פעסטגעשטעלטע אַבסטראַקטע נאָרמעס קאָנטראָלירן דורך דער ווירקלעכקייט און אירע ניכטערע נסיונות.

...1907. באָראָכאָוו האָט זיך נישט צוריקגעקערט אין טורמע. חברים האָבן אים „אַריבערגעשוואַרצט" די גרענעץ ביי בענדין און ער האָט זיך אויף אַ געוויסער צייט באַזעצט אין קראָקע. נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע פון 1905 האָט זיך די אינטעליגענץ אָפּגערוקט פון דער פּאָליטישער טעטיקייט און גענומען טראַכטן וועגן פּערזענלעכן „תּכלית". מ'איז זיך צעלאָפן אין אויסלאַנד אין די אוניווערסיטעטן, צו כלערליי קאַריערעס, און די רעאַקציע האָט געהאַט אַ גוטן שניט אין דער אויף הפקר אויסגעשטעלטער אַרבעטערשאַפט.

באָראָכאָוו נוצט אויס די פרייע באַדינגונגען פונעם לעגאַלן אויסלאַנד כדי נאָך מער אינטענסיוו זיך ווידמען דער פּאַרטיי־טעטיקייט. ער איז ווידער דער לעבעדיקער גייסט אויפן ערשטן אָרדענטלעכן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון פּועלי־ציון, וועלכער קומט פאָר אין קראָקע. ער גרייט־צו דעם פּראָגראַם־פּראָיעקט, אַרבעט־אויס אויסגעברייטערטע און פּאַרטיפּטע

טעזיסן מכוח דער נאַציאָנאַלער פראַגע און פירט דעם קאַמף פאַרן דורךאים פאַרמולירטן „פראָגנאָסטישן פּאַלעסטיניזם״, וואָס באַשטייט דערויף, אַז פּאַלעסטינע איז די איינציקע טעריטאָריע, ווו עס זעט זיך פאָרויס די קאָנצענטרירטע יידישע אימיגראַציע און פאַרוואָרצלונג פון די יידישע מאַסן, ווי אַ זעלבשטענדיק פּראָדוקטיוו פאָלק אויף אייגענעם באָדן. נישט ווייל מיר זענען אין פּרינציפּ פאַר ארץ־ישראל, און נישט ווייל זי וועט אין דער פּראַקטיק זיך אַרויסווייזן אַלס די בעסטע, נאָר פּשוט, די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג וועט דערווייזן, אַז זי, און נאָר זי איז די איינציקע אָביעקטיוו פאַראַנענע טעריטאָריע פאַרן יידישן פאָלק.

פון קראָקע פאָרט באָראָכאָוו אַלס דעלעגאַט צום ציוניסטישן קאָנגרעס, און דאָרט טאַקע אין האַג קומט זיך צונויף די ערשטע קאָנפערענץ פונעם אַלוועלטלעכן פּועלי־ציון פאַרבאַנד. ס׳איז געשאַפן געוואָרן די ערשטע וועלט־אָרגאַניזאַציע פון סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע אַרבעטער, און דערמיט איז פאַרלייגט געוואָרן דער פּאָליטישער פונדאַמענט פאַר דער אַלוועלטלעכקייט פונעם יידישן אַרבעטער־קלאַס. באָראָכאָוו איז אַריין אין סעקרעטאַריאַט, ער חתמעט די צירקולאַרן און דירעקטיוון צו די יידישע אַרבעטער אין דער גאָרער וועלט וועגן קאַמף אויף די ערטער און אויפבוי־אויפגאַבן אין ארץ־ישראל.

...1908. נאָכן אָפּזיצן 18 חדשים אין לוקישקער טורמע בין איך אויף דער „פריי״ און נעם אָן די איינלאַדונג צו רעדאַגירן דעם אָרגאַן פון פּועלי־ציון אין עסטרייך „דער יידישער אַרבייטער״. באָראָכאָוו איז שוין אין ווין, ווו ער פירט אָן מיטן סעקרעטאַריאַט פון פאַרבאַנדס־ביוראָ. מיר פאַרשטענדיקן זיך און אָט גיב איך אַרויס אין קראָקע דעם אומלעגאַלן אָרגאַן פון די רוסלענדישע פּועלי־ציון „דאָס פרייע וואָרט״. נאַטירלעך איז באָראָכאָוו דער הויפּט־מיטאַרבעטער. נאָך דער ווינער באַראַטונג פון די רוסלענדישע פּועלי־ציון, ווו ס׳איז געוואָרן באַשלאָסן מער נישט אָנטייל צו נעמען אין דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, פּלאָנקערט זיך פונאַנדער אַ וויכוח צווישן די חברים פון אַנדערע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס און די חברים פון רוסלאַנד. קאַפּלאַנסקי און אבנר (י. בן־צבי) טרעטן שאַרף אַרויס קעגן דעם אַנטי־קאָנגרעס באַשלוס, און באָראָכאָוו ענטפערט אַנטשיידן, אָבער חבריש. מיך פאַרבינדט מיט באָראָכאָוון די געמיינזאַמע שטעלונג און אָפּשאַצונג, וועלכע זעצט פאָרויס אַן ענערגישע זעלבשטענדיקע פּאַלעסטינע־

אַרבעט פון די ייִדישע אַרבעטער דורך אונדזער וועלט־פאַרבאַנד און דעם ערשט געשאַפענעם פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאַנד.

...1910. אויפן וועג קיין ארץ־ישראל פאַרברענג איך ביי באָראָכאָוון עטלעכע טעג. ער איז פאַרכאַפּט פון אַן אינטענסיווער פאַרצווייגטער טעטיקייט. ער איז אַ פרייער צוהערער אין אוניווערסיטעט. ער גיט זיך אָפּ ספּעציעל מיט מזרח־שפּראַכן: טערקיש, אַראַביש, פּערסיש. פון דער פריסטער יוגנט נאָך איז ער פאַרהיימישט מיט אַלטע און נייע שפּראַכן; שטודירט ער פילאָזאָפיע און ליטעראַטור פון ערשטן מקור. איצט וויל ער זיך באַקענען נאָענטער מיטן מזרח, און פאַר אים מיינט עס קודם־כל באַהערשן די דאָרטיקע שפּראַכן. העברעיִש געדענקט ער אַ ביסל פון דעם היים, ביי זיין טאַטן, דעם העברעישן לערער. אין ליטע און ווייסרוסלאַנד האָט ער טועם געווען דעם טעם פון עכטן קערנדיקן פאָלקישן ייִדיש לשון, און דאָ, אין ווין האָט זיך פאַר אים געעפנט אַ נייע וועלט, וווהין ער שפּאַנט אַ זיכערער דורך די ברייט צעעפנטע טויערן, ווו עס שטייט נישט קיינער — ייִדישע שפּראַך־וויסנשאַפט.

ווין פאַרמאָגט גרויסע רייכע ביבליאָטעקן, און באָראָכאָוו פאַרברענגט דאָרט, וויפל צייט ער קאָן אָפּרייסן פאַר זיך נאָך דעם, ווי ער ווערט פאַרטיק מיט דער חיונה־פאַרזאָרגונג. ער שרייבט קאָרעספּאָנדענצן אין רוסיש־ייִדישן „ראַזסוויעט”, ער שטעלט־צו אַרטיקלען פאַכמענישע פאַר דער אַלגעמיינער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע אין רוסיש.

אַ סך צייט נעמען ביי אים צו חברים, וואָס זענען עולה קיין ארץ־ישראל. אַחוץ דעם אַדרעס פון פּאַלעסטינע־אַמט האָבן זיי באָראָכאָווס אַדרעס. גייט עס אין לעבן יעדן חבר פון דער ווייטער פּראָווינץ צו זען באָראָכאָוון, קריגן די ברכה פונעם לערער אויף זיין עליה־וועג. אָבער באָראָכאָוו פאַרנעמט זיך נישט מיט פאַרטיילן ברכות. ער איז אַרומגעלאָפן מיטן חבר איבער רייזע־ביוראָען, געקויפט בילעטן, געשלעפּט זיינע פּעק און אים מיטגעגעבן אַן אויספירלעכע רשימה פון די אַלע באַן־סטאַנציעס, וואָס דער חבר וועט דורכפאָרן מיט דער אָנווייזונג, וויפל מינוט געפינט די באַן וועט שטיין אין יעדן פונקט און וואָס מען קאָן קריגן קויפן אין בופעט. באָראָכאָוו האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער זעלטענער מידה פון הכנסת־חברים. ער האָט געוווסט די חכמה פון משמש זיין חברים און נישט דווקא תלמידי חכמים.

מיט מיר האָט ער אָפּגערעדט, אַז ער מאַכט אַלע הכנות אַריבערצו־פאָרן קיין ארץ־ישראל להשתקע, ווען ער איז פאַרבעטן געוואָרן צו ווערן רעדאַקציע־מיטאַרבעטער פון „האחדות", דעם ערשטן סאָציאַליסטישן אָר־גאַן אויף העברעיִש אין ארץ־ישראל. דערביי האָט ער אונדז אין ירושלים צוגעשיקט אַ לאַנגן צעטל פון וויסנשאַפטלעכע ביכער, לעקסיקאָנען, ענצי־קלאָפּעדיעס, וואָס ער מוז האָבן אין רעדאַקציע אויף אַלע שפּראַכן, כדי ער זאָל קאָנען שטודירן די אָרטיקע פּראָבלעמען אויף אַ גרינטלעכן שטייגער.

ביז וואָס ווען האָט ער געשיקט אַרטיקלען, וואָס זענען דערשינען אין „האחדות" איבער אַקטועלע פּאָליטישע יידישע און אַלגעמיין־אַרבעטער טעמעס.

...1913. נישט נאָר מיר — די גאַנצע יידישע קולטור־וועלט איז נשתומם געוואָרן ווען זי האָט באַקומען אין האַנט דעם זאַמלבוך „דער פּנקס" אונטער ש. ניגערס רעדאַקציע און דאָרט געפונען אויבן־אָן באָראָכאָווס גרעסערן מאמר „די אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע", עטלעכע רעצענזיעס איבער פאָרשונגען פון יידישער ליטעראַטור און פאָלקלאָר, און, צום סוף, די ממש עפּאָכע־מאַכנדיקע „ביבליאָטעק פון דעם יידישן פילאָלאָג". דער רעדאַקטאָר דריקט אויס אין דעם אַריינפיר־וואָרט אַ האַר־ציקן דאַנק באָראָכאָוון פאַר „זיין פריינדלעכער רעדאַקציאָנעלער מיט־אַרבעט".

פלאי־פלאים, וואונדער איבער וואונדער! ווי אַזוי איז באָראָכאָוו גע־קומען צו דעם דאָזיקן פאַר אים אַלע יאָרן פרעמדן שטח פון וויסנשאַפט־לעכער פאָרשונג? ווען האָט ער עס באַוויזן צונויפצוזאַמלען אַזאַ רייכן מאַטעריאַל און דורכשטודירן אַזוי פיל מקורים?

געדענק איך דאָך פּערזענלעך, ווי באָראָכאָוו האָט אין יאָר 1907 געשריבן זיינע אַרטיקלען פאַר אונדזערע יידישע אָרגאַנען דורכויס אין רוסיש. זיין ערשטן אַרטיקל אין יידיש האָט ער געשריבן אונטערן קעפּל: „אַ פּשרות־פּראָגראַם" וועגן די „סיימיסטן", און דאָרט האָט ער איבער־געלאָזט גאַנצע שטיקער און איינצלנע זאַצן אין רוסיש, אַז מיר אין דער רעדאַקציע זאָלן עס איבערזעצן אויף יידיש. ער האָט קיין מאָל נישט גע־רעדט יידיש, נישט אין שטוב, נישט אין פּאָלטאַווע, נישט אין דער פּאַרטיי. און פּלוצים אַזאַ בקיאות און עשירות! דאָ האָט זיך באמת אַנטפּלעקט

אין אים דער גאון. אייגנטלעך האָט באָראָכאָוו אַ גאַנץ לעבן זיך אָפּגעגעבן מיט פּראָבלעמען פון פילאָזאָפיע און סאָציאָלאָגיע. זיינע ערשטע אַרבעטן זענען געווען אויף יענע שטחים. ער האָט אָבער אין אַלע רעדאַקציעס און פאַרלאַגן אָנגעטראָפן אומעטום פאַרנומענע פלעצער. אַלע ערטער אין אַלע זשורנאַלן זענען באַזעצט. פאַר אַ נייעם אומבאַקאַנטן נאָמען אוממעגלעך צוצוקומען אפילו. פון אייניקע רעדאַקציעס האָט מען אים געענטפערט, אַז זיין צוגעשיקטע אַרבעט איז צו ערנסט און דער לייענער וועט זי נישט פאַרשטיין. מען לייגט אים, בכן, פאָר, איבערגעבן דעם תמצית פון דער אַרבעט אין אַ צוגענגלעכער פאָרעם. באָראָכאָוו ענטפערט צוריק אין אַן איינגעהאַלטענעם טאָן, אַז, ערשטנס, די רעדאַקציע שאַצט־אונטער די אויפנעם־פעיקייט פון אירע לייענער, און אַז, צווייטנס, איז זיין אַרבעט אין תוך נישט מער, ווי דער תמצית און די מסקנות, צו וועלכע מען מוז קומען אויפן סמך פון זיינע אויספירלעכע פאָרשונגען. עס העלפט נישט. ער איז פאַרצווייפלט. דאגות פרנסה רויבן ביי אים די גייסטיקע מנוחה. זיין משפחה האָט אויפגענומען דאָס קלינגענדיקע קולכל פון דער קליינער שושנהלע. די פאַרטיי פאָדערט פון אים נאָך און נאָך. וואַרפט ער זיך אויף מער זיכערע פאַרדינסטן. ער שרייבט קאָרעספּאָנדענצן, נעמט אָן „באַשטעלונגען״ אויף ספּעציעלע אַרטיקלען. אָבער ער האָט אין דעם נישט זיין אמתע באַפרידיקונג. זיינע אָריגינעלע אַרבעטן „וועגן דער פּראָלעטאַרישער עטיק״, „ווירטואַליזם און רעליגיעזע זוכענישן״, „וועגן דער דערקענטעניש טעאָריע״ ליגן אין שופלאָד און ער קאָן זיי נישט אַרויסברענגען אויף דער ליכטיקער שיין.

און אָט בליצט־אויף אין אים דער נאַטירלעכער געדאַנק: יידיש־פאָרשונג! דאָ קאָן זיין די רעטונג. ער האָט די לעצטע יאָרן אין רוסלאַנד און אין גאַליציע זיך געטראָפן פנים אל פנים מיט יידישע אַרבעטער און בעלי־מלאכות, דערקענט זייער שפּלדיקן קולטור־מעמד און זייער אינטימע היימישקייט מיט דער יידישער שפּראַך. אָבער אָט די שפּראַך איז פאַרוואָרלאָזט מחמת די אינטעליגענץ איז דערווייטערט און פרעמד פון דעם המון און פון זיין שפּראַך. אָט איז דאָס פעלד, וואָס ער זוכט און וואָס נייטיקט זיך אין אים, באָראָכאָוו. קיינער האָט נאָך נישט באַוויזן צו באַאַרבעטן עס. אַזאַ בראשית־אַרבעט איז פאַר אים ווי אָנגעמאָסטן. דאָ קאָן ער ברענגען נוצן דער יידישער נאַציאָנאַלער קולטור.

און — אומר ועושה. מיט אַרבעטסזאַמקייט האָט ער זיך פון תמיד אויסגעצייכנט און זיין פענאָמענאַלער זיכרון דינט אים געטריי שטענדיק. די ביבליאָטעקן זענען פאַר אים אָפן. און דער מתמיד האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דעם נייעם יאָך דורכגענומען מיט טיפער ליבע צו דער אויפגאַבע, וואָס ער אַליין האָט פאַר זיך אַוועקגעשטעלט.

אין זיין דערמאָנטער ערשטער אַרבעט אין „פנקס" שרייבט באָראָכאָוו:

„פון אַלע וויסנשאַפטן שפּילט די פילאָלאָגיע די גרעסטע ראָלע אין דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון די אונטערדריקטע פעלקער. פילאָלאָגיע איז מער ווי לינגוויסטיק, זי איז נישט קיין הוילע טעאָריע פאַר לומדים, פאַר „יושבי אוהל", נאָר טאַקע אַ פּראַקטישער וועגפירער פאַרן פאָלק... איר צוועק און איר דערציערישע באַדייטונג ליגן אינעם פּראַקטישן לעבן פון פאָלק... כל זמן דאָס פאָלק בלייבט „אַנאַלפאַבעטיש" אין זיין אייגענער שפּראַך, קאָן מען נישט רעדן וועגן אַ נאַציאָנאַלער קולטור".

„ביי אַלע קולטור פעלקער, שרייבט באָראָכאָוו, ווערט הויך געשעצט די נאַציאָנאַלע פילאָלאָגיע. יעדעס פאָלק ציילט צווישן זיינע נאַציאָנאַלע העלדן נישט נאָר די פּאָליטישע באַפרייונגס־קעמפער, נישט נאָר די גרויסע פאָלקס־דיכטער און דענקער, נאָר אויך יענע פילאָלאָגן, וואָס האָבן אַוועקגעלייגט די ערשטע שטיינער אינעם בנין פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך־וויסנשאַפט".

דערביי שטרייכט אונטער באָראָכאָוו: „מען דאַרף זיך קלאָר מאַכן דעם אונטערשיד צווישן לינגוויסטיק און פילאָלאָגיע. לינגוויסטיק איז אַן אַלגעמיינע וויסנשאַפט. פילאָלאָגיע — אַ נאַציאָנאַלע. לינגוויסטיק קאָן זיך באַשעפטיקן אויך מיט לחלוטין טויטע אָדער לחלוטין ווילדע שפּראַכן; פילאָלאָגיע זעצט פאָרויס, אַז די שפּראַך, מיט וועלכער זי גיט זיך אָפּ, פאַרמאָגט אַ קולטור־היסטאָרישן ווערט לפחות פאַר דעם עבר. געוויינטלעך אָבער גייט די פילאָלאָגיע נאָך ווייטער און שטיצט זיך אויף דער איבערצייגונג, אַז איר שפּראַך האָט אַ נאַציאָנאַלן ווערט אויך אין דער צוקונפט". פון דעם קומט ער צום אויספיר: „ווער עס גלייבט נישט אין דעם קיום פון דער יידישער שפּראַך, קאָן אפשר נאָך זיין אַ יידישער לינגוויסט, אָבער נישט קיין יידישער פילאָלאָג".

אין אַ בריוו צו ש. ניגער אין יאָר 1912 שרייבט באָראָכאָוו: „מיין צוועק איז נישט די שפּראַך, אויך נישט די ליטעראַטור, נישט די סאָ־

ציאַלע אַנטוויקלונג — נאָר די קולטור, וועלכע נעמט אַריין אין זיך אַלצדינג". דאָ חזרט ער איבער דעם דערמאָנטן געדאַנק: „פאַר אַ לינגוויסט קאָן זיין אינטערעסאַנט אויך אַ טויטע שפּראַך מיט אירע קאַלטע רמ"ח אברים; פאַר אַ פילאָלאָג איז נאָר מעגלעך מיין פאָרויסזעצונג, אַז זיין אָביעקט לעבט און וועט לעבן". אין גריכיש מיינט פילאָלאָגיע — „ליב־שאַפט צום וואָרט", און אין דעם זינען איז באָראָכאָוו פאַרליבט אין דעם יידישן וואָרט, מחמת ער איז פאַרליבט אין דעם טרעגער פונעם יידישן וואָרט — אין זיין באַלעבער, דעם יידישן פאָלקס־מענטש. „די שפּראַך גופא, זאָגט באָראָכאָוו, ווערט געשאַפן פון פאָלק, געלייטערט און אויסגע־בילדעט פון זיינע דיכטער, און די וויסנשאַפטס־לייט דאַרפן זיך לערנעןביים פאָלק און ביי די דיכטער; אָבער די אָרדענונג אַריינברענגען אין דער שפּראַך קאָן בלויז די וויסנשאַפט אַליין".

באָראָכאָוו דער וויסנשאַפטלער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן אַריינ־ברענגען אָרדענונג אין דער יידישער שפּראַך־וויסנשאַפט. ער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו נאַציאָנאַליזירן און הומאַניזירן די יידישע שפּראַך. „נאַציאָנאַליזירן — דורך רייניקן און באַרייכערן זי, אַז זי זאָל קאָנען אויסדריקן אַלע דערשיינונגען פונעם יידישן שאַפן. הומאַניזירן — דורך מאַכן פון איר אַ כלי־זיין אויף אַריינצונעמען אינעם רשות פון יידישן פאָלק אַלע קולטורווערטן פון דער מאָדערנער אַלמענטשלעכער אַנטוויק־לונג". דער פאַרדינסט פון אונדזערע קלאַסיקער, באַצייכנט באָראָכאָוו, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס „מענדעלי האָט די שפּראַך נאַציאָנאַליזירט, שלום־עליכם האָט זי וווּנדערלעך פּאָפּולאַריזירט און פרץ האָט זי הומאַ־ניזירט".

באָראָכאָוו נוצט־אויס די מעגלעכקייטן נישט נאָר פון דער ווינער ביבליאָטעק, ווו ער איז צייטנווייז דער איינציקער באַזוכער און האָט אַ פרייען צוטריט צו אַלע שאַפעס; ער כאַפּט זיך אַראָפּ אויך אין דער שווייץ און איטאַליע און אַרבעט אין די דאָרטיקע ביבליאָטעקן. ער ווערט אַן אָפטער גאַסט אין בריטישן מוזיי, ווו ער שרייבט־איבער גאַנצע פאָל־יאַנטן, מחמת ער האָט נישט די מעגלעכקייט זיך איינצושאַפן פאָטאָסטאַטן פון די מאַטעריאַלן, וועלכע זענען אים נייטיק פאַר זיינע פאָרשונגען אויף אַלע געביטן פון דער וויסנשאַפט.

...סוף 1915. איך אַנטלויף פון ארץ־ישראל אין סאַמע ברען פון וועלט־

קריג. אין אַמעריקע טרעף איך צו מיין פרייד באַראָכאָוון, וואָס האָט זיך אַהין אַרויסגעראַטעוועט דורך רוים. ער איז דער הויפּט־באַגריסער אויף מיין קבלת־פּנים־אָוונט אינעם „פאָרווערטס״־האָל. איך ווער געוויילט צוזאַמען מיט אים אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פונעם באַנייטן „דער יידישער קעמפער״ — אָרגאַן פון דער אַמעריקאַנער פועלי־ציון פּאַרטיי. אין אָפּאָזיציע צו דער פּאַרטיי־אָנפירונג, האָט זיך אָבער באַראָכאָוו קונה שם געווען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און אין דער יידישער קולטור געזעלשאַפטלעכקייט. חיונה האָט ער פון דער טאָג־צייטונג „די וואַרהייט״, אָבער דאָ איז ער מאַטעריעל איינגעאָרדנט און האָט די געלעגנהייט זיך אָפּצוגעבן מיט זיין פאָרש־אַרבעט מער ווי ווען עס איז פריער. אַ שלל פּריוואַטע מאַטעריאַלן־זאַמלונגען און דער עיקר — די ביבליאָטעק אויף דער 42טער גאַס, ווו דער ממונה אויף דער יידישער אָפּטיילונג, פריידעס, איז שטענדיק גרייט אים צו דינען מיט יראת־הכבוד און דרך־ארץ. באַראָכאָוו קאָן זיך נישט אָפּרייסן פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. עס האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט אַ ברייט־פאַרמאָסטענע קאָנגרעס־באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס. עס ווערט דיסקוטירט דער פּלאַן וועגן אַ נאַציאָנאַלן יידישן אַרבעטער קאָנגרעס, און דער וויכוח פּלאַקערט צווישן די „גענאָסן״ פון „פאָרווערטס״ מיט די אַריבערגעקומענע בונדיסטן בראש, און דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער מחנה מיט די פועלי־ציון בראש, צו וועמען עס זענען צוגעשטאַנען וויכטיקע כוחות, ווי ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, יצחק אייזיק הלוי הורוויץ און פּנחס רוטנבערג.

באַראָכאָוו רעדאַקטירט און שרייבט דעם גרעסטן טייל מאמרים אין דעם ספּעציעלן זאַמל־העפט פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג — וועגן די נאַציאָנאַלע רעכט און זעלבסטהילף פון יידישן פאָלק. ער וווינט אין ברוקלין, און איך גיי אים אָפט באַגלייטן איבער דער ברוקלינער בריק אַהיים, פאַרכאַפּט פון דעם שמועס, וועלכער ציט זיך מיט הפסקות וואָכן און חדשים: גלות־אַרבעט, ארץ־ישראל, וועגן יידישן לעגיאָן און וועגן די אויסזיכטן פון יידישן לעבן אין ארץ־ישראל נאָך דער מלחמה.

אין יענע יאָרן פאַרענדיקט באַראָכאָוו זיין גרינטלעכע אַרבעט „די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק״, ווו ער פאַררופט זיך, אַגב, אויף אַריסטאָטעלעסן, וואָס האָט אָנגעוויזן דעם אונטערשיד צווישן צוויי מינים פרנסות: פון מענטש און פון דער נאַטור. אויף דעם סמך שטעלט

פעסט באַראָכאָוו, אַז יידן ציען זייער חיונה נאָר פון פרנסות, וואָס האָבן צו טאָן מיט מענטשן, אין אונטערשיד פון אַנדערע פעלקער, וועמעס הויפּט־פּרנסה שטאַמט פון דער נאַטור. דער אויספיר איז: „די יידישע ווירטשאַפט איז פאַרמשפּט צו זיין אָפּגעשטאַנענע, און די יידישע קולטור איז פאַרמשפּט צו זיין אַ צוריקגעשטאַנענע, און דער פּאָליטישער גורל פונעם יידישן פאָלק — אָפּגעריסן פונעם באָדן, דערווייטערט פון די פּראָצעסן פון דער ערשטער פּראָדוקציע".

אָבער באַראָכאָוו זעט דערביי, ווי עס קומט פאָר ביי יידן לאַנגזאַם אַ ווירטשאַפטלעכע איבערקערעניש — דער איבערגאַנג צו שאַפנדיקער פּראָדוקציע, וואָס איז נענטער צו דער נאַטור.

באַראָכאָוו פירט אויס און רעזומירט: „דער ציוניזם איז אַ לאָגישער און נאַטירלעכער פּראָדוקט פון דער ווירטשאַפטלעכער איבערקערעניש... די גלות־סביבה איז צו ענג און נישט באַקוועם פאַר אַזאַ סטרוקטורעלער ענדערונג... ציוניזם איז די איינציקע באַוועגונג, וואָס פאַרמאָגט דעם כוח אַריינצוטראָגן באַוווסטזיין פון אַ סיסטעם און אַ פּלאַן. דער ציוניזם איז אַ ווירטשאַפטלעך־היסטאָרישע נויטווענדיקייט פאַרן יידישן פאָלק".

באַראָכאָוו שרייבט וועגן ליטעראַטור, ער פאַרעפנטלעכט ערנסטע ביבליאָגראַפישע אַרבעטן וועגן פּרעצן, שלום־עליכם און א. ש. ליבערמאַן. ער שרייבט אַן אַריינפיר צו מ. באַסינס אַנטאָלאָגיע „500 יאָר יידישע פּאָעזיע". ער באַטייליקט זיך אין די אויסגאַבעס פון די „יונגע". ענדלעך טרעט ער צו צו שרייבן די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. אין זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבן", רעדאַקטירט פון מאַני לייב און ר. אייז־לאַנד, אין יאָר 1915 שרייבט באַראָכאָוו די הקדמה צו זיין גרעסערן ווערק: „פאַר די מאָדערנע, נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע יידישע פאָרשער פּאַסט שוין נישט דער טראַדיציאָנעלער ברייטער באַגריף פון אונדזער ליטעראַטור. מיר פאַרלאַנגען איצט דורכויס אַזאַ ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן פון ייִדן פאַר יידן אין אַ נאַציאָנאַלער יידישער שפּראַך. דאָ זענען ביי אונדז גלייכבאַרעכטיקט די צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן, וואָס פאַרבינדן און פאַראייניקן דאָס יידישע פאָלק און די יידישע קולטור אין איין גאַנצ־קייט סיי אין צייט, סיי אין שטח... העברעיִש פאַרבינדט אונדז צו איין היסטאָרישער פּערזענלעכקייט אין דער צייט. יידיש — אין דעם שטח".

באַראַכאָוו וויל „אָפּראַמען אַ טיף־איינגעוואָרצלטן פאָראורטייל, וואָס שטערט דעם ברייטן עולם און אויך אונדזער אינטעליגענץ צו פאַרשטיין, וואָס ליטעראַטור איז... אַלע זענען איבערצייגט, אַז ליטעראַטור הייסט בלויז די דיכטונג, די „שיינע" ליטעראַטור. דאָס איז אָבער אַ צו שמאָלע השגה, ווייל „צו ליטעראַטור געהערן נישט נאָר די ווערק פון די דיכטער, נאָר אויך די שריפטן פון די ליטעראַרישע קריטיקער, פון די וויסנשאַפט־לעכע פאָרשער און פון די פובליציסטן".

באַראַכאָוו פאַרגינט זיך פאַרצוואָרפן די ביזאַהעריקע געשיכטע־שרייבער, אַז „זיי אַליין האָבן נישט געזען די אַלטע ספרים, די כתב־ידן, וועגן וועלכע זיי האָבן געשריבן, נאָר באַגנוגנט זיך מיט אָפּשרייבן די „קעפּלעך" פון שטיינשניידערס קאַטאַלאָגן". ער רימט די פאָרשער, ווי אליעזר שולמאַן, פעליקס פאַלק און אַנד., וואָס האָבן פאַרשטאַנען דעם כלל גדול, אַז מען קאָן נישט און מען טאָר נישט שרייבן קיין געשיכטע פון ליטע־ראַטור אַנדערש ווי אויף דעם סמך פון דער ליטעראַטור גופא. „זיי האָבן זיך געגעבן די מי צו שטודירן די אַלטע ספרים און כתב־ידן". באַראַכאָוו רעכנט אויס אַ לאַנגע רשימה פון ביבליאָטעקן, וואָס אויך ער האָט געמוזט באַזוכן צוליב זיין פאָרש־אַרבעט. „די יידישע ספרים געפינען זיך אין דעם זעלביקן גלות, ווי דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. נישטאָ קיין צענטער, וווּ ס'זאָלן ליגן אויפגעזאַמלט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, נאָר זי איז צעוואָרפן איבער אַ סך גרויסע און קליינע ביבליאָטעקן". דערוויסן מיר זיך אַזוי אַרום, אַז באַראַכאָוו האָט יאָ געאַרבעט אין די ביבליאָטעקן פון מינכען, פאַריז, האַמבורג, אַמסטערדאַם, פעטערבורג, קעמברידזש, בערן, וויך, אין דער באָדלעיאַנער ביבליאָטעק אין אָקספאָרד, אין בריטישן מוזיי. לסוף שטרייכט ער אונטער, אַז די ווערק פון די ערנסטע פאָרשער וואָלטן פאַר אונדז אַנטפּלעקט די אמתע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, ווען נישט דער אומגליק, וואָס קיינעם פון זיי האָט זיך נישט איינגעגעבן צו פאַרענדיקן די אַרבעט. זי איז געבליבן איבערגעריסן אין מיטן. באַראַכאָוו גיט צו מעלאַנכאָליש, אַז „דער שרייבער פון די שורות האָט געמוזט טאָן פון דאָס ניי דאָס זעלביקע, וואָס שטיינשניידער, שולמאַן און פאַלק... ער האָט געפּרוווט מאַכן אַ קיבוץ גלויות פון דער יידישער ליטעראַטור, אויס־געפינען, אונטערזוכן און קאָפּירן דאָרט די אַלטע יידישע כתב־ידן און דרוק ספרים". ער ענדיקט די הקדמה מיט אַן עלעגיש־אינטימען ווונטש:

„לאָמיר האָפן, אַז כאָטש דאָס מאָל זאָל זיך איינגעבן צו דערפירן די דאָזיקע אַרבעט ביזן סוף".

ליידער איז זיין ווונטש נישט מקוים געוואָרן. אויך „דאָס מאָל" איז געשען דאָס אומגליק, און באַראַכאָווס לעבנס־אַרבעט אויפן געביט פון יידישער ליטעראַטור „איז געבליבן איבערגעריסן אין מיטן"...

...פעברואַר 1917. אַן איבערקערעניש אין רוסלאַנד. קערענסקיס רעגירונג רופט צוריק פּאָליטישע עמיגראַנטן. די פּאַרטיי פּועלי־ציון, ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען, איז אַרויס פונעם אונטערערד און רופט אָנפירנדיקע חברים, וואָס גיכער זיך אומקערן פון אויסלאַנד, כדי אויסצונוצן די פרייע באַדינגונגען פאַר רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. די פּאַרטיי רופט קודם־כל באַראַכאָוון. אויך מיין נאָמען איז צווישן די גערופענע.

באַראַכאָווס ישוב־הדעת דויערט נישט לאַנג. אמת, ער האָט אַ „סטאַבילן" פּאָסטן. אַ גוט באַצאָלטע און בכבודיקע פּאָזיציע. אין דער ליטעראַטור און אין דער געזעלשאַפט. גלענצנדיקע באַדינגונגען פאַר וויסנשאַפטלעכער רויִקער אַרבעט. אַן איינגעאָרדנטע היים. אַגב, די פרוי איז אין די העכערע חדשים, און דער וועג איבערן אָקעאַן איז פול מיט אונטערוואַסערשיפן.

באַראַכאָוו קווייקלט זיך נישט. ער פאָרט. דאָרט, אין לאַנד פון רעוואָלוציע איז ער נייטיק מער ווי דאָ. דאָרט ווערט דער כוח פון זיין פּאַרטיי געשטעלט צום ניסיון פנים אל פנים מיט דער פּאַרענדערטער רעוואָלוציאָנערערווירקלעכקייט. האָט דאָך, אַ שטייגער דער „בונד" אַרויפגעוואָרפן די גאַנצע שולד פאַר יידישער אומנאָרמאַלקייט אויף דעם צאַרישן רעזשים. איצט איז אויס מיט יענעם אַלטן רעזשים. וועט דען ממילא ווערן אויס יידן־פראַגע אין נייעם רוסלאַנד? וועט די דאָזיקע פראַגע געלעזט ווערן בלויז דורך נאַציאָנאַל־קולטור־אויטאָנאָמיע? וועט דער חשק צו פאָרן קיין ארץ־ישראל נישט אָפּגעטעמפּט ווערן דורך די נייע אויסזיכטן אויפן אָרט?

מיר פאָרן אויף איין שיף מיט באַראַכאָוון. ער פירט מיט זיך נישט נאָר די משפחה. אין זיינע וואַליזעס זענען פּאַרפּאַקט אוצרות פון זיינע פאָרש־מאַטעריאַלן, דער עיקר — איבער דער יידישער שפּראַך, איר אַנטוויקלונג, בוי, קלאַנג, ליטעראַטור...

מען וואָרנט אונדז פאַר די סכנות, וואָס לויערן אויף יעדער שיף

אינעם אַטלאַנטישן אָקעאַן, כל זמן די מלחמה איז נישט פאַרענדיקט. באַראָכאָוו איז געשטימט ענטוזיאַסטיש כלפי דעם מאָרגן, וואָס דערוואַרט אים אין לאַנד פון רעוואָלוציאָנערע מעגלעכקייטן. דאָ וועט זיין די גע־לעגנהייט אויסצופּרובירן זיינע טעאָרעטישע כללים בנוגע דער נאַציאָ־נאַלער פראַגע אין דער טאָגטעגלעכקייט פון רוסלאַנד, ווו עס וווינען אונטער איין פּאָליטישן דאַך אַ סך פעלקער. די רעוואָלוציע וועט באַפרייען די פעלקער־מיעוטים פון אונטער דעם גרויסרוסישן יאָך און עפענען פאַר זיי די פּערספּעקטיוו צו אַנטוויקלען אייגענע קולטור אויף אייגענער טע־ריטאָריע. נאָך זייענדיק אין פּאָלטאַווער תפיסה האָט באַראָכאָוו פאַראינטע־רעסירט מיט זיינע לעקציעס אוקראַאינישע און ליטווישע פּאָליטישע אַרעס־טאַנטן, וועלכע האָבן מיט התלהבות אויפגענומען זיינע אָנווייזונגען בנוגע דעם באַפרייונגס קאַמף פון אונטערדריקטע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. עס האָבן זיך דאָרט געשאַפן גרופּן „באַראָכאָוויסטן” פון צווישן יענע פעלקער. איצט, דערציילט מיר באַראָכאָוו, וועט ער אַריינטראָגן אַ ריי קאָרעקטיוון אין זיין אַמאָליקן באַנעם פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע און ער וועט אָנ־צייכענען נייע פּאָזיטיווע אויפגאַבן פאַרן אַרבעטער־קלאַס אין ליכט פון די נייע רעוואָלוציאָנערע אויסזיכטן אין דער גרעסער וועלט.

ענדלעך זענען מיר אַרויסגעקומען בשלום פונעם אַטלאַנטיק און מיר שווימען שוין אין די נאָרוועגישע פיאָרדן. לאַנג ציט זיך דער טאָג און עס איז כמעט נישט צו מערקן, ווי עס רוקט זיך אַריין די נאַכט. די ליכטיקע צפון־נאַכט, מען שפירט נאָר אין מוח און אין גאַנצן קערפּער די אָנ־דערשקייט פון דעם ליכט. עס איז שוין שפּעט, און איך לייען אַ בוך, נישט באַנוצנדיק קיין עלעקטריע. עס שווינדלט אין די אויגן. דער מוח איז נישט צוגעוווינט צו אַזאַ לאַנגדויערנדיקער ליכטיקייט. אָבער די צפון־שייַן זאָגט אונדז אָן, אַז מיר זענען נאָענט צו אונדזער ציל.

...יולי 1917. אין שטאָקהאָלם זענען מיר געבליבן שטעקן. נישט אַהין, נישט אַהער. עס איז פאָרגעקומען דער ערשטער אויפשטאַנד פון די באָל־שעוויקעס און קערענסקי האָט פאַרהאַקט די טויערן, וואָס ער אַליין האָט אָקערשט וואָס געעפנט ברייט פאַר פּאָליטישער רעעמיגראַציע. ער האָט מורא באַקומען, טאָמער וועלן די צוריקגעקומענע פּאָליטישע קעמפער צו־שטיין צו די באָלשעוויקעס.

אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך באַראָכאָווס אַנטפּלעקט זיך מיר דאָ.

אין פאַליציי־אַמט גיט ער אָן עפּעס אַ שטאַט און נישט פּאַלטאַווע, ווי ער איז אַ נכתב. פרעג איך אים: פאַרוואָס? זיין תשובה איז אַ תמיהדיקע: פּאַלטאַווע דערמאָנט די שוועדן זייער קאַרלס מפּלה. צו וואָס עפּענען אָן אַלטע ווונד?

אויך אין שטאָקהאָלם זיצן מיר נישט ליידיק. דער רירעוודיקער לעאָן כאַזאַנאָוויטש איז שוין דאָ און אַהער אַריבערגעפירט דעם סעקרעטאַריאַט פון פאַרבאַנדס־ביוראָ. קאַפּלאַנסקי און לאָקער דאַרפן אויך אַהער קומען, נאָר זיי האָבן דערווייל וויזע־שוועריקייטן. פאַרוואָס שטאָקהאָלם? ווייל דאָ איז דער זיץ פון דעם האָלענדיש־סקאַנדינאַווישן שלום־קאָמיטעט. דער צווייטער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז זיך צעפאַלן גלייך ביים אויסבראָך פון וועלטקריג. מאַכן איצט די סאָציאַליסטן פון די נייטראַלע לענדער אָנשטרענגונגען אויפצולעבן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פאַרבינדונג. דער דערמאָנטער שלום־קאָמיטעט נעמט־אויף דעלעגאַציעס פון פאַרשיידענע לאַנד־פּאַרטייען כדי אויף דעם יסוד פון זייערע מעמאָ־ראַנדומס אויסצואַרבעטן דערנאָך אַ שותפותדיקע פּלאַטפאָרם פאַר אַ שלום־קאָנפערענץ פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטערשאַפט, פּאַראַלעל צו די קאָנפערענצן אין צימערוואַלד און קינטאַל.

באָראָכאָוו באַטייליקט זיך אַקטיוו אין אויסאַרבעטן די הויפּט־טעזיסן פאַר אונדזער מעמאָראַנדום און דעם 26סטן יולי ווערט אונדזער דעלע־גאַציע (באָראָכאָוו, כאַזאַנאָוויטש, זרובבל) אויפגענומען ביים שלום־קאָ־מיטעט. אינעם אויספירלעכן שמועס באַגרינדעט באָראָכאָוו דעם פּאַלעס־טינע־פּונקט אין אונדזערע שלום־פאָדערונגען. דערביי ווייזט ער אָן, אַז ס׳איז נישט קיין סעפּאַראַטע פּאַרטיי־פאָדערונג בלויז. די איבערוויגנדיקע מערהייט פון דער יידישער דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע און אין רוסלאַנד שטיצט אונטער די פאָדערונגען בנוגע פרייהייט און אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיעס פאַר אונדזער אַרבעט אין פּאַלעסטינע. „פאַר אונדז, דערקלערט באָראָכאָוו, איז עס דער עיקר. קיינער דאַרף פאַר אונדז גאָרנישט טאָן".

באָראָכאָווס פרוי, ליובאַ, איז אין די לעצטע וואָכן פאַרן געבוירט. קומט אָבער פון רוסלאַנד אַ טעלעגראַם, אַז מ׳האָט אויסגעפועלט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פאַר באָראָכאָוון. באָראָכאָוו איילט צו דער גרענעץ. איך וווין אין איין האָטעל מיט באָראָכאָווס פאַמיליע אין שטאָקהאָלם. און אָט פאַרטרויט מיר ליובאַ דעם סוד, אַז זי גייט היינט אין דער געווינע־

רין־קליניק. אויף מאָרגן לויף איך זי באַזוכן און טרעף שוין דעם ניי־געבוירענעם יונגן באָראָכאָוו. איך דעפּעשיר צום פֿאָטער קיין האַפּאַראַנדאַ (די שוועדישע גרענעץ־שטעטל), ווו ער וואַרט אויף דער אַריינפֿאַר־דער־לויבעניש, און ער קערט זיך אום קיין שטאָקהאָלם. ס׳איז אַ פּייערלעכע פֿריידיקע שטימונג באַ אונדז אַלע. (עס זענען דערווייל צוגעקומען קאָפּ־לאַנסקי און לאָקער און אונדזער מעמאָראַנדום פֿאַרמאָגט אַלע פֿינף אונ־טערשריפֿטן). אָבער באָראָכאָוו האָט נישט קיין סך צייט צו פֿאַמיליען־שמחות. איצט פֿאָרן מיר ביידע צו דער גרענעץ. אפשר אַ קשיא אויף אַ מעשה, ווועל איך אויך קאָנען אַריינקריגן זיך אין רוסלאַנד.

מיר פֿאָרן אַריבער דאָס טייכל טאָרנעאָ און קומען אַריין אין רוסישן גרענעץ־אַמט.

ניין! די אינסטרוקציע פֿון דער צפֿון־מערבדיקער מיליטערישער הויפּט־קאָמאַנדע זאָגט קלאָר: דורכלאָזן באָראָכאָוון קיין רוסלאַנד.. בלויז אים.

און מיר געזעגענען זיך אויפֿן שוועל פֿון נייעם רוסלאַנד. ער בעט מיך אַכטונג צו געבן אויף זיין פֿאַרגרעסערטער משפּחהלע. זיין פּנים איז פֿאַר־טונקלט. ער איז שטאַרק באַזאָרגט צוליב די מאַטעריאַלן זיינע, וועלכע ער האָט אָפּגעשיקט קיין רוסלאַנד מיט אַ דיפּלאָמאַטישן קוריער. דאָרט איז דאָך זיין לעבנס־ווערק, זיין צוקונפֿט.

דאָס שיפֿל פֿירט מיך צוריק קיין האַפּאַראַנדאַ. באָראָכאָוו שטייט באַם ברעג, פֿאָכעט מיט דעם טיכל. עס קלעמט אַ מאָדנער אומעט אין האַרצן. ווען וועלן מיר זיך ווידער זען? האָב איך דען געקאָנט צולאָזן אַ רגע דעם ווילדן טירופֿדיקן געדאַנק, אַז איך זע איצט באָראָכאָוון צום לעצטן מאָל?!

עס ציען זיך וואָכן. בריוו און טעלעגראַמעס ברענגען דער פֿאַמיליע באָראָכאָווס זוניקע פֿרייד. ער פֿילט זיך גליקלעך זיך צו טרעפֿן מיט זיין פּאַרטיי, אַן אויסגעוואַקסענער, אַ רייפֿער. מ׳האָט אים אויפֿגענומען מיט ליבע און דרך־ארץ. ער איז, נאָכן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר אין קיעוו, פֿאַרוואַל־גערט מיט אַרבעט. אַרויסגעטרעטן אויפֿן פֿעלקער־צוזאַמענפֿאָר מיט צוויי רעפֿעראַטן. זיין וואָרט איז וואָגיק. מען טרויט אים. ער איז דעלעגאַט פֿון דעם צוזאַמענפֿאָר צו דעם אַלרוסלענדישן צוזאַמענפֿאָר אין פּעטראָ־גראַד. ער איז דער פֿירנדיקער קאַנדידאַט פֿון דער פּאַרטיי ביי די וואַלן

צו דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג אין רוסלאַנד און צום יידישן אַלרוסלענ־דישן צוזאַמענפֿאָר.

עס קומט אין מיטן אַ גרויליקע ידיעה. עס האָט פּאַסירט אַן אומגליק — די מאַטעריאַלן פֿון זיינע פֿאָרש־אַרבעטן זענען נעלם געוואָרן. מ׳קאָן זיי אין ערגעץ נישט געפֿינען. ליובאַ איז אין איין ציטערניש: דאָס וועט באַריאַ נישט איבערטראָגן...

...אָקטאָבער־נאָוועמבער 1917. די באָלשעוויקעס האָבן איבערגענומען די מאַכט. דאָס גאַנצע לאַנד פֿיבערט. די וועלט איז אויפֿגעטרייסלט אין דערוואַרטונג. איך בין אויף אַ געוויסער צייט אַריבער צוליב פּאַרטיי־אַרבעט אין קאָפּענהאַגן, אָבער איך באַזוך אָפֿט שטאָקהאָלם. די בריוו פֿון באַראַכאָוון קומען זעלטענער און ליובאַ איז באַזאָרגט. די פֿרוי איז צערו־דערט. זי קען אויסגעצייכנט באַריאָס פּינקטלעכקייט. עס האָט געמוזט עפּעס פּאַסירן. אויך איך בין נישט זיכער ביי זיך און עס וועקט זיך אין מיר אַ חשש. אָבער איך באַרויִק די אַרומיקע: עס איז דאָך פֿאַרט רעוואָלוציע. נישט אַלץ קלאַפּט ווי געהעריק. פֿאַרשפּעטיקט זיך די פּאָסט. פּלוצים אַ טעלעגראַם וועגן באַראַכאָווס לייכטער פֿאַרקילונג. זי איז געחתמעט דורך חברים. די פֿרוי האָט אויפֿגעשוידערט. פֿון אירע אויגן קוקט שרעק. די קליינע שושנהלע קלעפּט זיך צו דער מוטער בעת אונדזער סודן זיך: מאַמעלע, איז דער טאַטעלע געשטאָרבן?! ליובאַ טענהט צו מיר: דאָס קינד פֿילט־אַרויס אינסטינקטיוו דעם אמת. עס האָט געוויס געטראָפֿן דאָס שוידערלעכע.

איך האַלט אין איין באַרויִקן, הגם עס האָבן אויפֿגעהערט אינגאַנצן צו קומען ידיעות. לבא לפומא לא גלי. איך האָב מורא צו טראַכטן אַפֿילו וועגן דעם, וואָס דערדריקט מיך.

די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש האָט געעפֿנט די טויערן אויך פֿאַר מיר און איך לאָז זיך אין וועג.

אין אַ פּראָסטיקן ווינטער־פֿרימאָרגן, דעם 18טן דעצעמבער בין איך אַריינגעקומען אין דער אַרבעטער־מלוכה, און גלייך האָט מיך אין פּעטראָ־גראַד אָנגעיאָגט די בשורה, אַז באַראַכאָוו איז געשטאָרבן...

קיין קיִעוו האָב איך זיך דערשלעפּט אויפֿן 5טן טאָג. געווען אַ לאַנגע נסיעה — דורך שטעט און לענדער, דורך תקופֿות גאַנצע אין יידישן און

אַלגעמיינעם לעבן. אַ נסיעה אין צוויַיען. מיט דעם לעבעדיקן „פּאַלטאַווער גאון", מיט מיין רבי און חבר.

אָנגעקומען בין איך קיין קיעוו געגוי צו דער טרויער־פֿאַרזאַמלונג — צו שבעה — נאָך באַראָכאָוו. דער זאַל פֿון דער „סוחרים־פֿאַראייניקונג" איז פֿול געפּראַפּט. אין די דורכגענג, אויף די טרעפּ. דער טרויער איז אַן אַלגעמיינער. עס באַוויינט דעם פֿירער און לערער די פּאַרטיי. עס איז אין אבלות די גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכקייט, די יידישע אויפגעוואַכטע קולטור. עס איז נסתלק געוואָרן דער גייסטיקער ריז פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, דער גרונט־לייגער פֿון דער יידישער שפּראַך־וויסנ־שאַפֿט, דער פֿאָרשער, דער קעמפּער.

און אין מיר וויינט דאָס האַרץ: סאַראַ ווייסטער מזל! דאָס גאַנצע לעבן געגאַנגען מיט אים. גראָד אויפן שוועל פֿון דער נייעסטער טראַגיש־דערהויבנסטער תקופה בין איך געבליבן אַליין. מיר איז שלעכט, חברים. איך בין אַ יתום.

מיין ערשטער אַרויסטרעט אין פֿרייען רוסלאַנד איז אַ הספּד נאָך באַראָכאָוון — מיין לערער אין לעבן. אַוועק אַזוי פֿרי, קוים 36 יאָר אַלט. דער אויפֿריכטיקער גרויסער פֿריינד פֿון יידישן פֿאָלקס־מענטש און זיין נאַציאָנאַלער קולטור.

דאַטעס. דאַטעס. פֿאַראַן דאַטעס, וואָס קריצן זיך איין אין זיכרון, שניידן זיך אַריין אינעם מהות און לעבן אין אונדז דאָס גאַנצע לעבן.

דעצעמבער 1918. אין באַפֿרייטן פּוילן פֿייערט מען דעם יום־טוב: דער ערשטער לעגאַלער פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר. איבער אונדז אַלע פֿלאַטערט באַראָכאָווס גייסט. זיין פּאָרטרעט קוקט אויף זיינע תלמידים־יורשים. ער פֿירט אונדז ווייטער.

וואַרשע, לאָדזש, די גאַנצע פּוילישע פּראָווינץ. טויזנטער שטראָמען צו באַראָכאָווס יאָרצייט און אַזוי — יאָר נאָך יאָר. אין אַמעריקע און אין אַרגענטינע, אין דרום־אַמעריקע און אין אייראָפּע, אין ראַטנפֿאַרבאַנד און אין ארץ־ישראל. יאָרצייט, דערציִונגס־אַנשטאַלטן און בילדונג־אינסטי־טוציעס, שולן און ביבליאָטעקן, חלוצים־קבוצות און אַרבעטס־דערפֿער — זיי זענען באַצירט מיטן נאָמען באַראָכאָוו.

עס איז מקוים געוואָרן באַראָכאָווס וויסנשאַפֿטלעכער פּראָגנאָז און

פּאָליטישע נבואה. אויפגעקומען אַן אייגענע יידישע מדינה, ווו דער יידי־שער אַרבעטער־קלאַס פאַרנעמט דעם אויבן־אָן און איז משפיע דאָס גאַנצע לעבן. עס שטראָמען יידישע המונים פון אַלע לענדער. אויך אינעם לאַנד פון דער מיט 50 יאָר צוריק אָנגעהויבענער סאָציאַלער רעוואָלוציע שטאַרקן זיך ביי יידישע מאַסן געפיל און ווילן צו ווערן מיטבויער פונעם יידישן פאָטערלאַנד.

...1961. אין הויז פונעם נשיא פון מדינת ישראל, באַראָכאָווס אינטימסטן, געטרייען חבר און תלמיד, יצחק בן צבי, ווערט געהייליקט פייערלעך דער אָנדענק פון בער באָראָכאָוו. אין מדינת ישראל, ווי אין די תפוצות איז באָראָכאָוו נישט נאָר דער פּאָנען־טרעגער נאָר דער סימבאָל פאַר קולטור און זעלבשטענדיקייט. אין משמר הנגב רופט דער באָראָכאָוו־דענקמאָל ביים באָראָכאָוו־הויז צום געראַנגל קעגן ווויסטעניש; זיין געשטאַלט האָט אין געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון 50 יאָר אויפגעהעלט, ווי די פאָן פון יידי־שער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער גאולה.

50סטע יאָרצייט. עס טראַכט זיך נישט מער וועגן דעם פריצייטיקן אַכזריותדיקן טויט. עס מוטיקט און מונטערט אונדז די לעבנס־תורה פונעם חבר און וועגווייזער. ער ווערט געערט און געפייערט נישט דורך אבלות און טרויער, נאָר דורך געראַנגל און שאַפונג אין זיין גייסט און מיטן כוח פון זיין נאָמען.

אין זיין פילאָזאָפישן ספר „ווירטואַליזם" גיט באָראָכאָוו די כאַראַק־טעריסטיק פון דעם נייעם מענטש: „בעת דער מענטש דאַרף שפּאַנען פאָרויס, קאָן ער נישט קניען... די וואַקסנדיקע אַקטיוויטעט פונעם געדאַנק איז משלח די אויטאָריטעטן. דער זעלבשטענדיקער רצון, וואָס האָט דער־קענט זיין אייגענעם כוח, הייבט־אויף דעם קאָפּ, גלייכט־אויס דעם רוקן און די קני, וואָס זענען פריער געווען איינגעבויגן אין פאַרהערלעכן די טראַדיציע. עס פאַרשווינדט די צעצווייטקייט פון דער מענטשלעכער פּער־זענלעכקייט; פון דער פריערדיקער צעבראָקלטקייט ווערט געבוירן דער אויסגעגלייכטער נייער מענטש, וואָס הייבט אָן באַנעמען די אייגענע קראַפט און פאַרשטייט, אַז ער איז עס דער שאַפער פון קולטור, דער מייסטער פון זיין אייגענעם גורל. אין דעם מעטאַל פון דורות שמידט־אויס דער אַרבעטער־קלאַס זיין פילאָזאָפיע, זיין מאָראַל, זיין וויסנשאַפט און קונסט.

דעם אייביקן תוכן פון מענטשלעכע איבערלעבונגען גיסט ער אויס אין נייע פאָרמען״.

קאָנען מיר פאַרענדיקן מיט באַראַכאָווס ווערטער: „אויב עמעצן איז באַשערט אומשטערבלעכקייט... וועט עס זיין לטובה פאַר יענע ווייטע אַנקומענדיקע, וועמען מיר ליבן און ווינטשן אייביקן גליק. די אומשטערבלעכקייט פון די בר־מזלדיקע באַגריסן מיר און בענטשן, ווייל זייערע מעשים וועלן שפייזן די אַקטיוויטעט פון דער מענטשהייט און זייערע נעמען וועלן פאַרלייכטערן צו געדענקען זייערע טואונגען און פאַרשטאַרקן די פאַרבינדונגען פון געפילן, רעיונות און פאַרלאַנגען... נישט פלאַטאָ און סאָקראַט, נישט קאַנט און מאַרקס נייטיקן זיך אין דער אומשטערבלעכקייט. לגבי אונדז היינט צו טאָג גילט זי, ווי אַ באַפרוכפערנדיקער פול ווערטיקער פאַקטאָר״.

אויך באַראַכאָוון איז נישט נייטיק די אומשטערבלעכקייט. אָבער פאַר אונדז היינט און פאַר קומענדיקע דורות וועט זי, אָן ספק, גילטן, ווי אַ באַפרוכפערנדיקער פולווערטיקער פאַקטאָר אין קאַמף פאַר מענטשלעכן גליק.

י. זרובבל

יצחק בן־צבי

1

אַט זענען מיר נאָר וואָס געשטאַנען אין דער פּאַריתומטער היים פון פּרעזידענט, איינגעהילט אין טרויער. דאָס איז אַ טרויער נאָכן פּרעזידענט, חבר און פריינד פון די יוגנט־יאָרן אָן, דעם אויסדערוויילטן פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג זייט איר אַנטשטיין. פון פּאָלטאַווע ביז אַהער זענען מיר אַדורך אַ לאַנגן און קאָמפּליצירטן וועג; אַ טראַגישן און דערהויבענעם וועג דורך דער יידישערווירקלעכקייט, אין וועלכער מיר האָבן געווירקט די אַלע צענדליקער יאָרן.

מיר האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט יצחק בן־צבי זוכנדיק אַ וועג פאַר דער יידישער יוגנט צו הילף דעם פאָלק — דעם וועג פון סאָציאַליזם, וואָס האָט אָנגעהויבן צו באַהערשן די הערצער פון די צעבונטעוועטע קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער פאַרשקלאַפונג און צאַרישער אונטערדריקונג.

די פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע אין פּאָלטאַווע איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1904. צווישן אירע גרינדער און אָרגאַניזאַטאָרן האָט זיך אויסגעצייכנט דער גימנאַזיסט איסאַק שימשעלעוויטש.

פּאָלטאַווע איז געווען אַ צענטער פון קרייזן פונעם פּאָליטישן ציוניזם, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם העברעישן שרייבער אַלעקסאַנדער זיסקינד־ראַבינאָוויטש (אז"ר), וועלכער איז געווען שימשעלעוויטשעס לערער. די טעטיקייט האָט זיך דאַן קודם־כל אויסגעדריקט אין פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט. מיר האָבן זיך אַרויסגעהאָלפן מיט ביכער און אויפקלערונגס־מאַטעריאַל, ווו דער טראָפּ איז געווען אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אַ צענטראַלן אָרט אין דער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט האָט פאַרנומען איסאַק שימשעלעוויטש. ער האָט אויך געהאָלפן פירן די פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער שול־יוגנט.

אַ דאַנק שימשעלעוויטש'ס השפּעה האָט די פּאָלטאַווער גרופּע אָרגאַניזירט אַ זעלבסטשוץ, וואָס האָט באַקומען אַ שם אין רוסלאַנד. מיר האָבן געהאַט אַ גרויסן זאַפּאַס געווער, רעוואָלווערן, דינאַמיט און באָמבעס פון

היימישער פּראָדוקציע — אויסגעאַרבעט פון שימשעלעוויטשן און זיין חבר אליהו, דעם זון פון אז״ר.

נאָך זיין באַזוך אין ארץ־ישראל, אין יאָר 1904, האָט שימשעלעוויטש פאַרשטאַרקט זיין אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט. מיר האָבן געוווּסט, אַז עס דראָען אונדז סכנות און דערפאַר האָבן מיר באַשלאָסן אָנצונעמען קאָנספּיראַטיווע נעמען, כדי צו באַשווערן די אַרבעט פון די „שפּיצלען״, וועלכע האָבן געקענט יעדן איינעם פון אונדז מיט זיין נאָמען, ווייל מיר אַלע זענען געווען פאַלטאַוווער תושבים פון קינדווייז אָן.

אין אַ געוויסן אָוונט זענען מיר זיך צונויפגעקומען אין שימשעלע־וויטש׳ס צימער — מיר, פינף יונגעלייט: אהרן אַרשאַווסקי, אליעזר גרינ־שפּאַן, שמעון קאַפּעליאַנסקי, דניאל אַסאַרקאַן און יעקב וויטקין. שעהן־לאַנג זענען מיר געזעסן און געזוכט אַן אויסוועג פונעם פּלאָנטער פון טעאָריעס, וואָס האָבן אַרומגעשוועבט אין די רוימען פון דער יידישער וועלט. מיט אַלע פיבערן האָבן מיר געגאַרט נאָך אַקטיווער רעוואָלוציאָנערער טע־טיקייט צו ענדערן די יידישע ווירקלעכקייט. נאָך אַ שקלא וטריא, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט, האָבן מיר באַשלאָסן צו ווידמען אונדזער לעבן דער „פּועלי־ציון״־באַוועגונג. כדי צו פאַרזיכערן אונדזער קאָנספּי־ראַטיווע טעטיקייט האָבן מיר אָנגענומען פּאַרטיי־פּסיידאָנימען, וואָס זענען זייט דאַן געוואָרן אונדזערע נעמען אין דער באַוועגונג. שימשעלעוויטש האָט זיך אַ נאָמען געגעבן עובדיה, גרינשפּאַן — פּלטיאל, קאַפּעליאַנסקי — רפאל אַרשאַווסקי — אַדאָלף, אַסאַרקאַן — דניאל און וויטקין — —זרבבל. איסאַק שימשעלעוויטש איז גלייך נאָך דעם געצוווּנגען געווען צו בייטן זיין נאָמען אויף אבנר און ווען ער האָט זיך באַזעצט אין ישראל האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין אייגנטלעכן נאָמען: יצחק בן־צבי.

סוף 1905 איז אין פּאַלטאַווע פאָרגעקומען די ראַיאָן־קאָנפערענץ און אין איר האָט זיך צום ערשטן מאָל באַטייליקט באָראָכאָוו אַלס מענטש פון די פּועלי־ציון. די קאָנפערענץ האָט אָרגאַניזירט עובדיה, און ווען מען האָט באַדאַרפט שיקן אַ דעלעגאַציע פון צוויי חברים צו דער קאָנפערענץ פון די אָפּגעשפּאָלטענע „סיימיסטן״, וואָס איז זיך דאַן צונויפגעקומען אין בערדיטשעוו, האָבן מיר אויסגעקליבן צוויי — בער באָראָכאָוו און עובדיה.

מיר האָבן געוווסט, אַז זיי וועלן קאָנען פּאַרטיידיקן דעם רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט פון דער יונגער באַוועגונג, כדי זיך אַנטקעגנצושטעלן די קעגנער, וואָס זענען טאַקע אַרויס פון דעם זעלבן לאַגער. האָבן זיך אָבער אָפּגעקערט פון ארץ־ישראל אַלס איינציק לאַנד צו קאָנצענטרירן די יידישע מאַסן אין זייער פּאַטערלאַנד.

און ווידער האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט עובדיה אין פּאָלטאַווע — דאָס מאָל ביים אָרגאַניזירן די גרינדונג־קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי. ס'זענען געקומען דעלעגאַטן פון אַלע עקן רוסלאַנד, ווו עס האָבן זיך שוין באַוויזן צו אָרגאַניזירן אָפּטיילונגען פון פועלי־ציון. אויף דער קאָנ־פערענץ האָט באַדאַרפט געשאַפן ווערן איין פּאַרטיי, מיט איין פּאָליטישן פּראָגראַם און קאָלעקטיווער דיסציפּלין פאַר טעטיקייט און געראַנגל.

בראש פון דער פּאָלטאַווער דעלעגאַציע איז געשטאַנען עובדיה. ער האָט זיך פּאַוואָליע פונאַנדערגעקליבן אין פּלאָנטער פון טעאָרעטישע פּראָב־לעמען. אָבער ער האָט דאָס געטאָן זיכער און גרינטלעך. ער איז געווען דער איינציקער פון צווישן די דעלעגאַטן, וואָס האָט שוין געהאַט באַזוכט ארץ־ישראל, דערקענט דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט, גע־טראָפן זיך מיט די בויער, טוער און איינוווינער. דאָס קענען די ישראלדיקע ווירקלעכקייט האָט אים געהאָלפן צו פּאַרטיפן די פּראָגן. ער איז נישט געווען פאַררעכנט צו די רעדנער, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ פּליסיקער שפּראַך און גלענצנדיקן סטיל, אָבער ער האָט גרינטלעך באַהאַנדלט יעדע סוגיא, אַנאַליזירט די פּרטים און נישט אַרויסגעדרייט זיך פון ספקות, וואָס האָבן כסדר באַאומרויקט דעם מוח. זייענדיק אַ גראַדליני־קער אין געדאַנק און קאָנסעקווענטער אין טאַט, האָט ער געהאַט אַן אומ־געהויערע השפעה אויף אַלע חברים און אַלע האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט אומבאַגרענעצטן כבוד און אָנערקענונג.

אַ געוויסן טאָג האָב איך זיך געפונען אין וועג צו עובדיהס היים, ווו מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן. דערנענטערנדיק זיך צו דער גאַס, ווו זיי האָבן געוווינט, האָב איך עפּעס באַמערקט אַ פּאַרדעכטיקע באַוועגונג. גלייך איז מען געקומען צו לויפן מיר אָנזאָגן, אַז די פּאָליציי פירט דורך אַ רעוויזיע אין שימשעלעוויטשס הויז. די פּאָליציי האָט אַנטדעקט די באַהעלטעניש פון געווער און באָמבעס. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז מען

וועט עובדיהן אַרעסטירן. האָבן מיר אים אויסבאַהאַלטן אַ געוויסע צייט. אויף מיין חלק איז שפּעטער אויסגעפאַלן צו פירן אים צו דער באַן־סטאַציע אַ באַפּוצטן מיט אַ בערדל, אַזוי איז ער אויף אייביק אַוועק פון זיין געבוירן־שטאָט. די משפּחה איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. עובדיה האָט זיך געוואָלט אַליין איבערגעבן דער פּאָליציי, גלייבנדיק, אַז אַזוי אַרום וועלן רייניגוואַשן און באַפרייט ווערן זיינע עלטערן. מיט שוועריי־קייטן איז אונדז געלונגען אים צו איבערצייגן, אַז די עלטערן וועט ער וויניק דערמיט העלפן, דאַקעגן אויף זיך וועט ער אַרויפשלעפּן אַן אומגליק אויף אַ סך יאָרן.

מיר האָבן זיך ווידער געטראָפן ווען אויך איך בין געווען געצוווּנגען אין מיטן דער נאַכט צו פאַרלאָזן מיין געבוירן־שטאָט, אויפן וועג אין דעם יידישן צענטער, קיין ווילנע. כ׳האָב זיך ווידער באַגעגנט מיט עובדיה, וואָס איז דערווייל געוואָרן אבנר. מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ נייעם פּלאַן פון טעטיקייט אין ווילנע. אין אַ צייט אַרום איז אבנר צוריקגעקומען פון אויסלאַנד, ווו ער האָט זיך באַטייליקט אין דער שילער־קאָנפערענץ פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג. אין ווילנע האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט אין רעדאַגירן די ערשטע פּאַרטיי־צייטונג אין יידיש „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק״, ווו ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין גרויסע אַרבעט „די וועגן פון יידישע וואַנדערונגען״, אַן אויסגעשפּראָכן מאַרקסיסטישער אַנאַליז פון די גורמים פון די יידישע וואַנדערונגען און זייערע היסטאָרישע ריכטונגען.

ס׳האָט נישט געדויערט לאַנג און ס׳איז אונדז געלונגען צו באַפרייען באָראָכאָוון אויף קויציע פון דער פּאָלטאַווער תּפיסה. זייט דאַן פלעגן מיר זיך צייטנווייז צונויפקומען אין מינסק, כּדי צו הערן רעפעראַטן פון אונדזער גרויסן לערער און פירן שמועסן אויף אַקטועלע טעמעס.

אבנר האָט געוווינט אומלעגאַל אין ווילנע. ביידע האָבן מיר געהאַט איין פאַלשן פּאַס אויפן נאָמען פון איצקע זאַיקע. אויפן וועג צום פּאַרטיי־ראַט אין גראָדנע איז אבנר אַרעסטירט געוואָרן אַלס איצקע זאַיקע. ער האָט זיך אָנגעגעבן אַלס האַנדלס־אָנגעשטעלטער, ער האָט אָבער בשום אופן נישט געקענט אויפקלערן, פון וואַנען עס נעמען זיך בײַ אים אין טשעמאָדאַן אַזוי פיל ביכער וועגן עקאָנאָמיע און פּאָליטיק (אין דער תּפיסה האָט ער זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט יצחק טאַבענקין).

אבנר האָט אַ סך מיטגעאַרבעט אין אָרגאַן פון דער גאַליציאַנער פּאַרטיי „דער יידישער אַרבעטער", וואָס איז דערשינען שפּעטער אונטער מיין רעדאַקציע. און אין יאָר 1910 האָבן מיר זיך ווידער צוזאַמענגעטראָפן באַ בשותפותדיקער אַרבעט — דאָס מאָל שוין אין ארץ־ישראל — באַ דער רעדאַקציע פון דער ערשטער העברעישער סאָציאַליסטישער צייטונג אין ירושלים „האחדות". צו דער אַרבעט בין איך פאַרבעטן געוואָרן פון יצחק בן־צבי און רחל ינאית לויטן באַשלוס פון אַ פּאַרטיי־באַראַטונג.

2

די ירושלימער תקופה האָט אונדז באַזונדערס דערנענטערט, פאַרטיפט אונדזער חברשאַפט און פריינדשאַפט. זי איז שוין נישט איבערגעריסן געוואָרן ביז צו די לעצטע טעג, ווען דער נשיא בן־צבי האָט אויסגעהויכט זיין אָטעם.

אין יאָר 1910 האָט די פּאַרטיי פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל געהאַלטן ביים אַרויסגעבן אַן אייגענעם אָרגאַן. דאָס האָט געזאָלט זיין דער ערשטער סאָציאַליסטישער זשורנאַל אין עברית. טאַקע אין ירושלים. האָבן זיך די אָרטיקע חברים געוואָנדן צו דריי חברים אין חוץ לארץ. זיי איינגעלאַדן צו קומען זיך באַטייליקן אין דער רעדאַקציע פונעם נייעם אָרגאַן. ווער ס'זאָל שרייבן די אַרטיקלען זענען געווען: חברים וואָס זענען געווען אויס־געקניפּט מיט די פּראָבלעמען פון לאַנד און אָרטיקע אָנגעלעגנהייטן. אָבער עס האָט געפעלט אַ מענטש, וואָס זאָל זיין מער באַהאַוונט אין זשורנאַ־ליסטישער אַרבעט, אין צונויפשטעלן און אַרויסגעבן אַ צייטונג. האָט מען זיך געוואָנדן צו דריי חברים: בער באָראָכאָוו — דאָ האָט מען געוואָלט האָבן בפירוש דעם פירנדיקן מאַן, דעם אָנערקענטן טעאָרעטיקער; צו קלמן מרמר. ער איז זינט יאָרן געווען דער רעדאַקטאָר פון „יידישן קעמ־פער" אין אַמעריקע. אַגב איז ער מיט אַ צייט צוריק געזעסן העכער אַ יאָר אין ארץ־ישראל און אויסגעשפּאַנט דאָס לאַנד צוזאַמען מיט בן־צבי און רחל ינאית; דער דריטער איז געווען דער שרייבער פון די שורות, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך די דערפאַרונג פון אַרויסגעבן זשורנאַלן אין ווילנע און אין לעמבערג. גראַד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ערשטע צוויי האָבן נישט אָנגענומען די פאַרבעטונג צוליב פאַרשידענע טעמים. איך האָב גרייליך געהאַט אַ לאָקנדיקן פאָרשלאָג פון אַרגענטינע, צו פאַרנעמען

דעם אָרט פון לעאָן כאַזאַנאָוויטש (כתריאל). די יק״א־אַדמיניסטראַציע האָט אים געמסרט און איבערגעגעבן אין די הענט פון דער מאַכט, וועלכע האָט אים אַ געשמידטן אין קייטן אַרויסגעשיקט פון אַרגענטינע.

איך האָב אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון ארץ־ישראל. שוין לאַנג, ווי כ׳האָב געחלומט וועגן עליה אַהין און ס׳האָט מיר געשמעקט דעם עצם־געדאַנק: אַרויסגעבן דעם ערשטן סאָציאַליסטישן זשורנאַל אין ארץ־ישראל.

איך האָב אייגנטלעך, ביז צו יענער צייט נאָך קיין מאָל נישט געשריבן עברית, אָבער איך בין געווען זיכער, אַז מיין „גירסא דינקותא״, וואָס איך האָב געלערנט אין חדר און מיטן טאַטן, וועט זיך אָפּרופן, און איך וועל שנעל באַהערשן די שפּראַך. דערביי האָט מיר שטאַרק געשמייכלט צו אַרבעטן צוזאַמען מיט מיין יוגנט־חבר אבנר.

די ערשטע רעדאַקציע פון „האחדות״ איז באַשטאַנען פון 4 חברים: י. בן־צבי, ד. בן־גוריון, רחל ינאית און זרבבל. מיט מיין אָנקום האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען די צייטונג. לכתחילה ווי אַ חודש־אויסגאַבע, און גלייך אַריבערגעגאַנגען צו אַ וועכנטלעכער. קיין געלט איז סיי ווי סיי נישט געווען און אַ דרוקעריי האָבן מיר אויפגעשטעלט אַן אייגענע. „אחדות״. נו, וועט מען שלעפּן דעם וואָגן... כך הווה: „האחדות״ איז דערשינען רעגולער גאַנצע 5 יאָר און אויפגעהערט צו דערשיינען ערשט ווען די טערקישע מאַכט האָט זי אָפּגעשטעלט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, מחמת די צייטונג האָט קריטיקירט די רעגירונג פאַר אירע רדיפות אויף יידן און ציוניזם.

דעם ערשטן לייט־אַרטיקל אין נאָמען פון רעדאַקציע האָט געשריבן בן־צבי, אָן זיין אונטערשריפט: אונדזערע צילן. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש געווען די איינשטעלונג צו שאַפן „אַ צייטונג, וואָס זאָל באַהאַנדלען די ענינים פון די אַרבעטער און פאָלקסמאַסן פון אַ באַשטימטער וועלט־אָנשויונג. די צייטונג וועט נישט זיין קיין ענג־פּאַרטיייִשע, נאָר זיך פאַרנעמען מיט אַלע פראַגן, וואָס זענען נוגע די ברייטסטע שיכטן פון פאָלק״. ער רעדט וועגן אויפשטעלן איין אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון די יידן אין ארץ־ישראל, אָן אונטערשייד פון עדהס און קלאַסן. די צייטונג דערקלערט אין דעם אַרטיקל, אַז ארץ־ישראל איז נישט בלויז דאָס לאַנד פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך דאָס לאַנד פון אונדזער צוקונפט, אַ לאַנד, וואָס

זיינע אויפגאַבן וועלן זיין אויפצונעמען די וואַנדערער פון אונדזער פאָלק; קאָנצענטרירן זיי, צובינדן זיי צום פאָטערלענדישן באָדן און פאַרוואָרצלען זיי אין אים, ווי פרייע אָטאָמאַנישע בירגער. אַזוי דאַרפן מיר אַרויסברענגען אונדזערע פאָדערונגען בנוגע אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך, זי זאָל אָנער־קענט ווערן אָפיציעל אין די געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, אין אַלע יענע ערטער, ווו יידן געפינען זיך אין אַ גרעסערער פּראָצענט־צאָל.

בן־צבי שטרייכט אונטער די נויטווענדיקייט צו „דעמאָקראַטיזירן די עכּנטלעכע אינסטיטוציעס, פאַרשטאַרקן די השפעה פון דעם פאָלק אויף די געזעלשאַפטלעכע אָנגעלעגנהייטן". ער פאַרענדיקט דעם כאַראַקטעריס־טישן אַרטיקל מיט די ווערטער: „אַזוי אַרום, דורך אַ ברייטער ווירט־שאַפטלעכער, קולטורעלער און פּאָליטישער טעטיקייט גייען מיר אונדזער וועגביים ליכט פון געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלן רעיון, וואָס פאַרבינדט די אויפלעבונג פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנד מיט דער באַפרייונג פון דער גאָרער וועלט פון די קייטן פון קלאַסן־דרוק און איינפירונג פון אַ סאָציאַלן רעזשים".

מ'דאַרף זיך דערמאָנען די צייטן, ווען אין ארץ־ישראל האָט געהערשט די „חלוקה", ווען דער גאַנצער ישוב האָט אויסגעקוקט די אויגן אויף די הילפס־געלטער וואָס קומען פון אויסלאַנד, פון די רייכע ברידער. די „כוללים" און זייערע גבאים האָבן באַשטימט דעם לעבנס־שטייגער, די אויפפירונג. די האַנדלונג פון די מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אויף תמיכה און נישט געהאַט אין זינען צו פאַרנעמען זיך אַליין מיט וועלכער עס איז פּראָדוקטיווער אַרבעט.

כ'דערמאָן זיך, ווי געוויסע רייכערע „כוללים" האָבן, לויט זייערע סטאַטוטן, פאַרווערט זייערע מיטגלידער זיך מתחתן זיין מיט מיטגלידער פון אַנדערע „כוללים" כדי זייער חלק זאָל, חלילה, נישט געמינערט ווערן...

בן־צבי און זיינע חברים זענען שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דער חלוקה און דער הערשאַפט פון די גבאים. ער האָט איינגעפירט אַן אייגענעם אַרטיקן איבערבליק, ווו ער האָט וואָך־וועכנטלעך באַהאַנדלט לאָקאַלע אָנ־געלעגנהייטן און קריטיקירט אומברחמנותדיק די שלעכטע מנהגים און מידות, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט אין אַלט ירושלים. אַזוי האָט ער זיך דערנענטערט צו די קרייזן פון אַלטן ישוב, געהאַט צו טאָן מיט די בוכאַרער און רומענער, מיט די קאַווקאַזער און פּוילישע, תימנער און

ספרדים, געזוכט צו געווינען די יוגנט און אַריינציִען זיי אין אונדזער סביבה. פון דעמאָלט איז אים געראָטן משפּיע צו זיין אַ היפּש ביסל בחורים, וואָס האָבן שפּעטער פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין ישוב, ווי לערער, שרייבער און עסקנים...

3

בן־צבי האָט נישט לאַנג געקענט איינזיצן צו יענער צייט אין ירושלים. ער האָט געשטרעבט צו גרויסע זאַכן און ער האָט געזען די ווייטערע אַנט־וויקלונג פונעם יידישן ישוב. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז די אַנטשיידנדיקע מערהייט באַשטייט פון פרעמדע אונטערטאַנער, איז ממילא אָפּגעריסן פונעם לאַנד, פון די אָרטיקע געשעענישן און ווייסט נישט „מאי דקא אמרי רביצין" לגבי עלעמענטאַרע רעכט פון די היגע בירגער. ווי נאָר עפּעס, כאַפּט מען זיך צו צו די „קאַפּיטולאַציעס", וואָס געבן די פרעמדע מדינה־פאַרשטייער ספּעציעלע רעכט אין טערקיי. לויפט מען צום „אייגענעם" קאָנסול און מ׳זוכט ביי אים שוץ. דער רוסישער קאָנסול, וואָס דאָרט ביי אים אין דער היים ליידן יידן פון כסדרדיקע פּאָגראָמען און ווערן באַרויבט פון עלעמענטאַרע רעכט, דאָ, אין טערקיי איז ער דער היטער און פאַרטיידיקער, מ׳שטיינס געזאָגט, פון „זיינע יידן".

בן־צבי האָט באַנומען, אַז אַזוי טאָר מען נישט ממשיך זיין. מ׳מוז זיך באַקענען מיט די געזעצן און פירונגען פון דער מדינה, ווו מען וויל פאַר־וואָרצלען דאָס יידישע פאָלק. מוז מען אויפשטעלן אַן אייגענע יידישע אינטעליגענץ, וואָס זאָל וויסן צו באַשיצן די יידישע בירגער אויפן סמך פון די טערקישע געזעצן; און ווען נייטיק — זען צו קעמפן דאָ פאַר איבעראַנדערשן די היגע געזעצן אין די אינטערעסן פון די בירגער פון לאַנד. דערצו מוז מען קודם־כל ווערן בירגער פון לאַנד אונטער אַלע אומשטענדן. מיט אָט־דער כוונה איז ער אַוועקגעפאָרן אין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל שטודירן אין דאָרטיקן אוניווערסיטעט. מיטן זעלבן וועג איז געגאַנגען ד. בן־גוריון קיין סאַלאָניקי, ישראל שוחט — קיין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל.

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט ער אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט די דאָרטיקע סאָציאַליסטישע טוער, ווי אויך פון דער נאָענטער בולגאַריע. ער האָט דערביי געהאַט אין זינען פּראַקטישע צילן און געוואונען נייע פריינד

אַלס מיטאַרבעטער אינעם סאָציאַליסטישן אָרגאַן פון ארץ־ישראל (בן ארויה, וולאַכאָוו און אַנדערע). פאַרשטייט זיך, אַז זיין אייגענע מיט־אַרבעטערשאַפט האָט נישט אויפגעהערט. אַדרבא, דער אָרגאַן איז באַ־רייכערט געוואָרן מיט זייער פילפאַרביקע „בריוו פון טערקיי" וועגן לעבן פון די דאָרטיקע יידן, אַרבעטער און וועגן דער מדינה בכלל.

בן־צבי אין ארץ־ישראל האָט גוט געדענקט זיין טעטיקייט אין דער זעלבסטשוץ אין צאַרישן רוסלאַנד. דאָ אין ארץ־ישראל האָט דאָס פּראָב־לעם ביי אים אָנגענומען אַן אַנדער כאַראַקטער. דאָ זענען די אַראַבער נישט באַפאַלן סתם יידן צו פּאָגראָמירן זיי. מ'האָט נאָר אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו ראַבירן און צו גנבענען. יידיש האָב און גוטס איז געווען הפקר. יידן האָבן קנאַפּ וואָס געהאַלטן פון פאַרטיידיקן זיך און באַשיצן זייער פאַרמעגן מיט אייגענע כוחות. האָבן די אייגנטימער פון פּרדסים און כרמים געדונגען אַראַבישע שומרים, זיי זאָלן היטן דאָס יידישע אייגנ־טום. זיי, אַראַבער, וואָס פון זיי האָבן זיך רעקרוטירט ס'מערסטע גנבים און רויבער.

יידן האָבן געהאַט אַ שלעכטן נאָמען אין דעם פּרט ביי די אַראַבער. זיי האָבן געגאָלטן, ווי „ולד איל מות" — קינדער פון טויט... מען מעג זיי שפּייען אין פּרצוף.

בן־צבי איז געווען צווישן די ווינציקע ערשטע יידישע בחורים, וואָס האָבן נישט געקאָנט סובל זיין אַזאַ צונאָמען און געשאַפן די אָרגאַניזאַציע „השומר". אויב איר ווילט, פּירט אַ גלייכע ליניע פון רוסישער „סאַמאָ־אָבאָראָנע" צום ארץ־ישראלדיקן „השומר". דאָך איז דאָ געווען אַ טיפער פּרינציפּיעלער אונטערשיד. „השומר" האָט געהאַט אין זינען נישט נאָר דעם מאָמענט פון איבערפאַל, פון אָנגריף מצד אַראַבער; ער האָט גע־וואָלט דערציִען אַ נייעם יידישן מענטש, וואָס קאָן האַלטן געווער אין האַנט און ווייס זיך צו באַנוצן דערמיט. דאָס גופא שלאָגט־אָפּ דעם חשק ביי עמעצן אים צו באַפאַלן, אים צו דערנידעריקן און גרינגשעצן.

כמעט אַלע חברים פון „השומר" האָבן געהערט צו דער פאַרטיי פּועלי־ציון נאָך פון דער „אַלטער היים". וואָס עפּעס איז פּלוצים איינגעפאַלן סאָציאַליסטן צו שיצן דאָס פאַרמעגן פון יידישע גבירים, פּרדסנים? דער תירוץ איז געווען, אַז לגבי די אַראַבער גילט נישט דער חילוק צווישן יידישן אַרבעטער און גביר; זיי ביידע דערשיינען פאַר אים, ווי יידן, און

ווי יידן באַפאַלט ער זיי און דערנידעריקט זיי. האָט זיך דער „השומר" אָנגענומען פאַר דעם יידישן כבוד; דעם כבוד פון יידישן פאָלק. גראָד באַ די אַראַבער האָט געגאָלטן דער כלל „על חרבך תחיה", צו לעבן אויפן שווערד. האָט מען געדאַרפט מיט זיי איינקנעלן, אַז יידן ווייסן צו ענטפערן מיט געווער אויף געווער. זיי שטרעבן נישט דערצו, חלילה, זיי ווילן לעבן בשלום מיט אַראַבער, אָבער דאָס וועט מעגלעך זיין, ווען די אַראַבער וועלן קריגן דרך־ארץ פאַרן יידישן שכן און אים אַכטן ווי אַ גלייכן.

הגנה, השומר, שפּעטער פלמ"ח, ביז צה"ל, די איצטיקע פאַרטיידי־קונגס־אַרמיי פון מדינת ישראל — דאָס איז איין קאָנסעקווענטע ליניע. בן־צבי, נאָך לאַנג איידער ער האָט געחלומט וועגן פּרעזידענט־שטול, האָט דערצויגן די יידישע יוגנט און אַרבעטערשאַפט אין דער דאָזיקער ריכטונג. דערפאַר איז ער אַזוי געאַכטעט געוואָרן אויך דורך דער יוגנט.

בן־צבי האָט זיך דערוואָרבן די אַכטונג פון אַלע קרייזן פון ישוב. אָפּגערעדט פון דער אַרבעטערשאַפט. ער איז געשיקט געוואָרן צו אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסן אַלס דעלעגאַט פון ארץ־ישראל. ער האָט געהאַט די זכיה צו זיין צווישן די גרינדער פון וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון אין יאָר 1907 אין האַג. דאָס איז געווען די ערשטע אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע פון יידישן אַרבעטער. דערמאָנט זיך, ווי דער „בונד" האָט נעגירט די כלומרשטע, אויסגעלאַכטע „אַלוועלטלעכקייט" פון יידישן פאָלק און גע־זען זיינע אייגענע ראַמען בלויז אין „רוסלאַנד, ליטע און פוילן", — וועט איר פאַרשטיין דעם היסטאָרישן אויפטו פון יענעם פאַרבאַנד. די צווייטע וועלט־קאָנפערענץ האָט טאַקע געשאַפן דעם ערשטן פינאַנץ־אינסטיטוט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט פאַר ארץ־ישראל: „פּאַלעסטינע אַר־בעטער פאָנד". ווער געדענקט היינט אָט דעם פינאַנציעלן פאַקטאָר? היינט ווען מען ווייסט אויסגעצייכנט די טעטיקייט פון דער הסתדרות מגבית, אָדער פון דעם „אַמפּאַל", וועלכע ס'האָט געשאַפן די אַרבעטער־באַנק פון ארץ־ישראל. אָבער עלטערע מענטשן געדענקען גוט יענעם פּרעכטיקן אָנהייב פון „פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד" — גראָשנדיקע־קאַמפּיינס אין אַמעריקע ווו בחורים און מיידלעך האָבן מיט אַזוי פיל ליבע, טרייקייט און מסירת־נפש פאַרלייגט יסודות פון אַ ריי ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען אין ארץ־ישראל. אין לאַנד גופא איז אָנגעגאַנגען אַ ביטערע מחלוקת אַרום דעם דאָזיקן פּ. א. פ. צווישן די סאָציאַליסטישע פּועלי־ציון, וואָס האָבן

געהאַלטן שטאָל און אייזן פון אַרבעטער־סאָלידאַריטעט, און „הפּועל־הצעיר", וועלכער האָט געזען אין דעם אַ נייעם טיפּ חלוקה פון מענטשן, וואָס האָבן נישט אין זינען ארץ־ישראל און זענען יוצא מיט צוואַרפן אַ פּרוטה...

בן־צבי איז געשטאַנען בראש פון די קעמפער פאַרן פּ. א. פּ. און ער האָט דערלעבט, אַז דער דאָזיקער פאָנד זאָל קריגן זיין פולע אָנערקענונג.

4

בעתן ערשטן וועלטקריג זענען בן־צבי, בן־גוריון, און דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות געשטאַנען בראש פון דעם קאָמיטעט אין ארץ־ישראל, וואָס האָט געפאָדערט פון די יידן אָנצונעמען טערקישע אונטער־טאַנשאַפט, כדי נישט צו ווערן אַרויסגעטריבן פון לאַנד אַלס פרעמדע בירגער. ליידער איז געווען אַ ביטערער חוזק פון די טערקן, ווען זיי האָבן אַרויסגעטריבן גראָד די צוויי קעמפער בן־צבי און בן־גוריון, וואָס האָבן גערן געוואָלט זיך שטעלן פאַר אַ טערקיש געריכט. מ'האָט זיי אַרויסגע־טריבן, און זיי ביידע זענען אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע, ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, און איך בין אויך געקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין יאָר 1915, אַנטלויפנדיק פון דעם שווערן פּסק־דין, וואָס דער טער־קישער קריגס־געריכט האָט אַרויסגעגעבן קעגן מיר צוליב מיין רעדאַקטירן די זאַמל־ביכער „בין המצרים" נאָך דעם, ווי די רעגירונג האָט געשלאָסן דעם „האחדות".

דאָ האָבן מיר ווידער געאַרבעט צוזאַמען מיט בן־צבי. אַמעריקאַנער חברים געדענקען די פּרעכטיקע אויסגאַבע „יזכור" צום אָנדענק פון די געפאַלענע מיטגלידער פון „השומר" אין ארץ־ישראל. די אויסגאַבע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. עס איז געווען אַ נייעס אין דער יידישער ליטעראַטור, סיי לויטן אינהאַלט, סיי לויט דער קינסטלערישער פאָרעם, ספּעציעל צו פאַרדאַנקען דעם מאָלער מ. לאָעב.

די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פון בן־צבי, זרבבל און א. כאַשין.

נאָך וויכטיקער איז געווען די איניציאַטיוו־טעטיקייט באַם אָרגאַניזירן אין אַמעריקע די גרופּע „החלוץ". ס'איז מיט אַ צייט פריער געהאַט געווען אַנטשטאַנען אַן ענלעכע גרופּע אויף דער איניציאַטיוו פון אַל. יאַפע. ער איז טאַקע אַוועק קיין ארץ־ישראל, אָבער די גרופּע איז זיך צעפאַלן. די

איניציאַטיוו פון בן־צבי מיט דער מיטהילף פון בן־גוריון און דעם שרייבער פון די שורות האָט געהאַט מער הצלחה. מיר זענען אַרומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך, אָרגאַניזירט גרופּעס, זיי צונויפגערופן, אַרויסגעגעבן אַ זאַמלהעפט „החלוץ־ביבליאָטעק" מיט דריי אַרטיקלען פון בן־צבי, בן־גוריון און זרבבל, וועלכער איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע ביז מיין אָפּפאָר צוזאַמען מיט ב. באָראָכאָוו קיין רוסלאַנד, גלייך נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

אַ קלייניקייט, אָבער עס געדענקט זיך, ווייל ס'איז כאַראַקטעריסטיש. איך האָב דעמאָלט פון די לעקציעס אָפּגעשפּאָרט עטלעכע הונדערט דאָלאַר. פאַרן אַרויספאָר קיין רוסלאַנד האָב איך די גאַנצע סומע אָפּגעגעבן דעם נאָענטסטן חבר, בן־צבי. ממה נפשך, ווען איך דאַרפן אין רוסלאַנד — וועסטו מיר שיקן. נישט? וועסטו עס אויסגעבן אויף וואָס דו וועסט געפינען פאַר נייטיק. ווען איך בין מיט יאָרן שפּעטער געלעגן קראַנק אין פּוילן, האָט מיר בן־צבי צוגעשיקט פון ישראל געלט. מיר האָבן נישט געהאַט קיין חשבונות, אָבער די פריינדשאַפט האָט אונדז באַגלייט אונדזער גאַנץ לעבן.

אַרומפאָרנדיק איבער דער ברייט און לענג פון די פאַראייניקטע־שטאַטן, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז אומעטום, ווו בן־צבי איז געווען, האָט ער נאָך זיך איבערגעלאָזט געפילן פון רעספּעקט און טיפער אַכטונג צוליב זיין צוגעלאָזנקייט, באַשיידנקייט און גוטער חברשאַפט.

מיט יאָרן שפּעטער בין איך איין מאָל געפאָרן פון פּוילן קיין ארץ־ישראל. כ'האָב באַקומען אַ וויזע אויף מיין פּאַס־נאָמען יעקב וויטקין, אָבער היות די צייטונגען האָבן פונאַנדערגעפּויקט, אַז „זרבבל פאָרט קיין ארץ־ישראל", איז באַלד דערשינען אַ קאָמוניקאַט פון בריטישן קאָלאָניאַל־אָפּיס, אַז זרבבל וועט נישט אַריינגעלאָזט ווערן אין פּאַלעסטינע, אַז מען וועט מיך נישט אַראָפּלאָזן פון שיף אין יפו. האָב איך עס גלייך געמאָלדן דורך די חברים קיין ירושלים — דער פּאָרזיצער פון ועד־לאומי דעמאָלט, בן־צבי, האָט געלאָזן אין גאַנג אַלע מעגלעכע איינפלוסן, צוגעצויגן ד"ר מאַגנעס, דעם לייב־דאָקטאָר פון נציב הערבערט סעמועל, דעם ד"ר ביסקין פון קליוולענד, און מיט געמיינזאַמע כוחות האָט מען געפּועלט באַם שטעלפאַרטרעטער פון סעמיועל, סטאָרס, מיך אַריינצולאָזן ווי אַ טוריסט אויף דריי חדשים מיט דער פאַרזיכערונג, אַז כ'וועל זיך נישט מישן אין פּאַ־

ליטישע אַנגעלעגנהייטן. בן־צבי האָט אין לעצטן מאָמענט באַוויזן מיר איבערצושיקן אַ צעטל אויפן שיף דורך אַן אַראַבישן שיפלער, אַז מען וועט מיך אַראָפּלאָזן, הגם די שיף האָט שוין געהאַלטן ביים פּאַרלאָזן דעם יפוער פּאָרט.

איך דערמאָן זיך נאָך אַזאַ חברישן זשעסט: שוין אַלס נשיא פון דער מדינת ישראל האָט מיר בן־צבי צוגעשיקט אַן אויסטערלישע מתנה צו מיין 70סטן געבוירן־טאָג — מיינע בריוו פון לוקישקער טורמע פון יאָר 1907 צו אים און רחל און „בלעטלעך פון אַ טאָג־בוך" אין ירושלים פון — 1914, וועלכע ער האָט אויפגעהיט אין משך פון לאַנגע יאָרן, בעת איך האָב לגמרי פאַרגעסן, אַז כ'האָב אַזעלכעס געהאַט...

5

בן־צבי האָט געהערט צו די ווינציקע חברים, וואָס זענען דאָס גאַנצע לעבן געבליבן טריי זיך, זייער אידעאַל און אומבויגזאַם געשפּאַנט מיטן איינמאָל אויסגעקליבענעם וועג צו זיין ציל.

דאָס האָט מען געזען באַשיימפּערלעך זינט ער איז געוויילט געוואָרן צום דערהויבענעם אַמט פון נשיא מדינת־ישראל. דאָס האָט נישט געענ־דערט זיין אינערלעכן כאַראַקטער און האַלטונג. איך דערמאָן זיך ווען איך בין צו אים געקומען דאָס ערשטע מאָל ווי צום נשיא. איך האָב נישט געוווּסט, ווי זיך צו האַלטן, ווי זיך צו ווענדן צו אים — צו מיין יוגנט־חבר. בן־צבי האָט מיר געהאָלפן זיך באַפרייען פון מיין צעטומלעניש מיט זיין איינפאַכער חברישער באַציִונג, ווי ס'וואָלט גאָרנישט פּאַסירט.

לויט אונדזער קאָנסטיטוציע, האָט דער נשיא נישט קיין שום מאַכט און השפּעה אויף דער פּאָליטיק פון לאַנד. עס איז אַ רעפּרעזענטאַטיווער אַמט. אָבער בן־צבי (ער האָט עס אָן ספק געהאַט געטאָן צוזאַמען מיט זיין לעבנס חברטע רחל ינאית), האָט געשאַפן אַן אייגענעם נוסח פונעם הויז פון ישראלס נשיא. און ס'איז געוואָרן אַ שם דבר: דאָס הויז פאַר אַלע און פאַר יעדן, אָן אונטערשיד פון עדהס און קלאַסן, פון פאַרב און קאָליר, שפּראַך און קלאַנג; דאָס אמתע קיבוץ־גלויות, אין דעם נאַטירלעכן אָר־גאַנישן אויסמיש און מיזוג.

ער איז געוואָרן דער פאָלקסטימלעכער נשיא, דער נשיא פון יידישן

פּאַלק, אויך פון יענע טיילן, וואָס זענען נאָך ווייט פון צו ווערן תושבים און בירגער פון דער מדינת ישראל.

ער האָט יאָרן לאַנג געפאָרשט די פאַרשטויסענע טיילן פון יידישן פאָלק, געשריבן וועגן זיי ביכער, געשאַפן אַ ספּעציעלן וויסנשאַפטלעכן פאָרש־אינסטיטוט, אָבער מער ווי דאָס אַלץ האָט געווירקט זיין הויז אין ירושלים.

אָפט פלעג איך פון אים הערן אין מאָמענטן פון דערהויבונג: דאָס איז אַלץ צו פאַרדאַנקען דעם פאַלטאַווער אַנהייב... פאַר אים איז פּאַלטאַווע נישט געווען קיין געאָגראַפישער פונקט, די שטאָט פון זיין געבוירן. פּאַל־טאַווע האָט געמיינט דעם אָנהייב פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג, דעם ווייטן קוק פאָרויס אויפן גאַנג און אַנטוויקלונג פון יידישן לעבן. דאָרט האָט ער נאָר אַלץ געזען און געדענקט באָראָכאָוון, וועמען ער, בן־צבי האָט צוגעצויגן צו דער פּאַרטיי און געוואָרן אַליין, געוויסערמאַסן, זיינער אַ תלמיד. באָראָכאָוו האָט פון אים געהערט די ערשטע פּערזענלעכע גרוסן און איינ־דרוקן פון פּאַלעסטינע, און אַ גאַנץ לעבן האָט זיך געפירט אַ קאָרעספּאָנ־דענץ צווישן די צוויי חברים, ווי אַזוי צו רעאַליזירן באָראָכאָווס עליה קיין ארץ־ישראל.

נישט געווען באַשערט: באָראָכאָוו איז פּלוצים אַרויסגעריסן געוואָרן פון לעבן אין עלטער פון 36 יאָר, און געקומען צו קבר ישראל אין קיִעוו אין יאָר 1917. בן־צבי האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט דעם דאָזיקן פאַקט און אַלע זיינע טעג געטראַכט און געזוכט וועגן, ווי אויסצולייזן באָראָכאָווס רעשטן פון דער ווילדער פאַרפרעמדקייט.

אים איז געלונגען ממש די לעצטע טעג פון זיין לעבן. אומצאָליקע מאָל האָבן מיר געשמועסט וועגן דעם און זיך מיישב געווען וועגן די געהעריקע פּאַסיקע שריט. דער ענין איז געוואָרן אַקטועל און דרינגענדיק נאָך מיין באַזוך אין ראַטנפאַרבאַנד, ווען ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז דער לוקיאַנאָווקער בית־עולם, וווּ מען האָט זינט לאַנג אויפגעהערט מקבר זיין מתים, וועט באַלד אויפגעאַקערט ווערן און ס'וועט נישט זיין קיין שום מעגלעכקייט צו ראַטעווען פון דאָרט וועלכע עס איז רעשטן.

בן־צבי האָט אין דעם מאָמענט איינגעזען, אַז ער מוז אויסנוצן זיין פּרעסטיזש, כדי צו שטיצן די ווענדונג פון באָראָכאָווס משפחה וועגן אַריבערפירן דעם קבר קיין ישראל.

איך וועל נישט פאַרגעסן דעם טעלעפאָנישן רוף צו מיר פון אונדזער נשיא אין איינעם אַן אָוונט, ווען ער האָט מיר דירעקט בכבודו ובעצמו אָנגעזאָגט די בשורה, אַז דער אָרון פון אונדזער לערער און חבר געפינט זיך שוין אויפן וועג קיין ישראל. מיר האָבן זיך קעגנזייטיק באַגריסט צו דער זכיה, וואָס אונדזערע באַמיִונגען האָבן מצליח געווען, לײדער איז שוין דער נשיא נישט געווען בכוח אַליין זיך צו באַטייליקן אין דער לוויה קיין כנרת.

6

העכער 10 יאָר איז בן־צבי געזעסן אויפן שטול פון נשיא פון מדינת־ישראל. זיין אָנדענק וועט בלייבן אין זכרון פון אַרבעטנדיקן פאָלק אין ישראל. בן־צבי איז דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן וועג — פון פּאָלטאַווע ביז ירושלים — און באַשטעטיקט די ריכטיקייט און פּריידיקייט פון דעם וועג, וואָס פירט צום גליק פון פאָלק, צו זיין פרייהייט און שעפערישקייט.

די הויפּט שטריכן פון זיין כאַראַקטער זענען נתגלה געוואָרן שוין באַלד אין זיינע יוגנט־יאָרן: ערלעכקייט פון מחשבה, טיפקייט פון געדאַנק, האַרמאָניע צווישן וואָרט און טאַט, באַשיידנקייט אין אויפּפיר, פאַרזיכטיקייט, אָבער אויך אַנטשלאָסנקייט אין האַנדלונג, פעסטקייט אין דורכפירן די פליכט, אַחריות פאַר יעדן שריט און קיין צוריקטריט אין די שווערסטע באַדינגונגען.

ער האָט קיין מאָל נישט געגעבן קיין פאַראָרדענונגען, און דאָך האָט מען געשפּאַנט נאָך אים, זיך צוגעהערט צו זיין שטים, נאָכגעפאָלגט זיינע מעשים. ער איז געווען אַ מוסטער אין לעבן, מען האָט זיך צו אים באַצויגן מיט יראת הכבוד, מיט אַכטונג און ליבע. ער האָט צוזאַמען מיט באָראָכאָוו פאָרמולירט דעם ענין פון „סטיכישן פּראָצעס" לגבי דער איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל, און איז אַליין געווען צווישן די ערשטע עולים אין דער צווייטער עליה. אים האָט געצויגן צו פאַרשן אַלטערטימלעכקייטן, און ער האָט אויסגעטראָטן וועגן פאַר אַ ניי חלוציש לעבן. ער האָט פאַרעפנטלעכט הונדערטער מאמרים און צענדליקער ספרים, אָבער זיין שם איז געקומען צוליב זיין פערזענלעכער ריינקייט און לויטערקייט פון זיין כאַראַקטער.

איסאַק שימשעלעוויטש האָט נישט געחלומט וועגן זיין אַ פּרעזידענט

אין מדינת ישראל, דאָס איז נישט געווען זיין פערספּעקטיוו און קיינער פון אונדז האָט עס נישט פאָרויסגעזען, בעת מיר האָבן זיך געוואָלגערט אין ירו־שלים אויף דער פאָדלאָגע אין דער דירה פון יחיא התימני. אָבער בן־צבי האָט זיך דערהויבן צו זיין שטול נישט צופעליק. ער האָט עס כשר פאַר־דינט. בן־צבי איז דריי מאָל געווײלט געוואָרן פון אַלעמען, ווי דער דער־ווײלטער און פאַרלאַנגטער נשיא.

אין יעדער מדינה באַמיט מען זיך אויף כלערליי דרכים דערציִען די בירגער צו גוטער בירגערשאַפט. בן־צבי האָט געווירקט מיט זיין האַלטונג און פירונג. אָן שום כוונות, נאַטירלעכערהייט, אָרגאַניש, האָט ער געגאָלטן ווי אַ ביישפּיל, און זיין הויז, דאָס הויז פון נשיא, איז געוואָרן דער קוואַל, פון וואַנען עס האָט געשטראָמט די נייע תורה פון ערלעכער בירגערשאַפט און טרייקייט — צום פאָלק און צו דער מדינה... געווען דאָ אַמאָל אַ הילצערנער צעלט, און ער האָט זיך אָנגעפילט מיט אַ נייעם קלימאַט פון ישראלדיקייט, דעם קלימאַט פון יצחק און רחל. אָן פאַריסנקייט, אָן איבערטרייבונג, פול מיט פאָלקס־אייגנאַרטיקייט און יידישן חן. טויזנטער און צענדליקער טויזנטער האָבן איבערגעטראָטן די שוועל, אַריין און אַרויס; געלייטערטע מיטגענומען מיט זיך דעם אַראָמאַט פון אייגענעם פאָלקס־דערוויילטן.

דער נשיא האָט געשטאַמט פון די „אַשכנזים", געלעבט מיט די ספר־דים, געזאָרגט פאַר די שומרונים, געווען אויסגעבונדן מיט די תימנים, פאַרבראַכט מיט די מאַראָקאַנער און פאַרשטאַנען די בוכאַרער. ער האָט געהערט צו אַלעמען, ווייל ער האָט געהערט צום איינהייטלעכן פאָלק, וואָס פאַר זיין פרייהייט און גליק האָט ער געווידמעט אַלע כוחות, אַלע טעג און אַלע יאָרן פון זיין לעבן. האָט ער זוכה געווען, דערלעבט צו זען, ווי אַחוץ דער ירושלים של מעלה קומט אויף אַ ירושלים של מטה. אַ פּשוטע, אַ רעאַלע, אַן אויסגעקעמפּטע און געשאַפענע נישט דורך חלומות, נאָר דורך שווערער מי און פראַצע.

ווען אַזאַ ירושלים האָט אַמאָל, אַמאָל, געחלומט דער סטודענט איסאַק שימשעלעוויטש: אין אַזאַ האָט אויסגעלעבט זיינע לעצטע יאָרן דער נשיא פון מדינת־ישראל — יצחק בן־צבי.

י. זרובבל

שלמה קאַפּלאַנסקי

געווען איז עס אין בערלין. שוין יאָרן נאָך דער שפּאַלטונג אין דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג, איז זיך צונויפגעקומען די קאָנפערענץ פונעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, וואָס אין איר האָבן זיך באַטייליקט ביידע טיילן פונעם אַמאָל איינהייטלעכן וועלט־פאַרבאַנד. ס'זענען אַדורך עט־לעכע טעג און נעכט פון שטורמישע וויכוחים מכוח די פּראָבלעמען פון אַקטיווער קאָנקרעטער פּאַלעסטינע־אַרבעט. ס'האָבן זיך דערנענטערט די לעצטע אַקאָרדן און מ'האָט געדאַרפט בלויז אויסאַרבעטן די רעזאָלוציעס. געווען דער אינערלעכער פאַרלאַנג צו געפינען אַ געמיינזאַמע פאָרמולע, וואָס זאָל קאָנען אָנגענומען ווערן פון אַלע צדדים, און דאָך האָט יעדער איינער זיך באַמיט דורך זיין פאָרמולירונג אַריינצוברענגען זיין באַזונדערן ניואַנס. דער „קוצו של יוד" האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן, געפאָדערט מען זאָל אים צאָלן זיין אָנגענומענעם שטייער.

מען האָט דערקלערט אַ הפסקה אויף אַ פּאָר שעה, כדי דערנאָך, שפּעט ביינאַכט, צו האָבן די שלוס־זיצונג אין אַ פייערלעכער שטימונג. די דעלעגאַטן האָבן זיך געאיילט צו כאַפּן פרישע לופט און פּטור צו ווערן פונעם טשאַד אין זאַל — אַ טשאַד פון רויך און פון רייד. געבליבן זענען נאָר די, וואָס האָבן געזאָלט צושטעלן די רעזאָלוציעס.

איך קוק זיך אום אין צימער. ערגעץ נישט ווייט ביי אַ טישל זיצט איינגעבויגן ש. קאַפּלאַנסקי און שרייבט. ער קוקט זיך איבער מיט מיר און שמייכלט מיט זיין איינגעהאַלטענעם קלוגן שמייכל: זיי, די יונגוואַרג, זענען זיך געגאַנגען אָפּרוען, אָפּפרישן, און אונדז, די „אַלטע שקאַפעס" האָט מען איינגעשפּאַנט. נישקשה מיר וועלן אַלץ שלעפּן, מעג מען אַרויפ־וואַלגערן נאָך און נאָך משאות. אין פלוג, זאָגט ער, האָט זיך גאָרנישט געענדערט. מיט יאָרן צוריק זענען מיר געזעסן און געשריבן רעזאָלוציעס, און איצט זיצן מיר ווידער און גרייטן צו רעזאָלוציעס. אלא וואָס? אָבער־מעלטן האָבן מיר עס געמאַכט צוזאַמען, איצט — באַזונדער. יעדער פאַר זיך. הגם די כוונה איז אַלץ טאַקע אַ געמיינזאַמע. איז אפשר, אַ סברא,

שמייכלט קאַפּלאַנסקי ווייטער, מיר זאָלן דאָ אין צווייען אָנשרייבן די געמיינזאַמע רעזאָלוציע און איינשפּאָרן די וויכוחים?

יאָרן זענען זינט דאַן אַריבער, און איך זע כסדר פאַר זיך קאַפּלאַנסקין, ווי ער זיצט איבערן פּאַפּיר; דער מוח זיינער איז וואַך. און ער שרייבט פאַר דער באַוועגונג. ער זוכט צו פאָרמולירן איר געדאַנק און פאַרלאַנג, ווי צו סטימולירן איר רצון און אַקטוויזירן איר קראַפט.

ש. קאַפּלאַנסקי איז געשטאָרבן. זיין קבר איז אין עמק־יזרעאל, אין מרחביה. אָבער זיין געשטאַלט לעבט פריש אין זכרון. אָפּגעהיטן אין זיין גאַנג און הילוך, אויסגערעכנט אין זיינע ווערטער און באַוועגונגען, ווי ער וואָלט אַלץ קאָנטראָלירט דורך מוזיקאַלישן טאַקט. ער איז פון תמיד אָן געווען דער עסטעט און דער סאַלאָן־מאַן אין דער באַוועגונג. געבאָרן אין ביאַליסטאָק און געשטודירט אין ווין — האָט ער מיט זיך פאַרקערפּערט דעם סינטעז פון יידישן ביאַליסטאָק און אייראָפּעיִשן ווין. אַ מאָדערנער, שטאָלצער, באַוווסטזיניקער ייד צווישן די אייראָפּייער און אַן עלעגאַנטער, הויך־קולטורעלער, געבילדעטער אייראָפּייער צווישן די יידן. אין פלוג אַ בולטע, אינדיווידואַליסטישע נאַטור, וואָס האָט אַן אייגענעם שפּאַן און פאַרמאָגט אייגענע כאַראַקטעריסטישע מאַנירן און סטיל אין שרייבן, אין רעדן, אין זיין גאַנצער התנהגות און אויפטריט. און דאָך — דורכגענומען מיט אַ זעלטענעם, מערקווירדיקן דרך־ארץ און אַכטונג פאַרן קאָלעקטיוו, אַזוי פיל זאָרג און אינטערעס פאַרן כלל.

ער האָט געהערט צו די ערשטע אָנזאָגער פון דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונג. ס'האָט זיך ערשט געוועקט דער אַרבעטער־געדאַנק, און די ערשטע רעאַגירונג איז געווען מער אַן אימפּולסיווע, אומדורכגעטראַכטע, געצילט אין דער נאָענסטער געפאַר, געווענדעט קעגן דעם דירעקטן שונא, דעם קאָנקרעטן, וואָס מען זעט אים בחוש. דאָס איז געווען, ווי באַראָכאָוו האָט עס צו יענער צייט פאָרמולירט, די פּרימיטיווע רעאַגירונג, וועלכע זעט דעם פאַקט און זוכט נישט דעם פאַקטאָר, וואָס האָט גורם געווען דעם פאַקט.

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם שורש פון די געשעענישן און פּאַסירונגען אין יידישן לעבן. דאָס איז שוין כלל נישט אַזוי פשוט. דאָ מוז מען זוכן, פאָרשן, שטודירן, מאַכן אויספירן, אַרויסנעמען דעם מוסר השכל. קאַפּלאַנסקי איז געווען איינער פון די

זוכער און פאָרשער, דערפאַר אויך צווישן די, וואָס האָבן, אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ס׳איז פאַראַן אַן אויסוועג פון אונדזער אומנאַרמאַלער לאַגע, אַז ס׳איז גאַראַנטירט אַן ענדערונג אין דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע. אַ קינד פון דער רעוואָלוציע־תקופה אין זיין היימלאַנד, רוסלאַנד, האָט קאַפּלאַנסקי אויך אין עסטרייכישן ווין באַנומען די היסטאָרישע ראָל פון אַרבעטער אין יידישן לעבן, הגם אין זיין נאָענטער סביבה האָט ער אַזוינס נישט געזען. אָבער ביאַליסטאָק, די שטאָט פון יידישע וועבער און פאַרביטערטע שטרייקן, איז אים נאָכגעגאַנגען, און יענעם קאַמפּס־ניגון פון דער יוגנט האָבן נישט געקאָנט פאַרשטומען די זיסע, סענטימענטאַלע מעלאָדיעס פון שטראַוס, וואָס קאַפּלאַנסקיס צאַרטער, מוזיקאַלישער אויער האָט אַזוי עמפינדלעך אויפגענומען.

לויטן פאַך אינזשיניער, איז קאַפּלאַנסקי אין זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט געווען מייסטער פון פאָרם און מקפּיד געווען אויף דער שלימותדיקייט פונעם ווערק, עס זאָל אַלץ שטימען אויף אַ האָר און ס׳זאָל נישט אַרויסקריכן קיין יוצא דופן אין דעם בנין. ווי אַ לאַנגיאָריקער לערער, האָט ער פאַרלאַנגט קולטור אין סטיל אויך אין באַנעמונג, דעריבער איז געווען אַזוי נאַטירלעך, וואָס גראָד ער, קאַפּלאַנסקי, איז געווען דער ערשטער רעפּרעזענטאַנט פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער נישט־יידישער אַרבעטער־וועלט, אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דאָס נעמלעכע האָט ער געהאַט די זכיה צו זיין דער ערשטער פאַרטרעטער פון דער אַרבעטערשאַפט אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. ער איז געווען צווישן די גרינדער פון אַלוועלטלעכן, סאָציאַליסטישן יידישן אַרבעטער־פאַרבאַנד פועלי־ציון און זיין ערשטער סעקרעטאַר.

נאָך אין די גאָר פריע יאָרן האָט קאַפּלאַנסקי מיטגעהאָלפן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס דורכצופירן די רעזאָלוציע וועגן דער אַרבעטער־געזעלשאַפט לויט אָפּענהיימערן, דער ערשטער פּרווו פון אַ קאָאָפּעראַטיווער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, וואָס איז אויסגעפאַלן אין איין צייט מיט דער ערשטער קבוצה דגניה, אַן אייגענער ארץ־ישראל פּראָדוקט.

איך דערמאָן זיך קאַפּלאַנסקיס רעפעראַט וועגן יידיש־אַראַבישע באַציִונגען נאָך מיט העכער 50 יאָר צוריק. זיין הויפּט געדאַנק איז געווען, אַז יידן זענען פאַראינטערעסירט אין דעם ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן

אויפשטייג פון די אַראַבישע מאַסן און אַז דערפאַר מוזן מיר זיי העלפן איבערצוגיין פון זייער פרימיטיוון לעבנס־שטייגער צו אַ העכערן ניוואָ. מיר וועלן תמיד האָבן אַן אַראַבישע מיליאָניקע אַרומרינגלונג. איז מיט די פעאָדאַלן און ערד־פּריצים וועלן מיר קיינמאָל נישט האָבן קיין גע־מיינזאַמע שפּראַך. אָבער דערפאַר קאָנען מיר זיך יאָ צונויפרעדן מיט די געפּלאָגטע און בעוולהטע פאָלקס־מענטשן, זיי זאָלן דערפילן און דער־קענען, אַז ציוניזם איז אויך פאַר זיי אַ ברכה.

דער דאָזיקער איבערצייגונג זיינער איז קאַפּלאַנסקי געבליבן טריי דאָס גאַנצע לעבן.

איינמאָל האָבן זיך ביי מיר אין שטוב געטראָפן אַ פּאָר עלטערע חברים, וואָס זענען געשטאַנען ביים וויגעלע פון פועלי־ציוניזם. ווי דער שטייגער אין אַזעלכע באַגעגענישן, האָט מען זיך דערמאָנט אַמאָליקע יאָרן. די ערשטע טריט.

רופט זיך אָן קאַפּלאַנסקי: ביז אויף היינטיקן טאָג איז מיר אַ חידוש — פון וואַנען האָט זיך ביי אונדז גענומען די העזה ניין, חוצפה, אין יענע צייטן, מיט העכער 40 יאָר צוריק, אַרויסצוגיין מיט אונדזער רוף צו סאָציאַליסטישן ציוניזם. אין דער אמתן זענען מיר דאָך אַלע געווען צו־ציקעס, צוואַנציק־יאָריקע שנעקעס. ארץ־ישראל איז געווען וויסט און פּוסט. ווייניק יידן אין איר, קליינע גרופּקעס פּיאָנערן מיט אַ טערקישן רויטן צעטל זענען געגאַנגען צו איר. קומען מיר פּלוצים און רודערן און ליאַר־מען: אַ סאָציאַליסטישע מדינה. נישט גענוג סתם אַ מדינה, איז בפירוש אַ סאָציאַליסטישע.

אַזוי פרעגט קאַפּלאַנסקי און ענטפערט אַליין: געדענקט איר אונדזערע נביאים? ערד־אַרבעטער, פּאַסטוכער, אין פּלוג, געוויינלעכע פאָלקס־מענ־טשן. מיט אַ מאָל קומט אַ עמוס, אַ הושע, אַ יחזקאל און גיט זיך אַ זאָג: גאָט האָט מיך צו אייך געשיקט. כה אמר אדוני. זיי זענען געווען גלייביקע, פּאַרכטיקע יידן. טאָ ווי האָבן זיי געוואַגט אַזוינס אַרויפצוברענגען אויף זייערע ליפּן? דורך זיי רעדט גאָט, צו זיי האָט גערעדט גאָט? איז עס נישט קיין לעסטערונג, קיין חילול השם? דער ענטפער איז: זיי האָבן געגלייבט אין זייער וואָרט, אַז ס'איז באמת גאָטס וואָרט; זיי זענען געווען דורכ־גענומען מיט דער אמונה, אַז גאָט האָט זיך טאַקע באַוויזן צו זיי און זיי

געשיקט צום פאָלק אין זיין נאָמען. מיטן כוח פון אָט דער אמונה זייערער האָבן זיי נביאות געזאָגט אין גאָטס נאָמען.

היינט, האָט פאַרענדיקט קאַפּלאַנסקי, מעגן מיר זיך דערלויבן צו זאָגן, אַז אויך אין אונדז האָט געווירקט אָט דער פלאַמיקער גלויבן אונדזערער, אַז מיר וועלן באמת באַזעצן און באַלעבן ארץ־ישראל, אַז ס'וועלן טאַקע קומען מיליאָנען יידן אַהער, אַז ס'וועט טאַקע אויפגעריכט ווערן אַ יידישע מדינה און דווקא אַ סאָציאַליסטישע. מיר זענען דאַן געווען יונג און פול מיט פּאַטאָס, — פון דאַנען די העזה, די חוצפה, די תקיפות, אַז מיר ברענגען דאָס אמתע וואָרט פון פרייהייט און גאולה צום פאָלק. איצט ווערט עס מקוים.

קאַפּלאַנסקי איז געווען איינער פון אָט די אמת־ברענגער, גאולה־אָנזאָגער.

שלמה קאַפּלאַנסקי האָט געהאַט די זכיה צו זיין דער רעפּרעזענטאַנט פון אַ דור, וואָס האָט אויפגענומען און רעאַליזירט די גרעסטע און דערהויבנסטע וויזיע פון דער יידישער געשיכטע — ער איז געווען דער וואָרט־זאָגער און וועג־ווייזער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, איינער פון די גרינדער און פירער פון דער פועלי־ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, פון אירע אויסדערוויילטע פאַרשטייער אין דער יידישער און אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־וועלט.

קאַפּלאַנסקי האָט פאַרמאָגט זיינע אינדיווידועלע מעלות און האָט זיך אויסגעצייכנט אין לעבן ווי איינע פון די מערקווירדיקסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָט באַצויבערט זיינע אַרומיקע און אַרויסגערופן אַפילו ביי קעגנער דרך־ארץ און אַכטונג. אַ מענטש פון וויסן און חכמה, מיט זעלטענעם טאַקט און איינגעבוירענער אינטעליגענץ; באַשיידן אין זיין האַלטונג און רעספּעקטפול אין זיין אויפטריט, נעימותדיק אין זיין גאַנג און פעסט אין זיין שטעלונג, מיט שאַרפן אויפבליק פון געדאַנק און פיינעם באַחנטן געמיט, מיט זין פאַרן פאַרטיפטן טעאָרעטישן אַנאַליז און פאַרשטענדניש פאַר פשוטער פּראַקטיק און אָרגאַניזאַציע.

ער איז אויפגעקומען מיט אַ מאָל, ווי אַ פירנדיקע געשטאַלט, אַרום וועלכער עס האָבן זיך גרופּירט תלמידים און געזאַמלט חברים. ער איז געקומען מיט זיין וואָרט צו די מאַסן, און זיי האָבן אים אָנערקענט אַלס

לערער און אָנגענומען זיינע אָנווייזונגען, ווי פּרינציפּן און אינסטרוקציעס פאַרן אייגענעם גאַנג אין לעבן און אין קאַמף.

שלמה קאַפּלאַנסקי איז אויפגעטרעטן אויף דער אַרענע פון יידישן פּראָלעטאַרישן קאַמף אין די פּרימאָרגן־שעהן פון פּועלי־ציון, נאָך איידער די באַוועגונג האָט זיך זעלבסבאַשטימט און ער האָט מיטגעהאָלפן צו דער קריסטאַליזירונג פון דעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם.

היינט צו טאָג איז שווער צו באַגרייפן דעם געראַנגל, וואָס דער סאָציאַליסטישער ציוניזם האָט געהאַט דורכצומאַכן אין די ערשטע צענד־ליקער יאָרן, ווייל זיינע באַגריפן און אידעען זענען שוין לאַנג אַרויס פון גדר פון אַבסטראַקטקייט און טעאָרעטישער הלכה; זיי זענען געוואָרן שטיקערווירקלעכקייט, וועלכע ווערט נישט אָפּגעפרעגט און רופט נישט אַרויס קיין ספקות אויך ביי שונאים און קעגנער. אָבער דאָס איז דאָך דער פאַרדינסט און אויפטו פון די ערשטע, וואָס זיי האָבן באַוויזן אויס־צוהאַלטן אויף זייערע פּאָזיציעס קעגן דעם קרייץ־פייער פון איבעוויי־ניק און דרויסן, אין דער יידישער און נישט־יידישער גאַס, קעגן אַסימילאַציע און שאָוויניזם, קעגן בירגערלעכער פּחדנות און פּראָלעטאַרישן ניהיליזם. אין די ערשטע יאָרן האָט מען געהאַט אויסצושטיין דעם דאָפּלטן אָנגריף מצד דער יונגער, אויפגייענדיקער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט פּראָקלאַמירט די אחדות פון קלאַסן און די באַפרייונג פון פאָלק און נישט געוואָלט אײנזען קיין קלאַסן־קעגנזאַצן ביים אויפבויען ארץ־ישראל. פּונקט אַזוי און נאָך מער איז שווער געווען דורכצוברעכן די וואַנט פון פרעמד־קייט און דאָגמאַטישקייט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס האָט נישט געוואָלט זען די ספּעציפישקייט פון דער יידישער ווירקלעכקייט.

שלמה קאַפּלאַנסקי האָט די יאָרן פון יוגנטלעכער רייפקייט פאַרבראַכט אין ווין, און אים איז באַשערט געווען צו ווערן דער לידער פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג אין עסטרייך. ס'איז געווען נישט בלויז די פּאַרטיי, וואָס ער איז געשטעלט געוואָרן אין איר שפּיץ. ס'האָט זיך אויסגעאַרבעט זיין באַזונדערע שיטה, די עסטרייכישע שיטה פון פּועלי־ציוניזם, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געהאָלטן אַלס קעגנערישע און קאָנקורירנדיקע מיט דער רוסלענדישער פּועלי־ציון, וועמענס אידעישער פּאַן־טרעגער און אויס־דריקער איז געווען אין די זעלבע יאָרן בער באָראָכאָוו.

אין יאָר 1920 איז קאַפּלאַנסקי אַוועק צוזאַמען מיט די רעכטע, בעת די

באַוועגונג איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַרן היסטאָרישן נסיון ביים באַשטימען די ראָל פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

קאַפּלאַנסקי האָט אָבער אויך אין די רייען פון מפא״י אויפגעהיט זיין טרייהייט צום סאָציאַליסטישן אידעאַל און אין אַלע זיינע אויפטריטן האָט ער אומדערמידלעך און עקשנותדיק געקעמפט קעגן דער רעפאָר־מיסטישער פירערשאַפט, וועלכע האָט אים כסדר און באַוווסטזיניק אַוועק־געדרוקט און אַוועקגעשטופּט פון די פּאָזיציעס, ווו זיין השפּעה וואָלט גע־קאָנט פירן צו אַנדערע האַנדלונגען.

אין יאָר 1912 איז קאַפּלאַנסקי געקומען אין שליחות פון פאַרבאַנדס־ביוראָ קיין ארץ־ישראל אויפצושטעלן דאָס אַרבעטס־ביוראָ כדי אָנצוהייבן די טעטיקייט פון דעם נייעם פינאַנץ־אינסטיטוט אונטערן נאָמען „פּאַלעס־טינע אַרבעטער־פאָנד״. ס׳איז, ווי באַקאַנט, אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער וויכוח צווישן „פועלי־ציון״ און „הפועל הצעיר״ אַרום דעם דאָזיקן פאָנד. הפועל הצעיר, בראש מיט א. ד. גאָרדאָן, יוסף אהרונוביץ און צבי יהודה, האָבן אָנטשידן אָפּגעוואָרפן דעם עצם געדאַנק וועגן אַזאַ סאָלידאַריטעטס־פאָנד פון יידישע אַרבעטער אין חוץ לארץ. זיי האָבן אין דעם געזען שנאָרעריי. פאַרוואָס דווקא אַרבעטער, בעת אונדז אינטערעסירט צו געווינען די יוגנט בכלל. זיי האָבן אין דעם דערשמעקט קלאַסן־קאַמף, רחמנא ליצלן, און פון דעם האָבן זיי געוויכט, ווי פון אַ פּגע רע.

קאַפּלאַנסקי האָט צוגעטראָגן זיין באַדייטנדיקן צושטייער אין אָט דעם וויכוח, וואָס האָט ממש אויפגעשטורעמט דעם גאַנצן אַרבעטער־ציבור. קאַפּלאַנסקי מיט מיר זענען אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד, באַזוכט קאָלאָניעס און קבוצות כדי אויפצוקלערן דעם אידעישן און פּראַקטישן ווערט פון „פּאַלעסטינאַ אַרבעטער פאָנד״, דעם טיפערן סאָלידאַריטעט־רעיון, וואָס ער טראָגט מיט זיך צו דער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטערשאַפט.

היינט צו טאָג איז עס אַזוי נאַטירלעך און עלעמענטאַר, אָבער אין יענע יאָרן האָט מען אויף פאַרזאַמלונגען און ספּעציעלע קאָנפערענצן דעבאַטירט און, אַגב, אונדז נאָכגעפאָרן פון קאָלאָניע צו קאָלאָניע, כדי צו באַקעמפן אונדזער אַפּיקורסות.

קאַפּלאַנסקי האָט אין וואָרט און שריפט זיך באַטייליקט אין אונדזער אידעישן געראַנגל.

אין יאָר 1917, אין סאַמע ברען פון וועלט־קריג האָבן זיך געטראָפן

אין שטאָקהאָלם מיטגלידער פון פאַרבאַנדס־ביוראָ, כדי צו פאָרמולירן די פאָדערונגען פון פועלי־ציון צו דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג אין שיכות מיטן אויסגאַנג פון דער מלחמה.

אין שטאָקהאָלם האָט דעמאָלט אַמטירט דאָס ביוראָ פונעם האָלענדיש־סקאַנדינאַווישן שלום־קאָמיטעט. באראָכאָוו, קאַפּלאַנסקי, כאַזאַנאָוויטש, בערל לאָקער און איך האָבן אונטערגעשריבן דעם מעמאָראַנדום. קאַפּלאַנסקי האָט שטאַרק משפיע געווען אויף די פריינטשאַפטלעכע באַציִונגען מיט דעם בעלגיער קאַמיל הויסמאַן, מיטן האָלענדער טראָעלסטרא און שוועד בראַנטינג — די מיטגלידער פון דעם פּרעזידיום, און אויף זיין חשבון דאַרף מען פאַרשרייבן אַ גרויסן טייל פון אונדזער געווינס — די אינטערנאַציאָנאַל סאָציאַליסטישע אָנערקענונג פאַר די פועלי־ציון.

קאַפּלאַנסקי איז געבליבן טריי דעם סאָציאַליזם און נישט פאַרטראָגן דעם פּאַראַט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע לגבי דעם פּראָלעטאַרישן אידעאַל. מיר האָבן זיך באַגעגנט פון סניי אין דער ליגע פאַר הילף דער רויטער אַרמיי, אין דעם שטרעבן אָנצוקניפּן פריינטשאַפטס־פאַרבינדונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד.

קאַפּלאַנסקי איז געווען צווישן די אַקטיוויסטע טוער אין דער פריינטשאַפטס־ליגע ישראל־ראַטנפאַרבאַנד.

בעת מיר האָבן אין ירושלים אויפגענומען די ערשטע אָפיציעלע שליחים פון ראַטנפאַרבאַנד צו אונדזער „ליגע״, איז ש. קאַפּלאַנסקי געווען דער פאָרזיצער פון דער אימפּאָזאַנטער דערעפענונגס־זיצונג און אין נאָמען פון צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער האָט ער באַגריסט די געסט.

און אַזוי האָט ער געזאָגט:

„מיר, יידן, האָבן די ערשטע דערקענט די נאַצישע חיה אין איר נאַקעטקייט און די גרויליקייט, וואָס זי ברענגט דער גאַנצער מענטשהייט. נישט נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט אונדז געפּאַקט אַלס ערשטן קרבן פון איר סיסטעם אויסצוהונגערן און צו דערנידעריקן; מיר האָבן געגאָלטן ווי דער סייסמאָגראַף, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם שטורעם, וואָס דערנענטערט זיך. מיט אונדזער אינסטינקט, וואָס האָט זיך אויסגעשאַרפט אין די בלוטיקע היסטאָרישע נסיונות, מיט אונדזער עמפינדלעכן חוש וואָס האָט זיך פאַרפולקומט אין די דורותדיקע פּורעניותן, האָבן מיר דערשפּירט די גרויס פון דער געפאַר. טייערע יאָרן זענען אַוועק אין ניוועץ ביז די

וועלט־דעמאָקראַטיע האָט באַנומען, אַז די זאָאָלאָגישע שנאה צום יידישן פאָלק איז אין עצם בלויז אַ וועג, ווי צו דערציען צו בעסטיאַלישקייט לגבי אַנדערע מענטשן און פעלקער".

קאַפּלאַנסקי האָט זיך נישט באַגנוגנט מיטן אונטערשטרייכן דעם אַל־געמיינעם אַנטיפאַשיסטישן עלעמענט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם פאַקט, וואָס יידן באַטייליקן זיך אַקטיוו אין אַלע קעמפנדיקע מחנות קעגן נאַציזם און צוגעגעבן: „די געוועזר־פאַרבריִדערונג מיט דער רויטער אַרמיי פילט אַן אונדזער האַרץ מיט שטאָלץ; אָבער איך בין זיכער, אַז קיינער וועט מיר נישט נעמען פאַר אומגוט, ווען איך וועל זאָגן, אַז זי איז אונדז באַזונדערס טייער מחמת זי האָט באַנייט דעם בונד צווישן אונדז און דעם יידישן כלל פון רוסלאַנד, וועלכער איז איבער־געריסן געוואָרן באַלד צוויי צענדליק יאָר".

„דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל, האָט קאַפּלאַנסקי באַטאָנט, איז אין זיין גרויסער מערהייט געקניפּט דורך טויזנטער בענדער — משפּחה־פאַרבינדונג און גייסט־פאַרבינדונג — מיטן ראַטנפאַרבאַנד. צוזאַמען מיט אַנדערע קולטור־פעלקער זענען מיר אויפגעציטערט צו הערן, אַז דאָס הויז פון טאָלסטאָי איז דורך די נאַציישע באַרבאַרן פאַרשוועכט געוואָרן, פּונקט ווי דער דענקמאָל פאַר פּושקינען. אָבער ווי פּלאַצט נישט אונדזער האַרץ, אַז מיר הערן וועגן דעם חורבן פון דעם מוזעאום אויפן נאָמען פון מענדעלי אין אָדעס און פון שלום־עליכם אין קיעוו, אָדער סטראַשונס ביבליאָטעק און ייוו"אָ אין ווילנע. דאָס רוסישע יידנטום איז דאָס וויגעלע פון דער נייער אויפלעב־באַוועגונג פון יידישן פאָלק אין אַלע אירע אַנט־פּלעקונגען. דאָרט איז געבאָרן געוואָרן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע אירע שטרעמונגען, פון איר האָט באַקומען איר חיות די ציוניס־טישע באַוועגונג. זי האָט אונדז געגעבן די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור אין עברית און אין יידיש, זי האָט אונדז צוגעשטעלט דעם איבערוויגנדיקן רוב פון דעם נייעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. אַן דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן פּאַטאָס פון דער יידישער יוגנט אין רוסלאַנד, וואָס האָט זיך געשטאַלט דורך דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָלטן מיר אין ארץ־ישראל נישט צוגעקומען, מאַטעריעל און גייסטיק, צו דעם, וואָס מיר האָבן געשאַפן פאַר 40 יאָר, בפרט פאַר די לעצטע 20 יאָר".

קאַפּלאַנסקי האָט געשילדערט די ברוטאַליטעט, מיט וועלכער מיליאָ־

נען יידישע פליטים פון פוילן ווערן באַהאַנדלט און מיט די פיס געטראָטן דורך די נאַציס און זייערע מיטהעלפער אין רומעניע און אונגאַרן, און פאַרגעזעצט: „מיר שאַצן־אָפּ די אָנשטרענגונגען פון דער סאָוויעטישער רעגירונג, וואָס האָט אַריבערגעפירט הונדערטער טויזנטער יידן טיפער אין דער מדינה און זיי געראַטעוועט פון די נאַציסע נעגל. מיר שטאַלצירן צוליב דעם אָנטייל פון יידן אין דער רויטער אַרמיי און אין די העלדישע פאַרטיזאַנקעס. זאָלן אַלע וויסן, אַז מיר באַמיען זיך, אַז דער רוף פון די רוסישע יידן צו די יידן אין דער וועלט זאָל דערהערט ווערן און אַז די הילף, וואָס מיר קאָנען געבן ווי אַ צוגאָב צו אונדזער מלחמה־אָנשטרענג אין די ראַמען פונעם בריטישן און ארץ־ישראלדיקן אָנשטרענג, זאָל געגעבן ווערן מיט ליבע און אָנערקענונג, מיט דעם שטאַרקן ווילן, צו באַנייען די גורל־שותפות און היסטאָרישע געקייטלטקייט צווישן אונדז און דעם פּרעכטיקן צווייג פון אונדזער פאָלק אין דער רחבות פון ראַטנ־פאַרבאַנד.

אונדזער גרייטקייט צו העלפן, צו פלעגן באַציִונגען פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש און סאָלידאַריטעט איז נישט באַדינגט דורך קיין שום באַדינגונגען. זי ווערט באַגלייט מיט דער האָפענונג און שטרעבונג צו אויפריכטיקער דערנענטערונג, פאַרשטענדעניש און דערקענונג. די „ליגע" וויל אַרומנעמען דעם גאַנצן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, דערנענטערן אים צום ראַטנפאַרבאַנד אָן קיינערליי חשבונות, אָן פּניות, אָן אידעאָלאָגישע אָדער פּאָליטישע וויכוחים.

אָבער מיר שטרעבן גלייכצייטיק, אַז די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד זאָלן דערקענען דעם דאָזיקן ישוב ווי ער איז באמת".

און קאַפּלאַנסקי האָט פאַרענדיקט מיט די ווייטערדיקע אויפריכטיקע, אָפענע, טרעפלעכע ווערטער:

„דאָס פאָלק, וואָס זיצט אין ציון, איז אַ ציוניסטישער, נישט נאָר אין געאָגראַפישער הינזיכט. ער איז ציוניסטיש מחמת ער באַטראַכט זיך ווי דעם טרעגער פון אַ היסטאָרישער וויזיע, ווי אַ שליח און חלוץ פון אַ גרויס באַפרייונגס־ווערק — די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייונג פון יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל. מיר זענען אַהערגעקומען באַלאָדן מיט דעם פאַטערלאַנדס־טרוים פאַר אונדזער געפייניקט פאָלק. אונדזער וויזיע פון אַט דער רעוואָלוציאָנערער ענדערונג אין די באַדינגונגען פון אונדזער נאַ־

ציאָנאַלן קיום האָט זיך אַריינגעפלאָכטן אין דער וויזיע פון אחרית־הימים — פון גערעכטיקייט, גלייכקייט און ברידערלעכקייט צווישן פעל־קער, ווען „אַ פאָלק וועט נישט אויפהייבן קיין שווערד אויף אַ צווייטן פאָלק און מ׳וועט מער נישט לערנען מלחמה" — די וויזיע, וואָס די יידישע נביאים האָבן אָנגעזאָגט אין דער דאָזיקער שטאָט ירושלים מיט 2500 יאָר צוריק. ווער נאָך ווי די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד זענען מסוגל צו פאַר־שטיין אַזאַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג! דעריבער זענען מיר זיכער, אַז מיר וועלן בלייבן פאַראייניקט נישט נאָר אינעם גרויסן קאַמף קעגן דעם געמיינזאַמען שונא, נאָר אַז מיר וועלן בלייבן פאַרבינדעטע אויך נאָך דעם ניצחון. מיר זענען זיכער, אַז אונדזער פאָדערונג צו די פעלקער פון דער וועלט וועגן גערעכטיקייט, פרייהייט און גלייכקייט, וועגן אַ פאָטער־לאַנד און זיכערן האָפן פאַרן יידישן פאָלק וועט אַנטרעפן פאַרשטענדעניש און שטיצע אויך אינעם ראַטנפאַרבאַנד".

*

מיר האָבן זיך מיט קאַפּלאַנסקין געטראָפן אין געמיינזאַמער אַרבעט מערערע מאָל.

אין 1909 האָבן מיר אויף דער קאָנפערענץ פון די רוסישע פועלי־ציון אין ווין צוזאַמען זיך געראַנגלט פאַרן געדאַנק וועגן פאַראייניקן אַלע סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע פאַרטייען (פועלי־ציון, סיימיסטן און סאָצ. טעריטאָריאַליסטן). מיט באַראָכאָוון איז אויפגעטרעטן אויך קאַפּלאַנסקי אין דעם היסטאָרישן וויכוח מיט מ. ב. ראַטנער (סיים), לאַצקי בערטאָלדי און ד"ר יוסף קרוק (סאָצ. טער.).

אין יאָר 1946 האָבן מיר זיך באַגעגנט אין צפון־אַמעריקע. דער דאָר־טיקער „קאָמיטעט פון קינסטלער און שריפטשטעלער פאַרן ראַטנפאַרבאַנד" האָט איינגעאָרדנט אַ מסיבה פאַר די צוויי מיטגלידער פון דעם פרעזידיום פון דער ליגע אין ארץ־ישראל.

ביידע האָבן מיר אַרויסגעבראַכט די מאָנונג וועגן הילף פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל אין איר קאַמף קעגן ברי־טישן אימפּעריאַליזם און אַראַבישן פאַשיסטישן פעאָדאַליזם.

קאַפּלאַנסקי האָט אונטערגעשטראָכן, אגב: „אונדזער ליגע האָט אין איר יסוד צוויי גלייכוואַרטיקע פּרינציפּן: פון איין זייט — פאַרשפּרייטן דעם

אמת וועגן ראַטנפאַרבאַנד, זיינע דערגרייכונגען און וועקן סימפּאַטיע פאַר זיין טעטיקייט און געראַנגל; פון דער אַנדער זייט — פאַרשפּרייטן דעם אמת וועגן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, סטימולירן און וועקן די סימפּאַטיע מצד דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג און איר הילף צו אונדזער געראַנגל. דער ראַטנפאַרבאַנד אָנערקענט אונדזער פּריינטשאַפט צו זיין גראַנדיעזן ווערק; אָבער מען טאָר זיך נישט באַגנוגענען מיט איינזייטיקער ליבע. מיר ווילן אַ קעגנזייטיקע ליבע. מיר האָבן זיך געיאָגט צום קאַמף קעגן היטלערן, וואָס האָט געמיינט פאַר אונדז אַלץ. די יידן פון אַלע תפוצות האָבן זיך אָפּגערופן אויף דעם היסטאָרישן רוף פון יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין ראַטנפאַרבאַנד.

פאַרוואָס־זשע שטייט די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטערשאַפט אָן אַ זייט ווען מיר, יידן, ווערן אין אייגענעם פאָטערלאַנד באַלאַגערט? פאַרוואָס זאָלן זיי אַלע זיך נישט מאָביליזירן צו אונדזער הילף אין אונדזער געראַנגל קעגן שונא?

דאָס איז די פאָדערונג מיט וועלכער מיר קומען צו די אַרבעטער פון גאָר דער וועלט און קודם־כל פון ראַטנפאַרבאַנד. דאָס פאָדערט די ליגע פאַר אמתער קעגנזייטיקער פריינטשאַפט".

איך געדענק, סאָראַ שטאַרקן רושם קאַפּלאַנסקיס רייד האָבן געמאַכט אויף אַלע אָוועזנדיקע. זיי האָבן צווישן זיך איבערגעחזרט: דאָס זענען דאָך אמתע רייד. וואָס פאַר אַ טעם האָט אַן איינזייטיקע ליבע? די פאָדערונג פון קעגנזייטיקייט איז אַן עלעמענטאַרע, ערלעכע פאָדערונג.

*

קאַפּלאַנסקי איז געבליבן טריי זיין וויזיע. דאָס איז געווען די וויזיע פון זיין לעבן און פון זיין טעטיקייט אין אַלע לענדער, ווו אים איז אויסגעקומען צו ווירקן.

דאָס איז אים געלונגען אַ דאַנק זיין מאָראַלישן כוח, לאָגישן טאַ־לאַנט און וויסנשאַפטלעכן ניסיון. ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַגנוגנט מיט רעדן וועגן דער וויזיע. ער איז געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן געוווסט צו רעאַליזירן די וויזיע דורך רעאַלע מעשים. ער האָט געהאַט די זכיה צו זען מיט אייגענע אויגן, ווי זיין וויזיע הייבט זיך אָן צו פאַרווירקלעכן. ס'איז אויפגעקומען די מדינה ישראל. ס'איז געשטיגן אין

צאָל און זיך געקרעפטיקט די אַרבעטערשאַפט. ס׳האָבן זיך געעפנט נייע אויסזיכטן פאַרן קלאַסן־געראַנגל — אַ געראַנגל אין היקף פון מדינה, אַ געראַנגל פאַר דעם תוכן און פאַר דער פאָרעם פון לעבן פון אַ נאָרמאַלן אַרבעטס־פאָלק, אַ געראַנגל פאַר אַ סאָציאַליסטישער פּאָליטיק אין דער יידישער מדינה.

קאַפּלאַנסקי איז נפטר געוואָרן אין חיפה, און ס׳האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ, ס׳האָט אַ שטאָך געטאָן דעם באַוווסטזיין, אַז די מערהייט פון אונדזער ציבור, האָט נישט געוווסט, אַז מ׳פירט צו קבורה נישט דעם דירעקטאָר פון טעכניקום, נאָר איינעם פון די לעצטע ראשונים, וואָס האָבן געבראַכט די וויזיע, זי פאָרויסגעזאָגט און זייער לעבן אָוועקגעגעבן כדי זי פאַרוואַנדלען אין וואָר. אין באַגינען פון זיין לעבן האָט שלמה קאַפּלאַנסקי אויפגענומען די וויזיע, אין די יאָרן פון זיין שקיעה האָט ער געזען איר רעאַליזירונג. האָט ער זיין שריפטלעך ווערק, ערב זיין פטירה, אַליין געגעבן דעם נאָמען „אָנזאָג און פאַרווירקלעכונג״.

מיט דעם געדאַנק וועגן קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע אין מרחביה איז קאַפּלאַנסקי עולה געווען קיין ארץ־ישראל, און אין דעם באָדן פון מרחביה האָט ער געבעטן מען זאָל זיין קבר גראָבן.

פּה נטמן... דאָ איז באַגראָבן דער וויזיאָנער און רעאַליזירער שלמה קאַפּלאַנסקי.

„אַז ווייל איז דעם שוועבעלע, וואָס האָט אָנגעצונדן דאָס פייער״.
אַז ווייל צו אים און צו זיין אָנדענק.

לעאָן כאַזאַנאָוויטש

זיינע שענסטע לעבנס־חלומות האָט לעאָן כאַזאַנאָוויטש געשפונען אויפן שויס פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי; אויף אירע ברייטע פעלדער איז ער אַרומגעגאַנגען, אין זיך איינגעזאַפּט איר רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט און פאַרנומען איר היסטאָרישן שווונג; אין אירע שליחותן איז קרעפטיק און רייף געוואָרן זיין געזעלשאַפטלעכער גייסט, און נאָר אויפן פּאָן פון דער דאָזיקער אַלוועלטלעכער אָרגאַניזאַציע האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט זיין אָרגאַניזאַטאָרישער טאַלאַנט און געפונען פאַרווענדונג זיין פּאָלי־טישע איניציאַטיוו.

ווי דאַנקבאַר איז ער געווען זיין דערציערין — דער באַוועגונג פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. איר האָט ער אָפּגעגעבן אַלע זיינע פעיִקייטן, זיין זעלטענעם אַרבעטס־פליים, זשורנאַליסטישע וואַכזאַמקייט און פלינקייט; אין אַלע קאַמפן אירע, איבער דער גאַנצער ברייט פון יידישער צעזייטקייט איז ער געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען באַ דער פאַראַנטוואָרטלעכס־טער אַנפירערישער אַרבעט.

געקומען איז ער פון גאָר די ערשטע. כתריאל. לכתחילה אויסגעזען אַזוי מאָדנע, גרויס, אָפּגעלאָזן, אומגעלומפּערט מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ, — אָבער גלייך האָט מען דערקענט אין אים דעם מתמיד, דעם שאַרפן מוח, וואָס נישטערט און וויל אַלץ דערגרונטעווען זיך צום עיקר. ווינציק אַכט געלייגט אויף פערזענלעכע באַקוועמלעכקייט, נאָר געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט און אומעטום געטראָגן דאָס נייע דערפרישנדע וואָרט פון פּועלי־ציון, געוואַלגערט זיך אויף חברישע אכסניות, געשפּאָרט און געקאַרגט דאָס שטיקל ברויט, אָבער נישט אָפּגעלאָזט פון האַנט דאָס ביכל.

דאָס גרויסע יאָר 1905, דאָס יאָר פון בונט און אויפשטאַנד, פון קאַמף און רעוואָלוציע, און כתריאל איז אין מיט פון קאַמף; אין ליטע און אין פּוילן; אויף דער בירזשע און אויף דער „מאַסאָווקע", אין פּאָליטישן שטורעם און אין עקאָנאָמישן צוזאַמענשטויס, ביז ער פאַלט אַריין אין

טורמע. לאַנגע חדשים זיצט ער אין פּיאָטרקאָווער תפיסה, ער זיצט נישט ליידיק, ער לייענט און שטודירט, שלינגט ביכער און פּאַרטיפט זיינע קענטענישן אין דעם „אוניווערסיטעט" פון פּאָליטישע אַרבעטער־טוער. ער ווערט פאַרשיקט אַדמיניסטראַטיוו אויף עטלעכע יאָר אין וואָלאָגדער גו־בערניע, נאָר אַהין דערגייט ער נישט. אַ שאָד פטרן צייט אויף אַזאַ ווייטן וועג, בעסער אָפּגעבן זיך מיט פּאַרטיי־אַרבעט.

אין קראָקע, אויפן ערשטן אָרדנטלעכן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין יאָר 1907 איז שוין כתריאל צווישן די אָנגעזעענע טעאָרעטיקער, ער פאַר־טיידיקט עקשנותדיק זיינע מיינונגען — און שוין דאַן צייכנט זיך אָן זיין ליניע; די ליניע פון ברייטער גלות־אַרבעט, פון קאַמף אויפן אָרט, וואָס איז גלייך וויכטיק, ווי די ארץ־ישראל־אַרבעט, וועלכע פלעגט צו יענער צייט באַזונדערס באַטאָנט ווערן, ווי דער פונקט, וואָס שיידט־אונטער די פּועלי־ציון פון אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס.

ער בלייבט אין גאַליציע און נעמט איבער די רעדאַקציע פון „יידישן אַרבעטער". ס'איז נישט נאָר רעדאַקציע־אַרבעט; מען האָט אים געגעבן אַ שער אויף אויסצושניידן אַרטיקלען, — ס'איז אָבער נישט געווען, וואָס אויסצושניידן. פּועלי־ציון האָט פאַרנומען אַ באַזונדערע שטעלונג אין אַלע וויכטיקע פראַגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. נאָך נישט געווען קיין אויס־געפאָרענער וועג. ערשט אַליין געמוזט אויסטרעטן די סטעזשקע. און כתריאל טוט זיין אַרבעט מיט ליבע, מיט פייער און ברען. אין זיין ענגן שטיבל איז אויך די רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע. ער קריגט אַ גראָשע־נעם געהאַלט, אָבער קיינמאָל פאַרלירט ער נישט זיין געזונטן הומאָר און דינט אַלס מוסטער פאַר דער שטאַרק־צעוואַקסענער יוגנט־באַוועגונג אין קראָקע, ווי אין גאַנץ גאַליציע.

די פּועלי־ציון־באַוועגונג אין גאַליציע פאַרמאָגט אַ באַזונדערן קאָלאָ־ריט. זי איז נאָך שטאַרק אויסגעבונדן מיט די ציוניסטישע פאַראיינען און געפינט זיך אונטערן שטענדיקן טעראָר מצד די פּ. פּ. ס. אין דער ווינער צענטראַלע פון די פראָפ.־פאַראיינען, וואָס ביוראָקראַטיזירן די גאַנצע באַ־וועגונג. די פּועלי־ציון קוקן פון וויטנס מיט יראת־הכבוד אויף די חברים פון רוסלאַנד און ציען זיך אינסטינקטיוו צום קוואַל פון זייער השפּעה. כתריאל איז פון די ערשטע, וואָס האָט אַרויסגעפירט די גאַליציש פּועלי־ציון־באַוועגונג אויפן ברייטן שליאַך פון פּראָלעטאַרישער אַרבעט, דער־

וועקט איר אינטערעס פאַרן געווערקשאַפטלעכן קאַמף און פאַרטיפט דאָס פועלי־ציוניסטישע באַוווסטזיין.

אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ איז כתריאל אײנער פון די אַקטיווסטע און געציילטע פּראָלעטאַרישע פאַרשטייער, וואָס גיבן־צו האַפט און קראַפט דער יידישער קולטור־באַוועגונג. ער ווערט אויך אויסגעוויילט אַלס סעקרעטאַר אין דעם נייעם ביוראָ, וואָס דאַרף פירן דעם קאַמף פאַר דער יידישער שפּראַך. צו יענער צייט דערשיינט אין דער ווילנער „יוגנד־שטימע" זיין גרעסערע אַרבעט: „די וועלט־ווירטשאַפט־לעכע גרונט־געזעצן פון ציוניזם". ס'איז אַן ערנסטער ווישנשאַפטלעכער בייטראַג צו דער אויפקלערונג און באַגרינדונג פונעם פועלי־ציוניזם און זיין באַזונדערער קוק אויף דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון יידישן געשיכטלעכן לעבן.

קורץ נאָך דעם איז כתריאל אין אַמעריקע, ווו ער נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער באַוועגונג. העלפט־מיט זשיטלאָווסקין אין זיין פּרווו צו פאַראייניקן די יידישע אַרבעטער אויף איין פּלאַטפאָרם. אויפן וועג קיין אַמעריקע באַזוכט כתריאל אין בערלין די אָנגעזעענסטע טעאָרעטיקער און פירער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווי קאַרל קאַוטסקי, עד. בערנשטיין, וואורם, און פאַרעפנטלעכט זיינע אינטערוויוען, גאַר ערנסטע דיסקוסיעס וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע און ספּעציעל וועגן דער יידן־פראַגע. ס'איז די פּרעלודיע צום שפּעטערדיקן קאַמף, וואָס די פועלי־ציון־באַוועגונג האָט מיט אַזאַ ענערגיע און דערפאָלג געפירט אין די רייען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג פאַר אַ נייעם קוק אויפן יידישן פּראָבלעם.

אין 1909 קומט כתריאל, אַלס לעאָן כאַזאַנאָוויטש, אַריבער צו די פועלי־ציון אין אַרגענטינע, ווו ער טרעפט זיך צונויף מיט די רעזולטאַטן פון דער יק"א־קאָלאָניזאַציע. ער ווערט אויפגעשווידערט און וואַרפט זיך אַריין אין קאַמף. פון קאָלאָניע צו קאָלאָניע טראָגט זיך דער יונגער רע־וואָלוציאָנער, וועקט דעם פאַרשלאָפענעם גייסט פון די קאָלאָניסטן, רופט זיי צו פּראָטעסט און קאַמף קעגן די אומגעבעטענע אַפּוטרופּסים, וואָס באַ־לעבאַטעווען אַזוי שענדלעך מיט די פאָלקס־פאָנדן. אויף זיין איניציאַטיוו ווערט געגרינדעט, „דער יידישער אַרבעטער־פאַרבאַנד פאַר קעגנזייטיקער הילף". די יק"א־אַדמיניסטראַציע דערשרעקט זיך נישט אויף קאַטאָוועס, זי

כאַפּט זיך פאַר די שענדלעכסטע מיטלען, מסרט אים אַלס אַנאַרכיסט. מען אַרעסטירט אים און אַ געשמידטן אין קייטן פירט מען אים אַרויס פון לאַנד אָפּצושיקן קיין רוסלאַנד.

דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ הייבט־אויף אַ שטורעם אין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון אייראָפּע, און נאָך ערנסטע אינטערווענצן ווערט כאַזאַנאָוויטש אין ליסאַבאָן אָפּגעלאָזט אויף דער פריי. ער קומט קיין אייראָפּע שוין מיט אַ פּאַרטיקן פּלאַן. דאָ וועט ער אויפנעמען דעם קאַמף קעגן יק״א, דאָ וועט ער אָרגאַניזירן אַ גאַנצע פאָלקס־באַוועגונג. ער טרעט־אויף אין פּאַריז און אין בערלין אויף גרויסע מאַסן־מיטינגען, קומט צו פאָרן קיין גאַליציע און אינגיכן דערשיינט זיין בוך וועגן דער „יק״א־אַדמיניסטראַציע״. ס׳איז דער ערשטער ווײ־געשריי, וואָס די יידישע געזעל־שאַפטלעכקייט אין דער גאָרער וועלט האָט דערהערט פון אַרגענטינע. כתריאל שטייט אין פאַרבינדונג מיט די איבערגעבליבענע חברים אין אַרגענטינע. לויט זיין איניציאַטיוו האָט דאָרט אָנגעהויבן צו דערשיינען דער פועלי־ציוניסטישער אָרגאַן מיטן כאַראַקטעריסטישן נאָמען „ברויט און ערד״, ווו עס ווערט פאָרגעזעצט די אַרבעט, וועלכע כתריאל האָט אָנגעהויבן.

גראָד צו דער צייט פאָרט אַריבער דער מחבר פון די שורות, דער ביז־דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר פון „יידישן־אַרבעטער״, קיין פּאַלעסטינע, און כתריאל נעמט ווידער איבער די רעדאַקציע פון „ייד.־אַרבעטער״. די פּאַרטיי איז אויסגעוואַקסן, באַקומען אַ בולטן פּראָלעטאַרישן פּרצוף און כתריאל דערהייבט דעם אָרגאַן צו אַן אמת־אייראָפּעיִשער הייך. ער ווירקט שטאַרק אויף דער שטודירנדיקער יוגנט און שענקט אַ סך אויפמערקזאַמקייט דער אויפקלערונג פון דער טעאָריע און פּראַקטיק פון אַלוועלטלעכן פועלי־ציוניזם.

באַלד זעען מיר אים ווידער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פון וואַנען ער וואַנדערט־איבער קיין קאַנאַדע, ווו ער גיט אַרויס אין מאָנטרעאַל די „פאָלקס־צייטונג״, אַן אָרגאַן פון דער יידישער פּראָפּ.־באַוועגונג. ס׳איז אַן אומפּאַרטייִשער אַרבעטער־אָרגאַן, און כתריאל טראָגט־אַריין אַ נייעם פרישן גייסט אין דער ביוראָקראַטישער פאַרביזנוועטער יוניאָן־באַוועגונג; פון יעדער שורה שפּריצט מיט קאַמפּס־לוסט און יעדער אַרטיקל זוכט

אַריינצופירן די קאַנאַדער יידישע אַרבעטער־מחנות אין די רייען פון קעמ־פנדיקן אַרב.־אינטערנאַציאָנאַל.

אַן אַקטיווע אומרוּיקע נאַטור — האָט לעאָן כאַזאַנאָוויטש קיינמאָל נישט געקאָנט איינזיצן אויף איין אָרט און אָפּגעגעבן זיך מיט איין אַרבעט. יעדע אַרבעט האָט אים געקענט באַפרידיקן און צופרידנשטעלן נאָך כל־זמן זי איז געווען ניי און פריש, געפאָדערט זיין איניציאַטיוו און די העכסטע אָנשטרענגונג פון אַלע זיינע גייסטיקע כוחות. קוים האָט ער אָבער די נייע אונטערנעמונג געשטעלט אויף די פיס און ס׳האָבן זיך צוגעשאַרט אַנדערע מענטשן צו דער נאָרמאַלער, סיסטעמאַטישער אַרבעט, פלעגט זיך כאַזאַנאָוויטש אָנהייבן רייסן אין אַנדערע וועלטן; שטענדיק איז ער געווען פול־אָנגעלאָדן מיט נייע פּלענער און גרייט זיך אַריינצוּוואַרפן מיטן גאַנצן ברען און אימפּעט אין נייע אָריגינעלע אויפטוען.

אַזוי האָט ער געוואַנדערט פון איין אויפטו צום אַנדערן, פון אַמעריקע קיין אייראָפּע און צוריק. כסדר זיך באַרייכערט מיט נייע באַאָבאַכטונגען, באַגעגענישן און דערפאַרונגען, נאָכאַנאַנד געפונען נייע פריינד און מיט־קעמפער פאַר זיינע אידעען, תמיד געבליבן טריי זיין פּאַרטיי און — אפשר נאָך מער — טריי זיך, זיין אייגענער קעמפער־נאַטור און די איינגעבוי־רענע נייגונגען צו פּילזייטיקער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון ברייטן פאַרנעם.

נאָך אויף דער דריטער וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון־פאַרבאַנד, (ווין, 1911), איז כאַזאַנאָוויטש געוויילט געוואָרן אין פאַרבאַנדס־ביוראָ, אין דער העכסטער אָנפירנדער אינסטאַנץ פון דער פּועלי־ציון־וועלט־באַ־וועגונג. זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט באַקומען אַ פעסטע באַזע, ווי בכלל זיינע אויפטריטן — מער וואָג און געוויכט. ער באַזוכט עטלעכע מאָל ענגלאַנד און קניפּט אָן ענגע באַציונגען מיט דער יידישער אַרבעטער־שאַפט דאָרט, ווירקט אויפן כאַראַקטער פון „אַרב.־פאַרבאַנד״, ער זאָל זיך מער פאַראינטערעסירן מיט דער לאַגע פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין גאַר דער וועלט, ווי בכלל מיטן יידישן אַרבעטער־קאַמף פאַר באַשטימטע לאַזונגען און פּאָסטולאַטן אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־מחנה. קיינ־מאָל און ערגעץ נישט באַנוגנט זיך נישט כאַזאַנאָוויטש מיט זיין ווירקונג אין דעם יידישן אַרבעטער־קרייז; ער שטעלט־איין אַ נאָענטן קאָנטאַקט אויך מיט די פירער פון דער ענגלישער אַרב.־באַוועגונג און נוצט אויס

יעדע געלעגנהייט, כדי צו געווינען זייער איינפלוס און אויטאָריטעט פאַר
דער זאַך פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

נאָך דער 4טער וועלט־קאָנפערענץ (קראָקע, 1913), באַזעצט זיך כאַ־
זאַנאָוויטש אין ווין, אָנפירנדיק צוזאַמען מיט באָראָכאָוון דעם סעקרעטאַר־
יאַט פון פאַרבאַנדס־ביוראָ. דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה רייסט
פונאַנדער אַלע איינגעשטעלטע פאַרבינדונגען און צעטרייבט די טוער
איבער אַלע וועלט־עקן. כאַזאַנאָוויטשן קומט אויך אויס דורכצומאַכן
אַ היפּשע מאַרטיראָלאָגיע פון געפאַנגענשאַפט און וואַנדערונגען ביז ער
קומט קיין אַמעריקע. אַ דאַנק דער מלחמה זענען זיך צונויפגעקומען
קיין אַמעריקע אַ סך אָנגעזעענע טוער, זשורנאַליסטן און שריפטשטעלער,
וואָס זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער יידישער נאַציאָנאַלער און
פּראָלעטאַרישער באַוועגונג אין פאַרשידענע לענדער. מיט זייער ענערגיע
רודערן זיי אויף דאָס גאַנצע לאַנד. אַמעריקע איז די גרויסע מדינה, וואָס
האָט זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה זיך געשטעלט פאַר אַ צוועק
קומען צו הילף די מלחמה־געליטענע מאַסן אין חרוב געוואָרענע לענדער.
דאָס יידישע אַמעריקע ווערט אויפגעציטערט דורכן רוף נאָך הילף, וואָס
טראָגט זיך פון מיליאָנען ברידער אויף יענער זייט ים, ווו ס׳קראַכן די
האַרמאַטן און די אַכזריות פרעסט און פאַרניכטעט מענטשלעכע לעבנס
און אוצרות פון מאַטעריעלער קולטור.

די פּועלי־ציון־באַוועגונג האָט צו דער צייט אויך אַריבערבאַקומען
אַ גרויסע צאָל פון אירע אַקטיווסטע טוער, אַנטרונענע פון רוסלאַנד, פאַר־
טריבענע פון עסטרייך און אַרויסגעראַטעוועטע פון פּאַלעסטינע: באָראָכאָוו,
קאַפּלאַנסקי, בן־גוריון, בן־צבי, כאַשין, כאַזאַנאָוויטש. די באַוועגונג דער־
פילט די גרויסקייט פונעם היסטאָרישן מאָמענט און וויקלט פונאַנדער
אַ גראַנדיעזע פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזיר־אַרבעט פאַר די אידעען און
לאָזונגען פון פּועלי־ציון. ד״ר זשיטלאָווסקי, דוד פּינסקי ווערן אַקטיווע
חברים פון דער פּאַרטיי. פּנחס רוטענבערג שטייט גאַנץ נאָענט. די פּאַרטיי
זוכט אַריינצוטראָגן אַ באַשטימטע אידעע אין דער הילפס־אַרבעט. לויט
איר איניציאַטיוו און באַ איר אַקטיווסטן אָנטייל ווערט געשאַפן דער
„פּאָלקס־הילף־קאָמיטעט" (פּיפּלס רעליעף קאָמיטעט). אָבער דער וויכ־
טיקסטער אויפטו זענען אויפן פּאָליטישן געביט די נאַציאָנאַלע אַרבעטער־
קאָנווענשן (1915) און נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־קאָנווענשן

(1917), ווו עס האָט זיך איינגעגעבן צונויפצובריינגען פאָרשטייער פון אַ האַלבן מיליאָן יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע און ס'זענען צום ערשטן מאָל אין יענעם לאַנד פּראָקלאַמירט געוואָרן פון אַזאַ אַלגעמיינער אומ־פּאַרטייאישער יידישער אַרבעטער־טריבונע די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון יידישן פּראָלעטאַריאַט און דער טיפער אינטערעס פון דער יידישער אַר־בעטערשאַפט פאַר דעם יידישן טעריטאָריאַלן אַרבעטער־צענטער אין ארץ־ישראל. ס'איז געווען אַ נייער געוואַגטער שריט, אַ הערלעך בלאַט אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע און אַ היסטאָרישער ווענד־פּונקט אין דעם קאַמף פאַר די פּועלי־ציון־לאָזונגען.

כאַזאַנאָוויטש איז געווען איינער פון די אומדערמידלעכסטע און איינ־פלוסרייכסטע קעמפער, איינער פון די ערשטע אַגיטאַטאָרן פאַר דער אידעע פון צונויפרופן אַ יידישן קאָנגרעס פון אַמעריקע, וואָס האָט צו יענער צייט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג אין קאַמף הן קעגן דער פּלוטאָקראַטיע פון די אַמעריקאַנער „יאַהודים", הן קעגן דעם מיאוסן אַסימילאַטאָרישן אָנגריף פון דער „פאָרווערטס"־מחנה. סיי דורך זיינע אַרטיקלען אינעם „יידישער קאָנגרעס", סיי דערנאָך, אַלס רעדאַקטאָר פונעם באַנייטן „יידי־שער קעמפער", סיי דורך זיינע אַגיטאַציאָנס־נסיעות, העלפט ער צו שמידן די נייע געדאַנקען און בויען די נייע פעסטונג פאַרן יידישן פּראָלעטאַרישן קאַמף.

און ווידער אַ מאָל איז כאַזאַנאָוויטש צוריק אין אייראָפּע אין שפּיץ פון פאַרבאַנדס־ביוראָ, אַ געוויסע צייט אין האַאַג און שפּעטער אין שטאָקהאָלם. פונדאַנען, פון די „נייטראַלע" מלוכות, וועלכע זענען אַריינ־געצויגן אין דער וועלט־שחיטה, באַמיט זיך דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ פון פּועלי־ציון צו אָרגאַניזירן די יידישע און עפנטלעכע מיינונג אַרום זיינע פּאָסטולאַטן. פונדאַנען אויס שטייט ער אין קאָנטאַקט מיט די מאַסן אין אַלע מלחמה־פירנדע לענדער און היט־אויף, ווי דאָס שוואַרץ־אַפּל פון אויג, די איינהייט און געשלאָסנקייט פון דער אַלוועלטלעכער באַוועגונג. כאַ־זאַנאָוויטש טראָגט אַריין זיין גייסט אין דער אַרבעט און שאַפט אַ ברייי־טערע טריבונע. דאָס פּ. ב. ווירקט אויפן כאַראַקטער פון דער הילפס־טעטיקייט, און אומעטום קומט ער מיט זיינע פאָדערונגען סיי בנוגע דער הילף פאַר די יידישע שולן און אַרבעטער־אינסטיטוציעס אין פּוילן, סיי פאַר די אַנטלאָפענע פון טערקיי א. ד. גל.

דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז זיך צעפאַלן באַם ערשטן געבריל פון די מלחמה־האַרמאַטן. די אַרבעטערשאַפט האָט זיך אָוועקגע־שטעלט אין די גרויע שינעלן צו מאָרדן אייגן בלוט און פלייש. נאָר איינ־צלנע, יחידים און גרופן זענען נישט פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם מלחמה־שגעון און געחלומט ווייטער דעם חלום פונעם אויפגעלעבטן אינטער־נאַציאָנאַל.

דאָס פּועלי־ציון־פאַרבאַנד־ביוראָ מיט כאַזאַנאָוויטשן בראש שטרעבט צו דעם און גרייט זיך אַקטיוו צו יענער צייט. ס'דערשיינט דאָס באַרימטע בוך „די יידן אין קריג” אין דריי שפּראַכן (ענגליש, דייטש און פראַנצויזיש), וווּ עס איז צונויפגעזאַמלט צום ערשטן מאָל אַ רייכער מאַטעריאַל וועגן דער לאַגע פון די יידישע מאַסן אין פאַרשידענע לענדער בעתן קריג. דערמיט באַנוגנט זיך אָבער נישט דאָס פּ. ב. אַ פּאָליטישע אָנפירנדע אינסטיטוציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט — קומט דאָס פּ. ב. מיט קלאָר־פאָרמולירטע לאָזונגען און פּאָליטישע פאָדערונגען, וואָס נאָר זיי קענען געבן דעם איינציקן פּראָלעטאַרישן ענטפער אויף דער יידן־פראַגע. די פאָדערונגען זענען געשטיצט אויף רעזאָלוציעס און באַשלוסן פון יידישע אַרבעטער־צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן אין אַלע טיילן וועלט. ס'איז געוועזן דאָס רויטע בוך פון די פּועלי־ציון, און כאַזאַנאָוויטש האָט זיך אַ דאַנק אים איינגעשריבן אינעם רויטן בוך פון יידישן פּראָלעטאַרישן קאַמף בשעת דער מלחמה.

ס'אַנטשטייט דער האָלענדיש־סקאַנדינאַווישער קאָמיטעט, וואָס וויל צונויפרופן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אַלע לענדער צוריק אונטער איין דאַך און אויפלעבן דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. פאָרזיצער איז דער אַלטער טראָעלסטרא פון האָלאַנד, סעקרעטאַר — קאַמיל הויס־מאַן — דער סעקרעטאַר פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, אַ בעלגיער, וואָס איז אָבער געבליבן געטריי זיינע סאָציאַליסטישע פּרינציפּן און אַפילו אין די צייטן, ווען זיין גאַנצע פּאַרטיי מיט וואַנדערוועלדע בראש האָבן געשלאָסן בורג־פרידן מיט דער בורזשואַזיע, האָט ער ווייטער געשפּונען דעם פאָדעם פון אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט.

כאַזאַנאָוויטש פאָרט אַריבער אין שליחות פון פּ. ב. קיין שטאָקהאָלם, וווּ ס'זיצט דאָס ביוראָ פון האָלענדיש־סקאַנדינאַווישן קאָמיטעט, און וויקלט דאָ פונאַנדער זיין אָרגאַניזאַטאָרישן און פּראָפּאַגאַנדיסטישן טאַלאַנט ביז

דער העכסטער מדרגה. דער קאָמיטעט וויל אויסאַרבעטן אַ פּלאַטפאָרם, אויף וועלכער עס זאָלן זיך קענען ווידער פאַראייניקן אַלע סאָציאַליסטישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען. וויל ער פריער אויסהערן די פאָדערונגען און פאַרלאַנגען פון יעדער איינער, כדי אויסצוגעפינען זייער „צד השווה". קומען דעלעגאַציעס פון גאָר דער וועלט, פון גרויסע און קליינע פעלקער, און כאַזאַנאָוויטש זוכט צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט זיי אַלע, ווירקן אויף זיי, אַגיטירן פאַר די לאָזונגען פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. ער איז אומדערמידלעך; הייגט פירט ער אַ דיסקוסיע מיט וויקטאָר אַדלער, וועלכער וויל נישט וויסן פון קיין יידן־פראַגע, און מאָרגן ענטפערט ער בייסיק דיאַמאַנדן, וועלכער איז בייז, הלמאי אומעטום טרעפט מען די פועלי־ציון. אָבער די עיקר־אַרבעט לייגט ער אַוועק, כדי צו געווינען די הויפּט־פירער פון האָל.־סקאַנד.־קאָמיטעט גופא פאַר אונדזערע פאָדערונגען.

נאָך דעם אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע קומען אַריבער אויף אַ געוויסער צייט קיין שטאָקהאָלם חברים פון פּ. ב. באָראָכאָוו און דער מחבר פון די שורות. צוזאַמען מיט זיי זעצט פאָר כאַזאַנאָוויטש זיין אויפ־קלערונגס־אַרבעט. אָט טרעפן זיי זיך מיט דער דעלעגאַציע פון דעם פּעטראָגראַדער אַרבעטער־ראַט (גאָלדענבערג, רוסאַנאָוו און ערליך) און אָט פירן זיי אָפיציעל אַ לאַנגן טעאָרעטיש־פּאָליטישן שמועס מיט טראָ־עלסטרא, הויסמאַנס און בראַנטינג. אָט זעענען מיר אין צווייען אין קאָ־פּענהאַגען אויף אַ שמועס מיט דער רעדאַקציע פון סאָציאַלדעמאָקראַטישן פּאַרטיי־בלאַט און מיטן אָנגעזעענעם פירער פון דער פּאַרטיי באָרגביערג. ס'קומען אונטער די חברים קאַפּלאַנסקי און לאָקער. ס'איז איינגעשטעלט אַ ביוראָ מיט אַלע קליפּערלעך, ס'דערשיינען די ביולעטינס פון „יידישן סאָצ. פּרעס־ביוראָ" אין פינף שפּראַכן: (יידיש, דייטש, פראַנצויזיש, ענג־ליש און שוועדיש), ס'באַווייזן זיך ערנסטע אָפּהאַנדלונגען איבערן יידישן אַרב.־פּראָבלעם אין שוועדישן „סאָציאַל דעמאָקראַטן". כאַזאַנאָוויטש פילט זיך, ווי אַ פיש אין וואַסער, ס'איז אַ גרויסע היסטאָרישע אַרבעט מיט אַ ווייטער פּערספּעקטיוו און גרויסן שוווּנג.

דער שטאָקהאָלמער פּעריאָד איז באַם פאַרבאַנדס־ביוראָ געווען אָן ספק דער פרוכטבאַרסטער ווען ער האָט פונאַנדערגעוויקלט אַ גראַנדיעזע אַר־בעט אויף פאַרשידענע געביטן פון יידישן פּראָלעטאַרישן, ווי בכלל פּראָ־לעטאַריש־געזעלשאַפטלעכן קאַמף, און ס'איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז

דאָס איז געווען קודם־כל די השפּעה פון כאַזאַנאָוויטשן. אויף זיין חשבון איז צו פאַרשרייבן סיי די אומאויסשעפּלעכע איניציאַטיוו, סיי דעם שנעלן אופן פון רעאַגירן אויף די פאַרשידנסטע דערשיינונגען און פּאַסירונגען, און דער עיקר — די גוט־איינגעשטעלטע פאַרבינדונגען מיט אַלע ווינקע־לעך פון יידישן מאַסן־ישוב.

נישט שטענדיק האָט כאַזאַנאָוויטש איינגעהאַלטן דאָס נייטיקע גלייכ־געוויכט. זיין טעמפּעראַמענט פלעגט אים פאַרשלעפן אויף פאַלשע זייטיקע וועגן און נישט תמיד האָט ער געוווסט זיך אָפּצושטעלן אין צייט. ער איז געווען אַ ריזיקאַנט אויך אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. ס'איז לאָו דווקא אַ מעלה. כאַזאַנאָוויטש האָט זיך געוויס פאַרכלינעט פון דער גרויסצוגי־קער אַרבעט. זי האָט אים פאַרשיכורט און ער האָט אָנגעוווירן די מאָס, די געזעלשאַפטלעכע, בפרט די פּאָליטיש־פּאַרטייִשע. און ווען ס'הייבן זיך אָן שיטן רדיפות אויף די יידישע מאַסן אין פּוילן ביז עס קומט צום לעמבערגער פּאָגראָם, איז כאַזאַנאָוויטש דער, וואָס שרייט אַרויס פאַר דער גאַנצער אייראָפּעיִשער עפנטלעכקייט דעם אמת פון די געשעענישן. ער וויל אָבער זיין אַקטיוו, ער וויל עפּעס טאָן ממשותדיקעס, און ער ווענדט זיך מיט אַ טעלעגראַם צו ווילסאָנען וועגן אינטערווענירן... ער טוט עס אין נאָמען פון פּ. ב. און רופט אַרויס קעגן זיך פּראָטעסט און צאָרן פון די חברים אין פאַרשידענע לענדער, ספּעציעל פון פּוילן גופא. צוליב זיין לאַנגן פאַרברענגען אין אויסלאַנד, פאַרלירט כאַזאַנאָוויטש דעם ענגערן גייסטיקן קאָנטאַקט מיט דער מאַסן־באַוועגונג, און אַלץ אָפטער הייבן זיך אָן אַריינרייסן אין דער טעטיקייט פון פּ. ב. שטריכן, וואָס זענען נישט שטענדיק צום האַרצן די קעמפנדע מאַסן־פּאַרטייען אויף די ערטער.

אין יאָר 1918, בשעת די דייטש־באָלשעוויסטישע שלום־אונטערהאַנד־לונגען אין בריסק, כאַפּט זיך כאַזאַנאָוויטש אַראָפּ אויף אַ פּאָר טעג קיין רוסלאַנד; ער באַזוכט פּעטראָגראַד און מאָסקווע און קניפּט־אָן באַציִונגען מיט די פאָרשטייער פון דער ראַטן־מאַכט, באַ וועמען ער וויל אויספּועלן, אַז אין שלום־אָפּמאַך זאָל זיין אַ פּונקט, וואָס רעדט בפירוש וועגן אַנט־שעדיקונגען פאַר די מלחמה־געליטענע יידישע מאַסן, דער ווידער־אויפבוי פון רויִנירטן יידישן מאַסן־לעבן — דאָס איז דער הויפּט־נערוו פון כאַזאַ־נאָווישעס טעטיקייט צו יענער צייט, מיט דעם איז דורכגעדרונגען און באַאיינפלוסט די פּילזייטיקע אַרבעט פון פאַרבאַנדס־ביוראָ.

אינעם מעמאָראַנדום צום האָלענדיש־סקאַנדינאַווישן קאָמיטעט ווערט גלייך מיטן אַלגעמיינעם סאָציאַליסטישן טייל און מיטן פּאַלעסטיניזם אַרויסגערוקט די פֿאָדערונג וועגן רעכט פֿאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט אומעטום; דאָס איז אַן אַלגעמיינער כלל. ווערט דאָרט דע־ריבער קאָנקרעט גערעדט אויך וועגן דער אַנטשעדיקונג פֿאַר די רויִנירטע יידישע מאַסן. כאַזאַנאָוויטש ווירקט אויף די אָנפירנדע חברים אין רוסלאַנד און קומט זיך צונויף מיט טראָצקין, און אויב כ׳האָב נישט קיין טעות — מיט יאָפּען וועגן דעם זעלבן ענין. ער גייט ווייטער: ער וויל, מען זאָל אין דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע מיטנעמען אַ חבר, און דערמיט נאָך מער באַקרעפטיקן אונדזער פּאָליטישן געווינס. די שלום־אונטערהאַנד־לונגען האָבן זיך דאַן צעקלאַפּט, אָבער פֿאַר כאַזאַנאָוויטשן איז אויך דאָ כאַראַקטעריסטיש די איניציאַטיוו און דער ברייטער פּאָליטישער פֿאַרנעם.

כאַזאַנאָוויטש נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין די סאָציאַליסטישע אינ־טערנאַציאָנאַלע קאָנפֿערענצן אין בערן, אַמסטערדאַם און לוצערן אין יאָר 1919. זיין פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפֿט און פֿריינטשאַפֿט מיט די אָנגע־זעענסטע פֿירער פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג נעמען צו באַם „בונד״ די אַמאָליקע פּריווילעגירטע שטעלונג פֿון „איינציקן פֿאָרשטייער״, פֿון וועמען מען שעפּט אַלע נייטיקע ידיעות וועגן יידישן אַרבעטער־פּראָבלעם. איצט מוזן די בונדישע שליחים אָפּערירן מיט ציפֿערן און פֿאַקטן פֿון דער ווירקלעכקייט און אויסהאַלטן דעם אָנגריף פֿון דער פּועלי־ציוניסטישער טעאָרעטישער און פּאָליטישער אַרגומענטאַציע, וועל־כע האָט שוין באַוויזן איינצופֿעסטיקן זיך אין אַ גרויסן טייל פֿון דער סאָציאַליסטישער וועלט. דער גרויסער נצחון פֿון פּועלי־ציון אויף די סאָציאַליסטישע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפֿערענצן נאָך דער מלחמה, ווען עס זענען צום ערשטן מאָל פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער טריבונע פּראָקלאַמירט געוואָרן די לאָזונגען פֿון פּועלי־ציון, האָט אַן ספֿק אַן אומגעהייערע היסטאָרישע באַדייטונג פֿאַרן קאַמף פֿונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט וועגן דער אָנערקענונג פֿון זיינע ספּעציפֿישע פֿאָדערונגען און אויפֿגאַבן דורך דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט גופֿא. און ס׳וועט בשום אופֿן נישט זיין קיין גוזמא, ווען מיר וועלן מיט דער גאַנצער קראַפֿט אונטערשטרייכן, אַז די גרעסטע פֿאַרדינסטן אויף דעם געביט האָט לעאָן כאַזאַנאָוויטש.

סוף יולי 1919 קומט פאַר די ערשטע באַראַטונג פון וועלט־פאַרבאַנד נאָך דער מלחמה. כאַזאַנאָוויטשן קומט־אויס אָפּצוגעבן דעם באַריכט פון פ. ב. פאַר גאַנצע 6 יאָר. פאַראַן אומצופרידנקייט און קעגנערשאַפט בנוגע איינצלנע אַקטן און אויפטריטן, ווי אויך בנוגע פאַרשווייגן געוויסע דער־שיינונגען אין פאַרבאַנד, ווי דער ענין מיט די יידישע לעגיאָנען פאַר פאַ־לעסטינע, וואָס זענען פאַקטיש, אויב נישט אָפיציעל, געשטיצט געוואָרן פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי. פאַראַן אַ קאַמף קעגן דער גרינדונג און אויפנעמען אחדות־העבודה אין פאַרבאַנד, די ווילסאָן־טעלעגראַמע און אינ־טערוועניץ און ד. גל. כאַזאַנאָוויטש ווערט אָבער געשעצט פון אַלע דעלע־גאַטן און ער באַקומט די אַלגעמיינע אָנערקענונג פאַר זיין אומדער־מידלעכער אַרבעט.

אין 1920, אויף דער 5טער וועלט קאָנפערענץ קומט פאַר די שפּאַל־טונג פון פועלי־ציוניסטישן וועלט־פאַרבאַנד. כאַזאַנאָוויטש האָט אַוועק־געגעבן זיינע בעסטע כוחות דער באַוועגונג, געהאָלפן אויפבויען דעם פאַרבאַנד און דערלעבט אַליין צו פאַרזוכן די פּירות פון דעם גוט־אָנט־וויקלטן, מעכטיק־אויסגעוואַקסענעם בוים. עס טוט אים ווייַ דאָס האַרץ פאַר זיין קינד און ער וויל אויסמיידן די שפּאַלטונג. ער האָט מורא, עס זאָלן נישט גיין אין ניוועץ די אַלע דערגרייכטע נצחונות, עס זאָל נישט צעשטויבט ווערן די באַוועגונג, ער זוכט אַ פּשרה, ער וויל לאַווירן צווישן די עקסטרעמען. ער לייגט פאָר אַ לויזן פאַרבאַנד, וווּ עס זאָלן זיצן אונטער איין דאַך אָנהענגער און קעגנער פון אָנטייל אין ציוניסטישן קאָנגרעס. ער מיינט, אַז דערמיט וועט מען שטילן די געמיטער. בנוגע דער פראַגע וועגן דער אַלגעמיינער פּאָליטישער ליניע זוכט ער אויך אַ פאָרמולירונג, וועלכע זאָל אויפהאַלטן צוזאַמען די אָנהענגער פון דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור.

ער האָט זיך צוגעווינט צו אונטערהאַנדלונגען און צו פערזענלעכער השפעה אויף קאָנפערענצן, ווו ס׳באַטייליקן זיך דעלעגאַטן, און ער טראַכט אויף אַזאַ אופן לפחות אָפּטעמפּן די סתירות, וואָס די מאַסן פילן אין טאָג־טעגלעכן קאַמף. ס׳איז אים נישט געלונגען. די באַוועגונג איז געשפּאָלטן. און כאַזאַנאָוויטש בלייבט אינמיטן, „נייטראַל״, מיטן טיפן גלויבן, אַז ס׳וועט נאָך קומען אַ מאָמענט, ווען די פונאַנדערגעריסענע חלקים וועלן זיך ווידער פאַראייניקן.

כאַזאַנאָוויטש גיט זיך אָפּ הויפּטזעכלעך דער זשורנאַליסטישער אַרבעט. אין אַמעריקע הייבט־אָן צו דערשיינען דאָס טאָג־בלאַט פון די רעכטע פּועלי־ציון „די צייט". כאַזאַנאָוויטש אָרגאַניזירט און פירט־אָן דאָס „איירא־פּעישע ביורא" פון דער צייטונג. ער ציט צו אַלס מיטאַרבעטער די אָנגע־זעענסטע סאָציאַליסטישע זשורנאַליסטן פון אייראָפּע. ער אַליין שרייבט אַ סך. נאָך פריער האָט ער פאַרעפנטלעכט גרעסערע אַרטיקלען אין דייטש וועגן פּועלי־ציון אין ד"ר בלאָכס „סאָצ. מאָנאַטסהעפטע" און וועגן דער „יידישער קאָנגרעס־באַוועגונג" אין אַמעריקע אין מאַרטין בובערס „דער יודע". איצט גיט ער זיך אָפּ מיט זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן די „פּאָגראָמען אויף יידן אין אוקראַינע", וואָס ער פאַרעפנטלעכט אין אַ באַזונדער בוך. ער הייבט אָן אַרויסצוגעבן דעם „אַרכיוו פון יידישן סאָציאַליסט", וווּ ער וויל זאַמלען דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועגן דער טעטיקייט פון פאַר־שידענע סאָצ. פּאַרטייען, אָבער דער עיקר פוןביידע פּוע"צ־פאַרבאַנדן, וועלכע ער חלומט נאָך פאַרט אַמאָל צו זען פאַראייניקט.

אַ געוויסע צייט איז ער ווידער אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע. ער ווערט אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון „צייט". עס שיינט, אַז ער דערנעע־טערט זיך צו די רעכטע, אָבער נישט אויף לאַנג. ער קערט זיך אום קיין אייראָפּע און ביסלעכווייז דערווייטערט ער זיך אינגאַנצן פון פּאָליטישער טעטיקייט. ער קען אָבער נישט מוותר זיין אויף וועלכער עס איז געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט, זאָל אַפילו זיין אָן פּאָליטישן אונטערשלאָק און פּערספּעקטיוו. טרעפן מיר אים לעצטנס אין „אָרט" און ספּעציעל באַ אַן אַרבעט, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר כאַזאַנאָוויטשן, צווישן די „יידישע פּויערן" אין קאַרפּאַטן־רוסלאַנד. אייגנטלעך האָבן שוין לאַנג די פּועלי־ציון געוואָרפן אַן אויג אויפן דאָזיקן ווינקל, ווו ס'געפינט זיך אַ ישוב פון געזונטע יידישע האָרעפּאַשניקעס, אָבער נאָר כאַזאַנאָוויטשן איז באַשערט געווען אָנצוהייבן אויפצואַקערן יענעם אומבאַרירטן באָדן, און דאָס גראַד דאַן, ווען ער איז שוין געווען ווייט פון דער פּאָליטישער באַוועגונג.

דאָ, טאַקע, אין אַ ווייט פאַרוואָרפן יידיש דאָרף פון קאַרפּאַטן־רוס־לאַנד האָט אויפגעהערט קלאַפּן דאָס האַרץ פון לעאָן כאַזאַנאָוויטש און ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה צווישן פּראָסטע יידישע האָרעפּאַשניקעס.

שטורמיש לעבן, שטענדיק אויפגעברויזטע כוואַליעס, אויפגעוויקלטער

זעגל, און באַם רודער — דערליידנשאַפטלעכער פּראָלעטאַרישער קעמפער מיטן אָפענעם אויסבליק אין דער ווייט. אַזוי דערשיינט פאַר אונדז כתריאל. געשטאָרבן אין אַ זייט, ווי אַ פרעמדער, ווי אַ פאַרגעסענער.

אָבער די באַוועגונג פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע האָט אים אַ געוויסע צייט אויפגעהויבן אויף דער העכסטער הייך, וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענע אומגעהייערע אוצרות פון גייסט און ענערגיע, וואָס לעאָן כאַזאַנאָוויטש האָט אַריינגעבראַכט אין די קעמפנדע מחנות פון יידישן אַרבעטער־קלאַס.

איין פאַקט האָט אונדז ביידן פאַרבונדן פּאָליטיש אַ געוויסע צייט. אין יאָר 1907 בין איך אַרעסטירט געוואָרן אין ווילנע. נאָך אַ געוויסער אויס־פאַרשונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך לעב אויף אַ פּאַס פון כתריאל שוב פון שירווינטי, קאָוונער גובערניע. אַנדערט־האַלבן יאָר האָט די זשאַנדאַר־מעריע נאָכגעזוכט דורך שטעק בריוו אין גאַנץ רוסלאַנד, צי בין איך טאַקע דער דאָזיקער כתריאל שוב. אַרעסטירט האָט מען מיך אַלס זרבבל, וואָס פירט אָן מיט דעם ליטעראַרישן רעסאָרט פון דער יידישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פאַרטיי פועלי־ציון. האָט די זשאַנדאַרמעריע פאַרשטאַנען, אַז זרבבל איז מיין אונטערערדישער צונאָמען. אָבער צי בין איך טאַקע דער ריכטיקער כתריאל שוב? אַט האָט מען פון פּיעטראָקאָווער טורמע געענטפערט אויף איר פראַגע, אַז דאָרט איז טאַקע געזעסן אַרעסטירט איינער אַ כתריאל שוב, אָבער ער האָט אויסגעזען אינגאַנצן אַנדערש ווי די צוגעשיקטע פאָטאָגראַפיע מיינע. פאַרקערט, האָט דער אַלטער שוחט אין שירווינטי זיך איינגעקוקט אין דער פאָטאָגראַפיע און דערקלערט, אַז די אויגן זענען אים טאַקע קאַליע, די ראיה אָפגעשוואַכט, אָבער ער דערקענט אויף דער פאָטאָגראַפיע זיין זון כתריאלן. דאָס זעלבע האָט דערקלערט מיין כלומרשטע ווייב, אַז זי דערקענט איר מאַן, מיט וועלכן זי איז צוריסן...

האָט מען אין אַרגענטינע פאַרגוואָרפן כאַזאַנאָוויטשן, אַז ער איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד און אַריינגעזעצט אָנשטאָט זיך איינעם זרבבלען... האָט כאַזאַנאָוויטש אָפגעדרוקט אָן אויפקלערונג אין די צייטונגען, אַז זרבבל איז אַרעסטירט פאַר זיינע אייגענע חטאים. אי וואָס? ער באַנוצט

זיך מיטן פּאַס כתריאל, געהערט עס צו די געהיימנישן פון דער אונטער־ערדישער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין רוסלאַנד, וואָס מ׳קאָן ביז היינטיקן טאָג נישט אויפקלערן...

איך אַליין האָב אויפן משפט געדאַרפט באַשטיין, אַז דער פּאַס איז מיינער, נאָר איך האָב אים איינמאָל פאַרלאָרן און ס׳האָט זיך באַנוצט מיט אים כלומרשט איינער, וואָס איז דערנאָך אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד, והראיה פון דער גרענעץ איז טאַקע געקומען אַ פּאָליצייאישע ידיעה, אַז אין אַ באַשטימטן חודש איז דאָרט דורכגעפאָרן קיין אויסלאַנד איינער מיטן נאָמען כתריאל שוב...

דאָס געריכט האָט מיך, כידוע, באַפרייט. אי, אומזיסט געזעסן פאַר־שפּאַרט אין אַן איינצל צימער 18 חדשים — פאַרוואָס? איז רוף זיי קנאַק־ניסל! לאָז זיי צום ונתנה תוקף.

אָבער דער אמתער כתריאל (כאַזאַנאָוויטש) איז דאָ בפירוש נישט געווען שולדיק, און מיר האָבן איינער אויפן צווייטן נישט געטראָגן קיין האַרץ.

י. זרובבל

מוליע עדעלמאַן

50 יאָר פּועלי־ציון אין פּוילן, 50 יאָר ווי ס'זענען אויפגעקומען די ערשטע גרופּן וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ „פּוילישן פאַרבאַנד". זייער פּערזאָניפיקאַציע איז מוליע.

אין פּאָלטאַווע איז פאָרגעקומען די ערשטע אָפיציעלע באַגעגעניש צווישן די „רוסישע" און „פּוילישע" פּועלי־ציון. אויף יענעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר איז באַשלאָסן געוואָרן אַריינצונעמען אין דער ניי־געגרינ־דעטער פּאַרטיי אַלס אויטאָנאָמישן טייל דעם „פּוילישן פאַרבאַנד", אויפן יסוד פון אונדזער איינשטעלונג לגבי דער זעלבשטענדיקייט פון פּוילן. פון „פאַרבאַנד" זענען געקומען אַ פּאָר שליחים צו פירן די אונטער־האַנדלונגען. דאַן האָב איך געטראָפן צום ערשטן מאָל דעם חבר מוליע. ער איז געווען דעלעגירט פון לאָדזש, וועלכע איז געשטאַנען אין דירעקטע פאַרבינדונגען מיטן אָרגאַניזיר־ביוראָ פון די רוסלענדישע פּועלי־ציון. דער אָפיציעלער פאָרשטייער פון פאַרבאַנדס־קאָמיטעט איז געווען שמעון פייגעלע (פּרוזשיצקי), וועלכער האָט דערקלערט, אַז „צוליב דעם באַשלוס פון פּוילישן צוזאַמענפאָר אַריינצוטרעטן אין דער פּאַרטיי אַלס גאַנצע איינהייט, און צוליב דעם, וואָס די חברים פון פאַרבאַנדס־קאָמיטעט זענען אַרעסטירט און מיר האָבן נישט קיין דירעקטיוון, קאָנען מיר אין דעם צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער פּאַרטיי נישט אָנטיילנעמען. מיר קאָנען זיך באַטייליקן אינעם צוזאַמענפאָר נאָר מיט באַראַטונגס־רעכט. מיר האָבן אָבער נישט קיין רעכט צו נעמען אויף זיך די אחריות פאַר די באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר און פאַר דער פליכט זיי אויסצופירן".

אַזוי דערציילט מוליע אין זיינע זכרונות (אונטערן נאָמען פּנחס), אינעם „פּועלי־ציון אַלמאַנאַך", (פאַרלאַג „נייע קולטור" וואַרשע, 1931) און גיט צו: „איך בין אפילו מיט אים (פּרוזשיצקין) נישט געווען מסכים אין דעם פּרט — איך האָב געהאַלטן, אַז דער חבר שמעון אינטערפּרעטירט נישט ריכטיק דעם באַשלוס פון פּוילישן צוזאַמענפאָר, נאָר היות דער חבר שמעון איז געווען אַ מיטגליד פון פאַרבאַנדס־קאָמיטעט, האָב איך

זיך געמוזט אונטערוואַרפן דער דיסציפּלין און אָננעמען חבר שמעונס שטעלונג".

אין אָט דער באַמערקונג איז אייגנטלעך פאַראַן אַ טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק פון דעם וועטעראַן פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג. ער האָט געהאַט זיין אייגענע פעסטע שטעלונג און זיך פרייוויליק אונטערגעוואָרפן דער דיסציפּלין.

מיר אַלע זענען דענטסמאָל געווען יונג און עמפּינדלעך. זיך געריסן צו אַקטיווער טאַט. מוליע האָט גלייך באַ דער ערשטער באַגעגעניש געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט זיין איבערלייגטקייט און לאָגישער אַרגומענטאַציע. קליינגעוויקסיק, מאָגער און שמאָל, האָט פון אים אָבער אַרויסגעאָטעמט אַן אינערלעכע פעסטקייט און זיכערקייט: אויף אים קאָן מען בויען, אויף אַזאַ איינעם קאָן מען זיך פאַרלאָזן. אַזאַ איז ער דערשינען תמיד. אַרויסגעטראָטן ביי אַלע געלעגנהייטן. ווי דער מאַן פון דער באַוועגונג, און אַזאַ גייט ער זיין גאַנץ לעבן, ביז אין דער טיפער עלטער.

מיר איז באַשערט געווען צו טרעפן זיך מיט אים אין די שווערסטע מאָמענטן פאַר דער באַוועגונג, און כ'האָב תמיד געוווסט, אַז דאָ, ביי מוליען, אין אים, איז פאַראַן אַן אָנשפּאַר. ס'איז נישט געווען אין אים קיין איבערפלעכלעכע האַפּערדיקייט, קיין וווליונגערישע פאַרריסנקייט, וואָס זעט נישט די אמתע געפאַר און קריכט בלינדערהייט, באשר מען דאַרף פּרובירן, ריזיקירן: אפשר, טאָמער וועט פאַרט געלינגען. ס'איז דאָך סיי ווי נישטאָ וואָס אָנצוווערן. מוליע האָט גראָד געהאַט זיין חשבון, אַז אַ באַוועגונג האָט יאָ כסדר און באַ אַלע פאַלן, וואָס אָנצוווערן. זי קאָן פאַרלירן דעם צוטרוי פון די מאַסן, דעם גלויבן פון די אייגענע מיטגלידער. און דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער גרעסטער פאַרמעג, וועלכן אַ באַוועגונג איז מחוייב אָפּצוהיטן, אויב נישט כסדר פאַרמערן, איז על כל פּנים, נישט צעטרענצלען און אויסבערענגען אומזיסט און אומנישט.

דער מאָראַלישער צוטרוי און גלויבן אין דער פּאַרטיי — אָט דער עלעמענט איז געווען ביי מוליען דער דעצידירנדיקער אין אַלע זיינע האַנדלונגען און אָפּשאַצונגען. דאָס האָט אים געשאַפן זיין אייגנאַרטיקע פּאָזיציע אין דער פּאַרטיי, אין דער גאַנצער באַוועגונג. ער האָט זוכה געווען, און נאָך אין די יונגע יאָרן פון זיין פּאַרטיי־טעטיקייט האָט ער באַקומען דעם ערן־טיטל: דאָס געוויסן פון דער פּאַרטיי. מ'האָט אים

דעם טיטל נישט אונטערגעטראָגן אַלס אָנערקענונג אויף אַן אָפּיציעלער פּייערונג. מוליע איז קיינמאָל נישט געפּייערט געוואָרן אַליין, אַלס יחיד. ער איז יאָ געפּייערט געוואָרן — אָבער נאָר אין יענע היסטאָרישע גורלדיקע טעג און דאַטעס, ווען די פּאַרטיי איז געפּייערט געוואָרן. אין דער אַלגעמיינער פּייערונג האָט אַרויסגעשיינט זיין שטראַלנדיקע געשטאַלט. באמת איז מוליע זיין גאַנץ לעבן אַ שטראַלנדיקע געשטאַלט. נישט אויסגעצייכנט זיך מיט קיין רעדנער־טאַלענט, נישט פאַררעכנט געווען קיינמאָל צווישן די טעאָרעטיקער פון דער באַוועגונג, כמעט ווי נישט געשריבן קיין אַרטיקלען אַ חוץ אין זעלטענע דעצידירנדיקע פאַלן — האָט ער פונדעסטוועגן געוווּנען די אַכטונג און ליבע, דעם אינערלכען דרך־ארץ פון טויזנטער און טויזנטער חברים. ער האָט, ווי זעלטן ווער, דערוואָרבן די אויפריכטיקע חברישע באַציאונג און צוטרוי פון אַלע אָן אויסנאַם טוער און פירער פון דער פּאַרטיי.

אין 1906, נאָכן גרויסן אַרעסט אין פּאָלטאַווע, ווען איך בין איינער אַליין אַנטרונען פון דער היים און לויט אַן אינסטרוקציע פון דעם אַרעסטירטן באַראָכאָוו געהאַט אַריבערצופירן די גאַנצע צענטראַלע טעטיקייט קיין ווילנע, האָב איך אויפן וועג פאַרקערוועט קיין לאָדזש צו טרעפן זיך מיט מוליען. אַהין איז אויך געקומען אבנר (י. בן־צבי), וועלכער האָט געמוזט נאָך פריער אַנטלויפן פון פּאָלטאַווע, ווען מ׳האָט אין זיין וווינונג אַנטדעקט באָמבעס און דינאַמיט פון דער פּועלי־ציוניסטישער זעלבסטשוץ, און מיר האָבן דאָרט באַשלאָסן, ווי צו בויען ווייטער די פּאַרטיי־אַרבעט. איך האָב דאַן געטראָפן מוליען אין זיין נאַטירלעכער סטיכיע. די פאַבריק־שטאָט לאָדזש, מיט די טויזנטער יידישע אַרבעטער, מיטן באַרימטן באַלוט, ווו ס׳זענען געווען קאָנצענטרירט וועבער, פליישער און טראַנספּאָרט־אַרבעטער — דאָ האָט די פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע געשלאָגן גלייך פון אָנפאַנג טיפע וואָרצלען און איז אויך די לעצטע טעג פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג געבליבן די שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציע אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס. ס׳וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די נשמה פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען די גאַנצע צייט מוליע. לאַנגע יאָרן אַן אָנגעשטעלטער אין אַ געשעפט, האָט ער יעדע פרייע מינוט אָפּגעגעבן פריידיק דער פּאַרטיי.

חלילה, ער איז נישט געווען און האָט זיך נישט אויפגעפירט מעשה

באַלעבאָס. ריכטיקער וועט זיין צו זאָגן, אַז מוליע איז געווען דער טאַטע, וועמען אַלע האָבן גערנוויליק געפאָלגט. ער האָט זיך באַצויגן צו אַלע חברים, אויך צו די יינגערע טוער, ווי צו זיינע קינדער. האָט ער זיך דערלויבט אָנצובייזערן; פון אים האָט מען עס אָנגענומען. בײַ אים, האָט מען געוווּסט, איז עס נישט קיין אָנשטעל, קיין קאָמבינאַציע און קיין פּאָליטיק־טרייבעריי, נאָר אויפריכטיקע כוונה, גוטער ערלעכער מיין.

לאָדזש האָט געהאַט די ערשטע יידישע שול, די ערשטע פּועלי־ציון ראַטמענער, לאָדזש האָט דערלעבט צו האָבן אַן אייגענעם וויצע־פּרעזידענט פון שטאָט, געבויט אַ גרויסע נעץ פון קאָאָפּעראַטיווע וואַרשטאַטן און אפילו אייגענע קאָאָפּעראַטיווע הייזער — און ווידער איז אין אַלע אונטערנעמונגען און אויפטוען געווען מוליעס האַנט, מוליעס וואָרט, מוליעס אויג.

נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג בין איך געקומען קיין פּוילן, אין דער זעלשטענדיקער, לעגאַל־געוואָרענער פּאַרטיי. די באַוועגונג איז זיך פונאַנ־דערגעוואָקסן: פּראָפ. פאַרייאַנען, קאָאָפּעראַטיוון, שולן, קינדער־גערטנער, אַ יוגנט־באַוועגונג, אַ שילער־באַוועגונג, אַ צוזאַמענפאָר פון אויפגעברויזטער פרייד באַם אַרויסמאַרש אויפןברייטן שליאַך פון פּאָליטישער פּראָלע־טאַרישער קאַמף־גרייטקייט. כ׳טרעף מוליען אין צענטער, אויבן אָן. דאָ זענען געקומען פון אויסלאַנד שיפּער און רובאַשאָוו, יארבלום, שורעק און לעוו פון פּוילן, אַ ריי טוער פון עסטרייך און גאַליציע. און ווידער פיל איך פון ערשטן בליק, אַז דער פאָטער דער טרייער, איבערגעלייגטער ניכטערער און קלוגער פאָטער איז דאָ מוליע. ער שפּרינגט נישט אין די אויגן, ער כאַפּט נישט קיין קעלבערנע התפעלות, ער דיקטאַטאָרעוועט נישט, אָבער זיין פנים שיינט. אַלע קוקן צו אים און זיין בליק איז צאַרט און נעמט אַרום ווייך: אָט, מיר האָבן אַלע דערלעבט נחת און וועלן נאָך ווייטער דערלעבן.

מילד און איידל אין די באַציאונגען, איז ער האַרב און שטרענג איינגעשפּאַרט אין זיינע איבערצייגונגען. מ׳זעט בחוש, אַז עס גייט אים אין לעבן צו פאַרטיידיקן דעם אוצר פון קאָלעקטיוו. כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיין שלוס רעדע אויף יענעם צוזאַמענפאָר.

אָט, ווי עס כאַראַקטעריזירט אים אונדזער פּאַרטיי־אָרגאַן די „אַרבעטער־צייטונג״: „אַ וווּנדער איז געשען. דער קאַלטער רויקער

אייזערנער מאַן איז אַרויס פון די „כלים". ער קאָן זיך נישט באַהערשן. 5 טעג געוויגן און געמאָסטן יעדעס וואָרט, אויסגערעכנט מיטן שכל יעדן ריר. מער נישט אויסגעהאַלטן. דאָס געזיכט שיינט מיט אינערלעכער באַגייסטערונג, די ווערטער פליען ווי צעגליטע פייער־קוילן און צינדן די הערצער, פאַרכאַפּן דעם גאַנצן עולם, וועלכער ענטפערט ענטוזיאַסטיש אויף יעדן אויסרוף פונעם ליבן אַלטן חבר. עס ווערט אין אים ווי פערזאָניפיצירט דער ענטוזיאַזם פון דער פּאַרטיי, די שטאַרקייט אירע און זיכערהייט אינעם נצחון פון אונדזער אמת".

ס'זענען געקומען טעג פון אינערלעכן געראַנגל, בעת ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן ביישטייערן דעם נסיון און אויסהאַלטן טריישאַפט דעם אייגענעם אידעאַל אפילו קעגן דער העכסטער אינסטאַנץ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג — מוליע איז צווישן די, וואָס פאַרלירן נישט דעם אידעיִשן גלייכגעוויכט. ער האָט דעם פּועלי־ציוניזם אויסגעוויטיקט אין דער רעאַלער יידישער ווירקלעכקייט, געלערנט אים באַ דער ליידנדיקער און קעמפנדיקער מאַסע — וועט ער נישט פאַרראַטן. פריער־שפּעטער וועט אונדזער אמת אויפשווימען און אויפשיינען.

דערפאַר איז ער אַזוי פעסט אויך קעגן די אָפּנויגלער אויף רעכטס.

מיר האָבן מוליען געשיקט צוזאַמען מיטן חבר ניר קיין שטאָקהאָלם צו דער באַראַטונג פון וועלט־פאַרבאַנד ערב דער שפּאַלטונג אין 1920. מיר האָבן געוווסט, אַז ס'וועט זיך האַנדלען נישט בלויז וועגן טעאָריע. ס'איז געשטאַנען אין קאָן די גאַנצקייט פון דער וועלט־באַוועגונג. מ'האָט פאַראויסגעשפּירט די קומענדיקע שפּאַלטונג, ווען סירקין און דערנאָך צוקערמאַן האָבן באַזוכט פּוילן. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אַריינגעבראַכט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג נייע באַגריפן און געעפנט נייע פּערספּעקטיוון פאַר פּראָלעטאַרישן קאַמף אין דער גאָרער וועלט. מיר האָבן געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך אַ גורל־מאָמענט אויף פאַר אונדזער באַוועגונג, ווען די ביז־איצטיקע משפחה מיט אירע אין פלוג פאַמיליאַרע פּאַטריאַרכאַלע באַציִונגען וועט מוזן אָנווענדן די אינסטרומענטן פון מאָדערנער כירורגיע. מוליע איז געוויילט געוואָרן, ווייל צו אים, צו זיין פאַרזיכטיקייט און אַנטשלאָסנקייט האָבן מיר געהאַט דעם פולן צוטרוי.

ער האָט לאַנג פאַר דעם אָנקום פון דער קאַטאַסטראָפע אין פּוילן

באַשלאָסן צו עולה זיין קיין ארץ־ישראל. דעם אמת געזאָגט, מיר האָבן אים אָפּגערעדט. איך בין געווען צווישן די, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר זיין באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. דאָרט, אין לאָדזש, אין גאַנץ פּוילן האָט ער אַ נאָמען. ער איז אַ מאַרקע, אַ פירמע. אפילו פאַר די יעניקע, וואָס קענען אים נישט פּערזענלעך. ער איז אָנגענומען און אָנערקענט אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אין ארץ־ישראל וועט ער זיין אַ נייער עולה. אָן עברית וועט מען אים נישט אָננעמען. ער וועט גאָר נישט באַוויזן זיך „אויסצוגרינען". ער וועט האָבן בזיונות און עגמת נפש. זיין אַקטיווע נאַטור וועט נישט האָבן מיט וואָס זיך צו נערן און שפּייזן.

ער האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט. ער האָט ווי פאַרויסגעפילט דעם אומגליק און נישט געוואָלט צוזען מיט אייגענע אויגן דעם אונטערגאַנג פונעם מיליאָניקן שפּרודלדיקן מאַסן לעבן אין פּוילן.

אין יאָר 1939 באַזעצט ער זיך אין לאַנד. אַ סך פון די חששים האָבן זיך באַשטעטיקט, אָבער די באַוועגונג האָט יאָ געוווּנען פון זיין אַריבערפאָר אַהער. ער איז געוואָרן דער לעבעדיקער אַדרעס פון דער נייער עליה פון דער באַוועגונג. נישט נאָר פון פּוילן. פון אַלע לענדער. ער האָט אויפגענומען די נייע עולים, מיט זיי אַרומגעלאָפן, זיך מיט זייערע דאגות אָפּגעגעבן און זייער ביטער האַרץ אויסגעהערט.

און אַ וווּנדער איז געשען. מוליע האָט אין ארץ־ישראל אויפגעלעבט מיט אַ פריש־אויפגעשפּרודלטער דינאַמיק. אין די יאָרן פון קריג פאַרנעמט זיך מוליע מיט איבערשיקן פּעקלעך פאַר די חברים, וואָס האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט אין ראַטנפאַרבאַנד. ער באַגנוגנט זיך נישט מיטן מאַטעריעלן פּעקל. ער שרייבט אומדערמידלעך הונדערטער בריוו. ער קען יעדן חבר אויסגעבונדן, פּערזענלעך. שרייבט ער היימישע בריוו, און עדות זענען די שפּעטער־געקומענע חברים, אַז יעדער בריוו איז, פאַר זיך, געווען באַ זיי אַ מתנה, וואָס האָט דערקוויקט און דערוואַרעמט.

ווי נאָר עס עפנט זיך די מעגלעכקייט צו קומען אינעם באַפרייטן פּוילן, איז מוליע דאָרט. ער דערגרייכט צו יעדן ווינקל, ווו עס געפינען זיך אָפּגעראַטעוועטע. ער רעדט, אַגיטירט.

דער קעמפער איז באַפליגלט געוואָרן דורך ארץ־ישראל. ער שאַצט דאָ אָפּ ריכטיק, וואָס עס מיינט די יוגנט־באַוועגונג, דער עיקר, וואָס מיינט אַ יוגנט אויף באָדן, אַ קיבוץ. קאָנצענטרירט ער, דער וועטעראַן, זיין

אינטערעס אויף דער אָנקומענדיקער יוגנט, וואָס זאַמלט זיך אין משמר הנגב.

ווי גרויס איז זיין אינערלעכער טריאומף דאָ לעצטנס, ביי דער פייערונג פון לייגן דעם גרונטשטיין פאַר באַראַכאָוו קולטור־הויז אין משמר הנגב. אַלץ האָט זיך אויסגעמישט און איבערגעפלאָכטן.

איצט איז אַ סטאַציע: 50 יאָר זינט ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע גרופּן פּועלי־ציון אין פּוילן. מוליע איז זייער פּערזאָניפיקאַציע. מעג ער קוקן מיט אַ ריינעם געוויסן צוריק אויף דעם אָפּגעגאַנגענעם וועג. עס שיינט דאָס געזיכט פון אונדזער וועטעראַן. זיין בליק שטראַלט אַנטקעגן די ברכות וואָס טראָגן זיך צו אים פון אַלע וועלט־עקן צום יום־טוב פון דער באַוועגונג. יאָ, דאָס איז אויך, אין דער אמתן, זיין יום־טוב. ער האָט אים כשר פאַרדינט.

נישט לאַנג האָט געגומען און מוליע איז נפטר געוואָרן. געקומען צו קבורה, לויט זיין פאַרלאַנג, אין משמר הנגב.

ס׳איז אַוועק פון אונדז מוליע — דער פּועלי־ציון־וועטעראַן — אַן אידעלע געשטאַלט, וואָס האָט תמיד געלויכטן מיט שיין פון אמת. איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן אויפגעהויבן די פאָן פון גייסטיקער פּסיכישער מרידה אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן ברוטאַלן גורל פון אונדזער לעבן און אַרויסגעוואָלגערט אויף אירע יונגע פּלייצעס נאָך מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק די גרויסע לאַסט פון אַ דור: ברענגען אויסלייזונג פאַרן פאָלק און פרייהייט פאַר די אויסלייזער.

געבוירן אינעם קליינעם שלווהדיקן שטעטל, וואָס איז געווען פאַרגליווערט אויף דער אַלטער טראַדיציע, איז מוליע גאַנץ יונגערהייט אַריינגעשליידערט געוואָרן אינעם ווירבלדיקן אינדוסטריעלן לאָדזש, אינעם צענטער פון דערשלאָגענע, פאַרביטערטע יידישע פאָלקס־מענטשן און אויפוואַכנדיקע אַרבעטער, ביים ערשטן אויפפלעמלען פון נאַציאָנאַלער תחיה און דעם אויפלויכט פון קלאַסן־באַוווסטזיין; ער איז צוגעשטאַנען צו דער גרופּע פון די ערשטע באַרג־שטייגער פונעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם און אַלס שליח פון די פּועלי־ציון איז ער געקומען קיין פּאָלטאַווע זיך

באַטייליקן אינעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי אין די גרענעצן פון צאַרישן רוסלאַנד.

ווי אַ דורשטיקער האָט ער געטרונקען די קוואַליק־פרישע געדאַנקען פון בער באָראָכאָוו מכוח די וועגן, וואָס פירן צו נאַציאָנאַלער אויסלייזונג און מכוח דער ראָל פונעם אַרבעטער־קלאַס בּאַ דער רעאַליזירונג פונעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אידעאַל. אָנגעלאָדן מיטן באַוווסטזיין פון שליחות און געפיל פון אחריות, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזן אין זיין לאַנגן וועג, וואָס האָט געפירט פון פּאָלטאַווע ביז צו משמר הנגב, ווו ער האָט געפונען אייביקע רו אין דעם באָדן, אויף וועלכן עס ווערט אויפגעשטעלט אַ קולטור־הויז אויפן נאָמען און אין גייסט פון זיין לערער און פירער, בער באָראָכאָוו.

צוריקגעהאַלטן און באַשיידן איז מוליע געווען אין זיין נוסח לעבן און אין זיין אויפפירונג, אָבער אַקטיוו, באַשאַנקען מיט געדאַנקלעכער שפּאַנונג און פּראַקטישער געוואַגטקייט. ער האָט געאָטעמט מיט ענערגיע, איניצירט ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע אונטערנעמונגען, געשטאַנען כסדר אויף דער וואַך פון אַרבעטער אינטערעסן, פאַרנומען זייערע פאַרלאַנגען, זיך צוגעהערט צו זייערע פאָדערונגען און זיך געמיט נאָכאַנאַנד צו באַפרידיקן און דערפילן זיי דורך אומדעשראָקענעם און אומאויפהערלעכן געראַנגל.

זיינע אינדיווידועלע כוחות און פעיקייטן האָט ער אינוועסטירט אין קלייניקייטן, האָבנדיק אין אויג תמיד דאָס גרויסע ווערק פאַרן כלל. אויסגעבונדן מיט חברים, האָט ער געהאַט אינטערעס פאַרן יחיד און זיך געזאָרגט אויך פאַר דעם לעבעדיקן פּרט. דערפאַר האָט אים ליב געהאַט דער קאָלעקטיוו. געאַכטעט דורך אַלעמען אין דער באַוועגונג און אָנגענומען ביי אַלעמען מחוץ איר. ער איז געווען דער מאַן פון אמת, געזוכט גערעכטיקייט. געמאָנט אמת און צדק אויך אין די באַציִונגען צווישן מענטש און מענטש, צווישן חברים, אין דער געזעלשאַפט, צווישן דער פּאַרטיי און די אַרבעטער־מאַסן, צווישן דער טאָג־טעגלעכער טאָט און דעם ווייטן אידעאַל.

ער האָט געהאַט צוטרוי צו דער פּאַרטיי, געגלויבט אין איר און איר געדינט זיין גאַנץ לעבן.

אויפגעשטעלט אַ דור תלמידים: טוער אין דער פּראָפ.־באַוועגונג,

אין דער קאָאָפּעראַציע, דער פּראָדוצירנדיקער און געברויכערישער; ער האָט משפּיע געווען די אינסטרוקטאָרן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום אים, אָנגעפירט מיטן געראַנגל, אים אָפּגעגעבן זיין טאַלאַנט און לעבן. מוליעס לעבן איז געווען דורך און דורך געווידמעט דער באַוועגונג, ווייל די באַוועגונג גופא איז געווען דער קודש קדשים פון דעם דאָזיקן יידישן מאַן, איינעם פון די שענסטע און אויסדערוויילטסטע קינדער פון יידישן פאָלק.

מוליע איז נישט געווען פאַרשלאָסן און אָפּגעזונדערט פון מענטשן. אדרבא, כסדר אין געזעלשאַפט, באַצויגן זיך מיט אַכטונג צום קעגנער און פעסט פאַרטיידיקט די אייגענע מיינונג. פיינט געהאַט תכלית שנאה פאַרשוועכער פונעם יידישן אַרבעטער, טאָג ווי נאַכט געקעמפט פאַרן פּאַרטייאישן אמת, פאַר זיין אמת.

ער האָט באַזוכט דאָס לאַנד נאָך איידער ער האָט זיך דאָ באַזעצט, און האָט זוכה געווען עולה צו זיין פול מיט לעבנס־כוחות.

ער האָט שוין נישט באַוויזן, צוליב אָביעקטיווע סיבות, צו פאַרנעמען אַן אָרט אין די ערשטע רייען אין לאַנד, ווו עס זאַמלען זיך יידישע תפוצות מיט דער שפע פון זייערע פאַרשידענע קולטורן. עס איז אים אָבער דרוקאויס געראָטן איינצוואָרצלען זיך אין דער אויפגעברויזטער ווירקלעכקייט, אין אַלע אירע פאַרוואַנדלונגען אין פּראָצעס פון אויספאָרמירן די מדינה, וואָס וועגן איר האָט מוליע געחלומט זיין אינטימסטן חלום. ער האָט דאָ דורכגעפּייניקט די יסורים פון דער יונגער מדינה, געמאַטערט זיך איבער אירע פּראָבלעמען, אָפּגעהיט די לויטערקייט פון זיין געפיל און די קלאָרקייט פון זיין מחשבה. נישט געווען און נישט געמאָלט געווען קיין סתירה צווישן זיין אינדיווידועלן און געזעלשאַפטלעכן געוויסן. מוליעס כאַראַקטער האָט זיך אויסגעשטאָלט אין דער לאַבאָראַטאָריע פון זיין פּאַרטיי, אין אירע טראַגישע געראַנגלען מיט די רעפּרעזענטאַנטן פון דער וועלט־רעוואָלוציע פאַרן אָרט פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער וועלט פון רעוואָלוציע, וואָס איר אידעאַל האָט ער איינגעאָטעמט פון דער פריסטער יוגנט און ביזן לעצטן אָטעם־צוג געבליבן אים טריי.

אַ טייערער זון איז ער געווען צו זיין פאָלק, צו זיין טראַגישער געשיכטע, צו דעם אידעאַל פון זיינע נביאים און פון זיינע ווידערגעבורט־העלדן אין אַלע דורות. פון די חשמונאים און ביז טרומפּעלדאָר, ביז צו

יצחק שדה און חנה סענעש, פון דער זעלבסטשוץ אין פוילן און ביז צו פּלמ״ח און צה״ל.

ער האָט נישט געהערט צו די פּלאַמיקע רעדנער, אָבער ער אַליין האָט פאַרמאָגט דעם פלאַם פון אמת, און זיין גאַנץ וועזן האָט געהויכט פייער פון ווידערשטאַנד, ווי יענער ווולקאַן, וועמען עס איז נמאס זיין אייגענע פאַרצויגענע פּאַסיוויטעט.

מיטן אינערלעכן פלאַם פון זיינע רייד און מעשים האָט ער געווירקט אויף זיין סביבה, אויף יעדער סביבה, — דערפאַר איז ער געווען אַרומגענומען פון אַלע זייטן מיט חברים און פריינט, וואָס האָבן אים געמוטיקט, געשטאַרקט און געשעצט: יצחק בן־צבי און רחל ינאית, יצחק טאַבענקין און נחום ניר, אריה האַלענדערסקי און ביז צו די ייִנגסטע קינדער פון זיינע חברים.

אין ישראל איז מוליע געוואָרן אַן אַדרעס זינט ער האָט זיך דאָ באַזעצט. נישט נאָר פאַר די גרעאַטעוועטע פון היטלערס גיהנום, וואָס האָבן זיך צעפּרעסענע פון יאוש אַרומגעבלאָנקעט איבער די פאַרשידענע ווינקלען פון ראַטנפאַרבאַנד, נישט וויסנדיק, וואָס דער מאָרגן וועט זיי ברענגען, נאָר אויך פאַר יענע, וואָס האָבן געלאַנדעט אינעם האַפן פון פאָטערלאַנד. דאָס פעקל אין די וויטקייטן האָבן באַגלייט וואַרעמע טרייסטנדיקע חברישע ווערטער, כדי נישט דערלאָזן, עס זאָל זיך אויסלעשן דער לעצטער פונק האָפענונג. די נייע עולים דאָ האָט אויפגענומען אַ ליבנדיקער טאַטע, אָפט אַ רוגזדיקער, אָבער פאָרט אַ טאַטע, אַ דערפאַרענער חבר, וואָס האָט געוווסט, וואָס צו עצהן, וווהין צו ריכטן און אָנווייזן דעם פאַסיקסטן פלאַץ אין קיבוץ, אין דאָרף אין אַרבעטס־לעבן.

דער אַלטער מוליע האָט זיך אין לאַנד געחברט דווקא מיט דער באָראָכאָוו־יוגנט; ספּעציעל האָט ער מיטגעהאָלפן די יעניקע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט צו התישבות. ווי אַ טאַטע און אַ חבר אַ געטרייער, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיטן קערן פון דער באָראָכאָוו־יוגנט, וואָס האָט פאַרלייגט דעם יסוד פאַרן אייגענעם קיבוץ אין כפר־סבא, ביז יענער האָט געוואָגט צו טראַכטן וועגן אַ באָראָכאָוו־פעסטונג דאָרט (מצודת בורוכוב); און ווען עס איז געקומען דער געוואָגטער אויפגאַנג צום נגב, האָט דער אַלטער מוליע געמוטיקט און סטימולירט די יוגנט צו

שטעלן זיך גרייט אויף דער וואַך — משמר הנגב — און אַהין אַריבער־ברענגען זיין אויסגעוואַרעמטן חלום. ער האָט דערלעבט צו זיין צווישן די, וואָס האָבן געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר באַראָכאָוו־הויז, וואָס וועט זיין אַ גייסט־הויז פאַר אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס, אַ קולטור־הויז ווו ס׳וועט פלאַטערן באַראָכאָווס גייסט, דער גייסט פונעם לערער, וואָס האָט זיך געמיט צו געפינען דעם אָביעקטיוון אמת און ווייזן דעם אומפאַר־מיידלעכן וועג פאַרן אויסלייזנדיקן געראַנגל פון דעם יידישן אַרבעטער און זיין פאָלק אינעם פאָטערלאַנד.

זאָט מיט יאָרן, אָבער געטראָפן פון דער פאַרשאָלטענער קרענק, איז מוליע אויך אַליין געקומען אין משמר הנגב. צוגעשמידט פיזיש צו זיין קראַנקן־בעט האָט זיין גייסט נישט אויפגעהערט צו שוועבן אין די הויכקייטן פון וויזיע. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, פּרובירט אַראָפּגיין פון בעט, באשר עס וואַרט אויף אים אַ דרינגנדיקע אַרבעט אין שטאָט, און אויך אין נגב מערקט זיך אַ פרישע רירעוודיקייט. 9 חדשים האָט ער זיך געראַנגלט מיט זיין קראַנקהייט שוין נאָך דער אָפּעראַציע, און סוף כל סוף איז ער אַנידערגעפאַלן אַ באַזיגטער. געפאַלן אויף דער ערד, וואָס ער האָט געקושט אין טאָג פון זיין אָנקום. די חברים האָבן אים אויפגענומען און געבראַכט צו קבורה אין זיין קיבוץ, אין דער ערד פון זיין פאָלק. זיין קבר געגראָבן אַנטקעגן דעם באַראָכאָוו־הויז, איבער וועלכן ס׳האָבן דאָס ערשטע מאָל אויפגעפלאַטערט די פענער פון קלאָס און פאָלק אָפּצוגעבן כבוד איינעם פון די ערשטע.

עס וועלן דורכגיין יאָרן, דאָס געזאַנג פון קינדער וועט שטייגן הויך איבער דעם קבר, לידער פון פריידיקער אַרבעט וועלן שאַלן אַרום, קעמפער, אויפריכטער פון פרייען פאָטערלאַנד און רעאַליזירער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, וועלן מאַרשירן אין די ברייטע פליינען פון נגב, און מוליע, דער עניו, דער טרייער זון פון אַרבעטער־קלאַס, וועט רוען אין פרידן און אייביקער רו.

אריה האַלענדערסקי

ער איז געווען דער ערשטער און עלטסטער ראַטמאַן פון פועלי־ציון אין פוילן. אונדזער אָרגאַניזאַציע אין לאָדזש איז אין דעם פּרט געגאַנגען פאַר ווארשע און די ערשטע פועלי־ציון פאָדערונגען פון אַ שטאָטישער פּאַרלאַמענטאַרישער טריבונע זענען געהערט געוואָרן אין דער אַרבעטער־שטאָט. דערנאָך איז עס שוין געוואָרן כמעט אַ געוויינלעכע דערשיינונג. פועלי־ציון האָבן זיך באַטייליקט אַקטיוו אין די שטאָטראַט־וואַלן, און אין אַ גאַנצער ריי שטעט און שטעטלעך האָבן מיר דורכגעפירט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל ראַטמענער. דאָס האָט באַוויזן די אַקטיווקייט פון די חברים אין יענע ערטער, און אויך דעם אינטערעס און פאַרשטענדעניש, וואָס זיי האָבן געהאַט לגבי די פּאָליטישע אוןווירטשאַפטלעכע פראַגן פון זייער שטאָט.

נאַטירלעך האָבן די חברים נישט געהאַט קיין שום דערפאַרונג אויף דעם געביט און זיי האָבן כסדר געפאָדערט אינסטרוקציעס און אָנווייזונגען פון צענטער. אַ געוויסע צייט האָט לאָדזש אינסטרואירט די חברים. צו האָלענדערסקין האָט מען אַדרעסירט די שאלות און פון אים האָבן זיך באַקומען די תשובות. אַלס דער נאָענטסטער מיטאַרבעטער מיט האָלענ־דערסקין איז געווען דער חבר מוליע.

אין אַלגעמיין האָט זיך אין דער פּאַרטיי געהאַלטן דער דאָפּל־נאָמען לגבי לאָדזש: מוליע און אריה. צוויי, וואָס האָבן געאַרבעט אין זעלטענער האַרמאָניע און איינגעטיילט צווישן זיך אפשר נישט צוליבגערעדטערהייט די געביטן פון טעטיקייט און דעם אויטאָריטעט. האָלענדערסקי האָט זיך, קאָן מען זאָגן ספּעציאַליזירט אויף דעם געביט פון קאָמונאַלער ווירט־שאַפט; ער האָט באמת שטודירט דאָס פּראָבלעם אין אַלע זיינע פּרטים און געלערנט דעם „פאַך".

גאַנץ אָפט האָט האָלענדערסקי אַריינגעטראָגן אינטערפּעלאַציעס אין שטאָטראַט, אָפּגעגעבן דעקלאַראַציעס פון אַלגעמיינעם פּאָליטישן כאַראַקטער. זענען די אַלע דאָקומענטן דורכגעגאַנגען די רעדאַקציע פון מוליען,

אויב זיי זענען לכתחילה נישט אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך זיי ביידע.

געווען אַ צייט, ווען מיר האָבן אין לאָדזשער שטאָטראָט געהאַט אַ פראַקציע פון 5 ראַטמענער, איין קאַדענץ אפילו געהאַט אונדזער וויצע־בירגערמייסטער דעם חבר ד"ר שיפמאַן. סייווי, האַלענדערסקי איז תמיד געווען דער אַנערקענטער מומחה און ועגווייזער.

זיין פּאָפּולאַריטעט האָט זיך אריה האַלענדערסקי פאַרדינט נאָך אין לאָדזשער אַרבעטער־ראַט. די פועלי־ציון האָבן אינעם אַרבעטער־ראַט אַריינגעפירט עטלעכע צענדליק דעלעגאַטן מיט האַלענדערסקין אין דער שפּיץ. ח' מוליע האָט אין זיין אַרטיקל וועגן האַלענדערסקין געגווי דערציילט דעם אינטערעסאַנטן היסטאָרישן פאַקט. „אין גרויסן זאַל פון „סקאַלאַ"־טעאַטער ווערט צונויפגערופן די ערשטע זיצונג, אויף וועלכער יעדע פּאַרטיי דאַרף אַרויסטרעטן מיט אַ דעקלאַראַציע. עס זענען געקומען טויזנטער אַרבעטער און דעלעגאַטן. דער עולם איז געשטימט פייערלעך, ענטוזיאַסטיש. די רעדנער ווערן אויפגענומען מיט באַגייסטערונג. דער לאָדזשער פועלי־ציון־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן, אַז אונדזער דעקלאַראַציע זאָל האַלענדערסקי לייענען אין יידיש. מ'האָט פאָרויסגעזען, אַז ס'קאָנען זיין שטערונגען און מ'וועט נישט לאָזן לייענען די דעקלאַראַציע אין יידיש. האָט דער קאָמיטעט באַשלאָסן, אַז האַלענדערסקי זאָל זיך אונטערגעבן נאָר דער געוואַלט. ער זאָל פאָדערן אַן אָפּשטימונג, און אויב די מערהייט וועט זיך אַרויסזאָגן קעגן לייענען אויף יידיש, זאָל ערשט דעמאָלט האַלענדערסקי מעלדן, אַז ער גיט זיך אונטער דער געוואַלט און לייענען אין פּויליש.

עס קומט די ריי פון דער פועלי־ציון־פראַקציע. האַלענדערסקי גייט אַרויף אויף דער טריבונע און ווערט באַגעגנט, ווי אַלע רעדנער, מיט אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. אָבער ווי נאָר ער הויבט אָן לייענען די דעקלאַראַציע אין יידיש, הויבט זיך אָן אַ געמורמל, וואָס וואַקסט זיך פאַנאַנדער אין אַן אויפברויז פון פּראָטעסט־אויסרופן. דער טויזנט־קעפּיקער עולם שטורעמט קעגן דעם ,וואָס האַלענדערסקי לייענט יידיש. דער פאָרזיצער שטעלט אָפּ דעם רעדנער און פאָדערט פון אים צו לייענען די דעקלאַראַציע אויף פּויליש. האַלענדערסקי דערקלערט, אַז אַלס פאַר־שטייער פון יידישע אַרבעטער האָט ער דאָס רעכט און די פליכט צו לייענען די דעקלאַראַציע אויף זייער שפּראַך, יידיש. ער שטרייכט דערביי

אונטער, אַז ס׳איז נישט וויכטיק, צי די פאַרזאַמלטע פאַרשטייען יידיש. דאָס נישט לאָזן אים לייענען יידיש ,הייסט צונעמען באַ יידישע אַרבעטער דאָס רעכט צו באַנוצן זיך מיט זייער שפּראַך. אויב די פוילישע אַרבעטער פאַרשטייען נישט קיין יידיש, וועט ער שפּעטער ,נאָכן איבערלייענען די דעקלאַראַציע אויף יידיש, זי איבערזעצן אויף פויליש. דער שטורעם אין זאַל ווערט נאָך גרעסער. האַלענדערסקי רירט זיך נישט פון אָרט. אויף דער אויפפאָדערונג פון פאָרזיצער דערקלערט ער, אַז ער וועט זיך נישט אָפּזאָגן פון זיין רעכט, סיידן ער וועט דערצו געצוווּנגען ווערן דורך געוואַלט. ער פאַרלאַנגט פון פאָרזיצער אָפּצושטימען צי די פאַרזאַמלונג דערלויבט אים נישט צו לייענען יידיש. דער פאָרזיצער אַמפּערט זיך. ער מיינט, אַז ס׳איז נישט נויטיק קיין אָפּשטימונג. מ׳זעט דאָך באַשיימפּערלעך, אַז די מערהייט איז קעגן .האַלענדערסקי באַשטייט אויף זיינס. אַנדערש וועט ער נישט פאַרלאָזן די טריבונע, ביז מ׳וועט אים לאָזן לייענען די דעקלאַראַציע אויף יידיש. בלית ברירה האָט דער פאָרזיצער אָפּגעשטימט און ס׳איז נאַטירלעך מיט אַ גרויסער מערהייט באַשלאָסן געוואָרן, נישט לאָזן לייענען קיין יידישע דעקלאַראַציע. ערשט דאַן האָט האַלענדערסקי געמאָלדן, אַז ער וואַרפט זיך אונטער דער געוואַלט פון דער מערהייט און האָט געלייענט די דעקלאַראַציע אויף פויליש״.

מיר האָבן געבראַכט דעם פאַקט אויספירלעך. ווייל ער האָט עטלעכע כאַראַקטעריסטישע עלעמענטן. ערשטנס, פועלי־ציון זענען געווען די ערשטע און דעמאָלט די איינציקע, וואָס האָבן דעמאָנסטרירט די רעכט פון יידישן אַרבעטער אויף זייער שפּראַך יידיש אין עפנטלעכע פאַר־זאַמלונגען. דער „בונד״ האָט זיין דעקלאַראַציע געלייענט פאַר אונדז און ער האָט אפילו נישט געפּרווט צו לייענען אויף יידיש. צווייטנס כאַראַקטעריזירט ער די דיסציפּלין פון האַלענדערסקין באַ אויספירן אַ באַשלוס פון דער פּאַרטיי. און דריטנס, זיין אויסגעהאַלטנקייט און פעסטקייט צו באַשטיין אויף זיינע רעכט בעת ער האָט געהאַט קעגן זיך דעם אויפגעשטורעמטן זאַל פון פוילישע אַרבעטער מיטן פאָרזיצער בראש.

אגב, דערמיט האָט האַלענדערסקי געעפנט אַ ניי קאַפּיטל אינעם קאַמף פון פועלי־ציון אין פוילן פאַר אַנערקענען די רעכט פון יידיש. שפּעטער

האָבן מיר געהאַט ענלעכע מאַניפעסטאַציעס אין אַ ריי שטאָטראַטן און אַרבעטער־ראַטן.

האַלענדערסקי, אין פלוג אַ רויִקער, מיושבדיקער, איז פאַקטיש געווען זייער אַקטיוו, ממש דינאַמיש. עס איז שווער אָנצורופן איין געביט פון טעטיקייט אין דער פאַרצווייגטער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע, ווו האַלענ־דערסקי זאָל נישט זיין אָנגעזעצן און פאַרנעמען אַ צענטראַלן אָרט. אין קאָאָפּעראַטיוון, אין שול־וועזן, אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, בּאַ אויפשטעלן הייזער פאַר אַרבעטער.

כ׳דערמאָן זיך די פייערונג פון די קאָאָפּעראַטיווע הייזער פאַר די פליישער־אַרבעטער אין באַלוט, ווּהין איך האָב געבראַכט די באַגריסונג פון צענטראַל־קאָמיטעט. ס׳איז געווען באמת אַ פאָלקס שמחה, ווער עס געדענקט דעם באַלוט, ווייסט, אַז ער איז געווען דער סימבאָל פון נויט און אָרעמקייט. דלות און אָפּגעלאָזנקייט האָבן געפייפט פון יעדן ווינקל, און פלוצים הויבן זיך הויכע עסטעטישע, פעסטע בּניִנים אינעם באַלוט, ווי זיי וואָלטן געקומען אָנזאָגן די בשורה, אַז עס רוקט זיך אָן אַ נייע צייט, ווען דער אַרבעטער וועט מיט אייגענע כּוחות אויסקעמפן פאַר זיך נייע בעסערע באַדינגונגען. מ׳דאַרף נאָר האָבן קוראַזש און גלויבן.

האַלענדערסקי איז נישט געווען קיין אָראַטאָר אין אָנגענומענעם זין, נישט געווען קיין שיין־רעדנער און נישט פאַרמאָגט אין זיין לעקסיקאָן קיין מליצות און גוזמאות, אויף צו געפעלן דעם עולם. ער איז געווען אַ זאַכלעכער רעדנער, כּמעט ווי אַ וויסנשאַפטלער האָט ער אָפּערירט מיט פאַקטן און מיט ציפערן און אַרויסגעבראַכט פון זיי לאָגישע אומבאַ־שטרייטלעכע אויספירן.

דערפאַר טאַקע האָט מען זיך גערעכנט מיט זיין מיינונג אין די אַלע אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס, ווו ער האָט געווירקט.

איך מוז דאָ דורכאויס פאַרצייכענען, אַז האַלענדערסקי איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער מכניס אורח. זיין שטוב איז געווען די שטוב פון די פּועלי־ציון. ס׳איז דערביי נויטיק צוצוגעבן, אַז אין שטוב האָט פאַקטיש געהערשט חברטע צילע, די פרוי פון האַלענדערסקי. זי האָט זיך מחוץ דער שטוב נישט געוואָרפן אין די אויגן און נישט געצויגן אויף זיך קיין אויפמערקזאַמקייט, צוליב איר נאַטירלעכער באַשיידנקייט און

צוריקגעהאַלטנקייט. זי האָט געטאָן גערן אויף פּאַרטייאישע אַרבעט און אויסגעפירט שליחותן פון גרויסער חשיבות. אָבער איר גרויסקייט און מענטשלעכע שיינקייט איז געקומען צום פולן אַויסדרוק אין זייער שטוב. דאָ האָבן מיר פאַר זיך געהאַט נישט נאָר די באַלעבאָסטע, נאָר בפירוש אַ ליבע, זאָרגעוודיקע מאַמע, צי שוועסטער, וועלכע האָט צוגעקוקט יעדן איינעם, וואָס איז אַריינגעקומען אין זייער הויז. און אַריינגעקומען זענען אַלע, בפרט די צוגעפאָרענע און פאַרבייפאָרנדיקע.

צילע האָט געשאַפן אַן אַטמאָספער פון היימישקייט, וועלכע איז אַזוי נויטיק ספּעציעל פאַר חברים, וואָס זענען כסדר אונטערוועגנס און אָפּגעריסן פון דער אייגענער היים. האַלענדערסקי אַליין האָט געפעלט אין שטוב, ווייל ער איז געווען פאַרנומען ערגעץ אין געזעלשאַפטלעכע ענינים. אָבער דאָס הויז איז געווען אויך דאַן הויז, און צילע האָט נישט געלאָזט דעם אורח פילן אַ רגע, אַז עס פעלט אים עפּעס און ער האָט צו באַדויערן, וואָס ער איז אַריינגעפאַלן נישט אין דער געהעריקער שעה.

אין הויז פון די האַלענדערסקיס זענען פאָרגעקומען באַראַטונגען און מסיבות. געווען נאָך עטלעכע הייזער פון דעם מין. אָבער דאָס איז געווען, ווי מ׳וואָלט זיך מתקנא געווען אין די האַלענדערסקיס און געוואָלט זיי נאָכמאַכן. דער אָריגינאַל, דער נוסח איז געווען אריה און צילע און זייער הויז. מ׳קאָן זאָגן, אַז ס׳איז געווען נאָך עמעצער, וואָס האָט צוגעגעבן היימישקייט און חברישקייט דעם דאָזיקן הויז. דאָס איז חבר מוליע. מען האָט געוווסט, אַז אויב מען געפינט נישט מוליען אין קלוב צי אין קאָאָפּעראַטיוו, צי אין דער שול, וועט מען אים געוויס טרעפן באַ האַלענדערסקין. אין יאָר 1906, ווען איך בין געצוווּנגען געווען צו אַנטלויפן פון פּאַלטאַווע, נאָך די גרויסע אַרעסטן, ווען מ׳האָט פאַרמאַכט די רעדאַקציע פון „יעווּרעיסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ״, אַרעסטירט באַראָכאָוון און דעם רעדאַקציע־סעקרעטאַר באָריס ריאַב־טשינסקי, האָב איך באַקומען פון טורמע באַראָכאָווס צעטל, איך זאָל תיכף אַריבערפאָרן קיין ווילנע, כדי דאָרט אָנהויבן רעאַליזירן דעם באַשלוס פון אונדזער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר אין יענעם יאָר וועגן אַריבערפירן אונדזער קולטור־אויפקלערערישע אַרבעט אויף דער יידישער שפּראַך. בין איך אַוועק דורך קיעוו קיין לאָדזש, און אין הויז פון האַלענדערסקין זיך געטראָפן מיט אים, מיט מוליען און מיט אבנרן (י. בן־צבי), וועלכער

איז נאָך פריער אַנטלאָפן פון פאַלטאַווע (נאָך דעם, ווי מ׳האָט באַ אים אין הויף געפונען באָמבעס און געווער פון אונדזער זעלבסטשוץ) און באַשלאָסן אַרויסגעבן אין ווילנע דעם ערשטן צענטראַלן אָרגאַן פון פועלי־ציון אין יידיש (דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק) און גרינדן דעם ערשטן פועלי־ציון פאַרלאַג „דער האַמער" (וואָס האָט, אגב אַלס ערשטע אויסגאַבע פאַרעפנטלעכט באָראָכאָווס „קלאַסן מאָמענטן פון דער נאַציאָ־נאַלער פראַגע"). דעמאָלט האָב איך אויך געהערט פון האַלענדערסקין וועגן דעם, ווי באָראָכאָוו האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין הויז פון זיינע עלטערן, בעת ער האָט באַזוכט לאָדזש אין יאָר 1905, נאָך איידער ער האָט זיך אָפיציעל אָנגעשלאָסן אין פועלי־ציון. די טעג פלעגט באָראָכאָוו פאַרברענגען באַ האַלענדערסקין, דאָרט זיך טרעפן מיט חברים און דאָרט זענען געפירט געוואָרן לאַנגע דיסקוסיעס.

האַלענדערסקי האָט זיך ספּעציעל אינטערעסירט מיט די אָרגאַני־זאַציאָנעלע פּראָבלעמען פון דער פּאַרטיי און אירע אינסטיטוציעס. איך פלעג אָפט באַזוכן לאָדזש און כמעט שטענדיק בין איך געווען דער גאַסט פון די האַלענדערסקיס. געדענק איך געשפּרעכן איבער וואָס איר ווילט, באַר גאַנץ ווינציק וועגן טעאָרעטישע אָנגעלעגנהייטן. ער האָט אַ סך געלייענט אין עטלעכע שפּראַכן און דאָך האָט ער געשאַרפט זיין מוח איבער פראַגן, וואָס האָבן אים אינטערעסירט ספּעציעל אין שייכות מיט קאָמונאַלערווירטשאַפט.

האַלענדערסקי איז געווען שטאַרק אָנגענומען אין דער געזעלשאַפט, אויך אין די רעגירונגס־קרייזן. פלעגט ער אָפט אויסנוצן זיינע פאַרבינ־דונגען און באַקאַנטשאַפטן פאַר אינטערווענצן סיי לגבי חברים און סיי לגבי נישט חברים, וואָס האָבן זיך אָבער געווענדעט מיט זייערע בקשות צום פּאָפּולערן ראַטמאַן.

איך פערזענלעך האָב אויך איין מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון האַלענדערסקיס אינטערווענץ. ס׳איז געווען אַ פּרייטיק־צונאַכטס. איך האָב געהאַט, אַ רעפעראַט אין לאָדזשער פילהאַרמאָניע. אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז די טעמע געווען „אויפן וועג צו דער בייער מענטשהייט" אויך דאָס מאָל איז די פילהאַרמאָניע געווען פול געפּאַקט. נאָכן רעפעראַט, האָבן מיר געהאַט באַ די האַלענדערסקיס אַ לייכטן איבערבייס און שפּעט באַנאַכט אַוועק צו דער באַן. ס׳האָט מיך באַגלייט

דער חבר לייזער לעווין. איך האָב געמוזט פאָרן באַנאַכט, ווייל אויף אין דער פרי איז געווען געמאָלדן מיין רעפעראַט אין וואַרשע אין זאַל „פּאַנאָראַמאַ״, אויף דער זעלבער טעמע.

האָבן מיר געוואַרט אַ לענגערע צייט ביז דער צוג האָט מיך געדאַרפט אָפּפירן קיין קאַליושקי, ווו כ׳האָב געזאָלט כאַפּן דעם שנעל־צוג פון טשענסטאָכאָוו קיין וואַרשע. דער צוג קיין קאַליושקי איז שוין צונויפ־געשטעלט. דער חבר לעווין פירט מיך צו ביז צו דער גרויסער טיר, וואָס פירט צום פּעראָן און מיר געזעגענען זיך. איך גיי אַריין אין וואַגאָן און וויל זיך איינאָרדענען אויף מיין זיץ־פּלאַץ, ערשט עס קומט אַריין אַ פּאָליציאַנט און בעט מיך אַרויסגיין נאָך אים. זאָג איך אים: היתכן, דער צוג גייט דאָך באַלד אָפּ. ס׳מאַכט נישט, זאָגט ער און כ׳גיי מיט אים, בלית ברירה, אַריין אין בופעט. ער קוקט מיינע פּאַפּירן און — גאָרנישט. מיר האָבן געוואַרט ביז עס איז טאָג געוואָרן און מיר לאָזן זיך אין שטאָט אַריין. איך בין אין אַ פאַרלעגנהייט. מילא דער אַרעסט — צו דעם בין איך געוווינט און ווער פון דעם נישט נתפעל. אָבער די צייט איז אַזאַ נישט פּאַסיקע דערצו. אין וואַרשע וועט מען וואַרטן אויף מיר בנוגע דעם רעפעראַט פאַר מיטאָג, און קיין צוג אין דער פרי פון לאָדזש איז נישטאָ. וועט מען טעלעפאָנירן צו די חברים אין לאָדזש: ווו בין איך? וועט מען ענטפערן, אַז איך בין אַרויסגעפאָרן האַלבע נאַכט. אַ חבר האָט געזען מיט אייגענע אויגן, ווי כ׳בין אַריין אין צוג. וואָס טוט מען? אַז עמעצער זאָל זיך דאָ דערוויסן וועגן מיין אַרעסט און טעלעגראַפירן קיין וואַרשע, זיי זאָלן דאָרט אָפּרופן דעם רעפעראַט. ס׳איז נאָך גאַנץ פרי. די גאַסן זענען ליידיק. מ׳זעט נישט קיין מענטש. וווּהין פירט מען מיך, ווייס איך אַליין אויך נישט. ערשט מיר גייען פאַרביי אַ טויער און פון טויער קומט אַרויס... חבר לייזער לעווין, דער זעלבער, וואָס האָט מיך באַגלייט צו דער באַן און זיך געזעגנט מיט מיר ווען איך בין אַרויס צו דער באַן. דער חבר שטעלט אויס אַ פּאָר אויגן. ער איז איבערראַשט צו זען מיך מיטן פּאָליציאַנט. ער אָריענטירט זיך גלייך, אַז פאַרפירן מיט מיר קיין שמועס טאָר מען נישט, אָבער מ׳דאַרף מיך נאָכגיין, כדי צו זען, וווּהין פירט מען מיך.

האָט ער באַלד געזען, אַז מ׳פירט מיך אַריין אין דער זשאַנדאַרמעריע. אַ האַלבע שעה שפּעטער איז שוין דאָרט געווען חבר האַלענדערסקי מיט

אַן אינטערוועניץ. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ שפּיצל, וואָס האָט געזען ווי מען האָט מיך דאָ נישט לאַנג, מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, אַרעסטירט אין קאַליש, האָט מיך דערקענט אויפן וואָקזאַל און געמאָלדן דעם פּאָליציאַנט, אַז נישט אַנדערש, נאָך איך בין אַנטלאָפן פון קאַלישער אַרעסט. דער פּאָליציאַנט האָט דערפילט זיין פליכט, מיך אַרעסטירט און געבראַכט אין זשאַנדאַרמעריע: זאָל מען זיך דאָ פּאַנאַנדערקלייבן. האָלענדערסקי האָט אויפגעקלערט דעם ענין, דערוויזן, אַז נעכטן האָב איך געהאַט אַ לעגאַלן רעפעראַט אין פילהאַרמאָניע, און איך בין גלייך באַפרייט געוואָרן. אמת, קיין וואַרשע האָב איך שוין נישט באַוויזן צו קומען. דער רעפעראַט דאָרט איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויפן נאָענטן שבת, אָבער איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו איבערצייגן זיך, אַז האָלענדערסקיס אינטערוועניץ האָט אַ ווערט.

האָלענדערסקי איז געווען אַ זעלטן איידעלער, העפלעכער, ממש אַ דזשענטלמען אין זיינע באַציִונגען צו יעדן איינעם. ער האָט כמעט נישט אַרויסגעוויזן זיין התלהבות און התפּעלות; מ׳האָט עס געקאָנט דערקענען נאָר אין זיינע אויפשטראַלנדיקע אויגן. אַזאַ האָב איך אים געזען אין „אַרבעטער־היים״, צו די 15 יאָר זינט דער גרינדונג פון דער פּאַרטיי. עס זענען געווען רעדעס. געווען אַ פּראָלעטאַרישער כיבוד, און לסוף, ווי אין יענע יאָרן — אַ ריקודל. דער טאַנץ איז צוערשט געווען נישט קיין אַלגעמיינער, נאָר לויט די יאָרן אין דער פּאַרטיי. האָבן געטאַנצט 5־יאָריקע, אַ שטייגער ,דערנאָך 10־יאָריקע און צום סוף — די 15־יאָריקע, די ראשונים, די סאַמע ערשטע. אין לאָדזש איז אויך זייער צאָל נישט געווען קיין קליינע. אַ היבשע צאָל חברים און חברטעס זענען אַריין אין ראָד און — ליהודים. האָלענדערסקי און מוליע זענען אין דעם קרייז געווען די טאָן־געבער. איך בין אויך געווען אין ראָד. האָב איך נישט געזען די פיס, ווער עס מאַכט וועלכע באַוועגונגען. איך האָב אָבער יאָ געזען פּנימער, אויגן. אַלץ איז געווען צעפלאַמט, צעהיצט און עס האָט אַרויסגעזונגען פון אונדז אַלעמען די פריייד, וואָס מיר געהערן צו דער פּאַרטיי און די פּאַרטיי איז שוין אין די יאָרן...

אין די היטלער־יאָרן איז האָלענדערסקי געווען צווישן די ערשטע, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן דורך די נאַציס. זיי האָבן גוט געוווּסט, ווער ס׳איז אין זייערע הענט. לאָדזש האָט פאַרמאָגט אַ גאַר היבשע צאָל

פון די, וואָס האָבן זיך באַטראַכט פאַר „פאָלקס־דייטשן". זיי האָבן זיך געשטעלט אינגאַנצן אין דינסט פון די אָקופּאַנטן. האָלענדערסקי איז אויך אין דעם פאַל געווען ערלעך צו זיין כאַראַקטער, אפילו נישט געפּרוווט אויסמיידן זיין גורל, ווי עס האָבן געטאָן אַ סך אַנדערע. ער האָט שוין צו יענער צייט נישט געהאַט נעבן זיך די טרייע צילע, וועלכע איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון לעבן נאָך פריער. אויך זייער ליבער בן יחיד איז נישט געווען מיט אים, און זיין נאָענטסטער, אינטימער חבר און לעבנס־פריינט, מוליע, איז שוין דעמאָלט געווען אַ תושב פון ישראל.

אריה האָלענדערסקי איז אומגעקומען ,און קיינער ווייסט נישט, ווו זיין געביין געפינט זיך. ער איז געבליבן איינגעבאַקן אין האַרצן פון די טויזנטער, וואָס האָבן אים געקענט און זיין אָנדענק וועט געהייליקט ווערן אין דער געשיכטע פון די יידישע אַרבעטער צווישן די שענסטע געשטאַלטן זייערע.

ישראל שוחט

„השומר״ איז געווען די ערשטע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט דער אויסדריקלעכער כוונה איינצושטעלן נאָרמאַלע באַציִונגען צווישן יידן און אַראַבער אינעם לאַנד. אין פלוג איז דאָך אויסגעקומען, אַז דער „השומר״ האָט געהאַט די אויפגאַבע צו קעמפן קעגן די אַראַבער מיט געווער אין האַנט, אפילו אין יענע צייטן ווען סיי די טערקישע הערשער און סיי שפּעטער די בריטישע הערשער האָבן פאַרווערט די יידן צו האַלטן געווער. דער אמת איז אָבער, אַז די אָרגאַניזאַציע „השומר״ האָט געוואָלט אויסמיידן די באַנוצונג פון געווער און זיך נישט געיאָגט נאָך בלוט־פאַרגיסונג. אדרבא, „השומר״ האָט געוואָלט מאַכן אַ סוף צו די בלוטיקע איבערפאַלן אויף יידן מצד די אַראַבער, וועלכע האָבן זיך געהאַט איינגערעדט, אַז די יידן בדרך כלל זענען פחדנים, נישט מסוגל צו ווידערשטאַנד, און וויבאַלד אַזוי, איז אַ מצווה צו באַפאַלן זיי, רויבן און גנבענען זייער האָב און גוטס און אפילו צו מאָרדן זיי, ס׳וועט בלייבן אומבאַשטראָפט.

„השומר״ האָט געוואָלט דערוועקן באַ די אַראַבער דרך ארץ און אַכטונג צום ייד, אַלס ייד, און דאָס האָט ער געוואָלט דערגרייכן דורך דעם, וואָס ער וועט איבערצייגן די אַראַבער, אַז יידן קאָנען און זענען גרייט צו געבן צוריק, אַז יעדע פגיעה אין זיי וועט באַשטראָפט ווערן.

וועגן דעם האָט געחלומט ישראל שוחט גלייך ווי ער איז עולה געווען אין לאַנד ,אין יאָר 1904.

געקומען איז ער פון גראָדנע, רוסלאַנד, אַלס חבר פון פועלי־ציון. דאָ איז נאָך נישט געווען קיין אָרגאַניזירטע פּאַרטיי פועלי־ציון. אָבער עס זענען געווען חברים, וואָס זענען אין רוסלאַנד געווען פועלי־ציון. אין יאָר 1903 איז געקומען די ערשטע פועלי־ציון גרופּע, די „האָמלער גרופּע״. שוחט גופא האָט דאָ געטראָפן יהודה קריניצי, זיינעם אַ חבר אַ פועלי־ציון פון דער זעלבער גראָדנע. דערנאָך איז געקומען בן־גוריון פון פּלאָנסק. ישראל שוחט האָט, בכן, געהערט צום ערשטן מנין, וואָס

האָט דערנאָך אין רמלה געהאָלפן אויסאַרבעטן די „טובו פּראָגראַם" פון פּועלי־ציון.

אין ערשטן צענטראַל־קאָמיטעט זענען געוויילט געוואָרן צוויי חברים: בן־גוריון און ישראל שוחט.

די חברים פּועלי־ציון, וואָס זענען געקומען פון רוסלאַנד, פון האָמעל און פון ראָסטאָוו, זענען געווען מיטגלידער פון דער דאָרטיקער זעלבסט־שוץ, און ס'איז נאַטירלעך געווען, אַז גלייך מיטן אָנקום אַהער, האָבן זיי גענומען טראַכטן וועגן אָרגאַניזירן אויך דאָ אַזאַ זעלבסט־שוץ, אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל וויסן צו פּאַרטיידיקן זיך און אפשר אויך לכתחילה אָפּשלאָגן דעם חשק אָנצופאַלן אויף יידן.

אין יאָר 1907 האָבן פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל באַשלאָסן צו באַטייליקן זיך אינעם ציוניסטישן קאָנגרעס, און ישראל שוחט איז באַשטימט געוואָרן אַלס זייער דעלעגאַט. בן־צבי האָט באַקומען אַ מאַנדאַט פון די חברים אין אַמעריקע, זענען שוין דיביידע חברים געפאָרן אויך קיין האַג, וווּ ס'איז זיך צונויפגעקומען די ערשטע וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון און דאָרט איז געשאַפן געוואָרן דער אַלוועלטלעכער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד פּועלי־ציון.

אין סך הכל באַקומט זיך דער אויספיר, אַז ישראל שוחט איז געווען אַ כשרער באַרעכטיקטער פאָרשטייער פון אונדזערע ערשטע, די אַזוי־גערופענע ראשונים. פון די ערשטע עולים פּועלי־ציון.

ישראל שוחט איז געווען פון די גרינדער פון „השומר", דער ערשטער פּועלי־ציון דעלעגאַט פון ארץ־ישראל צום ציוניסטישן קאָנגרעס און פאַר איין וועג אויך צו דער וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון.

אייגנטלעך איז ישראל שוחט געבענטשט מיט דער ברכה פון ערשטקייט. איז ער געווען צוזאַמען מיט בן־צבי און בן־גוריון פון די ערשטע ארץ־ישראל סטודענטן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אוניווערסיטעט, וואָס דערזעלבער פּאָליטישער געדאַנק האָט זיי אַלע באַוועגט: צוגרייטן און מכשיר זיין אַן אייגענע אָרטיקע יידישע אינטעליגענץ, וואָס זאָל וויסן, ווי אַזוי צו קעמפן דאָ אין לאַנד פאַר די רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג.

מ'וואָלט געקאָנט ווייטער אויסרעכענען פאַקטן, וואָס ישראל שוחט איז געווען פון די ערשטע: אויפצונעמען דעם רעיון וועגן יידישן לופט־

פלי און אפילו געפּירט אין... ראַטנפאַרבאַנד אונטערהאַנדלונגען וועגן דעם, אַז דאָרטן זאָלן טאַקע אויסגעשולט ווערן די ארץ־ישראלדיקע פּליער. אין ווין האָט שוחט געעפנט דעם וועג איינצושאַפן זיך געווער און אים אַריבערפירן דורך ביירוט און כפר גלעדי קיין ארץ־ישראל.

דאָס זענען בלויז עטלעכע ביישפּילן פון ישראל שוחטס איניציאַטיוו און אונטערנעמערישקייט. פון דעם אַליין קומט־אויף פאַר אונדז אַ דינאַמישע פיגור פון אַן אויפטוער, וואָס באַגנוגנט זיך נישט מיט שיינע ווערטער און מיט זאַכן פון האַנט אין מויל, נאָר פאַרמאָגט אַ ווייטן קוק, אַ שאַרפן בליק און אַ רייכע פאַנטאַזיע, וועלכע איז נישט אָפּגעריסן פון דער רעאַלערווירקלעכקייט. די רייכע פאַנטאַזיע העלפט אים אָבער צו זען די ווירקלעכקייט, נישט בלויז ווי זי איז, נאָר ווי זי קאָן זיין, לויטן ווילן און פאַרלאַנג פון דעם בעל חלומות.

יענע צייטן איז ארץ־ישראל פול געווען מיט אַזעלכע בעלי חלומות, מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט פאַנטאַזיעס — „שגעונות" און געזוכט די ערשטע „צען" כדי צו רעאַליזירן זייער משוגעת. דערנאָך איז אָנגעגאַנגען דאָס ווערטל: מען דאַרף בלויז געפינען דעם ערשטן „משוגע לדבר", וועלן זיך אָפּזוכן אויך אַנדערע, וואָס וועלן אים העלפן דורכפירן דאָס נישט דורכפירבאַרע.

היינט, אַז מיר זענען שוין באַלד צוויי צענדליק יאָר אַ זעלבשטענדיקע סוווערענע מדינה, מיט אַלע אירע נאָרמאַלע אַטריבוטן, לייגט זיך ממש נישט אויפן שכל, אַז אַזעלכע גרויסע זאַכן זענען אין לאַנד געשאַפן געוואָרן אויף פּריוואַטער איניציאַטיוו, אָן מלוכהשע מיטלען און אַפּאַראַטן. מען מוז אָבער געדענקען און קיין איין רגע נישט אַרויסלאָזן פון אויג, אַז קיין ארץ־ישראל איז דעמאָלט נישט געגאַנגען קיין געוויינלעכע איינוואַנדערונג, נאָר בפירוש אַן עליה, אין פולן זין און באַדייטונג פון דעם דאָזיקן באַגריף. עס איז עולה געווען אַזוינער, וואָס האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך אין יידישן לעבן סיי נאָענט נעבן זיך און סיי אין די ווייטע תפוצות ישראל. ער האָט געשטרעבט צו מער, צו שענערס, צו העכערס, צו מער דערהויבנס. ס'הייסט, ער האָט זיך דערפילט דערהויבן, אויסגעשיילט פון אַנדערע, און ער האָט געוואָלט אַז די דערהויבנקייט זאָל ווערן אַן אַלגעמיינע ממשות אין יידישן כללישן לעבן. דאָס, האָט ער באַנומען, קאָן געשען,

נאָר אין אַ נייעם אָרט, ווו יידן וועלן אָנהויבן פון סאַמע אָנהויב און זיי וועלן פאַרלייגן דעם יסוד. וועט עס אָפּהענגען פון זיי, וואָס פאַר אַ פּנים דאָס קומענדיקע, דאָס געשאַפענע וועט האָבן. אַזאַ איז געווען דער מהות פון דער עליה אין יענע יאָרן, אַזאַ איז געווען די אַטמאָספער, די לופט פון ארץ־ישראל לגבי דעם נייעם עולה.

ישראל שוחט, סיי לויט זיין כאַראַקטער, סיי לויט זיין גאַנצער ביאָגראַפיע אין ארץ־ישראל קאָן גילטן אין דעם פּרט ווי אַ מוסטער, ווי אַ לעבעדיקער באַווייז... ער איז אַ רעפּרעזענטאַנט פון זיין דור און פון זיין תקופה.

אַזעלכע זענען געווען, האָבן געדאַרפט זיין די עולים פון יענער צייט.

ס'האָט זיך אונטערגערוקט די ערשטע וועלט־מלחמה און ס'האָבן זיך אויסגעמישט די יוצרות. דעם „השומר" האָט מען געמסרט און די מאַכט האָט אים אָנגעהויבן פאַרפאָלגן אויף אַ שווידערלעכן אופן. מ'האָט זיינע מיטגלידער אַרעסטירט און געפּייניקט כל מיני עינויים. זיי האָבן זיך געהאַלטן בראַוו, קיינעם גאָרנישט אויסגעגעבן. וועגן מאַניע שוחט זענען אומגעגאַנגען מעשיות, וואָס האָבן שוין דאַן געקלונגען ווי לעגענדעס. ווי זי האָט זיך אויפגעפירט בעת דער אויספאָרשונג באַם קאַמאַיקאַם בהאַ אַל דין אין צימער. ווען זי האָט געכאַפּט די שאַברע אויפן טיש און גענומען דראָען... דעם אויספאָרשער.

צווישן די אַרויסגעטריבענע און פאַרשיקטע אין די ווייטע געגנטן פון אַנאַטאָליע זענען געווען אויך ישראל און מאַניע שוחט.

ווי מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט ווערן אויפגענומען די דערציילונגען ווי ישראל האָט אין געפענגעניש זיך אָריענטירט און איינגעאָרדנט פאַרבינדונגען און געשאַפן באַציִונגען, וואָס האָבן שפּעטער געניצט באַם פאַרלאָזן טערקיי און אַרויספאָרן אין דער גרויסער וועלט צו ברענגען אומעטום דאָס וואָרט פון נייעם ארץ־ישראל.

ישראל איז געווען אַ פעסט געבויטער מאַן מיט אַ שטאָלענעם ווילן און אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו. מאָמענטאַלע דורכפאַלן האָבן אים נישט דעקוראַזשירט און הצלחות — נישט פאַרדרייט דעם קאָפּ.

ווען ס'איז אויפגעקומען די הגנה, זענען די באַציִונגען צווישן אירע אָנפירער און דעם „השומר" נישט געווען האַרמאָנישע. דער „השומר"

האָט זיך באַטראַכט, ווי ער האָט די חזקה אויף דער זיכערקייט פון ישוב. אַזוי האָבן אויך געטראַכט וויכטיקע עסקנים פון ישוב. אָבער די געשאַפענע הסתדרות האָט נאַטירלעכערהייט געוואָלט אַלץ אַרונטער־נעמען אונטער איר אויפזיכט. זי האָט נישט געוואָלט אָנערקענען דעם „השומר" ווי אַ קאָלעקטיוו, און, פאַרקערט, די חברים פון דער אָרגאַני־זאַציע האָבן זיך נישט געוואָלט פאַרלירן ווי צעשאָטענע. זיי האָבן, אגב, געוואָלט אָפּהיטן און אויסנוצן דעם קאָלעקטיוון גייסטיקן, פּסיכישן פאַרמעג פון דער אָרגאַניזאַציע, איר קאָלעקטיווע דערפאַרונג און געניטקייט.

כאַראַקטעריסטיש איז צו פאַרצייכענען, אַז שוין אין יאָר 1923 האָבן זיך די חברים פון „השומר" פאַראינטערעסירט מיטן נגב, ווי מיט דעם גרעסטן שטח פאַר יידישער פאַרוואָרצלונג אין לאַנד. שוין דעמאָלט איז געשאַפן געוואָרן אַ באַזונדערער קאָמיטעט פאַרן נגב, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט ישראל און מאַניע שוחט, בן־צבי און רחל ינאית. די לעצטע איז אגב געווען די סעקרעטאַרין פון קאָמיטעט. עס איז געפירט געוואָרן אַ געוויסע פאָרשונג פון די אויסזיכטן און אַנטוויק־לונגס־מעגלעכקייטן, געשאַפן געוואָרן באַשטימטע פאַרבינדונגען.

מיר איז געגאַנגען דער עיקר אין דעם, צו דערווייזן אויך אויפן סמך פון די עטלעכע ביישפּילן, ווי אַזוי מענטשן מיט פאַרמעסט און פאַרנעם האָבן אַמאָל געקאָנט אויסשפּרייטן זייערע פליגל אונטער די הימלען פון ארץ ישראל.

ישראל שוחט האָט געשטאַמט פון יענער משפחה און דעריבער האָט אים זיין גאַנץ לעבן אַרומגענומען די עכטע חברשע ליבע פון זיינע בחורים און זייערע משפחות, וואָס האָבן צו אים געהאַט אומבאַגרענעצטן צוטרוי און געווען באמת גרייט צו מסירת נפש פאַרן אידעאַל.

„השומר" געהערט צו די שענסטע העראָישסטע שאַפונגען פון דעם נייעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, וואָס האָט אויסגעפּלאַסטערט מיט אייגענעם בלוט דעם וועג צו דער יידישער מדינה.

ישראל שוחט האָט אָט דאָס קאַפּיטל אַריינגעשריבן אין אונדזער מאָדערנער געשיכטע. ניין, ער איז נישט געווען איינער אַליין. ער האָט עס געוואָלט דערוויזן, און דערוויזן, אַז ס'איז אַן אויפטו פון אַ קאָלעקטיוו. דאָס איז אים געלונגען.

ישראל און מאַניע, אין צענטער. מיט זיי און אַרום זיי אַ גאַנצע גאַלעריע זעלטענע טיפּן, ווי ישראליק גלעדי, מענדל פּורטוגאַלי, אַלכסנדר זייד, צבי נדב, יחזקאל כענקין, צבי בעקער, צבי ניסאַנאָוו, שמואליק העפטער, יוסף נחמני, מאירקע חזנוביץ, מרדכי יגאַל, פּנחס שניאורסאָן, און נאָך אַנדערע, וואָס לעבן מיט אונדז, אָדער זענען שוין אויפן בית־עולם אין תל־חי. די לעגענדע האָט זיי באַצייטנס אויפגענומען און אריינגעוועבט זייערע נעמען און מעשים אין די שענסטע בלעטער פון אונדזער באַנייטן ארץ־ישראל.

ישראל שוחט איז געווען דער סימבאָל פון דעם העראָישן שבט יידישע גיבורים אין אייגענעם פאָטערלאַנד.

י. זרובבל

מאַניע שוחט

מאַניע שוחט האָט געהערט צו די ערשטע. נישט נאָר צו די ראשונים, וואָס האָבן געהאָלפן פאַרלייגן יסודות פון דער יידישער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל און אויפגעשטעלט דעם „השומר" מיט צענדליקער יאָרן צוריק; זי האָט געהערט צו דעם מעטנשן־טיפּ פון ערשטע — אומעטום און ביי אַלץ.

זיי זענען ערשטע, ווייל זיי נעמען נישט־אָן דאָס לעבן, ווי עס איז, נאָר זיי שטרעבן לויט זייער עצם כאַראַקטער, צו ענדערונגען. מענטשן פון אָט־דעם טיפּ פאַרמאָגן אייגנשאַפטן וואָס צווינגען זיי צו זיין תמיד איניציאַטאָרן פון נייע האַנדלונגען, אויפטועז, ווערק. זיי צייכענען זיך אויס מיט אַ רייכער, פאַרביקער פאַנטאַזיע; זיי האָבן די פעיקייט צו חלומען אויף דער וואָר, חלומען אַ חלום, וואָס זאָל ווערן וואָר. זיי זענען וויזיאָנערן, וואָס קוקן דער ווירקלעכקייט אין פּנים. זיי זעען בחוש די אַלע עווענטועלע, מעגלעכע שטערונגען און אָפּהאַלטן; אָבער די נאַטור האָט זיי באַגליקט מיט אַזאַ מאָראַלישן כוח, נישט אָפּצושרעקן זיך פאַר דערנער און מינעס, וואָס זענען אָנגעהויפט און צעשפּרייט אויפן וועג צו דער רעאַליזירונג פון זייער וויזיע; זיי פאַרמאָגן די דרייסטקייט און וואַגעניש צו שפּאַנען פעסט און זיכער צום געוואָלטן אידעאַל.

מאַניע שוחט האָט געהערט צו דער וווּנדערלעכער פּלעיאַדע מענטשן, וועלכע האָבן אויפגענומען אין זיך פון דער סאַמער קינדהייט דעם אויפטרייסלענדיקן געשריי פון דעם מאָראַליש־דערנידעריקטן און סאָציאַל־באַעוולטן מענטש און האָבן זיך גערנוויליק מאָביליזירט צום געראַנגל קעגן דער אָרדענונג, דעם סדר העולם, ווי אַזוינס קען און מוז געשען. דער כאַראַקטער־שטריך פון אָט־די מענטשן איז געווען דאָס וואַכע געוויסן, וואָס האָט געזען און געפילט פּסיכיש און פיזיש דאָס שלעכטס, נישט געקאָנט עס פאַרטראָגן און נישט געוואָלט דערמיט משלים זיין.

מאַניע שוחט איז אין די יונגע יאָרן געווען עקזאַלטירט. עס האָט

אין איר גאַנץ פרי זיך אַנגעצונדן דער פלאַם פון רעוואָלוציאָנערער מרידה; זי האָט גריילעך געהערט צו אַ פאַרמעגלעכער ייִדישער משפחה, געהאַט דעם צוטריט צו די קוואַלן פון אַלגעמיינער בילדונג און ס׳איז איר געווען פאַרזיכערט אַ גלענצענדע קאַריערע פון אַן אינטעליגענט אין די „העכערע" סאָציאַלע שיכטן. איז אָבער מאַניע אינסטינקטיוו אַוועק „צום פאָלק", צו די אַרבעטער, אויסגעוויילט פרייוויליק צו זיין מיט זיי, אויפנעמען און איינזאַפּן אין זיך זייערע טאָג־טעגלעכע מאַטערנישן אוןליידן, דורכוויטיקן אין דער רעאַליטעט, זייערע פּראָבלעמען און דורך דעם ערשט סטימולירן זיי און זיך צום אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף קעגן די סאָציאַלע און פּאָליטישע פאַקטאָרן, וואָס זענען דערצו גורם.

ווי אַן עקזאַלטירטע נאַטור, האָט מאַניע אין דער תקופה פון „שטורעם און דראַנג" נישט אַזוי שנעל באַנומען דעם היסטאָרישן זין פון דעם סאָציאַלן קאַמף און נישט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק דעם דעצידירנדיקן ווערט פון פּאָליטישן גראַנגל מיט דער הערשנדיקער מאַכט אין צאַרישן רוסלאַנד. האָט זי צוזאַמען מיט אַנדערע רעוואָלוציאָנערן פון איר דור, געמאַכט איבערגעאיילטע טעותן און באַגאַנגען מאָמענטאַלע פעלערן אין אירע ערשטע שריט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער איר גוואַלטיק מאָראַליש געוויסן איז איר בייגעשטאַנען און געהאָלפן איר זיך באַצייטנס צוריקציען און אַרויפצוגיין אויפן ריכטיקן רעוואָלוציאָנער־אויסגעהאַלטענעם דרך.

דער דאָזיקער וועג האָט געפירט מאַניען באַטערלעכערהייט פון דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער גאַס צו די אייגענע ייִדישע געסלעך, און אַזוי האָט זי געמוזט קאָנסעקווענט קומען קיין ארץ־ישראל.

זי האָט דערשפירט, מער, ווי זיך איבערצייגט, אַז דאָ איז איר אָרט; ווייל דאָ איז אַלץ אָנהויב, און מאַניע האָט זיך מיט דעם גאַנצן ברען פון איר עקזאַלטירטער ראָמאַנטיש־רעוואָלוציאָנערער נאַטור אַריינגעוואָרפן אין די „מעשי בראשית" פון סאָציאַליסטישן ציוניזם; פון פאַרלייגן יסודות פאַר אַ ייִדיש אַרבעטס־פאָלק אין אייגענעם פאַטערלאַנד. עס האָט זי געלאָקט דאָס לאַנד, דער סימבאָל פון פאַרוויסטונג. עס האָט זי געצויגן צום ייִדישן מענטש, דעם טרעגער פון אויפבויערישער באַנייונג. עס האָט אין איר אויפגעציטערט און זיך פאַנאַנדערגעזונגען דער נייער ניגון פון איבערשאַפן דעם ייִדישן מענטש, ווי דעם פּאָנען־טרעגער און רעאַליזירער

פון יידישער רעוואָלוציע, אָבער לגבי איר: פון דער רעוואָלוציע אויף דער יידישער גאַס.

מאַניע האָט זיך אויף קיין רגע נישט אָפּגעקערט פון דער אַלגעמיינער גאַס און פון אירע רעוואָלוציאָנער־געהייליקטע פּרינציפּן. זי האָט זיך נישט פאַרגראָבן אין די יידישלעכע ד׳ אמות, אדרבא, זי איז געווען דורכגענומען אין איר גאַנצן וועזן מיט דעם פּאַטאָס פון אַלגעמיין־מענטשלעכער גאולה, אָבער זי האָט מיט איר געוויסן דערקענט, אַז רעוואָלוציע הויבט זיך אָן פון דער היים, פון זיך, פון אייגענעם פאָלק. גלייכצייטיק האָט זי געוווּסט, אַז דאָ בלייבט מען נישט שטיין, אַז די זון מוז שיינען פאַר אַלע מענטשן אומעטום.

איז קודם־כל נויטיק אויסצוגלייכן מאָראַליש דעם יידישן מענטש, ער זאָל אויסוואָרצלען פון זיך די איינגעבוירענע און דורותדיק־געפּלעגטע מורא און פּחד פאַר דאָס אומבאַקאַנטע, געהיימע. דערצו פאָדערט זיך איבערדערציען דעם יידישן מענטש. ער זאָל קוקן אין אויג דער סכנה און נישט אָפּטרעטן, נאָר קעמפן קעגן איר. דאָס האָט געמיינט דערוועקן אין אים דעם מענטשלעכן כבוד, קאָנקרעטער נאָך האָט עס געהייסן: דערוועקן און דערציען אין אים דאָס געפיל פון יידישן נאַציאָנאַלן כבוד, וואָס אין לעצטן סך הכל ווערט עס איינס אין העכערן סינטעז. כבוד און אַכטונג און דרך ארץ פאַר דעם מענטש אינעם ייד, פאַרן יידישן מענטש.

די גרינדונג און טעטיקייט פון „השומר״ איז געווען איינס פון די דערציונגס ווערק, וואָס האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויף דער פאָרמירונג פונעם נייעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל; און, אָן ספק, איז מאַניע שוחט איינע פון די קנעטער, וואָס האָבן געפורעמט די היסטאָרישע געשטאַלט פונעם נייעם ייד אין אייגענעם פּאַטערלאַנד.

אין „השומר״ איז מאַניע געווען אַ מוסטער גראַד דורך דעם, וואָס זי איז געווען אַן אייגענער מענטש, זיך נישט געשטעלט העכער פון אייגענע און דעריבער געוווּנען נאַטירלעכערהייט צוטרוי און דערפאַר אויך אַכטונג און ליבע פון אַלע, וואָס זענען אין איר סביבה געווען, נאָענט צו איר.

איר באַפעל און פאַראָרדענונג איז געקומען דורך איר אויפפירונג. זי האָט מאָראַליש מיטגעריסן, מאָביליזירט און פאַרפליכטעט אַנדערע.

זי איז געווען אַן אייגענע צווישן אייגענע. אַן עפּאָלעטן איז זי געווען אָפיציר, קאָמאַנדיר, לערער און וועג־ווייזער.

זי האָט דורך איר חוש־החיים געוווסט שטענדיק אויסצוגעפינען איר פּאָזיציע, איר פּאָסטן: אַזוי איז זי געקומען צו דער אָרגאַניזאַציע פאַר יידיש־אַראַבישער דערנענטערונג, צו דער ליגע „ווי״ — פאַר פריינטשאַפט מיטן ראַטנפאַרבאַנד.

זי איז נישט איינמאָל געווען דורך איר דינאַמישער געוואַגטקייט צום פערזענלעכן עקזאַמען לגבי אירע פּרינציפּן, און מאַניע האָט אויסגעהאַלטן דעם לעבנס־עקזאַמען, ווי אַן אמתע שטאָלצע יידישע רעוואָלוציאָנערקע.

וועט זי פאַרבלייבן ווי אַ ליכטיקע געשטאַלט, וואָס וועט שפּייזן ווייטערדיקע דורות יידישע מענטשן נישט נאָר אין ארץ־ישראל.

י. זרובבל

יאָסל כץ

איך ווייס נישט, פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען דער פאָלקסטימ־לעכער נאָמען יאָסל, אַנשטאָט יוסף. אָבער זיכער האָט אים דער נאָמען יאָסל געפּאַסט און גלייך אונטערגעשטראָכן זיין היימישקייט און עמך־דיקייט. ער האָט געשטאַמט פון צאַרישן רוסלאַנד און געקומען קיין אַר־גענטינע נאָך דער ערשטער נישט געלונגענער רעוואָלוציע פון 1905. איז אים באַשערט געווען צו לייגן דעם גרונטשטיין פאַר דער פועלי־ציון אָר־גאַניזאַציע אין דעם ישוב פון באַראָן הירש, איז ער אומגעגאַנגען אין אונדזער מיט ווי אַן אַרגענטינער פועלי־ציון. ער איז געווען פון די ערשטע, פון די גרינדער, און האָט געטראָגן אָט די אַחריות צענדליקער יאָרן. ער האָט אינסטינקטיוו געוואָלט באַרעכטיקן זיין ערשטקייט. געמאַכט האָט ער עס באַשיידן, אָן טומל, אָן גרויסהאַלטעריי, אָבער אומעטום און באַ יעדער געלעגנהייט האָט מען עס געשפּירט און... אָנערקענט.

נישט קיין אָראַטאָר און נישט קיין שריפט־פּובליציסט, איז יאָסלס מיינונג לגבי חברים געווען פון אַנטשיידנדיקן כאַראַקטער. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך מיושבדיק און געוווסט, ווי מ׳שאַצט זיין וואָרט. האָט ער זיך נישט געריסן צום שטענדער, נאָר אויסגעהערט די פאַרשידענע מיינונגען ביז ער האָט באַ זיך געפּועלט צו באַשטימען זיין אייגענע. דער־פאַר פלעגט זי האָבן אַ באַזונדערע חשיבות און מכריע זיין אין דער מחלוקת, אויב אַזאַ איז געווען. ווי איינער פון די ערשטע אין אַרגענטינע האָט ער אַ לאַנגע צייט זיך באַמיט איינצואָרדנען באַ פיזישער אַרבעט, און דווקא אין אַ קאָלאָניע. ווי אַן אָרטיקער פּעאָן. ווי אַ סך אין יענע צייטן האָט ער געוואָגלט איבער אַרגענטינע און בראַזיל, געפּרוווט זיין מזל באַ דער און יענער אַרבעט. דערביי געהאַט אין זינען דעם עיקר: פאַרזייען קערנדלעך פון יידישער קולטור, וועקן דעם באַוווסטזיין באַ יידישע פאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן דאַן אַרומגעוואַנדערט אַלס „קליענ־טעלטשיקעס״ אָדער „קוואָינטעניקעס״ מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס כדי

צו ברענגען „מציאות” צו די אָפּגעשטאַנענע איינוווינער אין די אָפּגעלעגענע ערטער, ווייט פון שטאָטישע צענטערס.

יאָסל האָט זיך געהאַלטן נענטער צו דער שטאָט און איז סוף כל סוף אַריינגענומען געוואָרן אינעם קאָלעקטיוו פון דער נייער צייטונג „די פרעסע”.

באַ יאָסלען האָט זיך די פּאַרטיי־איינשטעלונג נישט באַגנוגנט מיט נעמען אַ „שטעלונג” צו די פּראָבלעמען פון יידישן לעבן. ער האָט געזוכט צו מקיים זיין די הלכה אין קאָנקרעטע טאַטן.

שליסט ער זיך אָן צווישן די ערשטע אינעם יידישן לעגיאָן צו באַפרייען פּאַלעסטינע פון טערקישער הערשאַפט, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די פראַגע וועגן לעגיאָן האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפע מחלוקת אין די רייען פון דער באַוועגונג. דער שרייבער פון די שורות איז אין אָנהייב פון דער מלחמה געקומען קיין אַמעריקע אַלס אַ פּליט פון ארץ־ישראל. איך האָב זיך אַקטיוו באַטייליקט אינעם וויכוח אַרום דעם ענין לעגיאָן. איך בין געווען אָן אַנטשידענער קעגנער פון אַזאַ מיליטערישער פאָרמאַציע צו העלפן גרויס־בריטאַניע אין איר קריג קעגן טערק. אָבער די מערהייט פון דער פּאַרטיי האָט געשטיצט דעם געדאַנק און גערופן די חברים צו פאַרשרייבן זיך.

אויך אין אַרגענטינע האָט דער רוף צו שאַפן אַ לעגיאָן באַקומען אַ הילכיקן אָפּקלאַנג, און יאָסל (און נאָך חברים) קומט דאָס ערשטע מאָל קיין ארץ־ישראל ווי אַ לעגיאָנער, הגם אים איז נישט אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך אין מיליטערישע אַקציעס, ווייל גענעראַל אַלענבי האָט שוין באַוויזן אָפּצוהאַלטן דעם ניצחון.

ווי די גרעסטע מערהייט לעגיאָנערן איז אויך יאָסל געפאָרן צוריק פון דער בריטישער פּאַלעסטינע, אָן דער אויסזיכט, אַז אין דער נאָענטסטער פּערספּעקטיוו זאָל גרויס־בריטאַניע האָבן בדעה צו רעאַליזירן די התחיבות פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

אַנטוישט אין דעם אויפטו פון לעגיאָן, האָט אָבער יאָסל זיך נאָך מער פאַרשטייפט אין זיין פּועלי־ציוניסטישער תורה, וועלכע האָט אים דיקטירט צו פאַרלייגן זיך מיט דער גאַנצער ענערגיע אויף צו פּראָפּאַגאַנדירן און אָרגאַניזירן די עליה קיין ארץ־ישראל, כדי אויפצושטעלן דאָרט קעמערלעך פון נייעם ישוב, פון נייעם יידישן אַרבעטס־לעבן.

מיר האָבן זיך געטראָפן מיט יאָסלען אין אייראָפּע: אויף דער 6טער וועלט־קאָנפערענץ. ס'איז שוין געווען נאָך דער שפּאַלטונג אין ווין. יאָסל איז געווען פעסט אין זיין איבערצייגונג נאָך דעם, ווי ער האָט מיט אייגענע אויגן געזען, ווי דאָס לאַנד נייטיקט זיך אין אַרבעטס־הענט און — אין אייראָפּע — ווו ס'וואַקסט זיך פונאַנדער די באַוועגונג און עס שטייגט דער באַוווסטזיין בײַ די יידישע מאַסן אין דער ריכטיקייט פון דער לעזונג פון דער יידנפראַגע, ווי עס לערנט דער סאָציאַליסטישער ציוניזם.

די אָרגאַניזאַציע אין אַרגענטינע האָט זיך אויסגעברייטערט, עס זענען צוגעקומען חברים סיי אין די קאָלאָניעס און אויך אין בוענאָס־איירעס.

די פּאַרטיי האָט אויפגעשטעלט באַראַכאָוו־שולן און ביבליאָטעקן, אָנ־נעמענדיק די הנחה, אַז די הויפּט אויפמערקזאַמקייט דאַרף געווידמעט ווערן דער דערציִונג פון דעם יונגן דור און אַז די פּאַרטיי איז מחויב אויפצושטעלן קולטור־אינסטיטוציעס, כדי צו הייבן דעם קולטור־ניוואָ פון די מאַסן, וואָס האָבן אויסצופילן אַזאַ דערהויבענע היסטאָרישע אויפגאַבע. בעת דער שפּאַלטונג אין אַרגענטינע איז יאָסל כּץ מיטגעגאַנגען מיט די לינקע און דערביי געוווסט צו באַקעמפן די אויפגעוואַכטע ליקווידאַציע־שטימונגען בײַ אַ ריי אָנגעזעענע חברים, בראש מיט זיין ברודער פּיניע כּץ, דעם רעדאַקטאָר פון „די פּרעסע".

אין פּוילן האָבן מיר אים גענטער דערקענט (אַגב איז ער דאָרט צוליב פּאַפּירן געווען אַרעסטירט און געזעסן אין טורמע) ווי אַ מוסטער פון אַן ערלעכן טרייען איבערגעגעבענעם חבר, דערקענט און ליב באַקומען.

בשעת מיינע באַזוכן אין אַרגענטינע האָב איך אויפגענומען ווי אַ זעלבסט פאַרשטענדלעכקייט די ידיעה, אַז יאָסלס טאָכטער, חייקע גרייט זיך פאָרן אין ארץ־ישראל אין אונדזער קיבוץ. און אַז יאָסל מיט זיין פרוי וועלן אין גיכן אַליין אויך אַריבערפאָרן אַהין.

איך האָב זיך געטראָפן מיט יאָסלען מערערע מאָל אין אַרגענטינע, שטענדיק אין די ערשטע רייען פון די אַקטיווע טוער. מיר איז אויסגעקומען, ווי אין אַרגענטינע איז פאַרמירט אַ צווייטע אויפלאַגע פון אונדזער מולי'ע אין פּוילן. די זעלבע באַשיידנקייט און איבערגעגעבנקייט, די געוויסנהאַפ־טיקייט און מאָראַלישע באַציִונג צו חברים און צו דער פּאַרטיי. דער זעלבער דרך־ארץ צו אים מצד די אַרומיקע און צוטרוי.

איך האָב בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט דערציילט, ווי איין מאָל האָב

איך געהאַט איבערגעריסן די באַציִונגען מיט די חברים אין בוענאָס־איירעס באשר איך האָב זיך געפילט ווי אָפּגענאַרט דורך אַ טייל חברים, וואָס האָבן געצייכנט גרעסערע סומעס פאַר דער אַקציע און דערנאָך געוואָלט געבן קלענערע סומעס מיטן אויסרייד, אַז די גרעסערע סומעס האָבן בלויז געזאָלט דינען ווי סטימול פאַר אַנדערע. יאָסל האָט זיך אַריינגעלייגט אין דעם קאָנפליקט און אים דערליידיקט אויף אַ חברשן אופן. דאָס האָב איך אים נישט פאַרגעסן.

יאָסל כץ האָט געגאָלטן אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, ווי אַ סימבאָל פון ערלעכקייט און ריינקייט אין כללישע אָנגעלעגנהייטן.

ער איז געווען ממש גליקלעך, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין ישראל, אין דעם קיבוץ משמר הנגב, וווּ זיין טאָכטער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער אָנפירונג. ער האָט זוכה געווען צו לעבן מיט זיין משפחה אין דער יידישער מדינה. ער האָט זיך געוויס דערמאָנט זיינע לעגיאָנערישע פאַנטאַזיעס, ווי ער וועט ממש מיטן ביקס אויסקעמפן און דעראָבערן דאָס לאַנד. איצט האָט ער געזען, ווי זיין טאָכטער און צענדליקער תלמידים און קינדער פון זיינע חברים אין אַרגענטינע בויען דאָס לאַנד מיט זייער שווייס און בלוט, ווי זיי נעמען איין און דעראָבערן דעם מדבר, די וויסטענישן פון נגב און שאַפן אַ ניי שפּרודלדיק יידיש לעבן.

ליידער, ליידער האָט ער נישט לאַנג געטרונקען דעם בעכער פון גליק. ער האָט געמוזט צופאָרן קיין אַרגענטינע כדי צו ליקווידירן און איינאָרדנען געוויסע זאַכן איידער ער באַזעצט זיך אויף שטענדיק אין ישראל.

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יאָסל כץ איז געוואָרן אַ קרבן פון אַן אומהיילבאַרער קרענק. ס׳האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן פאָרן צוריק, צו דער אייגענער משפחה.

ער האָט זיך שווער געראַנגלט מיטן טויט, נישט פאַרלאָזט די פּאַרטייטעטיקייט ווי לאַנג זיינע כוחות האָבן אים דערלויבט.

דעם 8טן יוני 1952 איז נפטר געוואָרן דער פון אַלעמען געליבטער און געאַכטער חבר פון אונדזער פּאַרטיי אין אַרגענטינע. זיינע נאָענטע פון דער משפחה זענען געבליבן צו היטן מיט כבוד זיין אָנדענק אין מדינת־ישראל.

ישראל שורעק

סוף 1918, ווי נאָר כ׳בין אָריינגעקומען אין וואַרשעווער „אַרבעטער היים״ אויף קאַרמעליצקע 23, ווו ס׳איז פאָרגעקומען דער ערשטער לע־גאַלער צוזאַמענפאָר פון די פועלי־ציון אין פוילן, האָבן זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן די צוויי יונגע טוער: יצחק לעוו און ישראל שורעק.

זיי, האָט מען מיר פאָרגעשטעלט, זענען די רעפּרעזענטאַנטן פון נייעם דור, וואָס גאַראַנטירן דעם המשך פון דער אַרבעט פון די ערשטע.

ספּעציעל האָט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט שורעק. אַ שיינער פעסט־געבויטער מאַן מיט אַ קיילעכדיקן פנים, גרויסע אויגן, וואָס קוקן אַרויס דורך ברילן, און פון זיין געזיכט שטראַלט אַרויס ענערגיע און גוטסקייט.

בלויז אַ 26־יאָריקער, האָט ער אָפּגעגעבן דעם באַריכט פון פוילישן פאַר־באַנד, און צו אים זענען געווען געווענדעט די בליקן פון די פּראָווינצער חברים. זיי האָבן אים געקענט פון פריער, פון זייער היים, ווו ער האָט זיי באַ יעדער געלעגנהייט באַזוכט. שורעק, האָט זיך געמערקט, איז שוין אַ צענטראַלע פיגור און דער ליבלינג פון דער פּאַרטיי.

נאָך אין דער פריסטער יוגנט האָט ער אין לאָדזש, אַ קינד פון פאַרמעגלעכע עלטערן, געפונען דעם וועג צו רעוואָלוציאָנערע שילער־קרייזן און שפּעטער — צו דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־יוגנט.

די עלטערן האָבן געקוקט מיט אַ קרום אויג אויף ישראלס געזעל־שאַפטלעך־פּאָליטישע פאַראינטערעסירונגען; זיי האָבן גערן געוואָלט, ער זאָל צוערשט ווערן אַ מענטש, באַקומען דעם געהעריקן אַטעסטאַט און מעמד.

שורעק האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט צוימען זיין אומרויקן כאַראַקטער — איז ער געווען געצוווּנגען אַרויספאָרן אין אויסלאַנד צו שטודירן אין בעלגיע. ער האָט שטודירט סאָציאָלאָגישע פּראָבלעמען און זיך אינטערעסירט מיט די דערשיינונגען אין יידישן לעבן, וואָס האָבן זיך

נישט אין גאַנצן אַריינגעפּאַסט אין זיין אוניווערסיטעטישער בילדונג־סיסטעם.

ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, אין לאָדזש און אין וואַרשע האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן מיט ברען אין דער טעטיקייט פון פּועלי־ציון, ווו מ׳האָט זיך אויף אים דערקענט און אים אָנגעטרויט וויכטיקע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטן, שוין אַלס מיטגליד פון צ. ק.

ער האָט זיך אויסגעלערנט יידיש באַ די יידישע פאָלקס־מאַסן, געוואָרן אַ גלענצנדער מאַסן־רעדנער און אָרגאַניזאַטאָר בעת וואַל־קאַמפּאַניעס.

נישט געוווסט פון רו, נישט געזוכט קיין באַקוועמע באַדינגונגען. אומעטום דערשינען אויף יעדן רוף, און אָנגענומען יעדע שליחות. ס׳האָט אים נאָך מער דערנענטערט צו דער אָרעמשאַפט און צו די פאָלקס־מענטשן, צו „עמך", וועלכע האָבן אים ליב געקריגן.

הייסקינד האָט געזאָלט זיין דער פּסעוודאָנים זיינער. אָבער ער איז באמת געווען אַ הייס קינד, וועמעס וואַרעמקייט און הייסקייט ווערט קיינמאָל נישט געמינערט. אַדרבא, עס ווערט הייס אין דער גאַנצער אַרומיקער סביבה נעבן אים.

אין מיטן זיין אימפּעטיקער טעטיקייט, צווישן איין דערפילטער שליחות און אַ צווייטער וואָס וואַרט אויף אים, האָט אים געפּאַקט די טיפוס־קראַנקייט.

דאָקטוירים, שפּיטאָל, זאָרגפולע באַהאַנדלונג, ליבע פון חברים — ס׳האָט נישט געהאָלפן. שורעק האָט געברענט, און מיר האָבן מיט פאַר־כאַפּטן אָטעם געוואַרט אין טיפן ווייטאָק, אַז אָט, אָט וועט קומען די ידיעה, אַז אונדזער יונגער העלד איז פאַרברענט געוואָרן...

*

פאַרטאָג איז עס געווען. איך בין נישט לאַנג אויפגעשטאַנען און זיך געזעצט צום שרייב־טיש. ערשט מ׳קלינגט אין הויז־טיר. כ׳האָב פאַרשטאַנען און דערשפּירט, אַז מ׳קומט צו מיר אין אַזאַ פריער שעה. נישט געוואָלט וועקן די בעלי־בתים, ווו כ׳בין אַ לאָקאַטאָר.

האָב איך אייליק געעפנט די טיר. ס׳איז אַריין יצחק לעוו און ווען איך האָב אים אַריינגעפירט אין מיין צימער, האָט ער אַרויסגעשטאַמלט מיט אַ וויינענדיקער שטים די צוויי ווערטער:

נישטאָ שורעק!

ער איז געקומען דירעקט פון שפּיטאָל, ווו ישראל שורעק איז געלעגן זינט עטלעכע טעג. מיר האָבן אים אַהין געבראַכט גלייך נאָך אַ זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט. די לעצטע נאַכט איז מיר אויסגעקומען צו שלאָפן מיט שורעקן אין איין בעט באַם חבר וועשער, ווו ס'איז פאָרגעקומען די דרינגנדיקע זיצונג. אין דער פרי האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שורעק האָט הויכע היץ און מ'האָט אים געמוזט נעמען אין שפּיטאָל.

לעוו האָט געבראַכט די טרויער־בשורה און איז אַוועק. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט באַ דער שרייב־מאַשין און גענומען שרייבן ווייטער:

נישטאָ שורעק...

דער טרייער, פייעריקער ליבער, האַרציקער חבר שורעק איז נישטאָ. אויסגעצערט און פאַרברענט געוואָרן אין טיפוס איז דער שיינער, שטאַר־קער קערפּער פון דער שיינער, איידעלער און ריינער נשמה.

נישטאָ שורעק...

אָט ערשט איז ער געווען אין ברען פון קאַמף. פון פאַרזאַמלונג צו פאַרזאַמלונג, פון שטאָט צו שטאָט, איבער גאַנץ פּוילן האָט ער זיך געטראָגן, דער אומדערמידלעכער, אייביק־יונגער לעבנס־לוסטיקער קעמפער.

מיטן פלאַם פון זיין גלויבן און איבערצייגונג האָט ער אָנגעצונדן צענדליקער טויזנטער מענטשן. מיט דער טיפער, אומבאַגרענעצטער טריי־שאַפט און אַרבעטס־פליכט האָט ער מיטגעריסן און אַריינגעצויגן אין קאַמף טויזנטער פון די חברים, אַפילו די שוואַכע און מוטלאָזע. אַ גליקלעכער און שיינענדער, האָט ער אומעטום געבראַכט די ליכטיקע בשורה פון קאַמף און רעוואָלוציע, פון אַ נייעם שאַפנדן לעבן, און מיט פעסטער זיכערקייט געצייגט דעם וו'עג פאַר דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

אַ זעלטענע ליבשאַפט האָט אים אומעטום אַרומגערינגלט, אַ ליכטיקן אָרעאָל האָט ער געשאַפן אַרום זיך, ווייל ער איז געווען אויפריכטיק, ערלעך, ערנסט, אַן אמתע קעמפער־נאַטור, אַ טרייער גוטער חבר.

גלייך פון דער אַרבעט איז ער פון אונדז אַוועק... אָן אַ זיי־געזונט, אָן אַ האַנט־דרוק, אָן דעם לעצטן חברישן בליק.

אין די פרעמדע, עלנדע ווענט פון שפּיטאָל האָט ער זיך געצאַפּלט, געשליידערט און געקעמפט מיט'ן טויט. אָנגעשטרענגט אַלע פיזישע און גייסטיקע קרעפטן, און נישט אויסגעהאַלטן; אַלץ אין לעבן האָט ער

געקאַנט בייקומען; דעם טויט איז ער נישט בייגעשטאַנען. די לעצטע קאַנוולסיע — און דער לעבנס־קוואַל פון ישראל שורעק איז אַנטשטומט.

שורעק האָט געהערט צו דער משפחה קעמפער וועלכע פאַרמאָגן אַ גליענדן גייסט, אַן אייזן־פעסטן ווילן און אַ שטאָלענע איינגעשפּאַרט־קייט, וועלכע בענקען נאָך גרויסע מעשים און האָבן אַ חוש אויף פאַר דאָס נישטיקע און קליינלעכע אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן.

ער האָט פאַרנומען אין דער פאַרטיי וויכטיקע, פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס, און שורעק האָט געוווּסט, ווי אַזוי צו שטיין אויפן פּאָסטן און אָפּהיטן דעם כבוד און אמת פון זיין פאַרטיי, דעם אידעאַל פונעם רעוואָ־לוציאָנערן פּועלי־ציוניזם.

נישט לאַנג איז ער ערשט צו אונדז צוריקגעקומען פון דער תפיסה, ווו ער האָט פאַרבראַכט אַ קאַרג יאָר, אין דער צייט פון אָקופּאַציע. ער איז צוריקגעקומען אַ דאַנק דעם שטורעם פון דער דייטשער רעוואָ־לוציע, און דעם שטורעם פון רעוואָלוציע האָט ער געבראַכט מיט זיך, נאָך מער פאַרהאַרטעוועט און אויסגעקאָוועט אין געפּענגעניש.

אַזוי בויטיק איז ער געווען אונדז, אַזוי פיל כוחות האָט ער נאָך פאַרמאָגט, דער 27־יעריגער „איזראַעל", און אין סאַמע רעכטן בליען האָט דער פינסטערער גורל זיין לעבנס־פאָדעם איבערגעריסן.

אַ פינסטערער שוואַרצער גורל לויערט אויף אונדזער פּועלי־ציוניס־טישער משפחה:

אין רוסלאַנד — באָראָכאָוו; אין גאַליציע — ראָזענפעלד; אין פוילן — שורעק.

אין יעדן לאַנד נעמט צו ביי אונדז דער טויט אַ קרבן, און אומע־טום — דווקא דעם בעסטן, דעם שענסטן, דעם שטאַרקסטן.

ס'שמערצט נאָך די נישט־פאַרהיילטע וווּנד פון באָראָכאָוו'ס טויט, ס'גרוילט נאָך דאָס לייב פון דער שוואַרצער בשורה וועגן ראָזענפעלדן, און שוין שטייען מיר פאַר דער מיטה פון ישראל שורעק.

אַזאַ אומגערעכטער טויט פאַר אַ קעמפער! כסדר אין גאַס אין שטורעם־קעסל פון לעבן, און שטאַרבן ערגעץ אין די ד'אמות פון שפּיטאָל...

ס'ווילט זיך נישט טרייסטן קיינעם. צו פיינלעך איז דער ווייטאָק, צו שווער איז דער אומגליק. אין טיפן טרויער בויגן מיר די קעפּ פאַר

זיין פרישן קבר, און ס׳וועבט זיך אַ שטילע שבועה אין האַרצן, צו קעמפן, צו לעבן ווי ער.

געווען שורעק... נישטאָ שורעק...

זיין אָרט בלייבט פוסט, אָבער די אַרבעט ווערט פאָרגעזעצט. חברים, אין טרויער נאָכן טייערן טויטן, לאָמיר געדענקען זיין רעוואָ־לוציאָנערן לעבן!

צו זיין ערשטער יאָרצייט האָב איך געשריבן:

...דער אַכזריותדיקער טויט האָט אַרויסגעריסן פון אונדזערע שורות אים, דעם יונגן, שטאַרקן, טרייען און לעבנס־לוסטיקן שורעק. וואָס פאַר אַ שווערער יאָר איז עס געווען פאַרן פּראָלעטאַריאַט אין פּוילן! וואָס פאַר אַ נסיונות איז אויסגעשטאַנען דער יידישער אַרבעטער־קלאַס אין זיין דאָרניקן ליידנס־פולן קאַמפּס־וועג! וואָס פאַראַ ריזיקע אַרבעט און אחריות איז אויסגעפאַלן אויף די פּלייצעס פון אונדזער באַוועגונג!

און כסדר האָבן מיר אים, אונדזער שורעק׳ן דערמאָנט. אַזוי איז שוין אָפּט די טבע פון אַ פּאַרטיי. כל־זמן דער חבר איז מיט אונדז, אַרבעט מיט, פילסטו נישט אַזוי זיין ווערט, ווייסטו נישט ווי געהעריק אָפּצושאַצן זיין אויפטו. צייטנווייז באַמערקסטו אים אפילו נישט. ס׳איז נאַטירלעך זיין אַרבעט.

ווערט ער אָבער פון אונדז אַוועקגעריסן, — דערשפּירסטו פּלוצים זיין אמתע חשיבות און באַדייטונג פאַר דער באַוועגונג.

אין די מינוטן פון העכסטן עקסטאַז האָבן מיר געבענקט נאָך שורעק׳ן. אַך, ווי וואָלט ער זיך איצט געפרייט מיט אונדזער נצחון! אין די מינוטן פון די שווערסטע רדיפות און אינערלעכער אָפּשוואַכונג האָבן מיר אונדזערע בליקן ווידער געווענדט צו אים: אַך, ווי נויטיק איז איצטער שורעק מיט זיין פייערדיקן אָפּטימיזם, מיט זיין קרבנות־גרייטקייט און געפיל פון אחריות פאַר דער פּאַרטיי.

שוין ביים לעבן האָט ער זוכה געווען צו ווערן דער ליבלינג פון דער פּאַרטיי. זיין אומגערעכטער און אומגעהערטער טויט האָט זיין נאָמען באַלויכטן מיט קראַנצן פון רויטער פלאַמענדער חבר׳שער בענק־שאַפט. איז שורעק געוואָרן אונדזער הייסע ליבע יוגנטדערינערונג, איז

ער געוואָרן דער סימבאָל פון אונדזער רייפקייט און ערנסטקייט, איז דער זכרון וועגן אים אַ קוואַל פון מוט און באַגייסטערונג פאַר טויזנטער חברים אין דער באַוועגונג.

ווינציק יאָרן איז ער אומגעגאַנגען אויף דער וועלט, אַ קנאַפּע צייט בערך האָט ער זיך געפונען אין אונדזערע רייען. איז אים אָבער באַשערט געווען אויפצונעמען אין זיך די גאַנצע יוגנט־התלהבות און פלאַמענדע קעמפער־ערנסטקייט, וואָס די רעוואָלוציאָנערע אידעע פונעם פּועלי־ציוניזם פאַרמאָגט, איז ער גיך געוואָרן איינער פון אונדזערע בעסטע און שענסטע — האָט זיין קורץ לעבן געלויכטן העל מיט אַ זיכער, קלאָר ליכט.

ער האָט נישט אָנגעשריבן קיין ביכער און נישט אויפגעשטעלט קיין נייע טעאָרעטישע בנינים. ער האָט אָבער אַ לעבן געלעבט. אַ לעבן פון אַרבעט און קאַמף. אַ לעבן, וואָס ווייסט נישט פון זאַטער צופרידנ־קייט, פון בעל־הבתישער פוילקייט און וויל־יונגערישער הפקרות, אַ לעבן וואָס וויל נישט וויסן פון מרה שחורה און יאוש, פון באַגרענעצטקייט און אָפּגעלאָזנקייט.

ס'האָט אין אים געשפּרודלט און געזאָטן אַ ברויזנדיק געמיט, און זיין יונגע נשמה האָט געוואָלט זיך פריי און פול אויסלעבן. האָט ער זיין גורל צונויפגעקניפּט מיט די טרעגער און שאַפער פון לעבן און אין זיי געזוכט די פרייד פון לעבן און שאַפן אויפצוּוועקן.

לכתחילה אַ פרעמדער, אַ ווייטער, איז שורעק גיך געוואָרן אַ היי־מישער, אַן אייגענער אין דער יידישער אַרבעטער־סביבה צוליב זיין געזונטן חוש פאַרן אמתדיקן ממשותדיקן לעבן און פאַר דער עכטער, נישט געקינצלטער פרייד פון קאַמף.

אַ קלאָרער מוח און אַ הייס האַרץ איז שורעק ווי געבוירן פאַר אונדזער פאַרטיי, און דער שענסטער קאַפּיטל פון זיין קורצן לעבן איז אָנגעשריבן אויף די עמודים פון דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג.

ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו לעבן לאַנג, האָט ער געלעבט אינטענסיוו, מיט מער האַסט און קראַפט, איז ביי אים קיין איין טאָג און קיין איין רגע נישט געגאַנגען לאיבוד. האָט זיך אים איינגעגעבן אין משך פון אַ קורצער צייט אַ פאַרבנרייך פולבלוטיק קערנדיק און זאַפטיק

לעבן דורכצולעבן און זיין נאָמען אין אונדזער יידישן אַרבעטער־פּאַנ־טעאָן מיט רויטע אותיות אויסקריצן.

מיר האָבן אים צו קבורה געבראַכט. און דאָך גלייבט זיך נישט, אַז שורעק איז טויט. עס גלויבט זיך נישט, בפרט ווען דו זעסט, ווי די באַוועגונג וואַקסט, ווי אונדזער מחנה ווערט גרעסער, ערנסטער. ווען דו זעסט דאָס פייער אין די בליקן און שפּירסט דעם טיפן בטחון אין דעם זיג פון אונדזער אידעאַל. עס גלייבט זיך נישט, אַז שורעק איז פאַר אונדז אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען. פון אונטערן באַרג ערד איז זיין גייסט אויפגעשטיגן און איבער אונדזער סביבה זיך אויסגעשפּרייט. האָט ער זיין גוף מפקיר געווען דער ערד און זיין נשמה אָוועקגעגעבן במתנה זיין פּאַרטיי.

לעבט אין אונדז זיין נשמה. איז שורעק אויך איצט טעטיק אין דער פּאַרטיי. מונטערט ער די אָפּגעשטאַנענע, וועקט ער די שוואַכע, רופט ער אַלעמען צום קאַמף...

יצחק אחדותי

אַ לעבעדיקע, מונטערע, שטימונגספולע צייט איז דעמאָלט געווען. די פּאַרטיי־באַראַטונג פון פסח תר״ע האָט באַשלאָסן אָנצוהויבן אַרויסגעבן אונדזער צייטשריפט „האחדות", דעם ערשטן סאָציאַליסטישן אָרגאַן אין ארץ־ישראל, אין ירושלים, אין העברעיש. ס'האָבן זיך געוועבט חלומות פון אַ ברייטער קולטור־אַרבעט: רעגלמעסיק רעדן צו די ברייטערע פאָלקס־מאַסן אין דער שפּראַך פון זייערע לעבנס־נויטן און פּראָבלעמען, וועקן דאָס באַוווסטזיין, אָרגאַניזירן דעם ווילן, פאַרפלאַנצן געזונטע אידעען פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן שאַפן אינעם באָדן פון אַלט־נײַ־לאַנד, אויפרודערן און קרעפטיקן דעם יידיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק...

געלט איז געווען ווייניק, אַרבעטס־חשק און קאַמפס־שטימונג — אַ סך, און מיר זענען שוין צוגעטראָטן צו די לעצטע פאָרבערייטונגס־אַרבעטן פאַר דער דערשיינונג פון דער צייטשריפט. מיר האָבן זיך געשאַפן אַ דרוקערײַ, וואָס זאָל פאַרזיכערן די צייטשריפט, און אגב, ווערן אַן עקאָנאָמישע פּאָזיציע פאַר די אַרבעטער אין ירושלים. ס'איז געווען דער געדאַנק: קאָנצענטרירן אין דער דרוקערײַ אַ פּאָר פון די בעסערע אַרבעטער־טיפּן פונעם אַלטן ישוב, דערנענטערן זיי צו אונדזערע קאַמפס־אידעאַלן, און דורך זיי אויך באַקומען דעם צוטריט צו די ברייטערע, אָפּגעשטאַנענע און דערווייטערטע פון אונדז אַרבעטער־עלעמענטן פון ירושלים. קליין איז געווען אונדזער „דרוקערײַ", אַ פּאָר פּוד שריפט און איין קאַסטן אין אַ קלײנעם, האַלב־טונקעלן צימער, בײַ אונדזערן אַ חבר אין דער שכונה „זכרון משה" האָבן מיר זי אײַנגעאָרדנט און לעת־עתה אָנגעשטעלט איין פרעמדן אַרבעטער.

אַ מאָדנעם אײַנדרוק האָט ער אויף מיר געמאַכט די ערשטע טעג. אַ מאָגערער זעכצן־יאָריקער בחורל, טאַקע אַ ירושלימער אַ געבוירענער, אָנגעטאָן עטוואָס אויפן אַלטן שטייגער אין אַ לענגערן רעקל, אויפן קאָפּ אַ יאַרמלקע און אונטערן וועסטל אַ טלית־קטן. נאָר אַ פּאָר אויגן האָט ער פאַרמאָגט, שאַרפע, שוואַרצע, ברענענדע, און אַ ממזריש־פאַרשייטער

בליק האָט פון זיי תמיד אַרויסגעקוקט. ס'האָט געשיינט, ווי ער באַטראַכט דיך אַזוי איראָניש און לאַכט זיך אויס גאַנץ שעלמיש פון דיר. אין דער זעלבער צייט איז דאָס געווען אַ פריילעכער קוק, און ס'האָט זיך געוואָלט גלייך ווערן מיט אים היימיש. פון דער זייט פלעגט ער זיך צוקוקן צו אונדזער חברה. אַליין איז ער אויסגעוואָקסן אין גאָר אַן אַנדערער אַטמאָספער פון די „פּאַטריאַרכאַלע" אַרבעטס־באַציִונגען אין די ירושלימער דרוקערייען, אַן אַ באַשטימטער אַרבעטס־צייט, אַן אַ זיכערן אַרבעטס־לוין און אַן שום אינטערעס צום געדרוקטן וואָרט. האָט ער זיך צו אונדז צוגעקוקט מיט אַ נייגעריקייט, שווייגנדיק, מיטן שמייכל אין בליק.

די אַרבעט האָט אונדז פאַרכאַפּט אינגאַנצן; זי האָט זיך געטאָן אַזוי לייכט, פריי, זינגענדיק, און יצחק האָט זיך געצויגן מיט זיין אוממיטלבאַרער אויפריכטיקער פרישקייט און פריילעכקייט צו אונדזער חברה. אין זיין ביזאיצטיקער פאַרגליווערטער סביבה איז אים געווען קאַלט, אומעטיק, און ער גיט זיך אָפּ דעם נייעם לעבנס־שטראָם. פאַרשווונדן דער טלית־קטן, ס'האָט זיך אָפּגעדעקט דער שוואַרצער קאָפּ האָר; ער האָט אָנגעהויבן באַזוכן פאַרזאַמלונגען און איז געוואָרן אַן „אונדזעריקער". די דרוקעריי האָט זיך שוין איבערגעצויגן אין אַ גרעסערער דירה, ס'אַרבעטן שוין פינף־זעקס אַרבעטער, און יצחק וואַקסט צוזאַמען מיט דער אַרבעט. ער ווירקט אין זיין אַלטער סביבה. זיינע אַמאָליקע חברים וווּנדערן זיך אויף אים און אינטערעסירן זיך מיט זיינע איצטיקע חברים.

ס'ברעכט אויס אַ שטרייק אין אַ דרוקעריי. דער בעל־הבית וויל נישט לאָזן זיינע אַרבעטער גיין באַזוכן דעם „בית־העם" און דעם אַרבעטער קלוב. די אַרבעטער פּראָטעסטירן, וואַרפן די אַרבעט. מ'דאַרף זיי אָרגאַניזירן, אונטערשטיצן זייערע פאַמיליעס, געבן אַרבעט, פאַראינטערעסירן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. די דרוקעריי אונדזערע קומט צו נוץ. די שטרייקער קריגן דאָרט אַרבעט. מ'לאָזט אַרויס אויפרופן. יצחק וואַרפט זיך אַריין מיט זיין גאַנצן הייסן טעמפּעראַמענט אין דער זאַך, און אין די קריטישסטע, ערנסטסטע מאָמענטן טראָגט ער אַריין מונטערקייט און פרישקייט.

ער טוט אַלץ וואָס ס'איז נויטיק, נאָר רעדן רעדט ער ווינציק. זיין בליק איז שוין ערנסטער, און דאָך שטעקט נאָך אין אים אַ סך שטיפער־

רישקייט. ער לייענט אַ סך, ער הערט זיך צו צו אַלץ, און איז פּאַראינטערעסירט אין דער צייטונג, זי איז זיינע, אַן אייגענע. די צייטשריפט דערשיינט שוין וועכנטלעך און יצחק האָרעוועט, זי זאָל דערשיינען אין צייט. ענדיקט ער זיין אַרבעט אין דרוקערײַ, לויפט ער צום איינבינדער, און שפּעטער העלפט ער זי פאַרשפּרייטן.

אַט קומט חנוכה, ס'איז שוין באַ אונז אַ מנהג פון יאָרן צו מאַכן חנוכה־לאַטקעס ביי אונדזערן אַ חבר אין „גבעת שאול" — אַ גרינס־קאָלאָניע, אַ שעה גאַנג פון ירושלים. ווילט זיך זייער, אַז צום יום־טוב זאָל אַרויס דער פרישער נומער „האחדות", דער ערשטער חנוכה־נומער. אַרבעט מען באַנאַכט, שטעלט מען צו נאָך אַן אַרבעטער. מ'יאָגט. די נאַכט פאַלט צו דער נומער איז שוין אין פרעס. די חברים זענען אַלע אַוועק אין גבעת שאול. איך בלייב וואַרטן אויפן נומער. יצחק איז אויך מיט מיר. גיי! חברה־מאַן, רו זיך אויס. ווייס איך וואָס?! געפּאַקט די פרישע, מיט פאַרב און דרוק שמעקנדיקע בויגנס און מיר שפּאַנען צום איינבינדער. מיר נידערן אַראָפּ אין דער אַלטער שטאָט, היפּערן איבער פיל טרעפּלעך וואָס פירן אין די שמאָלע, שמוציקע, פאַרשאָטענע געסלעך און פליען אַריין צום איינבינדער. די אַרבעטער זענען שוין אַוועק, ס'איז שפּעט. ערשט מאָרגן אינדערפרי. אַ פיינער עסק, כ'לעבן. מ'מוז דאָך כאָטש אַ פּאָר צענדליק נומערן גלייך פאַרטיק מאַכן. מילא, נישטאָ קיין ברירה. מיר מאַכן נישט קיין שהיות, וואַרפן אַראָפּ די רעקלעך, פאַרקאַשערן די אַרבל, און די אַרבעט גייט אָן. ביי יצחקן ברענט עס אונטערן האַנט. אַט קנייטשט ער די בויגנס, פּאַקט אַריין אין דער הילע, נייט אויף דער מאַשין און באַשניידט די ברעגעס. אַהער אַ וואָרף געטאָן אַ וויצל, אַהין אַ שמייכל, אַן אויגן־ווונק, געפּטרט!

מיר האָבן די נומערן, און מיר לאָזן זיך אַוועק איילונק צו גבעת שאול. צומערשט הויבן מיר זיך באַרג אַרויף העכער און העכער. מיר זענען פאַרשוויצט און לויפן. אַט זענען שוין די לעצטע הייזער פון שטאָט, דער מושב זקנים, דער משוגעים־הויז — אַ ווייטע וועלט האָט זיך אויפגעדעקט. דורכזיכטיק און וואַרעם איז די חנוכה־נאַכט אין ירושלים. טיף־בלויע זענען די הימלען, וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער אונדזערע קעפּ און זיי זענען אויסגעזעצט מיט מיליאָנען העל־פינקלענדיקע שטערן. אויף די בערג אַרום און אין טאָל אונטן צייגן זיך

און ווינקען פייערלעך. ס׳בלאָזט אַ פריש ווינטל. די ברוסט באַוועגט זיך שטאַרקער, פרייער. מיר שטעלן זיך אָפּ. אונטן אין טאָל ליגט גבעת שאול. איין הויז איז מער באַלויכטן. דאָרט איז אונדזער חברה. מ׳וואַרט אויף אונדז. איך גיב אַ קוק אויף יצחקן, ער איז אַן אַנדערער געוואָרן. אין זיינע אויגן שטראַלט אַן אַנטציקונג, אַ פרייד. אָבער דאָך געבראַכט דעם נומער! ס׳איז זיין שטיקל אַרבעט, אמת!

ס׳טראָגן זיך פון אונטן זינגענדיקע קלאַנגען, מיר וואַרפן אַ בליק אַרום. שיין און יום־טובדיק. מיר שפּרינגען פון איין פעלז אויפן צווייטן, אַריין אין צימער, די צייטונג אין האַנט. אַ שטאַרקער, מונטערער „הידד" באַגעגנט אונדז. לחיים. מ׳כאַפּט אַ שנעפּסל, האַנט צו אַקסל, אַ ניגונדל, און דער עולם איז אין ראָד. יצחק איז אַרויס פון די כלים! ג׳ישטאָ זיין שעמעוודיקייט און שוויגעוודיקייט, ער זינגט און טאַנצט, און מיר חידושן זיך אויף אים: פון וואַנען נעמט זיך עס צום ירושלימער בחור אַזוי פיל לעבנסלוסט, אַזוי פיל פרישקייט און מונטערקייט?

ס׳איז אַוועק אַ יאָר אַנדערטהאַלבן. די לופט האָט אַ ציטער געטאָן. אין רעדאַקציע פון „האחדות" באַקומען זיך טעלעגראַמעס איינע דריקנ־דיקער פון דער אַנדערער. אין סעדזשערע געהרגט אַ וועכטער. אונטער־געצונדן דעם שייער. אַנגעפאַלן אויף אַ יידישן רייטער. אין בית־וגן געוואַלט אונטערצינדן דעם שייער, אין מרחביה אומרוּק. ס׳וואַקסט אַ געפיל פון פאַרדרוס, פאַרביטערונג. ס׳ציט דאָס האַרץ אַהין, צום גליל, נענטער צו דער סכנה. נישט שטיין פון ווייטן. נישט לאָזן פאַריתומט די יידישע פעלדער... ס׳שטיקט די שטאָטישע לופט. ס׳פאַלט די אַרבעט פון די הענט. וואָס פאַר אַ טעם האָט זי, אַז דאָרטן אין גליל ווערט פאַרגאָסן אונדזער בלוט, און ס׳ווערן שיטערער די רייען. דער חבר יוסף, וואָס אַרבעט אין דרוקעריי, דערקלערט, אַז ער פאָרט אין גליל צו גיין וועכטעווען. יצחק שוויגט. נאָר זיין מאַטאָווער פּנים איז געוואָרן נאָך טונקעלער, און דאָס פייערל אין זיינע אויגן נאָך שאַרפער. דורכגעגאַנגען אַ טאָג צוויי. יוסף איז שוין פאַרטיק צום פאָרן, ערשט פלוצים — יצחק פאָרט אויך. אין דער היים, די מאַמע — וויל נישט, זי האָט מורא. אַזאַ צייט! ווער ווייסט, די שעה זאָל נישט זיין. נאָר יצחק איז אויף זיינס באַשטאַנען. ער קען איצט מער נישט פאַרבלייבן אין שטאָט. ער וויל אין גליל זיין.

מיר פאָרן צום באַן. נו, וואָס טוט מען, ווענדעט ער זיך צו מיר, איך וויל זיך אַ נאָמען געבן, און קאָן נישט געפינען. האָסט זיך דאָך שוין אַ נאָמען געגעבן: בן־שפרה. ס׳זאָגט גאָרנישט. כ׳וויל עפּעס אַ נאָמען, וואָס זאָל מיר בלייבן אַ זכר פון דער לעצטער צייט, פון מיין אַרבעט מיט אייער חברה. און ווידער שיינט מיר, אַז ער איראָניזירט איבער מיר. ער שטייט אָבער צו צו מיר. לייג איך אים פאָר דעם נאָמען „אחדותי״. ס׳דערמאָנט אין דער דרוקעריי, אין דער צייטונג, אין דער איינציקייט פון די אַרבעטער. יאָ, ס׳געפעלט אים. מ׳קלינגט אין גלעקל, מיר צעקושן זיך, דער צוג רירט פון אָרט, לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, דרייט זיך ווי אַ שלאַנג, אַ קער אַוועק אין אַ זייט, דער לעצטער וואַגאָן פאַרשווונדן און יצחק אחדותי איז שוין אויפן וועג אין גליל.

ער איז נאָך יונג געווען, איז ער אַוועק אין דער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעטער־געזעלשאַפט אין מרחביה. אין אַ יאָר אַרום איז מיר אויסגע־קומען צו זיין דאָרטן. אין אָוונט, ס׳איז שוין נאָך דער אַרבעט, מיר זיצן אין קיך אַרום די לאַנגע טישן און מ׳כאַפּט אַ שמועס איבער פאַקטן און דערשיינונגען פונעם אַרבעטער לעבן. דער ברומט אַ ניגונדל, יענער טופּעט צו מיט אַ פוס. איך זוך יצחקן. ער איז אונטערגעקומען שפּעט פון פעלד. איך האָב אים כמעט ווי נישט דערקענט. העכער געוואָרן, ברייטערע פּלייצעס, אַ שטאַרקערע ברוסט, מענלעכער, פאַרברענטער. אַ פּאָר מינוט האָבן מיר זיך אָנגעקוקט. איך — פאַרוואונדערט, ער — שטיפעריש, און שוין קלינגט זיין זילבערנער געלעכטער און פליט־אָן אַלע ווינקעלעך. ער איז דער ליבלינג פון דעם קאָאָפּעראַטיוו. אַ פלינקער אַרבעטער, אַ האַרציקער חבר און אַ לעבעדיקער יונג, האָט ער זיך לייכט און שנעל איינגעלעבט אין דער אַרבעטער־סביבה און אריינגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אינעם קאָאָפּעראַטיוו. דאָ, אין מרחביה, איז ער אויך געוואָרן אַן אָפיציעלער חבר פון דער פּאַרטיי. אים ווילט זיך שטאַרק זיין אין ירושלים, זיך זען מיט די אַנדערע אַרבעטער פונעם אַלטן ישוב, פאַראינטערעסירן זיי מיט דעם נייעם דאָרפישן לעבן. ער פילט זיך גוט. די אַרבעט שטאַרקט אים פיזיש און גייסטיק. מ׳דאַרף זען שיקן אַהער וואָס מער באַוווסטזיניקע ערנסטע חברים — ס׳איז דאָ פיל צו טאָן און ווירקן. שוין נישטאָ אין אים קיין שפּור פונעם אַמאָליקן זעצער. אַ נייער מענטש. און אייגנטלעך פאַנגט ער דאָך ערשט אָן צו לעבן.

דער ערשטער מאַי אין ירושלים. פאַרזאַמלונגען ביי די תימנים, ביי די אשכנזים, אַ גרויסער מאַסן־מיטינג אונטערן פרייען הימל, ס'איז גוט צו רעדן אין ירושלים וועגן דער נייער וועלט פון אַרבעט און פרייהייט. ווייס, מיט לבנה־שיין באַגאָסן, איז די נאַכט, דורכזיכטיק און פריש איז די לופט. דאָס וואָרט פון סאָציאַליזם קלינגט אַזוי שטאָלץ אין העברעיִש, און דער עולם הערט זיך איין פאַרגאַפּט. נאָך די רעדעס הילכן רעוואָ־לוציאָנערע אַרבעטער־לידער, ס'וועקט זיך אַ שטאַרקער געפיל פון אַרבעט און שאַפן. ס'וואַקסט די שמחה — אַ מאַי־נאַכט אין ירושלים. און לסוף דער ארץ־ישראלדיקער ריקוד. אַלע האָבן זיך באַהעפט און צונויפגעפלאָכטן, ס'באַוועגט זיך אַ מענטשן־כוואַליע, די טענער ווערן שטאַרקער, די פיס רירן זיך פלינקער, די פנימער שטראַלן פון פרייד. דאָס אַלטע ירושלים איז פאַרחידושט, — נייע מענטשן, נייע לידער, נייע צייטן — אַ נייע וועלט שאַפט זיך. אין יפו איז דער מאַי־יום־טוב אַרויס נאָך געהויבענער. מער אַרבעטער, אינעם אייגענעם אַרבעטער־קלוב. געסט — פאַרטרעטער פון דער אַלוועלטלעכער פועלי־ציון באַוועגונג. איז קאָנקרעטער די אייניקייט פונעם יידישן אַרבעטער־קלאַס, ווערן קלאָרער זיינע רעוואָלו־ציאָנערע אויפגאַבן אין דער גאַנצער וועלט.

פלוצים אַ טעלעגראַם פון גליל. ס'פאַרכאַפּט דער אָטעם. יצחק אחדותי איז געהרגעט. געפירט דעם ערשטן וואָגן תבואה פונעם ערשטן שניט אין דער ערשטער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעטער־געזעלשאַפט אין דעם ערשטן דאָרף אין עמק־יזרעאל. האָבן די מויל־אייזלען צעטראָגן באַרג־אַראָפּ, האָט ער זיך אַראָפּגעגליטשט אויפן וועג, און די פרדות מיטן שווער־אָנגעלאָדענעם וואָגן זענען איבער אים אַריבער, האָט זיין בלוט פאַרגאָסן די געשניטענע יידישע תבואה.

געלעבט, געאַרבעט, געשטאַרבן — דאָרף די אַרבעט פאַרגעזעצט ווערן. זיינע ירושלימער חברים זענען מקנא זיין לעבן, און זיי פאַרלאָזן די פינצטערע שמוציקע געסלעך ,די שטאָט, און זיי גייען אין גליל.

איך בין ווידער אין מרחביה. איך גיי צו יצחקס קבר. כ'קלעטער אויפן „קליינעם חרמון". אַט באַלד ענדיקט זיך דער יידישער באָדן. איך שטייג העכער און העכער. ס'עפנט און ס'ברייטערט זיך אויס פאַר מיר דער עמק־יזרעאל .די בערג וואָס נעמען און צאַמען אים אַרום רוקן זיך אַוועק. אַ גרין בליענדיק פעלד. אָט ווייסט זיך אַ שטיין איבער מיר.

איך שטיי שוין באַ אים. פה נקבר יצחק אחדותי... דער ערשטער יידישער קבר אין עמק יזרעאל. האָט שוין מרחביה אַן אייגענעם בית־עלמין. ווערט היימישער, באַוווינטער דער פּלאַץ. וועט זיך אַרבעטן געשמאַקער. וועט דאָס פאַרגאָסענע בלוט נישט לאָזן רוען. און די האַנט וועט זיין זיכערער.

געשטאָרבן אחדותי. געבליבן דער נאָמען. דערמאָנט אָן דער דרוקעריי, אָן דער צייטונג, אָן דער אייניקייט פון די אַרבעטער.

י. זרובבל

בערל קליי

איך האָב געוווּסט, אַז ער דאַרף די טעג זיין אין ירושלים און געוואַרט אויף אים מיט אומגעדולד. דער ערשטער „אונדזעריקער" פון אַמעריקע. מ'האָט מיר דאָרט אַזוי פיל וועגן אים זיך אָנדערציילט, און כ'האָב געוואָלט אים זען, וויסן, ווי פילט ער זיך נאָך דעם, ווי ער האָט פאַרבראַכט אַ פּאָר חדשים אין לאַנד. ווען ער איז אַריינגעקומען אין אונדזער פּאַרטיי־רעדאַקציע „האחדות", האָב איך אים אויפן שטעל דערקענט לויטן פעסטן קערפּער־בוי, לויט דער אַנטשלאָסנקייט און וויכקייט פון זיין בליק. ער איז געווען איינגעהאַלטן אינעם שמועס וועגן דעם לאַנד בכלל נישט גערעדט, פון גאָרנישט קיין התפּעלות געכאַפּט און אויבערפלעכלעך געמאַכט דעם איינדרוק פון איינעם, וואָס האָט זיך אָפּגענאַרט אין זיינע פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען. אויבער־פלעכלעך. ער האָט זיך צו אַלץ צוגעקוקט מיטן ערנסט פון דעם היימישן מענטשן, וועמען עס איז אַלץ נוגע אין לעבן. פון צופעליקע באַמערקונגען האָט זיך אַרויסגעפילט, אַז קליי איז שוין געפאַנגען און באַהערשט פון דער באַזונדערער ארץ־ישראלדיקער שטימונג, וועלכע שטראַלט אַרויס פון זיין שמייכל, פון זיין באַנעמונג צו די ירושלימער יידן, צו די קינדער, צו די הימלען, צו די בערג...

און כ'האָב מיר געטראַכט: אָט איז צוגעקומען נאָך אַ למד־וואָווניק. פאַראַן באַ אונדז אין ארץ־ישראל אַ גאַנצע קאַטעגאָריע פון אַזעלכע „פאַרבאַהאַלטענע". יאָרן דרייען זיי זיך אַרום צווישן אונדז, קיינער באַמערקט זיי נישט, אין גאָרנישט מישן זיי זיך. זיי קוקן זיך בלויז צו כלומרשט פון דער זייט און זענען פּאַרטיפּט אין זייער אַרבעט. פלוצים ווערן זיי „נתגלה" און ס'ווערט ליכטיקער אין קאָפּ און אין האַרצן. אַלע ציען זיך צו זייער ליכט, און זיי באַלויכטן אונדזער לעבן... ווער דורך וואָרט, ווער דורך טאַט.

קליי וועט זיך נאָך באַווייזן...

ס'זענען אַדורך אַ פּאָר חדשים, איך בין אין כנרת. ס'איז דער הערצל־

טאָג, זיין יאָר־צייט. איבעראַל וועט מען פאַר זיין נשמה ליכט אָנצינדן. אָן אזכרה מאַכן, און ווי אבלים טרויערן. דאָ אין גליל ווילט זיך בישט וויינען, נאָר ערן דעם אָנדענק פונעם פאָלקס־העלד. זאָל היינט זיין אַ פרייער טאָג פון דער אַרבעט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אינעם אַלט־ניי־לאַנד נאָכן שטאָלצן מוטיקן רוף צו זעלבסטבאַפרייונג. האָט די געגנט אויפגעלעבט. קומען אָן וועגענער געפּאַקטע מיט זינגענדע אַרבעטער פון עמק־יזרעאל, קומען אָן רייטן בחורים און מיידלעך פון די ווייטסטע קאָלאָניעס אין אויבערשטן גליל; לאָזן זיך אַראָפּ פון די צפתער בערג גאַנצע שורות אין דער נידער, פון חיפה, פון שומרון און אפילו פון יהודה. עס זאַמלט זיך דאָס פאָלק קיין כנרת. עס יאָגן זיך די יידישע וועכטער אויף זייערע צעהיצטע אַראַבישע שקאַפּעס, די ייִנגסטע טעכטער פון דער אַלטער טבריה זינגען פרייע אויפלעבונגס לידער, טראָגן זיך שיפלעך מיט אַ ווייס־פאַרפּוצטן עולם איבער די רויִקע וואַסערן פונעם ים כנרת, און שטימען שטאַרקע, מונטערע פאַרהילכן די לופט און קלינגלען אָפּ אין די אַרומיקע פאַרשאָטנטע בערג. די „אַמעריקאַנער קבוצה" פון „האכּר הצעיר" לעבט. דאָרט שטעלט מען אויף הילצערנע געצעלטן, דאָרט איז איינגעאָרדנט די אויסשטעלונג, דאָרט כאַפּט מען עפּעס איבער, דאָ ראַנגלט מען זיך, און ס'איז אַ מחיה צו קוקן אויף די אַמעריקאַנער יונגען, וואָס פאַראַ קראַפט עס שפּאַרט פון זיי, וואָס פאַראַ געשיקטקייט און באַוועגלעכקייט אין יעדן ריר זייערן.

קלייס פּנים שטראַלט. ער איז איבעראַל און אומעטום. נאָר נאָך אַלץ עטוואָס פון דער זייט. ער קוקט זיך נאָך אַלץ צו. ער רעדט ווייניק.

ס'איז אַוועק נאָך אַ שטיק צייט. איך בין אין גליל העליון, אין ראש־פּנה. ס'קומט, ווייזט אויס, אָן אַ נייע צייט, און אויך אַהער וועט גרייכן דער פרישער שטראָם פון אויפבויאונגס־אַרבעט, וועלכע האָט פאַר־פלייצט יהודה און גליל התחתון. מען שמועסט וועגן אַרבעטער־דערפלעך, וועגן איינאָרדענען דאָ די תימנער, וועלכע וואַנדערן אַריין אין גרויסע מאַסן. פאַרשידענע חברות פון קרעמענטשוג און יעקאַטערינאָסלאַוו ווילן פאַרפלאַנצן דעם באַרג, ס'מערקט זיך אַן אינטערעס פון די קאָלאָניעס און פון די עסקנים.

אומגעריכטערהייט טרעף איך זיך מיט קלייען. שבת גאַנץ פרי, מיר קלעטערן אויפן באַרג כנען. הויל, נאַקעט איז דער באַרג, כמעט

אינגאַנצן אויסגעזעצט מיט פעלזן, האַרטע, גלאַנציקע. די זון איז שוין הויך, באַקט שטאַרק, און מיר שטייגן העכער און העכער. עס וויקלט זיך פאַר אונדז אויף אַ ליכטיקע וועלט און זי ברייטערט זיך אויס, לויפט אַוועק ווייט, ווייט. דאָרטן זילבערט זיך דער שניי־ווייסער קאָפּ פונעם אַלטן חרמון. אונטן, אונדז צופוסנס, פליסט דער ים־כנרת און אים שניידט דורך דער ברויזנדיקער ירדן־שטראָם. אָט ציילן מיר אָן יידישע קאָלאָניעס. פעלדער... באַ קלייען האָט זיך די צונג אויפגעבונדן. ער רעדט מיט אַ שטאַרקער ברוסט־שטימע, און זי קלינגט אָפּ אין דער צאַרטער, דורכזיכטיקער לופט. דאָ קאָן מען שאַפן. ס׳איז נאָך אַלץ אומבאַריירט. מיר פאַרמאָגן די קראַפט, דעם ווילן. ס׳ציט אונדז אַהער נישט בלויז דער מאַטעריעלער אינטערעס. אַ נייע קולטור ווילן מיר שאַפן. עס מוזן אַנדערע באַציִונגען זיין: צו דער נאַטור, צו דער אַרבעט, צו דער קולטור. ערשט דאָ דערפילט מען, באַנעמט מען דעם זין פון סאָציאַליזם, ס׳איז דאָס בויען און שאַפן אויף אַלע געביטן, אין אַלע ווינקעלעך פון לעבן. דער אַמעריקאַנער ייד דאַרף אַהער קומען. מיט זיין אונטערנעמונגס־גייסט, מיט זיין ריקזיכטלאָזיקייט, דערפאַרונג און העכערע פאַרלאַנגען.

די רוסישע יידן — זיי זענען דאָ נויטיק געווען און וועלן נויטיק זיין אויך שפּעטער. זיי ברענגען דעם אידעאַל, די מסירת־נפש. אָבער דאָס אַליין איז ווייניק, מען דאַרף האָבן די פּערספּעקטיוו פון בויען אַ יש מאין. דאָס קאָן אונדז געבן בלויז דער אַמעריקאַנער ייד, וואָס אויף זיינע אויגן איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ נייע וועלט. מ׳דאַרף אויך דעם מאַן, וואָס קומט אַהער פון אַ פּלאַץ מיט העכערער קולטור און פרייהייט. אַזאַ איינער וועט זיך נישט באַגנוגענען מיט ווינציק און וועט זיך נישט וועלן בויגן פאַר די עקזיסטירנדע באַדינגונגען. וואָס, וואָס — איינס האָט אונדז אַמעריקע געגעבן: קוראַזש אין דער באַציִונג צום לעבן. אין ארץ־ישראל איז דאָך טאַקע דער עיקר — קוראַזש. ס׳איז דאָ מעגלעך אויפצובויען אַ נייעם צענטער פון מאַטעריעלער און גייס־טיקער קולטור, מ׳ברויכט נאָר דעם קוראַזש דערצו. האָט דאָס דעם רוסישן יידן אין דורכשניט געפעלט. זענען געקומען בלויז אידעאַליסטן. אין אַמעריקע איז דאָס די אייגנשאַפט פונעם דורכשניטלעכן יידן, וועלן זיי טאַקע אַהער קומען צוליב פּראַקטישע אידעאַלן. עס לוינט זיך.

מיר האָבן זיך אַרויפגעקליבן אויף אַן אויסגעמויערטן קבר פון איינעם אַ פּאַרצייטיקן מלך פון כנען, זיך באַקוועם פונאַנדערגעלייגט, און קליי רעדט. מען דאַרף קעמפן מיט דער רוטינע דאָ. די אַלטע סביבה שטערט גייסטיק, פּסיכאָלאָגיש. מ'באַדאַרף זיך מיט איר נישט רעכענען. מיר דאַרפן זען בלויז אונדזער ציל. ס'איז נאָך פאַראַן רוטינע אויך אין דער אַרבעטער־סביבה. אַלטע באַגריפן, באַציונג צום אַרבעטס־געבער און נישט צו דער אַרבעט. דאָ איז אונדזער פּלאַץ. דאָ דאַרפן מיר, פּועלי־ציון, זיין די וועגווייזער, דורך אייגענעם ביישפּיל. ס'איז שוין דאָ די היים, נאָר מען באַדאַרף זי איינאָרדענען. מען באַדאַרף אַריין אויך אין דער סביבה פון די קאָלאָניסטן. זיי ווייזן, וויאַזוי צו אַרבעטן, וויאַזוי צו באַציען זיך צו דער ווירטשאַפט. מיר דאַרפן אַהער ברענגען די ציוויליזאַציע.

איך קוק זיך איין אין אים, אין דעם אַמעריקאַניש־יידישן ציוויליזאַטאָר. ער ווייסט, וואָס ער האָט צו טאָן, ער ווייסט, אַז מען קאָן עס טאָן. אַזעלכע דאַרפן מיר דאָ טאַקע.

קליי האָט באַשלאָסן זיך צו קאָלאָניזירן. באַ אַנדערע איז אים שווער צו אַרבעטן. ס'איז נישטאָ די פרייהייט פאַר עקספּערימענטן, עס שטערט די מורא פאַר ריזיקע. ער וויל ווייזן, וואָס עס קאָן אויפגעטאָן ווערן אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט. ער טראַכט אויך וועגן איינאָרדענען זיך אַ פאַמיליען־לעבן. עס קאָן נישט זיין קיין גוטער קאָלאָניסט אָן אַ הויז און אָן אַ הויף־ווירטשאַפט. איז נויטיק אַ ווירטין, אַ חברטע אין דער אַרבעט, אין דער גייסטיקער וועלט...

עס לויפן די חדשים. קליי איז קאָלאָניסט אין מלחמיה. פּעטער, גוטער באָדן, נאָר די קאָלאָניסטן זענען אָפּגעשטאַנענע. איין יאָר, און זיין ווירטשאַפט איז גלענצנד איינגעאָרדנט. ער איז אַ מוסטער פאַר אַלעמען. מען קוקט זיך צו אים צו, מען לערנט זיך באַ אים.

ס'איז געקומען די צייט און ער איז נתגלה געוואָרן.

איז אָבער נישט באַשערט געווען אויף לאַנג.

עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. ארץ־ישראל איז אָפּגעשניטן פון דער וועלט. עס טראָגן זיך אַרום מאָדנע קלאַנגען אין די יידישע קאָלאָניעס. די אַראַבער ווילן אויסנוצן דעם מאָמענט, באַפאַלן די קאָלאָניעס, ראַבירן, שעכטן ,שענדן, אַ תל מאַכן פון אַלץ. ווערן די געזיכטער ערנסטער, די

בליקן אַנטשלאָסענער; מען גרייט זיך. ווייט אין אַ זייט ליגט מלחמיה. ווערן די אַראַבישע שכנים חוצפהדיקער, קריכן אויף דער תבואה. טוט דאָס יידישע האַרץ וויי. ווערט דאָס בלוט פון די יידישע ווערטער אויפגעקאָכט. מ'טאָר נישט שווייגן, אפילו איצט. באַזונדערס איצט. אַנדערש איז דאָך אַרויסגעוואָרפן די גאַנצע אַרבעט, וואָס ביז אַהער. די אַראַבער ווערן פאַרשייטער, מען שניידט יידישע תבואה. דער צוזאַמענשטויס איז אומפאַרמיידלעך; שפרייט זיך פאַנאַנדער די ידיעה אין אַלע קאָלאָניעס. כאַפּט מען זיך אויף, ווער צו פוס, ווער אויף אַ פערד און מען לויפט קיין מלחמיה צו הילף. עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן. איין אַראַבער איז שוין געפאַלן, דער צווייטער פאַרוווּנדעט. מען גייט אויף מלחמה. ווייבער און קינדער, מענער מיט געווער און מיט שטעקנס. מ'וועט מאַכן אַ חורבן פון דער קאָלאָניע, מען וועט שענדן די פרויען. די קאָלאָניע פאַרטיידיקט זיך; רויק, אָרגאַניזיטערהייט. אַן אָנפאַל אויף דער קאָלאָניע הייסט אַן אָנפאַל אויפן גליל, אויפן ישוב. רירט עס אַן אַלעמען. זענען די מענער אויף די דעכער אין אַלע פיר זייטן צעלייגט און באַגעגענען דעם שונא. קלייבן די שול־קינדער אונטערן אויפזיכט פון לערער שטיינער, דערלאַנגען אַרויפצו און ביי די אַריינגאַנגען — ס'ווערן אויפגעשטעלט באַריקאַדן. עס פליען קוילן איבער די קעפּ. עס טראָגן זיך ווייטע געשרייען און קללות. די קאָלאָניע שטייט פעסט. מען קאָן צו איר נאָענט נישט צוטרעטן.

גרייכט דאָס קנאַלן ווייט, יאָגן זיך איבערן ירדן און מיט דער יבשה — חברים צו הילף. ווערט אַ שיסעריי פוןביידע זייטן. די נאַכט פאַלט צו. שטאָק פינצטער. גרויזאַם איז דער וואַדי פעדזשאַס, עס לויערן זיינע מערות און פעלזן־קנייטשן, דער עולם לויפט, מען שיסט. ווער? אַן אייגענער, צי אַ פרעמדער? העברעיִשע איבעררופן זיך. מען דערקענט זיך, מען מיידט־אויס דעם שונא, כדי צוצוקומען צו דער קאָלאָניע.

עס וואַרטן די אַראַבער נעבן דעם הרוג. מען מוז נקמה נעמען פאַר זיין בלוט.

קליי איילט אַהיים. זיין קאָלאָניע איז באַפאַלן געוואָרן, זיין פרוי איז אין געפאַר. זיין האַנט איז שטאַרק, דער רעוואָלווער גרייט, און זיין האַרץ פעסט. איילט ער מיט אַ חבר. גיכער, גיכער. זיי זענען אויבן אויפן באַרג. אונטן ליגט מלחמיה. דאָ אונטן אין אַ זייט שיסט מען. אפשר איז

מען עס באַפֿאַלן אַ פֿאַרשפּעטיקטן יידן. נידערט מען אַראָפּ שנעל, הילף ברענגען.

אָנגעטראָפֿן אויפֿן אַראַבישן הרוג מיט זיינע נקמה־דורשטיקע קרובים, און גלייך פֿון אַ קויל געפֿאַלן. ער, קליי, דער גיבור, דער אייזנפֿעסטער מאַן דער אויסגעצייכנטער שיסער — געפֿאַלן פֿון אַ בלינדער קויל, אָן ווידערשטאַנד, אָן קאַמף.

ווידער בין איך אין גליל. עס שמעקט נאָך בלוט און פּולווער. נישטאָ קלייס קערפּער. מען זוכט שוין דריי טעג אין אַלע וואַדיס, אינעם ירדן. נישטאָ. אפֿילו צו קבר ישראל נישט געקומען. דער גליל איז אויפֿגעבראַכט און פֿאַרזאָרגט. אַ שטאָלצע פֿאַרטיידיקונג געוועזן. אָבער קליי איז נישטאָ. צו טייער באַצאָלט. און עס שטילט זיך נישט דאָס האַרץ. מ׳מוז אים אויפֿזוכן.

ער איז דאָ. די שטאַרקע ירדן־שטראָמען האָבן דעם גוף געשלעפּט אַראָפּ צום ים־המלח, האָט ער זיך פֿאַרפּלאָנטערט אינעם קאַמיש פֿון ירדן און ווייטער נישט געגאַנגען. מען האָט אים געפֿונען. אכזריותדיק געפּייניקט דעם טויטן קערפּער האָבן די רוצחים. אָבער די ברייטע אַקסלען דער שטאַרק־אַנטוויקלטער קערפּער זאָגן עדות, אַז דאָס איז בערל קליי.

האָט מען אים אַ קבר געגראָבן אין זיין קאָלאָניע, מלחמיה, באַ דעם ברעג פֿון ירדן. זיינער אַ חבר באַאַרבעט זיין ווירטשאַפֿט. זיין פֿרוי איז אין דייטשלאַנד אַוועקגעפֿאָרן, דאָרט זיין קינד געבוירן. און דער גליל וועט אייביק געדענקען דעם אַמעריקאַנער קליי, דעם שטאַרקן מאַן מיטן ווייכן שמייכל, וואָס האָט זיין בלוט אויפֿן יידישן באָדן פֿאַרגאָסן.

י. זרובבל

יצחק לעוו

יצחק לעוו איז געווען צווישן די געציילטע, וואָס האָבן זוכה געווען צו פאַרנעמען אַ צענטראַלן אָרט אין דער באַוועגונג צוליב זיינע מעלות און סגולות; צוזאַמען מיט אַנדערע אויסגעווייילטע האָט ער איר צוגעגעבן קאָלאָריט און אימפּעט, בעת זי האָט אין פּוילן אויפגעוויקלט אירע פליגל צום געוואַגטן אַרויספלי אין די אומבאַקאַנטע ספערן פון יידישער און נישט יידישער ווירקלעכקייט.

לעוו האָט געהאַט די זכיה צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין געשטאַלטיקן און רעגולירן דעם פּראָצעס פון רייפקייט פונעם פּועלי־ציוניזם פאַר רע־אַלע מעשים און פּאָליטישער טעטיקייט. ער האָט געהערט צו דער ענגער גרופּע, וואָס האָט אין פּוילן מאַניפעסטירט דעם אָרגאַנישן וווּקס פון דער פּאַרטיי, געהאָלפן איר שטעלן זיך אויף די פיס, געמאַכט זיכער און פעסט איר טראָט, ביז זי האָט אַליין זיך דערקענט און געצוווּנגען אַנדערע צו אָנערקענען זי ווי אַ זעלבשטענדיקן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן פאַקטאָר אין דער אַרבעטער־מחנה און אין דער יידישער פרייהייטס־באַוועגונג.

יצחק לעוו איז געווען די פאַרקערפּערונג פון דער באַוועגונג אין פּוילן. אין איר אויסוואַקסן, זיך פונאַנדערגעבליט, אויסגעטראָגן אַלע אירע דאגות און צרות, אויפגעגאַנגען מיט איר אויפשטייג און רעפּרעזענטירט איר פאַרוואָרצלטקייט אין דער שוואַרץ־ערד פון דער יידישער גרויער פאָלקס־מאַסע.

אַ געזונטע יאָדערדיקע נאַטירלעכקייט איז געווען זיין יידישקייט, פונקט ווי זיין פּראָלעטאַרישקייט האָט נישט געשטאַמט פון ביכער און לעקציעס, נאָר זיך געגערט פון דער האָרעפּאַשנער יידישער וואַרשע, וועמענס טריי קינד און פאַרטרעטער ער איז געווען ביז צו זיין לעצטן טאָג.

ס׳איז געווען צו באַוווּנדערן זיין אַרבעטסזאַמקייט און אומדערשראָ־קנקייט אין די געפערלעכסטע סיטואַציעס פון פּראָלעטאַרישן קאַמף אין די ספּעציפישע פּוילישע באַדינגונגען. אומבויגזאַם אין זיינע איבערצייגונגען,

שטאָלץ אויף זיין נאַציאָנאַלן שטאַם, איז ער געווען דער ווירדיקער שליח־ציבור פון דער יידישער אָרעמשאַפט און אַרבעטערשאַפט אין מאָמענטן ווען ס'איז געשטאַנען אין קאַן זייער קיום און גורל. ער האָט זיך תמיד שנעל אָריענטירט אין קאָמפּליצירטע לאַגעס און געהאַנדלט אַנטשידן און פעסט.

קיינמאָל זיך נישט געהאַלטן אויף דער אויבערפלאַך פון פּראָבלעמען, נאָר טיף זיך געגרונטעוועט אין זייער תוך און זיך נישט פאַרשטייפט אויף אַנגענומענע דאָגמעס. ס'האָבן אים נאָכאַנאַנד געמאַטערט ספקות און ער האָט נישט פאַרמאַכט די אויגן אויף ווידערשפּרוכן אין לעבן און צווישן טעאָריע אוןווירקלעכקייט; געקוקט דעם אמת אָפן אין די אויגן און אים אָנגענומען אַפילו אין זיין ווייטיקלעכער אַנטפּלעקעניש.

ער איז געווען פאַרליבט אין דער באַוועגונג מיטן גאַנצן פייער פון זיין שטורמישער נאַטור, איר זיך אָפּגעגעבן מיט אַלע זיינע פעיִקייטן און כחות, אָבער קיין מאָל נישט באַטראַכט זיך אַלס איר קרבן, נאָר הויך געשעצט דאָס גליק, וואָס זיין פאַרטיי־אַרבעט האָט אים צוגעטיילט פולע הויפנס דורך זיין פאַרהיימישן זיך מיט די עכטע בויער און שאַפער פון בייעם טריִומפירנדיקן לעבן.

לעוו האָט פאַרמאָגט אויג און אויער אויך פאַרן יחיד אין דער באַוועגונג, פאַר זיינע נויטן און באַדערפענישן. ער האָט נישט מחלל געווען דעם באַגריף חבר, נאָר אים אָנגעפילט מיט שיינעם קערנדיקן לעבנס־תוכן.

יצחק לעוו איז געבענטשט געוואָרן מיטן אימפּעט און דינאַמיק פון אַ בויער. ער האָט געבויט אָרגאַניזאַציעס, פּראָפ.־פאַראיינען, קאָאָפּעראַטיוון, שולן, ספּאָרט־קלובן, אַרבעטער היימען, ווירטשאַפטלעכע אַנשטאַלטן — איז אין דעם געווען סיסטעם, פּלאַן, ציל־אויסגערעכנטקייט, אַן אַלץ־אַרומנעמענדיקע וויזיע, אַ ווייטערע פּערספּעקטיוו. אין יעדן אויפטו זיינעם איז געווען פאַרנעם און פאַרמעסט, דער אָטעם פון היסטאָרישן אידעאַל. ס'זענען געווען רינגען פון איין גורלדיקן ווערק, דאָס ווערק פון איבערבויען אין סאַמע יסוד דאָס יידישע לעבן. לעוו האָט נישט געוואָלט וויסן פון שטערונגען, פון אָפּהאַלטן, און ס'האָבן אים נישט צעטומלט און געמאַכט אָפּהענטיק שטרויכלונגען און דורכפאַלן. ער האָט ריזיקירט און איינגעשטעלט, נישט געוואָלט צוריקטרעטן, ווייל אין אים האָט געלעבט די זיכערקייט אין ענדגילטיקן נצחון פון זיין אידעע.

ער איז געווען אַ מענטש פון העזה און וואַגעניש. האָט ער כסדר גע־שטויסן פאָרויס, אַליין זיך געשפּאַרט אין די שמאָלע געסלעך, געהאַקט אין פאַרמאַכטע טירען און געשריען צו טויבע ווענט. לויט זיין אינערלעכן מהות, אַ מאַן פון שטרענגסטער דיסציפּלין, האָט לעוו נישט זעלטן איבער־ראַשט מיט איניציאַטיוו אויף פּערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, גע־שטעלט אין קאַן אייגענעם פּרעסטיזש ווען ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז די באַוועגונג גרייזט און מאַכט אַ פאַטאַלן פעלער, וועלכן ס'וועט אוממעגלעך זיין צו פאַרריכטן שפּעטער.

ער האָט נישט געקענט סובל זיין פּאַסיווקייט און לאַנגזאַמקייט. ער האָט געברויזט מיט אוימאויסשעפּלעכער דינאַמיק און געקעמפט עקשנותדיק פאַר זיינע מיינונגען; ווי אַ טיף־גלויביקער זיך געראַנגלט פאַר זיינע אמתן, וואָס וועלן, לויט זיין איבערצייגונג, סוף כל סוף אָנגענומען ווערן אויך דורך דער מערהייט. האָט ער געהאַט דאָס גרויסע גליק און באַ־פרידיקונג, וואָס כמעט תמיד האָט ער זוכה געווען צו דעם הכשר און הסכם פון דער באַוועגונג אויך אין פאַלן, ווען ער האָט זיך געזען אויף אַ מאָ־מענט געצווונגען צו זיין אין אָפּאָזיציע צו דער אָנפירונג.

לעוו האָט זיך אויסגעקענט אין ציפערן און זיך גוט פאַרשטאַנען אויף דער שפּראַך פון עקאָנאָמישע פּראָצעסן. האָט ער אויפגעציטערט פאַר די אויסזיכטן, וואָס די יידישע ווירקלעכקייט האָט צוגעזאָגט אין די גלות־לענדער; ער האָט דייטלעך זיך אויסגעמאָלן די פּערספּעקטיוון פון יידישער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפטלעכער אָנמעכטיקייט און פּאָליטישער אומבאַהאָל־פנקייט, טראָץ מאָמענטאַלע דערפאָלגן און געוווּנענע פּאָזיציעס פון יחידים און גרופּעס. ער האָט פאָרויסגעזען בחוש, ווי די דערגרייכונגען וועלן זיך פאַטאַל אַרויסגליטשן פון די הענט, ווי נאָר עס וועט זיך ענדערן די גינס־טיקע קאָניונקטור.

פון דאַנען האָט געשטאַמט לעווס כלומרשטער דואַליזם אין זיין פּאָ־ליטישער טעטיקייט. ער דערשיינט ווי דער שטענדיקער קעמפער פאַר פולע רעכט אין גלות. מיט ענטוזיאַזם און מסירת־נפש איז ער אַקטיוו ביים אויפ־שטעלן סאָציאַלע און קולטורעלע פּאָזיציעס אין די ווין־לענדער, און אין דער זעלבער צייט טרעט ער אויף מיט לייב און לעבן ווי אַ פלאַמיקער אומקאָמפּראָמיסלעכער „פּאַלעסטיניעץ", וואָס פאָדערט אַלץ ברייטערע ראַ־מען פאַר באַלדיקער „פּאַלעסטינע־אַרבעט".

אין פולער טריישאַפט צו זיין לעבנס־דעוויז: אומר ועושה, האָט ער נישט געוואָלט וואַרטן קיין מאָל אויף אַ „שעת הכושר", נאָר באַשטאַנען אויף באַלדיקער פּראַקטישער רעאַליזאַציע פון דער אידעע, שטענדיק און אומעטום.

אַליין דורכגעדרונגען ביז אין די טיפסטע טיפענישן פון זיין כאַ־ראַקטער מיטן גייסט פון חלוציזם, האָט ער נישט געוואָלט וואַרטן ביז עס וועלן צוגעגרייט ווערן אין אַ ספּעציעלער הכשרה, יוגנטלעכע פון גלות, כדי צו עולה זיין אַלס חלוצים קיין ארץ־ישראל; ער האָט געקעמפט מיט פאַרביטערונג און פאַנאַטיזם פאַר די רעכט פון פאַראַנענע אַרבעטער אויף עליה. זיי פאַרמאָגן „מבטן ומלידה" דעם באַפרייונגס־אידעאַל. אין זיין נאָענטער און אינטימער באַרירונג מיט מאַסן יידישע אַרבעטער און האַ־רעפּאַשניקעס האָט לעוו דערקענט דעם אומגעצוימטן פאַרלאַנג זייערן צו עולה זיין קיין ארץ־ישראל, כדי דאָרט איבערגעשמידט צו ווערן סאָ־ציאַל און איבערגעשטאַלטן זייער לעבן אויף אַ נייער באַזע, אויף דעם יסוד פון דער נאָרמאַלער סטראַטעגישער באַזע פון אַן אייגענער נאַציאָנאַ־לער ווירטשאַפט.

לעוו האָט געשטורעמט די פאַרהאַקטע טויערן פון די אָפיציעלע ציוי־ניסטישע פאַלעסטינע־אַמטן, ווו מ'האָט נישט געוואָלט געבן קיין סערטי־פיקאַטן פאַר לינקע פועלי־ציון. אָבער ער האָט זיך נישט באַגנוגנט דער־מיט און אַליין אויסגעפונען אומוועגן פאַר אומלעגאַלער פועלי־ציוניסטישער עליה; אַליין, כמעט אויף אייגענער אחריות, אָן לכתחילהדיקע באַשלוסן פון די אָפיציעלע פאַרטיי־אינסטאַנצן, געפירט הונדערטער חברים מיט עליה ב' קיין ארץ־ישראל.

אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד געפינען זיך אַרבעטער, וואָס זענען אַהער געקומען אַ דאַנק לעווס איניציאַטיוו און ריזיקע. זיין אידעיִשע גראַדליניקייט און אָרגאַניזאַציאָנעלע אומדערשראָקנקייט האָבן פאַרשריבן אַ פרעכטיק בלעטל פון לינקע פועלי־ציון אין דער עליה קיין ארץ־ישראל אין די שווערסטע צייטן פון בריטישן מאַנדאַט.

יצחק לעוו איז געווען אַ קעמפער אויך מיט וואָרט און פעדער. עט־לעכע צענדליק יאָר האָט לעוו אַטאַקירט די פעסטונגען פון דער פּוילישער

רעאַקציע און יידישער אַסימילאַציע דורך זיינע אַרויסטרעטונגען אין וואַר־שעווער שטאָט־ראַט און יידישער קהילה, אויף קאָנפערענצן און צוזאַמענ־פאָרן פון יידישע און פוילישע אַרבעטער. ער איז געווען אימפּעטיק און ניכטער, שניידיק און אַנגרייפעריש אין זיין פּאָלעמיק. נישט גענוצט קיין זיידענע הענטשקעס לגבי חוצפּהדיקע קעגנער און נישט געווען איבערקליי־בעריש אין אויסדרוק לגבי פּאָלסיפיצירער פון פּראָלעטאַרישע ווערטן. ער האָט געהאַט גערן דעם פּשוטן פאָלקס־מענטש, דעם געזונטן חי־וקיים, זיך פאַרשטאַנען אויף זיין לשון און אַפּעלירט צו זיין געמיט.

לעוו האָט געשריבן אַ סך איבער אַלע ברענענדיקע פּראָבלעמען פון יידישן און אַרבעטער־לעבן. זיינע אַרטיקלען האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַקטועלקייט און גרינטלעכקייט. ער האָט נאָכאַנאַנד געשטודירט די פראַגן, וואָס האָבן געזאָלט, לויט זיין מיינונג, אינטערעסירן די יידישע אַרבעטער־שאַפט, און זיין השפּעה אויף די לייענער איז געווען שטאַרק.

ער איז געווען באַליבט ביי די חברים, ביי די יידישע פאָלקס־מענטשן אין פוילן און אין ארץ־ישראל, ווו ער האָט געלעבט די לעצטע יאָרן. מ׳האָט אין אים געפילט דעם אויפריכטיקן אַרבעטער־טוער און קעמפער, וואָס ווייסט נישט פון האַלבקייטן און פשרות, מ׳האָט אים געטרויט, מ׳האָט זיך אויף אים פאַרלאָזט.

האָט ער אַ גאַנץ לעבן אויסגעפירט שליחותן: פון דער פּאַרטיי און פון דער פראָפ.־באַוועגונג, פון דער שול־אָרגאַניזאַציע און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין לאַנד און אין חוץ־לארץ; אומעטום האָט ער געוווּנען חברים און פריינד, מיטגייער און מיטקעמפער.

לעוו האָט די לעצטע יאָרן שטאַרק געליטן פּסיכיש: ס׳האָט געדריקט אויף זיין געמיט די געשאַפענע אַטמאָספער אין דער פאַראייניקטער פּאַרטיי. ער איז נישט געווען געוווינט אין משך פון צענדליקער יאָרן צו ליגנערן מיטן אייגענעם געוויסן. פאַר אים איז די באַוועגונג געווען אַ כוח, וואָס דער־ציט מאָראַליש, דערהייבט גייסטיק דעם חבר און לערנט אים אויפצונעמען קריטיש מיינונגען און דערשיינונגען, נישט פאַרלאָזנדיק זיך בלינד אויף דעם, וואָס „דער רבי האָט געהייסן". ער האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט „אויספאָלגן" דיקטאַטן, וועלכע זענען פּוגע די עטישע שטאַנדהאַפטיקייט פון דער יוגנט און צעשאָקלען איר אידעישע אויסגעהאַלטנקייט.

האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט שטייגנדיקער פאַרביטערונג, און פון

זיינע אויגן האָט אַרויסגעפינקלט די עצבות פון אומבאַפרידיקטקייט גראָד אין ארץ־ישראל, ווו ס׳האָט זיך אויפגעוויקלט די מעגלעכקייט צו הערן דער פירנדיקער כוח פון דעם אויפגעקומענעם יידישן אַרבעטער־קלאַס אין אייגענער מדינה. לעוו איז געווען דורכגענומען מיט אומגעשטילטן אומרו פאַר דעם גורל פון דער באַוועגונג, און דער מוטיקער קאַמפּסמאַן האָט מורא געהאַט פאַר די שקיעה־שטראַלן, וואָס ציִען זיך צו דער פּאַרטיי צוליב די אויפגעבלאָזענע כלומרשט רעוואָלוציאָנערע אילוזיעס, אין סתירה צו די האַרטע קלעפּ, וואָס די פאָרשטייער פון דעם רעוואָלוציאָנערן מאַרגן האָבן געהאַגלט איבערן קאָפּ פון יידישן פאָלק אין זיין באַפרייונגס־אַוואַנגאַרד.

נישט אַנדערש, אַז אָט די שטימונג זיינע האָט צוגעאיילט זיין טויט געציילטע טעג נאָך דעם, ווי ס׳איז אַוועקגעריסן געוואָרן יוסף ראָזען. אינעם קאָלעקטיוו האָט ער אויפגעבליט מיט זיין פול גייסטיק לעבן — און דאָ, אינעם קאָלעקטיוו האָט ער זיך איינגעבראָכן.

יצחק לעוו האָט זיך קיין מאָל נישט מייאש געווען, נישט אונטער־געגעבן דער שטימונג פון פאַרצווייפלונג. ער איז געווען אַ טיפער מאמין. געגלייבט אין יידישן אַרבעטער, אין יידישן פאָלק, אין אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס, אין דעם אמת פון סאָציאַליסטישן אידעאַל, וואָס וועט סוף כל סוף זיגן און דורך דעם אויך גאַראַנטירן דעם קיום פון דער סאָ־ציאַליסטישער מדינה ישראל.

ער איז אַוועק צו פרי. ער האָט נאָך פאַרמאָגט כוחות צו לעבן. עס האָבן נאָך געוואַרט אויף אים אויפגאַבן און אַרבעטן, וואָס דווקא ער איז געווען מסוגל זיי דורכצופירן.

וואַקסט אַזוי אונדזער אייגענער, סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער בית־עולם. איינער נאָכן אַנדערן ווערן געבראַכט צו אייביקער רו, די פירער־לערער, די קעמפער, וואָס האָבן פאַרקערפּערט אין זיך דעם אומרו פון דער באַוועגונג.

וועט די באַוועגונג איינזאַפּן אין זיך זייער אומרוִיקן גייסט און זיי וועלן לעבן ווייטער אין איר. זי מוז פול אויסלעבן זייער לעבן, ווי זיי האָבן פול געלעבט איר לעבן.

יוסף ראָזען

יוסף ראָזען האָט געהאַט אַ געבענטשטע אייגנשאַפט צו זען זאַכן דורך און דורך, דורכלייכטן זיי ווי רענטגען. ער האָט געהאַט דעם אינערלעכן מאָראַלישן מוט צו זען דעם אמת, ווי ער איז, אינגאַנצן, נישט אַ צעפּיצלטן, אַ צעבּרעקלטן, מיט איין מאָל, נישט אין געטיילטע קליינע דאָזעס. זיין אמתדיק — און קודם כל מיט זיך אַליין — דאָס איז געווען יוספס סימן מובהק, זיין „פּינטעלע חבר".

סאָציאַליזם? געוויס, אָבער נישט על פי תנאי — אויב ער שטימט מיטן ציוניזם. דאָס נעמלעכע איז ציוניזם — נישט על פי תנאי, אויב ער האַרמאָנירט מיטן סאָציאַליזם. לגבי יוספן זענען עס נישט געווען קיין צוויי זייטן פון דער זעלבער מטבע. ס'איז אַן אָרגאַנישע גאַנצקייט: סאָציאַליסטישער ציוניזם. סאָציאַליזם — די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין יידישן לעבן. ציוניזם — רעוואָלוציע, וואָס ווערט רעאַליזירט דורך דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

האָט יוסף נישט פאַרטראָגן קיין פאַלשקייט אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ווייל דאָס האָט פּוגם געווען זיין אידעאַל אין יידישן לעבן. האָט ער נישט סובל געווען רעאַקציע אינעם ציוניזם, ווייל דאָס איז געווען אין סתירה צו זיין סאָציאַליסטישן אידעאַל.

יעדן אָפּנויג אין דער באַוועגונג האָט יוסף געוויטערט ביז קרענק־לעכקייט און באַקעמפט מיט פולער אַנטשיידנקייט. דערפאַר איז ער מסוגל געווען צו רעווידירן איינגעשטעלטע מיינונגען און אָנגענומענע שטעלונגען. ער האָט נישט געליטן קיין פאַרגליווערטע דאָגמעס, וואָס פאַרמאָגן נישט מער דעם דינאַמישן צאַפּל פון וווּקס און פאַרענדערונג. זיין השפעה איז געווען שטאַרק אויף אַלעמען, אויך אויף דערוואַקסענע. דער עולם האָט אים געהערט מיט טיפן אינטערעס. ער איז קיינמאָל נישט געווען פעיק צו שאַבלאָן. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין חריפות, סיי אין תוכן און סיי אין פאָרם. ער איז געווען בייסיק אין זיין פּאָלעמיק און האָט געבליצט מיט זיינע לאָגישע אַרגומענטן. ער

איז נישט געווען נוטה צום פאַרגעבנדיקן הומאָר. ווי דער נביאישער מוכיח איז ער אין קאַמף פאַרן היסטאָרישן אמת פון דער באַוועגונג געווען אַ נוקם ונוטר לגבי דעם רשע און פאַרפירער. פאַרראַט איז אין עצם מהות געווען דערווידער יוספס כאַראַקטער, און אין דעם פרט איז ער נישט איינגעגאַנגען אויף קיין שום פשרות. ער איז געווען אומברחמנותדיק אין זיין סאַטירע, אין אויסלאַכן די קרומקייטן פון שכל און צוגעפוצטקייט פון געדאַנק. ער האָט פאַרמאָגט אַן איינגעבוירענעם ווידערווילן צום שקר אפילו צוליב כלומרשט „הייליקן ציל״. פיינט געהאַט תכלית שנאה דאָס פאַרקריפלטע, אַ פשיטא ווען קוקנדיק אין קרומען שפיגל האָט עס זיך געוואָלט איינרעדן און אַרויסשטעלן פאַר אַנדערע, ווי ס׳וואָלט געווען פולשטענדיק גלייך און נאָרמאַל.

יוסף איז געווען געבענטשט מיט אַ גלענצנדיקער פעדער, און זיינע אַרטיקלען האָבן פאַרמאָגט אַלע מעלות, שאַרפזין און לאָגיק, וואָס זיין געוואָרן וואָרט. ער האָט אַ סך געשריבן אין אונדזער פועלי־ציוניסטישער פרעסע. אָבער באַזונדערס האָט ער זיך אָפּגעגעבן דער אויפקלערונג און דערציונג פון דער יוגנט. לאַנגע יאָרן איז די רעדאַקציע פונעם יוגנט־אָרגאַן געלעגן אין יוספס הענט, און דער זשורנאַל איז געווען אַ שם דבר אין ברייטע קרייזן. ס׳איז באמת געווען אַן אוצר ידיעות וועגן דער אַרבעטער־וועלט, וועגן פּאָליטישע געשעענישן און אַ שלל וויסן וועגן די פּראָבלעמען, וואָס דאַרפן אינטערעסירן די יידישע אַרבעטער־יוגנט.

עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז אין משך פון זיין קורצן לעבן איז יוספן אויסגעקומען „אויף אייגענער הויט״ דורכצוגיין עטלעכע אידעאָלאָגישע גלגולים, וואָס האָבן אים געגעבן די מעגלעכקייט צו דערקענען דירעקט די הויפּט־שטרעמונגען אין דער געזעלשאַפטלעכקייט: ער איז עטלעכע יאָר געווען אין פוילן דער סעקרעטאַר פון דעם ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט; געגנוי אַזוי האָט ער אין ראַטנפאַרבאַנד אויפגענומען די רעוואָלוציע און איז אַ געוויסע צייט געווען אפילו דער רעדאַקטאָר פון אַ סאָוויעטישער אויפקלער־אַגענטור אין קאָוונע, און לסוף, אַלס פועלי־ציון, אין פוילן און אין ישראל, געווען סעקרעטאַר פון וועלט־פאַרבאַנד.

חלילה, יוסף האָט נישט געביטן זיין אידעאָלאָגיע ווי הענטשקעס. ס׳איז געווען אפשר צופעליק אַ לאָגישע אַנטוויקלונג אין זיין גאַנג. די מעלה דערפון איז, וואָס ער האָט דערקענט די באַוועגונגען פון אינעווייניק

ווייניק, להלכה ולמעשה. צוליב זיין כאַראַקטער פון זען דעם אמת, ווי ער איז, און זיך נישט אָפּשרעקן פאַר פעסטשטעלן די פאַלשקייט אפילו אין דער אייגענער סביבה, האָט ער געקאָנט אָפּוואַרפן דאָס נעגאַטיווע, וואָס האָט אים שאָקירט אין יעדן טראָט זיינעם און אויפנעמען אָרגאַניש דאָס פּאָזיטיווע אין זיי אַלע ביז ס'איז געוואָרן פאַרוועבט און צונויפ־געגאָסן אין אים די גאַנצקייט און פולקייט פון סאָציאַליסטישן ציוניזם.

דעריבער איז יוסף אַרויסגעטרעטן אַנטשידן לגבי די קעגנער סיי אין ציוניסטישן און סיי אין סאָציאַליסטישן לאַגער, בלייבנדיק טריי די עיקר־פּרינציפּן, אויף וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט מוותר געווען.

נישט געווען אפשר קיין צווייטער צו אים אין קאַמף קעגן „בונד" און יעווסעקציע, ווי קעגן מפא"י.

יוסף האָט באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור. זיינע בראָשורן וועגן קרימער טעריטאָריאַליזם, וועגן בירא בידזשאַן, וועגן בונד און די רויטע, וועגן די בלוטיקע געשעענישן אין ארץ ישראל און וועגן גיין אין ציוניסטישן קאָנגרעס — זענען מוסטערן פון באַראָכוויסטישער אויפ־קלערונג. אפילו די בראָשור וועגן דער יידישער מדינה, וואָס יוסף האָט געשריבן ווען ער האָט אַ געוויסע צייט זיך געשטעלט מחוץ דער פאַרטיי, מחמת ער האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט די פאַלשע איינשטעלונגען פון דער דעמאָלט גאַנצער מפ"ם ,נאָך די פּראָצעסן קעגן די יידישע דאָקטוירים און נאָך פּראַגער פּראָצעס, אפילו די אַרגומענטאַציע פאַר אַ יידישער מדינה אין אַ טייל פּאַלעסטינע, איז דורכויס אַ קלאַסיש פּועלי־ציוניסטישע.

ווי באַקאַנט, האָבן מיר געהאַט אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע ביים אַרויסגעבן די „ילקוטי פּועלי־ציון". דערביי האָט יעקב פּעטערזייל קאָנצענטרירט אין זיינע הענט די אַרבעט פון זאַמלען און צונויפשטעלן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַל. דאַרף מען געדענקען, אַז פון דער גאַנצער פינף־קעפּיקער קאָלעגיע איז יוסף געווען פּאַקטיש דער איינציקער, וואָס האָט ווירקלעך אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיטן סעקרעטאַר, סיי ביים רעדאַגירן די ילקוטים, סיי ביי דיסקוטירן אָנווייזונגען און הערות צו דעם פאַרעפנטלעכטן מאַטעריאַל.

יוסף האָט מיטגעמאַכט מיט דער פּאַרטיי פּועלי־ציון די עטלעכע פּרוּוון פון פאַראייניקונג. צו זיין שבח מוז געזאָגט ווערן, אַז ער האָט

קיינמאָל זיך נישט געשטעלט „אין שפּאַן" מיט דער מערהייט, נאָר געהאַט די „העזה" צו קעמפן עקשנותדיק, אָן־פּשרותדיק פאַר דער אויסגעהאַלטענער ליניע פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי, געוואָרנט מוטיק באַצייטנס קעגן די ליקווידאַטאָרישע עלעמענטן, וואָס זענען אַריינגעשמוגלט געוואָרן דורך די כלומרשט לינקע יחידים און גרופּעס.

געווען אַ צייט, ווען די פּאַרטיי אין פּוילן האָט געהאַט אָנגענומען אַ באַשלוס לגבי דעם קאָמאינטערן, אַז אין פראַגן, וואָס זענען שייך דעם יידישן לעבן, האַנדלט די פּאַרטיי זעלבשטענדיק, לויט איר אייגענעם איינזען, אָבער אין פראַגן פון אַלגעמיינער פּאָליטיק גילטן פאַר איר די באַשלוסן פון קאָמאינטערן. אַדאַנק יוספס ווירקונג האָט דער צוזאַמענפאָר פון דער יוגנט אָפּגעוואָרפן אָט דעם באַשלוס און דערקלערט, אַז כל זמן מיר זענען נישט קיין אָרגאַניזאַציאָנעלער טייל פון קאָמאינטערן, זענען זיינע באַשלוסן אויטאָמאַטיש פאַר אונדז נישט גילטיק און מיר האַנדלען אין אַלע אָנגעלעגנהייטן זעלבשטענדיק. אין רעזולטאַט האָט די פּאַרטיי אויך געענדערט איר שטעלונג אין דעם ענין. דאָס באַווייזט נאָר, ווי אַזוי יוסף האָט געפירט דעם קאַמף פאַר זיין אמת אויך אינעווייניק, אין דער פּאַרטיי גופא.

אין אַ פּאָלעמיק מיט בצלאל שערמאַן, וועלכער האָט פאַרלאָזט די לינקע פועלי־ציון, צוגעשטאַנען צו מפא"י אין אַמעריקע, און זיך געווענדעט עפנטלעך צו יוספן, ער זאָל טאָן דאָס זעלבע, היות ער איז נישט איינשטימיק מיט דער פּאַרטיי־שטעלונג לגבי ראַטנפאַרבאַנד אין אַ ריי וויכטיקע פראַגן, האָט יוסף געשריבן אין אַן אָפענער תשובה: „איך האָב גאָרנישט בדעה צו פאַרגוואַלדיקן מיין געוויסן און שווייגן, ווען איך וועל האַלטן, אַז מ'טאָר נישט שווייגן. איז וואָס דערפון געדרונגען? ווילט איר מיר סוגערירן דעם געדאַנק, אַז איך דאַרף נאָכטאָן אייער ביישפּיל און גיין אין דעם וועג, אין וועלכן איר זענט געגאַנגען? דאָרט וועל איך עס געפינען דעם אמתן, נישט געפעלשטן סאָציאַליסטישן ציוניזם, די געטרייקייט צו די אידעאַלן פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם, ווי מיר האָבן זיי אַמאָל פאַרשטאַנען צוזאַמען מיט אייך?" ער רעכנט אויס ווייטער חטאים פון מפא"י „וועגן דער פאַלשער פּאָליטיק, וואָס האָט דערהויבן דעם שטריימל צו אַ מאַכט־פאַקטאָר... וועגן דער פּאָליטיק, וואָס דערמונטערט דעם שאַנטאַזש, די כסדרדיקע

אויספרעסונגען פון רעכטן בירגערלעכן לאַגער און מאַכט אים אַלץ בייע קאָנצעסיעס״...

און ער פרעגט: „צי צוליב דעם האָבן מיר אויסגעטורימט און אויסגעוויטיקט אונדזער אומאָפּהענגיקייט; צוליב דעם האָבן חלוצים אין זומפּן געפיבערט און מיט זייערע לעבנס צו איר דעם וועג אויסגע־פלאַסטערט; צוליב דעם איז אַזוי פיל טייער בלוט פון אונדזערע בעסטע זין פאַרגאָסן געוואָרן — אַז מ׳זאָל פאַרוואַנדלען מדינת ישראל אין אַ שוואַרצן מאַרק, ווו עס הוליען געוויסנלאָזע שפּעקולאַנטן, וועלכע פּאַראַזיטירן אויף קליטת עליה און ווערן פון איר רייך?״

ער שטרייכט אונטער: „מיין עקל גילט פאַר יעטוועדן מין „מה יפית״. ער האָט נישט „מער דרך ארץ פאַר די יעניקע, וועלכע זינגען ‚מה יפית׳ צו די כלומרשטע ריטער פון דער מערב־קולטור, וואָס זענען גרייט ווידער אַריינצושליידערן אַ וועלט אין תהום פון בלוט און חורבן, אַבי איינצוהאַלטן די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע און אימפּעריאַ־ליסטישע פאַרשקלאַפונג פון לענדער און פעלקער״.

„צי זאָל אונדזער מדינה, דער טרוים פון דורות פאַרפאַלגטע און געפּייניקטע, ווערן אַ ציגל אין דער דאַמבע, וואָס רעאַקציאָנערע כוחות בויען קעגן באַפרייונגס־באַוועגונגען פון אַנדערע אונטעריאָכטע פעלקער? פון היטער און טרעגער פון אַ גרויסער וויזיע פון אוניווערסאַלער גערעכ־טיקייט און פעלקער־פרידן, זאָלן מיר פאַרוואַנדלט ווערן אין אונטער־שמשים באַ די היטער פון נאַפט־אינטערעסן און פון סטראַטעגישע וועגן? זאָלן מיר פאַרראַטן דעם הייליקן אָנדענק פון די, וואָס זענען אומגעקומען פון די בלוטיקע הענט פון די נאַציס און מיר זאָלן זיך איינשפּאַנען אין איין פּראַנט מיט די, וועלכע דערמוטיקן דעם אויפשטייג פון נעאָ־נאַציזם, און מיט דער צייט זאָלן מיר נאָך אפשר שיקן אונדזערע זעלנער, זיי זאָלן פאַרגיסן זייער בלוט ‚פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע׳ באַ דער זייט פון חיילות, וואָס אין זייער שפּיץ וועלן שטיין היטלערס אָפיצירן און גענעראַלן?״

קלאָר, אַז ביי אַזאַ איינשטעלונג האָט יוסף נישט געקאָנט גיין צו מפא״י ‚אָבער ער האָט אויך נישט געקאָנט בלייבן ביי מפ״ם. ער האָט בכלל נישט געקאָנט הויזן מיט „די יעניקע, וואָס מאַכן בלויז רעקלאַמע פאַר דאָס פּאָזיטיווע און פאַרטושן און דעקן דאָס שלעכטס, וואָס וואַקסט

זיך פאַנאַנדער ווי קראַפּיווע און פאַר וועלכן זיי זענען גריילעך שטאַרק פאַראַנטוואָרטלעך". און פּונקט פאַרקערט האָט ער נישט סובל געווען „די יעניקע, וואָס טייטלען שטענדיק מיט די פינגער אויף די שאָטן־זייטן און פאַרהוילן בכיוון דאָס ליכט, וואָס גייט־אויף". דאָס האָט יוסף געמיינט הן לגבי מדינת ישראל און הן לגבי דעם ראַטנפאַרבאַנד.

אין דעם פרט איז יוסף געווען אַ זעלטענער מוסטער פון אידעישער אויסגעהאַלטנקייט, וואָס באַזייטיקט אַלע שטערונגען און האַנדלט קאָנסעקווענט אין הסכם מיט זיין אמת.

די פאַרטיי האָט פאַר אים באַדייט: גיין צוזאַמען מיט אַ קאָלעקטיוו, וועלכער איז טריי די זעלבע פּרינציפּן און איז גרייט פאַר זיי זיך מוסר נפש זיין אָן שום באַוואָרענישן.

פון דאַנען האָט זיך גענומען יוספס קאָלאָסאַלע השפעה אויף די אַלע, וואָס האָבן אים דערקענט פון נאָענט. ער האָט זיך נישט געשטופּט פאָרויס, און מ'האָט אים שטענדיק באַמערקט; ער האָט זיך נישט געוואָרפן און נישט געטרומייטערט, און מען האָט אים געהערט און זיך צוגעהערט צו זיין מיינונג, אויך דאַן, ווען ער האָט זי אַרויסגעבראַכט מיט דער פולער באַשיידנקייט, אויף וועלכער ער איז געווען פעיק.

ער האָט געוויטיקט די לאַגע אין דער באַוועגונג און איז די לעצטע יאָרן אַרומגעגאַנגען פאַרזונקען אין עצבות, זעענדיק ווי די עטישע ווערטן פון דער באַוועגונג ווערן אויסגעביטן אויף מינץ און ווערן ביסלעכווייז צעטרענצלט.

איז ער אַוועק פון אונדז אין זיינע בעסטע בלי־יאָרן, און זיין פּלאַץ איז געבליבן ליידיק. חבל על דאבדין.

י. זרובבל

עמנואל רינגלבלום

1

דער יונגער היסטאָריקער פון געטאָ, עמנואל רינגעלבלום, איז לאַנגע חדשים געזעסן אין זיין בונקער אויף גרויעצקאָ גאַס אין וואַרשע און פאַרצייכנט מיטן בלוט פון האַרץ די טראַגישע געשיכטע פון זיין פאָלק, ווי זי איז אין פייער פון נאַצישער אכזריות אויסגעבערענט געוואָרן אויף דעם פאַרמעט פון אונדזער מאַרטיראָלאָגיע.

ער האָט געהאַלטן אין איין צונויפרופן די אַלע, וואָס זענען פעיק צו פאַרצייכענען און זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלן אומשפּאַנען אין די רינשטאָקן און זומפּן פון היטלעריסטישער ווירקלעכקייט און אַרויפברענגען אויפן פּאַפּיר אַלץ, וואָס זיי זעען און אַלץ, וואָס זיי הערן; ווייל דאָס מוז מען איבערלאָזן אַלס ירושה די קומענדיקע דורות, זיי זאָלן וויסן, ווי ס'האָבן געלעבט און זיך געראַנגלט, געפאַלן, פאַרראַטן, זיך דערהויבן און געקעמפט די יידן אין דער תקופה פון היטלער, פון נאַציזם און פאַשיזם, פון אוישוויץ און טרעבלינקע.

ער איז געזעסן און געשריבן אין בונקער, דער יונגער היסטאָריקער, זיין האַרץ פאַרוואַנדלט אין שטאָל, כדי נישט איינצוברעכן זיך צוליב די שוידערלעכע סצענעס, נישט פאַרצווייפלען ביי די בילדער פון שפלות און נישט דערשיטערט ווערן פון די איוב־בשורות, וואָס פייניקן דעם גוף און די נשמה פון זיין פאָלק.

עמנואל רינגעלבלום איז דערצויגן געוואָרן אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי; זיין קלאָרער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער בליק אויף דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע האָט אים פאַרזיכערט, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט איבערלעבן אויך די היטלער־עפּאָכע און דערגרייכן די צוקונפט, וועלכע איז פאַראויסגעזען דורך זיין גאונישן לערער, בער באָראָכאָוו.

געבוירן אין מזרח־גאַליצישן שטעטל בוטשאַטש, האָט ער זיין יוגנט פאַרבראַכט אין מערב־גאַליצישן ניי־סאַנץ און שפּעטער, זיין וויסנשאַפט־לעכע אויסבילדונג באַקומען אין וואַרשע. אַקטיוו אין די רייען פון דער

פועלי־ציוניסטישער „יוגנט", האָט ער מיט דער צייט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין די רייען פון דער פּאָליטישער פּאַרטיי, אַלס לעקטאָר, אָרגאַניזאַטאָר און מיטאַרבעטער פון אַלע צייטשריפטן פון דער באַוועגונג (אין יידיש און אין פּויליש). ער האָט אַנטוויקלט אַ ברייט־פאַרמאָסטענע טעטיקייט אַלס לערער, קולטור־טוער און פּראַקטישער אַרבעטער.

רינגעלבלומס אייגנטלעכער געביט איז געווען געשיכטע. ער האָט זיך געהאַט אויסגעצייכנט אין אַ ריי פאַרעפנטלעכטע ערנסטע וויסנשאַפט־לעכע אַרבעטן און האָט זיך אַרויסגערוקט אין דער פאָדערשטער ריי פון די יונגע יידישע היסטאָריקער אין פּוילן. ער איז קיינמאָל נישט געבליבן איזאָלירט אין די פיר ווענט פונעם פאָרשונגס־קאַבינעט, אויג אויף אויג בלויז מיט ספרים און אַרכיוו־מאַטעריאַלן. עס האָט אין דעם יונגן, בלאָנדן בחור געשפּרודלט אַ קוואַל פון דינאַמישן אינטערעס צום קאָכעדיקן לעבן, און ס'איז געווען צו באַוואונדערן, ווי ער האָט געהאַט צייט פאַר אַלץ; ווי ער וואָלט פאָרויסגעפילט, אַז זיין לעבן וועט איבערגעריסן ווערן גאַנץ פרי, האָט ער אינסטינקטיוו זיך געאיילט אָנצוזאָגן און אַריינכאַפּן וואָס מער.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך אים געזען אין זשענעוו, בעת דעם 21־טן ציוניסטישן קאָנגרעס: ער שטייט פאַר מיר ביז היינטיקן טאָג מיט זיין ליבן שמייכל און קלאָרן בליק פון זיינע בלויע אויגן. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין פּוילן פון דער שווייץ צוזאַמען מיט די חברים בוקסבוים און זאַגאַן. הגם זיי אַלע האָבן געוווסט, אַז אַ מלחמה הענגט איבער די הימלען, און אַז פּוילן וועט גיין די ערשטע אָויפן פייער. ס'איז נישט געווען קיין לייכטזיניקייט און ריקזיכטלאָזיקייט, נאָר דער אינערלעכער געבאָט פון אחריות, וואָס איז דערנאָך באַשטעטיקט געוואָרן אין די גרויליקע טעג פון דער נאַצישער אָקופּאַציע: מ'טאָר נישט איבערלאָזן הפקר די יידישע מאַסן אין פּוילן, מען מוז זיין מיט זיי, העלפן זיי נישט מייאש זיין זיך אפילו אין די ביטערסטע צייטן.

ס'איז אים באַשערט געווען, רינגעלבלומען, צו דערפילן אַ שליחות אין דער דאָזיקער תקופה. ער האָט געווירקט, עס זאָל פאַרשריבן ווערן דאָס טראַגישסטע בלאַט אין דער יידישער געשיכטע. און אינעם דאָזיקן בלאַט וועט תמיד פלאַקערן זיין ליכטיקער נאָמען.

2

זיינע חברים היסטאָריקער פון דער היטלער־עפּאָכע אין פּוילן, באַצייכענען אים, ווי „דאָס געוויסן פון דער צייט". „אַדאַנק רינגעלבלומען וויסן מיר פיל מער און בעסער, נישט בלויז וועגן די אָנהויבן פון יידישן ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וועגן די פּויליש־יידישע באַציונגען, אָדער וועגן אומקום פון דער יידישער אינטעליגענץ, נאָר בכלל וועגן דער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק פון די נאַציס אין אינערלעכן לעבן פון די יידן אין די געטאָס".

אין דעם איז באַשטאַנען די ספּעציעלע ווערט פון רינגעלבלומס „נאָטיצן" אין געטאָ. ס'איז נישט געווען בא אים קיין צופעליקער אינטערעס צו פאַרצייכענען כראָניק פון וויכטיקע געשעענישן; ער אַליין איז געווען דער גליקלעכער סינטעז פון פאָרשער און פּאָליטישן קעמפער. ער האָט געזוכט דעם שורש פון געשעענישן, דעם צוזאַמענהאַנג און פאַרקייטלטקייט פון איינצלנע דערשיינונגען מיט מער אַלגעמיינע, דעם טיפערן יסוד פון פּאַסירונגען און באַציונגען. אָבער נישט ווינציקער דערפון איז וויכטיק געווען רינגעלבלומס פּערזענלעכע איינשטעלונג צו דעם, וואָס איז פאַר־געקומען אַרום אים. אַ מענטש מיט טיפער ליבע צום פאָלק און צו יעדן מענטשן, מיט אָרגאַנישער שנאה צו רעאַקציע און צו פאַשיזם; אַ מענטש, וואָס איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אויף אַקטיוון ווידערשטאַנד און קאַמף קעגן דאָס בייז און דאָס שלעכטס, בפרט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָט רינגעלבלום געקאָנט אָנצינדן מענטשן מיט זיין פלאַם צו דער היסטאָרישער אַרבעט, וועלכע האָט באַקומען אַזאַ כאַראַקטעריסטישן נאָמען „עונג שבת".

רינגעלבלום, אַלס מיטאַרבעטער פון „דזשאָינט" איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער פאַרצווייגטער סאָציאַלער הילפס־אַרבעט. דורכדעם קומט ער אין קאָנטאַקט מיט מענטשן פון פאַרשידענע קרייזן און געביטן און הויבט־אָן צו פאַרצייכענען צוערשט זיינע אייגענע נאָטיצן, דערנאָך האָט ער אויסגעברייטערט די טעטיקייט, סיי די טעמאַטיק, סיי דעם היקף פון די פאָרשונגען. דער מאַטעריאַל איז אַ פאַרשידנאַרטיקער. זכרונות און באַריכטן, ראַפּאָרטן און טאָגביכער. אַלס היסטאָריקער ווייסט רינגעל־בלום אָפּצוגעבן באַזונדער אינטערעס צו דאָקומענטאַציע. ווערט געזאַמלט

זאָרגפעליק אַן אוצר באַקאַנטמאַכונגען, אויפרופן, פאַראָרדענונגען, קאָרעס־פאַנדענץ פון דייטשע אָרגאַנען, פון יודן־ראַטן, פרעסע, לעגאַלע און אומלעגאַלע, אפילו ליטעראַרישע אַרבעטן און וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, בריוו, פאָטאָגראַפיעס, בילדער. אַלץ, אַלץ וועט צו נוץ קומען שפּעטער כדי צו דערקענען און באַנעמען די צייט און די פּאַסירונגען.

רינגעלבלום לאָזט נישט דורך קיין קלאַנג, קיין שמועה. שפּעטער וועט מען אַלץ קאָנטראָלירן און אַרויסשעפּן דעם אמת; ווערט אַלץ געטאָן בחיפזון, ער האָט נישט מורא פאַר דער איילעניש און נישט גענױטקייט פון די פאַרצייכענער; די צייט איז אַליין נישט קיין דער־פאַרענע! די עפּאָכע איז אַ בחיפזונדיקע און יאָגט מיט הוראַגאַנישער שנעלקייט; מוז מען אויפכאַפּן דעם טעמפּאָ פון דער צייט און נישט אָפּשטיין פון די געשעענישן; רינגעלבלום ווייסט, אַז אַלע נאָטיצן און פאַרצייכענונגען קאָנען אַוועק מיטן רויך פון די קאַלך־אויוונס און פאַרשלונגען ווערן אינעם קאָשמאַר פון אומקום. זאָרגט ער באַצייטנס צו פאַרגראָבן און פאַרבאַהאַלטן די אוצרות ידיעות און פּאַקטן טיף אין די געדערים פון דער ערד. די ערד איז פאַרט אַ מאַמע, וועט זי היטן און פאַרהיטן פון אומקום די דאָזיקע אוצרות.

3

עמנואל רינגעלבלום איז נישט קיין זייטיקער פּאַסיווער צושויער פון דעם, וואָס קומט פאָר, ער איז אַן אַקטיווער פּאָליטישער טוער. איז ער אין דער ערשטער ריי פון די, וואָס האָבן דערקלערט קריג אויף לעבן און טויט דעם נאַצישן שונא. ער וועקט און רופט, מאָביליזירט און סטימולירט צום געראַנגל און צום אַנטשיידענעם קאַמף. ער ווייסט פון דער געשיכטע, וואָס מיינט ווידערשטאַנד, אפילו פון ווינציקע, פון שוואַכע. דער קאַמף שטאַרקט, שאַפט נייע כוחות, ברענגט אַרויס פאַרבאָרגענעם מוט און דרייסטקייט.

רינגעלבלום און זיינע חברים ווייסן, אַז זיי זענען אַ טייל, אַ גליד פון אַ גרויסן, אַלוועלטלעכן אָרגאַניזם, און ער באַמיט זיך אויפצווזוכן די פאַרבינדונג מיט די איבעריקע טיילן. עס גייען שטאַפעטן, ראַפּאָרטן פון געטאָ צו די חברים אין דער גאָרער וועלט, צו דעם מיליאָניקן קיבוץ אין אַמעריקע, אָבער נאָך מער — צו די חלוצישע עלעמענטן אין ארץ־

ישראל. געוויס, זיי וויסן, אַז ארץ־ישראל אַליין געפינט זיך אין קעסל־גרוב פון סכנות, אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע. עס דראָט דעם יידישן ישוב די אינוואַזיע פונעם נאַציזם און פאַשיזם, און די אַרטיקע אָקופּאַציע־מאַכט פענטעט אויך כסדר דעם פרייען ווילן פון די ברויזנדיקע רעוואָלוציאָנערע כוחות אין דעם אויפלעבנדיקן פאָטערלאַנד.

אָבער רינגעלבלום און זיינע חברים וויסן דעסגלייכן, אַז יעדער גרוס וועגן זייער געטאָ־ווידערשטאַנד וועט האָבן אַן אומגעהויערן ווערט, אַ גייסטיקן, אויך פאַר די, וואָס קעמפן פאַר דער פולער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פרייהייט פון פאָלק.

מיר דערמאָנען זיך דעם רוף פון די געטאָ־קעמפער, אויף וועלכן עס איז געווען אויך רינגעלבלומס חתימה צו אונדז דאָ אין ארץ־ישראל, נאָך פאַר דעם אויפקום פון דער מדינה, צו שאַפן פאַר זיי געווער, צו ראַטעווען די קינדער. ס'איז געווען די זאָרג נישט פאַר זיך, נאָר פאַר דעם ווייטערדיקן דור, צו ראַטעווען דעם המשך, צו ראַטעווען דעם כבוד און די ווערדע פון דעם פאָלק דורך דעם, וואָס זיינע געפאַנגענע אין היטלערס גאַז־קאַמערן וועלן נישט אויסהויכן זייער לעצטן אָטעם אָן ווידערשטאַנד און קאַמף, נאָר ווערן אַ מקור פון שטאָלץ און רום פאַר די קומענדיקע דורות.

4

אין וואַרשע האָט דער „יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט" אַרויס־געגעבן צוויי בענד רינגעלבלומס „כתבים פון געטאָ". ס'איז צו באַוואונדערן דעם פאַרנעם פון די דאָזיקע כתבים, וואָס זענען פאַרצייכנט געוואָרן אינעם ברענענדיקן געטאָ בעת דער מחבר איז אויך אַליין פאַרשלעפּט געוואָרן אין לאַגער פּאָניאַטאָוו, און נאָר אַדאַנק דער מסירת־נפש פון זיינע מיטקעמפער איז ער פון דאָרטן אויסגעלייזט געוואָרן בעת אַן אויפשטאַנד. אַרויס אויף דער פריי, איז רינגעלבלום צוריק באַ זיין היסטאָרישער אַרבעט. זיצט אין בונקער און איז ממשיך זיין אחריותדיקע קאָנסאָלי־דירנדיקע טעטיקייט. ער פאַרצייכנט יעדע קלייניקייט, און אין דער זעלבער צייט שטעלט ער אויף מצבות די שוין אומגעקומענע. ער וואַרט נישט אויף שפּעטער, ער רעכנט אויס איינעם נאָך איינעם. דאָ גילט נישט קיין פאַרטיי־מאָס, נישט קיין ענג־האַרציקייט, נאָר אַ ברייט בילד, ווי עס מאַרשירן

אַרבעטער און אינטעליגענץ, שריפטשטעלער און וויסנשאַפטלער, פרומע און פרייגעשטימטע, לערער און תלמידים, רביים און אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים און סאָציאַלע־טוער — אַ פּרעכטיקע גאַלעריע פון די וואָס האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן און געמוטיקט דאָס פאָלק. אין דער זעלבער צייט שאַנעוועט ער נישט קיינעם און נישט זיך, און רייסט אויף ווונדן בלוטנדיקע פון פאַראַט און מסירה. די געשיכטע מוז וויסן דעם אמת. דעם גאַנצן אמת, ווי ביטער ער זאָל אָפטמאָל נישט זיין.

רינגעלבלומס כתבים זענען אויסגעגראָבן געוואָרן. נישט נאָר זיינע אייגענע, נאָר די כתבים פון אַלע די, וואָס האָבן געשריבן און פאַרצייכנט מיטן בלוט פון האַרץ אין דער שווידערלעכסטער תקופה פון אונדזער געשיכטע. דאָס איז דער אמתער אויטענטישער געשיכטלעכער מאַטעריאַל פונעם אומקום.

רינגעלבלום הויבט זיך אַרויס מיט זיין הערלעכער לויטערער געשטאַלט איבער דער טראַגישער מאַיעסטעטישקייט פון אונדזער נאַציאָנאַלן באַרג־חורבן.

אַ וועג־ווייזער, אַ מוסטער פון אַ קעמפער און פאָרשער, וואָס קוקט מיטן אַדלער־בליק אַרויס פון אומקום אין דער שיינענדיקער צוקונפט פון יידישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן אויפקום.

אייביק וועט זיין געשטאַלט שוועבן פאַר די אויגן פון די קעמפער פאַר אונדזער פולער גאולה.

דניאל לייבל האָט מיר דערמאָנט די לעצטע באַגעגניש מיט עמנואל רינגעלבלום.

דאָס איז געווען אין זשענעוו בעתן ציוניסטישן קאָנגרעס אין יאָר 1939, וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט אין איילעניש צוליבן מלחמה־שגעון, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אויך אין די פאַרהאַנדלונגען פון קאָנגרעס.

מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט צו אַ געזעגענונגס־צונויפטרעף, די פּועלי־ציון דעלעגאַטן, וואָס דאָבן זיך געהאַט אומצוקערן אין פאַרשידענע לענדער „אַהיים”.

ס'האָט געעגבערט די פראַגע: צי וועט מען זיך נאָך ווען עס איז טרעפן, און ווי אַזוי?

אין מיין שלוס־וואָרט האָב איך געווונטשן די חברים, זיי זאָלן אין אַלע אומשטענדן בלייבן טריי צו אונדזער אידעאַל און האַנדלען אין גייסט פון באָראָכאָוויסטישן פועלי־ציוניזם. מיר זאָלן זיך נאָך קאָנען קוקן אין די אויגן גלייך, אויב מיר וועלן זיך מיט יאָרן שפּעטער ווידער באַגעגענען...

אַז איך בין גלייך נאָכן היטלער־סוף געקומען אין באַפרייטן פּוילן, אין יאָר 1945 האָב איך שוין רינגעלבלומען נישט געטראָפן.

אָבער פון אַלע זייטן האָט מען מיר איבערגעגעבן וועגן אונדזער העלדישן היסטאָריקער, וואָס האָט אין די פלאַמען פון ברענענדיקן געטאָ אויסגעהויכט זיין נשמה.

ער האָט מקיים געווען זיין הבטחה.

איצט האָט ער, דער טויטער געקוקט נאָכאַנאַנד אין אונדזערע אויגן, געפרעגט — געמאָנט: צי וועלן מיר ווי ער אויסהאַלטן און בלייבן טריי אונדזער אידעאַל אין די שווערע טעג, וועלכע גייען אונדז אַנטקעגן?!

יעקב פעטערזייל

פעטערזייל איז אַוועק פלוצים, ווי מיט אַ יאָר פריער זיינע נאָענטסע חברים, יוסף און יצחק. אַוועק גראָד אין מאָמענט ווען ער איז אויפגערופן געוואָרן צו אַחריותדיקער שליחות — ברענגען דעם צאָרנדיקן אויסגעשריי פון דער באַוועגונג פאַר אַן אַלוועלטלעכן יידישן פאָרום קעגן אויפלעבן די דייטשע ווערמאַכט.

האָט דער טויט זיך אונטערגעאיילט, און דאָס קוואַלנדיקע לעבן האָט צו אונדזער אַלעמענס אויפטרייסלענדיקער שטוינונג, אויפגעהערט.

בלויז 56 יאָר איז פעטערזייל אַלט געווען אינעם פרימאָרגן, ווען ער האָט דערשפירט, אַז „דער סוף קומט", און דאָס רוב יאָרן האָט זיין לעבן געקוואַלט, געפלאַקסן אומרויִק, זיך געכוואַליעט און געריסן שפּרודלדיק ערגעץ ווייטער און ווייטער.

ער איז געווען לויט דער נאַטור באַרופן צו שליחות: אַ שטראַלנדיקער מוסטער פון געטריישאַפט און איינגעבוירענער עכטקייט, איז ער געווען ווי געבוירן צו טראָגן מיט זיך אמת און ליבע אומעטום, ווו ער האָט זיך גע־וועגדעט און ווו זיין פאַרטיי־פליכט האָט אים געשיקט.

יונגערהייט איז ער אַריין אין דער פאַרטיי, און זיין גאַנץ לעבן איז געווען אַ מאַניפעסטאַציע פון יונגער עקזאַלטאַציע, פלאַמיקער קרבנות־גרייטקייט און רירנדיקער חברישער פריינדשאַפט.

יעקב פעטערזייל — אין פלוג איז עס געווען אַ פסיידאָנים. פעטערזייל איז אויפגעטראָטן יאָרן נאָך יאָרן ווי אַ יונגער ענטוזיאַסט מיט שיינענדיקע אויגן, מיט יוגנטלעכן ברען, מיט שטענדיקן נייגער אין גאַנצן מהות, ווי ער וואָלט כסדר זיך געוואָלט דערוויסן, וואָס איז טאַקע דער אמת פון דער באַוועגונג אין שייכות מיטן אמת פון לעבן, וואָס האָט זיך אַלץ מער אויפגעוויקלט פאַר זיין גאַרנדיקן דורשטיקן גייסט.

אַ פלאַמיקער רעדנער פון „גאַנצן האַרצן" מיט אַן אויסדרוק פון נישט

געקינצלטער תמימותדיקייט, האָט ער געוועקט ביי די צוהערער גלויבן, „אַז ער מיינט עס טאַקע אויף אַן אמת״; אָבער ער האָט זיך דערמיט נישט באַגנוגנט, נאָר אייפעריק זיך באַמיט צו איבערצייגן מיט פאַקטן און אַר־גומענטן, וועלכע ער האָט געזאַמלט פון ערשטן מקור.

ער האָט זיך געטראָגן איבער שטעט און שטעטלעך פון אַמאָליקן פוילן, זיך געטראָפן פנים אל פנים מיט דער יידישער גאַס, אַריינגע־דרונגען אין איר עלנט און נויט, זיך אַנגעשטעקט מיט איר בענקשאַפט און מיט איר גליק.

ער האָט געהאָלפן אַקטיוו בויען די באָראָכאָוויסטישע יוגנט־באַוועגונג, אָפּגעבנדיק אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט דער אויסערשול־בילדונג פון די, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו קריגן עלעמענטאַרע בילדונג אין שול גופא. האָט ער מיטגעאַרבעט מיט דעם פאַרשטאָרבענעם יוסף ראָזען און מיטן טראַגיש אומגעקומענעם עמנואל רינגעלבלום.

נישט געווען קיין בעסערער מיטאַרבעטער פאַר יצחק לעוון באַם פאַר־שפּרייטן דעם געדאַנק וועגן אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע, סיי אין שריפט און סיי אין פּראַקטישער טעטיקייט.

פעטערזיילס גייסט האָט נישט סובל געווען קיין מנוחה און ער איז קיין מאָל נישט געווען באַפרידיקט. נאָך און נאָך, מער און מער האָט ער פאַרלאַנגט פון זיך אַליין. ער האָט זיך געריסן קיין ארץ־ישראל, געוואָלט צולייגן אַ האַנט צו דעם אויפבוי פון לאַנד, פון דער באַוועגונג; ווער נאָך ווי ער האָט עס אויפגענומען מיט אַזאַ אַנטציקונג דעם פּראָצעס פון אויפ־בוי: אַלץ בליט און וואַקסט דאָ אַזוי שנעל, ביי דיר אויף די אויגן. סאַראַ שיינקייט, סאַראַ פּראַכט. איז יעקב פעטערזייל — יונגער ממש אַרויס פון די כלים, און מיט טרערן פון פרייד און גליק האָט ער געכאַפּט התפעלות פון יעדן אויסשפּראָץ און אויסוווקס אין דער נאַטור און אין דער געזעלשאַפט.

ליידער איז פון פעטערזיילן גערויבט געוואָרן די מעגלעכקייט אויס־צולעבן זיך אין זיין נאַטירלעכער סטיכיע פון גרינטלעכער אַרבעט, פון פאָרשן, בויען און אויפשטעלן. אין די ספּעציפישע פאַרהעלטענישן פון ארץ־ישראל און אויך אין דער הסתדרות איז ער געצוווּנגען געוואָרן אַוועק־

צופטרן זיין שאַפערישן פּאַטאָס און פּילזייטיקע קענטעניש אויף סתמיקער טעכנישער קליינלעכער טעטיקייט, הגם אויך דאָ האָט ער, דער ענטוזיאַסט, באַוויזן אַרויסצוברענגען אַזוי פיל טאַקט, ליבע, איבערגעגעבנקייט און מענטשנפריינטשאַפט, אַז ער איז געוואָרן פאַר אַלע אַרומיקע אַ מוסטער און אַ ביישפּיל, ווי אַזוי אַ געזעלשאַפטלעכער „באַאַמטער" דאַרף זיך אויפפירן לגבי „קליענטן", בנוגע חברים, און אַוודאי צו דער אַרבעט גופא.

האָט ער געוווּנען אָנערקענונג, אַכטונג און ליבע מצד אַלע.

אָבער דאָס האָט נישט געענדערט זיין לאַגע — האָט ער אין דער שטיל באַוויינט די כוחות און וויזיעס, וואָס גייען אין ביוועץ.

די פּאַרטיי האָט געוווּסט צו שאַצן פּעטערזיילן און זי האָט זיך נישט געקווענקלט אָנצוטרויען אים די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכסטע שליחותן. די וועלט־באַוועגונג פּועלי־ציון האָט אין אים געפונען אַ טרייען סעקרעטאַר, אַן ערלעכן שליח און אַ פלאַמיקן טריבון אויך אויף אינטערנאַציאָנאַלע טריבונעס. אויף קאָנגרעסן קעגן אַנטיסעמיטיזם און אימפּעריאַליזם, אויף ברייטע פּראָפּאַגאַנדע־טורס, האָט פּעטערזייל אַליין און מיט אַנדערע חברים, געטראָגן דאָס פלאַמיקע וואָרט פון פּועלי־ציון, מיט שטאָלץ און מאָראַלישער קראַפט פאָרמולירט אונדזער אמת וועגן דער יידישער פּראָגע אין אָרגאַנישער פאַרבינדונג מיט די גרונט־פּראָבלעמען, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט צו לייזן אויף זיין וועג פון קלאַסן־קאַמף און אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט.

דאָס איז געווען אַ טיפער אמת פון זיין געמיט. מיט דעם פייער פון זיין גלייביקער נשמה האָט פּעטערזייל דאָ אין ארץ־ישראל זיך אָפּגעגעבן דעם פונאַנדערבוי און רעאַליזירונג פון דעם פּרינציפּ וועגן יידיש־אַראַבישער סאָלידאַריטעט און צוזאַמענאַרבעט. אין וואָרט, אין שריפט און אין טאָגטעגלעכער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט פּעטערזייל, אין חברישער פאַרשטענדעניש מיט דעם פאַרשטאָרבענעם קאַלוואַריסקי, געבויט אַזאַ אָרגאַניזאַציע און אָנגעקוואָלן פון איר יעדן שריט פאָרויס.

פּעטערזייל האָט זוכה געווען צו דערלעבן דעם אויפקום פון דער מדינה ישראל. ער האָט אויך דערלעבט, אַז זיין אומגליקלעך געבורט־לאַנד, פּוילן, זאָל אויסגעלייזט ווערן און זיך דערהייבן צו אַ פאָלקס־דעמאָקראַטישער רעפּובליק. און אָט איז ער, דער אַמאָליקער פשוטער זעלנער אינעם פּוילן פון שליאַכטשיצעס פון גאַליקער יידן־שנאה און „מה יפית"־דערניי־

דערונגען, באַגליקט געוואָרן צו זיין דער פּרעסע־אַטאַשע פונעם אומאָפּ־הענגיקן ישראל אינעם נייעם פוילן.

עס האָבן געברענט און זיך געסמאַליעט די פליגל פון יונגער־פּעטערזייל אינעם חורבן פון פוילישן יידנטום, וואָס איז אַוועק מיט פייער פון דער היטלער־קאַטאַסטראָפע; אָבער עס זענען ביי פּעטערזיילן אויסגעוואַקסן פרישע, נייע פליגל אַ דאַנק דעם אויפבוי פון דער יידישער מדינה. ווערן זיינע ביולעטינען, ווי זיינע מינדלעכע אויפקלערונגען פאַרוואַנדלט אין הייסער פּראָפּאַגאַנדע. פאַר דער נייער פּוילישער אינטעליגענץ זענען זיינע כלומרשט כראָניק־ידיעות אָנגעזאָפּט מיטן טוי פון אויפשפּראָצנדיקן לעבן און עס אָטעמט פון זיי דער גייסט פון העלדישן קאַמף פאַר שוץ און זעלבשטענדיקייט.

און פון דעסטוועגן מוז געזאָגט ווערן: אַלע שליחותן און אַרבעטן אין נאָמען פון דער באַוועגונג זענען פּעטערזיילן געווען ליב און טייער; אומעטום און שטענדיק האָט ער אויף זיין פּאָסטן מאַניפעסטירט זיינע אייגנשאַפטן פון טריישאַפט און איבערגעגעבנהייט.

אָבער צום העכסטן שפּיץ פון זיין באַרג־שטייגונג איז פּעטערזייל צוגעקומען אין דער לעצטער שליחות זיינער, וועלכע איז געוואָרן אויך אין עצם זיין הויפּט לעבנס־ווערק — די היסטאָרישע זאַמל־ביכער פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג, וואָס דערשיינען זינט עטלעכע יאָר אין עברית און אין יידיש, ווי „ילקוטי פּועלי־ציון".

ס'האָט זיך שוין פון לאַנג געפילט אַ באַדערפעניש און נייטיקייט צונויפ־צוזאַמלען די פונקען פון פּועלי־ציוניזם, וואָס האָבן באַלד 50 יאָר געגליט אין אַלע תפוצות ישראל, געוואָרעמט הערצער, געצונדן מוחות און אויס־געבילדעט דעם עמוד־האש פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, צו לייכטן איר אויפן וועג צו איר היסטאָרישן באַפרייונגס־ווערק.

די 50 יאָר האָבן כולל געווען די שטורמעדיקסטע תקופה אין לעבן פון פעלקער און מדינות. אויפשטאַנדן און איבערקערענישן, פאַשיזם און נאַציזם, נצחון פון אָקטאָבער און אויפמאַרש פון אונטערדריקטע פעלקער קעגן קאָלאָניאַלער הערשאַפט און אימפּעריאַליסטישער געוואַלט. אומוואַנד־לונגען אין יידישן לעבן, גירושים און פּאָגראָמען, אומקום פון 6 מיליאָן און אויפקום פון אַן אייגענער מדינה; מעכטיקער אויפבּרויז פון אידעישע שטראָמען אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, פאַרמירונג פון פאַר־

טייען; אין בלוט און פייער האָט זיך פאָרמירט און צעמענטירט די פּועלי־ציוניסטישע תורה פון געדאַנק און טאַט, אין גלות און אין ארץ־ישראל, קלאַסן־קאַמף אין יידישן לעבן, פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט אויפן שטח פון אייגענעם לאַנד און אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. אַזאַ ממש פאַרבלענדנדיקע פילפאַרביקייט, אַ סימפאָניע פון קלאַנגען און ניואַנסן, אַזאַ מעכטיקע אויפגעברויזטקייט און צעזונגענקייט. וויסנשאַפטלעכע אָביעקטיווקייט און אַ שפע אידעאַליסטישע מסירת־נפש, רעאַליסטישע פּראַקטישקייט און רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס, גאונות פון יחידים און ענטוזיאַזם פון מאַסן — ווי קאָן מען לאָזן הפקר אָט די עטישע קנינים, אַזעלכע גייסטיקע ווערטן, אַזאַ נשמה־לויטערקייט און קאָלעקטיווע שאַפערישקייט?!

זענען עס דאָך היינט נישט מער קיין אַבסטראַקטע באַגריפן און אמתן פון געשלאָסענע צימערן; פון אונטערערד שפּאַרן זיי אַרויס מיט גוואַלדיקער קראַפט, באַצווינגען דאָס לעבן, ווערן פלייש און בלוט פון דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע אירע פאָרמאַציעס, נאַטירלעכע גלידער פון איר רייפן יידישן אָרגאַניזם.

דער יונגער דור, די שפּעטער געקומענע, ווייסן נישט דעם דערנער־וועג; זיי זענען נישט דורכגעגאַנגען, בלאָנדזשענדיק, דעם גייסטיקן לאַבירינט, ווו ס׳האָט זיך געפּלאָגט און געבלוטיקט דער יידישער פּראָלעטאַרישער געדאַנק אין משך פון די 50 יאָר זינט דעם פּאָלטאַוועր גרינדונגס־צוזאַמענפאָר. זיי האָבן נאָך נישט אַריינגעקוקט אין דער לאַבאָראַטאָריע, ווו ער האָט זיך געשליפן און געלייטערט ביז ער האָט זיך פאַר אַלעמען אַנטפּלעקט אין זיין פולן גלאַנץ און אָנערקענטער פּראַכט.

אָט די לאַבאָראַטאָרישע זאַמל־אַרבעט האָט פאַרכאַפּט די עקזאַלטירטע פאַנטאַזיע פון דעם פּועלי־ציוניסטישן חסיד פּעטערזייל, און ער האָט זיך איר איבערגעגעבן בלב ונפש.

זינט עטלעכע יאָר האָט זיך פּעטערזייל טעג און נעכט, חדשים גאַנצע פאַרגראָבן אין „שמות", גענישטערט אין צייטונגען און זשורנאַלן, דורכגעבלעטערט יאָרגענג, געזאַמלט אַרטיקל צו אַרטיקל, נאָטירט און סעגרעגירט מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, רעזאָלוציעס און דעקלאַראַציעס, מאַניפעסטן

און רעדעס, זיך פאַרטיפט אין געשיכטלעכע דערשיינונגען, אַריינגעדרונגען אין געפּלאָנטער פון געשעעניש, ביז ער האָט אַרויסגעבראַכט קלאָר און שאַרף די שטעלונג פון פּועלי־ציון, זייער טעאָרעטישן אַנאַליז און פּראַק־טישע רעאַגירונג.

פעטערזייל האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט פאַרעפנטלעכן דעם מאמר פון אַמאָל, ווי ער שטייט און גייט, אַ פאַרפיקסירטער אין די אַנאַלן פון דער געשיכטע, נאָר ער האָט מוסיף געווען אַן אַריינפיר, אַ באַמערקונג און אַן אויפקלערונג, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט יענע צייט און אומשטענדן, ווען און פאַרוואָס ער איז געשריבן געוואָרן, און וואָס איז געווען די פּעולה און די ווירקונג זיינע.

דאָס איז נישט געווען קיין „טרוקענע" ניכטערע אַרבעט פון אַ „ספּעץ" אַ מומחה, וואָס פאַרצייכנט „אָביעקטיוו", מתנגדיש, ווי אים וואָלט נישט אָנגעגאַנגען דער ענין. אונדזער פריִיוויליקער היסטאָריקער־לאַבאָראַנט האָט דאָ אַרויסגעבראַכט זיין הייסע ליידנשאַפט, צאַרטע ליבע און פרומע פּיעטעט, התלהבות און פלאַטער פון אַן איבערצייגטן און גלויביקן גלייכצייטיק.

די שטומע אותיות האָבן צו אים גערעדט, די אַלטע בלעטער האָבן באַקומען לשון, און מיט יעדן אַריינבליק אין זיי און פאַרטיפונג, האָט זיך דער לאַבאָראַנט איבערצייגט אַלץ מער, אַז די פּראָבלעמאַטיק איז נישט פאַרשוואונדן, נאָר די צייט האָט זי בולטער צוגעשפּיצט און אָנגעגאָסן מיט אַקטואַליטעט: ס'האָט זיך פאַר אים אין לויף פון דער אַרבעט אַנטפּלעקט דער דערציערישער זין פון די זאַמל־ביכער, זייער חשיבות און פּאָליטישער באַדייט פאַרן קאַמף, וואָס גייט נאָך אַן ווייטער. עס זענען נייטיק צום לעבן אָט די עטישע ווערטן, אָט די מאָראַלישע שטאַנדהאַפטיקייט, אָט די געטריישאַפט צום אידעאַל, און די פעיקייט צו מסירת־נפש אין דעם גע־שיכטלעכן געראַנגל פאַר דער אידעע. מ'קאָן, און דאָס מיינט „אַז מ'דאַרף פון עבר לערנען בנוגע דעם היינט און מאָרגן, ווי צו אָריענטירן זיך אין אַנטשפּרעכנדיקע סיטואַציעס און ווי צו האַנדלען אין הסכם מיט די דירעק־טיוון פון רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק.

פעטערזייל האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דער אַרבעט פון אונדזערע „ילקוטים״. דאָ איז ער נתגלה געוואָרן אין זיין באַטירלעכער שיינקייט און אמתדיקייט: אַן אויסערגעוויינלעכער כוח פון התמדה און קפּדנישע פּינקטלעכקייט, אויפריכטיקע נטיה צו גרינטלעכקייט, זאָרג פאַר יעדן פּרט, דרך־ארץ פאַרן געדאַנק, שטוינונג און באַוווּנדערונג פאַר דער העלער לויטערקייט פונעם אידעאַל, און צוגעבונדנקייט צו דער באַוועגונג, ווי צו אַן אייגענער האַרציקער מאַמע, וואָס האָט דיר לעבן געגעבן.

אַ גרויסן טייל פון דער פולווערטיקער אַרבעט זיינער האָט פעטערזייל געטאָן צוזאַמען מיט יוסף ראָזען, און ביידע זיי האָבן עס באַטראַכט און אויסגעפילט ווי אַ הייליקע שליחות, וואָס דאַרף ראַטעווען אוצרות און אויסלייזן די נשמה פון אַ דור.

נאָך דעם פלוצימדיקן טויט פון יוסף ראָזען און יצחק לעוו, האָט פעטערזייל זיך אַריינגעוואָרפן אין זיין אַרבעט מיט נאָך מער ברען. ער האָט אינגאַנצן געזאָטן. מען דאַרף זיך איילן. די אַרבעט מוז זיין מער אינטענסיוו. ס׳איז אויך צוגעקומען אַ פרישע אויפגאַבע: די בלוט־טריפנדיקע ווונד האָט געמאָנט פון דער באַוועגונג תיכף ומיד צו טאָן זייער רעכט די נפטרים. דער טויט ווייסט נישט פון קיין לעגאַליזירטער ריי. ער רייסט אַרויס פון דער באַוועגונג די לעבעדיקע שטיקער, דעם מאַרך און די מוסקולן אירע. איז נישט שייך צו וואַרטן. די באַוועגונג איז אַריינגעטאָן מיט לייב און גייסט אין שלאַכטן. זי קאָן נישט מוותר זיין אויף קעמפער; זייער אָרט טאָר נישט בלייבן ליידיק, זייער שטים מוז דערהערט ווערן פון קבר אַרויס. זייער רוף וועט מונטערן און פעסטיקן די, וואָס זענען באַשעפטיקט ביים פורעמען דיווירקלעכקייט ווייטער.

און פעטערזייל נעמט אויף זיך די נייע, מאָראַליש און פסיכיש שווערסטע אויפגאַבע. ס׳איז פסיכיש אַנן מאָראַליש איבער די כוחות פון אַ מענטש צו גריבלען זיך אין תכריכים פון אַ נאָענטן טייערן חבר, וועמענס לעבנס־אָטעם דו שפּירסט נאָך אויף זיך, בעת יעדע שורה און יעדער אויסדרוק פון זייערע ווערק פראָטעסטירן קעגן דער אכזריות פון טויט, קעגן דעם אומרעכט פון גורל כלפּי דער באַוועגונג, וואָס האָט זוכה געווען צום טריומף פון אירע אידעען אין דער ווירקלעכקייט פונעם געוועסט געהרגעטן יידישן פאָלק.

פעטערזייל האָט זיכער געטרערט און געבלוטיקט אויף די עמודים

פון ראָזענ׳ס און לעוו׳ס ווערק, ווען ער האָט אַזוי באַשיימפּערלעך גע־שפּירט, וואָס פאַר אַ גוואַלדיקן אוצר זיי האָבן געשענקט דער באַוועגונג, און וויפל קאָנסטרוקטיווע שאַפערישקייט זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען אין קבר אַריין.

ערשט איין טאָג פאַר זיין טויט האָט פּעטערזייל פאַרענדי־קט דעם הויפּטטייל פון יוספ׳ס זאַמלבוך און ס׳האָט אים ווי געטאָן, וואָס ער מוז זיך מיט דעם שיידן, ווען אויך בלויז אויף אַ קורצער צייט, צוליב זיין נייער שליחות צו דער יידישער וועלט־קאָנפערענץ.

אָבער ער האָט זיך געפרייט מיט אָט דער שליחות, ווייל דאָס וואָרט האָט געברענט זיין גומען. ער, דער געבוירענער טריבון, האָט זיך געריסן צו יענער וועלט־טריבונע, כדי אָנצושטעקן אויך אַנדערע מיטן צער און צאָרן, הלמאי די כלומרשט „ציוויליזירטע” וועלט פאַרגעסט אַזוי גיך די מעשים תעתועים פון דער נאַצי־חיה און וואָס מיר אַליין שווייגן פאַרברע־כערישביים אָנרוקנדיקן נייעם גרויל.

בלויז אַ פאַר וואָכן, אַזוי האָט ער זיך איינגערעדט, און כ׳וועל קאָנען צוגרייטן דאָס צווייטע בוך, פון יצחק לעוו.

ניין, דאָס איז אים שוין נישט באַשערט געווען.

נישט אָנגעשריבן דעם אַריינפיר צו יוספס בוך. נישט אויפגעשטעלט דאָס בוך לעוו. ס׳איז מיט אַ ברוטאַלקייט אויפגעשוווּמען אַ נייע אויפ־גאַבע: אַ בוך פּעטערזייל.

אַן אויפגעשרויפטער, אין זיין פולער דינאַמיק, האָט פּעטערזייל זיך געגרייט צום אַפּפלי. און ער איז געפאַלן — אַן איבערגעברענטער, אַן אונטערגעשניטענער.

ביי זיין קבר שטיי איך אַן איינגעבראָכענער, און אַ חברטע רעדט צו מיר אַ פאַרוויינטע: ניין, נישט קיין בלעטער פאַלן לעצטנס ביי אונדז, נאָר גאַנצע צווייגן...

אמת. צווייגן ווערן אויסגעריסן, לאָמיר היטן דעם בוים, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אַזעלכע צווייגן.

שאַכנע זאַגאַן

שווער צו זאָגן, פאַרוואָס איז מיר שאַכנע זאַגאַן געווען אַזוי נאָענט און טייער, אויב נישט מער ווי אַנדערע חברים, איז יעדנפאַלס אַנדערש. זיין חברישקייט האָט געאָטעמט מיט מענטשלעכקייט, מיט ספּעציפישער אינטימקייט, וואָס מ׳קאָן זי טרעפן נאָר צווישן דערוואַקסענע מענער. אַזאַ זיכערקייט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין סודות און קיין נישט דערזאָגטקייט אין די באַציִונגען, אַזאַ צוטרוי צו דער אויפריכטיקייט און דער קעגנזייטיקייט.

דורכדעם ווערט די חברישקייט דערהויבן צו אַ גאָר הויכער מדרגה, ווען מען טרויט איינער דעם צווייטן אַלץ אין דער אויספירונג און אפילו שעמסט זיך נישט אַרויסצוברענגען די קווענקלעניש, וואָס איז בדרך כלל פאַרבאָרגן טיף אין דער נשמה און „ליבא לפומיה לא גלי״.

שאַכנען האָב איך באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל נאָך אין אָנהויב פון מיין פּאַרטייאישער קאַריערע אויפן ערשטן אָרדנטלעכן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין קראָקע. דער ערשטער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין יאָר 1906 אין פּאָלטאַווע. דער צווייטער — סוף 1907 אין קראָקע. אַהין האָט מען געדאַרפט גנבענען די גרענעץ, וואָס איך האָב טאַקע געטאָן אין הערבי באַ טשענסטאָכאָוו, אויף אַ פּולפּאַסעק פון מרדכי מאַרכעווו. אמת, דער פּאַס האָט גערעדט וועגן עלטער פון 38 יאָר, אָבער איך בין דאַך געווען קוים 21. בין איך באמת געווען דער יינגסטער צווישן די דעלעגאַטן. ווייזט אויס דערפאַר האָבן זיך מיט מיר אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט די יוגנטלעכע חברים פון גאַליציע, אין דער שפּיץ מיט יעקב קענער און שאַכנע זאַגאַן. אויפן באַנקעט לכבוד די דעלעגאַטן, האָט חבר קענער ספּעציעל באַגריסט מיך, אַלס דעם כלומרשטן רעפּרע־זענטאַנט פון יונגן דור...

צו מיר האָט, געדענק איך, אַפּעלירט זאַגאַנס אָפענער ליכטיקער פּנים, זיין קלוגער בליק און פרייע האַלטונג אויך מיט די דערוואַקסענע

חברים, צו וועלכע ער האָט זיך נאָטירלעך באַצויגן מיט אַכטונג און דרך ארץ.

די גוטפריינדשאַפט, די אמתע איז געשאַפן געוואָרן באַ אונדז מיט יאָרן שפּעטער, נאָך דער פאַראייניקונג פון דער פּוילישער פּאַרטיי מיט די פאַרטייען פון גאַליציע, ווען זאַגאַן איז אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, וווהין איך בין געקומען אין דעצעמבער 1918.

מיר האָבן געאַרבעט אין איין מחיצה אין צענטראַל־קאָמיטעט און אין רעדאַקציע. אויך אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון די ציש״אָ־שולן, בפרט פון אונדזערע אייגענע שולן און אָוונט־קורסן. לכתחילה האָט זאַגאַן זיך אינטערעסירט מיט די ענינים פון אַדמיניסטראַציע, אָבער גאַנץ גיך איז ער אַריין אין די ענינים פון דער רעדאַקציע און מיט דער צייט געוואָרן איינער פון די הויפּט זיילן פון דער „אַרבעטער צייטונג״. ס׳איז געווען נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין יאָר 1935, ווען כ׳בין מיט דער משפּחה עולה געווען קיין ארץ־ישראל, איז שאַכנע זאַגאַן געוואָרן דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, און וויצע־פאָרזיצער פון ציש״אָ. זאַגאַן האָט אַליין געשריבן איבער פאַרשידענע טעמעס; ספּעציעל האָט ער געשריבן איבער פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. זיינע אַרטיקלען, ס׳רוב מיט דער אונטערשריפט ש. בירנבערג, וואָלטן צונויפגעשטעלט מער ווי איין באַנד גוטע פּובליציסטיק. זיין גראַדער שכל, געזונטע לאָגיק, גוטע באַהאַוונטקייט אין אַלגעמיינע פּאָליטישע פראַגן האָבן כאַראַקטעריזירט זאַגאַנס שרייבערישע אַרבעט.

ער האָט זיך פון תמיד אויסגעצייכנט אין זיינע באַציִונגען מיט מענטשן, אַ זעלטענער מיטשמועסער, מיט זיין געזונטן גוטמוטיקן הומאָר און איינגעבוירענער קלוגשאַפט האָט ער שנעל געוווּנען סיי די סימפּאַטיע און סיי דעם צוטרוי פון די מענטשן, און ס׳איז נישט געווען קיין צווייטער צו אים. איינצואָרדענען ענינים און רעגולירן קאָנפליקטן. שאַכנע האָט פאַרמאָגט אַן „אָפּענעם קאָפּ״, האָט שנעל תופס געווען דאָס פּראָבלעם און געזוכט אויפריכטיק אַן אויסוועג צו באַפרידיקן ביידע צדדים. חלילה, ער איז נישט געווען פאַר אַ פּשרה, נאָר פאַר אַן אויסגלייך ווו ביידע צדדים זאָלן נישט דאַרפן מוותר זיין אויף דעם, וואָס זיי באַטראַכטן פאַר זיך ווי אַן עיקר.

זאַגאַן האָט דורכגעמאַכט דאָס עסטרייכישע מיליטער און איז געווען אין רוסישער געפאַנגענשאַפט: איןביידע קעגנזעצלעכע סיטואַציעס האָט ער געלערנט צו דערקענען מענטשן, צו אָריענטירן זיך אין אומשטענדן און באַדינגונגען, וואָס עס האָט פאַרשטאַרקט זיין איינגעבוירענעם אָפּטימיזם. די דערפאַרונג, ספּעציעל אין רוסלאַנד, איז אים שטאַרק צו נוץ געקומען, ווען ער האָט געטראָגן אויף זיך דעם עול פון דער פאַרטיי אין פוילן אין די פאַרמלחמה יאָרן, בפרט בעת דער מלחמה, ווען ער האָט פּרינציפּיעל נישט געוואָלט איבערלאָזן די חברים, אינסטיטוציעס און די מאַסע מענטשן, און איז געבליבן אויף זיין פּאָזיציע אין וואַרשע אויך אין די ערגסטע היטלער־צייטן.

איך האָב זעלטן געטראָפן אַזאַ אַרבעטסזאַמען מענטשן, ווי שאַכנע זאַגאַן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געיאָגט, נישט געווען מבולבל, נאָר תמיד געבליבן געלאַסן, מיושבדיק, ווען אפילו אינעווייניק אין אים האָט געברויזט. זיינע טריט און מעשים זענען געווען באַרעכנטע, צילבאַוווסטע — איז ער קיינמאָל נישט געוואָרן איבערראַשט נישט פון נצחונות און אויך נישט פון דורכפאַלן. ווי ער וואָלט פאָרויסגעזען לכתחילה, מיט וואָס עס וועט זיך אויסלאָזן. ער איז באמת געווען אַ גוטער בעל־חשבון; ער האָט נישט געשפּאַנט בלינד און זיך נישט פאַרלאָזט אויף „טאָמער", אפשר. ער איז געגאַנגען אויף אַן אייזערנער בריק און האָט גענומען אין אַכט אַלערליי רעזולטאַטן, אויך די סאַמע היפּוכדיקע.

זאַגאַן האָט נישט פאַרמאָגט קיין סיסטעמאַטישע בילדונג, אַ חוץ וואָס ער האָט באַוויזן נאָך אין די יוגנט־יאָרן געניסן אַלס צוהערער פון קראָקאָווער „פאָלקס־אוניווערסיטעט". ער האָט אָבער זייער אַ סך געלערנט אין זיינע וואַנדערונגען איבער עסטרייך, אונגאַרן, סלאָוואַקיי און רוסלאַנד.

באַפרייט דורך דער רוסישער רעוואָלוציע פון זיין קריגס־געפאַנגענ־שאַפט, האָט ער אַ לענגערע צייט מיטגעאַרבעט מיט דער פאַרטיי אין אָדעס, וווּ ס'איז אין יענער תקופה דערשינען די פּועלי־ציוניסטישע טאָג־צייטונג „אונדזער לעבן" אונטער דער רעדאַקציע פון אַלעקסאַנדער כאַשין. מיט אַ רייכער דערפאַרונג אויפן געזעלשאַפטלעך פּאָליטישן געביט האָט זאַגאַן געווירקט סיי אין די אָרגאַניזאַציעס פון דער „יוגנט" אין מערב־גאַליציע און סיי אין דער פאַרטיי. ער האָט זיך גוט אָריענטירט אין

פראַגן פון פּראָפעסיאָנאַלן קאַמף און קאָאָפּעראַטיווער טעטיקייט, וואָס ס'האָט אים שפּעטער אין פּוילן אַרויסגערוקט אויף גאָר וויכטיקע פאַר־אַנטוואָרטלעכע פּאָזיציעס אין די דאָזיקע סעקטאָרן פון אַרבעטער־געראַנגל.

אין דער היסטאָרישער קאָנפערענץ פון וועלט־פאַרבאַנד אין ווין אין יאָר 1920, ווו ס'איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג, איז זאַגאַן געווען אַ מיטגליד פון דער דעלעגאַציע פון דער פּוילישער פּאַרטיי און איז געבליבן אין אירע רייען אויך נאָך דער שפּאַלטונג. אַ לענגערע צייט האָט שאַכנע זאַגאַן געאַרבעט אין ווין אין פאַרבאַנדס־ביוראָ, אַלס סעקרעטאַר מיט די חברים ניר, סערפּאָוו און אַלכסנדר כאַשין. די סעקרעטאַרישע אַרבעט האָט זאַגאַן גענומען גאַנץ ערנסט; אַדאַנק אים האָבן מיר אויספירלעכע פּראָטאָקאָלן פון באַראַטונגען און זיצונגען. דאָס נעמלעכע זענען אויפגעהיט צענדליקער בריוו פון פאַרבאַנדס־סעקרעטאַריאַט געשריבן מיט דער האַנט פון ש. זאַגאַן. האָבן מיר דאָרט טרעפלעכע אויספירלעכע אויפקלערונגען און פאָרמולירונגען פון די פּראָבלעמען, פּאָליטישע און אָרגאַניזאַטאָרישע, וואָס האָבן דעמאָלט באַשעפטיקט די באַוועגונג. זאַגאַן איז נישט געווען קיין טעכנישער מיטאַרבעטער אין סעקרעטאַריאַט. ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די באַראַטונגען און באַ אָננעמען ענדגילטיקע רעזאָלוציעס. די חברים האָבן זיך מיט אים גערעכנט ווי מיט אַ פולבאַרעכטיקטן מיטגליד.

ס'איז זייער לייכט צו דערקענען זאַגאַנס סטיל אין די פאַרעפנט־לעכונגען פון פּ. ב. פון יענער צייט. זאַגאַן האָט געוווּסט צו וואָס ער טויג זיך אויס, געקענט זיינע אייגענע כוחות און פאַרשטאַנען זיי צו שאַצן. האָבן אויך אַנדערע אים אָפּגעשאַצט ווי געהעריק און אָנערקענט זיין פּרעסטיזש, נישט לויט דעם פאָרמעלן קאָדעקס.

זאַגאַן האָט תמיד אַרויסגערופן צו זיך דרך ארץ און כבוד.

פּאַנאַנדערגעוויקלט זיינע כוחות האָט ער אין פּוילן די אַלע יאָרן ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה און באַזונדערס שפּעטער — אין די גרויליקע טעג, ווען פּוילן איז פאַרלאָזן געוואָרן פון אַלע אָנערקענטע אָנגענומענע מנהיגים פון אַלע פּאַרטייען און זאַגאַן האָט זיך נאָך מער אַרויסגערוקט ווי דער אחריותדיקער טוער און מורה־דרך נישט נאָר

פאַר זיין פאַרטיי און פאַר די אַרבעטער אַלס אַן אָפּגעגרענעצטן עלעמענט.

די פאַרטיי „פועלי־ציון לינקע" האָט אין פוילן פאַרנומען אַ גאַר בכבודיקן פּלאַץ אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און אין געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן לעבן בכלל.

נישט געווען כמעט קיין שטאָט און שטעטל אין פוילן, וווּ עס זאָל פעלן די אָרגאַניזאַציע פון לינקע־פועלי־ציון. די אָרגאַניזאַציעס האָבן אַרויסגעוויזן אַ זעלטענע דינאַמישקייט און זענען געווען טעטיק אויף אַלע געביטן. פּראָפעסיאָנעלע־פאַראיינען זענען געווען דער יסוד פון דער פאַרטיי. צו דעם זענען צוגעקומען די פאַרצווייגטע נעץ פון אָוונט־שולן פאַר דער־וואַקסענע, טאָג־שולן און קינדער־גערטנער, וואָס האָבן געבילדעט אַ פעסטן זייל אין דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (ציש"אַ). אין צענטער איז דער אויסדרוק געווען אין דעם, וואָס לינקע פועלי־ציון האָבן דאָרט געהאַט דעם אַמט פון וויצע־פאָרזיצער ווי אויך איין מיטגליד אינעם צוויי־קעפּיקן סעקרעטאַריאַט. זאַגאַן איז געווען אַ בכבור־דיקער מיטגליד סיי אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון ציש"אַ, און סיי אַלס פאָרזיצער פון די באָראָכאָוו־שולן אין וואַרשע. ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט קומען אויף זיצונגען; ער איז געווען אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין דער לויפנדיקער אַרבעט. ער האָט געשלעפּט אויף זיך דעם שווערן עול פון זאָרגן פאַר דער יידישער שול אין פוילן. דאָס האָט געמיינט זאָרגן פאַר איר רעכטלעכער פּאָזיציע לגבי דער מאַכט און נישט ווינציקער פאַר איר מאַטעריעלן אויסהאַלט, ווי פאַר דער פּעדאַגאָגישער אויס־געהאַלטנקייט און אָפּגעהיטנקייט.

געהערנדיק צו דער זעלבער שול־אָרגאַניזאַציע און האָבנדיק פאַר זיך די אַלגעמיינע ליניע פון דער שול־אַרבעט, ווי זי איז אָנגעצייכנט געוואָרן דורך די שול־צוזאַמענפאָרן, האָבן אָבער די באָראָכאָוו־שולן פאַר־מאָגט זייער אייגענעם כאַראַקטעריסטישן פּרצוף, דער עיקר באַם לערנען די יידישע געשיכטע און באַם לימוד פון העברעיש. די פאַרטיי פועלי־ציון איז געשטאַנען אין דער ערשטער שורה פון די קעמפער פאַר יידישער קולטור און פאַר דער אַנטוויקלונג און פלעגונג פון דער יידישער שפּראַך, אַלס די שפּראַך פון יידישן קולטור לעבן אין גלות. זי האָט אָבער גלייכצייטיק אָנערקענט און אָפּגעשאַצט די חשיבות און באַדייטונג פון דער

קולטור, וואָס איז דורכן פאָלק געשאַפן געוואָרן אין משך פון דורות אין העברעיש. בפרט האָט זי געהאַלטן פאַר וויכטיק דעם העברעיש־לימוד צוליב דעם, וואָס באַ היינטיקן טאָג איז העברעיש געוואָרן די שאַפונגס־שפּראַך פון דעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. ובכן, דער קשר סיי מיטן עבר און סיי מיטן שאַפנדיקן היינט האָט זיך אויסגעפורעמט אין דעם לימוד פון העברעיש און אין דער אויפפאַסונג פון דער יידישער געשיכטע, אין אַלע אירע רינגען, פון דעם אַלטן שורשדיקן באַגין און ביז צו היינטיקן אויפבלי, נישט אין דעם אָדער יענעם איינצעלנעם לאַנד, נאָר בפירוש אין דער גאָרער וועלט. פון דאַנען — די אַלוועלטלעכקייט פון איין יידישער נאַציע. פון דאַנען די קאָנקרעטע אויפגאַבעס און גורלדיקע געמיינזאַמע פליכטן.

שאַכנע זאַגאַן האָט געהערט צו דער גלענצנדיקער אינטעלעקטועלער גרופּע פון פאַרטיי־טוער, וואָס האָבן אויסגעטראָגן און פאָרמולירט די אַלע פּועלי־ציוניסטישע הנחות פּאָליטיש און קולטורעל. אָבער ער האָט געהערט צו דער מער ענגערער גרופּע, וואָס האָט געהאַט די אחריות צו וואַכן איבער דער רעאַליזירונג פון אָט־די הנחות אין טאָג־טעגלעכן לעבן סיי אין קאַמפּס־פאַראיין און סיי אין דערציִונגס־אינסטיטוציעס.

זאַגאַן האָט פאַרמאָגט איינגעבוירענעם טאַקט און ער האָט זיין אויפגאַבע דערפילט מיט מאָס, אַז קיינער האָט נישט געפילט קיין אַנגעוואָרפענע אוימפאַרשטענדלעכע אומנויטיקע לאַסטן לויטןווירקלעכן דיקטאַט פון אַ פאַרטיי, נאָר זיי אויפגענומען ווי אַן אינערלעכע באַדערפעניש.

זאַגאַן האָט אין וואַרשע געהאַט צו זאָרגן פאַר דער אַדמיניסטראַציע פון דער צייטונג און פון דער אייגענער דרוקעריי.ביידע אויפגאַבעס זענען נישט געווען פון די גאָר לייכטע, די „אַרבעטער־צייטונג" האָט כסדר און מוטיק געקעמפט קעגן דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פון דער רעגירונג און ספּעציעל קעגן אירע האַנדלונגען לגבי די רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג. האָט די צענזור נישט געשוינט די צייטונג און זי פאַרפאָלגט דורך סיסטעמאַטישע קאָנפיסקאַציעס און געריכטלעכע שטראָפן. ס'איז אָן ספק שווער צו געפינען אַ צווייטע צייטונג אין פוילן, וואָס זאָל האָבן געווען געצוווּנגען צו בייטן אַזוי אָפט איר נאָמען, אָבער בלייבן פעסט באַ איר פּאָליטישער ליניע. מ'האָט נישט נאָר געדאַרפט

בייטן די נעמען ,נאָר אויך די „פּאַראַנטוואָרטלעכע״, אַזוי גערופענע זיץ־רעדאַקטאָרן. זאַגאַן איז געווען אַ מאַדים אויף צו אַנטדעקן געלט־קוואַלן און פּאַקן הלוואות. אים אָפּזאָגן איז נישט געווען אַזוי פּשוט. האָט ער דאָך גערעדט אַזוי מענטשלעך, חבריש, נישט טרוקן ביזנעסמעסיק, און זיין אַפּעל האָט געהאַט די געהעריקע פּעולה. די צייטונג אונטער יתרוס נעמען איז דערשינען רעגלמעסיק, און דער עולם לייענער האָט זיך שוין דערקענט אויף די המצאותדיקע מיטלען און געוווסט זי צו פאַרלאַנגען באַ די צייטונגס־פאַרקויפער.

זאַגאַן איז געוואָרן אַן אייגענער היימישער מענטש אין דער שרייבער משפּחה. ער האָט פאַרשטאַנען צוצוציען מיטאַרבעטער פאַר דער אָפּטיילונג פאַר דער אַזוי גערופענער „שיינער ליטעראַטור״, און איך האָב ממש באַוווּנדערט זיין פּאָפּולאַריטעט צווישן די ליטעראַטן ווען איך בין פון ארץ־ישראל געקומען אין די יאָרן 38 און 39 קיין פּוילן אויף באַזוכן אין שליחות פון דער באַוועגונג אין שייכות מיט אונדזער באַציִונג צו באַטייליקן זיך אינעם ציוניסטישן קאָנגרעס. זאַגאַן האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט אונדזער געענדערטער שטעלונג לגבי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ער האָט גלענצנדיק אָרגאַניזירט מיינע שנעלע טורן איבערן גאַנצן לאַנד. ער האָט צו יענער צייט אויך געפּלאַנט צו אָרגאַניזירן אַ קאָלעקטיוון באַזוך פון יידישע ליטעראַטן אין ארץ־ישראל. זיין איניציאַטיוו איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַ סך סימפּאַטיע און אַ גרעסערע גרופּע שרייבער האָבן זיך געהאַט פאַרשריבן צום טור. ליידער האָט די געענדערטע פּאָליטישע סיטואַציע צו נישט געמאַכט דעם פּלאַן.

זאַגאַן האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע יובל־אויסגאַבע פון „אַרבעטער־צייטונג״ מיטן אָנטייל פון אַלע אונדזערע פּאַרטיי־פּובליציסטן און אַ גרעסערע צאָל פון די אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער פון פּוילן. די אויסגאַבע איז געווען אַ פּרעכטיקע מאַניפעסטאַציע פאַר דער באַוועגונג, און נישט ווינציקער — פאַר זאַגאַנס אונטערנעמערישקייט און אָנזען באַ דער שרייבער משפּחה.

לאָמיר דאָ פאַרצייכענען, אַז זאַגאַן איז גלייכצייטיק געווען איינער פון אונדזערע רעפערענטן, וואָס האָבן נאָכאַנאַנד באַזוכט די פּראָווינץ און אַרויסגעטרעטן אויף פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען נישט נאָר באַ וואַל־קאַמפּאַניעס. איבעריק צו זאָגן, אַז זאַגאַן איז זייער אָפט געשיקט

געוואָרן פון דער פּאַרטיי צו אויסגלייכן קאָנפליקטן אין אָרגאַניזאַציעס און רעגולירן קאַליע־געוואָרענע באַציִונגען צווישן צענטער און לאָקאַלע טוער, אָדער אָרגאַניזאַציעס.

האָט ער זיך, ווי נאָך אַנדערע פון אונדז, געוואַלגערט טעג און נעכט אין די באַנען און קאַלעיקעס אויך אין די שווערע ווינטער־צייטן, נישט אויסגערוט ווי געהעריק צוריקגעקומען צו דער אַרבעט, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט.

זיין משפחה, גוסטאַ און די צוויי קינדער, האָבן נישט שטענדיק געהאַט די געלעגנהייט צו געניסן פון שאַכנעס וואַרעמקייט און האַרציקייט. אָבער ער האָט נישט דורכגעלאָזן קיין מאָמענט אַריינצוברענגען אין הויז זיין זעלטענע צוגעבונדנקייט און מסירת־נפש. זיי האָבן אים פאַרשטאַנען, אַרויסגעפילט די אויפריכטיקע באַציִונג זיינע צו די געזעלשאַפטלעכע פליכטן, געליטן שטיל די אומבאַשרייבלעכע יסורים פון אַ משפחה פון אַן אויפריכטיקן פּראָלעטאַרישן טוער.

שאַכנע זאַגאַן האָט עטלעכע מאָל באַזוכט ארץ־ישראל אין פּאַרטיי־אישער שליחות. ער האָט געזען דאָס לאַנד און די אויפגעטוענע אַרבעט, וואָס עס האָט נאָך מער פאַרפעסטיקט זיין פּועלי־ציוניסטישע אידעאישע פּאָזיציע.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די גראַנדיעזע פאַרזאַמלונג אין גן־רינה אין תל־אביב, ווו שאַכנע, צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר דעלעגאַטן, האָבן גערעדט צו טויזנטער יידישע אַרבעטער וועגן די אַרבעטן פון דער 10־טער וועלט־קאָנפערענץ, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין תל־אביב. ס׳איז געווען איינע פון די געראָטענע מאַניפעסטאַציעס פאַרן רעוואָלוציאָנערן באַראָכאָוויזם דווקא אויפן יסוד פון דער אויפגייענדיקער נייער ווירקלעכקייט אין ארץ־ישראל. נאָך יאָרן פון כוליגאַנישע איבער־פאַלן אויף פאַרזאַמלונגען, וואָס זענען געפירט געוואָרן אין יידיש, נאָך דעם, ווי מ׳האָט געהאַט דעם טרויעריקן מוט צו אַטאַקירן די פאַרשפרייטער פון דער יידישער צייטונג „נייוועלט" אויף די גאַסן פון תל־אביב, און אפילו וואַרפן אַ באָמבע אויף דער דרוקעריי „נייוועלט" אין רמת־גן, האָט די דערמאָנטע מאַסנהאַפטע פאַרזאַמלונג אין גן־רינה באַוויזן, אַז די גרויסע מאַסן אַרבעטער וויסן צו באַציען זיך מיט דרך ארץ צום יידישן וואָרט אין מויל פון די, וואָס קעמפן פאַר אונדזער

כבוד און פאַר די רעכט פון אונדזער שפּראַך אין אַלע לענדער קעגן אַנטיסעמיטן און פאַשיסטן.

זאַגאַן איז געווען פון די הויפּט־רעדנער און דעם איינדרוק פון יענער מאַניפעסטאַציע האָט ער מיטגענומען מיט זיך קיין פוילן, ווו ער האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין טרייע טעטיקייט אין די אַנפיר־רייען פון פועלי־ציון.

ס'איז געקומען די היטלער־תקופה; דער היטלער־אַריינמאַרש אין פוילן האָט צעטומלט די פּאַרטייען און אַוודאי די מאַסן. ס'איז אַנטשטאַנען אַ בהלה און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש אונטער די קוילן און באָמבעס פון די היטלערישע האָרדעס. שאַכנע זאַגאַן האָט לכתחילה נישט געגלויבט, אַז די מלחמה וועט לאַנג אָנהאַלטן. זיין אָפּטימיזם האָט אים נישט געלאָזט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז מיר גייען צו אַ טאָטאַלן חורבן פון מענטשלעכע לעבנס, בפרט צום אומקום פון פאַרוואָרצלטן יידישן מאַסן־לעבן אין פוילן. שפּעטער האָט זיך בא זאַגאַנען געשטאַרקט דער עלעמענט פון אחריות פאַרן גורל פון דעם מאַסן ישוב. מען טאָר נישט אַנטלויפן, ראַטעווען יחידים, ווען דער כלל האָט נישט די מעגלעכקייט געראַטעוועט צו ווערן. ער האָט באַשלאָסן צו בלייבן. בא זאַגאַנען האָט דאָס נישט געמיינט צו בלייבן ערגעץ ווו אויסבאַהאַלטן און וואַרטן פּאַסיוו אויפן גורל. פאַרקערט, זאַגאַן איז געבליבן כדי צו קעמפן קעגן פּאַסיווקייט, כדי צו דערוועקן בא די מאַסן דאָס געפיל און דעם חשק צו ראַנגלען זיך מיטן גורל.

ס'איז אונדז געבליבן אַ גלעצנדיקע עדות פונעם היסטאָריקער פון דער היטלער־תקופה, אונדזער חבר ד״ר עמנואל רינגעלבלום, וועלכער האָט אויף דער הייסער מינוט געשילדערט דעם טיפּ פון שאַכנע זאַגאַן און אויסגעמאָלט זיין כאַראַקטעריסטיק, זיין קאָנסטרוקטיווע טעטיקייט אין געטאָ, זיין אומדערמידלעכע ענערגיע אויפן געביט פון זעלבסטהילף, אויפשטעלן געזעלשאַפטלעכע קיכן און דערציִונגס־אַנשטאַלטן. ער כאַראַק־טעריזירט אים, ווי „איינע פון די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער וואַרשע אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה״.

רינגעלבלום שרייבט: „זאַגאַן האָט גערופן די באַוווּסטזיניקע יידישע אַרבעטערשאַפט צו אַ דירעקטן קאַמף מיטן אָקופּאַנט. זאַגאַן איז געווען דער איניציאַטאָר פון דעם געדאַנק צו גיין אין וואַלד אין די פּאַרטיזאַנער

גרופן". „זאַגאַן", זאָגט רינגעלבלום, „אין אין דער צייט פון מלחמה, אויסגעוואָקסן צו אַן אויטאָריטעט, מיט וועלכן אויך קעגנער האָבן זיך גערעכנט".

זאַגאַן איז געווען אי דער בויער, אי דער אינטערווענירער, אי דער אָנקלאָגער פון די זאַטע כלל־טוער, אי דער פּאַרטיידיקער פון אָנגעשטעלטע און אַרבעטער. אומעטום האָט אים געדינט זיין ערלעכער אויפטריט, זיין צייכנטע דורך דער פּאַרטיי וועלן שוין זיין מחוץ די היטלער־גרענעצן.

ער האָט נישט געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט אַרויסצופאָרן קיין ארץ־ישראל, סיידן ער וועט זיין דער לעצטער, נאָכדעם ווי אַלע אָנגע־צייכנטע דורך דער פּאַרטיי וועלן שוין זיין מחוץ די היטלער גרענעצן.

ער האָט זיך נישט געהיטן און שטענדיק געגאַנגען דירעקט אין פייער, נישט אויסמיידנדיק די סכנה. אדרבא, ער האָט נאָך איינגעשטעלט זיך און אינטערווענירט שאַרף און אַנטשיידן קעגן די יידישע „אָרדענונגס־מענער" וועלכע האָבן ברוטאַל געכאַפּט קינדער פון דער גאַס און זיי געלאָדן אויף די וועגענער צום אומשלאַג־פּלאַץ, געשלעפּט פרויען פאַר די האָר, בעת זיי האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען פון די נעגל פון טויט.

און זאַגאַן האָט פאַרשטייט זיך נישט אויסגעמיטן דעם גורל. אין מאָמענט, ווען ער האָט דערזען זיין משפחה אין גאַס אין די רייען פון די געשלעפּטע צום אומשלאַג־פּלאַץ, האָט זיך שאַכנע זאַגאַן אַליין אַוועק־געשטעלט אין דער ריי. ער איז אַוועק צוזאַמען מיט זיין פרוי און צוויי קינדער קיין טרעבלינקע...

אַ לעבן געלעבט מיטן פאָלק, געקעמפט פאַר זיינע רעכט, געבליבן טריי זיין אידעע און געדינט ווי אַ מוסטער פון אַקטיוויטעט און ווידערשטאַנד דעם ברוטאַלן גורל.

אין טרעבלינקע איז צוזאַמען מיט צענדליקער טויזנטער יידן פאַרברענט געוואָרן שאַכנע זאַגאַן, דער העלדישער פּועלי־ציון קעמפער אין וואַרשעווער געטאָ.

כ'דערמאָן זיך, מיר האָבן געהאַלטן באַ אָרגאַניזירן אַן ערנסטע קולטור־פּאָליטישע אַקציע אין שייכות מיט דער פּאָליטיק פון דער ראַטנ־מאַכט לגבי דער יידן־פראַגע. מיר זענען געווען פאַראינטערעסירט

צוצוציען צו דער אַקציע אַזוי־גערופענע אינטערנאַציאָנאַלע פּערזענ־לעכקייטן. האָבן מיר געשיקט אַ דעלעגאַציע צו אַלבערט איינשטיין, וואָס לויט זיינע אָנשויאונגען האָט ער געזאָלט געווונען ווערן פאַר אונדזער ענין.

אין דער דעלעגאַציע זענען געווען די חברים יצחק לעוו און שאַכנע זאַגאַן. די דעלעגאַציע איז צוריקגעקומען פון בערלין אַ צופרידענע, צוליב דער וואַרעמער אויפנאַמע מצד איינשטיינען. דערמאָנט זיך מיר דער עיקר, ווי זאַגאַן האָט מיט התפעלות געהאַלטן אין דערציילן וועגן דעם אומפאַר־געסלעכן רושם, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן פון די פאַר שעה פאַרבראַכטע אין דער ווילע פון איינשטיינען הינטער בערלין. איינשטיין אַליין איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג נאָך דעם לענגערן שמועס מיט די חברים וועגן דער יידן־פראַגע אין ראַטנפאַרבאַנד און אַנדערע קולטור־פּראָבלעמען. אין אַ באַשטימטן מאָמענט האָט אַלבערט איינשטיין פאַרגעלייגט דער דעלעגאַציע אַן אייגנאַרטיקן כיבוד — זיינעם אַ פידל־שפּיל. די זון האָט זיך געהאַלטן אין זעצן, די אַרומיקע בוימער זענען באַגילדט געוואָרן פון די זון־שטראַלן בעת דער שקיעה. אָן אַ רעקל, דורכגעדרונגען מיט היימישקייט, האָט איינשטיין געשפּילט און די קלאַנגען פון זיין פידל האָבן אָנגעפילט די לופט און די געמיטער... דאָס האָט דער גרויסער יידישער וויסנשאַפטלער געשפּילט פאַר די חברים פון דער דעלעגאַציע, פאַר די צוויי פאָרשטייער פון פּועלי־ציון.

יאָרן זענען אַדורך ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן טראַגישן אומקום פון שאַכנע זאַגאַן, און עד היום פאַרפאָלגט מיך אַ משונהדיקער געדאַנק, וואָס ברענט דעם מוח: צי האָט שאַכנע זאַגאַן אין טרעבלינקע, בעת זיין גוף איז פאַרשרפהט געוואָרן אין די פלאַמען פון קאַלך־אויוון, פאַרנומען מיט זיין גייסטיקן ווען די קלאַנגען פונעם אומפאַרגעסלעכן קאָנצערט, וואָס ס'האָט לכבוד אים אויפגעשפּילט אין דער שטילער ווילע הינטער בערלין דער גאון פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט אין דער וועלט פאַר דער היטלער־מגיפה.

י. זרובבל

נתן בוקסבוים

איינער פון די שענסטע קאַפּיטלען אין דער טעטיקייט פון דער מאַסן־פּאַרטיי פּועלי־ציון אין פּוילן איז אָן ספק פאַרבונדן מיט דעם נאָמען פון נתן בוקסבוים. כ׳וויל דערמיט נישט זאָגן, אַז ער איז געווען דער איינציקער פירנדיקער טוער אין יענער תקופה. ס׳איז גרייִלעך געווען אַ גאַנצע גרופּע טוער, וואָס האָבן יעדער איינער באַזונדער און אַלע צוזאַמען ווי אַ קאָלעקטיוו פאַנאַנדערגעוויקלט אַן אויסערסט אינטענסיווע טעטיקייט אויף אַלע שטחים פון געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן לעבן. דער אמת איז אָבער, אַז צווישן זיי אַלע האָט בוקסבוים פאַרנומען אַ באַזונדער אָרט און אויסגעפּילט אַ ספּעציעלע ראָל. אַ גלענצנדער רעדנער, אַ שאַרפער פּאָליטישער מוח, אַ מאַן מיט ידיעות, מיט מוט, וואָס איז מסוגל אויך צו גיין אויף נישט אויסגעטראָטענע וועגן און ריזיקירן, אָבער זיך איינשפּאַנען אין עול כדי דורכצוזעצן דאָס, וואָס ער האַלט פאַר ריכטיק.

לאַנגע יאָרן אין סעקרעטאַריאַט פון ציש״א צוזאַמען מיט יעקב פּאַטן און שלמה מענדלסאָן, האָט בוקסבוים דורכגעפירט צענדליקער אינטער־ווענצן באַ דער מאַכט אין די אינטערעסן פון שולן, וואָס זענען גערודפט געוואָרן דורך דער פּאָליציי, אָדער שול־אינספּעקטאָרן און געראַטעוועט זיי פון געשלאָסן ווערן. אין דעם פּרט איז בוקסבוים געווען אומדערמידלעך און כסדר געוואָגלט איבער דער לענג און ברייט פון דער מדינה.

בוקסבוים איז געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פּועלי־ציון, און די דאָזיקע אַרבעט זיינע האָט ער אויסגעפירט נישט נאָר באַם טיש אין צימער, נאָר באַזוכט שטעט און שטעטלעך, געהאַלטן רעפעראַטן, זיך באַטייליקט אין מיטינגען און סימפּאָזיומס. ער האָט געדונערט קעגן בונד און יעווסעקציע, אַנאַליזירנדיק גרינטלעך זייערע פּראָגראַמען און שילדערנדיק אומברחמנותדיק די שעדלעכקייט פון זייער פּראַקטישער טעטיקייט צווישן די יידישע אַרבעטער.

בוקסבוים איז געווען פון די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון אונדזער

פּאַרטייאישער פּרעסע. אויף די שפּאַלטן פון דער „אַרבעטער צייטונג" האָט זעלטן געפעלט אַן אַרטיקל צי אַ נאָטיץ פון בוקסבוימס פעדער, אונטערגעשריבן מיט איינעם פון זיינע פּסעוודאָנימען, ווי נ. לעמבערגער, בן מרדכי, נ. ב. די אַרטיקלען האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט שאַרפקייט, קלאָרע פּאָליטישע דעפיניציעס און גענויע באַקאַנטשאַפט מיט דעם באַהאַנדלטן ענין.

בוקסבוים איז אַריינגעפירט געוואָרן דורך דער פּאַרטיי אין וואַר־שעווער שטאָט־ראַט, און צוזאַמען מיט יצחק לעוון און אַנדערע ,איז די פּועלי־ציון־פראַקציע געווען פון די אַקטיווסטע, וואָס האָט נישט נאָר געוווסט צו ענטפערן אויף די אַלע אָפטע אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן מצד ענדעקישע ראַטמענער, נאָר אַליין אָנגרייפן די פאַלשע אַנטי־יידישע פּאָליטיק פון שטאָט־ראַט. בוקסבוימס אויפטריטן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט צילבאַוווסטקייט און דירעקטקייט, און ער האָט שנעל פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט, וואָס האָט אַרויסגערופן אויף באַ די עקסטרעמע קעגנער דרך ארץ.

בוקסבוים האָט זיך אָפּגעגעבן אַ סך מיט טעאָרעטישער אַרבעט.

איך געדענק, נאָך דער ווינער קאָנפערענץ אין יאָר 1920, ווו ס'איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין דער פּועלי־ציון וועלט־באַוועגונג, בין איך דעלעגירט געוואָרן קיין מזרח־גאַליציע צו דעם צוזאַמענפאָר פון דער דאָרטיקער פּאַרטיי, וועלכע האָט ערשט געזאָלט באַשליסן צו וועלכן פון די צוויי געשאַפענע וועלט־פאַרבאַנדן זאָל זי צושטיין. אַחוץ די צוויי געסט רעפערענטן, בערל לאָקער פון די רעכטע און איך — פון לינקן פאַרבאַנד, זענען אויפגעטרעטן אין נאָמען פון דער פּאַרטיי, צוויי רעפערענטן: אַנשל רייס פון דעם רעכטן פליגל און נתן בוקסבוים — פון לינקן. בוקסבוים האָט געהאַלטן אַ גלענצנדן רעפעראַט סיי אין תוכן און סיי אין פאָרם. ער האָט מיטגעריסן די אוידיטאָריע מיט דער קראַפט פון זיינע אַרגומענטן, מיט דער לאָגיק פון זיין איבערצייגונג. איך האָב אים אייגנטלעך דעמאָלט געהערט צום ערשטן מאָל און גלייך פון ערשטן מאָמענט האָט ער צוגעצויגן מיין אינטערעס און געוווּנען מיין פּאָזיטיווע באַציִונג צו זיינע אַרויסטרעטן. ווען ער איז נאָך דער פאַראייניקונג מיט דער פּוילישער פּאַרטיי אַריבער און זיך באַזעצט אין

וואַרשע, האָט ער נאַטירלעכערהייט פאַרנומען דעם געהעריקן אָרט אין דער פּאַרטיישער היעראַרכיע.

ער איז געשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט יעקב פּאַט אַלס דעלעגאַט קיין צפון־אַמעריקע אין די אינטערעסן פון ציש״א. פּאַט איז נישט נאָר געווען אַ גוטער רעדנער, ספּעציעל האָט ער געוווסט צו „נעמען״ די מאַסן. דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז אין אַמעריקע האָט געהערשט דער „פאָרווערטס״ אין די ברייטע קרייזן פון דער אַרבעטערשאַפט. אין שפּיץ פון „אַרבעטער רינג״ און פון די מערסטע יוניאָנס זענען געשטאַנען פירער, וואָס זענען אַזוי, אָדער אַנדערש, געווען פאַרבונדן מיטן „בונד״, נאָך פון דער אַלטער היים. זיי האָבן געעפנט טיר און טויער פאַרן „אייגענעם״ חבר, פּאַט.

נתן בוקסבוים איז געווען מיטגליד פון לינקע פּועלי־ציון. דיביידע עלעמענטן, דער פּועלי־ציוניזם און די לינקייט האָבן נישט איבעריקס אַפּעלירט צו יענעם עולם. און דאָך האָט בוקסבוים געהאַט אַ געוואַלדיקן דערפאָלג דורך זיינע אַרויסטרעטונגען. ווען איך בין שפּעטער געווען אין אַמעריקע, האָב איך געהערט פון אַלע זייטן און פון פאַרשידענע עלעמענטן גאָר הייסע שבחים אויפן אַדרעס פון בוקסבוימען.

בוקסבוים פלעגט זיך שנעל אָריענטירן אין דער סיטואַציע און געהאַט די פעיקייט צו געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט דער אוידיטאָריע, נישט פעלשנדיק דערביי זיין אייגענע אידעישע פּאָזיציע און זיך נישט צופּאַסנדיק צום געשמאַק פון קעגנערישן עולם.

ער איז געווען ריטער פון מאַרקסיסטישן פּועלי־ציוניזם. פעסט און מוטיק, אַנטשידן און אויפריכטיק האָט ער געקעמפט שטאָלץ פאַר זיינע איבערצייגונגען. פּאָליציי האָט געוואָרפן אויף אים אַן אויג און נישט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט אים צו אַוועקזעצן הינטער די גראַטעס.

בוקסבוים איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. אַדאַנק אים איז די „אַרבעטער היים״ אויף קאַרמעליצקאַ 23 געווען אַ צענטער פון פּאָליטישע וויכוחים און אויפקלערונגען דורך אָפטע עפנטלעכע אָוונטן געווידמעט די אַקטועלע פראַגן פון דער צייט.

לאָמיר געדענקען, אַז ס׳איז געווען די שטורמישע עפּאָכע, ווען פון סדר היום זענען נישט אַראָפּגעגאַנגען די פראַגן פון קאָמינטערן, פון ציוניסטישן קאָנגרעס, פון אינערלעכער פּאָליטישער איינעקייט פון דער

אַרבעטערשאַפט אין קאַמף קעגן דער פּילסודטשינע, דאָס פּראָבלעם פון דער אייניקייט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. בפרט איז געשטאַנען שאַרף די פראַגע וועגן דעם איינהייטלעכן קולטור־פראָנט. מיר האָבן געבילדעט די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע, צוזאַמען מיטן „בונד", מיט די פאַלקיסטן און די „פּאַראייניקטע" (געוועזענע ס. ס.).

אַ געוויסע צייט איז אויפגעשווומען די פראַגע וועגן אַ געמיינזאַמער „קולטור ליגע", וואָס האָט געזאָלט אויפן מוסטער פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע אין אוקראַינע, צונויפנעמען און קאָנצענטרירן אַלע פּראָגרעסיווע יידישע קולטור עלעמענטן פאַר געמיינזאַמער טעטיקייט. די וויכוחים זענען געווען יסודותדיקע און די אַטמאָספער אַ זייער אָנגעהיצטע, ווייל די זעלבע געזעלשאַפטלעכע כוחות האָבן זיך צונויפגעשטויסן טאָג טעגלעך אויף אַנדערע קאַמפּס־אַפּשניטן. בוקסבוים איז געווען אַריינגעטאָן בלב ונפש אין די אַלע קאַמפן און האָט צוגעטראָגן זייער אַ סך צו דער אַנטשיידענער האַנדלונג פון דער פּאַרטיי.

ס'איז אויך געווען די צייט, ווען אין אונדזערע רייען האָט זיך צעפלאַקערט דער געראַנגל צווישן די חברים אַזוי גערופענע פּאַלעסטינע־צענטריסטן און די אַנדערע חברים, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז מיר טאָרן נישט אַפּשוואַכן אויף אַ האָר דעם קאַמף פאַר אונדזערע רעכט אויף די ערטער, האָבנדיק נאַטירלעך פאַר זיך ארץ־ישראל, נישט סתם ווי אַ ווייטן אידעאַל, נאָר ווי אַן אַקטועלע אויפגאַבע, פאַר וועלכער מען דאַרף טאָן נאָכאַנאַנד, אומאיבערגעריסן.

בוקסבוים איז, ווי מ'האָט געקאָנט דערוואַרטן, געווען שאַרף קעגן דעם פּאַלעסטינע־צענטריזם, וואָס האָט פּאַקטיש געגרענעצט מיט נעגאַציע לגבי דער אָרטיקער אַרבעט. אין דער זעלבער צייט איז ער געווען אַ הייסער אָנהענגער פון יעטוועדער פּאַלעסטינע טעטיקייט נישט נאָר אין פּרט פון פּאָליטישער אויפקלערונג, נאָר אויך אין צוגרייטן אונדזערע קאַדרען פאַר עליה, ווי באַוווסטזיניקע קעמפער פאַר דער קלאַסן אויסגעהאַלטנקייט פון דער טעטיקייט, וואָס ווערט געפירט זעלב־שטענדיק דורך דער אַרבעטערשאַפט.

בוקסבוימס אַרטיקלען, איינדרוקן פון זיינע באַזוכן אין ארץ־ישראל, לייענען זיך נאָך איצט מיט טיפן אינטערעס. אַזוי האָט ער געוווסט צו גלאָריפיצירן דעם אויפטו פון די פּיאָנערן און אָפּגעשאַצט די געוואַלדיקע

מעגלעכקייטן, וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט לגבי דער ראַדיקאַלער לעזונג פונעם יידן־פּראָבלעם.

ציוניזם און סאָציאַליזם זענען לגבי בוקסבוימען נישט געווען קיין צוויי באַזונדערע טיילן פון אונדזער פּראָגראַם. אַלס ערנסטער מאַרקסיסט האָט ער אויפגענומען דעם רעוואָלוציאָנערן באַראָכאָוויזם ווי דעם העכערן סינטעז, אין וועלכן עס זענען אָרגאַניש צונויפגעגאָסן די אַלע טענדענצן, וואָס פירן צו דעם פולן פרייען שאַפערישן אויסלעבן זיך פון יידישן פאָלק אַלס אַרבעטס־פאָלק אויפן באָדען פון זיין זעלבשטענדיקן פאָטערלאַנד.

בוקסבוים איז געווען אויסגעבונדן מיט דער פּאַרטיי, געקענט פון דער נאָענט די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס דורך אָפטע באַזוכן און באַגעגענישן מיט זייערע פאָרשטייער. אין תוך איז ער נישט געווען קיין „צוגעלאָזענער" מענטש. גאַנץ האַרב און שטייף אין זיינע באַציִונגען, הגם אָפּגעהיטן און אפילו דזשענטעלמעניש, נישט צו פּוגע זיין קיינעם. די חברים האָבן געהאַט צו אים צוטרוי, הגם ס'האָט געפעלט אינטימקייט אין די קעגנזייטיקע באַציִונגען. ער האָט זיך געהאַלטן קאָרעקט און געווען זייער קפדניש אין הלכות דיסציפּלין. געפאָדערט עס פון זיך און פון אַנדערע. געוווּסט צו פאַרטיידיקן אין אַלע אומשטענדן דעם כבוד פון דער פּאַרטיי און די ריינקייט פון אירע פּרינציפּן.

ער האָט נאָך באַוויזן צוזאַמען מיט אונדז, זיינע נאָענטע חברים, רעווידירן די באַציִונג צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אונדזער אָנטייל אין ציוניסטישן קאָנגרעס. ס'איז שוין געוואָרן כמעט אַן אָנגענומענע טראַדיציע, נישט צו באַטייליקן זיך צוזאַמען מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן אין די זעלבע אָרגאַניזאַציעס. דאָס האָט אָנגעהאַלטן זינט דער פּאַרטיי פּועלי־ציון אין צאַרישן רוסלאַנד, אין באַראָכאָווס צייטן. און אפילו די וועלט־קאָנפערענץ האָט אַמאָל געמאַכט אַן אויסנאַם פאַר די רוסלענדישע פּועלי־ציון און זייער נעגאַטיווער באַציִונג צו דעם אָנטייל אינעם ציוניסטישן קאָנגרעס. אין ארץ־ישראל האָבן מיר אויפגענומען די דרינגלעכקייט צו רעווידירן אָט די באַציִונג און די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן אויך פאַר די פאַרטייען אין חוץ לארץ. בוקסבוים איז געווען צווישן די, וואָס האָבן געהאָלפן אַריינברענגען קלאָרקייט לגבי דער נייער שטעלונג אין די רייען פון דער פאַרטיי אין פּוילן. ממש ערב

דער צווייטער וועלט־מלחמה בין איך פון ארץ־ישראל געקומען אין שליחות פון דער באַוועגונג קיין פוילן אין די ענינים פון אונדזער באַציִונג צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און כ׳האָב מיט אמתער באַפרידיקונג פעסטגעשטעלט, אַז די דאָרטיקע פירנדיקע חברים מיט זאַגאַנען און בוקסבוימען בראש, זענען איינשטימיק מיט אונדז, און סיי די שקל־קאַמפּאַניע סיי די וואַל־קאַמפּאַניע צום קאָנגרעס זענען דורכגעגאַנגען אין פוילן מיט אויסערגעוויינלעכער הצלחה.

דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר זיך געטראָפן מיט בוקסבוימען אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין זשענעווע, דער לעצטער קאָנגרעס פאַרן אויסברוך פון וועלט־קריג. בוקסבוים איז געשטאַנען בראש פון אונדזער דעלעגאַציע פון פוילן. ער האָט זיך באַטייליקט אין די קאָמיסיעס, צו וועלכע מיר האָבן אים דעלעגירט און הגם דאָס ערשטע מאָל זיך צונויפגעטראָפן מיט די פאָרשטייער פון אַנדערע ציוניסטישע גרופּירונגען, דערפאַרענע און אויסגעקאָכטע אינעם קאָנגרעס־געראַנגל, האָט בוקסבוים גלייך געוווּנען די אָנערקענונג פון אַלעמען אַלס געניטער און ערנסטער פּאַרלאַמענטאַריער, וואָס האָט זיך גלענצנד פאַנאַנדערגעקליבן אין די אַלע אין פלוג נייע פאַר אים, פראַגן און פּראָבלעמען.

אין זשענעווע האָבן מיר זיך צעשיידט, ווען בוקסבוים מיט די אַנדערע חברים זענען צוריקגעפאָרן צום פראָנט אין פוילן, בעת עס האָט שוין געהאָנגען אין דער לופט די פּראָקלאַמירונג פון מלחמה. ס׳איז אים בישט איינגעפאַלן אויף אַ רגע צו בלייבן אין אויסלאַנד, בעת דער גרויסער ייִדישער ישוב אין פוילן וועט שטיין פאַרן נסיון פון אויפהאַלטן זיין קיום בעת דער היטלעריזם וועט אפשר אויסשפרייטן זיין שליטה אויך איבער פוילן.

נתן בוקסבוים איז אַוועק אין זיין היימשטאָט לעמבערג. חברים פון וואַרשע האָבן אָנגענומען מיטלען און געזוכט פאַרשידענע וועגן, ווי צו ברענגען אים אין צענטער, ווו מ׳האָט זיך ערנסט געגרייט צום היסטאָרישן געראַנגל פונעם געטאָ קעגן היטלערס חיילות.

אין לעצטן מאָמענט איז געלונגען בוקסבוימען מיט זיין פרוי און טעכטערל צו קומען קיין וואַרשע אויף די אַזוי גערופענע אַמעריקאַנער פּאַפּירן, וואָס האָבן געזאָלט פאַרזיכערן דעם פרייען אַרויספאָר קיין אויסלאַנד...

ווען איך בין געקומען קיין פוילן סוף 1945 און געטראָפן דעם „באַרג חורבן", האָב איך געהאַט אויספירלעכע באַריכטן וועגן אַ ריי חברים, ווי רינגעלבלום און זאַגאַן, פריינד און לענט, פּאָלאַ עלסטער, בערלינסקי און ערליך און אַנדערע פון דער פּאַרטיי און דער יוגנט.

וועגן בוקסבוימען האָב איך לאַנג געשמועסט מיטן סעקרעטאַר פון דזשאָינט, גיטלער, וואָס האָט געטראָפן בוקסבוימען אין בערגען־בעלזען. דאָרט האָט ער פיגורירט אויף זיינע פּאַפּירן ווי „הרב טראַקענהיים". ער האָט באַוויזן פאַנאַנדערצוּוויקלען אַ זייער אינטערעסאַנטע קולטור־אויפקלערערישע טעטיקייט... איך האָב וועגן דעם געשריבן אויספירלעך אין מיין בוך „באַרג חורבן". אין אָקטאָבער 1943 האָט מען אים אָפּגעקליבן, מיט נאָך אַנדערע, צו דעם טראַנספּאָרט, וואָס האָט געזאָלט אַרויסגעשיקט ווערן אויף דער פריי. בוקסבוים איז אויך אין יענעם מאָמענט געווען געטנוג ניכטער און באַם געזעגענען זיך מיט די אַנדערע קאַצעטלער, האָט ער געבעטן די חברים, זיי זאָלן געבן צו וויסן וועגן אים די נאָענטע חברים זיינע אין ארץ־ישראל און אין אַמעריקע. נישט אַנדערש, נאָר ער האָט פאַרויסגעפילט, אַז די נאַצי־מערדער טייטשן אַנדערש אויס, אויף זייער אייגענעם שטייגער, דעם ענין „פריי". זיי האָבן שפּעטער דערקלערט, אַז די אַלע פּאַפּירן און וויזעס זענען געווען פאַלשע און דעריבער האָט מען די אַלע „גליקלעכע אויסלענדער" טראַנספּאָרטירט דירעקט קיין אוישוויץ אין קאַלכאויוון...

אַזוי האָט פאַרענדיקט זיין לעבן נתן בוקסבוים, דער מוטיקער קעמפער און פירער פון די לינקע פועלי־ציון אין מזרח־גאַליציע און אין פוילן.

עס וועט זיין אַ חוב פון דער באַוועגונג צונויפצוזאַמלען און אָפּקלייבן פון זיינע הונדערטער אַרטיקלען דאָס, וואָס ס'האָט אַ ווערט אויך היינט צוטאָג פאַר דער אויפקלערונג פונעם יידישן פּראָבלעם אין די בראשית יאָרן פון סאָציאַליסטישן ציוניזם. נתן בוקסבוים האָט אַריינגעשריבן פּרעכטיקע בלעטער אין דער געשיכטע פון פועלי־ציוניסטישן קאַמף אין וואָרט און אין טאַט.

זיינע געקליבענע כתבים וועלן זיין די איינציקע מעגלעכע מצבה אויף זיין אומבאַקאַנטן קבר.

יעקב קענער

דער טאַטע פון דער יוגנט־באַוועגונג.

אַזוי האָט געהייסן יעקב קענער אין משך פון צענדליקער יאָרן. דעם נאָמען האָט ער באַקומען, ווען ער אַליין איז נאָך געווען כמעט אַ יוגנט־לעכער און נישט געהאַט קיין משפחה. דער אמת איז, אַז ער האָט געהאַט מיט דער צייט אויפגעשטעלט אַ משפחה —די יוגנט־באַוועגונג. די אַלע טויזנטער יוגנטלעכע, ייִנגלעך און מיידלעך זענען געווען קענערס קינדער, און ער האָט זיי באַהאַנדלט ווי אייגענע קינדער. איך ווייס נישט פון קיין אַנדערן אַרבעטער־טוער, וואָס זאָל זיך האָבן אַזוי אינטים אָרגאַניש איינ־געלעבט מיט דער באַוועגונג, ווי יעקב קענער. די יוגנט־באַוועגונג איז לגבי קענערן געווען קודם־כל אַ דערציִונגס־באַוועגונג. ער האָט זיך באַ־מיט צו דערציִען די יוגנט, נאָך מער — צו געבן איר בילדונג, בכל אופן יענע בילדונג, וואָס נישט די שטוב און נישט די שול האָט איר געגעבן. די דאָזיקע יוגנט האָט גאַנץ פרי געמוזט גיין אין דער „לער" צו פאַר־שידענע מייסטערס, וווּ זי האָט נישט אַזוי געלערנט דעם פאַך, נאָר אַ לאַנגע צייט געגאָלטן אַלס משרת פאַר דער פרוי פונעם באַלעבאָס, פאַר־וויגן איר קינד, גיין אין מאַרק נאָכטראָגן דעם קויש און אויספילן כלערליי הויז־שליחותן.

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס פון די ערשטע אָרגאַניזאַציע־אויפגאַבעס האָט קענער געהאַט צו אָרגאַניזירן די... באַהעלפערס.

זיין מעלה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיך פרי אָנגעשלאָסן צו דער פועלי־ציון אָרגאַניזאַציע. האָט ער ממילא געהאַט פאַר דער יוגנט אַ ציל. נישט סתם דערציִען, נאָר דערציִען ווי קעמפער פאַר אַ נייער געזעלשאַפט. דערציִען נישט דורך אַגיטאַציע־דרשות און פלוג־בלעטלעך, וואָס שטעמפלען דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם און די עקספּלואַטאַציע בפרט לגבי דער יוגנט. קענער האָט ווי אַ גוטער פאַרשטענדיקער לערער געזען פאַר זיך ווי די ערשטע אויפגאַבע — געבן לפחות די עלעמענטאַרע יסודות פון בילדונג יענע יוגנטלעכע וואָס האָבן עס נישט באַקומען פון

דער היים און זענען צו פרי אַרויסגעשטופּט געוואָרן אין דרויסן צו דעם איינפלוס פון דער גאַס. קענערס טעטיקייט אויף די געביטן פון בילדונג און דערציִונג איז נישט אָפּצושאַצן. אָוונט־קורסן און ספּעציעלע סעמינאַרן פאַר אויסבילדן אינסטרוקטאָרן, אָפּטע אויספלוגן און זומער־לאַגערן כדי צוצוגעוווינען דעם עולם צו געמיינזאַמקייט, צו חברישקייט, צו פאַרברענגען מיט אַ געוויסער אויסזיכט און האָבן תמיד פאַר זיך אַ באַשטימטן אידעיִשן צוועק. מ'קאָן זאָגן מיט זיכערקייט, אַז די יוגנט־באַוועגונג אונטער קענערס פירונג און השגחה האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר קולטור־ניוואָ, מיט איר אידעיִשער באַוווסטזיניקייט און פּאָליטישער געשולטקייט.

נאַטירלעך איז יעקב קענער נישט געווען קיין אַליין הערשער, נאָר געוווּסט צוצוציִען מיטאַרבעטער, וואָס האָבן אין סך־הכל אויסגעבילדעט אַ וווּנדערלעכן קאָלעקטיוו סיי פּאָליטיש סיי פּעדאַגאָגיש און אָרגאַניזאַציאָנעל. די אויסבילדונג דורך דער יוגנט־באַוועגונג האָט געבראַכט זייער גוטע רעזולטאַטן, און עד היום קאָן מען טרעפן אין פאַרשידענע לענדער מענטשן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט די פועלי־ציוניסטישע יוגנט־שול, און זיי צייכענען זיך אויס מיט זייער אַקטיווקייט, טיפן אינטערעס צו געזעלשאַפטלעכן לעבן און מיט אַ סך פּיעטעט צו זייער „אַמאָל"...

באַזונדערס איז צו דערמאָנען דעם אָנטייל פון דער דאָזיקער יוגנט אין די פינצטערע היטלערס צייטן, אינעם אונטערערד, אין די קאַמפּס־גרופּעס, אין די וועלדער...

די שטענדיקע אייגנטלעכע סביבה קענערס זענען געווען יוגנטלעכע. דאָס האָט געהאַט אַ השפּעה אויף זיין כאַראַקטער, באַנעמונג און האַלטונג. זעלטן האָט ער אויפגעהויבן די שטים. גערעדט געלאַסן, הגם שטרענג ווען עס האָט זיך געפאָדערט דורכצופירן אַ באַשלוס.

קענער האָט געשריבן לייכט, פּאָפּולער, פאַרשטענדלעך און זיין אויפקלערונג איז געווען צוגעפּאַסט פאַר די יונגע מוחות פון זיינע תלמידים. ער איז געווען אַרומגענומען מיט ווייכקייט און מיט טריישאַפט, ווי דאָס קאָנען אַרויסווייזן נאָר יוגנטלעכע. ס'איז אַרום אים תמיד געווען אַ גוטע וואַרעמע אויפריכטיקע אַטמאָספער, און דאָס האָט משפּיע געווען אויף דעם רבין. ס'איז אַפילו שווער צו נוצן דעם אויסדרוק „רבי" לגבי קענערן און די יוגנט, וועלכע איז אים נאָכגעגאַנגען. אַדרבא, דאָ איז נישט געווען קיין אָרט פאַר בלינדן גלויבן און אָננעמען מעכאַניש יעדעס וואָרט. קענער

האָט געוועקט קריטישע באַציִונג צו די אַלע אַזוי אָנגענומענע „אמתן", פון וועמען זיי זאָלן נישט קומען. ער האָט געלערנט צו שטעלן קשיות און פאָדערן אַ תשובה. נישט אָפּפטרן מיר־נישט, דיר־נישט, נאָר טאַקע אַן ענטפער, אַ באַגרינדעטן, אַ מאָטיווירטן.

און דאָך איז געווען אין דער באַציִונג פון דער יוגנט צו קענערן עטוואָס אַזוינס, וואָס מ'איז געוווינט צו טרעפן באַ חסידים לגבי זייער רבי. אַן אָרגאַניש גלייבן אין זיין ערלעכקייט און אמתדיקייט.

אין פלוג האָט זיך געדאַכט, אַז קענער איז שווער באַוועגלעך. אַ פעסט געבויטער, ווייט נישט קיין מאָגערער און דאַרער, האָט מען דערקענט אין אים, אַז ער האָט הנאה פון לעבן, אַז ער האָט, אויב מ'קאָן זאָגן, הנאה פון הנאה האָבן. און דאָך איז ער געווען רירעוודיק און אַ בעלן צו גיין און קלעטערן אויף בערג און מיטמאַכן לענגערע שפּאַצירן אַפילו צו פוס.

ער האָט זיך אויסגעלעבט אין דער יוגנט־משפחה. געווען פאַרטרויט אין אירע כמעט פּריוואַטע אינדיווידועלע סודות, איבערגענומען מיט אירע דאגות און קליינלעכע וואָכעדיקע ענינים. דאָס האָט אים דערנענטערט צו יעדן איינעם און אַ חוצן כּלל, דעם גרויסן קאָלעקטיוו, האָט ער געהאַט פריינדשאַפט אויך באַ די יחידים.

יעקב קענער האָט דורכגעמאַכט אַ צייט אין עסטרייכישן מיליטער, און אויך דאָרט איז ער געבליבן טריי זיין לעבנס־אידעאַל און מאָביליזירט אַרום זיך אָנהענגער און מיטקעמפער.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך זיך באַגעגנט מיט קענערן אין קראָקע בעת דעם צוזאַמענפאָר פון די פּועלי־ציון פון רוסלאַנד אין יאָר 1907. בדרך כלל איז די רוסלענדישע פּאַרטיי נישט געשטאַנען אין קיין ענגען קאָנטאַקט מיט דער עסטרייכישער, ריכטיקער גאַליציאַנער פּאַרטיי. אָבער דאָך איז איר אידעאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע השפעה געווען אַ גאָר באַדייטנדיקע. דער „אָבמאַן" פון דער פּאַרטיי אין גאַליציע, איר גייסטיקער מנהיג איז אייגנטלעך געווען אַ חבר פון רוסלאַנד: אינזשיניער שלמה קאַפּ־לאַנסקי, אַ געבוירענער אין ביאַליסטאָק, רוסלאַנד. אָבער קאַפּלאַנסקי אַליין איז נישט געווען פאַרבונדן מיט דער פּאַרטיי אין רוסלאַנד. ער איז פרי אַוועק אין אויסלאַנד און זיין דערציִונג, אויסבילדונג און שפּעטער פּאָ־ליטישע טעטיקייט האָט פאַר זיך געהאַט די ראָם עסטרייך מיט איר הויפּט־שטאָט ווין. אָבער דער שם פון די פּועלי־ציון אין רוסלאַנד איז דערגאַנ־

גען קיין גאַליציע, דער שם פון אמתע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע שטייען אין דירעקטן קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשאַפט, דעם צאַריזם. דאָרט ווערט מען אַרעסטירט, מ׳זיצט אין טורמעס, מ׳ווערט פאַרשיקט אין סיביר. די גאַנצע טעטיקייט ווערט געפירט אומלעגאַל, אין אונטערערד — דאָס האָט געשאַפן אַן אָרעאָל פון אויסדערוויילטקייט, פון מסירת־נפש פאַרן אידעאַל...

אַ געוויסע צייט האָט אין גאַליציע געווירקט דער שפּעטער באַקאַנטער אלכסנדער כאַשין, וואָס איז דאָרט אויפגעטראָטן אונטערן נאָמען וויטעבסקי. אַ גלענצנדער רעדנער, האָט ער באַזונדערס געווירקט אויף דער יוגנט און געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן דעם צויבער פון „בונד״, וועלכן עס האָבן זיך צוגעאייגנט די זש. פּ. ס. — די יידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך באַטראַכט ווי גאַליציאַנער בונדיסטן (מיט דער צייט האָבן זיי זיך טאַקע אָרגאַניזאַציאָנעל פאַראייניקט). אין קראָקע האָבן אַ געוויסע צייט זיך אויפגעהאַלטן באָראָכאָוו, טאַבענקין. נאָכן דערמאָנטן צוזאַמענפאָר איז פאַרבעטן געוואָרן דער חבר פון רוסלאַנד כתריאל (שפּעטער באַקאַנט אונ־טערן נאָמען לעאָן כאַזאַנאָוויטש) צו זיין דער רעדאַקטאָר פון דעם אָרגאַן „דער יידישער אַרבעטער״.

דער צוזאַמענפאָר אין קראָקע האָט צום ערשטן מאָל געבראַכט אַ גרע־סערע צאָל דעלעגאַטן פון רוסלאַנד קיין גאַליציע און די דאָרטיקע פירנ־דיקע חברים על כל פנים האָבן געהאַט די געלעגנהייטן בייצווזיין די זיצונ־גען און צוהערן זיך צו די הייסע דעבאַטן אַרום די סאַמע אַקטועלע פּראָב־לעמען פון יידישן לעבן און פון רוסלאַנד.

איך בין געווען דער ייִנגסטער צווישן אונדזערע דעלעגאַטן. צו יענער צייט, אין יאָר 1907 האָט נאָך נישט עקזיסטירט קיין אָרגאַניזירטע יוגנט־באַוועגונג בא פּועלי־ציון אין רוסלאַנד. אָבער די יוגנטלעכע אין גאַליציע האָבן מיך באַטראַכט ווי אַ רעפּרעזענטאַנט פון דעם יונגן דור אין דער פּאַרטיי. מיינע אַרויסטרעטונגען האָבן זיך, אַגב דעמאָלט אויסגעצייכנט מיט פּאַטאָס און רעוואָלוציאָנערן ברען... ווייזט אויס, אַז דאָס איז געווען די סיבה, פאַר וואָס יעקב קענער האָט דווקא מיך אויסגעקליבן צווישן אַלע דעלעגאַטן און בעטן „קאמערס״ (באַנקעט) באַגריסט מיך ווי דעם אויסדריקער פון דער רעוואָלוציאָנערישקייט פון דער פּאַרטיי אויף דער צווייטער זייט גרענעץ.

ווען איך בין געקומען סוף 1918 קיין פּוילן און דאָרט פאַרבליבן

אַ לענגערע צאָל יאָרן, איז גראָד פאַרגעקומען די פאַראייניקונג פון אונ־דזערע פאַרטייען און יעקב קענער איז אַריבער קיין וואַרשע, ווו ס׳איז געוואָרן דער צענטער פון דער יוגנט־באַוועגונג. דאָ איז דערשינען דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער יוגנט „די פרייע יוגנט״ און ווי נאָך פאַר אַ נעמען ער האָט געהייסן צוליב רדיפות פון דער צענזור. דאָ פלעגן פאַרקומען די סעמינאַרן פאַר אינסטרוקטאָרן, דאָ האָט מען געזען די יוגנט אויך אין אירע פאָליטישע אַרויסטרעטונגען באַ דעמאָנסטראַציעס פון 1טן מאַי, ווו זי האָט מאַרשירט בראש פון אונדזער גרויסן צוג איבער די גאַסן און געסלעך פון דער פּוילישער הויפּט־שטאָט. קענער איז געווען דער אָנער־קענטער פירער און וועג־ווייזער, הגם מיט אים האָבן באַ האַנט האָבן מיטגעווירקט אין דער יוגנט אַזעלכע אויסגעצייכנטע יוגנט־טוער, ווי יוסף ראָזען, ד״ר רפאל מאַהלער, ד״ר עמנואל רינגעלבלום, אברהם פריינד און אַנד.

יעקב קענער האָט געהאַט די זכיה צו באַטייליקן זיך אַלס דעלעגאַט פון גאַליציע אין דער ערשטער קאָנפערענץ אין האַג אין יאָר 1907 ווו ס׳איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַרן אַלוועלטלעכן יידישן סאָציאַליסטישן פּועלי ציון פאַרבאַנד. ער האָט אויך אָנגעשריבן דעם באַריכט פון יענער וועלט קאָנפערענץ, וואָס איז דערשינען אין אַסאַך אויסגאַבעס מיט דער חתימה פון ב. פעלדמאַן (איינער פון קענערס פיל פּסעוודאָנימען).

ער האָט אַרומגערייזט איבער דער פּוילישער פּראָווינץ, ווו ער איז אויפגעטרעטן מיט רעפעראַטן און האָט דורכגעפירט אַ פּרוכבאַרע אָרגאַ־ניזאַציאָנעלע אַרבעט.

ס׳וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז קענער איז געווען טעטיק בלויז צווישן די יוגנטלעכע אַרבעטער. קענער האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פּאַרטיי, אין צענטראַל־קאָמיטעט אין דער שול און קולטור־אַר־בעט, אין פּאַרטיי־באַראַטונגען און עפנטלעכע אויפטרעטן.

ווען היטלער האָט אַריינמאַרשירט אין וואַרשע האָט קענער צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברים זיך געלאָזן אינעם אומבאַקאַנטן וואַנדער־וועג פון וואַרשע, דערגאַנגען ביז לידע און ווילנע. מיט אַמעריקאַנער וויזעס צוגעשיקט דורכן אַרבעטער־קאָמיטעט איז די גרופּע דורכגעפאָרן דעם ראַטנפאַרבאַנד און דורך יאַפּאַן אָנגעקומען אין דעצעמבער 1940 קיין ניו־יאָרק, ווו ער איז פאַרבליבן עטלעכע יאָר. נאַטירלעך איז ער די

גאַנצע צייט אין אַמעריקע געווען אַקטיוו אין דער פּאַרטיי און אין דער גאַ־ליצישער לאַנדסמאַנשאַפט. אַרויסגעגעבן אַ בוך „קוועקשניט״, ווו ער האָט געשטעלט אַ מצבה צענדליקער חברים און חברטעס פון דער פּאַרטיי און פון דער יוגנט. ער האָט געפּלאַנט אַ גרויסן מאָנומענט, אָבער דערווייל אַליין צוגעטראָגן די עטלעכע בלעטלעך פון זכרון. דאָס באַווייזט, אַגב, נאָך אַ מאָל, ווי יעקב קענער איז געווען אויסגעבונדן מיט די חברים און ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַ זיך פּועלן צו איבערלאָזן זיי און מפקיר זיין דער פאַרגעסנקייט.

אַ געוויסע צייט האָבן די חברים אָנגעטרויט קענערן די רעדאַקציע פון זייער אָרגאַן, דעם „פּראָלעטאַרישן געדאַנק״. אָבער קענער האָט ערשט איצט אין אַמעריקע נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זיין לעבנס־חלום — זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל.

ערשט אין יאָר 1949 איז אים געלונגען צו רעאַליזירן זיין פאַרלאַנג. ליידער האָט אים נישט אָפּגעגליקט זיין עליה. ער האָט זיך נישט באַוויזן איינצולעבן אין דער נייער סביבה און זיך איינאָרדענען, ווי ס׳האָט גע־פּאַסט פאַר אַזאַ לאַנגיאָריקן טוער פון די ראשונים פון פּועלי־ציון.

ער איז נאַטירלעכערהייט געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן אויפגע־נומען דעם פּלאַן וועגן אויפריכטן דעם רינגעלבלום־אינסטיטוט צו דער פאָרשונג פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג און צו דער שרייבונג פון איר געשיכטע. וועגן דעם האָט ער נאָך אָנגעהויבן אַ פּראַקטישע טעטיקייט אין אַמעריקע אין מאָמענט ווי ער האָט אָנגעהויבן מאַכן די הכנות עולה צו זיין.

נישט באַשערט געווען, עס האָט נישט געפּידלט.

שטילערהייט אין זיין איינזאַמקייט האָט ער באַם שרייב־טיש אויס־געהויכט זיין ריינע נשמה און געווען אין יאָר 1951 פון די ערשטע אויס־צובילדן די איצט באַרימטע פּועלי־ציון אַלייע אין בית־עלמין נחלת־יצחק.

איך דערמאָן זיך איין עפּיזאָד, וואָס איז פון ספּעציעלער כאַראַקטע־ריסטישקייט פאַר יעקב קענער. ס׳איז געווען די דעמאָנסטראַציע פון 1טן מאַי אין יאָר 1928 אין וואַרשע. אַ גראַנדיעזער צוג האָט זיך געצויגן איבער וואַרשע. אונדזער שטענדיקער זאַמל־פּלאַץ איז געווען אויף מוראַנאָוו. דער וועג אַהין פון קאַרמעליצקאַ 23 און צוריק האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט מיר זאָלן דורכמאַרשירן דעם אמתן געדיכט באַפעלקערטן יידישן ראַיאָן

פון וואַרשעווער אָרעמקייט און פּראָלעטאַרישקייט. אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַ פּלי־מיטינג, ווו אונדזערע רעדנער האָבן כאַראַקטעריזירט די פּאָליטישע סיטואַציע און געשליידערט די לאָזונגען, וועלכע זענען סימפּאַטיש אויפגעכאַפּט און אָפּגעהילכט געוואָרן דורך טויזנטער דעמאָנסטראַנטן און צוגעצויגענע סימפּאַטיקער. דאָס מאָל האָט די פּאָליציי אונדז אָפּגעוואָרט און אויפן צוריקוועג, ווען מיר זענען פון לעשנאָ אַריין אין קאַרמעליצקע, האָבן פּאָליציי־קאָרדאָנען פאַרנומען אַלע אַרויסגענג אין די זייטיקע גאַסן און אין דעם מאָמענט באַפאַלן די דעמאָנסטראַציע דורך רייטער און פוסגייער־פּאָליציי. קענער, וואָס איז געגאַנגען בראש פון דעם יוגנט־צוג, האָט זיך שנעל אָריענטירט אין דער לאַגע און באַוויזן אַרויסצופירן די יוגנט רייען פון קאַרמעליצקאַ. אַליין איז ער צוריקגעקומען צום שפּיץ פון צוג נעבן די פאַנען־טרעגער. באַטירלעך האָט זיך די פּאָליציי געוואָרפן אויסגערעכנטערהייט צו די פאָנען, געשלאָגן מכות רצח די אַלע וואָס האָבן זי באַשיצט. איך בין שוין געהאַט אַרויפגעגאַנגען אין „אַרבעטער היים”, כדי פון דאָרטיקן באַלקאָן אויפלעזן דעם דעמאָנסטראַציע־צוג. האָב איך פון אויבן געזען די קאָרדאָנען פּאָליציי, וואָס קומען פון אַלע זייטן און זיך געווענדעט צום עולם נישט צו אַנטלויפן, נאָר אויסהאַלטן דעם פּאָליציי־אָנגריף. דאָ האָב איך דערזען, ווי קענער האַלט די פאָן און אַ פּאָליציאַנט וואַרפט זיך אויף אים און צילט אין אים די קאָלבע פון דער ביקס. קענער האָט זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד צו באַשיצן די פאָן אונטער זיין גוף, אָנגעכאַפּט די קאָלבע און זי געריסן פון די הענט פון פּאָליציאַנט. קענערס האַנדלונג האָט געווירקט אויף די אַנדערע חברים, זיי עלעקטריזירט ממש און דער פּאָליציאַנט האָט זיך אָפּגעטראָגן צוליב דעם אָנלויף פון די חברים צו שיצן די פאָן. קיינער וואָלט פריער זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז קענער זאָל פאַרמאָגן אין אַזאַ מאָמענט דעם מוט און מאָראַלישן כוח צו האַנדלען ווי ער האָט געהאַנדלט. ער האָט דערמיט באַוויזן אַ מוסטער פאַר יינגערע חברים, ווי אַ רעוואָלוציאָנער דאַרף זיין גרייט צו פאַרטיידיקן מיט זיין לייב די פאָן... עס זענען שפּעטער אַרומגעגאַנגען גאַנצע לעגענדעס וועגן קענערן אין דער מאַי־דעמאָנסטראַציע פון יאָר 1928.

איידער קענער האָט זיך אין גאַנצן געווידמעט דער פּאַרטיי־טעטיקייט איז ער אַ צייט לאַנג געשטאַנען בראש פון אַ טרופּע יידישע אַקטיאָרן

און אַרומגעפאָרן איבער דער גאַליציישער פּראָווינץ מיט פאָרשטעלונגען. ער האָט געהאַט צו דערציילן אַ סך קוריאָזן פון יענער דערפאַרונג. אָבער דאָס געהערט נישט צו דעם טוער, וועלכן מיר האָבן דערנאָך דערקענט און מיט אים מיטגעאַרבעט אין משך פון יאָרן.

טויזנטער און טויזנטער געדענקען קענערן דעם דערציער פון דער יוגנט־באַוועגונג; ער האָט אויפגעשטעלט אַ סך תלמידים, וועלכע ערן מיט ליבע און אַכטונג זיין אָנדענק.

גרשון גרשוני

גרשוני איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזער מיט; און ווידער זענען מיר פאַריתומט. נישט באַוויזן זיך אויסצוווייפן אָדער אָפּשוואַכן דער טרויער נאָך איינעם און ווידער איז די באַוועגונג אין אבלות.

שווער צו זען אַ יחיד אַ פאַראבלטן, ווען עס עפּנט זיך נישט דאָס מויל צו זאָגן אים טרייסט־ווערטער. נישט דער ערך ביטערער איז צו זען אַ באַוועגונג אין אבלות.

נישט שייך אָנצורופן באַשטימטע נעמען. דערמאָנען איינצלנע, פאַרצייכנען ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון דעם און יענעם, וואָס איז אַוועק פון אונדז. ס'זענען כאַראַקטער־שטריכן פון אַ דור, פון אַ תקופה אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער דור פון די, וואָס האָבן אָנגעצונדן דעם פאַקל פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, פון די, וואָס האָבן געטראָגן דאָס גרויסע ליכט פון יידישער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אויסלייזונג אין די פינצטערסטע לאַבירינטן פון יידישן לעבן אין דער גאָרער וועלט.

נישט אַלע אונדזערע נפטרים זענען געווען ראשונים, ערשטע ציגל־זאַמלער און יסודות־לייגער פונעם פּועלי־ציוניזם, מיט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. צו אונדזער פרייד געפינען זיך נאָך אין ברען פון זייער אַקטיוויטעט יחידים, וואָס פאַרקערפּערן מיט זייער פּערזענלעכקייט די ערשטקייט פון דער באַוועגונג. נישט אַנדערש, ווי דער גורל וואָלט זיך געהאַט פאַרמאָסטן אויף די סאַמע וואָרצלען אונדזערע — האָט ער אַרויסגעריסן איינעם נאָכן אַנדערן פון די פאָדערשטע רייען און אַרייגעשליידערט דורך דעם די באַוועגונג אין פּערמאַנענטער אבלות.

איצט האָט די האַק געטראָפן גרשונין. אין דער משפחה פון לינקע פּועלי־ציון האָט ער געהערט צו די, וואָס האָבן אויסגעבילדעט דעם טיפּ פון דער יינגערער גענעראַציע אין דער פּאַרטיי אין פּוילן.

גרשוני איז אַוועק נאָר וואָס: עס האָט נאָך נישט אויסגעשפּראָצט קיין גראָז אויף דער ערד פון זיין פריש־געגראָבענעם קבר אין דער „פּועלי־ציוניסטישער" שורה אויפן פרישן בית־עלמין אין קרית־שאול.

אַ קינד פון גראָדנע, אַ זון פון אַ מיוחסדיקער יידישער משפחה, האָט גרשוני געהערט צו דער נייער נאַציאָנאַלער יידיש־סאָציאַליסטישער אינטע־ליגענץ; ער האָט געהאַט דעם דירעקטן צוטריט צו די קוואַלן פון אייראָ־פּעיִשער קולטור און געשעפּט בילדונג מיט אַ פולער האַנט. אַ מענטש מיט איינגעבוירענעם טאַקט און אַנטוויקלטן מוזיקאַלישן געהער, האָט ער פאַר־מאָגט גראָדן שכל און אויפגענומען דערשיינונגען, ווי זיי זענען, רעאַל, לאָגיש, טרוקן. כמעט קאַלט. ער האָט אָבער געהאַט זיין אייגנס אַ וואַרעם האַרץ, און יעדער געדאַנק איז ביי אים געלייטערט געוואָרן דורך דעם עמפינדלעכן געפיל. האָט זיך נאַטירלעכערהייט אויספאָרמירט זיין מערק־ווערדיקע שפּירונג פון אַחריות און מסירת־נפש. גרשוני האָט זוכה געווען אַריינצוגלידערן זיך מיט מוח און האַרץ אין דער דעמאָלט ענג־היימישער משפחה פון פועלי־ציון־טוער און איינשפּאַנען זיך, גלייך ווי זיינע עלטערע חברים, אין יאָך פון זאָרג און פליכט לגבי דער באַוועגונג. אָנגעלאָדן מיט וויסן, געוווינט צו טעאָרעטישער דיסציפּלין, האָט גרשוני זיך אויסגע־צייכנט מיט זעלבשטענדיקייט פון געדאַנק, פעסטקייט און אויסגעהאַלטנ־קייט אין פּאָליטישער פּאָזיציע, ערלעכקייט און טרייקייט צו זיינע פּרינציפּן.

ער האָט דערקענט די יידישעווירקלעכקייט אין רוסלאַנד, אין ליטע און פּוילן. שפּעטער — אויך אין אייראָפּע און אין צפון־אַמעריקע. ער האָט געהערט צו דעם אַמאָליקן ראשונדיקן טיפּ שליח. ער איז געווען דער אידעאַלער שליח־ציבור, אויסגעבונדן מיטן ציבור, מיט זיינע נויטן, פאַר־לאַנגען, יכולת און קראַפט. ער האָט די שליחות געטראָגן מיט ווערדע, נישט ווי אַ פּאַך, נאָר ווי אַן אינערלעכן אימפּעראַטיוו, ווייל אין דעם האָט ער זיך גייסטיק אויסגעלעבט און פּסיכיש באַקומען אייגענעם אויסדרוק.

גרשוני איז לויט זיין מהות, געווען אַ מענטש פון פאָרשן. ער האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף אַנדערע און זיך באַמיט אַליין צו דערגרונטעוועט די טיפערע סיבות פון דערשיינונגען און אויסגעפינען די פאַרקייטלונג פון געשעענישן, כדי פעסטצושטעלן די באַוועגנדיקע פאַקטאָרן אינעם באַ־שטימטן פּראָצעס. ווי אַן עקאָנאָמיסט אַ סאָציאָלאָג האָט ער באַנומען דעם אָביעקטיוון אַנטוויקלונגס־פּראָצעס; אַלס רעוואָלוציאָנער זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו ריכטן באַוווסטזיניק אין אָט דעם קאַנאַל די אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכע ענערגיע, די אַקטיווע סאָציאַלע האַנדלונג.

ס'איז געווען די תקופה, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען דער היסטאָרישער

זויכוח אויף דער יידישער גאַס צווישן די פאַרשידענע קעגנזעצלעכע גייס־טיקע שטרעמונגען, ווי אַסימילאַציע און נאַציאָנאַליזם, בונדיזם און ציוניזם, טעריטאָריאַליזם און סיימיזם, חלוצישע עליה, רעאַלע אַרבעט אין פּאַלעס־טינע און צוטרוי צו די מאַנדאַט־אַפּוטרופּסים פון דער באַלפור־דעקלאַ־ראַציע, אָפּאָרטוניסטישער רעפאָרמיזם און רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם; סאָציאַליזם און ציוניזם ווי אַנטיפּאָדן אָדער ווי אַ העכערער האַרמאָנישער סינטעז.

גרשוני איז מיט לייב און לעבן געוואָרן איינגעפלייצט אין דער פּועלי־ציון־מחנה, מיט איר צוזאַמען געפּאַקט און געמאָזלט, דורכגעמאַכט טעאָ־רעטישע גילגולים און אויסגעשטאַנען דעם אָנברויז פון געוויטערן, וואָס האָבן זיך געווירבלט איבער דער באַוועגונג.

אַן אויסגעשפּראָכענער אינדיווידואַליסט לויט זיין כאַראַקטער, איז ער געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם קאָלעקטיוו, אין וועלכן עס האָט זיך געלייטערט און קריסטאַליזירט אויך זיין יחידישע וועלט־באַנעמונג און אַנשויונג.

אים איז אויסגעפאַלן צו טראָגן אין פאַרשידענע צייטן די שליחות פון ציש"אָ, ייוו"אָ אין פּוילן און פון דער הסתדרות אין ארץ־ישראל, אַחוץ די כסדרדיקע אומאיבערגעריסענע שליחות זיינע אין נאָמען פון איין אויפ־טראַג פון זיין פּאַרטיי. די פּאַרטיי־פאָן האָט אים תמיד אַרומגענומען און אין איר האָט ער זיך געוויקלט בעת אַלע טואונגען; פון דאַנען האָט זיך גענערט זיין אידעיִשע און פּסיכישע שלימות. ער איז נישט געווען פון איין גוס געגאָסן, זיין גאַנצקייט איז געקומען אין רעזולטאַט פון אַ קאָמפּלי־צירטן פאַרשמעלצונגס־פּראָצעס, ווו עס זענען אָפּגעפאַלן איבעריקייטן און ס'האָט זיך אויסגעטיגלט אַ סינטעטישע און עסטעטישע פערזענלעכקייט.

דורך ציש"אָ (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן) איז גרשוני אַריינגעדרונגען אין קדשי קדשים פון דער גרויסער לאַבאָראַ־טאָריע, ווו עס האָט זיך געפורעמט די פּסיכיק פון דעם יידישן קינד און ס'האָט זיך צעמענטירט זיין גייסטיקער צובונד צום יידישן פאָלק. דאָ האָט ער געקאָנט זען בחוש, וויפל פרייד און זוניקייט עס ברענגט אַריין אייגענע פּראָגרעסיווע דערציִונג אין דער נשמה פון דעם יונגן דור אויך אין דער יידישער היים, אין לעבן פון זיינע עלטערן. דאָ האָט גרשוני געלערנט צו דערשפּירן די גוואַלדיקע אַחריות, וואָס די באַוועגונג טראָגט

כלפי דער צוקונפט פון פאָלק און וואָס איז זי מחייב מיט דעם פולן ערנסט פאַר דער דערציִונג און גייסטיקער באַוועגונג פון זיינע יינגסטע שביינגסטע בויער.

דורך ייווו"אָ האָט גרשוני געהאָט די געלעגנהייט מיטצובאַטייליקן זיך אין דער מאָביליזאַציע פון פאָלק ביים געפינען און צונויפזאַמלען די אַלטע, אין ניוועץ אויסגעבראַכטע, אָדער פאַרשליידערטע אין מיסט־קאַסטנס, אוצרות פון יידישן פאָלקס־שאַפן. דאָ האָט ער אַליין זיך אויס־געלערנט, און געלערנט אַנדערע צו שאַצן, ווי וויכטיק עס איז צוצוברענגען די דורותדיקע שאַפונג פון פאָלק צו יעדן איינעם, פאַרהיימישן די בריי־טסטע שיכטן מיט זייער אייגענעם גייסטיקן פאַרמעג, שפע, אַז די קולטור־דערפאַרונג פון פאָלק זאָל נישט בלייבן קיין אויסשליסלעכער אייגנטום פון יחידי־סגולה, נאָר דער קנין פון די המונים, פאַר וועמען עס גילט ווי דער קוואַל פון אייביקער באַנייונג און אויפפרישונג.

גרשוני איז געווען אַ נאה דורש ונאה מקיים. אַן אַקטיוויסט אויפן געביט פון פאַלעסטינע־אַרבעט, איז ער ביי דער ערשטער געלעגנהייט געוואָרן אַ פולער בירגער פון ארץ־ישראל, פון דער חלוצישער רעוואָ־לוציאָנערער שאַפנדיקער אַרבעטערשאַפט אירער און ער האָט זוכה געווען צו זיין דער שליח פון דער הסתדרות אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, בלייבנדיק טריי צו זיינע פאָליטיש־פּאַרטייאישע אָנשויונגען. אין דעם אָקעאַן פון גרעסטן יידישן מאַסן־ישוב האָט ער געזוכט דעם יידישן מענטש, וואָס זאָל מסוגל זיין צו דערהויבונג דורך דער רעאַליזיר־טער וויזיע פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. ער האָט געוואָלט צונויפזאַמלען דעם יידישן מענטש פאַר זעלבסט רעאַליזירונג דורך פאַרבינדן פערזענלעכן לעבנס־גורל מיט דעם ווערק פון אונדזער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג.

צו גרשוניס וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט. מען האָט אין אים גע־שפירט אוממיטלבאַר דעם אמת פון ארץ־ישראל, פונעם יידישן סאָציאַליזם, וואָס פירט דורך מיט אייגענע אָנשטרענגונגען די שענסטע, עמאַנציפּאַנ־רנדיקסטע רעוואָלוציע אין דער געשיכטע פון פאָלק און לאַנד.

גרשונין האָט מען געגלייבט. ער האָט אין זיין וואָפּנטאַש נישט פאַר־מאָגט קיין בליציקע מליצות און קיין קינסטלעכע פייערווערק. עס האָט פון אים אַרויסגעלויכטן אַן אינעווייניקסטער פייער פון אויפריכטיקער איבער־

צייגונג, פון זיין גלייכן, דירעקטן, אָפענעם בליק האָט אַרויסגעשיינט דער גלויבן אין דעם צוהערער, ווען ער וועט נישט נאַרן, ווייל ער איז נישט געגנידעריקט צו נאַרן זיך אַליין און פאַלשעווען מיט זיך גופא.

גרשוני האָט זיך נישט געשאַרט מיט זייטן־געגנגלעך, אָבער ער האָט זיך אויך נישט געשפּאַרט מיט די עלנבויגנס צום אויבנאָן און דאָך — אים האָט מען געמוזט פריער־שפּעטער דערזען. מ׳האָט אים נישט געקאָנט פאַר־בייגיין. צו שלאַנק איז געווען זיין הויכע פיגור, צו שאַרף איז געווען זיין בליק, און צו זיכער איז געווען זיין גאַנג.

איז ער געגאַנגען מיט דער באַוועגונג אָן קווענקלענישן און געווירקט מיט זיין גייסטיקער געשטאַלט, אַז די באַוועגונג זאָל כסדר גיין פאָרויס, נישט אָפּשטיין און נישט פאַרגליווערן זיך.

ער איז נישט געווען פאַרגליווערט און נישט געליטן פון דאָגמאַטיש־קייט. ער האָט געוווסט צו אַכטן טראַדיציע. אָבער נאָר יענע עלעמענטן אין איר, וואָס פאַרלירן נישט מיט דער צייט זייער זאַפטיקייט, נאָר ווערן, אדרבא, רייפער און דעריבער באַטעמטער. ער האָט נישט געדינט קיין שום עבודה זרה און נישט געלאָזט זיך בוקן און קניִען פאַר אָפּגעטער. ער האָט געהאַלטן פעסט די לוחות הברית פון אונדזער גרויסן לערער און וועגווייזער, בער באָראָכאָוו, און זיינע געבאָטן, געשטאַלטע און געהאַר־טעוועטע אינעם תחום פון יידישן גלות־לעבן און פונאַנדערגעשטראַלט אינעם אויפגייענדיקן ישראל, האָט ער געהויבן הויך ווי אַן עמוד האש פאַר די בויער און קעמפער פון יידישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן רענעסאַנס.

גרשוני האָט געהאַט די גרויסע זכיה צו באַטייליקן זיך אַקטיוו אין דער פאַרווירקלעכונג פון זיין לעבנס־אידעאַל. העלפן אויספלאַסטערן דעם וועג צו אים פאַר מיליאָניקע מאַסן, טועם זיין דעם געשמאַק פון יידישער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט אין אייגענעם אַלט־יונגן פאָטערלאַנד, זען מיט אייגענע אויגן און צוהעלפן מיט אייגענער האַנט דעם פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות און אַליין געשטעלט ווערן בראש פון דעם וועלט־פאַרבאַנד, די בראשית־שאַפונג פון דער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פועלי־ציון.

יאָרן זענען אַדורך. שטורמישע, דינאַמישע. די באַוועגונג האָט איר ראַם אויסגעברייטערט, די פּאָליטישע השפּעה פון אחדות־עבודה — פועלי־ציון איז אומגעהויער געשטיגן סיי ביי די אַרבעטער, סיי אין דער מדינה.

גרשוני איז געשטיגן דורך זיין טרייער טעטיקייט, צוליב זיין פּאָליטישן פאַרשטאַנד, טאַקטישן באַנעמען זיך און איידעלער חברישער אויפפירונג. ער האָט פיינלעך איבערגעלעבט די אַכזריותדיקע ראָל צו זיין אַן עדות פון דעם פּראָצעס, ווי דער גורל איז עוקר חבר נאָך חבר גריילעך פון יענער אַוואַנגאַרד שורה, ווו גרשוני האָט געשעפּט יניקה און ווו זיינע גייסטיקע אינדיווידועלע כוחות האָבן זיך פונאַנדערגעבליט. ער האָט זיך אַלץ מער געפילט פאַריתומט און אין דער זעלבער צייט געשפּירט די לאַסט פון פאַרגרעסערטער אחריות כלפּי דער פונאַנדערגעצווייגטער באַוועגונג. האָט זיין האַרץ מער נישט אויסגעהאַלטן, און די פאָן פון אבלות איז ווידער פאַרצויגן איבער אונדזערע געמיטער.

די באַוועגונג וועט אויך די איידעלע גרשוני־געשטאַלט אַריינפלעכטן אין געוועב פון אירע מוסטער־געשטאַלטן, וואָס סטימולירן זי צו ממשיך זיין איר היסטאָרישן גאַנג ביז צום פולן ניצחון פון סאָציאַליסטישן ציוניזם.

משה מענאַכאָווסקי

מ׳האָט אים, אַ פּנים, אין די גאָר יונגע יאָרן גערופן אין דערהיים משהל, און אַזוי איז געבליבן זיין אייגנטלעכער נאָמען עד היום, ווען ער איז דערגאַנגען צו די זיבעציק, ווען זיינע אייניקלעך זענען שוין אויך אין העכערן יוגנט־עלטער.

וואָס איז אַ נאָמען? האָט אַ מאָל געפרעגט אַ גרויסער שרייבער. דער אמת איז, אַז אַ נאָמען מיינט זייער אַ סך, אויב דער מענטש, וואָס טראָגט אים, שאַפט פאַר אים אינהאַלט. זאָגט דער נאָמען אויס דעם תוכן, נאָך איידער מען האָט באַוויזן צו דערקענען נענטער דעם מענטש און באַנעמען זיין עצם מהות. דער נאָמען זאָגט אָפט מאָל אויס דעם עיקר.

משהל מענאַכאָווסקי — דער נאָמען האָט מרמז געווען אויף אינטימקייט, רוּקייט, באַשיידנקייט, ס׳האָט געמיינט: געלאַסענער טאָן, אויפריכטיקייט. די אַלע שטריכן האָבן זיך פאַראייניקט אין אים און ער איז נאַטערלעכערהייט געוואָרן אַ לערער אַ דערציער. דערציערײַ איז אין זיין כאַראַקטער. שפּעטער, אין זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, האָט ער אויפגעהיט אָט־דעם גרונט־טאָן: די נטיה אַרומצונעמען פּראָבלעמען אין זייער פולן היקף און פּרובירן דערגיין צו זייער שורש, כדי דער אויספיר זאָל זיך „לייגן אויפן שכל״.

אין זיין וווינשטאָט בריסק, אין פּוילן, האָט ער פאַרנומען אַ צענטראַלן אָרט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. נישט נאָר אַלס לערער און דירעקטאָר פון דער באַראַכאָוו־שול; ער איז געווען פאַרפלאָכטן אין אַלע טעטיקייטן צווישן יידישע אַרבעטער און אינטעליגענץ. בריסק האָט גראָד פאַרמאָגט אַ היפּשע גרופּע טוער אין דער פאַרטיי פּועלי־ציון. מענאַכאָווסקי איז באַטראַכט געוואָרן ווי זייער קאָפּ און פירער.

דאָס מערקווירדיקע דערביי איז, וואָס ער איז געווען באַליבט און געאַכט נישט בלויז פון חברים, נאָר פון די אַלע, וואָס זענען געקומען אין באַרירונג מיט אים.

ער האָט אַרויסגערופן צו זיך דרך־ארץ צוליב זיין פיינער באַנעמונג

און עניוותדיקער אויפפירונג. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ „זיידענעם יונגנמאַנטשיק״, וועלכער וועט אַ פליג אויפן וואַנט נישט רירן, און דאָך איז ער געווען פעסט און אַנטשלאָסן אין זיינע האַנדלונגען.

די פּאַרטיי האָט אים געשעצט און אָנפאַרטרויט ערנסטע און פאַראַנט־וואָרטלעכע אַרבעטן און שליחותן.

מענאַכאַווסקי האָט פאַרטראָטן די פּאַרטיי אין אַ רײ אָרגאַניזאַציעס און קולטור־אַנשטאַלטן. אַלס פּעדאַגאָג איז ער געווען אַנגעזען אין דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (ציש״אָ).

אין קאַנאַדע — וויניפּעג און טאָראָנטאָ — האָט מענאַכאַווסקי ממשיך געווען זיין קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. דאָ האָט ער זיך אָפּגעגעבן אויך מיט שרייבן. גאַנץ אָפט האָט ער באַהאַנדלט פראַגן פון שול און דערציִונג. אין טאָראָנטאָ האָט ער בראש פון חברים, אויפגעשטעלט די באָראָכאָוו־שול, וואָס האָט אַ שם און אַלגעמיינע אָנערקענונג. די אַרויסלאָזן פון דער באָראָכאָוו־שול האָבן געבראַכט אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט יוגנט מיט וויסן, דער עיקר — מיט באַציִונג צו יידישער קולטור און פאַרשטענדעניש פאַר פראָבלעמען און נויטן פון יידישן לעבן. מענאַכאַווסקי, צוזאַמען מיט זיינע חברים־לערער האָבן נישט געפלעגט קיין שום פּאַרטיי־פּאָליטיק אין דער שול־אַרבעט. אָבער אָפּגעזען דערפון, האָבן זיי געוועקט ביי די תלמידים, ביי דער יוגנט, אינטערעס צו פּאָליטישע פראַגן, באַמיט זיך גלייך אין דער פריסטער יוגנט אויסוואָרצלען פּאַסיווקייט און ניהיליזם צום געזעלשאַפטלעכן געראַנגל. די דערציִונג איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם באָראָכאָוויזם אַלס לעבנס־באַנעמונג, וואָס האָט געזען דעם מענטש, ווי אַן אַקטיוון שותף אין דעם אַלעם, וואָס עס שאַפט די מענטשלעכע געזעלשאַפט, כדי צו קאָנען זיך פאַרמעסטן מיט דער שליטה פון דער סטיכיע, פון בלינדע נאַטור־כוחות אויפן מענטש.

מעכאַנאַווסקי האָט זיך באַטייליקט גאַנץ אינטענסיוו אין דער פּאַרטיי־פּרעסע, אַ לענגערע צייט געווען רעדאַקטאָר פונעם פּאַרטיי־אָרגאַן „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק״, ספּעציעל ווען די צייטשריפט איז צוליב געוויסע סיבות דערשינען אין טאָראָנטאָ.

משהל מענאַכאַווסקי האָט אין פּוילן איין צייט אויפגעשטעלט אַ דרוקעריי — און אַ דאַנק זיין אינטערעס איז טאַקע באַ אים אין דרוקעריי

דערשינען דער ערשטער באַנד פון מיין באַראַכאָוו־מאָנאָגראַפיע. ליידער איז מיר נישט געלונגען צו פאַרענדיקן די דאָזיקע אַרבעט, און זי איז אין יענעם צושטאַנד געבליבן עד היום, די איינציקע באַראַכאָוו־מאָנאָגראַפיע אין אַזאַ היקף.

שוין גאָר די לעצטע יאָרן האָט מענאַכאָווסקי אַליין אַרויסגעגעבן זיינע אַ פּאָפּולערע בראָשור וועגן באַראַכאָווס לעבן און שאַפן, וואָס גיט אַ מעגלעכקייט צו באַקומען אַן אַלגעמיינעם באַגריף וועגן באַראַכאָווס לעבנס־אויפטו. און דאָס איז אָן ספק שטאַרק צו באַגריסן.

צענדליקער יאָרן איז משהל מענאַכאָווסקי געגאַנגען מיט זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן גאַנג און אויפגעצויגן דורות יידישע יוגנט אויף יסודות פון געזונטער יידישער קולטור.

ער האָט אַרויסגערופן צו זיך אַכטונג און אָנערקענונג מצד ברייטע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט.

י. זרובבל

ד"ר ברוך אייזנשטאַט

ד"ר ברוך אייזנשטאַט איז געווען ד"ר מעדיצין, אָבער מיר האָבן אים אין וואַרשע דערקענט נאָענט ווי אַן אויסגעצייכנטן פּעדאַגאָג. ער האָט אויסגענוצט זיינע וויסנשאַפטלעכע ידיעות און דערפאַרונג אין מעדיצין, כדי צו דערציִען די ברייטע מאַסע פאָלקס־מענטשן און אַרבעטער, ווי צו היטן דאָס געזונט און ווי צו אַנטוויקלען דעם געזונטן גייסט אין אַ גע־זונטן אָרגאַניזם.

אַ זעלטן ליבער מענטש, אַ באַשיידענער, צוריקגעהאַלטענער, האָט ער געמאַכט אַ טיפן רושם אויף חברים און אויף אַלע, וואָס האָבן זיך מיט אים געטראָפן, ווי אַ מענטש אַן ערנסטער, וואָס איז בלב ונפש איבער־געגעבן דער צענטראַלער אידעע פון זיין לעבן און טעטיקייט — קעמפן קעגן עם־הארצות, אַריינטראָגן וואָס מער ליכט אין די אָרעמע הייזער און וועקן דעם זעלבסט־באַוווסטזיין און יידישע זעלבסט־אַכטונג.

ער איז געווען אַ סאָציאַליסט, ריכטיקער — אַ סאָציאַליסטישער ציוניסט נאָך פון דער פריסטער קינדהייט. זיין יחוס־בריוו איז געווען, וואָס ער איז אַ זון פון יוסף אייזנשטאַט. איך האָב גוט געדענקט, אַז אין פּאָל־טאַווע, בעת מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט צו דעם ערשטן גרינדונגס־צוזאַמענ־פאָר פון פּועלי־ציון און אויסגעקוקט זיך די אויגן אויף יעדן פרישן דע־לעגאַט, וואָס האָט געזאָלט קומען, האָבן מיר דערהאַלטן אַ טעלעגראַם פון מינסק, אַז דער חבר ברזילי פון באָריסאָוו איז קראַנק געוואָרן און וועט נישט קומען.

חבר באָרוכסאָן (שפּעטערדיקער אלכסנדר כאַשין) האָט אונדז דער־ציילט וועגן דעם חבר ברזילי, אַז דאָס איז געמיינט יוסף אייזנשטאַט, דער טעטיקסטער חבר, וואָס האָט אויפגעשטעלט אין דער מינסקער געגנט פּועלי־ציון־גרופּעס און האָט זיך געגרייט קומען צו דעם צוזאַמענפאָר.

יוסף אייזנשטאַט איז געווען דעמאָלט אַרומגענומען מיט מעשיות און לעגענדעס וועגן זיינע אויפטוען און וועגן זיין רעדנער־פעִיקייט, דורך

וועלכע ער געווינט די הערצער און די מוחות פון זיינע צוהערער לטובת דעם ציוניזם.

ברוך אייזנשטאַט האָט נישט געלעבט מיט יחוס־אָבות בלויז. ער אַליין איז געווען דורכגענומען מיט דער אידעע פון פועלי־ציוניזם און אָפּגעגעבן זיין פרייע צייט דער פּאַרטיי, לעבנדיק אַליין אין גרויסער דחקות מיט זיין פרוי און קינד.

ס'איז געווען אין דער תקופה, ווען עס האָט זיך פונאַנדערגעוואַקסן די יידישע שול־נעץ אין פוילן און ברוך אייזנשטאט איז געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע פאַרשטייער פון דער פּאַרטיי אין ציש״אָ. אים האָט אינ־טערעסירט די בילדונג פון יונגן דור, און מיט זיין הילף האָט די פּאַרטיי אויפגעשטעלט צענדליקער אָוונט־קורסן און אָוונט־שולן איבער גאַנצן לאַנד.

ער האָט געהאַלטן, אַז כדי צו דערציִען ווי געהעריק די קינדער, מוז מען זיך פאַרנעמען קודם מיט די עלטערן. כ'דערמאָן זיך, ווי ער האָט מיר דערציילט וועגן אַ שמועס מיט אַ פרוי, וועמען ער האָט געפּרובירט געבן אַ לעקציע אין היגיענע און אין דערציונג פון קליינע קינדער. די פרוי האָט אים מיט אַן איראָנישן שמייכל אויסגעהערט און דערנאָך אַ זאָג געטאָן: הער דאָקטאָר, איר קומט מיר דערציילן, ווי מ'דאַרף זיך באַגיין מיט קינדער. ס'איז אַן איבעריקע אַרבעט. איך האָב געגוג אייגענע דערפאַרונג. איך האָב שוין נישט פאַר אייך געדאַכט עטלעכע קינדער באַגראָבן. דערויף האָט דער דאָקטאָר באַמערקט שאַרף: ווי צו באַגראָבן קינדער ווייסט איר זיכער. אָבער איך וויל, איר זאָלט לערנען, ווי צו דערציִען קינדער צום לעבן. צו דעם דאַרפט איר זיך נאָך אַליין דערציִען...

ער איז געווען דער ריכטיקער טיפּ פון אַ פאָלקס־דאָקטאָר, וואָס אַז ער קומט צום חולה, פאַראינטערעסירט ער זיך מיט זיין אַלגעמיינער לאַגע, מיט דער סביבה, אין וועלכער דער חולה פאַרברענגט זיינע טעג און נעכט, מיט זיין מאַטעריעלער לאַגע און ד. גל. ער ווערט אַ הויז־פריינד, וואָס זיין עצם באַווייזן זיך אין שטוב ברענגט אַריין האָפענונג און ליכטיקייט.

ברוך אייזנשטאַט האָט געהאַלטן לעקציעס איבער דערציִונג און בילדונג, אָבער אויך וועגן פּאָליטישע פראַגן האָט ער אַ סך געהאַט צו זאָגן. אַרויסגעטרעטן אויף פּאָליטישע מיטינגען און אויפקלער־פאַרזאַמלונגען

בעת וואַלן. דער עיקר האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט דער בילדונגס־אַרבעט אויף יידיש.

אויף דעם צווייטן שול־צוזאַמענפאַר איז ער געווען אין דער אָנ־פירונג פון אונדזער פראַקציע, וואָס האָט געציילט איבער 140 חברים. ס'איז פאָרגעקומען אַן ערנסטער צוזאַמענשטויס מיט דער פראַקציע פון „בונד" און זיינע אונטערהעלפער פון דער פאָלקס־־פאַרטיי אַרום דעם ענין רדיפות אויף יידיש אין ארץ־ישראל. כאַראַקטעריסטיש איז געווען צו זען, ווי ווייט ס'איז דערגאַנגען די שנאת־ציון באַ די דאָזיקע קעגנער פון ציו־ניזם, די הייסע יידישיסטן האָבן בשום אופן נישט געוואָלט דערלאָזן צו אָפּשטימען אַ רעזאָלוציע קעגן די רדיפות, ווי ס'האָט אַריינגעטראָגן אונדזער פראַקציע. פאַר וואָס האָבן זיי עס געטאָן? פשוט, זיי האָבן געוואָלט אויסמיידן אַן אומבאַקוועמע סיטואַציע. אין פרינציפּ האָבן זיי דאָך געדאַרפט שטימען קעגן רדיפות אויף יידישער שפּראַך, ווו זיי זאָלן נישט זיין. אָבער דאָ האָט זיך פאַרט געהאַנדלט וועגן פּאַלעסטינע. אין דעם מאָמענט, ווי ס'ווערט אָנגענומען מיט זייער הסכמה אַזאַ רעזאָלוציע, מיינט עס, אַז זיי געבן צו בפרהסיה, אַז פּאַלעסטינע עקזיסטירט טאַקע און אַז דאָרט איז פאַראַן אַ יידישער ישוב און אַז אונדז גייט אָן, ווי אַזוי אָט דער ישוב אין פּאַלעסטינע פירט זיך אויף... דאָס האָט זיי דאָס האַרץ נישט געלאָזט. באַדיי פאַרשווייגן די רדיפות אויף יידיש, אבי פּאַלעסטינע זאָל נישט דערמאָנט ווערן, ווי אַ יש. די מערהייט האָט אויסגעפירט, און דער אַנטי־ציוניזם איז געראַטעוועט געוואָרן...

אין היץ פון געראַנגל האָט אונדזער פראַקציע אַפילו פאַרלאָזט איין זיצונג פון צוזאַמענפאַר. ד״ר ברוך אייזנשטאַט איז געווען פון די אַנט־שידנסטע קעמפער פאַר אונדזער רעזאָלוציע, דערוויינדיק, צו וועלכן אַבסורד די שנאת־ציון דערפירט „פרינציפּיעל" אויסגעהאַלטענע יידישיסטן.

די געזעלשאַפט „אַוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע" האָט זיך אויסגע־ברייטערט און געהאַט אָפּטיילונגען אין צענדליקער שטעט און שטעטלעך פון פוילן. די אָפּטיילונגען האָט מען געדאַרפט וואָס אָפטער באַזוכן, כדי צו אינסטרויִרן די אָרטיקע טוער און כדי פון צייט צו צייט אָפּפרישן די קולטור־טעטיקייט. געווען באַ אונדז אַ גרעסערע גרופּע אינטעליגענץ פאַר דער דאָזיקער טעטיקייט, צווישן זיי ד״ר ר. מאַהלער, יוסף ראָזען, שעבניצקי, א. פריינד, עמנואל רינגעלבלום און אַנד. ד״ר ברוך אייזנשטאַט

האָט אומדערמידלעך געווירקט אויף אָט דעם פּראָגנט און ער האָט געוווּנען די סימפּאַטיע און צוגעבונדנקייט פון טויזנטער יוגנטלעכע. באַ אים האָבן זיי געפונען נישט נאָר אַבסטראַקטע טעאָרעטישע הנחות, נאָר בפירוש ידיעות, וואָס זענען זיי צו נוץ געקומען אין זייער טאָג־טעגלעכן פּאַרקער און אויסקומעניש. און אַלץ האָט ער אונטערגעטראָגן אַזוי פשוט, פאָלקס־טימלעך, צוגענגלעך צו יעדן נישט־געבילדעטן מוח.

די פּאָליציי האָט נישט גערן געהאַט די שול־טעטיקייט פון דער ציש״אָ. ס'איז איר כלל וכלל נישט געווען צום האַרצן די אַרבעט פון דער געז. „אָונט־קורסן״, שוין דערפאַר, ווייל דאָ האָט מען געהאַט צו טאָן מיט מער דערוואַקסענע, וואָס זענען געווען אַ מער פּאַסיקער עלעמענט פאַר דער קראַמאָלע...

נאַטירלעך האָט די פּאָליציי געהאַט אַן אויג אויפן דינאַמישן ד״ר ברוך אייזנשטאַט, וואָס אָט איז ער דאָ און אָט איז ער דאָרט און ווו מען זייט אים נישט, דאָרט וואַקסט ער אויס. האָט זי אויסגענוצט דעם פאַקט, וואָס אייזנשטאַט איז געווען אַ סאָוויעטישער בירגער און נאָך זיין אַרעסט דערקלערט, אַז זי וועט אים געבן די מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד, אויב די סאָוויעט־מאַכט וועט מסכים זיין אים אַריינצולאָזן צו זיך.

ער האָט דווקא געהאַט אָנגעגעבן אַ בקשה צו באַקומען פּוילישע בירגערשאַפט. אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק וועגן צוריקפאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד. אַזאַ רייזע איז אים נייטיק געווען ספּעציעל אין פאַרבינדונג מיט אַרויסקריגן די אָפיציעלע פּאַפּירן פון זיין שטודיום, כדי ער זאָל קאָנען זיך באַנוצן אָפיציעל מיט זיין דיפּלאָם פון יוריעווער אוניווערסיטעט.

נישט ווינציקער דערפון האָט אָבער אייזנשטאַט געקעכלט דעם געדאַנק וועגן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. ער איז געשטאַנען אין כסדרדיקער פאַרבינדונג מיט זיינע ברידער דאָ אין לאַנד און געזוכט אויפצוקלערן די עווענטואַליטעט פון זיין באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. ער איז גרייט געווען ממשיך צו זיין דאָ באַ זיין „פאַך״, אַלס לערער איבער אַ ריי קעגנשטאַנדן, אין וועלכע ער איז געווען אַ מומחה. אויך אַלס מעדיצין־דאָקטאָר האָט ער געהאַט אויסזיכטן. ער איז נאָר נישט געווען זיכער, צי וועט אים נישט זיין קיין מכשול זיין אינטימע באַציִונג צו יידיש, וועלכע

האָט געהאַט צו יענער צייט אויסצושטיין געגוג צרות מצד דעם „גדוד מגיני השפה״, און זיינע איינשטעלונגען אַלס לינקער פּועל־ציון.

די פּוילישע דעפּענסיווע האָט אים איינגעשפּאַרט די מי פון אויסקלייבן אַ ברירה צווישן די אַלע פּלענער. ס׳איז געשטאַנען שאַרף און אַנטשידן די פראַגע וועגן ראַטנפאַרבאַנד. אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ־ישראל איז אומ־מעגלעך געווען צו קריגן פאַר אים. דער סאָוויעטישער קאָנסול האָט מסכים געווען אים אויפצונעמען, און דעם 8טן אָקטאָבער 1927 האָבן מיר מיט טיפן פאַרדרוס און ווייטאָג זיך געזעגנט מיט ד״ר ברוך אייזנשטאַט, וואָס האָט באַוויזן צו דערווערבן אַלעמענס ליבע און דרך־ארץ.

ליידער האָבן מיר נישט געהאַט קיין גענויע קאָנטראָלירטע ידיעות וועגן אייזנשטאַטס טעטיקייט אין ראַטנפאַרבאַנד. מיר האָבן געוווּסט, אַז ער איז געבליבן טריי זיינע פּרינציפּן און דער אידעע, וואָס איז שוין געווען אין זיין בלוט.

מיר האָבן געוווּסט, אַז ער גיט זיך אָפּ מיט זיין פּראָפעסיע אַלס דאָק־טאָר, גיט אַרויס פּאָפּולערע ביכער וועגן פאָלקס־געזונט. מיר האָבן אָבער געזען, אַז אין אַ הקדמה צו אַזאַ מעדיציניש ווערק האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק צו פאַררופן זיך אויף אַ זאָג פון... סטאַלינען. ווייזט אויס, כדי צו כשרן זיין שרייבן.

אין דעם ספר וואָס זיין ברודער, פּראָפעסאָר שמואל אייזנשטאַט האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1965 וועגן זייער פאָטער, יוסף אייזנשטאַט, איז דאָ אַ קאַפּיטל, געווידמעט אונדזער חבר ברוך, און פון דאָרט דערוויסן מיר זיך, אַז „אַ מערדערישע, פאַרשאָלטענע און געמיינע האַנט האָט זיך אויס־געשטרעקט צו אים, און ער איז געווען דער ערשטער צווישן די בלוט־קרבנות אין יאָר 1937. ער איז פּלוצים אַרעסטירט געוואָרן און דער־מאָרדעט ערגעץ באַ די גרענעצן פון סיביר, און ביזן היינטיקן טאָג ווייסט מען נישט, ווו ס׳איז דער קבר פונעם געליבטן ברודער, דעם טייערן מענטש, דעם געוויסן־ריינעם טרייען ייד און מענטש, דעם איניציאַטיוו־פולן אַקטיוון ד״ר ברוך אייזנשטאַט״.

ער איז געווען און געבליבן דער לויטערער הערלעכער טיפּ פון אַ טרייען פּועלי־ציון טוער אין אַלע אומשטענדן.

מאַקס פעדערמאַן

אין קאַנאַדע זענען אונדזערע חברים פון תמיד אָן אַקטיוו אין דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג. על פי רוב האָבן זיי עס געבראַכט מיט זיך פון דער אַלטער היים — פון פוילן. פאַראַן חברים, וואָס פאַרנעמען אַ ביז גאָר וויכטיקן אָרט אין זייערע יוניאָנס. אָבער אויב איך וויל אויסטיילן אַ חבר, וואָס רעפּרעזענטירט צום שטאַרקסטן אונדזער יוניאָניזם, איז עס אָן ספק חבר מאַקס פעדערמאַן פון טאָראָנטאָ. ער איז דער אַקטיווסטער צווישן די אַקטיווסטע, ער אַליין קאָן סימבאַליזירן דעם שווערן דערנערפולן וועג פון קאַמף, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין דער יוניאָן־באַוועגונג.

גענוג צו דערמאָנען דעם קאַמף, וואָס וועט אָן ספק פאַרנעמען אַ וויכטיק בלאַט אין דער געשיכטע, צווישן דער פאַריערס־יוניאָן אין טאָ־ראָנטאָ און דער קאָמוניסטישער צענטראַלע אין ניו־יאָרק. דער קאַמף האָט אויפגערודערט ממש די גאַנצע אַרבעטערשאַפט און די פּראָגרעסיווע געזעל־שאַפטלעכקייט. די קאָמוניסטן האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פון צו באַנוצן די ברוטאַלסטע מיטלען אַבי אַרויסצורייסן די שליטה פון פעדערמאַנס הענט אין טאָראָנטאָ. עס איז דערגאַנגען צו בלוטיקע ברודער־קאַמפן, אָבער פעדערמאַן איז געשטאַנען שטאַל און אייזן אויף זיין פּאָזיציע און זיך נישט אונטערגעגעבן.

ווער געדענקט נישט דעם ווייַ־געשריי־אַרטיקל פון דעם דיכטער ה. לייוויק קעגן יענע ברודער־קאַמפן. אָבער די קאָמוניסטישע הערשער פון ניו־יאָרק האָבן זיך פאַרלייגט מיט אַלע כוחות און געוואָלט ברעכן די האַרטנעקיגקייט פון דעם טאָראָנטער אַפּטייל.

מאַקס פעדערמאַן האָט דעמאָלט מאָראַליש און פּאָליטיש מאַניפעסטירט, וואָס הייסט טרייַשאַפט פון אַ מיטגלידערשאַפט צו איר אָנפירונג, בעת די אָנפירונג ווייסט צו שטיין באמת ערלעך און עקשנותדיק אויף דער וואַך פון די אינטערעסן פון די אַרבעטער. לאַנגע וואָכן און חדשים האָט געדויערט דער געראַנגל, און פעדערמאַן האָט אויסגעהאַלטן און ...אַרויס מיט פולן ניצחון. ס'האָט געזיגט די דעמאָקראַטיע קעגן ביוראָקראַטיזם. די

אידעישע אויסגעהאַלטנקייט קעגן פאָרמעלע יעזויִטישע קאָנשאַכטן פון אַ קליקע, וואָס וויל דוקא אַרויפצווינגען איר הערשאַפט אויף די אַרבעטער ווייל זי באַזיצט די מאַכט און די מיטלען.

מאַקס פעדערמאַן איז אויסגעוואַקסן אין יענעם געשפּאַנטן דראַמאַטישן געראַנגל צו אַ היסטאָרישער צענטראַלער פיגור אין דער אַמעריקאַנער יוניאָן־באַוועגונג. ער איז אַנגענומען און אָנגעזען אין די אַרבעטער־קרייזן, אויף יעדער לאַנד־קאָנווענשאַן הערט מען זיין וואָרט און מען דריקט אים אויס נישט איינמאָל פולע אָנערקענונג און סימפּאַטיע.

מאַקס פעדערמאַן איז דער פאָרזיצער פון אונדזער פועלי־ציון פּאַרטיי אין טאָראָנטאָ. ער זאָרגט טאָג ווי נאַכט פאַר איר וווּקס און אַנטוויקלונג. מיר האָבן אין טאָראָנטאָ אַ גאַנצן שטאַב טוער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון ערשטן ראַנג, און יעדער איינער פון זיי צייכנט זיך אויס אויף זיין פּאָסטן, ווי אַן אידעישער באַוווסטזיניקער טוער מיט אַ ווייטער פּערספּעקטיוו און ברייטן פאַרנעם. זיי שפּילן אַ באַדייטנדיקע ראָל נישט נאָר אין דער ראַם פון יידישע אָנגעלעגנהייטן. זיי זענען פּאַקטיש אָנפירנ־דיקע פּערזענלעכקייטן אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג פון קאַנאַדע.

אָן ספק איז מאַקס פעדערמאַן די בולטסטע פיגור צווישן זיי. ער איז פאָלקסטימלעך, כ׳וואָלט זאָגן גוט־ברודעריש, אין בעסערן זין פון וואָרט, ער האָט חוש און פאַרשטענדעניש פאַר טאָג־בוויטן אויך פון יחיד און היט אָפּ זאָרגעוודיק די אַלגעמיינע באַדערפענישן פונעם קאָלעקטיוו. עס באַציען זיך צו אים מיט צוטרוי אויך די אַרבעטס־געבער, ווייל זיי ווייסן, אַז זיין וואָרט איז אַ וואָרט און זיין צוזאָג איז אַ צוזאָג, וועלכער ווערט רעאַליזירט.

מעקסי, ווי די חברים רופן אים פאַרצויגן, איז אין אַ געוויסן זין אַ ריזיקאַנט. ער האָט ליב איינצושטעלן אָבער נאָר דאַן, ווען ער איז זיכער אינעם ניצחונדיקן סוף. ווען ער זעט די רעאַלע וועגן וואָס פירן דערצו. ער קאָן די בויטן און פאַרלאַנגען פון די אַרבעטער נישט טעאָרעטיש; ער איז אַ רעאַלער פּאָליטיקער און לערנט פון דעם, וואָס ער זעט און פילט.

מאַקס פעדערמאַן איז געווען אין לאַנד ביי דער געבורט פון דער מדינה. ער איז אַ צווייט מאָל געקומען אין יאָר 1961, און דאָס לעצטע

מאָל — אין יאָר 1966. ער זיצט נישט כסדר אין האָטעל, נאָר ער נוצט אויס יעדע רגע צו זען דאָס לאַנד, זיינע אויפטועז אויף פאַרשידענע שטחים, ער האָט די מאָס צו פאַרגלייכן און אָפּשאַצן און צו זען אָביעקטיוו דעם זוויקס און די אַנטוויקלונג. ער קאָן אויסגעצייכנט אויך די דורכפאַלן. נאָר אים ראַטעוועט זיין אַלגעמיינע פּאַרטייאישע איינשטעלונג. אַזוי איז ער דאָס לעצטע מאָל געווען דער גאַסט פון דער קאָנפערענץ פון קיבוץ מאוחד. דאָרט האָט ער געהערט דעם אמת וועגן דער לאַגע און געשפּירט דעם פלאַם פון טיפן אינערלעכן גלויבן אין אונדזער צוקונפט.

כאַראַקטעריסטיש איז פאַר פעדערמאַנען, אַז בעתן ערשטן באַזוך איז ער פריער געווען אין די לאַגערן פון די געראַטעוועטע און געהאַט די שליחות פון דער קאַנאַדער רעגירונג איינצולאַדן יידישע אַרבעטער קיין קאַנאַדע צו זיכערער אַרבעט. נישט אַלע חברים האָבן צוגעשטימט צו אָט דער אויפגאַבע זיינער. אָבער ער איז געווען דערשיטערט צוליב דער לאַגע אין וועלכער ער האָט געטראָפן זיינע ליידנדיקע פּאַרצווייפלטע ברידער פון אוישוויץ און טרעבלינקע, בעת די מאַנדאַט־רעגירונג האָט מיט קאַנאָנען און קריגס־שיפן געטריבן די געוואָגטע מעפּילים צוריק אין לאַגערן. ער, ווי אַ סך אַנדערע ציוניסטישע מנהיגים, האָבן געוואָלט ברענגען תיכף הילף און רעטונג. ס׳איז אָבער געווען געגנוג, ער זאָל דערנאָך איינאָטעמען דעם קלימאַט פון דער יונגער מדינה און ער זאָל זיך מיטן גאַנצן טעמפּעראַמענט אָפּגעבן די פּראָבלעמען פון עליה אונטער אַלע אומשטענדן.

„איך האָלט עס פאַר אַ גרויסער זכיה צו געהערן צו דער יידישער פּאָליטישער פּאַרטיי לינקע פּועלי־ציון — איצט אחדות־עבודה — פּועלי־ציון, — וועלכע האָט די אויפגאַבע און די אַחריות צו שטאַרקן דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אידעאַל״, שרייבט פעדערמאַן. „עס מערקט זיך, אַז אין געוויסע קרייזן שעמט מען זיך לעצטנס מיט דעם אידעישן נעכטן; מען מיידט־אויס צו רעדן וועגן סאָציאַליזם... ער געהערט צו דעם דור פון די, וואָס שפּאַנען געטריי מיט זייער אידעאַל און ווייסן נישט פון אָפּווייכונגען און אָפּנויגן. נישט פאַראַן ביי אים קיין פּשרות און קאָנצעסיעס אין פראַגן, וואָס ע ר באַטראַכט פאַר הייליק. די פּאַרטיי איז זיין היים, זיין פאַמיליע, און זיין לעבן״. אָט די כאַראַקטעריסטיק גיט אייגנטלעך פעדערמאַן דעם טייערן חבר חיים פּאַפּיערניק פון מאָנטרעאַל צו זיין ווערן אַ בן ששים. אָבער אין דער אמתן איז עס די ריכטיקע זעלבסט־כאַראַקטעריסטיק פון

פעדערמאַנען גופא לגבי די, וואָס קאָנען אים זינט צענדליקער יאָרן ביי דער אַרבעט.

די פּאַרטיי — זי דאָמינירט אין אַלע זיינע האַנדלונגען, זי גיט אים די ריכטשנור פאַר זיינע אַרויסטרעטונגען אויף יוניאָן־פאַרזאַמלונגען און אויף מאַסן־מיטינגען.

איך האָב באַזוכט טאָראָנטאָ מערערע מאָל אין משך פון צענדליקער יאָרן. שטענדיק האָב איך געטראָפן מאַקס פעדערמאַנען אין זיין אַקטיווער פאָרעם, אין פולן אָפּטימיזם און קאַמפס־גרייטקייט. איך האָב אים געטראָפן נישט איין מאָל אין ניו־יאָרק, דאָ אין לאַנד, און לעצטנס — ביים יידישן וועלט־קאָנגרעס אין בריסל, ווי ביי חברשע צוזאַמענטרעפן. אומעטום און שטענדיק — דערזעלבער האַרציקער טרייער איבערגעגעבענער חבר, וועלכן דו קאָנסט זיך פאַרטרויען און פאַרלאָזן זיך אויף אים ווען נויטיק מיט אַלץ, אַלץ.

איך וועל נישט פאַרגעסן די גראַנדיעזע אונטערנעמונגען אין טאָראָנטאָ, וואָס מעקסי האָט דורכגעפירט מיט פאַרנעם און פאַרמעסט, און די ברייטע „פּובליסיטי", וואָס ער האָט געגעבן אין דער אַלגעמיינער, און נישט בלויז יידישער פּרעסע, נישט נאָר מיינע באַזוכן, נאָר דעסגלייכן אַנדערע פּאַר־טייאישע באַזוכן. ער איז שטאָלץ אויף זיין פּאַרטיי, און די פּאַרטיי קאָן זיין שטאָלץ אויף איר חבר, דעם אויסגעצייכנטן קעמפער און יוניאָן־פירער מאַקס פעדערמאַן.

ס'איז בפירוש נישט נייטיק צוצוגעבן דאָס זעלבסטפאַרשטענדלעכע, אַז מאַקס פעדערמאַן און זיין פרוי עוועלין זענען פון דער נאַטור ליבע מכניסי אורחים און באַמיִען זיך, אַז ווער עס באַזוכט זייער טאָראָנטאָ, זאָל זיך פילן היימיש אין זין פון חברישער אויפמערקזאַמקייט, אינטערעס צו די נויטיקסטע באַדערפעניש און דער עיקר, ער זאָל פילן, אַז טאָראָנטאָ איז טאַקע אַן אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האַלט הויך און שעצט די עטישע ווערטן, וואָס די פּועלי־ציון באַוועגונג האָט געשאַפן.

לייבל שמעוני

עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז לייבל חיין־שמעוני געהערט צו די ראשונים אין דער פועלי־ציון־באַוועגונג, הגם ער איז איצט געוואָרן ערשט זעכציק יאָר — דערמיט בין איך בשום אופן נישט אויסן צו באַהויפּטן, אַז שמעוני איז שווער באַוועגלעך, פיזיש צי גייסטיק, אַז ער רעאַגירט לאַנגזאַם און פּאַוואָלע אויף דערשיינונגען און פּאַסירונגען, אַז ער צייכנט זיך אויס מיט ניכטערן שיקול־הדעת, ווי אַ מענטש „אין די יאָרן"; דאָס גראָד נישט.

שמעוני פאַרמאָגט ברען און התלהבות, ווי אַ גאָר יונגער בחור. ער צינדט זיך אָן שנעל און פלאַמט מיט נייגעריקייט, האָט ליב „אַריינצוזאָגן", „דערלאַנגען אין דער זיבעטער ריפּ", דערציילן אַ פעפערדיקן וויץ און אויפנעמען אַ קאַמף דאָרט, וווּ יונגע וועלן זיך צוריקציען, מחמת, „ס'איז נישט כדאי".

שמעוני איז לויטן „פאַך" אַ „מעסטער". ער האָט אויסגעמאָסטן דאָס לאַנד, די פעלדער, די בערג און די וואַדיס אין אַלע ווייטסטע פאַרלעגנסטע געגנטן, אַראַבישע דערפער און יידישע קאָלאָניעס, קיבוצים און מושבות, אין די פוסטע וויטעניש אין צפון און אין דרום. אויסגעשטאַנען רעאַלע סכנות און נישט איינמאָל געקוקט דעם טויט אין פּרצוף. ער האָט עס געטאָן שוין כלל וכלל נישט אַלס טעכנישער פאַכמאַן, סיידן מען זאָל אָננעמען, אַז ארץ־ישראל איז מיט דער צייט געוואָרן דער אמתער פאַך זיינער. ער קען דאָס לאַנד, ווי אַ גוטער געניטער פאַכמאַן. אָבער ווי אַזאַ איינער איז ער אַ קינסטלער אין זיין פאַך. ער האָט ליב דאָס פאַך און האָט פון אים הנאה. ער קוועלט אָן פון יעדער דערגרייכונג און אויפטו, ווערט נישט מבולבל, אויך באַ אַ דורכפאַל און שטרויכלונג, ווייל ער איז אַן אמתער מאַמין, ער גלויבט אין אונדזערע כוחות און איז זיכער, אַז מיר וועלן אַלץ בייקומען און אַריבערקומען דאָס ערגסטע.

שמעוני איז אַ פועלי־ציוניסט בלב ונפש. פועלי־ציוניזם איז זיין מהות. ער איז אַ כתבא רבא, ער שרייבט „מיטביידע הענט". ער איז אַ מאַדים

אין שרייבן. פובליציסטיק, בעלעטריסטיק, רעפּאָרטאַזש, קאָרעספּאָנדענציעס. יידיש און עברית. ער באַנוצט זיך מיט עטלעכע פּסעוודאָנימען: ל. חיין, ל. שמעוני, אבא גוטעס, ר. גוטקין, ל. ליטוואַק א. א., אָבער שטענדיק איז ער טריי זיין אייגענער שיטה פון אויפנעמען זאַכן און רעאַגירן אויף זיי. ער האָט זיין סטיל, זיין לשון. זיין יידיש איז אַ קערנדיקער, אַ פאָלקסטימ־לעכער, אַ ברוויזנדיקער.

אין אַלעם גיט ער אויסדרוק זיין טעמפּעראַמענט, וואָס איז אומגעצ־צוימט, ווייסט נישט פון קיין לייצעס. ער איז אָפט נישט איבערקלייבעריש אין אַן אויסדרוק, אין אַ וואָרט. ער טרעפט תמיד אין פּינטל. ער ווייסט, וואָס ער וויל, ער ווייסט, וווהין צו צילן. ער איז דער טרעגער פון אַ געזעלשאַפטלעכער אידעע. ער פאַרמאָגט פון די פריסטע יוגנט־יאָרן אַן אידעאַל — פּועלי־ציוניזם, רעוואָלוציע אינעם יידישן לעבן, גרינטלעכע איבערגעבורט פון יידישן פאָלק. ער וויל פורעמען אַ נייעם נוסח אין אונדזער טאָג־טעגלעכקייט. דאָס וועט נישט קומען פון זיך, מעכאַניש. „פאַר דער פרייהייט מוז מען קעמפן", און שמעוני קעמפט זיין גאַנץ לעבן, מיט וואָרט, מיט פען און מיט ביקס.

ער קעמפט נישט ווי אַ צעשטערער, פאַרניכטער; אויף די חורבות פון דער אַלטער וועלט וויל ער אויפבויען אַ נייע יידישע וועלט, אַ נייעם יסוד און אַ נייע קולטור. פאַר אים מיינט קולטור דאָס פּאָזיטיווע, וואָס ברענגט צו שלום צווישן פעלקער און צו ברידערלעכקייט צווישן מענטשן. דער פונדאַמענט איז דער אַרבעטער־קלאַס. פאַר שמעונין איז אינטערנאַציאָנאַל נישט קיין פּוסטע פראַזע. זיין סאָציאַליזם שטאַמט נישט פון בראָשורן און פון אַגיטאַציע־בירזשע. ער האָט געהאַט אַ גוטן פעיקן רבי — די ווירקלעכקייט אין איר נאַטירלעכן, נישט פאַרמאַסקירטן פּנים מיט אַלע עוולות, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע, אינדיווידועלע חזרייען און קהלשע געמיינהייטן. ער האָט אַליין דורכגעמאַכט שבעה מדורי גיהנום אין זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און דורכדעם זיך פאַרשטייפט און פאַרפעסטיקט אין זיין אמונה, אַז ס'וועט ווערן אַנדערש, בעסער, ליכטיקער.

נישט נאָר אין ליטע, אין זיין געבורטס־לאַנד האָט ער געהאַט אויסצושטיין אַ לעבן פול געראַנגל אויף דער יידישער און אַלגעמיינער גאַס. ער האָט געהאַט אויסצוקעמפן פאַר זיך דאָס רעכט אויף ארץ־ישראל

אויך באַ יידן. פֿאַר אים איז געגוג געווען זיין צוגעהעריקייט צו פּועלי־ציון, כדי ער זאָל וועלן מיטן גאַנצן האַרצן און פולן ערנסט עולה זיין קיין ארץ־ישראל. האָט ער אָבער אָנגעטראָפֿן ראַגאַטקעס; נישט דווקא פֿון דער בריטישער מאַכט, נאָר דער עיקר — פֿון די ציוניסטישע אַפּוטרופּסים.

מען האָט נאָך דעמאָלט געמיינט ערנסט, אַז אין דער קומענדיקער מדינה וועלן די מזרח־וואַנט פֿאַרנעמען בויער און קעמפֿער פֿאַרן רעיון, פֿאַר דער וויזיע פֿון ציוניזם; וועלן די ערשטע אויך אינעם מדינה־פּראָנט זיין די קעמפֿער אויפֿן פּאָליטישן פּראָנט. דער קאַמף איז דעמאָלט געפֿירט געוואָרן אויף דער יידישער גאַס גופא. הײַנט ווייסן אַלע צו דערציילן אַז אפילו אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט מען געהאַט דעם ביטערן קאַמף ביים אָפּשלאָגן די אַטאַקעס פֿון די יידן־סאָציאַליסטן. שמעוני האָט געהאַט צו קעמפֿן קעגן די גזירות פֿון דעם ציוניסטישן פּאַלעסטינע־אַמט, פֿאַר וועמען לינקע פּועלי־ציון זענען נישט געווען כשר, מחמת זיי האָבן זיך באַצייטנס דערקענט אויף דער צווייפּנימדיקער פּאָליטיק פֿון די ממונים אויף דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע. ער האָט טעמפּעראַמענטפֿול געשטעמפּלט אָט־די „אינערלעכע פּאָליטיק", וועלכע האָט אויסגעטראָטן אַ ברייטן וועג פֿאַר כלערליי שונאי־ציון זיי זאָלן שפּעטער, בשעת חדווה, ווערן רעדלפֿירער און פֿאַרנעמען בכבודיקע פּלעצער אין דער יידישער מדינה, אויף וועמען זיי האָבן יאָרן לאַנג געגאָסן פּעך און שוועבל...

זינט שמעוני איז געקומען אין לאַנד, איז ער אַקטיוו אין דעם אויפֿבוי פֿון אונדזער לעבן דאָ. אין אַרבעטער־ראַט, אין פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין, אין קראַנקן־קאַסע אין קאָאָפּעראַטיוו, אינעם יידישן שרייבער־קלוב, אין דעם קרייז פֿון טעאַטער — אומעטום איז שמעוני באַם פֿאַרלייגן יסודות צווישן די ערשטע ציגל־ברענגער.

שמעוני איז דינאַמיש אין זיין אָפּרופֿן זיך אויף דערשיינונגען, וואָס זענען מחייב אַ שאַרפֿן, אָן משוא־פּנימדיקן אָפּרוף. נישט תּמיד זענען די רעדאַקציעס צופֿרידן און גאַנץ אָפֿט וואָלטן זיי גערן אַראָפּגעשלונגען אַ נעגאַטיווע ידיעה, אַ פֿאַקט, מחמת עס קאָן פּוגע זיין נאָענטע אייגענע מענטשן, צי גאָר אינסטיטוציעס. שמעוני פֿאַרמאָגט אָן איינגעבוירענע אייגנשאַפֿט אָנצוזעצן זיך מיט אומברחמנותדיקער קריטיק דווקא אויף

אייגענע אינסטיטוציעס צי אָרגאַניזאַציעס. אין דעם סימבאָליזירט ער עד היום די ערשטקייט פון אונדזערע בויער, דעם אומגעפעלשטן חלוצישן כאַראַקטער זייערן: ארץ־ישראל דאַרף גילטן ווי אַ מוסטער. אמת, עס זענען פאַראַן פלעקן אויך אויף דער זון. יעדע מדינה האָט אירע פגימות. ניין, אָט־דעם תירוץ וויל שמעוני נישט אָננעמען. נישט דערצו זענען מיר געקומען אַהער און זיך פרייוויליק אַריינגעוואָרפן אין אַ געראַנגל נישט נאָר מיט דער מדברדיקער וויסטעניש און פאַרוואָרלאָזטקייט.

„נישט אמת", שרייט אַרויס פון אַלץ, וואָס שמעוני טוט, שרייבט, רעדט; די יידישע „נאַטור" איז פאַרקריפּלט געוואָרן אין משך פון דורות, אַ דאַנק דער גלותדיקער פסיכאָלאָגיע פון נאָכמאַכן און צופּאַסן זיך צו אַנדערע. מיר קענען און מוזן זיין אַנדערע, וויבאַלד מיר אַליין בויען אונדזער נייִ לעבן אויף אייגענער אחריות. ובערת הרע מקרבך. זיין גאַנצן פּאַטאָס און גרימצאָרן קעגן דאָס בייזע, שלעכטע און חילול היידישן שם לאָזט־אויס שמעוני צו אייגענע, צו אייגענער פּאַרטיי, צו אייגענער הסתדרות, צו אייגענע אַנשטאַלטן. אַלץ, אַלץ קימערט אים. די באַהאַנדלונג אין קופּת־חולים, די געשעפטן פון „תנובה", דריידלעך און פּראָטעקציאָניזם בײַ אַרויסשיקן אַרבעטער אויף אַרבעטס־פּלעצער, קאָמבינאַציעס בײַ איינאָרדענען עולים אין שיכונים. שמעוני רעאַגירט שאַרף און אַנטשיידן. הלוואי וואָלט מען זיך צוגעהערט צו זיינע געוואַלד־געשרייען אין צייט!

שמעוני איז אין זיין כאַראַקטער אַ פּיאָנער. נישט נאָר אין קאַמף פאַר די רעכט פון יידיש אין ארץ־ישראל, פאַר דער חשיבות פון דער שפּראַך, אין וועלכער עס איז אויפגעקומען אין משך פון דורות די יידישע שאַפונגס־קראַפט; שמעוני האָט אַליין געשאַפן, אויפגעשטעלט די ערשטע טריבונעס פאַרן יידישן וואָרט און שריפט אין לאַנד. געווען דער איניציאַטאָר פון דעם ערשטן טעאַטער־ווינקל, אויפצופירן פּיעסן אין יידיש און לייטערן דעם געשמאַק פון די מאַסן, וואָס זייער איינציקע שפּייז איז געווען יידיש.

נישט איינמאָל איז שמעוני אַרויסגעפאָרן אין שליחות צו די יידישע תפוצות. ער האָט באַזוכט ביידע אַמעריקעס, פּוילן, מערב־אייראָפּעאישע יידישע ישובים. אומעטום האָט ער אַריינגעבראַכט דעם ריח פון ארץ־ישראלדיקן באָדן, געמאָלן דאָס נישט געפעלשטע בילד פון חלוצישן בוי־

און גערעַנגל, און זיין חברישער צוגאַנג צו יידישע פאָלקס־מענטשן האָט אָן ספק געהאַט אַ גרויסע און שטאַרקע פעולה.

ער איז פאָלקס־מענטש לויט זיין נאַטור — דעריבער איז ער אַזוי אויסגעבונדן מיטן נאַטירלעכן שכן, דעם אַראַבישן פאָלקס־מענטש. ער קען זיין לעבן, זיין שפּראַך, זיינע מנהגים און געוווינהייטן. שעצט ער אים און באַציט זיך צו אים ווי צו אַ גלייכן. שמעוני איז פאַרחברט מיט אַלע עדות, מיט די אָריענטאַלישע יידן, ווי מיט די אייראָפּעאישע. פאַר אים גילטן נישט קיין קינסטלעכע מחיצות, אפילו ווען יענע האַלטן אָן דורות. זיי מוזן פאַרשווינדן מיט דער צייט. נישט דורך מליצות און דרשות, נאָר דורך געמיינזאַמער אַרבעט, גלייכע באַדינגונגען, דערציונג און בילדונג.

שמעונים בעלעטריסטיק איז אַ דורכויס ארץ־ישראלדיקע. נישט נאָר די טעמאַטיק איז אַ היגע; אויך די באַהאַנדלונג דער טיפּאַזש, די נאַטור און די פסיכיק, די אַטמאָספער און די לופט. ער האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער. פאַראַן אין זיין טיש־שופלאָד מער. ער איז מלא וגדוש. ווייל ער לעבט מיט אַלע חושים. באַטייליקט זיך אין געזעלשאַפטלעכן גערעַנגל און קען אויסגעצייכנט דעם יחיד. ער איז אַן אייגענער אויפן מאַרק, פילט זיך היימיש אין שול, אַ פּרעכטיקער אונטערהאַלטער אין אַ חברישער מסיבה, אַ פלאַמיקער רעדנער אויף דער טריבונע און אַ גוטער זיידע צו זיינע אייניקלעך.

עס איז נאָך ווייט פון מאַכן סך־הכלען פון שמעונים לעבנס־ווערק. ער איז אין סאַמע מיט פון זיינע שעפערישקייטן.

י. זרובבל

חיים קראַפט

דעם נאָמען חיים קראַפט האָב איך געהערט לאַנג איידער איך האָב באַזוכט בוקאָווינע און זיך געטראָפן מיט דעם אַקטיוון חבר פון טשערנאָוויץ. איך האָב פון ווייטן געוווסט זיין באַדייטונג פאַר דער פועלי־ציון אָרגאַניזאַציע אין יענעם טייל פון דער עסטרייך גאַליצישער פאַרטיי. איך האָב געהאַט אַ גאַנץ קלאָרן באַגריף וועגן אַ ריי חברים, וואָס האָבן דאָרט אַקטויִרט, און שוין דאַן האָט זיך אָט־דער נאָמער אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדערן קלאַנג, אַרויסגערופן אַ באַזונדערע שטראַלנדיקע אַסאָציאַציע.

אין יאָר 1930 האָב איך באַזוכט טשערנאָוויץ ווו כ׳בין איינגעלאַדן געוואָרן דורך דער קולטור־פעדעראַציע צו אַ ריי רעפעראַטן אויף יידיש־געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעמעס; שפּעטער — אין בוקאַרעשט, האָב איך נענטער זיך באַקענט מיט חיים קראַפט און מיר האָבן זיך באַפריינדעט. ס׳איז דאָך אוממעגלעך געווען צו בלייבן קאַלט און פאַסיוו צו אים נאָכדעם, ווי מען האָט זיך מיט אים געטראָפן און געהאַט אַ שמועס. עס האָט פון אים געשטראָמט וואַרעמקייט, אינטימקייט, ערלעכקייט און אויפריכטיקייט.

אין פוילן האָבן מיר געהאַט אַלס ערשטן דעלעגאַט פון בוקאָווינע דעם פּראָפעסאָר לעקער. פון אים האָבן מיר געהערט, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, דעם ערשטן גרוס פון קראַפטן.

פאַר מיר האָט ער געגאָלטן, ווי איינער פון די ראשונים. נישט נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט געהערט צו דער קליינער גרופּע, וועלכע האָט אויפגעשטעלט די ערשטע פועלי־ציון אָרגאַניזאַציע אין בוקאָווינע. בײַ מיר האָט דעצידירט גאָר אַן אַנדער מאָמענט אין דער דערשיינונג חיים קראַפט — זיין געוואַלדיקע מאָראַלישע אויסגעהאַלטנקייט און פעסטקייט, זיין אומאיבערגעריסענע טריישאַפט צו אונדזער אידעאַל. און דער אידעאַל גופא — דער סאָציאַליסטישער ציוניזם, ווי ס׳האָבן אים אויסגעטראָגן און אויסגעווייטיקט די ראשונים אין רוסלאַנד מיט באָראָכאָוון בראש.

מעגלעך, אַז אויף קראַפּטן האָט משפּיע געווען זיין לענגערע צוזאַמענ־אַרבעט אין ווין מיט באָראָכאָוון און קאַפּלאַנסקין. דער פֿאַקט איז, אַז נישט געקוקט אויף די אַלע גלגולים, וואָס בוקאָווינע האָט דורכגעמאַכט אונטער די פֿאַרשידענע פּאָליטישע רעזשימען, איז חיים קראַפּט געבליבן פֿעסט אויף זיין אידעיִשער פּאָזיציע און זיך נישט איינגעבראָכן אפילו אין די ערגסטע צייטן פֿון יעווסעקישער שליטה איבער דעם יידישן געזעל־שאַפֿטלעכן לעבן אין רומעניע.

חיים קראַפּט האָט אַלס יונגער סטודענט אָנטייל גענומען אין דער באַרימטער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ. אָן ספק, איז ער מושפּע געוואָרן פֿון דער באַגעגעניש מיט די קאָריפֿייען פֿון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור דענסמאָל. ווער ס׳האָט פֿאַרזוכט צו זיין אין דער מחיצה פֿון י. ל. פּרץ, צי נתן בירנבוים, אָדער ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, האָט געמוזט דערפֿילן די שטראַלן וואָס האָבן זיך צו אים געצויגן פֿון זייער פּערזענלעכקייט. ס׳איז דאָך אמת, אַז אין אַזעלכע פֿאַלן אין משפּיע נישט נאָר די פֿאָרמולירטע אידעע, דער אַרויסגעבראַכטער געדאַנק. נאָך מער ווירקט די פּערזענלעכקייט פֿון דעם, וואָס ברענגט אַרויס די אמתן. נישט יעדער איינער איז מסוגל אויפֿצונעמען אַזאַ גייסטיקע השפּעה. חיים קראַפּט האָט געהאַט די פֿעיִקייט, ווייל ער אַליין איז מיט דער צייט געוואָרן אַזאַ איינער, וואָס האָט געווירקט אויף זיינע מיטצייטלער נישט נאָר דורך זיינע אידעען, נייערט דורך זיין אויסשטראַלנדיקער פּערזענלעכקייט.

ער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פֿון דער אָרגאַניזאַציע, געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי און רעדאַקטאָר פֿון דער צייטונג „פֿרייהייט״. ער האָט געוווּסט צו אַכטן די פֿרייהייט פֿון מיינונגען און האָט גערן אויסגעהערט אויך יענע, וואָס זענען געווען מחולק מיט אים, למשל, אין די פֿראַגן פֿון ביראָ־בידזשאַן. אַליין האָט ער געהאַט זיין אויסגאַנגס פּונקט דעם סינטעטישן פֿולן פּועלי־ציוניזם. פֿאַר אים זענען עס נישט געווען קיין צוויי טיילן, וועלכע ווערן פֿאַראייניקט. ס׳איז געווען פֿאַר אים אַן אָרגאַנישער אידעאַל, וואָס איז געווען פֿאַרוואָרצלט אין דער יידישער ווירקלעכקייט און אין דער אַלגעמיינער באַפֿרייונג־באַוועגונג. איינס גילט נישט אָן דעם צווייטן, האָט נישט קיין האַפֿט. פֿון דאַנען נעמט זיך קראַפּטס אָן־פּשרותדיקער קאַמף קעגן דער יעווו־סעקציע, ווייל ער האָט געזען דעם פּגם נישט דווקא אין זייער באַציִונג

צו די ענינים פון יידישן לעבן. לגבי אים איז דאָס געווען אַ פעלשונג און פאַרקריפּלונג פון דעם עצם קאָמוניסטישן געדאַנק, און שטיצנדיק זיך אויף דער דאָזיקער אַלגעמיינער פּלאַטפאָרם האָט ער אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט כדי צו באַקעמפן די אוזורפּאַטאָרן פון די יידישע קהילות.

עס זענען אַדורך צענדליקער יאָרן זינט אונדזער באַגעגעניש אין בוקאַרעשט, ווען איך האָב זיך געפונען אין דער אויסערגעוויינלעך וואַרעמער סביבה פון חיים קראַפט, ד״ר שלמה ביקל און אַ פּאָר עלטערע חברים, מיט וועלכע כ׳האָב געהאַט מיטגעאַרבעט אין לאָדזש און שפּעטער אין מאָסקווע, יעסעלזאָן און ציטרין.

אַזעלכע טעג און אָוונטן פאַרגעסט מען נישט. טויזנט־קעפּיקע פאַר־זאַמלונגען באַ יידישע סטודענטן, לאַנג־שעהדיקע שמועסן וועגן די אַקטועלע פּראָבלעמען אין יידישן לעבן, שפּאַצירן איבער די אַלטע וויין־קעלערן, ווו גאָלדפאַדען איז נאָך אויפגעטרעטן — חיים קראַפט האָט מיך אומעטום באַגלייט און זיין האַנט איז געווען באַטייליקט אין אַלע אונטערנעמונגען.

כ׳האָב אים נענטער באַקענט און באַקומען גרויס דרך־ארץ פאַר זיין פּערזענלעכקייט. שפּעטער איז מיר געווען פאַרשטענדלעך ווען איך האָב אויפגענומען די ידיעות וועגן זיין האַלטונג אין רומעניע באַ פאַרשידענע געלעגנהייטן. ער איז געווען דער שטאָלצער רעפּרעזענטאַנט פון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם און מיט כבוד פאַרטראָטן אים. ער האָט געקעמפט מיט וואָרט און אין שריפט, און ער האָט זיך געפילט גליקלעך ווען ס׳איז געקומען די צייט און אין ארץ־ישראל האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פון פאַראייניקונג אין דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער מחנה, וואָס עס האָט געבראַכט אויך צו דער פאַראייניקונג אין רומעניע. אין אַ קורצער צייט איז די פאַראייניקטע פּאַרטיי אין רומעניע אויסגעוואַקסן צו אַ כוח פון אַרום 10 טויזנט מיטגלידער. ס׳איז געווען נאַטירלעך, אַז חיים קראַפט זאָל ווערן גענעראַל־סעקרעטאַר. דורך דער פּאַרטיי איז ער אַריין אין דעם פּרעזידיום פון דעמאָקראַטישן יידישן קאָמיטעט — די אָפיציעלע רעפּרעזענטאַנץ פון רומענישן יידנטום. באַ אים האָט עס געהייסן אַ ברייטער פּלאַץ, אַ נייע טריבונע, ווו צו קעמפן פאַר זיינע אידעען.

ער איז נישט געוואָרן „ווייכער" און נאָכגיביקער אין זיין קאַמף

אויך שפּעטער אין בוקאַרעשט, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די אָפּיציעלע רדיפות אויפן ציוניזם. אין דער שפּיץ, אַלס כלומרשטער דיקטאַטאָר פון דעמאָקראַטישן יידישן קאָמיטעט איז אַרויסגעשוווּמען דער טרויעריק־באַרימטער בערקו פעלדמאַן. איך האָב דעם דאָזיקן „דיקטאַטאָר" געטראָפן אין וואַרשע, בעת מיר זענען זיך צונויפגעקומען פון אַלע תפוצות צו אָפּגעבן כבוד די אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ. אין קינאָ „ראָמאַ" זענען געווען פאַרזאַמלט די פירער פונעם נייעם פּוילן און דאָרט זענען געהערט געוואָרן דעקלאַראַציעס פון יידישע אַרבעטער־קאָמיטעטן אין דער גאָרער וועלט. איך בין דאָן אויפגעטרעטן אין נאָמען פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט און גערעדט וועגן דעם, וואָס מיר האָבן צו לערנען פון דעם געטאָ־אויפשטאַנד לגבי אונדזער נאַציאָנאַלן באַפרייונגס קאַמף פאַר אַ נאָרמאַלן מלוכהשן לעבן אין אַלט־יונגן פאַטערלאַנד. די רעדעס פון די אויסלענדישע דעלעגאַטן זענען געהאַלטן געוואָרן אין יידיש. פאַרשטייט זיך, אַז דער שליח פון ארץ־ישראל האָט אויך גערעדט יידיש. אָבער אָט איז אַרויף אויף דער טריבונע בערקו פעלדמאַן, מיט אַ ספּעציעל אָנגעשריבענער רעדע אין... רומעניש. ס'האָט געמאַכט אויף אונדז אַלע אַן איינדרוק, ווי אַ מאַשקע איז מחלל דעם אָנדענק פון יידישע קעמפער־העלדן...

יאָ, ער האָט דערנאָך געלייענט די איבערזעצונג אין יידיש. האָט עס נאָך מער אונטערגעשטראָכן דעם מאַשקישן כאַראַקטער פון דעם אויפטריט. מיר האָבן דעמאָלט געהאַט אַן אָנשויליכע לעקציע פון דעם כאַראַקטער פון יעווסעקישער נאַציאָנאַלער קולטור און זעלבסטאַכטונג אין רומעניע...

אין אָט דער אַטמאָספער האָט חיים קראַפט געהאַט צו אַרבעטן און ראַנגלען זיך פאַרן כבוד און אינטערעס פון יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן.

ער איז נישט מיד געוואָרן אין זיין אויסזיכטלאָזן קאַמף. אָבער ער איז איינגעבראָכן געוואָרן פיזיש און אַזוי האָט ער פאַרלאָרן די ראיה. דאָס האָט געהאַט איין פּאָזיטיווע פּעולה, וואָס צוליב דעם האָט ער אויסגעמיטן דעם גורל פון אַנדערע, וואָס זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן הינטער גראַטעס, די באַקאַנט־געוואָרענע „אסירי ציון". מ'האָט אים איבער־געלאָזן אויף דער פריי. אָבער אַפילו אָט דעם אינוואַליד חיים קראַפטן

האָט מען נישט געוואָלט אַזוי שנעל דערלויבן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, ווו ס׳האָט זיך שוין באַזעצט און איינגעאָרדנט זיין זון.

ענדלעך האָבן מיר אין יאָר 1957 געהאַט די זכיה אויפצונעמען דעם וועטעראַן פון די פועלי־ציון אין רומעניע אין אונדזער מיט — אין דער מדינה ישראל. שווער געווען שלום צו מאַכן מיטן פאַקט, אַז חיים קראַפט קאָן נישט זען דאָס לאַנד פון זיין אידעאַל. ער האָט געטראָטן אויף דער ערד פון דער יידישער מדינה, ער האָט פאַרנומען אַרום זיך די שטימען פון יוגנט און אָפּהילך פון דינאַמישער אַרבעט, איינגעזאַפּט אין זיך דעם אַראָמאַט פון סעדער און פּרדסים, פון בלומען און געוויקסן, — אָבער נישט געזען די פאַרב, דעם קאָליר, בלויז געשפּירט די זוניקייט פון דעם אויפגעלעבטן לאַנד.

איך האָב אים באַזוכט עטלעכע מאָל אין בית־אבות אין „מלבן" און ס׳האָט ווײ געטאָן דאָס האַרץ צו זען זיין אומבאַהאָלפנקייט, אָבער אין דער זעלבער צייט האָב איך געשטוינט צו זען אים אַזאַ כלומרשט באַרויקטן און גליקזעליקן, וואָס ער געפינט זיך פאַרט דאָ, מיט אונדז, ווו זיין לעבנס אידעאַל איז פאַרט פאַרווירקלעכט געוואָרן, ווי ער האָט פאַרויסגעזען גייסטיק.

דאָס אַליין האָט אים פאַרשאַפט אַ סך נחת רוח. איך אַליין האָב געהאַט אַ גרויסע באַפרידיקונג, ווען ס׳איז מיר געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט צו באַגריסן חיים קראַפט, מיין בלינדן חבר, און דערציילן כאָטש אַ טייל פון זיין פּאָליטיש־קולטורעלן אויפטו פאַר די יידן אין רומעניע, ווי פריער אין בוקאָווינע. די הונדערטער איינוווינער פון „מלבן", ס׳רוב „געוועזענע" פירער און מענטשן מיט פאַרדינסטן, האָבן אויפגענומען דעם יובילאַר צו זיינע 75 מיט כבוד און דרך ארץ.

זיצנדיק אין זיין התבודדות, האָט חיים קראַפט געדענקט צו פאַר־צייכענען די 40 יאָר זינט דער גרינדונג פון דער יידישער קולטור־פעדעראַציע אין רומעניע, וואָס האָט פאַרשריבן וויכטיקע בלעטער אין דער געשיכטע פון רומענישן יידנטום; ער האָט דיקטירט זיין אַרטיקל, וואָס איז דערשינען אין „פאָלקסבלאַט" דעם 8טן יוני 1961.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַקטיווער נאַטור פון חיים קראַפט איז, וואָס אפילו אין זיין בלינדקייט, ווען יעדע קלענסטע ידיעה דערוויסט ער איז נאָך פון דעם וואָס מען לייענט אים פאָר פון צייטונג, לעבט ער

דאָך מיט מיט די אַלע איבערלעבונגען פון דער פּאַרטיי און פון דער מדינה.

אין זיין באַגריסונגס־בריוו צו דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין יאָר 1958 בעט ער, מען „זאָל שיקן אונדזערע וואַרעמע און ברידערלעכע גרוסן פון דערמונטערונג צו אונדזערע ליבע חברים פון רומעניע, וואָס וואַרטן דאָרטן זייט יאָרן אויף זייער עליה קיין ישראל״.

ער האַלט, אַז „אונדזער פּאָליטיק כלפי חוץ בלייבט אומפאַרענדערט. מיר שטרעבן צו פריינטשאַפט מיט אַלע פעלקער און באַמיען זיך באַזונדער אויסצובעסערן די באַציִונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד און איבערצייגן זיין אָנפירונג, אַז דער שטאַנדפּונקט, וואָס גראָמיקאָ האָט אין דער אונ״אָ אין יאָר 1947 אָנגענומען, דאַרף זיין גילטיק פאַר די סאָוויעטן אויך היינט״.

„כלפי פנים״, מיינט ער, „מוזן מיר דערהאַלטן די דערגרייכונגען פון דער אַרבעטערשאַפט אויך אויף ווייטער, זיי אויסבויען און פאַרפעסטיקן. מיר מוזן קעמפן קעגן אַ נאַכלעסיקער, עגאָיסטישער און פאָלקספרעמדער ביוראָקראַטיע״.

ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס שוין דעמאָלט האַלט דער בלינדער וועטעראַן, אַז „מיר דאַרפן פאַר דער אַרבעטערשאַפט אָוועקשטעלן אַלס הויפּט־ציל די העכערונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט״. ער האַלט, אַז „די פּאַרטיי מוז זיין וואַכזאַם קעגן די אָנגריפן פון די ר׳עאַקציאָנערע גרופּן אין לאַנד״ און דאַרף „שטרעבן דערצו, אַז מדינת־ישראל זאָל זיך באַפרייען פון מיטלאַלטערלעכע לעבנס־פאָרמען און זיך אַנטוויקלען פאָרויס צו פּראָגרעס און פרייהייט״.

ער האַלט אויך, אַז „מיר דאַרפן פירן אָפטע געשפּרעכן מיט מפ״ם און דערמעגלעכן אַ פּראָגראַמאַטישע דערנענטערונג״.

און צום סוף: „פון גאַנצן האַרצן ווינטש איך דער קאָנפערענץ, אַז דער גייסט פון באַראַכאָוון זאָל שוועבן איבער אירע באַראַטונגען און זי זאָל זיך דערשלאָגן צו אַ פולשטענדיקער אחדות אין אונדזערע רייען״.

אין אַלע אומשטענדן און באַדינגונגען האָט חיים קראַפט אָפּגעהיט די טריישאַפט צו זיינע אידעישע לעבנס־פרינציפּן. כאַראַקטעריסטיש זענען די ווייטערדיקע צוויי פאַקטן, וואָס זיין נאָענטער חבר און פריינט ד״ר ש. ביקל דערציילט: מ׳האָט קראַפטן באַר־וואָס געבראַכט פון טורמע און

חברים זענען געקומען אים באַגעגענען אין צימער פון הויפּט־פּראָקוראָר. האָט קראַפּט זיך אויף זיי געבייזערט און זיי פאַרגעוואָרפן, הלמאַי זיי ווענדן זיך צו אים אין דייטש, און נישט אין יידיש.

דערגלייכן, אויף אַן אסיפה פון שרייבער און קולטור־טוער אין טשערנאָוויץ, אָסיען 1940, באַ דער באַגעגעניש מיט אָפיציעלע פאַרשטייער פון דער מאַכט, וואָס זענען געקומען אויף אַ באַזוך פון קיעוו, איז קראַפּט געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך נישט צוריקגעהאַלטן פון קריטיקירן די הויכגעשטעלטע געסט, נאָך די חניפה־רייד פון די פאַרזאַמלטע, און פאַרלאַנגען, מען זאָל אַרויסגעבן אַ צייטונג אין יידיש אין דער סאָוויעט־טישער טשערנאָוויץ גופא.

שטענדיק און נאָכאַנאַנד האָט חיים קראַפּט אַרויסגעוויזן זיין מאָראַלישן כוח, נישט צו פאַרלייקענען זיינע איבערצייגונגען, נאָר מאַניפעסטירן זיי און פאַרטיידיקן מיטן פולן פייער פון זיין ערלעך האַרץ.

ערב פסח 1964 איז חיים קראַפּט נפטר געוואָרן.

מיר, זיינע חברים, האָבן נישט לאַנג געטראַכט כדי צו באַשליסן, אַז זיין אָרט נאָכן טויט איז אין דער פּועלי־ציון אַלייע, צווישן די אַלע ראשונים און מוטיקע קעמפער פאַרן פּועלי־ציוניזם.

ער האָט געהערט צו זיי דאָס גאַנצע לעבן.

וועט ער בלייבן אין זייער מיט אויך נאָכן טויט.

יוסף ראָטנבערג

ווי ווייל איז דער געזעלשאַפט, אויב נאָכן טויט פון אירן אַן אויס־דערוויילטן קאָן זי גובר זיין דעם ווייטיק און צער צוליב דער אבידה, און ווערן דערהויבן ביי דער פריידיקער דערינערונג וועגן דער שאַפערישקייט פון אַ לעבן, וואָס זיין השפעה האַלט אָן ווייטער.

ווי ווייל איז די איבערגעבליבענע, וואָס מוזן נישט צינדן קיין שוואַרצע ליכט צו קאָפּנס דעם נפטר און זיצן שבעה אין דריקנדיקער אבלות, נאָר זיי קאָנען זיך וואַרעמען ביי די פונקען און שטראַלן, וואָס זענען נישט פאַרזונקען מיטן טויט, נאָר מיניען זיך און ווינקען פון אַלע שטעגן, ווו דער בוי־מייסטער האָט געשפרייזט במשך זיין דינאַמישן לעבן.

דער אמת איז דאָך, אַז דער טויט מוז נישט שרעקן דווקא מיט זיין חשכות. יעדעס לעבן ענדיקט זיך אַמאָל. ס'איז אָבער גוט, אויב דאָס געמיט ווערט דורכגענומען מיט דער לויטערקייט פון דעם אַוועקגעגאַנגענעם און דאָס געפיל זאָגט: כדאי געווען צו לעבן אַזאַ לעבן!

אַ פעסט געבויטער, ברייט פלייציקער, האָט יוסף ראָטנבערג פאַר־מאָגט אין זיין פיגור אַן אייגנאַרטיקע פאַרוואָרצלטקייט. אַזאַ איז געווען אויך זיין כאַראַקטער. זיכערקייט אינעם טראָט, קאָנצענטרירט אין דער ציל־איינשטעלעניש, קאָנסעקווענטקייט און עקשנות אין דורכפירן די אויפגאַבע, אומדערשיטערטער גלויבן אין דעם אמת פון זיין שליחות.

עס האָט זיך געפילט אין זיין עצם מהות אַ שטענדיקע שפּאַנונג, ווי צו אַן אַרויספלי ערגעץ אין די הויכקייטן, אין ווייטערע ספערעס. גריילעך אין האַרמאָניע מיט זיין איינגעבוירענעם חוש פאַר ווירקלעכקייט און מאָס פאַר רעאַליטעט, איז ער תמיד געווען גרייט מיט אויסגעשפּרייטע פליגל צו אַ העזהדיקן פאַרמעסט מיט דעם נישט־רעאַלן און נישט־געפּרווטן.

דמיון? חלום? אילוזיע? ניין. אַ סך מער, ווי דאָס און, אין תוך, פון גאָר אַן אַנדער מין. רופט עס: וויזיע! אין זיין געזעלשאַפטלעכקייט איז

ראַטנבערג געווען אַ וויזיאָנער. ער האָט געוווסט דעם ווערט פון קליינ־קייטן, געהאַט אינטערעס צו טאָגטעגלעכקייט, ווייל ער האָט באַנומען זייער תכלית גריילעך אין זייער טיפערן סינטעז און פאַטעטישן אויסשטראַל אין אַ ווערק פון היסטאָרישער באַדייטונג.

יוסף ראַטנבערג האָט איינגעאָטעמט פועלי־ציוניסטישע לופט, און זי איז געווען זיין נאַטירלעכע אַטמאָספער. ער איז דערצויגן געוואָרן אין דער באָראָכאָוו־יוגנט און איינגעזאַפּט אין זיין בלוט די וויזיע פון נאַ־ציאָנאַל־סאָציאַלער איבערגעבורט פונעם פאָלק, וואָס דאָס האָט געמיינט פאַר אים: פערמאַנענטע רעוואָלוציע לגבי דעם כלל, ווי לגבי דעם יחיד. ער איז געווען מאָביליזירט צו גייסטיקער וואַכזאַמקייט און ממשותדיקער, קאָנסטרוקטיווער טאַט, וואָס נאָר דורך דעם קאָן מען שאַפן עטישע ווערטן, איבעראַנדערשן פאַרגליווערטע פסיכיק, עוקר־זיין שאַבלאָן און פאַר־לעגענע טראַדיציעס, וועבן דאָס געוועב פון המשך פון טויזנטיעריקער פאָלקס־יצירה, אַריינפלעכטנדיק אין אים גערעכטע דערגרייכונגען פונעם מענטשלעכן זשעני פאַר לאַנגע דורות.

ער האָט געהערט צו דעם יינגסטן דור טוער אין דער באַוועגונג. דורכגעמאַכט מיט אייגענעם שפּאַן דעם גאַנג פון געפייניקטן און געליי־טערטן פאָלקס־קאָלעקטיוו. אין זיין היימשטאָט, לאָדזש, איז ער געווען אַלס טעקסטיל־אַרבעטער איינגעגלידערט מיט בלוט און פלייש אינעם אַרבעטער־קלאַס און געאָטעמט די לופט פון פּראָטעסט קעגן איינגעשטעלטן לעבנס־שטייגער, ווו ס'ווערט דערשטיקט דער פרייער געדאַנק, ווו ס'ווערן גע־פּענטעט ברויזנדיקע כוחות, און די פלאַמיקסטע פאַנטאַזיע ווערט געשלעפּט צוריק צו גרויער וואָכעדיקייט. דאָרט האָט ער, ווי אַ פועלי־ציוניסט, אויך אָנגעהויבן שטילן זיין דורשט צו וויסן און באַקומען די ערשטע לעקציעס פון געראַנגל. דאָרט האָט ער זיך דורכגעדרונגען מיט דער גליִענדיקער אמונה, אַז עס קאָן, און עס וועט זיין אַנדערש, בעסער.

זיין אינטערעס צו קולטור־אַרבעט איז נישט געווען קיין צופעליקער, נאָר דער אויסדרוק פון זיין באַגער צו דערהויבנקייט פונעם אַרבעטס־מענטש.

אַ פוילישער ייד — האָט ער געמוזט טרינקען דעם ביטערן כוס פון מלחמה און נאַצי־גרויל. אים האָט אָפּגעגליקט אויסצומיידן היטלער־לאַ־

גערן — האָט ער געוואָגלט אין די ברייטע פּליינען פון ראַטנפאַרבאַנד און אין זיין געמיט האָבן געטריפט טראָפּנס יאוש פון דעם, וואָס האָט אים באַגעגנט אין דער אַרבעטער־מלוכה. ער איז נישט אײַנגעבראָכן געוואָרן. פאַרקערט. ער האָט זיך פאַרפעסטיקט און פאַראַנקערט נאָך זיכערער אין זיין באַראָכאָוויזם, אַז ס׳איז דאָ אַ ראַדיקאַלע לעזונג פאַרן יידישן פּראָבלעם. זיין צוריקקער קיין פוילן האָט אים אויפגעהייטערט און גע־עפנט קוואַלן פון נישט פאַרוועגדעטער ענערגיע. עס הייבט זיך אָן פור־באַנדערשפּילן זיין דינאַמישקייט. ער ווערט דער לעבעדיקער גייסט אינעם יידישן קאָמיטעט, אין דער אויפגעוויקלטער טעטיקייט פון פּועלי־ציון. אָבער איצט איז דער דגש אויף אַ נייעם פּונקט — ארץ־ישראל: אָר־גאַניזירן גרופּן פון הכשרה און גרייטן זיי צו עליה. אינעם צענטראַל־קאָ־מיטעט פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון גייט־אָן אַ געראַנגל צווישן די באַגריפן „קיבוץ״ און ״קאָלעקטיוו״, צווישן „עליה״ און עמיגראַציע״. פאַראַן אַזעלכע אין דער שפּיץ, וואָס האָבן מורא, מען זאָל אונדז, חלילה, נישט פאַר־טוישן מיט סתם־ציוניסטן, און חושד זיין, אַז מיר רופן בפירוש צו ציו־ניסטישער עליה, צו חלוציות. זיי ווילן נאָך אַלץ זיין פאַרמאַסקירט און פאַרגרימירן אונדזער רעוואָלוציע מיט גאַנגבאַרע „כשרע״ נעמען. יוסף ראַטנבערג געהערט צו די, וועמען עס איז נמאס געוואָרן דער גרים און ער פאָדערט אָן אויפגעדעקט פּנים, קלאָרע פּועלי־ציון־דיבורים. ער העלפט דער עליה פון פּועלי־ציון דורך חלוצישע קיבוצים און ער אַליין שפּאַנט מיט זיי.

זענען געקומען יאָרן פון חבלי־קליטה פאַר דעם דינאַמישן חבר אין דעם לאַנד פון זיינע וויזיעס, אָבער ראַטנבערג דערקענט זיך אויף די אויפגעגאַנגענע שפּראָצונגען, און זיין האַרץ איז אָפן פאַר דער רעוואָלוציע, וואָס צו איר האָט ער פאַרקנסט זיין גאַנץ לעבן. זענען אַדורך יאָרן אין זוכעניש, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסגעפינען דעם געהעריקן פּלאַץ־ד׳אַרם פאַר זיין „סטאַרט״. עס האָט אים אָפּגעגליקט. גראָד אין דער באַשיידענער פּרץ־ביבליאָטעק, וועלכע איז אויפגעשטאַנען נאָך יאָרן פון שנאה־אַטאַקעס מצד די קנאים פון גדוד מגיני השפה און דערפאַר טאַקע געוועזן ווי איינגע־שרומפּן אין סדום־בעטל פון געדולדעטן יידיש — גראָד דאָ האָט יוסף ראַטנבערג זיך איינגעפעסטיקט מיטביידע פיס אין דער ארץ־ישראלדיקער ווירקלעכקייט, וועלכע ווערט ערשט פאַרמירט און לאָזט זיך נאָך קנעטן.

און ראָטנבערג האָט געגומען אויסקנעטן אַ גרויס ווערק לויט זיין וויזיע און אין פולער האַרמאָניע מיט זיין אומרויִקער שאַפנדיקער נאַטור.

היינט איז עס געוואָרן אַ נאַטירלעכע דערשיינונג און עס פאַלט־איין זעלטן־וועמען עמעצן צו וואונדערן זיך אויף דער ברייט־פאַרמאָסטענער אויפֿ־נאַמע און פייערלעכע קבלת־פנים, וואָס יידישע דיכטער און שריפטשטעלער קריגן אין ארץ־ישראל. ווי לאַנג איז עס אָבער, ווען מיר אַליין זענען נשתומם געוואָרן פון דער פיל־טויזנט קעפיקער גראַנדיעזער מאַניפעס־טאַציע פאַרן יידישן וואָרט און קלאַנג, וואָס ראָטנבערג האָט דורכגעפירט מיט הערץ גראָסבאַרד אין דעם רעפּרעזענטאַטיוון משכן פון העברעיִשן קונסט־טעאַטער „הבימה״?! ס׳איז געווען העזה, ריזיקע; אָבער נאָך מער איז אין דעם געווען איבערצייגונג אין דעם אמת פון ארץ־ישראל און זיכערקייט אַז נאָר אַזוי, אימפּאָזאַנט און ווערדיק, דאַרף יידישע יצירה אויפגענומען ווערן אין לאַנד פון יידישן אויסלייז. דערמיט איז געראַטעוועט געוואָרן דער פּרעסטיזש פון דעם באַפרייונגס־ווערק, ווו ס׳מוז אָרגאַניש איינגעהאָפטן ווערן די פּרעכטיקסטע שאַפונג פונעם לאַנג־דורותדיקן גלות — יידיש. דער שפּלדיקער מצב פון יידיש אין ארץ־ישראל האָט, לויט ראָטנ־בערגס אויסטייטש, באַליידיקט אין עיקר די בויער פונעם פאָטערלאַנד, מחמת דערין האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי וייסן נישט אָפּצושאַצן געהעריק די נאַציאָנאַליזירנדיקע פאַקטאָרן אינעם יידישן מאַסן־לעבן. ווער, אויב נישט דער יידישער זשעני, האָט זיך מאַניפעסטירט אינעם יידישן וואָרט און קלאַנג? וועמענס בענקשאַפט, יסורים, פיין און שטרעבונגען, אויב נישט פון די יידישע מאַסן, זענען געקומען צו אַזאַ אינטימען אויסדרוק אין דער יידישער שפּראַך, אינעם יידישן פאָלקס־ליד, אינעם יידישן טעאַטער?! צונזער, פרוג, ראָזענפעלד, יהואש און זייערע יורשים האָבן אין יידיש אויסגעזונגען שיבת־ציון־טרוימען פון יידישע מאַסן. די יידישע־מאַניפעס־טאַציעס, וואָס זענען דורך י. ל. פרץ־ביבליאָטעק איינגעאָרדנט געוואָרן אין די שטעט און דערפער, קיבוצים און מושבים פון ישראל, האָבן גלייכ־צייטיק דערפילט אַ דאָפּלטע קולטור־געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטיש־דערציִערישע שליחות: דערנענטערט די יידישע יצירה צו די בויער פון ישראל, און דעם וואונדערלעכן אויפבוי פונעם היימלאַנד — צו די טרעגער פון יידישער שאַפונג אין גלות.

איז געווען נישט מער, ווי לאָגיש און פּסיכאָלאָגיש, אַז יוסף ראָטנ־

בערג זאָל אַריבערגיין צום ווייטערדיקן און העכערן שטאַפּל אין זיין קולטור־אויפטו — צום אויפשטעלן דעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, וועלכער האָט אָנגעהויבן באַשיידן און פאָרזיכטיק אין יידיש און אין משך פון אַ גאָר קורצער צייט זיך פונאַנדערגעוואַקסן און באַרימט געוואָרן בכל תפוצות־ישראל, ווי אַ צענטראַלער פאַרלאַג פון ישראל פאַר אונדזער שאַפונג אין יידיש און אין עברית. ס'וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אין אָט־דעם פאַרלאַג ווערט כסדר אין דער גאָרער יידישער וועלט, אַריינגערעכנט ישראל, דעמאָנסטרירט די חשיבות, וואָס יידיש האָט זיך דערוואָרבן אין דער יידישער מדינה, און יידישע שרייבער באַטראַכטן עס פאַר אַ זכיה, אַז זייערע ווערק דערשיינען דאָ, אין פּרץ־פאַרלאַג.

דאָס איז ראָטנבערגס אויפטו. בעת זיין באַזוך אין די פאַראייניקטע־שטאַטן און קאַנאַדע האָט ער זיך איבערצייגט, אַז זיין אַרבעט איז אָנער־קענט און ווייטערע הצלחה איז געזיכערט.

אומגעריכט און אומגערעכט איז ער אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונ־דזערע רייען. ערשט איצט האָט ער, אָנגעלאָדן מיט איניציאַטיוו און אמונה אין זיין ווערק, זיך פאַרמאָסטן צו נייע פּלענער, ערשט איצט איז ער אַרומגענומען געוואָרן מיט צוטרוי און גלויבן פון חברים און פריינד, וואָס עס האָט געעפנט געלעגנהייטן פאַר אויפלעבן זיין גוואַלדיקע שאַפונגס־לוסט און קראַפט. און דווקא איצט איז ער, דער פאַרוואָרצלטער, אויסגע־וואָרצלט געוואָרן מיט אַמאָל.

זיין שטענדיקער שמייכל האָט פאַרבאַהאַלטן דעם סוד פון זיין איבער־אָנשטרענגונג און איבערמענטשלעכער שפּאַנונג. ער האָט זיך געיאָגט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן און נישט באַווייזן צו רעאַ־ליזירן דאָס געפּלאַנטע ווערק. אומבאַמערקט האָט דער טויט אים נאָכגע־יאָגט און פון דעסטוועגן אים דעריאָגט.

ראָטנבערג האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פשטות, מענטשלעכקייט און חברישקייט. אין דער תקופה, ווען אידעאַל ווערט אויסגעביטן אויף מינץ און עטישע ווערטן ווערן פאַרשוועכט פון זייערע נעכטיקע אָנהענגער, איז ראָטנבערג אומגעגאַנגען צווישן אונדז אין פולער טרייהאַפט צום באַ־פרייונגס־אידעאַל פון יידישן פאָלק. איז אים באַשערט אַפילו אין דעם יונגן עלטער פון זיינע 46 יאָר, אויסצופורעמען אַ ווערק, וואָס לויט זיין אינער־

לעכן ריטם און שיינקייט, וועט ער זיך אויסשיילן אין דעם בנין פון אונדזער יידישער קולטור אין יידישן היימלאַנד.

שווער זייער שווער איז די אבידה. אָבער דעם נפטרס אויפטו איז אַזוי גרויס און אַזוי אָנצינדיק, אַז ער וועט אונדז נישט לאָזן פאַרזינקען אין פרוכטלאָזער אבלות; מיר וועלן זיך אַרומקלאַמערן אַרום זיין לעבנס־ווערק, און מיט ליבע און חברישקייט אויפהיטן און פאַרשטאַרקן אין אים דעם גייסט פון יוסף ראָטנבערג.

שמעון ראָזענבערג

אונדזער גאַלעריע פון אַוועקגעגאַנגענע חברים ווערט כסדר, שוין אין אַ צו שנעלן טעמפּאָ פאַרגרעסערט. די אויגן ווערן פאַרנעפּלט פון טרערן, וועלכע שפּאַרן אָן אויפהער פון די טיפסטע טיפענישן. ס'איז דער טרויער נישט נאָך אַ יחיד סתם, נאָר נאָך אַן איינציקן, אַן אויסדערוויילטן, וואָס זאָגט־אָן די פּינקטערע בשורה, אַז דער קאָלעקטיוו פון אַמאָליקע לינקע פּועלי־ציון ווערט איינגעשרומפּן.

ס'איז געווען אַ שטאָם אַזאַ, אַן אייגנטימלעכער, מיט אַ באַזונדערן פּרצוף און כאַראַקטער.

שמעון ראָזענבערג איז אַ צווייג פון יענעם שטאָם. ער איז געווען אַ יחיד במינו. אים האָט מען נישט געקאָנט דורכלאָזן, אויסמיידן צווישן אַנדערע. ער האָט אַ סך געוווּסט. אין פלוג — אַ שותק. אַ שווייגער, פאַרשלאָסן אין זיך, איז ער געווען מסוגל משפּיע צו זיין מיט זיין אייגנ־אַרטיקן טיפישן שווייגן. זיין אַסקעטישער אויסזען, די טיף־איינגעזונקענע אויגן אין ביינערדיקן געזיכט, האָבן גערעדט. ער האָט גערעדט תמיד צו דער זאַך. קורץ, דירעקט צום פּונקט, נישט אויסגעמיטן אַ קלאָרע שטעלונג. צו וואָס? סיי ווי וועט מען דאָך מוזן שפּעטער רעדן „תכלית". איז גלייכער, נישט צו שאַפן קיין אילוזיעס. ער איז געווען אַ ניכטערער טוער. אָפּגעשאַצט די סיטואַציע, ווי זי איז. נישט צוריקגעצויגן זיך פאַר שוועריקייטן. אדרבא, אַז מ'ווייסט די געפאַרן, קען מען זיך באַצייטנס באַוואָרענען קעגן זיי. יעדנפאַלס, פּרובירן זיי צו באַזייטיקן.

ער האָט זיך זיין גאַנץ לעבן געטראָפן מיט דעם פּשוטן אַרבעטער און פאָלקס־מענטש. אין זיין היים־שטאָט סטרי, גאַליציע, האָב איך אים באַגעגנט מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, און שוין דאַן האָט ער פאַרמאָגט זיינע אייגנאַרטיקע כאַראַקטער־עלעמענטן. אפשר האָט משפּיע געווען זיין דעמלטדיקער פאַך: זייגערמאַכעריי. ער איז געווען פּעדאַנטיש פּינקטלעך, אויסגערעכנט אויף דער מינוט. אַזוי זיך אַליין אויפגעפירט און דאָס נעמלעכע פאַרלאַנגט פון אַנדערע. ער האָט אין פלוג נישט געפּאָדערט,

נישט גערעדט הויך. אָבער גריילעך זיינע שטילע אויסערלעך־רויִקע רייד האָבן געהאַט זייער ספּעציפישן ווערט און פּעולה. ער האָט זיך נישט געשפּאָרט און נישט געאַמפּערט, אָבער געבליבן פעסט בײַ זײַנס. ער איז געווען אַ מענטש פון פּרינציפּן, געזעלשאַפטלעך און פּערזענלעך, האָט ער אַרויסגערופן אַכטונג צו זיך בײַ די, וואָס האָבן געהאַט מיט אים צו טאָן.

דער צ. ק. אין פּוילן האָט זיך אויף אים דערקענט פון וויַיטן, פון באַריכטן, פון באַגעגענישן בײַ אַרבעט, וואָס האָבן געהאַט אַ לאַנד־היקף. איז ער באַשטימט געוואָרן צו אַ זייער פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט אין לאָדזש, אין צענטער פון דער פּראָפ.־באַוועגונג. ער איז געקומען אין כסדרדיקן דירעקטן באַריר מיט „עמך”, טרעגער און פליישער־אַרבעטער. מיט זיי האָט מען געדאַרפט קאָנען אויסקומען, געווינען זייער צוטרוי. שמעונען איז עס געראָטן. ער האָט זיך איינגעלעבט אין דער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט ווי אַן אייגענער מענטש, אויף וועמען מען מעג בויען. די אַרבעטער האָבן אָנערקענט זיין פירערשאַפט און זיך צוגעהערט צו זיין וואָרט. זיין עצה איז פאַר זיי געוואָרן אַן אינסטרוקציע, מער ווי אַ באַפעל.

ער האָט נישט געהאַט קיין אינטערעס און געדולד צו רעדעס, סיידן וועגן ממשותדיקע לעבנס־ענינים. די פעדער האָט ער גראָד שטאַרק געשעצט. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער פּאַרטייאישער פּרעסע סיי ווי אַ שרייבער, סיי ווי אַ רעדאַקטאָר. ער איז געווען אָפּגעהיטן אין אויסדרוק און אין וואָרט. דערפאַר איז זיין וואָרט געווען שאַרף און שניידיק. זיין כוח איז געקומען צום אויסדרוק אין פּאָלעמיק. דאָ האָט אים געדינט זיין גראָדער שכל און שנעלע אָריענטאַציע. אין דעם פּרט האָט ער אויסגעמיטן אומקלאָרקייטן און נישט־דעררעדקייט. ער האָט געהאַלטן פון פּאָליטישער אויפריכטיקייט, פון פּאָליטשן אמת. ריכטיקער — פון אמת אין פּאָליטיק. פיינט געהאַט תכלית שנאה קליינקעפּיקע שמדשטיק, וואָס זענען אויסגערעכנט אויף יענעמס טיפּשות און נאַיוויטעט. ער האָט זיך באַצויגן צום קעגנער און צום לייענער מיט דרך־ארץ און נישט ליב געהאַט צו „טשאַקען”.

שמעון ראָזענבערג האָט זיך נישט געשטופּט צום פּאָרנט. באַנומען

זיינע פליכטן, ווי פליכטן פון אַ קעמפער, אַ זעלנער פון דער יידישער רעוואָלוציע.

אין די יאָרן פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע איז ער, ווי אַ פּליט, געווען אַ לענגערע צייט אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָרט געלערנט פּנים אל פּנים, אויף אייגענעם לייב, ווי רעוואָלוציע גיט זיך אָפּ מיט דעם פּראָבלעם פון די יידישע מאַסן, וואָס זייערע אינטערעסן זענען אים געווען נאָענט און טייער.

ער האָט זיך באַטייליקט אַקטיוו אינעם אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע און געשטאַנען אין פאַרבינדונג, כדי צו העלפן די פּליטים אויפן מאָמענט און כדי צו זאָרגן פאַר זייער מאָרגן.

אומקערנדיק זיך קיין פּוילן, נאָך איר באַפרייונג, איז ער געווען טעטיק אינעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּוילישע יידן, אָנגעפירט מיט וויכטיקע רעסאָרטן פון דער פּאַרטיי־טעטיקייט, מיטרעדאַקטירט דעם פּאַרטיי־אָרגאַן. ער האָט געהערט צו יענער גרופּע, וואָס האָט זיך געראַנגלט פאַר דער אָריענטיר־ליניע פון דער פּאַרטיי אין יענע שווערע יאָרן פון אומלעגאַלער עליה, ווען פירנדיקע טוער האָבן געזוכט אויסצומיידן די כלומרשט „ציוניסטישע" נעמען פאַר די אַנטשיידנדיקסטע איבערבוי־האַנדלונגען אין דעם יידישן פאָלקס־לעבן. שמעון ראָזענבערג האָט געהערט צו די חברים, וואָס האָבן נישט געוואָלט מוותר זיין אויף דער באַראַכאָוויס־טישער פּרינציפּיעלער איינשטעלונג און געקעמפט פאַר די אַנטשפּרעכנדיקע מסקנות אין דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט.

ער איז צו יענער צייט געשיקט געוואָרן אין שליחות פון די פּוילישע יידן קיין אַמעריקע. ער האָט ווירדיק און ערלעך פאַרטראָטן די שארית־הפליטה, האַלטנדיק הויך די פאָן פון זיין לעבנס־קאַמף אַלס סאָציאַליס־טישער ציוניסט, פריי פון געוויסע אויפגעוואַכטע רעוואָלוציאָנערע אילוזיעס.

ער איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל. אַ לענגערע צייט נישט געפונען די געהעריקע ראַם פאַר זיין אַרבעטזאַמקייט, ביז ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער רעדאַקציע פון „ניי וועלט". שפּעטער איז ער אַריבער צו דער אינעווייניקסטער אַרבעט אין דער פרץ־ביבליאָטעק און באַלד דערויף מיטאויפגעשטעלט דעם פאַרלאַג אויפן נאָמען פון י. ל. פרץ.

אַ פּאָר יאָר אין ענגער מיטאַרבעט מיטן פאַרשטאָרבענעם אַנפירער

פון דעם פֿאַרלאַג יוסף ראַטנבערג, איז ער נאָכן פּריצייטיקן טויט פֿון זיין לאָדזשער חבר און מיטליידנדיקן שותף אין ראַטנפּאַרבאַנד, אויפֿגערופֿן געוואָרן איבערצונעמען די הויפּט־זאָרג פֿאַר דעם המשך פֿון דעם קולטור־ווערק, וואָס איז אינצווישן געוואָרן אַ שם דבר אין דער גאָר׳ער וועלט.

מיט פֿולער אחריות און מיט אומגעזעענער ענערגיע האָט שמעון ראָזענבערג ממשיך געווען די פֿאַרלאַג־טעטיקייט, זי אויסגעברייטערט .אים איז אָנפֿאַרטרויט געוואָרן אַ נייע שליחות קיין אַמעריקע, דאָסמאָל איז ער אַהין געקומען אין נאָמען פֿון לאַנד, ווו עס זאַמלען זיך ביז צום אָרגאַנישן צונויפֿגוס און צונויפֿשמעלץ יידן פֿון אַלע יבשות און מדינות, און ס׳מוז געשאַפֿן ווערן אַ בריק צווישן דעם קיבוץ גלויות און די יידן מחוץ לארץ.

שמעון ראָזענבערג איז דאָסמאָל געקומען קיין אַמעריקע אַ באַלאַ־דענער מיט ממשותדיקע אויפֿטוען און באַדייטנדיקע דערגרייכטע רעזול־טאַטן פֿון דער יידישער קולטור. אין יידיש און אויך אין עברית האָט דער פּרץ־פֿאַרלאַג אויפֿגעאַקערט אַ גרויסן שטח, און דער נאָמען פֿון פֿאַרלאַג האָט שוין געגומען רעדן פֿאַר זיך. און אויך שמעון האָט איצט באַקומען לשון. ער האָט געהאַט וואָס צו דערציילן, וואָס צו שילדערן און וואָס צו מאָנען און פֿאָדערן. ער האָט פֿאַרלאַנגט נישט סתם מיטהילף, נאָר מיטבאַטייליקונג אין דעם ווערק, וואָס האָט אַ גלייכן ווערט פֿאַר יעדן יידישן קולטור־מענטש, ווו ער זאָל זיך נישט געפֿינען: אין דער מדינה צי אין די ווייטסטע תפוצות.

פּלוצים האָט אים געפּאַקט דער מלאך־המוות, און אין משך פֿון אַ גאָר קורצער צייט האָט ער אים אַרויסגעריסן פֿון אונדזער מיט. שמעון איז געבליבן טריי זיך, זיין פֿאַרשלאָסענעם כאַראַקטער ביזן לעצטן אָטעם־צוג. געליטן שרעקלעכע יסורים און נישט אַרויסגעוויזן קיין יאוש־ציימן, נישט געגעבן קיין קרעכץ, נאָר אַליין געוועקט האָפֿענונג און גלויבן באַ זיינע נאָענטסטע, אַז ער וועט באַלד זיין צוריק אויף זיין פּאָסטן. נישט אָפּגעריסן זיך פֿון דער אַרבעט ביז די סאַמע לעצטע טעג, ווען דער גוף איז שוין געוואָרן אָפּגעשוואַכט. אָנגעהאַלטן די קאָרעספּאָנדענץ וועגן וויכטיקע התחייבותן פֿון פֿאַרלאַג און גרייט געווען זיך איינצושפּאַנען אין שווערע אַרבעטן, וואָס זענען שוין נישט געווען לויט זיינע פֿיזישע כוחות.

אָבער פּסיכיש איז ער געבליבן אַקטיוו; דער מוח האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט דער נויטיקייט אָפּצוטרעטן פֿון דער אחריותדיקער פּאָזיציע.

מיר האָבן אים געבראַכט צו קבורה אין דער „פועלי־ציוניסטישער אַלייע". די זון האָט זיך געזעצט אין מאָמענט, ווען מען האָט דעם אויס־געצערטן קערפּער אַראָפּגעלאָזן אין קאַלטן קבר. און ווען די ערשטע לאָפּעטעס ערד האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אָן די שטיינער, וואָס האָבן געזאָלט באַשיצן זיין איידעלן גוף, זענען מיר אַלע געבליבן שטום, צוהערנדיק זיך צו די הספּד־ווערטער. פּלוצים, אומדערוואַרטערהייט האָבן זיך פונאַנדער־געטראָגן אין דער געדיכטער נאַכט־פינצטערניש האַרציק־נאָגנדיקע קלאַנגען פון דער פועלי־ציוניסטישער „שבועה". דאָס איז געווען דער געזאַנג נישט נאָר פון די פאַרזאַמלטע און צונויפגעטוליעטע באַם קבר. דאָס האָט די אַלוועלטלעכע באַוועגונג אויסגעזונגען איר ווייטיק און צער צוליב דער פרישער אבדה פון אַ טייערן חבר, וואָס לאָזט נאָך זיך אַ ליידיקן פּלאַץ.

די אַרבעט וועט אָן ספק פאָרגעזעצט ווערן דורכן קאָלעקטיוו, אָבער שמעון ראָזענבערג וועט פעלן.

ער האָט פאַרמאָגט זיין נוסח פון אַרבעט, זיין ספּעציפישן טראָט אין דער באַוועגונג. ער איז געבליבן אויסגעהאַלטן דאָס גאַנצע לעבן, אונטער פאַרשידענע הימלען, אין פאַרשידענע קלימאַטן, ווייל אומעטום האָט ער מיט זיך מיטגעטראָגן דעם אייגנאַרטיקן קלימאַט פון די אַמאָליקע פאַרוואַרצלטע ראשונים אין דער פועלי־ציון באַוועגונג. ער האָט געטראָגן שטיל, קלוג און פעסט די אידעאָלאָגישע ירושה פון דער פּלעיאַדע, וואָס האָט אויסגעטראָטן דעם סאָציאַליסטיש־ציוניסטישן וועג צו די יידישע מאַסן.

אין אונדזער גייסטיקן אויפקום און אין דעם פונאַנדערבלי פון יידישער קולטור וועט מען געדענקען דעם ווירדיקן צושטייער פון דעם שותק שמעון ראָזענבערג.

י. זרובבל

חיים בראַנד

חיים בראַנד, אָדער ווי ער איז געווען באַקאַנט פּאַרטייאיש מיטן נאָמען מיטעק, איז פאַררעכנט געוואָרן צווישן דער ייִנגערער גרופּע טוער און פירער אין דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן. מיטעק האָט זיך שנעל קונה־שם געווען ווי אַ פאָלקס־רעדנער. דער דאָזיקער בכבודיקער טיטל האָט אים אַוועקגעשטעלט אין מזרח־וואַנט פון די יונגע שליחים.

ס'איז געווען אַן אויפגעשטורעמטע תקופה.

דאָס באַרימטע פּויליש־יידישע שטעטל האָט געפיבערט פון דורשט נאָך מעשים. עס האָט זיך געשטייגערט דער חשק מקרב זיין דעם „קץ״: פאַר דעם איז מען גרייט געווען צו מסירת־נפש און קרבנות אָן אַ שיעור און גרענעץ.

מיטעק איז געקומען פונעם שטעטל, דורכגענומען מיטן פיבער פון דער צייט. געקומען ווי אַ פאַרברענטער חסיד און זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. מיט זיין וואָרט האָט ער געצונדן הערצער. פונאַנדערגעבלאָזן פלאַמען פון באַגייסטערונג און גלויבן, אַז דער וועג איז קלאָר און זיכער, אַז ס'איז כדאי די אָנשטרענגונג.

מיטעקן האָט אָפּגעגליקט און ער האָט זיך פּאַרטייאיש געטובלט אין דער שטאַרקסטער אָרגאַניזאַציע — אין לאָדזש. טויזנטער האָבן זיך צוגע־הערט צו דעם וואָרט פון פּועלי־ציון און געפירט געוואָרן דורך דער פּאַרטיי אין זייער טאָג־טעגלעכן געראַנגל. אין דער שפּיץ זענען געשטאַנען וועטע־ראַנען פון דער באַוועגונג: מוליע און האַלענדערסקי. מיט זיי האָט מיט־געאַרבעט אַ גאַנצע גרופּע ייִנגערע טוער, מיט מיטעקן בראש.

מיטעק האָט זוכה געווען געוויילט צו ווערן אין די אָנפיר־אינסטאַנצן פון דער פּאַרטיי, אין לאָדזשער קאָמיטעט, אין הויפּט־ראַט, ביז אין צענ־טראַל־קאָמיטעט. ער האָט פאַרמאָגט אומבאַגרענעצטע געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט צו דער פּאַרטיי. אין זיין באַציִונג צו דער פּאַרטיי און צו זיינע פליכטן לגבי איר האָט דאָמינירט דער עלעמענט פון אמת, פון אויפריכטיקייט. האָט אים די פּאַרטיי געענטפערט מיט דער זעלבער מטבע.

יעדער איינצלנער חבר און די אָנפיר־אַנשטאַלטן פון דער פּאַרטיי האָבן זיך באַצויגן צו מיעטעקן מיט פולן אומבאַגרענעצטן צוטרוי.

אין די פאַרוויקלטע אינערלעכע שליחותן פון דער פּאַרטיי איז גע־שיקט געוואָרן מיעטעק, משפּיע צו זיין אויף חברים, אויסצוגלייכן סיכסוכים, אַקטיוויזירן אומצופרידענע; צו מיעטעקס וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט, מיט זיין עצה האָט מען זיך גערעכנט.

ביי דער אימפּולסיוויקייט פון זיין נאַטור האָט ער זיך דאָך אויסגע־צייכנט מיט באַרעכנטקייט, שיקול־הדעת, ועל כולם — מיט געפיל פון אַחריות.

ער איז געווען דער ליבלינג פון די חברים, פון די ברייטע מאַסן. צו וואַל־קאַמפּאַניעס, ווו ס'איז נייטיק געווען צונויפצוטרעפן זיך מיט די אָרעמסטע שיכטן כדי זיי אויפצוקלערן די פאַרבינדונג צווישן דעם פּאָלי־טישן קאַמף און זייערע טאָג־טעגלעכע אינטערעסן — האָט מען געשיקט מיעטעקן. ער האָט געהאַט די שפּראַך פון די מאַסן, די שפּראַך פון זייער לעבן און גערעאַנגל, די שפּראַך פון זייער האַרץ און מוח. באַ אים זענען נישט געווען קיין פוסטע הבטחות און קיין אויפגעבלאָזענע „גליקן" אין דער ווייטער אומדערגרייכבאַרער צוקונפט. מיעטעק האָט געשילדערט דעם זיכערן וועג, דעם רעאַלן רעזולטאַט פון עקשנותדיקן תכליתדיקן גערעאַנגל, וואָס ציט זיך נישט צוריק צוליב שטרויכלונגען און טרעט נישט אָפּ פאַר שוועריקייטן. מיעטעק האָט מיטגעריסן מיט זיך מאַסן נישט צו אידיליעס און אילוזיעס, נאָר צו קאַמפּס־מאָביליזאַציע פאַר אַ דערהויבנדיקן אידעאַל.

מיעטעק האָט געהערט צו די אומדערמידלעכע טוער און אויסגעהאַל־טענע קעמפער. נישט געוווסט פון אָפּרו, פון הפסקות און „איבערכאַפּן דעם אָטעם": טאָג ווי נאַכט, אין פאַראיין, אויף דער מאַסוווקע, אויפן מיטינג אונטערן פרייען הימל: שעהן לאַנג אין אויטאָבוס און מיט בעלי־עגלות איבער „פּוילישע וועגן" האָט מיעטעק געטראָגן דאָס גליִענדיקע וואָרט פון דער פּאַרטיי. ערלעך געמונטערט צום קאַמף און געוועקט צו אַחריות פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט, פאַרן גורל פון יידישן פאָלק. ער האָט געווירקט מיט זיין אויפריכטיקן נישט געקינצלטן פּאַטאָס, מיטן אמת פון זיין געדאַנק, מיט דער עכטקייט פון זיין געפיל און מיט זיין אייגענער אומדערשיטער־טער אמונה אינעם סאָציאַליסטיש־ציוניסטישן אידעאַל.

דאָס האָט באַשטימט פאַר מיעטעקן דעם פּלאַץ און ראָל אין דער

פּאַרטיי. ער האָט זיך אָפט באַנוצט אויך מיטן געשריבענעם וואָרט. ער האָט נישט פּרעטענדירט אויף שרייבעריי, אָבער (ווי אַ סך פּאַרטיי־טוער) האָט ער געהאַט די פליכט צו זאָרגן אויך פאַר דער תורה שבכתב. האָט דער לאָדזשער ראַיאָן־קאָמיטעט אַרויסגעגעבן אַן אייגענעם ראַיאָן־אָרגאַן „דער לאָדזשער אַרבעטער" — איז מיעטעק געווען אין דער רעדאַקציע איינער פון די אַקטיווסטע פּובליציסטן, וואָס האָט רעאַגירט אויף די אַקטועלע פּראַגן און פּראָבלעמען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט פאַרמאָגט אַ שטורמישן טעמפּעראַמענט און זיין רעוואָלוציאָנערע נאַטור האָט געפאָדערט אַקטיווע מעשים אויף אַלע געביטן פון פּאַרטיי־טעטיקייט. דערביי האָט מיעטעק קיין מאָל נישט פאַרלוירן דעם ניכטערן פּאַרטייאישן ישוב־הדעת און זיך נישט געלאָזט פאַנגען פון כישופדיקע אילוזיעס. ער האָט געהערט צו די טוער, וואָס האָבן די פּאַרטיי געפירט אַחריותדיק דורך די פעלדזן־ריפן פון דער צעשטורעמטער צייט און געבילדעט דעם פעסטן אידעיש־פּאָליטישן רוקן־ביין פון דער באַוועגונג. זיין גאַנג צו דער וועלט־רעוואָלוציע האָט געפירט דורך דעם באַראָכאָוויסטישן פּועלי־ציוניזם: זיין אויפגאַבע אינעם ציוניסטישן באַפרייונגס־ווערק האָט ער געזען, ווי אַ יידישער סאָציאַליסט, פאַר וועמען די וויזיע פון אַן אייגענער מדינה קומט־אויף נאָר און נישט אַנדערש, ווי אַ יידיש סאָציאַליסטישע ארץ־ישראל.

פּאָליציייאישע רדיפות האָבן אים תמיד געהאַט אויפן אויג און ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון רעאַקציאָנערן רעזשים און פּוילישע תפיסות. ער איז אויסדערוויילט געוואָרן צו די עינויים פון דעם באַרימטן קאָנצענטראַציע־לאַגער קאַרטוז־בערעזע. זיין פיזיש געזונט איז איינגעבראָכן געוואָרן, אָבער זיין גייסט איז אין דאָזיקן פּילסודסקי־גיהנום געשטאַרקט און געשטאָלט געוואָרן. מיעטעק איז אַרויס פון דעם נסיון מיט כבוד, ווי אַן עכטער פאָלקס־רעוואָלוציאָנער, ווי אַ טרייער קעמפער פון פּועלי־ציון.

זיין רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער האָט מיעטעק אויפגעהיט אין דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אויך אין די יאָרן פונעם היטלער־קריג. ער האָט צוזאַמען מיט די יידישע געפלאָגטע מאַסן דורכגעמאַכט דעם וואָגל־וועג פון די ערשטע פּליטים און זיך אַרויסגעראַטעוועט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָרט גלייך זיך געשטעלט אין די רייען פון די אַקטיווסטע קעמפער: אין דער פּאַרטיי, אין דער יוניאָן, אין געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, אין אַלע אַרבעטן פאַר ארץ־ישראל.

ער האָט אַ פּאָר מאָל באַזוכט ארץ־ישראל, געקומען אַלס דעלעגאַט צום ציוניסטישן קאָנגרעס, און ס׳איז געווען פּיינלעך צוצוזען די טיפע עצבות זיינע צוליבן נישט קאָנען דאָ פאַרבלייבן אויף תמיד.

און סוף־כל־סוף איז ער אַהער געקומען. ווי שנעל ער האָט זיך אַקלי־מאַטיזירט אין דער מדינה ישראל! גיך איז ער געוואָרן אַ צענטראַלע פיגור אין דער היגער אַרבעטערשאַפט. ער האָט באַוויזן אין אַ קורצער צייט אַריינצובלאָזן אַ פרישן אָטעם אין הונדערטער חברים פון אַמאָליקן פוילן, וואָס האָבן זיך צוליב כלערליי סיבות אָפּגערוקט פון פּאָליטישן לעבן.

ס׳איז געווען צו באַוווּנדערן, ווי חיים בראַנד האָט מיטגעריסן חברים און זיי אַקטיוויזירט. אַזוי איז געווען זיין שנעלער אַריינוועבן זיך אין דער אָנפיר־טעטיקייט פון פאַרלאַג אויפן נאָמען י. ל. פּרץ, און רינגעלבלום־אינסטיטוט.

ביז ער איז צוגעקומען צו דער דערהויבענער אידעע פון פאַרעפנט־לעכן די געשיכטע פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג.

חיים בראַנד האָט זיך שנעל אַקלימאַטיזירט אין לאַנד, באַטירלע־כערהייט פאַרנומען אין דער באַוועגונג אַ צענטראַלע פּאָזיציע אַ דאַנק זיין טריישאַפט צו אירע פּרינציפּן און פּערזענלעכן חברישן חן. זיין וואַרעמער טאָן און שטראַלנדיקער שמייכל האָבן צו אים מקרב געווען מענטשן און זיי סטימולירט צו אַקטיווקייט.

ער האָט געמיינט מיט אַן אמת יעדעס וואָרט און יעדן שריט זיינעם. אַלץ האָט ער זיך גענומען צום האַרצן, און דאָס האַרץ האָט עס סוף כל סוף נישט אויסגעהאַלטן.

ער איז געפאַלן אין מיט פון זיין פרײדיקן גאַנג צו וויכטיקע היס־טאָרישע פאַרמעסטן.

אײנעם פאַנטעאָן פון דער באַוועגונג וועט ער פאַרבלייבן — ווי איינע פון די שענסטע געשטאַלטן, וואָס קאָנען די וויטערדיקע דורות דינען ווי אַ מוסטער פון אַן אויפריכטיקן, גלויביקן יידישן סאָציאַליסטישן קעמפער פאַרן גליקלעכן אויפשטייג פון זיין פאָלק אין דער משפחה פון אויסגע־לייזטע פעלקער.

איך האָב אים מספיד געווען ביים אָפענעם קבר, גערעדט וועגן אים צו די שלושים, געשריבן צו זיין 60טן געבוירן־טאָג און נאָך זיין פטירה. איצט איז שוין זיין ערשטע יאָרצייט.

וואָס קאָן איך מוסיף זיין, ווי ס'איז מחייב דער אָנדענק פון אונדזער חיימען? עס וועלן דורכגיין יאָרן, עס וועלן אַרויסגעבראַכט ווערן די גע־זאַמלטע זכרונות וועגן זיין לעבן און טעטיקייט אין די עטלעכע לענדער, ווו ער האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט; עס וועלן צונויפגעקליבן ווערן אַרטיקלען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין צייטונגען, און בפרט בריוו זיינע, וואָס זענען גאַנץ אָפט געווען אָפהאַנדלונגען איבער אַקטועלע פראַגן און „אייביקע" פּראָבלעמען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג; דעמאָלט וועט זיך אַרויסהויבן פאַר אַלעמען די שיינע מענטשלעכע געשטאַלט פון אַן אַרבעטער־קעמפער, פון אַ פּועלי־ציוניסט, אין זיין טיפסטן מהות, בלב ונפש, וואָס האָט געזאָלט און דאַרף גילטן, ווי אַ מוסטער פאַר אונדזערע יורשים. דאָס מאָל וויל איך בלויז באַטאָנען איין וווּנדערלעכן פאַקט פון חיימס לעצטע יאָרן: ער האָט באַזוכט ארץ־ישראל איינציקע מאָל, לסוף געקומען און זיך באַזעצט. עס איז אים, ווייזט אויס, נישט באַשערט געווען צו לאַנג דאָ צו בלייבן מיט אונדז. אים און אויך אונדז איז עס נישט באַשערט געווען. וועט עס בלייבן בפירוש אַן אומבאַגרייפלעכע דערשיינונג, וואָס חיים האָט באַוויזן אין אַ קורצער צייט פון בערך אַנדערטהאַלבן יאָר אויפצושיינען אין זיין פולער ליכט, אַז אַפילו מענטשן, וואָס האָבן אים ביז דעמאָלט קיין מאָל נישט געזען און אפשר אויך נישט געהערט וועגן אים, האָבן זיך דערקענט אויף זיין באַזונדערקייט און אויסדערוויילטקייט.

ער האָט זיך דורכגעטראָגן ווי אַ מעטעאָר און צעשיקט זיין וואַרעמ־דיקע און מונטערנדיקע ליכט אין אַלע זייטן, דערוועקט האָפענונג און גלויבן אַפילו ביי פאַרחלשטע און אויסגעליידיקטע.

איך ווייס נישט פון נאָך אַן ענלעכן פאַל ווי חיים בראַנד, וואָס האָט געצויגן אָפגעשטאַנענע און אפשר אַנטוישטע חברים, זיי קאָנצענטרירט און פאַרוואַנדלט צוריק אין אַן אַקטיוון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן קאָ־לעקטיוו.

עס וועט בלייבן אין אונדזער זכרון, ווי אַ שטראַלנדיקער מאָנומענט, דער פייערלעכער יאָרטאָג פון דער פּוילישער פּאַרטיי און דער אומפּאַר־

געסלעכער טויזנטקעפּיקער אויפמאַרש צו באַראַכאָווס קבר אין כנרת — ביידע איניצירט און רעאַליזירט דורך חיימען.

און ווי אַ מעטעאָר איז חיים שנעל פאַרשוווּנדן פון אונדזער ישראל הימל.

פאַרשוווּנדן און איבערגעלאָזט נאָך זיך בענקשאַפט צו אַזאַ נשמה־עכטקייט, חברישער אויפריכטיקייט, מאָראַלישער ריינקייט און פאַרטיי־אישער טריישאַפט. אין דער קלאָרער ישראל־לופט האָט ער איבערגעלאָזט אַ לייכטן שפּור, וואָס איז אַריינגעדרונגען טיף אין האַרצן און דערוועקט דאָרט אַן אומרו.

דאָס גאַנצע לעבן פון חיים בראַנד איז געווען דורכגענומען מיט אומרו — פּאָליטישן, מאָראַלישן, יידישן, פּועלי־ציוניסטישן.

געבענטשט זאָל זיין אָט־דער אומרו, וואָס איז אין אונדז אויפגעשטיגן אַ דאַנק חיים בראַנד און זיין לעבן צווישן אונדז.

י. זרובבל

א. ש. יוריס

געווען אַ צייט ווען דער נאָמען יוריס האָט געשמ׳ט אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג. נאָך איידער ער איז געקומען אין פּוילן, אין דער מאַסן־פּאַרטיי, האָט יוריס אַרויסגערופן צו זיך נייגיר און אינטערעס. ווען ער איז געווען אַ סטודענט אין ווין און האָט גערעדט צו טויזנטער ווינער אַרבעטער אין צייט פון שטרייק האָט ער זיי מיטגעריסן מיט זיין פּאַטאָס, מיטן שניידיקן ווערטל און מיט טרעפלעכע ציטאַטן פון דיכטער און פילאָזאָפן.

אויסערלעך האָט ער זיך נישט אויסגעטיילט מיט עפּעס באַזונדערס, וואָס זאָל ציִען צו אים אויפמערקזאַמקייט. אָבער אין מאָמענט ווי ער איז דערשינען אויף דער טריבונע, האָט ער גלייך געוואונען די אוידיטאָריע.

ער האָט אַלס רעדנער פאַרמאָגט עספּרי, געראָטענע אַפאָריסטישע זאַצן. אַ דיכטער לויט זיין גאַנצן וועזן האָט ער נישט גערעדט וועגן סאָציאַליזם, נאָר געשילדערט דאָס בילד פון דער נייער וועלט און געמאָלט די פּיל־פאַרביקע פאַרכאַפּנדיקע נייע סאָציאַלע געזעלשאַפט, און דער מאַסן־עולם האָט זיך אַוועקגעטראָגן אויף די פליגל פון יוריסעס דמיון און געקוויקט זיך אין משך פון אַ פּאָר שעה מיט די מערקווירדיקע שיינקייטן פון דעם, וואָס וועט שפּעטער זיין. אינעם גן־עדן התחתון.

דער דיכטער אין יוריסן האָט זיך אַנטפּלעקט נאָך אין זיין פריער יוגנט. איך דערמאָן זיך דאָס יאָר 1909. איך האָב זיך דעמאָלט באַזעצט אין לעמבערג, ווו כ׳האָב רעדאַקטירט דעם אָרגאַן פון די פּועלי־ציון אין גאַליציע „דער יידישער אַרבעטער". איך האָב זיך נישט באַנוגנט מיט רע־דאַקציע־אַרבעט, נאָר געהאַלטן אין אַרומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך. דער גאַליצישער עולם יידישע אַרבעטער און אינטעליגענץ איז געווען דורשטיק נאָך אַ לעבעדיק וואָרט סיי וועגן פּאָליטישע פּראָבלעמען און סיי וועגן ליטעראַטור. ס׳איז געווען ערשט נישט לאַנג נאָך דער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ, בעת וועלכער ס׳האָבן זיך פאַרזאַמלט די שענסטע וואָרטזאָגער פון יידישער ליטעראַטור און קולטור. זשיטלאָווסקי

און בירנבוים, פרץ און נאָמבערג, שלום אַש און רייזען, די סאָציאַליסטישע קולטור־טוער, ווי אונדזער כתריאל צו יענער צייט רעדאַקטאָר פון „ייד. אַרבעטער", און אסתר פון „בונד". די פּראָווינץ האָט אויפגעלעבט האָבנ־דיק די געלעגנהייט צו הערן די באַקאַנטע שרייבער און דיכטער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבער שטעט און שטעטלעך. איך בין געקומען פון ווילנע, ווו מען האָט אָט־ערשט געפייערט מענדעלען מיט אַ גרויסן שוווּנג, כ'האָב בייגעוווינט זיינע יובל־פייערונגען אויך אין וואַרשע און אין לאָדזש. דורכגענומען מיט דער דערהויבנדיקער קולטור־שטימונג האָב איך דורכגעפירט אַ ריי רעפעראַטן און קאָלעקטיווע קולטור־אָוונטן אין די שטעט פון גאַליציע. מיט מיר זענען מיטגעפאָרן שמואל יעקב אימבער, דער יונגער דיכטער, דער בעלעטריסט אברהם וויעוויאָרקע.

און אָט קומט צו מיר אַן איינלאַדונג פון קאָלאָמיי. ס'לאַדט איין א. ש. יוריס, אַ יונגער גימנאַזיסט, צו אַ רעפעראַט וועגן דער יידישער ליטעראַטור.

עס איז אַ לאַנגע צייט צוריק. כמעט 58 יאָר. און פון דעסטוועגן געדענק איך נאָך דעם רושם פון יענעם אָוונט אין קאָלאָמיי. אַ ריזיקער זוויסער זאַל, אַלע ווענט זענען באַצירט מיט פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער. און יעדער פּאָרטרעט לאָזט אַרויס פון אַלע זייטן לענטעס אויף וועלכע ס'זענען געדרוקט די טיטלען פון דעם שרייבערס וויכטיקע ווערק. אַזוינס האָב איך ביז דעמאָלט אין ערגעץ נישט געזען. ס'האָט זיך גלייך באַם אַריינגיין אין זאַל געפילט אַ דערהויבענע יום־טובדיקע שטימונג.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אָט די שטימונג האָט זיך געשאַפן נאָך פריער מיט עטלעכע וואָכן פאַרן אָוונט. פּלוצים האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט גרויסע פּלאַקאַטן מיט איין איינציקן מיט קידוש־לבנה אותיות: זרובבל. האָט עולם געלייענט דעם פּלאַקאַט און זיך געבראָכן דעם קאָפּ צו פאַרשטיין וועגן וואָס האַנדלט עס זיך. וואָס מיינט: זרבבל? איז עס אַ נייע מאַנופאַקטור, איז עס אַ מיטל קעגן קאָפּ־ווייטאָג אָדער קעגן אָפּפירונג?

ערשט דערנאָך, אַ וואָך שפּעטער איז דערשינען אַ גרויסער פּלאַקאַט מיט אַ פולן פּראָגראַם פון דעם ליטעראַרישן אָוונט, ווו זרבבל וועט אויפטרעטן מיט אַ ספּעציעלן רעפעראַט...

איך ברענג דעם דאָזיקן פאַקט, כדי צו געבן אַ שטיקל באַגריף וועגן

יוריסעס איינפאַלן בײַ אָרגאַניזירן אונטערנעמונגען און בײַ אויפוועקן בײַם ברייטן עולם אינטערעס צו דעם, וואָס ער ווייסט נישט.

יוריס גופא האָט זיך אויך באַטייליקט אינעם אָונט. ער פלעגט פאָר־לייענען און זיך ספּעציאַליזירט אויף פּרצעס מאָניש. אויב דער אָנהייב איז געווען עטוואָס אין נוסח אַמעריקע, ווי איך האָב זיך דערנאָך דערוווּסט, בײַ מיין ערשטן באַזוך אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, איז אָבער דער אָוונט גופא געווען אויסגעהאַלטן אין אַ געשמאַקפולן קולטור־סטיל, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן די ווערדע פון דער יידישער ליטעראַטור און די באַ־צ׳ונג פון אַכטונג און ליבע צו איר און צו אירע רעפּרעזענטאַנטן.

אין דער ברייט־פאַרצווייגטער קולטור־טעטיקייט, וואָס כ׳האָב אַנט־וויקלט אין גאַליציע האָט מיר יוריס שטאַרק אַרויסגעהאָלפן דורך זיינע רעציטאַציעס.

און נאָך אַן עפּיזאָד דערמאָנט זיך מיר טאַקע אין זעלבן קאַלאָמיי. גראָד איז אָנגעקומען צו מיר די טעלעגראַפישע ידיעה, אַז כתריאל (לעאָן כאַזאַנאָוויטש), וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן אין בוענאָס־איירעס אויף אַ מסירה פון די יק״א־פאַרשטייער, אַלס אַנאַרכיסט, איז באַפרייט געוואָרן בעת די שיף האָט אים געבראַכט אין פּאָרט פון ליסאַבאָן. איז יוריס גע־קומען מיט אַ פאָרשלאָג, אַז מיר, אַ גרופּע חברים זאָלן זיך אַרויסלאָזן איבער דער שטאָט, אָנקלאַפּן אין די הייזער און מעלדן די ידיעה: כתריאל באַפרייט! וואָס, ווער, ווען? געגוג די ידיעה, און זאָלן זיך די מענטשן אינטערעסירן צו געוויער ווערן מער איינצלהייטן.

יוריס האָט פאַרמאָגט אין זיך שקאָצעריי, געווען קוועקזילבערדיק, דינאַמיש און נישט אָנערקענט קיין אָנגענומענע כללים פון אויפפירונג און באַצ׳ונגען. עס האָט אין אים געשטורעמט נאָכאַנאַנד און נישט געלאָזט רוען. איז ער טאַקע מיט דער צייט געוואָרן דער פּאָפּולערסטער לעקטאָר אין דער פּאַרטיי אויף כלערליי טעמעס. ער האָט אַ סך געלייענט און געזאַפּט אין זיך ווי אַ שוואָם וויסן אויף פאַרשידענע שטחים, ספּעציעל — פון ליטעראַטור און פילאָזאָפיע.

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און רוסישער רעוואָלוציע איז יוריס מגולגל געוואָרן קיין רוסלאַנד און פון דאָרטן האָט ער אַריבער־געפּעקלט זיך קיין פּוילן, וואָס איז געוואָרן זעלבשטענדיק און זיך באַ־פרייט פון טאָפּלטן יאָך: דעם רוסישן און דייטשן.

די פּאַרטיי האָט אים אויפגענומען ווי אַן אבן־טוב. און יוריס האָט אויפגענומען די שליחות פון דער פּאַרטיי מיט אַן אָפּן האַרץ. ער האָט אַ סך געשריבן אין דער „אַרבעטער צייטונג", איינציקע אַרטיקלען איבער אַקטועלע טעמעס און גאַנצע סעריעס, ווי ער האָט זיך קונה־שם געווען מיט דעם ציקל „די רעוואָלוציע פון נשמות". מ'האָט געוואַרט אויף זיינע מאמרים, ס'איז שטענדיק געווען צו לערנען פון זיי, צו דערוויסן זיך עפּעס נייעס. נישט ווינציקער הצלחה האָט ער געהאַט מיט זיינע רעפעראַטן. כדאי צוצוגעבן, אַז יוריס איז דערביי, אין זיין באַהעמישקייט געווען אַ גוטער טרייער און צוגעלאָזענער חבר. מיט אים האָט מען געקאָנט פאַר־ברענגען און זיך אונטערהאַלטן. ער האָט נישט געפאָדערט פיל און זיך גע־קאָנט איינלעבן אין די ערגסטע באַדינגונגען.

ס'פלעגט פּאַסירן, אַז קומענדיק אַ פּאַרשפּעטיקטער אין אַ שטאָט, האָבן אים די אָרדנערס נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין זאַל צו זיין אייגענעם רעפעראַט. זיי האָבן בשום אופן נישט געוואָלט גלייבן, אַז אָט־דאָס איז ד״ר יוריס, וועגן וועלכן זיי האָבן אַזוי פיל געהערט.

האָט זיך געמאַכט אַ מעשה, און אין איין שטאָט האָבן די חברים געהאַלטן פאַר נייטיק איינצוהאַנדלען פאַר אים אַ נייע פּאַר הויזן, ווייל ס'האָט נישט געפּאַסט אַרויפלאָזן אים אויף דער טריבונע אין זיין הולך. נו, האָט אים דער קאַסירער פון דער פּאַרטיי אַראָפּגערעכנט די סומע, וואָס די הויזן האָבן געקאָסט. ס'האָט געהייסן, אַז מ'האָט דאָס געלט גענומען פון דער פּאַרטיי־קאַסע...

יוריס איז געווען נאַטירלעכערהייט דער ליבלינג פון דער פּאַרטיי. ער האָט שטענדיק פאַרמאָגט דעם וויץ, זיך פאַרשטאַנען אויף אַ שפּאַס און גערן משמח געווען זיינע נאָענטע פריינד.

ביז 1920 האָבן מיר כסדר געאַרבעט צוזאַמען און געווען אינטים באַפריינדעט. ס'האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז יוריס איז געווען דער איינ־ציקער עדות באַ מיין חתונה אין וואַרשע. דעם זעלבן פּרייטיק צו־נאַכטס זענען מיר ביידע אַרויסגעפאָרן אין צוויי פאַרשידענע ריכטונגען צו האַלטן רעפעראַטן.

יוריס איז געבליבן מיט די „רעכטע" בעת ס'איז אין ווין פאָרגעקומען די וועלט־קאָנפערענץ, וווּ ס'האָט זיך געשפּאָלטן די פּועלי־ציון וועלט־באַוועגונג.

דער רעכטער פאַרבאַנד האָט גלייך אויסגענוצט יוריסן און אַרויסגע־שיקט אים קיין צפון־אַמעריקע צו קאַמפּעינעווען. און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סדרה אין יוריסעס לעבן. יוריס איז געשטרויכלט געוואָרן בײַ די קאַמפּעינען. חלילה, ער האָט נישט געהאַט קיין דורכפאַל. אַדרבא, זיינע רעדעס האָבן אויסגענומען באַם עולם. ער האָט אָבער, הפנים, שטענדיק געטראַכט וועגן „תכלית" און די רייד זענען געווען אויסגערעכנט דערויף. האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעוועפּט דער אַמאָליקער שפּרודלדיקער טריבון, און ס'איז בײַ אים אָוועקגענומען געוואָרן די שאַרפזיניקייט, דער קינסט־לערישער אויפברויז; ס'האָט זיך נאַטירלעכערהייט אויסגעאַרבעט אַ שאַב־לאָן, אַ באַשטימטער נוסח פון קאַמפּעין־דרשה.

מיר אַלע, זיינע נאָענטע חברים און פריינד, וואָס האָבן אים גוט געדענקט פון די אַמאָליקע יאָרן, האָבן באַדויערט און מיט פאַרדראָס צו־געזען, ווי ס'פאַרשווינדט „אונדזער יוריס" אָבער זיין באַוועגונג האָט אים נישט געגעבן קיין אַנדער שליחות...

אין יאָר 1924 האָט יוריס חתונה געהאַט אין אַרגענטינע, געווען דאָרט אַ פּאָר יאָר און זיך אומגעקערט קיין ארץ־ישראל, זיין אויסגעחלומט לאַנד, וווּ ער איז פאַרבליבן ביז אויף היינט. דערמאָנען מיר כסדר דעם אַמאָליקן גלאַנץ, די רירעוודיקייט און פולבלוטיקע דינאַמישקייט אין וואָרט און אין שריפט.

אַזוי איז ער צוגעקומען צו זיין פענסיאָנירטן מעמד.

אָבער טויזנטער און טויזנטער געדענקען יוריסן, ווי דעם ליבלינג פון דער באַוועגונג, וואָס האָט אַריינגעבראַכט פרייד און ליכטיקייט אין זייער לעבן.

שלמה שווייצער

אין משך פון לאַנגע יאָרן גייט אָן אין פּאַריז שלמה שווייצער ווי איינע פון די צענטראַלע פיגורן אין יידישן קולטור־לעבן.

ער איז שוין לאַנגע יאָרן פאַרבונדן מיט די לינקע פּועלי־ציון, איז איר אָנגענומענער אָנערקענטער רעפּרעזענטאַנט נישט נאָר אין יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן. אָבער זיין פּאָפּולערקייט גרייכט ווייט אַריבער די גרענעצן פון אונדזער פּאַרטיי.

ער איז אַ צנא מלא ספרא, ער איז אַן ערודיט און ווייסט אַ סך. ער צייכנט זיך אויס מיט אַ גוטן זכרון און ער האָט גוט פאַרדייעט וואָס ער האָט געלערנט. אייגנטלעך האָט ער נאָך עד היום נישט אויפגעהערט צו לערנען. ער איז ווי יענער קוואַל, וואָס וויפל ער ברענגט נישט אַרויס פון זיך, פאַרלירט ער נישט קיין טראָפּן. עס מערט זיך זיין וויסן און עס ברייטערט זיך אויס דער שטח פון זיינע פאַראינטערעסירונגען.

אַ וואַרשעווער, איז ער געווען געקניפּט און געבונדן מיטן פּוילישן יידנטום, ווי אַן אייגענער, איינגעזאַפּט אין זיך זיין נאַטירלעכע אָרגאַנישע יידישקייט, אָבער אויך זיין אייביקע נייגיריקייט און דורשט צו וויסן, וואָס מער און גרינטלעכער. שוין אין זיין היים־שטאָט, אין וואַרשע, האָט שווייצער אַלס סטודענט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן, געווען אַ חבר אין „אַקאַדעמישן קרייז" פון די לינקע פּועלי־ציון און נישט אויסגעמיטן קיין שום אַרבעט, וואָס די דינאַמישע אָרגאַניזאַציע האָט איניצירט און אָנגעפירט. ער האָט געהאַט אַ באַזונדער אינטערעס צו דער קולטור־טעטיקייט און צו דער שול־אַרבעט.

אַרויסגערוקט אין פראָנט פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, האָט אים זיין לאַנג־יאָריקער אויפהאַלט אין דער שווייץ און דערנאָך אין פּאַריז. דאָ איז ער אַריין אין סאַמע מיט פון דעם אָרטיקן לעבן און צוזאַמען מיט אַנדערע חברים דורכגעמאַכט אַלע יאָרן פון אויפבלי און דעם געראַנגל פאַר נאָרמירטן יידישן לעבן אין פּאַריז.

שלמה שווייצער איז אַ זייער צוגעלאָזענער מענטש. ער פאַרמאָגט

אין זיך, כ׳וואָלט זאָגן, דעם עכטן הומאַניזם, ער האָט ליב דעם עצם מענטש. אין דעם גופא, וואָס ס׳איז אַ מענטש, געבוירן בצלמו ובדמותו איז דאָך אַ געוואַלדיק ווונדערבאַרע דערשיינונג, נישט צו פאַרשטיין און נישט אָפּצושאַצן. שלמה שטוינט כסדר פאַר אָט דער דערשײַנונג און איז אין איר פאַרליבט איבער די אויערן. פאַרן מענטש, ס׳מיינט — פאַר יעדן מענטש איז ער גרייט צו טאָן אַלץ וואָס אין זיינע כוחות. איך דעם פּרט וויסט ער נישט פון קיין חשבון פון צייט און אויסרעכענונג פון ענערגיע. אים אינטערעסירט איין חשבון: מענטש.

שווייצער איז אַ וואַרעמער לעקטאָר. ער אַליין דערוואַרעמט זיך בעת דער לעקציע און ער דערוואַרעמט דעם עולם צוהערער. בעת ער שטעלט זיך אַוועק באַם שטענדער, ווייסט ער גוט, וואָס ער האָט צו באַהאַנדלען און ער קען גרינטלעך דעם געהעריקן מאַטעריאַל. אָבער ער ווייסט נישט גענוי ווי־אַזוי ער וועט באַהאַנדלען דעם מאַטעריאַל. דער אמת איז, אַז בעתן רעדן, תוך כדי דער לעקציע קומט אים צו נאָך און נאָך מאַטעריאַל פון זיין רייכן אוצר וויסן, און ער ווערט יעדעס מאָל אַליין נתפעל פון דעם, וואָס אים ווערט קלאָר. דער גוטער צוהערער, וואָס פאָלגט נאָך שווייצערס אַ לעקציע, קאָן באַמערקן דעם פּראָצעס, ווי אַזוי דער לעקטאָר דעקט יעדעסמאָל אויף נייע אַרגומענטן און צינדט אָן נייע פּראָזעשקטאָרס צו באַלייכטן די טעמע.

שטענדיק אַ פאַרנומענער מענטש, האָט ער נישט קיין צייט צוצוגרייטן זיך צו דער לעקציע, גרייט ער זיך צו בעתן רעדן גופא.

אַן ערך 14 יאָר האָט ער זיך געפונען אין דער שווייץ אין גענף. דאָרט האָט ער נישט נאָר געשטודירט יורי, נאָר צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברים פּועלי־ציון און עטלעכע בונדיסטן מיטן פּראָפ. ליבמאַן הערש געשאַפן אַ קולטור־קרייז, וואָס האָט געטאָן קולטור אַרבעט אויפן אָרט און געשטיצט פון ווייטן די ציש״אָ אין פּוילן. ס׳איז נישט געווען אַזוי פּשוט אויפצוהיטן די גאַנצקייט פון דעם קולטור קרייז, וויבאַלד די בונדיסטן האָבן יעדעס מאָל געפּרובירט אין נאָמען פון קרייז, פירן אַן אַנטי־ציוניסטישע טעטיקייט.

בעת דער מלחמה האָט זיך שווייצער נאָך אַ מאָל געפונען אין דער שווייץ, דאָס מאָל ווי אַ פּליט פון פראַנקרייך. ער איז דאָרט געזעסן אין פאַרשידענע לאַגערן, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן פאַר די פּליטים,

מערסטנס יידישע, וואָס האָבן זיך דאָן געפונען אין דער שווייץ. זיצנדיק אין די לאַגערן האָט שלמה שווייצער אַרויסגעגעבן (פאַרשטייט זיך אין געהיים) דעם פּועלי־ציוניסטישן העקטאָגראַפירטן אָרגאַן, וואָס האָט דאָן צוגעשטעלט אינפאָרמאַציע און פּאָליטישע אַרטיקלען, הן פאַר די יידישע פּליטים אין דער שווייץ, הן פאַר די איבערגעבליבענע חברים אין פראַנק־רייך, וואָס זענען אונטער דער נאַציִשער אָקופּאַציע געווען אָפּגעשניטן פון דער וועלט. צוזאַמען מיט די חברים פּאָלינסקי און עוזר שוואַרץ האָט ער אויך אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט די אָרגאַניזאַציעס מעבר לים, מיט די חברים אין אַמעריקע, אין ארץ־ישראל און אויך מיט די, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און געלעבט אין דער אונטערערד אין אָקופּירטן פראַנק־רייך. דאָס דירעקטע איבערשרייבן זיך מיט די אויסלענדישע חברים ווי אויך די טעכניק פון דעם דרוקן און פונאַנדערשיקן אונדזער העקטאָגראַ־פירטן אָרגאַן איז געלעגן אין די הענט פון די חברים פּאָלינסקי און עוזר שוואַרץ, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער פריי. עוזר שוואַרץ, אויך אַ פּליט, איז פון די לאַגערן באַפרייט געוואָרן פאַר שווייצערן.

שווייצער האָט צום ערשטן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע בראָשור וועגן דעם אויפשטאַנד, וואָס איז באַלד אויך אַרויס אין פראַנצויזיש און אין דייטש. די פראַנצויזישע אויסגאַבע פון דער דאָזיקער בראָשור איז שפּעטער עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אומלעגאַל אין פראַנקרייך נאָך אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע ווי אויך שפּעטער נאָך דער מלחמה. דורך איר איז דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד באַקאַנט געוואָרן ברייטע שיכטן פון דער פראַנצויזישער און שווייצאַרישער באַפעלקערונג. מיר אין ארץ־ישראל האָבן די זעלבע בראָ־שור שפּעטער איבערגעדרוקט אין יידיש.

אין פּאַריז האָט חבר שווייצער געווירקט אַלס פּועלי־ציון־פאַרשטייער, ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אונדזער פּרעסע און פאַרטראָטן די פּאַרטיי אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס, מיט גרויס ווערדע.

צענדליקער רעפעראַטן האָבן געגעבן אַ מעגלעכקייט דעם יידישן עולם אַרויסצוזגיין פון זיינע ד׳ אמות און באַקענען זיך מיט דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער גרויסער וועלט.

נאָך דער מלחמה איז שווייצער געווען מיטגליד פון יידישן וועלט־

קאָנגרעס און אין זיין נאָמען באַזוכט פאַרשידענע פונקטן אין פראַנקרייך, ווו זיינע רעפעראַטן האָבן געבראַכט דערמונטערונג און דערמוטיקונג.

נישט איין מאָל איז שווייצער געווען באַטייליקט אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן אָדער אין סעסיעס פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט בפרט אין די צוזאַמענקונפטן פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און תמיד האָט ער געהאַט וואָס צו זאָגן קלאָר און וואָגעדיק אין נאָמען פון דער באַוועגונג. ער האָט זיך נאַטירלעך נישט באַגנוגנט מיט די ראַמען פון פראַנקרייך. די פּאַרטיי אין בעלגיע איז געשטאַנען אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיי פון פראַנקרייך און שווייצער איז געווען צווישן די, וואָס האָבן אָפט געבראַכט דאָס וואָרט פון פועלי־ציון אויך אין די שטעט פון בעלגיע. די לעצטע יאָרן האָט שווייצער עטלעכע מאָל באַזוכט ארץ־ישראל און בײַ אים איז שוין לאַנג באַשלאָסן געוואָרן עולה צו זיין. ס׳איז פאַר אים נישט געווען אַזוי פשוט, בעת מען האָט זיך געמוזט פאַרטראַכטן וועגן דעם מקור פון פרנסה גראָד אין דעם לאַנד פון מאַסן־עליה, האָבנדיק דעם ביישפּיל און די דערפאַרונג פון עלטערע חברים, וועלכע האָבן זיך כלל נישט אַזוי לייכט אַקלימאַטיזירט מאַטעריעל און געזעלשאַפטלעך אין דער נייער, אַזוי אייגענער סביבה.

שווייצערן איז צופעליק אויסגעקומען צו באַזוכן די לענדער פון צפון־ און דרום־אַמעריקע. אומעטום האָט מען אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און ס׳איז אים געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט קומען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט גרעסערע יידישע מאַסן דורך זיינע רעפעראַטן אויף פּאָליטישע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעמעס.

ער האָט זיך פון דירעקטן נסיון איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון דעם באַראָכאָוויסטישן פּראָגנאָז וועגן דעם גאַנג פון יידישן לעבן אין די לענדער פון מאַטעריעלער פּראָספּעריטי ווו ס׳פייפט נישט די בייטש פון אַנטיסעמיטיזם און פיזישע רדיפות אויף יידן. ער האָט געלערנט די נייע גענג פון דער אַסימילאַציע, וועלכע פּרעסט דעם יינגערן יידישן דור. ער האָט געלערנט, וואָס מיינט דווקא היינט־צוטאָג דער אויפקום פון דער יידישער מדינה אין געראַנגל פאַר אויפהיטן און פאַרזיכערן דעם קיום פון יידישן פאָלק.

שלמה שווייצער האָט איצט לייכטער אָנגענומען דעם ענדגילטיקן באַשלוס וועגן עליה, און אָט איז ער מיט זיין פרוי און טאָכטער עולה

געוועזן נאָך דעם ווי דער זון איז שוין געבליבן אין פראַנקרייך. די משפחה, אויך די פרוי און טאָכטער, האָבן זיך פסיכאָלאָגיש איינגעהיימישט אין דער מדינה. אָפּגערעדט פון דעם, אַז שלמה שווייצער אַליין האָט דאָ דערפילט דעם אָנשטורעם פון פרישע גייסטיקע כוחות, האָבנדיק פאַר זיך אַ ברייטע ראַם פון נייע עולים, וועלכע מוזן ערשט דאָ, נאָך זייער עליה, דערצויגן ווערן צו באַנעמען דעם זין און טעם פון דעם נייעם לעבן, וואָס זיי זענען באַרופן דאָ צו פירן, אין הסכם מיט דעם וואָס דאָ מוז אויסגעבויט ווערן אַ ניי יידיש לעבן, וועגן וועלכן אַ היבשער טייל פון זיי האָט כלל נישט געטראַכט בעת זיי זענען אַנטלאָפן אַהער, אַרויסראַטעווענדיק זיך פון די לענדער, ווו ס'האָט זיי דערוואַרט לייד און פיין אויף שריט און טריט.

שלמה שווייצער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיטן גאַנצן אימפּעט פון זיין אומרויִקער נאַטור אין דער אַרבעט באַם פאַנאַנדערוויקלען די טעטיקייט פון רינגעלבלום־אינסטיטוט. ער איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר אָט דער קולטור־היסטאָרישער אַרבעט, און ס'איז פאַראויסצוזען, אַז די אַרבעט וועט נישט נאָר באַפרידיקן אים, דעם אייביק דורשטיקן, נאָר וועט אויך ענדלעך רעאַליזירן דעם פאַרלאַנג פון דער באַוועגונג, עס זאָל אַרויסגעבראַכט ווערן פאַר דער עפנטלעכקייט די געשיכטע פון דער באַוועגונג סיי אין שריפט און סיי אין בילד.

י. זרובבל

אבוש ווערבער

איך קאָן זאָגן מיט פולער זיכערקייט, אַז די באַזוכן־אַרויסטרעטן מיינע אין בריסל נאָכן צווייטן וועלטקריג וועל איך קיין מאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן. נישט נאָר צוליב זייער גראַנדיעזן פאַרנעם און מעכטיקן פּאָ־ליטיש־געזעלשאַפטלעכן אָפּהילך. אין פולער באַשיידנקייט זאָג איך, אַז אַזוינס און מער נאָך האָב איך געהאַט איבערגעלעבט אויך אין אַנדערע שטעט, אין אַנדערע לענדער. דער באַזונדערער רושם דאָ איז געווען פון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער.

ס׳איז געווען גלייך נאָך היטלערס מפּלה; די וועלט איז נאָך נישט גע־קומען צו זיך פון איבערראַשונג, און נישט אַלע האָבן געגלייבט זיך אַליין, אַז ס׳איז טאַקע געקומען די גרויסע שעה...

אין לאָנדאָן איז זיך נאָר וואָס צונויפגעקומען די ערשטע נאָכמלחמה־דיקע אויסעראָרדנטלעכע ציוניסטישע באַראַטונג. מ׳האָט נישט ריזיקירט צו רופן אַן אָפיציעלע אינסטאַנץ. קיינער האָט נאָך נישט געוווּסט, ווער ס׳איז געבליבן צווישן די לעבעדיקע און ווער איז אַוועק מיטן רויך פון טרעבלינקע. זענען זיך צונויפגעקומען אַזוי גערופענע „פאָרשטייער״, אָנגענומענע רעפּרעזענטאַנטן, כדי זיך מיישב זיין און זען, אויף וואָסער וועלט מ׳איז. פון פועלי־ציון זענען געקומען חברים פון ארץ־ישראל, פון אַמעריקע, פון פראַנקרייך און בעלגיע. ס׳איז געקומען אויך אַ דעלעגאַציע פון דער שארית־הפליטה פון פוילן. די ערשטע באַגעגעניש מיט די, וואָס האָבן אַליין דורכגעלעבט און זענען געבליבן. מיר האָבן געהערט דאָס ערשטע מאָל דעם באַריכט פון געטאָגראַד, נישט פון שליחים, נישט פון עמיסאַרן, נאָר פון די קעמפער גופא, פון וועמעס נשמות ס׳האָט געטריפט בלוט...

אין אָט דער שטימונג האָב איך זיך פון לאָנדאָן אַראָפּגעכאַפּט קיין בריסל. בעלגיע האָט אין לאָנדאָן פאָרטרעטן אַבוש. איך האָב אים געטראָפן עטלעכע מאָל פריער. טאַקע אין בעלגיע. איך האָב אים אויך געקענט דורך זיינע אַרטיקלען אין אונדזער וואַרשעווער „אַרבעטער צייטונג״,

וועלכע איך האָב שטאַרק געשעצט צוליב זייער זאַכלעכקייט און ברייטער אינפאָרמאַציע וועגן אויסלאַנד. איך האָב געוווּסט, אַז בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע האָט אַבוש אַרויסגעגעבן אַ פּועלי־ציון פּרעסע אין בעלגיע, וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקע פאַרשפּרייטונג צווישן די פּליטים און זיי מחיה געווען מיט ערלעכע ידיעות וועגן דער לאַגע...

כ'דערמאָן זיך נישט, וויפל צייט איך בין דאָס מאָל פאַרבליבן אין בעלגיע. איינס געדענק איך יאָ: טעג און נעכט אומאונטערבראָכן בין איך געווען באַשעפטיקט: מיט יוגנט, מיט דערוואַקסענע, אין קינדער־שולן, אין קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, אויף ענגערע פאַרטיי־פאַרזאַמלונגען און לסוף — אויף יענע גראַנדיעזע מאַסן־אויפטרעטן, ווו ס'האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם פון אויפטרייסלענדיקער אַנטציקונג און המונישער התלהבות באַ די הימנען, דער הימן „התקווה", וואָס האָט איצט גאָר אַנדערש געקלונגען, און דער נייער פאָלקס־הימן „זאָג נישט קיין מאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג", וועלכער איז געזונגען געוואָרן ממש אין עקסטאַז מיט שטראַלנדיקע אויגן און פלאַמענדיקע פּנימער.

אומעטום באַ יעדן אויפטרעט, באַ יעדער באַגעגעניש און שמועס איז באַ מיין זייט געשטאַנען דער אָרגאַניזאַטאָר, דער דורכפירער, דער לעבע־דיקער גייסט פון דער אַרבעט אין גאַנץ בעלגיע — אַבוש.

ער האָט נישט געקאָמאַנדעוועט, נישט געוואָרפן קיין פאַראָרדענונגען, נישט געטיילט קיין באַפעלן. עס האָט זיך אין פלוג נישט געמערקט קיין שום גערודעריי און טומלעניש, נאָר אַלץ האָט געקלאַפּט און געשטימט האַרמאָניש, ווי אין אַ פּרעכטיק אויסגעסטראָיעטן אָרקעסטער. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו באַוווּנדערן די אָרגאַניזאַציע אין בריסל אין אַלע אירע פאָרמאַציעס. געווען דער איינדרוק, אַז דאָ אַרבעט אַ גוט אָרגאַני־זירטער ווייט־פאַרצווייגטער שטאַב, וואָס אין זיין שפּיץ שטייט אַבוש, און כ'בין געווען שטאָלץ אויף דער דערגרייכונג פון מיין יונגן חבר פון ראַדאָם.

כ'האָב געדענקט בעלגיע פון פאַרשידענע פאַרטייאישע תקופות. פון גאָר אַמאָל, אַמאָל, נאָך פאַרן ערשטן וועלטקריג, און פון די שפּעטערע צייטן. כ'האָב געטראָפן דאָ די איינפלוסן פון יהודה־וואָלאַדעק, פון שלמה האָכ־בערג. דאָס מאָל איז די ראָם געווען אויסגעפולט מיט אַבוש ווערבער. אויף יעדן שריט האָט מען זיך נאָך אָנגעטראָפן מיט רעשטלעך פון דער

אָקופּאַציע־צייט, און אומעטום האָסטו זיך אָנגעשטויסן אויף דעם נאָמען אַבוש, אָדער אויף זיין אונטערערדישן פּסיידאָנים אַנרי. די הילפס־טע־טיקייט פון „דזשאָינט״, די ווידערשטאַנדס־באַוועגונג, די יידישע מיליץ, די באַרימטע 9טע בריגאַדע, די אַלע המצאות און שמד־שטיק, וואָס מ׳האָט געהאַט גענוצט קעגן דעם אָקופּאַנט כדי צו ראַטעווען עמעצן, עלטערע, בפרט קינדער, אַלץ דאָס האָט דערציילט מיט אַ קלאָרער שפּראַך וועגן די אויפטוען פון דער אָרגאַניזאַציע און איר אָנפירער — אַבוש.

איך האָב געוווּסט וועגן אַ גאַנצער ריי חברים און חברטעס, וואָס זענען געווען אַקטיוו מיט לייב און לעבן אין יענע פינצטערע צייטן און כ׳בין געווען דורכגענומען מיט טיפער אַכטונג און אָנערקענונג צו זיי און זייער מוסטערהאַפטער אַרבעט. איך שייל איצט אַרויס מיט אַ כיוון די ראָל פון אַבוש, ווייל איך וויל בלייבן טריי מיין דעמאָלטדיקן איינ־דרוק. ווונדערלעכע מעשיות האָט מען געהאַלטן אין דערציילן, ממש נסים וועגן די איינפאַלן פון חברים בּאַ דורכפירן זייערע אויפגאַבן, און דאָס האָט זיך אָפּגעזעצט אין מיין נשמה, ווי אַן אָפּפרישנדיקע בשורה פון אייגענע.

אַבוש איז אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן ווי אַן ערשט־קלאַסיקער טוער, וואָס שטייט מיט אַחריות אויף זיין שווערן פּאָסטן און היט אָפּ דעם כבוד פון דער באַוועגונג, געגוי ווי די עטישע ווערטן, אויף וועלכע ער איז דערצויגן געוואָרן.

מיר איז אויסגעקומען זיך אומקערן קיין לאָנדאָן און פון דאָרט זיין אין פּאַריז בּאַ דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון די סינדיקאַטן. ס׳איז מיר געלונגען אַריינצוקריגן זיך קיין פּוילן און מיטן „באַרג חורבן״ אין האַרצן צוריקקומען קיין אייראָפּע צו די יידישע ישובים.

קאָן מען דען פאַרגעסן די מאַסן־אַקאַדעמיע אינעם ריזיקן זאַל „באַזאַר״ אין בריסל, ווו ס׳זענען אויפגעטרעטן אויך נישט־יידישע רעד־נער, און ווו ס׳האָט אַריינמאַרשירט אונדזער יוגנט מיט אירע פענער און לידער? דאָס איז געווען מיין ערשטער עפנטלעכער אַרויסטרעט נאָך פּוילן. פון וואַנען האָט זיך צו מיר גענומען כוח, פון וואַנען האָט זיך צו מיר גענומען שפּראַך און שטים! נישט אַנדערש, נאָר פון מיר האָט אַרויס־געשריגן דאָס דורכגעלעבטע אין פּוילן און כ׳האָב געוואָלט, אַז די טויזנ־

טער יידן זאָלן זיך דורכנעמען מיט דעם, ווי זיי וואָלטן אַליין געווען דערביי.

איך וועל מיין גאַנץ לעבן זיין אָנגעלאָדן מיט דאַנק צו אַבושן פאַר יענע טעג און נעכט, וואָס ער האָט מיר פאַרשאַפט די געלעגנהייט צו באַ־טייליקן די בריסעלער יידן אין מיינע טראַגיש־פאַטעטישע איבערלעבונגען פון אונדזער קאַטאַקליזם.

איך זע אים ווי איצט, אַבושן, אייראָפּעיִש ציכטיק, אָפּגעהיט, איידל, מיושבדיק, סאָליד און מיט אַזוי פיל פאַרנעם און פאַנטאַזיע, אַז קיינער האָט נישט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק דערביי.

כ׳געדענק שוין איצט נישט, וויפל מאָל בין איך געווען אין בריסל און וויפל אַרויסטרעטונגען כ׳האָב דאָרט געהאַט. כ׳געדענק נאָר, אַז נאָכן באַזוך אין פוילן, זעענדיק פאַר זיך אין חלל די הונדערטער קברים פון די געפאַלענע און אומגעבראַכטע חברים און חברטעס, האָט אין מיר זיך אויפגעוועקט אַ געדאַנק, אַז מ׳וואָלט געדאַרפט אויפשטעלן פאַר זיי אַלע איין חברשן מאָנומענט, אפשר פשוטער — אַ חברשע מצבה, ווו מען זאָל קאָנען געפינען פאַרצייכנט דעם נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע און פון דעם חבר לזכר עולם. אַזאַ מצבה וואָלט געדאַרפט זיין אין ארץ־ישראל, אין תל־אביב, נישט אויפן בית־עולם, וווהין מ׳קומט נאָר צו אַן אַזכרה. נאָר דווקא אין צענטער פון לעבן פון טעטיקייט. חברים זאָלן זיך דער־מאָנען גריילעך בעת זייער אַקטיוויטעט. זיי זאָלן דורכדעם ווי משתף זיין יענע אומגעקומענע, נישט־דאָיִקע אין דער אַקטיוויטעט אין אונדזער אויפגעבויטן צענטער.

אַבוש האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם פאָדעם פון מיין געדאַנק און גע־נומען אים שפינען ווייטער, ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און מיר זענען געקומען צו די חברים מיט אַ קאָנקרעטן פאָרשלאַג וועגן שאַפן אַ פאָנד פאַר אויפשטעלן אַזאַ געדענק־הויז פון פועלי־ציון אין תל־אביב. דעם זעלבן אָוונט האָבן מיר אין בריסל געמאַכט די התחלה. איך האָב דעם געדאַנק אַריבערגעפירט מיט זיך קיין פראַנקרייך, קיין צפון־אַמעריקע און קיין דרום־אַמעריקע. ס׳האָט זיך אָנגענומען, איך האָב געבראַכט קיין ארץ־ישראל אַ גאַנץ ממשותדיקע סומע איינצושאַפן זיך אַ שטיק באָדן פאַר אַזאַ פועלי־ציון הויז.

אַבוש האָט אויפגעטאָן אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט בעת דער אָקופּאַציע.

ס׳איז נישט מיין אויפגאַבע צו שילדערן יענע עפּאָכע און די אויפטועז פון באַזונדערע חברים אונדזערע.

איך וויל נאָר באַטאָנען, אַז פון דעמאָלט איז אונדזער בעלגיע באַ מיר אידענטיפיצירט מיטן נאָמען אַבוש, מיט זיין אָנפירערשאַפט.

ער האָט פאַרמאָגט טאַקט און חכמה, געוואַגטקייט און וויזיע — דערמיט האָט ער געשאַפן ממש אַן אָרעאָל אַרום פועלי־ציון און זייער אַרבעט.

ס׳איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז אַזאַ איינער זאָל קאָנען עוקר זיין פון בעלגיע און אַריבערטראָגן דעם המשך פון זיין לעבן קיין ישראל, נישט האָבנדיק פון פריער געזיכערט פאַר זיך דאָ אַ פּאָזיציע: מאַ־טעריעל און דער עיקר — געזעלשאַפטלעך.

אַבוש ווערבער איז עולה געווען קיין ישראל. אַ פריער האָט ער אַרויסגעשיקט אַהער זיין געראַטעוועטן איינציקן קינד.

דאָ האָט אַבוש געהאַט די געלעגנהייט צו קאָנצענטרירן זיין גאַנצן געזעלשאַפטלעכן אינטערעס אין דער טעטיקייט פון דעם פאַרלאַג אויפן נאָמען י. ל. פּרץ. ליטעראַטור בכלל איז אים פון תמיד טייער און נאָענט. יידישע ליטעראַטור דאָס גלייכן. און דער פאַרלאַג וועלכער איז אויף זיינע אויגן און אויף זיינע הענט אויסגעוואַקסן און אויפגעשטיגן, האָט געוווּנען דאָס גרויסע געווינס, וואָס אַבוש ווערבער איז איינער פון זיינע אַקטיווסטע טוער און טראָגט די פולע אַחריות פאַר זיינע דערגרייכונגען.

געווען אַ מאָמענט, ווען דער גאַנצער פאַרלאַג איז געווען אָנגעוויזן אויף אַבושן, בעת דער פאַרוואַלטער איז אַרויסגעפאָרן קיין צפון־אַמעריקע. אָבער אויך אין נאָרמאַלע, געוויינלעכע צייטן היט־אָפּ אַבוש זיין פּאָזיציע, ווי אַ וויכטיקן קולטור־פּאָסטן, בפרט נאָך דעם, ווי ס׳האָט אָפּגעגליקט און ס׳איז צו פאַרצייכענען ביז גאָר ממשותדיקע רעזולטאַטן אויפן געביט פון דערגרייכן חשיבות פאַר דער יידישער ליטעראַטור, אַכטונג צום יידישן וואָרט, אָנערקענונג און דרך־ארץ פאַרן יידישן דיכטער און קינסטלער, פאַר דער פאַרשטענדניש פון דער נויטיקייט, עס זאָל אויפגעריכט ווערן די היסטאָרישע בריק צווישן די שאַפונגען אין אונדזערע צוויי שפּראַכן.

יונה קאָוועסקי

באַגעגנט האָב איך אים צום ערשטן מאָל אין יאָר 1927, ווען איך בין געקומען אין שליחות פון ציש"אָ אין פוילן דורכפירן אַן אַקציע אין דרום־אַמעריקע. ס'איז געווען מיין ערשטער באַזוך אין אַרגענטינע. פון אירע אַנגעזעענע חברים האָבן מיר אין אייראָפּע געקענט בלויז דעם חבר יאָסל כץ, וואָס האָט זיך באַטייליקט אויף אונדזערער אַ וועלט־קאָנפערענץ. מיר האָבן אָבער געוווסט אַ היפּש ביסל וועגן דער לאַגע אין אַרגענטינע און וועגן דער דאָרטיקער געזעלשאַפטלעכקייט נאָך דעם, ווי חבר כתריאל (לעאָן כאַזאַנאָוויטש) איז דאָרט געווען רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „ברויט און ערד", ווו ער איז שאַרף אויפגעטרעטן קעגן דער אַדמיניס־טראַציע פון יק"א און דערפאַר געמסרט געוואָרן און אַרויסגעשיקט גע־שמידט אין קייטן קיין רוסלאַנד, ווי אַ כלומרשטער אַנאַרכיסט.

בשעתו בין איך איינגעלאַדן געוואָרן דורך די חברים אין אַרגענטינע צו קומען אויף דעם אָרט פון כתריאלן. אָבער גלייכצייטיק איז געקומען די פאַרבעטונג פון ארץ־ישראל צו זיין מיטרעדאַקטאָר פון „האחדות", און כ'האָב אָנגענומען דעם דאָזיקן צווייטן פאָרשלאַג.

17 יאָר שפּעטער בין איך פון פוילן געקומען קיין אַרגענטינע, גע־טראָפן אַ נעץ פון באַראָכאָוו־שולן, וואָס האָבן אין אַ גרויסער מאָס דער־מאָנט מיר אונדזערע שולן אין די שטעטלעך פון פוילן. חברים אַרבעטער האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן און זיי האָבן זיך, דעם אמת געזאָגט, גאַנץ ווינציק אָנגעזען אין דער ברייטער געזעלשאַפטלעכקייט. די קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט איז אָבער נאָך געווען אין פולן פאַנאַנדערבלי. מ'האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז אויסטוישן די קאָ־לאָניע אויף דער שטאָט, בפרט האָט מען די יוגנט געשיקט שטודירן אין שטאָט. יונה קאָוועסקי, אַן ערשט געענדיקטער ציין־דאָקטאָר, האָט נאָך געוווינט אין ירושלים ד'אַרגענטינע, אין דער באַרימטער קאָלאָניע, מאָזעס־וויל.

פאַר מיר האָט באַזוכט אַרגענטינע, אַלס שליח פון ציש"אָ זלמן רייזען.

דאָך איז דער באַדן געווען ווינציק אויפגעאַקערט פאַר דער יידישער שול און מיר איז אויסגעקומען יענעם מאָל דורכצופאָרן דעם יידישן ישוב אין דער לענג און אין דער ברייט, באַזוכן אַלע גרעסערע און קלענערע קאָלאָניעס.

דעם באַזוך אין מאָזעסוויל האָט אָרגאַניזירט ד״ר יונה קאָוועסקי און עטלעכע יונגע חברים, וועלכע האָבן מיך געקענט נאָך פון פוילן. איך בין געווען קאָוועסקיס גאַסט, און דאַן האָב איך אים דערקענט גאַנץ נאָענט. מיר האָבן שעהן לאַנג פאַרבראַכט צוזאַמען, ער האָט מיך אומעטום באַגלייט און פאַרגעשטעלט, אייגנטלעך געשאַפן די געהעריקע סימפּאַטישע אַטמאָספער פאַר מיין אויפטריט. ס׳איז נישט געווען אַזוי לייכט צוליב דעם, וואָס מ׳האָט נאָך געהאַט געדענקט די צרות, וואָס כאַזאַנאָוויטש האָט פאַרשאַפן און מ׳האָט געוואָלט זיין פאָרזיכטיק און אָפּגעהיט.

יונה קאָוועסקי און זיין פרוי, שרה, האָבן מיך אַרומגענומען מיט אַזוי פיל חברישער וואַרעמקייט, אַריינגעפירט מיך אין די אָנגעלעגנהייטן פון דעם נייעם פאַר מיר לעבן פון קאָלאָניסטן, גרויסע גוטס־באַזיצער, וואָס האָבן פאַרמאָגט ריזיקע שטחים באָדן און באַאַרבעט זיי מיט געדונגענע אַרטיקע פּעאָנען. ס׳האָט מיך דערמאָנט די ארץ־ישראלדיקע פּרדסים און קאָלאָניסטן, אָבער נישט געווען קיין סימן פון יענער חלוצישער מחנה, וואָס פאַרלייגט אין ארץ־ישראל אָנהייבן־יסודות פון אַ נייעם יידישן אַרבעטס־לעבן.

יונה קאָוועסקי האָט געהערט צו דער יונגער אויפקומענדיקער גענעראַציע פון פועלי־ציוניסטישער אינטעליגענץ. אַ גוטער רעדנער, באַהאַוונט אין פּראָבלעמען פון יידישן לעבן און דער עיקר — אַן ענטוזיאַסט פאַר פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אַ דאַנק אים און אַנדערע חברים אין די קאָלאָניעס און שטעט איז די אַקציע מיר געלונגען.

ווי ס׳איז געווען צו דערוואַרטן, האָב איך אויסגענוצט מיין באַזוך נישט נאָר פאַר דער אַקציע לטובת די ציש״אָ אין פוילן, נאָר כ׳בין געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אַרגענטינע גופא צו דערוועקן מער פאַרשטענדעניש פאַר די פּראָבלעמען פון יידישער דערציִונג. כ׳בין איבערצייגט, אַז כ׳האָב דערמיט צוגעטראָגן אויך מיין חלק צו דעם ענין פון דער יידישער שול אין אַרגענטינע גופא.

ביי מיין צווייטן באַזוך עטלעכע יאָר שפּעטער האָב איך שוין גע־

טראָפֿן קאָוועגסקין אין בוענאָס־איירעס, ווי אַן אָנגענומענעם אָנערקענטן געזעלשאַפֿטלעכן טוער. דאָ האָט אָן ספֿק געווירקט דער פֿאַקט, וואָס ער איז פֿאַרט אויפֿגעצויגן געוואָרן אין אַ קאָלאָניע און ער אַליין האָט נישט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון זײַן אַ פֿעדלער און ווי אַ קליענטעלטשיק אַרומ־שלעפּן זיך מיטן פּעקל איבער די פֿאַרוואָרפֿנסטע מקומות צוליב פּרנסה. ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דעם ריח פֿון דער פּאַמפּאַ, פֿון די רחבֿות־דיקע פֿעלדער, פֿון די ווילדע, געצוימטע און אומגעצוימטע, פֿערד אויף וועלכע ער איז געריטן אין מאָזעסוויל, און ס׳האָט אים געצויגן צו דער ספּעציפֿישער באַראַכאָוויסטישער לעזונג פֿון דער יידן־פֿראַגע, דורך איבער־בויען די גאַנצע עקאָנאָמישע סטרוקטור פֿון יידישן פֿאָלק. יונה איז געווען אויסגעקאָכט אין געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט און אומעטום געווען אַק־טיוו. ער איז שוין דאַן געשטאַנען בראָש פֿון אונדזער שול און קולטור־אַרבעט, באַ וועלכער ער איז געבליבן עד היום. נאָך דעם, ווי לויט דער איניציאַטיוו און אומדערמידלעכער אַרבעט פֿון חיים פֿינקלשטיין האָבן דעם אָרט פֿון די פֿאַרמאַכטע באַראָכאָוו־שולן (דורך די אַדמיניסטראַטיווע רע־פּרעסיעס) פֿאַרנומען די שלום־עליכם־שולן פֿון צוויש״אָ, איז יונה קאָ־וועגסקי אָוועקגעשטעלט געוואָרן ווי דער פֿאָרזיצער פֿון צוויש״אָ. דעם דאָזיקן אַמט פֿאַרנעמט ער נישט ווי אַן ערן־אַמט. ער איז באמת פֿאַרטאָן אין דער אַרבעט, וועלכע איז זיך פֿונאַנדערגעוואַקסן און האָט אָנגענומען אַן אומפֿאַרויסגעזעענעם היקף. שעהן, טעג און נעכט האָט ד״ר יונה קאָווענ־סקי געהאַט אָוועקצורייסן פֿון זײַן דירעקטער פּראָפֿעסיע, אַן וועלכער ער וואָלט נישט געקאָנט אויסהאַלטן און מפֿרנס זײַן זײַן משפּחה (אַ פֿרוי מיט צוויי קינדער) און געווידמעט זײַן ענערגיע דער טעטיקייט צו פֿאַרפֿעסטיקן און פֿאַרזיכערן דעם קיום פֿון דער שלום־עליכם־שול.

ער איז אַ פּאַרטיי־מאַן אין פּוילן זינ פֿון באַגריף. צום גליק איז זײַן פֿרוי, שרה, געווען נישט ווינציקער טריי דער באַוועגונג. נישט נאָר האָט זי אים נישט געשטערט, נאָר, פֿאַרקערט, זי האָט געווידמעט איר פֿרייע צייט דער אַרבעט אין דעם פֿרויען־קאָמיטעט, וועלכער האָט אויפֿגעטאָן אַ סך פֿאַר דעם זעלבן צוועק פֿון צווישאַ.

איך האָב קאָוועגסקין געטראָפֿן נישט נאָר אין בוענאָס־איירעס. יעדעס מאָל, וואָס איך בין אָנגעקומען אין מאָנטעווידעאָ, דער הויפּט־שטאָט פֿון אורוגוואַי, איז קאָוועגסקי געווען כמעט שטענדיק בראָש פֿון דער דעלע־

גאַציע, וואָס איז געקומען מיך אָפּוואַרטן פון אַרגענטינע. דאָס האָט גע־מיינט נישט בלויז אָפּגעבן מיר כבוד, נאָר זיך באַטייליקן אַקטיוו אין אַלע באַראַטונגען און שמועסן, וואָס כ'האָב געהאַט מיט די חברים פון אורוגוואַי. בוענאָס־איירעס האָט זיך באַטראַכט, מיט רעכט, ווי דער על־טערער ברודער, צי ווי דער אַפּוטרופּוס פון מאָנטעווידעאָ אין פּאָליטישן זין און דעריבער איז געווען זייער וויכטיק די הילף, וואָס די אַרגענטינער חברים האָבן געגעבן פּאָליטיש און פּעדאַגאָגיש דער אָרגאַניזאַציע אין מאָנטעווידעאָ.

קאָוועַנסקי איז געווען פון די גוטע רעדנער אין דער באַוועגונג. ער האָט פאַרמאָגט נאַטירלעכן פּאַטאָס און אויפריכטיקן טאָן. ער פלעגט גלייך אַריבערגיין צו העכערע טענער. דאָס האָט אים אַליין געריבעט פיזישן כוח, אָבער אַנדערש האָט ער נישט געקאָנט. ער האָט גערעדט מיט האַרץ, און ס'איז אויסגעקומען, ווי מיט העכערן טאָן דרינגט ער גיכער אַריין אין האַרץ פון דעם צוהערער.

אויך אין בוענאָס־איירעס בין איך אַמאָל געווען דער אורח פון די קאָוועַנסקיס. נישט ווייל די חברים האָבן געוואָלט איינשפּאָרן הוצאות, נאָר זיי זענען אויסן געווען, איך זאָל האָבן די אַטמאָספער פון היימישקייט. איך האָב געהאַט מיין באַזונדערן צימער און האָב געקאָנט בלייבן ביחידות מיט זיך אַליין. די באַלעבאַטים האָבן נישט געפּרוּווט אַרויפצווינגען אויף מיר זייער געזעלשאַפט, אָבער כ'האָב זיך באמת געשפּירט זייער גוט און בין נישט געשטערט געוואָרן אין מיין אַרבעט אויך ווען כ'בין געזעסן אין שטוב.

איין מאָל, געדענקט זיך מיר, האָב איך זיך געפילט זייער שלעכט. צוליב אַ קאָנפליקט צווישן מיר און די חברים, האָב איך איבערגעריסן אַלע באַציִונגען מיט זיי און נישט געוואָלט רעדן מיט קיינעם. בין איך נישט אַרויס פון מיין צימער און אַפילו זיך אָפּגעזאָגט פון גיין צום טיש צום מיטאָג און צום אָוונט־ברויט. דער קאָנפליקט האָט מיך שווער געטראָפן. איך האָב געהאַט דורכצופירן אַ פינאַנציעלע פּאַרטיי־אַקציע. האָבן זיך אַלס ערשטע אָפּגערופן אַ צאָל חברים דווקא מיט גרעסערע באַשטייערונגען. ס'איז געקומען צום לעצטן חשבון, האָט מען מיר געפּרוּווט געבן צו פאַר־שטיין, אַז די גרעסערע באַשטייערונגען האָבן געזאָלט דינען בלויז ווי אַ סטימול פאַר די אַנדערע חברים. אויך זיי זאָלן געבן גרעסערע סומעס.

אָבער אינעם סך־הכל האָט מען גענומען צייכענען אַנדערע, שטאַרק פּאַר־קלענערטע סומעס פאַר די, וואָס האָבן געעפּנט די רשימה. איך בין אַנט־שידן אַרויסגעטרעטן קעגן אַזאַ סיסטעם און געפאָדערט, די איינצאָלונגען זאָלן גיין, ווי זיי זענען לכתחילה געצייכנט געוואָרן. אויב נישט, האָב איך דערקלערט, בין איך מוותר אויף דער גאַנצער אַקציע און פאַר אַוועק, ווי ס׳וואָלט נישט געווען קיין אַקציע.

יונה און שרה האָבן איינגעלייגט וועלטן צו ווירקן אויף מיר, איך זאָל פון דעסטוועגן נישט איבעררייסן די באַציִונג מיט די חברים און מען זאָל זוכן אַן אויסוועג.

דער סוף איז געווען, אַז אויף דער איניציאַטיוו פון חבר יאָסל כץ האָבן די חברים מסכים געווען אויף מיין פאָדערונג און מיר האָבן זיך אַלע „איבערגעבעטן". כ׳וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם עגמת־נפש פון יונהן און שרהן אין משך פון דעם קאָנפליקט. זיי האָבן נישט געקאָנט צוזען מיין צער און איינזאַמקייט, ווען כ׳האָב זיך געפילט, ווי אַן „אָפּגע־נאַרטער" דורך אייגענע חברים.

דער דאָזיקער קאָנפליקט האָט, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, געהאַט אַ גוטע פעולה אויף דער האַנדלונג פון חברים באַ שפּעטערע אַקציעס, סיי פאַר אָרטיקע און סיי אַלגעמיינע צוועקן. מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן אַרגענטינע 6 מאָל, און יעדעס מאָל איז נאַטירלעך דורכגעפירט געוואָרן אַזאַ אָדער אַן אַנדערע אַקציע. מער האָבן זיך נישט איבערגעחזרט קיין קאָנ־פליקטן, און מיינע באַזוכן אין אַרגענטינע זענען באַ מיר פאַררעכנט צווישן די שענסטע און פריידפולע מאָמענטן אין מיינע געזעלשאַפטלעכע וואַנ־דערונגען.

מיט ד״ר יונה קאָווענסקי און זיין משפחה האָבן מיר זיך באַפריינדעט און געוואָרן אינטים, ווי מ׳קאָן עס זיין מיט נאָענטע גוטע חברים.

יונה קאָווענסקי האָט עטלעכע מאָל באַזוכט ארץ־ישראל, זיך באַ־טייליקט אַלס דעלעגאַט אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן. ער איז אַקטיוו אין דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס און באַטייליקט זיך אין זיינע צוזאַמענקונפטן. אַזוי אַרום איז ער אַן „אייגענער" אין דער יידישער פּראָבלעמאַטיק. ער טרעט אַרויס אומעטום און לאָזט הערן זיין וואָרט, וואָס צייכנט זיך אויס מיט שיקול־הדעת, מיט באַהאַוונטקייט און מיט ערנסט־דורכגעטראַכטע אויספירן.

אַזאַ האָב איך אים געטראָפן דאָס לעצטע מאָל היי־יאָר אין בריסל אויף דער סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. ס׳איז אין אים נישט צו מערקן, אַז פאַמעלעך דערנענטערט ער זיך צו די זיבעציקער. ער האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע ליידנספולע צייט צוליבן טויט פון זיין שרה. אָבער ער זעצט פאָר זיין געזעלשאַפטלעך־פאַרטייאישע טעטיקייט. ער איז פול מיט גלויבן און מוט אין דער אַרבעט. ער האָט צו שעפּן נחת פון די גרויסע ערנסטע דערגרייכונגען פון דער פאַרטיי אין אַרגענטינע בכלל און אין בוענאָס־איירעס בפרט. זיין חלק אין דעם איז אַ זייער קענטיקער. דאָס פעסטיקט אים אין זיינע אידעאישע און פראַקטישע פאָזיציעס.

שפּאַנט ער ווייטער בראש פון די אַקטיווע טוער אין דער אַרגענ־טינער באַוועגונג.

יהודה טיבערג

ווי יונג מיר אַלע זענען דאַן געווען, אין די 20־ער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט, האָבן מיר פון דעסטוועגן געמוזט צוגעבן אויך דעמאָלט, אַז עס זענען פאַראַן עלטערע חברים און יינגערע. געגוג צו דערמאָנען, אַז אונדזער באַראַכאָוו איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 36 יאָר. אָבער אַז איך בין סוף 1918 געקומען קיין פוילן, האָב איך דאָרט געטראָפן די יונגע חברים, לעוו און שורעק, וועלכע מ׳האָט שוין באַטראַכט ווי פירער, און נאָך יינגערע פון זיי, אַ שטייגער מיטעטק און וולאַדעק, וואָס האָבן זיך געשניטן אויף ערשט־קלאַסיקע מאַסן־רעדנער און טוער פון דער פראָ־פעסיאָנעלער באַוועגונג.

מיטעטק, דער נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענער חיים בראַנד האָט זיך קונה־שם געווען נאָך בעת זיין אַרבעט אין פוילן. זיין יינגערער חבר וולאַדעק האָט אָנגעהויבן זיין פאַרטיי־קאַריערע אין פוילן, אין לאָדזש, אין וואַרשע, אין קאַליש, אָבער אַרויסגערוקט זיך אין דער געזעלשאַפט האָט ער שפעטער, ווען ער האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין בעלגיע אין יאָר 1924, וווּ ער איז פאַרבליבן ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה און דערנאָך אַריבער קיין צפון־אַמעריקע וווּ ער איז טעטיק ביז היינטיקן טאָג אַלס יהודה טיבערג, רעדאַקטאָר פון אונדזער דאָרטיקן אָרגאַן „אונדזער וועג".

איך ווייס נישט פון וואַנען קומט צו אים דער צונאָמען וולאַדעק. נישט אַנדערש, נאָר ער האָט אים באַקומען פון די חברים פאַר זיין רעדנער־טאַלאַנט, וואָס האָט דערמאָנט דעם באַקאַנטן בונדישן רעדנער ברוך וולאַדעק. יענער איז אַ צייט לאַנג אַנגעגאַנגען מיטן נאָמען לאַסאַל דער צווייטער... אָבער קומענדיק קיין אַמעריקע האָט ער זיך פאַרשטייפט אויף דעם נאָמען וולאַדעק און אַלס אַזאַ איז ער געבליבן ביזן סוף פון זיינע טעג.

אונדזער וולאַדעק איז באמת געווען אַ פּראַקטיקער רעדנער. אַ קלאָרע דיקציע, אַ גוטע יידישע שפּראַך, געניטע דעפיניציעס און דער עיקר — תמיד אַ ברייטע פאָן פאַר זיינע אַרויסטרעטונגען איבער וועלכער פראַגע

ער זאָל נישט רעדן. יעדער אַרויסטרעט האָט געהאַט אַן אָנהייב און אַ סוף. ס'איז נישט גערעדט געוואָרן סתם אין דער וועלט אַריין און דער שלוס האָט געמוזט אַרויסדרינגען פון דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן פריער. ס'האָט געמוזט זיין אַ לאָגישער אויספיר פון דעם אַריינפיר. דער עולם האָט עס אָפּגעשאַצט און האָט גערן איינגעשטימט מיטן רעדנער, וועלכער האָט אַזוי קלאָר דערוויזן, אַז אָט דער אויספיר איז דער לאָגיש־אומפאַרמייד־לעכער און איינציק ריכטיקער.

וולאַדעק האָט געאַרבעט אַלס אינסטרוקטאָר באַ דער יוגנט־באַוועגונג. דאָס איז געווען אַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכע שליחות. ספּעציעל פאַר חברים וועלכע האָבן די אַרבעט גענומען ערנסט און פאַרשטאַנען די אַחריות לגבי דער וויטערער אַנטוויקלונג פון דער יוגנט אין לעבן. זי האָט געשטעלט די ערשטע טריט און דאָס האָט געקאָנט אין מערסטע פאַלן באַשטימען די ריכטונג פונעם וויטערן גאַנג.

בפרט אַז וולאַדעק האָט זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון אָרגאַ־ניזאַציע. ער האָט אויפגעשטעלט גרופּעס. אַריינגעצויגן נייע יוגנטלעכע אין די עקזיסטירנדיקע גרופּעס און דערמיט זיי סטימולירט צו גיין אין אַ באַ־שטימטער ריכטונג סיי בנוגע בילדונג און סיי בנוגע אויסקלייבן אַ פאַך. וולאַדעק האָט נושא חן געווען באַ די צענטראַלע אינסטאַנצן און זיי האָבן אים אָנפאַרטרויט ערנסטע, וויכטיקע אַרבעטן.

סוף 1924 איז וולאַדעק אַריבער קיין בעלגיע. דאָ האָט ער, ווייזט אויס, זיך געזעגנט מיטן נאָמען וולאַדעק און איז באַקאַנט געוואָרן ווי יהודה. ער איז דאָ באמת גיך באַקאַנט געוואָרן, ווייל ס'איז אים געלונגען פונאַנדערצוּוויקלען אַ ברייט פאַרצווייגטע טעטיקייט. עס איז צו יענער צייט געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל חברים פועלי־ציוניסטן אין לאַנד. ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז ערשט מיטן אָנקומען פון חבר יהודה איז געשאַפן געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר טעטי־קייט אויף פאַרשידענע שטחים פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. פועלי־ציון אין בעלגיע האָבן שטענדיק געהאַלטן שטאַרק פון אויפקלערונג סיי בעל־פה און סיי בכתב. האָבן זיי אַרויסגעגעבן פּראָפּאַגאַנדע ליטעראַטור, ווי וועכנטלעכע צייטשריפטן און חודש־אויסגאַבעס. יהודה טיבערג איז געווען דער רעדאַקטאָר פון די אַלע אויסגאַבעס. צוליב זיינע דערמאָנטע אייגנ־שאַפטן פון שפּראַכלעכער אָפּגעהיטנקייט און קלאָרער דעפיניציע פון די

באַגריפֿן, וועלכע זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער פּרעסע. ער האָט פֿון תּמיד געהאַט זיין אייגנטלעכן סטיל, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט קאָרעקטקייט און פּאָפּולערקייט.

מ׳דאַרף פֿאַרשרייבן אויפֿן חשבון פֿון יהודה טיבערגס השפּעה און טעטיקייט דאָס, וואָס אין יענע יאָרן האָט די בעלגישע פּאַרטיי אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע טעטיקייט אויפֿן קולטור און שול־געביט ווי אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס יהודה האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פֿון פּוילן די באַזונדערע פֿאַרשטענדעניש און איבערעס פֿאַר דער ספּאָרט־טעטיקייט. אין פּוילן האָט אונדזער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „שטערן", מער באַקאַנט אונטערן פּוילישן נאָמען „גוויאַזדאַ" פֿאַרנומען אַ גאָר בכבודיק אָרט אין דער ספּאָרט־באַוועגונג פֿון לאַנד. זי האָט אָפּט דורכגעפֿירט צוזאַמענפֿליען אין לאַנד־מאַסשטאַב, וואָס האָבן פֿאַרדינט די לויב אָפּרופֿן מצד די אָנגעזעענסטע פֿירער פֿון דער אַלגעמיינער ספּאָרט באַוועגונג.

אויך אין בעלגיע האָט אונדזער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע זיך אַרויסגערוקט און זי האָט זיך אויך באַטייליקט אינעם צוזאַמענפֿלי פֿון דער לינקער אַרבעטער־ספּאָרט־באַוועגונג, וועלכער איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן קיין פּאַריז. כאַראַקטעריסטיש איז, אגב, אַז די יעווסעקעס האָבן געאַרבעט מעשים, אַז קיין לינקער פּועלי־ציון זאָל נישט אויפֿטרעטן אויפֿן צוזאַמענפֿלי, אָבער דווקא די בעלגישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געהאַלטן, אַז יהודה דאַרף רעדן אין נאָמען פֿון די יידישע אַרבעטער־ספּאָרטלער, און ס׳איז געהערט געוואָרן אונדזער וואָרט אויף דער מאַסן פֿאַרזאַמלונג פֿון מער ווי פֿופֿציק טויזנט ספּאָרטלער אונטערן פֿרייען הימל אין פּאַריז און אונדזער יהודה איז אויפֿגעטרעטן צוזאַמען מיט מאַרסעל קאַשען, זשאַק דיקלאָ און אַנדערע.

16 יאָר האָט בעלגיע געדינט פֿאַר יהודהן ווי זיין היים, ער איז געוועזן אָנגענומען אין אַלע קרייזן צוליב זיין דינאַמישקייט און ווערדיקער האַלטונג אין אַלע אָנגעלעגנהייטן פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט.

אין יענע יאָרן האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג די יצחקי־אָפּאָזיציע, וועלכע האָט אויך אין בריסל געהאַט עטלעכע אָנהענגער גראַד צווישן אָנגעזעענע אַקטיווע טוער, ווי שוועטשאַרציק. עס איז געלונגען דעם מחבר יהודה צונויפֿצוברענגען אין בריסל די פֿאַרשטייער

פון די צדדים, יצחק לעוו פון פוילן און נח בארו פון לאנדאן און ס'איז געשלאסן געוואָרן ביי אים אין הויז דער באַקאַנטער „בריסעלער אָפמאַך", וואָס האָט רעגולירט די באַציונג און מעגלעך געמאַכט די בשלומדיקע אַרבעט פון די חברים אין דער נישט געשפּאָלטענער פּאַרטיי.

די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה האָט זיך אין בעלגיע געשאַפן אַ „ראַט פון אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס" אונטער דעם פּאָרזיץ פון ד"ר לעאָן קובאָוויצקי (שפּעטער — קובובי). חבר יהודה טיבערג איז געוויילט געוואָרן אַלס וויצע־פּאָרזיצער, און אים איז איבערגעגעבן געוואָרן דער אַמט פון רעדאַקטאָר פון דעם וואָכנבלאַט „אונדזער ישוב".

דאָס באַווייזט, ווי אַנגעזעען ס'איז געווען די פּאַרטיי אונדזערע אויך ביי די אַלגעמיינע ציוניסטישע קרייזן, און אַז חבר יהודה האָט פאַרנומען ביי אונדז דעם צענטראַלן אָרט.

מיטן אויסברוך פון צווייטן וועלטקריג האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק אַנטוויקלט אַ גוואַלדיקע טעטיקייט צו ראַטעווען פון אייראָפּע אַרבעטער־טוער פון די פאַרשידענע אידעישע שטרעמונגען. אַ דאַנק דער השפּעה פון אונדזערע חברים אינעם אַרבעטער־קאָמיטעט איז געלונגען צו ראַטעווען אויך אַ ריי אונדזערע אַקטיווע טוער צווישן זיי דעם חבר יהודה טיבערג קיין אַמעריקע.

אַנקומענדיק אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט דער חבר טיבערג דורכגעמאַכט שווערע צייטן ביז ער האָט זיך אַקלימאַטיזירט און זיך איינגעאָרדנט ביי געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

עס האָט נישט לאַנג גענומען און זיין איבערגעגעבענע טרייע אַרבעט האָט באַקומען פולע אָנערקענונג און ער ווערט היינט צו טאָג פאַררעכנט פאַר איינעם פון די אַנגעזעענסטע טוער ביי די „באָנדס". ער איז מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין צפון־אַמעריקע און רעדאַקטאָר פון איר צייטונג „אונדזער וועג". די צייטונג האָט אַ גוטן נאָמען אויך ביי די יידישע שרייבער און די אַרטיקלען פון דעם רעדאַקטאָר ווערן געלייענט מיט טיפן אינטערעס.

חבר יהודה טיבערג איז עטלעכע מאָל געווען דעלעגאַט צו די ציוניס־טישע קאָנגרעסן און צו אונדזערע וועלט באַראַטונגען. ער טרעט אַרויס אין נאָמען פון אונדזער דעלעגאַציע אויך אויף סעסיעס פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. שטענדיק צייכענען זיך אויס זיינע אַרויסטרעטונגען

מיט זייער ברייטן פאַרנעם לגבי דעם אַוועקשטעלן דאָס יידישע פּראָבלעם אין פּוילן היקף, מיט דער טיפקייט פון אַנאַליז און מיט דער דרייסטקייט אָנצורופן זאַכן ביי זייער אמתן נאָמען.

דאָס האָט אים אַ צייט לאַנג אַוועקגעשטעלט אויך אין אונדזער וועלט־באַוועגונג אין אַ באַזונדער פּאָזיציע, ווען ער איז, צוזאַמען מיט אַנדערע חברים פון צפון־אַמעריקע אַרויסגעטראָטן קעגן דער אָנגענומענער ליניע פון דער וועלט־באַוועגונג אין די פראַגן פון אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־פּאָליטיק, בפרט בנוגע דעם ראַטנפאַרבאַנד. אָבער טיבערגס קאַמף האָט זיך אויסגעצייכנט מיטן חברישן טאָן, מיט דער אומצווייִדייטיקער אָפּענער פּאָלעמיק, וואָס האָט געוויטיקט צוליב דעם פאַרפעלשן די פּאָליטישע ליניע פון דעם ראַטנפאַרבאַנד סיי בנוגע דער יידנפראַגע און סיי בנוגע אַנדערע אַלגעמיינע פּאָליטישע פראַגן.

טיבערג האָט זיך געראַנגלט לאָיאַל אין די ראַמען פון דער באַוועגונג און זי האָט דעריבער אים אָנגעטרויט די גאַנצע צייט ערנסטע פאַראַנטוואָרטלעכע שליחותן אין איר נאָמען.

יהודה טיבערג איז אַ גוטער חבר. לגבי מיר איז עס איינער פון די גרעסטע, הגם נאַטירלעכסטע שבחים, וואָס ווערן געזאָגט לגבי אַ חבר. ליידער זענען פאַראַן צו פיל אויסנאַמען, וואָס די חברשאַפט, די אָנגעהעריקייט צו דער פּאַרטיי איז ביי זיי אַ ריין־פאָרמעלע און רירט נישט אָן זייער אינערלעכקייט, ווירקט נישט אויף זייער התנהגות. טיבערג איז אַ חבר, וואָס ווייסט צו שעצן דעם דאָזיקן באַגריף אויך אין דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק. זיין שטוב איז אָפן פאַר חברים און ער, ווי זיין פרוי, חברטע חנ׳קע זענען שטענדיק גרייט אויפצונעמען געסט, וועלכע פילן זיך אין זייער הויז, ווי אייגענע, היימישע.

יהודה טיבערג האָט צוליב דעם כאַראַקטער פון זיין טעטיקייט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך פון דער נאָענט מיט דעם לעבן פון ברייטע יידישע פאָלקס־שיכטן אין פּוילן, דאָס זעלבע האָט ער דירעקט געלערנט דאָס לעבן פון יידן אויף דער עמיגראַציע אין בעלגיע און די לעצטע יאָרן איז ער אַריינגעדרונגען אין דער פּראָבלעמאַטיק פון דעם יידישן ישוב אין אַמעריקע. זיין איינשטעלונג אויף ארץ־ישראל אַמאָל, איז היינט צו טאָג זינט דער מדינה געוואָרן אַ מער גרינטלעכע און באַזירט אויף פאַקטן פון אַנטוויקלונגען סיי אין די תפוצות און סיי אין דער

מדינה גופא. האָבן זיינע אַרויסטרעטונגען אין וואָרט און אין שריפט מער האַפּט און וואָג. זיי זענען באַגרינדעט אויף לערנען און דערפאַרונג און דערפאַר הערט מען אים און מען לייענט אים מיט טיפער פאַראינטערע־סירטקייט. ער ווייסט עס און ער איז דעריבער אויסגערעכנט און איבער־לייגט בעת ער לאָזט הערן זיין וואָרט אין דער עפנטלעכקייט.

משה אָדערבערג

ס'איז גוט, וואָס מיר האָבן נאָך געלעגנהייטן צו פייערן עלטערע חברים. די באַוועגונג איז די לעצטע יאָרן צו פיל פאַרזונקען אין אבלות, ווי דער גורל וואָלט זיך מיט אַ כיוון נוקם געווען אין איר, זענען פון די רייען אַרויסגעריסן געוואָרן איינער נאָכן אַנדערן כמעט דורכאויס יינגערע חברים, וועלכע האָבן געדאַרפט גאַראַנטירן דעם המשך פון דער באַוועגונג, איר ווייטערן פונאַנדערוואוקס.

איז גוט, אַז עס קומט אַ געלעגנהייט, ווען מען קאָן דערקענען און אַרויסרוקן אין פאָדערגרונט חברים פון יענע ערשטע שטורעם־יאָרן. בישט אַנדערש, נאָר דער אַמאָליקער דור האָט טאַקע פאַרמאָגט מער פיזישע שטאַנדהאַפטיקייט און אויסדויער, אויב ער האָט געקאָנט איבערקומען די אַלע ענדערונגען אין דער געזעלשאַפט און אויפטרייסלונגען אין דער מענטשלעכער געשיכטע, און דאָך נישט פאַרלירן דעם באָדן אונטער די פיס.

דאָס האָט זיך, אָן ספק, גענומען פון זייער גייסטיקער שטאַנדהאַפ־טיקייט דער עיקר דערפון, וואָס זיי האָבן געהערט צום דור ראשונים. מענטשן, וואָס זענען אידעיש פאַרפאַנצערט, זענען מסוגל מער צו אויסהאַלטעוודיקייט לגבי פיין און יסורים סיי פון גוף און סיי פון נפש. זיי פאַרמאָגן אַן אייגנאַרטיקע אימוניטעט, מיט וועלכער עס האָבן זיך פון תמיד אָן אויסגעצייכנט רעוואָלוציאָנערן, אין די שווערסטע באַדינגונגען פון תפיסות, וואָגלענישן און פאַרשיקונגען הינטער די הרי־חושך אין צאַרישן רוסלאַנד.

דאָס זעלבע האָבן מיר געזען אויך אויף דער יידישער גאַס. און עד היום טרעפן מיר רעוואָלוציאָנערע טוער, וואָס האָבן הינטער זיך צענדליקער יאָרן פון אַקטיוון קאַמף און ביטערע נסיונות — ווי זיי זענען מונטער און פריש; רעאַגירן אויף דערשיינונגען און פאַסירונגען מיט דער יוגנטלעכער וואַכזאַמקייט און מערקווירדיקער דינאַמישקייט.

אַזאַ אַקטיווער, דינאַמישער טוער איז געווען און געבליבן אונדזער משה אָדערבערג ביז אויפן היינטיקן טאָג, ווען די באַוועגונג און צאַלרייכע פריינט אין דער וועלט פייערן זיין 75סטן געבוירן־טאָג.

„דער שוואַרצער משה״ — אַזאַ איז געווען זיין פּאַרטייאישער צונאָמען אין זיין היימשטאָט טשענסטאָכאָוו, מיט צענדליקער יאָרן צוריק, ווען ער האָט אָנגעהויבן זיין „קאַריערע״ אין דער רעוואָלוציאָנערער אומלעגאַלער באַוועגונג פון פּועלי־ציון. ער האָט זוכה געווען צו זיין צווישן די ערשטע, וואָס האָבן אויפגענומען דעם היסטאָרישן מאָביליזאַציע־רוף איינצושפּאַנען דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס אין דעם גורל־קאַמף פאַר רעוואָלוציאָניזירן דאָס יידישע פאָלקס־לעבן. די אַרבעטער אויף דער יידישער גאַס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין קאַמף קעגן אויסנוצונג און אונטער־דריקונג אינעם שקלאַפן־לאַנד; אָבער ערשט מיטן אויפקום פונעם סאָציאַליסטישן ציוניזם איז אַרויסגערוקט געוואָרן אויפן אויבן־אָן דער אינטערעס פונעם יידישן אַרבעטער צום גורל פון זיין אייגענעם פאָלק, וואָס איז משפיע אויף דער לאַגע פון די אַרבעטער־מאַסן.

ס׳איז נאָך געווען יענע צייט, ווען נישט בלויז דער אַלגעמיינער סאָציאַליזם האָט נישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש און נישט געוואָלט הערן פון עפּעס אַ ספּעציפישער „יידנפראַגע״; אויך די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, דער „בונד״ — אויך ער האָט באַקעמפט אויפן שאַרפסטן אופן די שוואַכע שפּראָצונגען פון סאָציאַליסטישן ציוניזם און זיי געשטעמפּלט פאַרן דרויסן ווי רעאַקציאָנערע אוטאָפּיע און קאָנטער־רעוואָלוציע.

מ׳האָט געדאַרפט פאַרמאָגן אַ טיפע צוגעבונדנקייט צום סאָציאַליסטישן אידעאַל און אין דער זעלבער צייט זיין איינגעפעדעמט אין דער יידישערווירקלעכקייט, כדי נישט צו פאַרצווייפלען אין דער איבערצייגונג, אַז ס׳וועט פאַרט קומען, פריער צי שפּעטער, די געוואונטשענע צייט, ווען אַלע וועלן איינזען די אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן דער יידישער באַפרייונגס־באַוועגונג און דעם אַלגעמיינעם אויסלייזונגס־אידעאַל.

משה אַדערבערג האָט זיך אָנגעצונדן מיטן פלאַם פון אָט־דער איבערצייגונג, ביז זי איז געוואָרן באַ אים כמעט אַ גלויבן, וועלכן ער האָט געטראָגן צו די יידישע אַרבעטער זיין גאַנץ לעבן.

אַזוי איז ער, אַדערבערג,געוואָרן איינער פון די פּיאָנערן פונעם פּועלי־ציוניזם נאָך אין זיינע גרינדונגס־יאָרן. ער האָט אויפגעהיט אין זיך דעם פּיאָנערישן גלויבן און ברען אויך ווען ער איז אין 1913 אַריבער־געקומען אין דער „נייער־וועלט״, אין אַמעריקע. געווען זענען עס

יאָרן פון יידישער מאַסן־עמיגראַציע אין דעם לאַנד פון „גאָלדענע גליקן״, ווו עס האָבן זיך געהאַט געעפנט פאַר אַלעמען די „אוממעגלעכסטע מעגלעכקייטן״, „אַרויפצואַרבעטן זיך״ אין כלעַרליי הינזיכטן.

משה אָדערבערג, טריי זיין כאַראַקטער און דערציִונג, קאָנצענטרירט זיין אינטערעס צו דערקענען די אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם לאַנד פון גרויס־קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און דרינגט אַריין אין דער פּועלי־ציוניסטישער פּרעסע אונטער זיין פּסעוודאָנים מ. ניימאַן.

נישט קיין „גרינהאָרן״, וואָס נאָשט עפּעס צופּעליק, האָט צו אונדז גערעדט אין די דאָזיקע מאמרים, נאָר אַ מענטש, וואָס איז אויסגעבונדן מיטן אַרבעטער־לעבן, שטייט נאָענט צו זיין געראַנגל, און ווען עס איז לעבנס־וויכטיק דער גאַנג און אויסגאַנג פון דעם אַרבעטער־קאַמף.

אין דער זעלבער צייט גיט זיך אָפּ משה אָדערבערג מיט אַלע געביטן פון דער פּאַרטיי־טעטיקייט, טעאָרעטיש און פּראַקטיש. ער פאַרברענגט די מערסטע יאָרן אין שיקאַגאָ, ווו ער איז שטענדיק דער לעבעדיקער גייסט פון דער אָרגאַניזאַציע. ער ווייסט נישט פון קיין רו. זיין ברוויזנדיקער טעמפּעראַמענט און ערלעכע איבערגעגעבנקייט צו דעם קאַמף פון די יידישע אַרבעטער, צו זייער בילדונג און דערציִונג, צו זייער קולטור־דערציִונג — שטעלט אים אַוועק אין צענטער פון דער יידישער פּראָלע־טאַרישער געזעלשאַפטלעכקייט אין שיקאַגאָ.

ער איז אומעטום .אין אַלע צייטן. אַקטיוו באַ יעדער טעטיקייט. אָן עלנבויגנס פאַרנעמט ער זיין אָרט אין די ערשטע רייען, ווי אַ מוסטער און וועג־ווייזער. עס האָט אים אָפּגעגאָלטן. — מיט 45 יאָר צוריק איז זיין לעבנס־באַגלייטערין געוואָרן מרים, די טרייע חברטע פון דער באַוועגונג. אַ זעלטן סימפּאַטישע פרוי מיט אַ צאַרטער איידעלער נשמה. דאָס הויז פון די אָדערבערגס ווערט ממילא דאָס אָפענע הויז פאַר חברים און פריינד, צו יעדער צייט און צו יעדער אַרבעט. ס'איז אַ הויז און אַ היים פון יידישער שפּראַך און יידישער קולטור.

פּועלי־ציון, וואָס געבן זיך־אָפּ מיט לייב און לעבן דער פּאַרטיי, נעמען ערנסט זייערע פליכטן — איז נאַטירלעך, אַז זיי זאָלן זיין דורכגעדרונגען מיט ליבע און טיפן אינטערעס פאַר ארץ־ישראל און וואַכזאַם אויפנעמען יעדן רוף אויסצופילן זאָרגעוודיק יעדע פאָדערונג בנוגע דער פאַרשפּרייטונג פון ארץ־ישראל־געדאַנק און פּראַקטישער

פּאַלעסטינע־אַרבעט, אַנהויבנדיק פון די אַמאָל סענטיקע זאַמלונגען מיט די פּושקעס און מאַרקעס פון פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד און ביז די לעצטנס מאַסנהאַפטע „קאַמפּעינס" פון דער הסתדרות.

משה אַדערבערג, ווי אַן אויפריכטיקער אַרבעטס־מענטש, איז נישט תמיד געווען באַפרידיקט פונעם גייסט, וואָס האָט געהערשט אין דער פּאַרטיי אין אַמעריקע. נאָך אין די פריע יאָרן האָט ער געהערט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָפּאָזיציע. שפּעטער איז ער געוואָרן פון די זיילן פון די לינקע פּועלי־ציון, וווּ ער שטייט טריי אויף זיין פּאָסטן עד היום הזה.

ער איז געצוווּנגען אַריבערצופאָרן קיין לאָס־אַנדזשעלעס אין קאַליפאָרניע. אויך דאָ נעמט נישט קיין סך צייט ביז ער זאָל זיך „אויסגרינען", און אין דעם נייעם צענטער פון יידישן קולטור־לעבן פאַרנעמט אַדערבערג גיך אַ צענטראַלן אָרט. מיר טרעפן אים אויך אין די עלטערע יאָרן אַ תמיד אַקטיוון, ברויזנדיקן, דינאַמישן.

משה אַדערבערג איז געבוירן געוואָרן אין אַ חסידישער משפחה און זיך אויפגעהאָדעוועט אין אַ רייכער שטוב. לויטן שטייגער פון יענע יאָרן, האָט ער געלערנט אין אַ ישיבה אַ געוויסע צייט, אָבער גאָר פרי האָט אין אים אויפגעברויזט דער שפּעטער אונדז גוט־באַקאַנטער טעמפּעראַמענט זיינער, און ער האָט געגנומען מורד זיין אין די איינגעשטעלטע פאָרמען פון לעבנס־שטייגער. עס האָט אים געצויגן צו זיין אָנגעוויזן אויף אייגענער האָרעוואַניע און ער האָט באַשלאָסן צו ווערן אַן אַרבעטער. משה איז געוואָרן אַ שלאָסער, און אין שטוב איז עס אָנגענומען געוואָרן, ווי ס'וואָלט געטראָפן אַ גרויס אומגליק. משה איז רירעוודיק צווישן די אַרבעטער, און די פּאָליציי וואַרפט אַן אויג אויפן יונגן בחורל, ביז ער מוז זיך אָפּטראָגן קיין דייטשלאַנד, וווּ ער פאַרבלייבט אַ פּאָר יאָר. עס באַפרידיקט אים נישט די פרעמד, די אָפּגעריסנקייט פון די יידישע מאַסן, ער קערט זיך אום קיין פּוילן און אין 1913, ווי דערמאָנט, איז ער שוין אין אַמעריקע.

אַלס מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט, באַטייליקט זיך אַדערבערג אין אַלע קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן פון דער פּאַרטיי. מען הערט זיך צו צו זיין וואָרט, ער איז קריטיש צו זיך און צו אַנדערע. ער זאָגט אָפן און שאַרף, וואָס ער האָט צו זאָגן. אויף אַדערבערגן האָט מען נישט קיין פאַראיבל. אים גלויבט מען. ער מיינט עס ערלעך און ערנסט.

ער באַזוכט אַ פּאָר מאָל ארץ־ישראל. ער איז באַגייסטערט פון יעדן אויפטו און איז גליקלעך צו זען דאָס גאַנצע ווערק פון דער יידישער מדינה; ער ווייסט צו שעצן די ראָל פון דעם אַרבעטער סיי אינעם אויפקום פון דער מדינה און סיי אין איר פירונג.

אָבער אָדערבערג איז באַשאַנקען פון דער נאַטור מיט אַ חוש פאַרן אמת, און ער זעט מיט ווייטיק אויך דאָס נעגאַטיווע. לגבי אים, ווי איינעם פון די ראשונים, גילט נאָך אַלץ דער סאָציאַליזם, ווי אַ הויך־מאָראַלישע־אידעאַל, און ער זעט מיט פאַרביטערונג, ווי אינעם פּראָצעס פון רעאַליזירן דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם מיט אייגענע כוחות אויף אייגענעם היימלענ־דישן באָדן ווערן פאַרוואַסערט, אָדער גאָר אָוועקגעשליידערט באַשטימטע סאָציאַליסטישע עטישע יסודות. אָדערבערג אַלאַרמירט די באַוועגונג, ער מאָנט אויסצובעסערן און פאַריכטן גרייזן און אָפּנויגן. ער פאָדערט אָפּהיטן און בלייבן טריי דער פאָן, וואָס ער און אַנדערע חברים האָבן אויפגעהויבן מיט צענדליקער יאָרן צוריק.

די פאָן איז אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן דורך טרייע הענט אין צייטן פון מלחמה און גרויליקער היטלער־קאַטאַסטראָפע. — מוז מען זי היטן אויך ווייטער — אין אייגענער מלוכהשקייט.

כ׳דערמאָן זיך 1945: גלייך נאָך דער היטלער־מפּלה בין איך געקומען קיין פּוילן, געבראַכט דער שארית־הפּליטה דעם גרוס פון ארץ־ישראל, וואָס קעמפט־אויס אין בלוט די נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט און פרייהייט. האָט מען מיר אויף דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ צוגעטראָגן אַלס מתנה די אַרויסגעראַטעוועטע און אָפּגעהיטענע טשענסטאָכאָווער פּועלי־ציון פאָן. איך האָב זי געבראַכט דער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל. זי איז געווען יאָרן פאַרמויערט ערגעץ אין די ווענט פון אַ הויז אין דעם פאַרנאַצישטן טשענסטאָכאָוו. אַ חבר אין די טויט־לאַגערן האָט געוווּסט דאָס אָרט פון דער באַהעלטעניש און בעת דער גסיסה איבערגעגעבן דעם סוד צו אַ צווייטן חבר, וואָס האָט איבערגעלעבט היטלערן. האָבן די טשענסטאָכאָווער פּועלי־ציון אָפּגעמויערט און געבראַכט דער באַוועגונג אַ נישט פאַרשוועכטע, אַ געהייליקטע, די פּועלי־ציון פאָן פון טשענסטאָכאָוו — די היים פון אונדזער יובילאַר, דעם 75־יאָריקן משה אָדערבערג.

די באַוועגונג האָט בשעתו רירנדיק סאַלוטירט דער אָפּגעראַטעוועטער פאָן, איצט סאַלוטירט די באַוועגונג פרײדיק איר טרייען לאַנגיאָריקן טרעגער.

י. זרובבל

משה גערשאָנאָוויטש

לאָדזש האָט זיך אויסגעצייכנט אין אונדזער פּוילישער פּאַרטיי דערמיט, וואָס זי האָט געדינט ווי אַן אינסטיטוט פאַר דערציען און אויסבילדן טוער, און דווקא אַזעלכע, וואָס קומען אַרויס פון דער מאַסע, פון „עמך". דאָס האָט זיך דערקלערט דערמיט, וואָס די אָרגאַניזאַציע אונדזערע איז טאַקע געווען פאַרוואָרצלט אין דער אַרבעטערשאַפט און אָרעמשאַפט, האָט אויפגעשטעלט פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קאָאָפּעראַטיוון, שולן. האָט זי אָנגעטראָפן אויף פעיִקע אַרבעטער און אַרבעטאַרינס, וואָס האָבן אויפגענומען שנעל די תורה פון קלאַסן־געראַנגל, פון קאַמף קעגן עקספּלואַטאַציע, קעגן ברוטאַלער באַהאַנדלונג פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, קעגן דערנידערונג און באַליידיקונג. די אָנפירונג פון דער אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אַזעלכע אַרבעטער און באַמיט זיך זיי צו באַוואָפענען מיט דעם געהעריקן וויסן, וואָס צוזאַמען מיט זייער פערזענלעכער דערפאַרונג, זאָלן זיי געבן די מעגלעכקייט אויפצושטעלן אַ קאַדר טוער פון דער פּראָלעטאַרישער סביבה גופא. דער ווערט פון אַזעלכע טוער איז נישט אָפּצושאַצן. שוין דערפאַר, וואָס זיי האָבן אַ דירעקטן צוגאַנג צו דער אַרבעטער־מאַסע, ווייסן לכתחילה זייערע נויטן און באַדערפענישן און האָבן די שפּראַך פאַר צונויפרעדן זיך מיט זיי אָן פאַרמיטלער. צו אַזעלכע טוער באַציען זיך די אַרבעטער מיט באַטירלעכן צוטרוי.

כדאי צו דערמאָנען, אַז בראש פון דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע זענען געשטאַנען דער עלטערער חבר מוליע, דער ראַטמאַן אריה האַלענדערסקי און נאָך אַ ריי טוער, וואָס זענען געווען אויסגעבונדן מיט די אַרבעטער און האַנדלס־אָנגשטעלטע. וועט לייכט זיין צו פאַרשטיין, פאַרוואָס גראָד אין לאָדזש האָבן זיך אויסגעבילדעט אַ גרעסערע צאָל פּראָלעטאַרישע טוער פונעם אויבנדערמאָנטן טיפּ. איז טאַקע די אָרגאַניזאַציע געוואָקסן כסדר און זיך פאַרמאָסטן מיט דער עלטערער אָרגאַניזאַציע

פון „בונד", באַוויזן אין אַ ריי שטחים אפילו איבערצויאָגן אים און „אויסקאָנקורירן" געוויסע פאַראיינען...

איינער אַזאַ טוער־אַרבעטער, דערצויגן אין לאָדזש, איז דער שניידער משה גערשאָנאָוויטש. ער האָט געהערט צו די, וואָס שטופּן זיך נישט פאָרויס, אָבער וואָס ווערן געפּאָדערט און גערופן פון דער אָנפירונג. זיי זענען באַשיידן און גלויבן נישט, אַז זיי זענען מסוגל דורכצופירן די באַשטימטע אויפגאַבע. „אַנדערע, מיינען זיי, וועלן עס געוויס בעסער מאַכן". אָבער עס העלפט נישט. מ'האָט זיך דערקענט אויף זיי און מ'צווינגט זיי דיסציפּ־לינאַריש אָנצונעמען די שליחות. ווייזט זיך אַרויס, אַז תוך כדי דער טעטיקייט זענען זיי אויסגעוואַקסן. אויך אין די אייגענע אויגן. חלילה, זיי ווערן נישט קיין פּראָפעסיאָנאַלן. זיי בלייבן באַ זייער אַרבעטער־פאַך. זענען זיך מפרנס פון זייער פּראַצע און האָרעוואַניע, פאַרלאָזן נישט זייער אָרגאַנישע סביבה. זיי וואַקסן, און די סביבה וואַקסט צוזאַמען מיט זיי. דאָס איז זייער אייגנשאַפט, און דאָס איז זייער מעלה. עס איז וויכטיקער און באַ די אַרבעטער מער אָנגעזען, ווי אַ דיפּלאָם פון אוניווערסיטעט. מ'איז און מ'פאַרבלייבט אַן „אייגענער".

משה גערשאָנאָוויטש האָט אין לאָדזש געאַרבעט באַ זיין פאַך, הגם ער איז געוואָרן דער פאַרטרעטער פון דער פאַרטיי אין פאַראיין, אין אַרבעטער־ראַט, אין קאָאָפּעראַטיוו, אין שול און ווו נישט? ער איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל און דאָ פאַרנומען וויכטיקע אחריותדיקע פּאָזיציעס אין דער פאַרטיי־שליחות, און עד היום איז ער געבליבן באַ זיין פאַך, הגם פאַר דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט וואָלט נויטיק געווען, ער זאָל זיך איר קאָנען איבערגעבן אינגאַנצן.

אומבאַמערקטערהייט איז ער געוואָרן אַ צענטראַלער מענטש אין דער באַוועגונג אויך אין ארץ־ישראל. ער וויל נישט טראָגן קיין עפּאָלעטן, אָבער אין איין אינסטיטוציע האָט מען זיי אים אָנגעטאָן בגוואַלד — ער איז באַשטימט געוואָרן פאַרן פּרעזעס פון דער פּרץ־ביבליאָ־טעק און פאַרלאַג. עס זענען פאַראַן עטלעכע טייערע נעמען, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער דערמאָנטער פּרץ־אינסטיטוציע, אָפיציעל. אָבער די אַלע, וואָס טרעפן זיך אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פון דער פּרץ־אינסטיטוציע, ווייסן אויסגעצייכנט, אַז דער הויפּט־זייל אירער איז אַלע מאָל נישט קיין אַנדערער, ווי משה גערשאָנאָוויטש. ער טראָגט אויף

זיך די לאַסט פון אחריות פאַר איר קיום און אַנטוויקלונג. ער האָט אויפן קאָפּ אַלע אירע זאָרגן, אַפילו די קלענסטע קלייניקייטן. ער שלעפט דעם וואָגן, נישט וויסנדיק פון קיין שבת און קיין יום־טוב, נישט האָבנדיק קיין באַשטימטע שעהן פאַר אַרבעט. צו יעדער צייט און וועגן יעדער אָנגעלעגנהייט קומט מען צו משהן, אָדער משה קומט אַליין אין ביוראָ.

משה גערשאָנאָוויטש איז אַ צענטראַלער חבר, פון די ווינציקע, וואָס זענען געבליבן אויף זייער פאַקטישן פּאָסטן פון דער אַמאַליקער לינקער פּועלי־ציון־פּאַרטיי. צו אים ווענדן זיך די שפּיצן, צו אים ווענדן זיך חברים פון דער שורה. חברים פון אויסלאַנד וויסן זיין אַדרעס, און אין אַן עת צרה, אַז מ'איז מיט עפּעס אומצופרידן, ווענדעט מען זיך צו גערשאָנאָוויטשן. ער רופט זיך אָפּ און ענטפערט יעדן וועגן אַלץ.

אָפט וווּנדערט מיך: פון וואַנען נעמט משה צייט און געדולד צו זיין אומעטום, ווו ער דאַרף זיין. נישט, חלילה, ווייל ער איז מחויב דאַרט זיין צוליב זיין אַמט... נאָר ווייל אַהין שיקט אים זיין אינערלעכער געוויסן, זיין חברישער באַרוף, זיין פּאַרטייאישער אינסטינקט. ער וואַרט נישט אויף קיין רעזאָלוציע און אויף קיין פאַראָרדנונג פון אַ העכערער אינסטאַנץ. ער האָט זיין אינערלעכע געוויסנס־אינסטאַנץ, און צו אָט דער אייגענער אינערלעכער שטימע הערט ער זיך צו.

ווי ס'זאָל נישט אויסקומען פּריקרע און קלינגען משונהדיק, זאָג איך מיט פולער אחריות: איך ווייס נישט, ווי וואָלט אונדזער צענטראַלע קולטור־אינסטיטוציע אויפן נאָמען פון פּרץ אויסגעהאַלטן און געשטיגן כסדר, ווען נישט משה גערשאָנאָוויטש.

בעצם איז ער נאָר פאָרזיצער, וואָס דאַרף פירן די זיצונגען פון פּרעזידיום און פאַרוואַלטונג אין באַשטימטע דאַטעס. אָבער צו משהן קומט מען כסדר צו מיישב זיין זיך. אַז ס'זענען נישטאָ קיין אָפּשטימונגען, רעכנט מען זיך שטאַרק מיט זיין אַרויסגעזאָגטער מיינונג. ער איז איבערלייגט, טראַכט אַרום יעדן ענין פון אַלע זייטן, פּרובירט אים אַנאַליזירן פון פאַרשידענע שטאַנדפּונקטן, נעמענדיק דערביי אין חשבון די מיינונגען פון די איבעריקע חברים.

ס'איז נישט נאָר דער ענין ביבליאָטעק, אָדער פאַרלאַג, אָדער גאָר רינגעלבלום־אינסטיטוט. ס'זענען פאַראַן אַ ריי אָנגעלעגנהייטן, וואָס פאָדערן אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס דווקא פון די חברים פון פּועלי־ציון,

וועלכע זענען פאַרבונדן דורך אינטימע פּעדעם מיט דער באַוועגונג אין אויסלאַנד, מען מוז גאַנץ אָפט זאָרגן וועגן חברים, וואָס זענען עולה און דערוואַרטן אַ געהעריקע גייסטיקע חברשע הילף מצד די היגע איינגעזעסענע חברים. ליידער האָט זיך ביז איצט נישט איינגעגעבן צו שאַפן יענעם קאָלעקטיוו, יענע גרופּע, וואָס זאָל איר אינטערעס קאָנצענ־טרירן אויף אָט דעם געביט. פאַראַן רעזאָלוציעס, אויסגעאַרבעטע פּלענער, אָבער פּראַקטיש איז כמעט גאָרנישט געטאָן געוואָרן לויטן פּלאַן. דאָ דערשיינט אָפט משה גערשאָנאָוויטש, ווי אַ מלאך הגואל, וואָס ווייזט אַרויס די טיפסטע זאָרג פאַר דער לאַגע פון אַזאַ חבר עולה און שפּאַנט זיך איין אַליין אין דער שווערער אַרבעט פון לייכטער מאַכן זיין איינאָרדענען זיך אין נייעם לאַנד. פאַר משהן גיסט מען אויס דאָס האַרץ, צו אים ברענגט מען אַלע תרעומתן, און ער הערט אויס, זאָפּט־איין די טענות ומענות און פּרובירט צו באַזייטיקן שטערונגען. אָפט ווערט פּשוט גרינגער דאָס געמיט, אַז מ׳רעדט זיך אויס פאַר משהן. לא אלמן ישראל. פאַראַן נאָך צדיקים אין סדום...

משה גערשאָנאָוויטש איז נישט נאָר אַ מכניס חברים. זעלטן ווער קאָן מיט אים קאָנקורירן אין פּרט פון באַזוכן חברים בעת זיי זענען „נישט מיט אַלעמען״, לא עליכמדיק, ווען זיי געפינען זיך אין שפּיטאָל, צי גאָר בעת מ׳פירט זיי אויפן לעצטן וועג. משה קען אַלעמען, געדענקט יעדנס פאַרדינסטן פאַר דער באַוועגונג אַמאָל אָדער איצט, און ער צאָלט דעם אַלגעמיינעם פּאַרטיי־וועקסל. די פּאַרטיי טאָר נישט בלייבן קיין בעל חוב. זי מוז אַלעמען געדענקען. משה געדענקט אַלעמען.

משה גערשאָנאָוויטש איז, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, קיינמאָל נישט געפייערט געוואָרן .נישט ווייל מען האָט אים נישט באַמערקט, נאָר ווייל ער זוכט אַנטשידנדיק אויסמיידן כיבודים, זאָל מען אָפּגעבן כבוד די, וואָס לויפן נאָך אים און זוכן כבוד.

נעמט מען אָבער אין באַטראַכט, אַז ער געהערט שוין אויך צו דער „יוגנט פון אַמאָל״, ווילט זיך דערציילן וועגן אים, דער יוגנט פון היינט און פון מאָרגן.

דערציילן, ווייל אַנדערש וועט מען וועגן אים נישט וויסן אַ חוץ די יעניקע, וואָס אַרבעטן אין זיין מחיצה און האָבן אים געזען פון דער נאָענט בײַ דער אומאָפּיציעלער טעטיקייט. ער איז אין דעם פּרט איינער

פון די למד־וואָוניקעס אין דער באַוועגונג, אויף וועמענס פּלייצעס עס האַלט זיך אונדזער וויכטיקע קולטור־אַרבעט די לעצטע צענדליקער יאָרן.

ער פאַרמאָגט איניציאַטיוו, איינפאַלן, אַ ווייטן קוק און היסטאָרישן חשבון.

אַ ליבער מענטש, אויף וועמענס פּנים עס שיינט תמיד אַ ליבער שמייכל. ער איז צוגעלאָזן, חבריש. ער האָט אַלעמען אויפן אויג, אינטע־רעסירט זיך מיט געוויסע דאַטעס, ווען מען דאַרף צאָלן פינאַנסיעלע און אויך גייסטיקע וועקסלען. ער מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, זיי זאָלן נישט גיין צום פּראָטעסט.

צום גליק ווייסט מען אים צו שעצן. אַלע — אין דער באַוועגונג און אין דרויסן. הגם נישט אַלע ווייסן זיינע אויפטוען און דערגרייכונגען. מען זעט אים אָבער אומעטום און צו יעדער צייט. שטויסט מען זיך אָן, אַז ער דרייט זיך נישט אַרום סתם. מסתמא דאַרף ער דאָ און דאָרט זיין. מ'ווייסט, אַז משה בטלט נישט. ער איז שטענדיק פאַרנומען. והראיה — אַ צייט שפּעטער דערוויסט מען זיך וועגן אַן אויפטו, וואָס אָן משהס אַריינמישונג וואָלט ער נישט געווען.

אַ פּאָר צענדליק יאָר, ווי איך טרעף זיך מיט משה גערשאָנאָוויטשן באַ דער אַרבעט. באַ פאַרשידענע אַרבעטן. ער איז שטענדיק געלאַסן, קאָנצענטרירט אויף דעם הויפּט־פּונקט ,הערט זיך איין אין יעדער אַרויס־געזאָגטער מיינונג, קאָנטראָלירט זיך אַליין, און ווען נויטיק, ענדערט ער זיין אייגענע אויף אַ מער נוצלעכער און פּאַסיקער.

אַ שאָד, וואָס באַ אונדז איז נישט איינגעפירט צו געבן פּרעמיעס פאַר אַ ריינעם ציכטיקן לעבן, פאַר טרייער מסירות־נפשדיקער טעטיקייט שלא על מנת לקבל פּרס.

יעדנפאַלס האָב איך מיר אָנגעצייכנט שטילערהייט אַ קאַנדידאַט פאַר אַזאַ פּרעמיע:

משה גערשאָנאָוויטש.

אייזיק העמלין

מ׳ווערט עלטער אויך פון יאָרן אַליין. מ׳ענדערט זיך אין גיין און אין שטיין. אַזאַ איז דער שאַבלאָן. פאַראַן אָבער אויך אויסנאַמען, וואָס מיטן עצם פון זייער דערשיינען לייקענען זיי אָפּ דאָס אַנגענומענע, ווי זיי וואָלטן געטייטלט און געטענהט: והראיה! אָט זעט איר דאָך, אַז ס׳איז נישט אַזוי.

נישט אַזוי איז אייזיק העמלין.

אַמאָליקע יאָרן האָט אַ 75־קער געמיינט אַ זקן, אַ חלוש, אַ נוטה למות, אַן עובר בטל. היינטיקע צייטן לעבט מען לענגער און אויף שריט און טריט טרעפט מען אָט די אַלטיטשקע, וואָס האַלטן אין איין דערמאָנען זיך: אַך, אַמאָל, אַמאָל האָבן מיר געקערט וועלטן, דורכגעבראָכן נייע וועגן. און אייזיק העמלין האָט זיכער צו דערציילן וועגן זיין „אַמאָל״, אין אַמעריקע.

אָבער ער לעבט אויך מיטן היינט, ער איז מיט אַלע זיינע אברים און חושים אינעם היינט. אים טאָר מען נישט זען סתם אין גאַס, אין דרויסן, ווען אים איז שווער דער גאַנג און ער שפּאַנט פּאַוואָליע.

אים, אייזיקן, דאַרף מען זען ביי זיין אַרבעטס־טיש, אין „העמלין־הויז״ אין תל־אביב, אין זיין ביוראָ, באַ דער אַרבעט.

ווייל אייזיק העמלין איז דער סימבאָל פון אַרבעטסזאַמקייט. דאָ שפּירט מען זיין דינאַמישקייט. דאָ איז זיין בליק אַ קלאָרער און ווייטזעעוודיקער, זיין האַנט פעסט, זיין מוח — שאַרף און אַנטשיידן. ער האָט אַ גאַנץ לעבן אין אַמעריקע רעפּרעזענטירט דאָס אַרבעטנדיקע פּאַלעסטינע, דעם פּאַלעסטינע אַרבעטער־פאָנד, דעם געצייג־קאַמפּעין פאַרן אַרבעטנדיקן אַרץ־ישראל, דעם הסתדרות־קאַמפּעין — ביז ער איז אָרגאַניש אַריינגעוואַקסן און אויסגעוואַקסן ווי דער לעגיטימער פאָרשטייער פונעם יידישן אַרבעטער, פונעם יידישן אַרבעטער־קעמפער, וואָס שטייט מיט ביידע פיס אין יידישן לעבן און פאַרקערפּערט אין זיין טעטיקייט די וויזיע פונעם

באַפּרייטן יידישן פּאַטערלאַנד. די נייע יידישע אַרבעטס־געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל.

דאָס איז די לופט, וועלכע העמלין אָטעמט, דאָס נערט זיין ענערגיע, פון דאַנען שעפּט ער זיין איניציאַטיוו.

פון דאַנען נעמט זיך זיין איבערראַשנדיקע ווירקונג אויף אַנדערע, וועלכע ער ציט אַריין אין דער אַקטיווער טעטיקייט פאַר דעם הסתדרות־קאַמפּעין. ער מוסרט נישט, ער פּראָפּאַגירט נישט, ער אַגיטירט נישט. זיין ווענדונג צייכנט זיך אויס מיט ווייכקייט, מיט האַרציקייט, מיט איידל־קייט און הומאַנישקייט. ער האָט ליב דעם מענטש, און געפינט אין יעדן אויס דאָס מענטשלעכע; צו אָט דער יידישער מענטשלעכקייט אַפּעלירט ער פּאַטערלעך, מאַמיש, ווי אַן אייגענער, ווי אַ גוטער ברודער. אייזיק איז אַ „גוטער ברודער" מיט הונדערטער, מיט טויזנטער יידישע מענטשן אין דעם אויסגעשפּרייטן אַמעריקע. ער קען זיי אַלע, און זיי אַלע קענען אים. זיין משפחה איז אַ ריזיקע. אייזיק ווערט אין איר נישט בטל בששים. ער פאַלט נישט אַראָפּ און פאַרלירט זיך נישט אין דער סביבה פון גדולים. זיי דערפילן גיך, אַז אייזיק העמלין און זיינע טויזנטער מיטאַרבעטער אין אַקטיווער פרוכטבאַרער טעטיקייט זענען דער מקור פון זייער גדלות.

שעצט מען אים, גיט מען אים אָפּ כבוד. ער שטייט נישט קיינעם אין וועג, ער שטערט קיינעם נישט צו שטייגן דורך שאַפערישקייט — האָט מען אים ליב.

נו, געוויס איז אייזיק העמלין פון די אַמאָליקע. ער שטאַמט פון יענעם דור בעלי־חלומות, וואָס האָבן פאַנטאַזיע פאַרוואַנדלט אין רעאַליטעט. ער האָט געהאַט זין און פאַרשטענדעניש פאַר ווירקלעכקייט. גענומען די ווירק־לעכקייט ווי זי איז, כדי זי איבערצואַנדערשן. האָט ער זוכה געווען אַליין צו דערלעבן און זען, ווי זיינע חלומות זענען געוואָרן שטיקער ווירק־לעכקייט — איז ער געקומען פון אַמעריקע אין מדינת־ישראל כדי אַליין אויך טועם צו זיין די ווירקלעכקייט, אין וועלכער ער האָט אַריינגע־גאָסן דעם זאַפט פון זיינע צענדליקער יאָרן לעבן.

איך האָב ווי דער ערשטער שליח פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, פון ערשטן סאָציאַליסטישן אָרגאַן אין עברית אין ארץ־ישראל „האחדות", גע־טראָפן אייזיקן אין באָסטאָן, אין יאָר 1912.ביידע — יונגע לייט. כ'בין צו אים און צו די חברים פועלי־ציון אין אַמעריקע געקומען, ווי זייער

שליח; דערציילן זיי, וואָס זיי האָבן שוין פאַר אַ פאַרמעג אין לאַנד פון זייערע חלומות און אָנצייכענען זיי די אויפגאַבע, וואָס זיי דאַרפן דורכ־פירן כדי דער פאַרמעג זאָל באַרייכערט ווערן און שטייגן.

אין באָסטאָן האָט זיך אייזיק געוואָרפן אין די אויגן צווישן די אַנדערע אַקטיווע חברים מיט זיין עכטקייט און לירישקייט. מיט זיין „עמכדיקייט" און רירעוודיקייט.

כ'מעג זאָגן איצט, נאָך עטלעכע און פופציק יאָר, אַז איך האָב אַ חלק אין דעם, וואָס מ'האָט אייזיקן אַרויסגענומען פון דער „קאַונטרי" אין דער מעטראָפּאָליע, קיין ניו־יאָרק און צוגעצויגן צו דער צענטראַלער אַרבעט אין דער פּאַרטיי.

איך האָב קיין מאָל נישט געהאַט קיין חרטה אויף מיין ראָל דעמאָלט לגבי העמלינס אָרט אין דער באַוועגונג. איך האָב דערנאָך אַ לענגערע צייט געלעבט אין אַמעריקע נאָך מיין געצוווּנגענעם אַנטלויפן פון פּאַלעס־טינע, נאָכן פסק־דין פון טערקישן געריכט; שפּעטער באַזוכט מערערע מאָל אַמעריקע אין פאַרשידענע שליחותן — פון דער פּאַרטיי, פון ציש"אָ אין פּוילן, פון דעם „פאַראייניקטן יידישן קאַמפּעין", קעגן די רדיפות אויף יידיש אין ארץ־ישראל, אין די אינטערעסן פון הסתדרות־קאַמפּעין — באַ אַלע מיינע באַזוכן האָט אייזיק העמלין מיך נישט „געלאָזט צו רו" און תמיד מיך „עקספּלואַטירט" פאַר זיין קאַמפּעין. איך בין שטענדיק געגאַנגען אויף זיין רוף. ווייל ער איז געווען אַן אויפריכטיקער, די אַר־בעט — אַ דרינגנדיק־נייטיקע.

אייזיק העמלין האָט אָן ספק דעם גרעסטן פאַרדינסט אין דעם פונאַנ־דערוווּקס פון הסתדרות־קאַמפּעין אין אַמעריקע ביז ס'איז געוואָרן אַ מאַסן־באַוועגונג. העמלין האָט געפּלאַנט נישט בלויז צו קריגן מער געלט, נאָר צו געווינען מער נשמות. ער אַליין איז דאָך דורכויס נשמה.

ער איז די לעצטע יאָרן אַריבער קיין ישראל און זיך דאָ באַזעצט. אויך דאָ איז העמלין אַן אינסטיטוציע. ער קאָנצענטרירט און זאַמלט די אַלע, וואָס קומען אַהער פון „דאָרטן". ער רעדט צו זיי אין זייער שפּראַך, אין דער שפּראַך פון אַמעריקאַנער פאָלקס־מענטשן. ער איז זיי דאָ נישט מפקיר. ער באַגריסט זיי, ער דערציילט בפרהסיה, זייער יחוס פון דאָרטן, זיי זאָלן זיך דאָ נישט פילן געפאַלן. פרישט ער אָפּ זייער פיל־יאָריקייט און דערמוטיקט זיי צו ווייטערער טעטיקייט, טראָץ זייער „ריטאַיערן".

צו זיין יובל טראָגן זיך צו אים אויפריכטיקע ברכות פון טויזנטער. זיי שטראָמען אויפן אַדרעס פון פאַרבאַנד־הויז אויפן נאָמען פון העמלין.

זעלטן ווען אין ישראל זאָל מען אָנרופן אַ הויז, אַן אינסטיטוציע, אויפן נאָמען פון אַ לעבעדיקן מענטש, סיידן מ׳האָט צו טאָן מיט דער פאָדערונג פון דעם נדבן, וואָס דאָס איז זיין בפירושער תנאי.

העמלין האָט נישט אינוועסטירט און נישט מנדב געווען קיין געלט־סכומים אין ארץ־ישראל. ער האָט געבראַכט זיך אין גאַנצן, נישט ווי אַ קרבן, נאָר ווי זיין אָרגאַנישן צושטייער און האָט זיך דורך דעם באַהאַפטן מיטן גאַנצן ווערק פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל.

אייזיק העמלין האָט ביי זיך נישט געקאָנט פועלן צו בלייבן פון דער ווייטן אויך בעת די באַוועגונג, וואָס ער האָט געהאָלפן אויפשטעלן, וועט פייערן זיין יום־טוב (75סטער געבוירן טאָג) אין אַמעריקע: האָט ער ריזיקירט און זיך געלאָזט אין ווייטן וועג, געוואָלט דערמאָנען זיך און די עלטער געוואָרענע חברים אין אַמעריקע דעם אַמאָליקן אָנהייב, וואָס האָט זיך אַזוי פרעכטיק צעוואַקסן: דער הסתדרות־קאַמפּעין.

ליידער איז זיין געזונט געווען שוין איינגעבראָכן און ער האָט נישט באַוויזן צו באַטייליקן זיך אין די אַלע אונטערנעמונגען, ווו מען האָט אויף אים געוואַרט.

אָבער די שמחה איז געווען גרויס. ליגנדיק אויפן קראַנקן־בעט, האָט ער געלייענט און געהערט, ווי זיין נאָמען און אויפטו ווערן געאַכפּערט און געיובלט. האָט ער מיטגעלעבט די פייערונגען. אָנגעלאָדן מיט ברכות און ווינטשענישן, האָט ער זיך אומגעקערט צו אונדז. צו פאַרענדיקן די פייערונג דאָ, אין זיין נייער היים, אין דער מדינה.

דאָס איז שוין געווען פאַר אים, ווייזט אויס, צו פיל. ער איז געפאַלן אונטער דער משא. שפּאַנען ווייטער איז שוין נישט געווען פאַר זיינע כוחות. האָט ער פאַרענדיקט זיין לעבן אין גאַנג.

בלייבט ביי טויזנטער און טויזנטער אַ ליכטיקער אָנדענק וועגן אַ ליכטיקן פאָלקס־מענטש, וואָס האָט געלעבט אַ גאַנץ לעבן מיט אַלע, אויף די אויגן פון אַלע — אַ ליכטיק, ריין, אַקטיוו לעבן; אַ מענטש, וואָס האָט ביז צו זיינע 75 אויפגעהיט די פרישקייט און פאַטאָס פונעם אידעאַליזם פון זיינע יונגע יאָרן.

חיים זיידמאַן

איך האָב זיך מיט אים ווינציק געטראָפן אין דער פּאַרטיי־טעטיקייט, אָבער געהערט האָב איך וועגן אים אַ סך, יעדנפאַלס, איז נישט געווען דער פאַל, איך זאָל באַזוכן אַנטווערפּען און איך זאָל נישט האָבן די מערסטע צייט פאַרבראַכט מיט חיים, אין זיין מחיצה און פירן מיט אים לאַנגע שמועסן.

איך האָב אין מיין לעבן זיך עטלעכע מאָל אָנגעשטויסן אין דער פּאַרטיי־סביבה אויף זיידמאַן. נאָך אין טשענסטאָכאָוו, מיט אַ סך יאָרן צוריק, שפּעטער — אין בעלגיע, טאָקע אין אַנטווערפּען. אָבער חיימען האָב איך געטראָפן שוין נאָכן צווייטן וועלטקריג. איך ווייס נישט, צי זענען די אַלע זיידמאַנס קרובים צווישן זיך. איינס איז אָבער פאַר מיר געווען זיכער, אַז זיי האָבן איין אָפּשטאַם — פּועלי־ציוניזם. אַזאַ זעלטענע איבערגעגעבנהייט, טאָקע בפירוש ביז מסירות נפש איבערגעגעבן דער פּאַרטיי און אַלע כוחות און פעיִקייטן אַריינגעטאָן אין דער אָרגאַניזאַציע, אין איר פונאַנדערוואוקס און שטייגן.

אַנטווערפּען האָט מיך פון תמיד אָן אינטערעסירט, איר געשיכטע, אַלץ וואָס זי האָט דורכגעמאַכט און — ווי פילן זיך די יידן היינט צו טאָג אין דער דאָזיקער באַרימטער שטאָט.

חיים זיידמאַן האָט געהאַט זין און פאַרשטענדעניש פאַר קולטור־אָנגעלעגנהייטן, איז ער מיר אַנטקעגנגעקומען בנוגע מיינע פאַרלאַנגען און נייגעריקייט, האָבן מיר שעהן נאָך שעהן אַרומגעשפּאַנט און אַרומגע־טראָגן זיך איבער אַלע עקן שטאָט כדי צו דערוויסן זיך מער און מער וועגן אירע אַלטערטימלעכקייטן און מערקווירדיקייטן.

און אַ מאָדנע זאַך: חיימען איז דאָך עס שוין אויסגעקומען צו דער־ציילן און איבערחזרן צום וויפלטן מאָל, ווייל זיכער בין איך נישט געווען דער איינציקער, וואָס איז גערן צו הערן וועגן דעם אַלעם. אָבער יעדעס מאָל, ווען חיים האָט גערעדט וועגן דעם, האָט זיין פּנים געשיינט, די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן און ער אַליין איז געווען אין גאַנצן צעפלאַמט.

עס האָט אין אים געלעבט דער ראָמאַנטיקער, וואָס האָט געהאַט אַ באַזונדער חוש פאַר שיינקייט און אומגעווייגלעכס.

אין פלוג איז געווען דער איינדרוק, אַז ער איז אַ זייער פּראַקטישער מענטש און רעדט אַרום יעדע זאַך פּראַזאַיִש; און דאָך האָב איך זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם געדאַנק, אַז איך האָב צו טאָן מיט אַ בעל חלומות, וואָס דער דמיון טראָגט אים נאָכאַנאַנד ווייט ווייט אַוועק פון דער רעאַליטעט.

חיים האָט פאַרמאָגט אַ סך אָפּטימיזם. אייגנטלעך האָט מען אין אַנט־ווערפּען געזאָלט פאַרמאָגן אַ סך אָפּטימיזם בעת מ׳האָט זיך אונטערגע־נומען אין יענער שטאָט, אין יענער סביבה אויפשטעלן און אויפהאַלטן אַ יידיש סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע.

ס׳איז דאָך די שטאָט פון דיאַמאַנטן; ניין, ס׳איז נאָך מער די שטאָט פון דיאַמאַנטערן. דער דיאַמאַנט האָט אַרויפגעלייגט זיין חותם אויף דער שטאָט און אויף דעם מענטש. האָסט מאָמענטנווייז דעם רושם, ווי אַלע אַלע, וואָס רינגלען דיך אַרום זענען דיאַמאַנטערן. על כל פנים איז דאָס דער חלום, לאָמיר זאָגן דער אידעאַל פון יעדן איינעם: צו האָבן צו טאָן מיט דיאַמאַנטן, פריער צו שפּעטער.

איך האָב עטלעכע מאָל באַזוכט באַ טאָג די דיאַמאַנטן בערזע, אירע פאַרשידענע אָפּטיילונגען און ביוראָען. ווי, ווי, ווען האָב איך דאָרט נישט געטראָפן! ס׳האָבן זיך אויף מיינע אויגן געמישט בלעטלעך יידישע עקאָנאָמיק און ס׳האָבן דורכגעדעפּילירט צענדליקער שטעטלעך פון פּוילן און גאַליציע. פון אומעטום האָבן זיי געשטראָמט אַהער, און ס׳האָט מיך כלל נישט געחידושט, ווען יעדעס מאָל האָט מיר עמעצער אָפּגעשטעקט אַ ברייטן שלום עליכם — צי איך געדענק זיין שטעטל און מיין רעפּעראַט דאָרט...

דער עולם איז פאַרדיאַמאַנטעריזירט. אמת, איך האָב געהאַט גראַנ־דיעזע, טויזנט קעפּיקע פאַרזאַמלונגען ווי אין די גוטע צייטן אין גרויסע יידיש מאַסן־ישובים. אָבער תמיד האָט מיך באַגלייט אַ שטילע עצבות ווען איך האָב געטראַכט וועגן דעם יידישן גורל: פון דאַנען ווייטער וואַנדערן? ס׳וועט נישט אָנקומען אַזוי לייכט.

חיים זיידמאַן האָט מיט אַלע מעגלעכקייטן געזוכט אַריינצוברענגען קולטור־אַטמאָספער אין דער דאָזיקער סביבה. האָט ער געהאַלטן אין

אויפשטעלן ביבליאָטעקן. האָבן די צימערן געפּוסטעוועט און די ביכער האָבן זיך געפילט פאַריתומט אָן אַ האַנט וואָס זאָל זיי בלעטערן.

חיים האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דער טעטיקייט אין זיין שטאָט. ער האָט אַקטיוו מיטגעהאָלפן אַרויסצוגעבן אַ פּועלי־ציוניסטישע פּרעסע אין דער היטלער־צייט. אַליין געשריבן איבער פאַרשידענע טעמעס און געהאָלפן פאַרשפּרייטן. ליידער אָן גרויסן דערפאָלג.

חיימען האָט אויסגעצייכנט זיין גוואַלדיקער דורשט צו וויסן. ער האָט געוואָלט אַלץ וויסן, און וויסן האָט בא אים געמיינט וויסן גרינטלעך, אין יסוד. ער איז נישט יוצא געווען מיט אויבנאויפיקע תשובות און שאַבלאָנע אויפקלערונגען. עס האָבן אים נאָכאַנאַנד געמאַטערט ספקות. ער איז קיינמאָל נישט געווען זיכער מיט דער אָנגענומענער דאָגמע. ער האָט פון דאָס ניי אויף אייגענער איניציאַטיוו אונטערגעזוכט און בודק געווען פון אַלע זייטן. ער איז געווען אַ טרייער דיסציפּלינירטער פאַרטיי־חבר. אָבער ער האָט די פאַרטיי־פּרינציפּן און טאַקטישע כללים געזוכט אַליין נאָכ־קאָנטראָלירן, ביז ער אַליין האָט זיך איבערצייגט אין זייער ריכטיקייט. דערפאַר אָבער, קוים איז חיים דערגאַנגען מיט אייגענער מי צו אַ באַשטימטן פאַרטייאישן אויספיר, איז שוין אוממעגלעך געווען צו רירן אים פון אָרט. דאָרט האָט ער זיך געהאַלטן פעסט, שטאָל און אייזן.

חיים איז געווען אַ ליבער מענטש. נישט נאָר אַ ליבער פאָטער, אַ ליבער מאַן און אַ ליבער חבר. איבער דעם אַלעם און אפשר פאַר דעם אַלעם איז ער געווען אַ ליבער מענטש. אין זיין באַציונג צו מענטשן, אין זיין אויפפירונג, אין זיין באַהאַנדלען ענינים אפילו מיט ווילד פרעמדע האָט מען גלייך דערקענט, אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט אַ מאַן, וואָס זיין הויפּט־כאַראַקטער־שטריך איז אמת. דערפאַר האָבן זיך אַלע באַצויגן צו אים מיט אַכטונג און מיט ליבע. אים האָט מען נישט געוואָגט אָפּצונאַרן, אונטערפירן. פּשוט, מען האָט עס נישט געוואָלט. מען האָט זיך געשעמט. פאַר זיך אַליין.

ער איז געווען גוט באַלעזן. אַ באמת אינטעליגענטער מענטש אַ מאָ־דערנער. ער האָט זיך דערמיט נישט געגרויסט און נישט געשטופּט זיך פאָרויס. דאָס איז געקומען ממילא צום אויסדרוק. און אַלע האָבן דאָס אָנערקענט. גענומען אין חשבון.

ער איז געווען אָנגענומען אין דער געזעלשאַפט. מען האָט אים גע־

קאַנט אין דער יידישער סביבה און באַצויגן זיך מיט צוטרוי צו אַלץ, וואָס ער האָט אונטערגענומען.

אין דער גרויליקער היטלער־צייט האָט יעדער באַוווּסטזיניקער מענטש באַנומען, אַז מען דאַרף די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט אָפּגעבן צו ראַטע־ווען די יוגנט — די צוקונפט פון פאָלק. ראַטעווען זי האָט געמיינט נישט נאָר פיזיש, נאָר אויך גייסטיק. אָן שולן, אָן דערציִונגס־אַנשטאַלטן אין דער אַטמאָספער פון מסירה און רציחה האָט געדראָט דער יידישער יוגנט פאַר־לאָרן גיין אין גאַנצן פאַר זיך אַליין און פאַרן פאָלק. אונדזערע חברים אין בעלגיע האָבן עס גוט פאַרשטאַנען און זיי האָבן באַשלאָסן, נישט גע־קוקט אויף דער טויט־געפאַר, דערפילן זייער הייליקע פליכט. האָבן זיי געזאַמלט קינדער און יוגנטלעכע פון אַלע ווינקלען און זיי צונויפגעבראַכט יעדן זונטיק אין וועלדל הינטער בריסל. ווער זשע זאָל זיך אָפּגעבן מיט אָט דער אַרבעט, אויב נישט חיים זיידמאַן. אַליין נישט פון די פיזישע גיבורים האָט ער פון דעסטוועגן נישט אויסגעמיטן קיין געלעגנהייט מיט־צוהעלפן זיינע חברים אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. דערפאַר האָט ער אין גאַנצן גענומען אויף זיך די אַרבעט צווישן דער יוגנט, און יעדן זונטיק פלעגט חיים פאָרן ספּעציעל פון אַנטווערפּען קיין בריסל כדי צו לערנען מיט די קינדער אינעם וועלדל די נייטיקע פּרקים יידישקייט אין ליכט פון פּועלי־ציוניזם.

די אַרבעט איז נישט געגאַנגען אין ניוועץ. אַ היפּש ביסל פון חיימס תלמידים האָבן שפּעטער אויסגענוצט די ערשטע געלעגנהייט און עולה געווען קיין ישראל. דאָ קאָן מען זיי טרעפן צווישן די בויער פון משמר הנגב.

אַזוי האָט חיים געזייט קערנדלעך פון זיין נשמה אויף פאַרשידענע שטחים, און זיין משפּחה, ווי זיינע נאָענטע חברים און פריינט קאָנען געפינען די פּרוכט דערפון, וווּ זיי קערן זיך און ווענדן.

ער האָט געהאַט מיט זיך אַ גרופּע חברים, טרייע און אַקטיווע. ער איז געווען די נשמה, דער באַוועג־מאָטאָר. מ'האָט צו אים געהאַט מער ווי צוטרוי. ער האָט עס געוווּסט און זיך באַמיט קיינעם נישט צו אַנטוישן. דאָס האָט אים דיקטירט זיין אינערלעכע פליכט, זיין געוויסן.

דאָס פליכט־באַוווּסטזיין און האַנדלונג לויטן געוויסן האָבן באַשטימט דעם כאַראַקטער פון זיין טעטיקייט. דערפאַר איז זיין שם געשטיגן ווייט

מחוץ די גרענעצן פון דער אַנטווערפּענער אָרגאַניזאַציע. מ׳האָט געוווּסט: אין אַנטווערפּען איז דאָ חיים זיידמאַן — פון אים קאָן מען פאָדערן. אויף אים קאָן מען זיך פאַרלאָזן.

אָט דער איינדרוק איז באַ מיר געבליבן פון מיינע באַגעגענישן מיט אים פּאַרטייאיש און פּריוואַט. ער האָט געווירקט אַ סך מיטן שטראַלנדיקן שמייכל אויף זיין געזיכט. איך בין זיך מודה: כ׳האַלט נישט פון דעם כּלל „קיפּ סמיילינג״, נאָכאַנאַנד שמייכלען צום מיטשמועסער. אָבער אויב דער שמייכל איז אַ נאַטירלעכער, אַ ווייכער ווי באַ חיימען, איז גוט אויב עמעצער איז מיט אים געבענטשט.

איינס איז אים יאָ געלונגען — חיים זיידמאַן האָט אויפגעשטעלט אין אַנטווערפּען זיין אייגענע גייסטיקע היים, זיין פאַמיליען־הויז. זעלטן ווען גליקט אָפּ אַ חבר אַ טוער צו האָבן די הנאה פון אַן אייגענעם היימישן גייסטיקן ווינקל, ווו ער זאָל קענען שעפּן נחת נישט נאָר פּערזענלעך, נאָר באמת ווי אַ פּאַרטיי־מענטש.

איך בין עטלעכע מאָל געווען דער גאַסט פון די זיידמאַנס בעת חיים האָט געלעבט. מיר האָבן געוווּסט, אַז זיין שטוב איז אונדזער שטוב, און הגם אין יענער צייט איז זיין פרוי חברטע פרידא געווען צוריקגעצויגן און זיך געהאַלטן אין שאָטן, האָט מען געקאָנט לייכט דערקענען די זעל־טענע האַרמאָניע, וואָס הערשט אין אָט דעם הויז און ווי פון דאַנען גייען די געמיינזאַמע פּלענער וועגן אַרבעט אין דרויסן מחוץ דעם הויז.

ס׳האָט מיך געטראָפן שווער די ידיעה וועגן חיימס פּלוצימדיקן טויט, אין עלטער פון 43 יאָר. ס׳האָט מיך ממש געפּלעפּט זיין נישט פאַרענדיקטער בריוו צו מיר... מיר האָט זיך כסדר געדאַכט, אַז חיים רעדט נאָך צו מיר, ער וויל ממשיך זיין דעם בריוו — דעם שמועס און האָט מיר נאָך צו זאָגן און צו זאָגן.

און פון דעמאָלט אָן, וויפל מאָל ס׳איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן אַנטווערפּען, באַזוך איך דאָס הויז פון די זיידמאַנס. חיים איז נישטאָ, אָבער פרידאָ איז געבליבן און זי איז דאָ. אין יעדן ווינקל, אין יעדער אונטער־נעמונג, אין יעדער אַקציע, וואָס האָט צו טאָן מיט פּועלי־ציון אין אַנט־ווערפּען, איז דאָ די האַנט פון זיידמאַנען. חיים צי פרידאָ — וואָס איז די נפקא מינה?

י. זרובבל

שמואל באָנטשעק

ש. באָנטשעק, „דאָס נידערגעשלאָגענע און הונגעריקע קינד פון אַן אומגליקלעכן מלמד״ אין לאָמזשע, ווערט איצט באַערט אין ניו־יאָרק צו זיין 70־טן געבורטסטאָג, ווי איינער פון די באַליבטסטע און פיינסטע יידישע אַרבעטער טוער אין אַמעריקע.

ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אין יאָר 1912 בעת מיין ערשטן באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאָטן פון אַמעריקע, האָב איך נישט געוווסט און נישט געהאַט קיין שום באַגריף וועגן דעם וואָס „ס׳געדענקט זיך״ אים אַליין און וואָס עס געדענקען וועגן אים אַנדערע פון וואַרשע. אָבער באָנטשעק האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק מיט זיין אויפריכטיקייט, שטילער איבערגעגעבנקייט און חברישקייט לגבי די, וואָס האָבן מיט אים מיטגעאַרבעט אין דער באַוועגונג פועלי־ציון.

מיר זענען נאָך אַלע געווען יונג. אין יאָר 1912, איז אויך די באַוועגונג געווען די יינגסטע אין דער יידישער אַרבעטערשאַפט. דער אידעאַל פון סאָציאַליסטישן ציוניזם האָט נאָך צו יענער צייט נישט געהאַט געוווּנען קיין סך הערצער און מוחות. אַרום אונדזער פאָן האָבן זיך געזאַמלט מער עמפינדלעכע עלעמענטן סיי צווישן דער אינטעליגענץ און סיי צווישן די אַרבעטער. ס׳איז נישט געווען אַזאַ פשוטע זאַך צונויפצובינדן די, אין פלוג, פרעמדע און ווידערשפרעכנדיקע טעטיקייטן, ווי געראַנגל פאַר טאָג־טעגלעכע באַדערפעניש, לויפנדיקע ענינים, און אַ קאַמף פאַר אַ ווייטן, הויכן אידעאַל פון איבערבויען דאָס גאַנצע יידישע לעבן דורך אַ יידישער סאָציאַליסטישער געזלשאַפט אין ארץ־ישראל.

די וואָס זענען צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג, זענען געווען אָנגעהויכט מיט אַ באַשטימטער מאָס ראָמאַנטישקייט; ביי זיי האָט געווירקט נישט נאָר דער מוח, נאָר אפשר נאָך מער דאָס געפיל און גאָר אַ סך די צעפלאַקערטע פאַנטאַזיע וועגן אַ נייער וועלט, אַ ניי לעבן, ווו אויך דער יידישער מענטש וועט אַנדערש אויסזען.

באָנטשעק האָט געגנוג דורכגעליטן אין זיין היים, באַם שטרענגן

טאַטן און פּאַראַמערטער שטיף־מאַמע; זיין דערפאַרונג אַלס לערן־ייִנגל און שפּעטערע יאָרן אויף דער וואַרשעווער „בירזשע" פון פּועלי־ציון, אַנטייל אין סטרייקן, אין „באַיוּוקעס" בעת ער האָט דערקלעטערט צו די הויכע שפּיצן פון „סכאַדקע" און קאָמיטעט — דאָרט האָט ער געלערנט צו דערקענען מענטשן, זיי פאַרשטיין און, דורכדעם, ליב קריגן די אַרומיקע, וואָס זענען אין תוך גוט, נאָר דאָס ביטערע לעבן פאַרביטערט זיי און קרימט אויס זייער נשמה.

באַנטשעק האָט ליב געקראָגן די אַרבעט אין דער באַוועגונג און ער האָט זיך מיט איר פאַרקנסט אויפן גאַנצן לעבן; ער האָט זי אויפגענומען ווי אַ הייליקע עבודה, וועלכע מ'טאָר נישט פאַרשוועכן, אפילו מיט אַ שלעכטער כוונה. אדרבא, ער האָט געוווּסט פון אייגענער דערפאַרונג, אַז די פּאַרטיי און דער חבר, קאָנען ביידע נתעלה ווערן דורך אויפריכטיקן, אמתדיקן אויפפיר און ערלעכער טאַט. ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער שוין געוווּסט אויף זיכער, אַז דאָס איז זיין איינציקער וועג און אַז ער איז מחויב אַריינשפּינען זיין יחידישן מהות אין דעם געוועב פון דער באַוועגונג און שוין דאַן האָט ער פונקט אַזוי געוווּסט וואָס עס מיינט זיין טריי צום ענין פון ארץ ישראל.

אין יאָר 1915 בין איך געווען געצוווּנגען אַנטלויפן פון ארץ־ישראל צוליב דעם גורלדיקן פּסק דין פון טערקישן קריגס־געריכט איבער מיר אין ערשטן וועלט־קריג. אין ניו־יאָרק האָב איך געטראָפן מיינע חברים: יצחק בן־צבי און דוד בן־גוריון, וועלכע זענען פריער אַרויסגעשיקט געוואָרן אַדמיניסטראַטיוו, הגם זיי האָבן געפאָדערט מען זאָל זיי שטעלן פאַר אַ געריכט.

די פּאַרטיי פּועלי־ציון אין אַמעריקע האָט צו יענער צייט אויפגענומען אַ גרויסע צאָל אַנגעזעענע טוער פון אייראָפּע, צווישן זיי באָראָכאָוו און קאַפּלאַנסקין. עס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַ ברייט־פאַרמאַסטענע פּאָליטישע טעטיקייט אַרום דער לאָזונג פון צונויפרופן אַן אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס אין שייכות מיטן אַנקומענדיקן שלום. די הויפּט־טוער זענען געווען פּנחס רוטענבערג און ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, צוזאַמען מיט די פירענדיקע חברים פון דער פּאַרטיי. אין דער זעלבער צייט איז אַרויסגערוקט געוואָרן אין סאַמע אויבן־אָן די פראַגע וועגן ארץ־ישראל.

און די פּאַרטיי האָט אויסגעבילדעט אַ ספּעציעלן פּאַלעסטינע קאָמיטעט, אָנצופירן אַן אינטענסיווע פּאַלעסטינע טעטיקייט.

בן־צבי, בן־גוריון און איך האָבן פּאַרלייגט אין יענעם יאָר דעם פונדאַמענט פאַר אַ „החלוץ"־אָרגאַניזאַציע. געשאַפן אַ „החלוץ"־ביבליאָטעק און אַרויסגעגעבן עטלעכע זאַמל־העפטן. אין דער ערשטער בראָשור זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דריי אַרטיקלען: פון בן־צבי, בן־גוריון און זרובבל.

דאָן איז אויפגעשווומען דער געדאַנק וועגן אַרויסגעבן אַ בוך יזכור צום אָנדענק פון די געפאַלענע חברים פון „השומר" אין ארץ־ישראל. די אויפגאַבע איז אָנגעטרויט געוואָרן אַן ענגער קאָמיסיע פון דריי: בן־צבי, זרובבל און באָנטשעק. ער איז געווען דער יינגסטער צווישן אונדז און דער אַמעריקאַנער. האָט ער געדאַרפט זאָרגן וועגן דער פּראַקטישער דורכפירונג פון דעם באַשלוס.

אָט אין יענער אַרבעט האָב איך דערקענט באָנטשעקן פון דער נאָענט, זיך צו אים צוגעבונדן, און בפירוש ליב באַקומען, ווי אַ גוטן חבר און טייערן פריינט.

ער איז אין יענע יאָרן געווען בלויז אַ „פּרינציפּיעלער" פּאַלעסטינעץ. ער האָט געהאַלטן טעאָרעטיש, פּרינציפּיעל, אַז פּאַלעסטינע איז די טעריטאָריע, וווּ עס וועט רעאַליזירט ווערן אונדזער אידעאַל. ער אַליין איז נאָך אין ארץ־ישראל נישט געווען. בלויז געהערט און געלייענט וועגן דעם לעבן און געראַנגל דאָרט. אָבער אין אונדזער סביבה האָט ער זיך געענדערט פון טאָג צו טאָג און איז, מיט דער צייט, געוואָרן איינער פון אונדז — אַן אונדזעריקער, אַן ארץ־ישראלדיקער.

מיר האָבן זיך פּאַרלייגט אויף אַ פּלאַן, אַז אונדזער יזכור־בוך דאַרף זיך אויסצייכענען ווי אַ נייעס אין דער יידישער ליטעראַטור בכלל, און אוודאי אין דער פּאַלעסטינע־ליטעראַטור. וועגן דעם תוכן האָבן מיר זיך קנאַפּ געזאָרגט. געווען אויפן אָרט שרייבער, וואָס זענען אויסגעבונדן מיטן לאַנד, מיט די חברים פון „השומר" ווי נאָענטע, ווי ברידער, קענען אויסגעצייכנט די באַדינגונגען פון זייער לעבן און אומשטענדן פון זייער טויט. איך און באָנטשעק האָבן אויף זיך גענומען צוגרייטן די פּראַקטישע אַרבעט באַ דער אויסגאַבע, עס זאָל זיין אַזוינס און אַזעלכעס. באָנטשעק האָט אויסגעזוכט דעם קינסטלער, לאָעב, און מיר פלעגן זיצן מיט אים שעהן לאַנג, כדי זיך צונויפרעדן וועגן יעדער צייכענונג, וויניעטקע,

און אפילו וועגן די אַריינפּיר־אותיות צו יעדן קאַפּיטל. אַלץ האָט געדאַרפּט האַרמאָנירן און זיין דורכגענומען מיטן זעלבן רעיון: טרויער נאָכן געפאַלענעם און גאווה אויף זיין גאַנג אין לעבן. עס האָבן געזאָלט זיין נשמה־ליכטלעך, זיי זאָלן אָבער נישט וועקן קיין עצבות, נאָר מאָנען און רופן צו נעמען זיך אַלס ביישפּיל די טאָט פון די שומרים, ווי אַ מוסטער פאַרן אייגענעם לעבנס־גאַנג.

אָט אין יענע לאַנגע טעג און נעכט, וואָכן און חדשים, איז געשלאָסן געוואָרן צווישן מיר און באָנטשעקן דער בונד פון אינטימער פריינטשאַפט און חברישקייט, וואָס האָט אַן צענדליקער יאָרן, נישט געקוקט אויף שאַרפע אידעיִשע חילוקי־דעות און געאָגראַפישער ווייטקייט.

באָנטשעק האָט דורכגעלעבט און דורכגעווייטיקט דאָס בוך יזכור און ער האָט דערנאָך געהאָט די גרעסטע באַפרידיקונג, ווען דער דערפאָלג און רושם פונעם בוך האָבן איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען.

זינט דאַן האָב איך באַזוכט אַמעריקע מערערע מאָל אין פאַרשידענע שליחותן און תמיד זיך געטראָפן מיט באָנטשעקן און מיט אַנדערע נאָענטע חברים פון דער באַוועגונג. שטענדיק האָבן מיר געפונען די פונקטן, וואָס האָבן דערמעגלעכט און געפאָדערט געמיינזאַמע טעטיקייט. פונקט אַזוי זענען געווען אונדזערע באַגעגענישן אין ארץ־ישראל.

באָנטשעק איז פאַר מיר געווען און געבליבן אַ טיפ פון אַן עכטן יידישן פאָלקס־מענטש, וואָס פאַרמאָגט געזונטן הומאָר און אַן אָפּטי־מיסטישע באַציִונג צום לעבן. ער זעט נישט נאָר די אַבסטראַקטע אידעע. נישט ווינציקער, אָדער אפשר טאָקע קודם כל, זעט ער דעם מענטש, וועמען די אידעע האָט אין זינען, און ווער עס האָט צו פאַרווירקלעכן די אידעע אין לעבן.

אין פלוג באַמערקט מען געוויינלעך אין זיינע אויגן און אינעם שמייכל, אַ צוריקגעהאַלטענע איראָניע. זי שטאַמט פון זיין פּקחות צו באַוואָרענען זיך אַפריער, על כל צרה שלא תבוא, אויב ער האָט נישט איינגאַנצן זיך דערקענט אויפן מענטש. ער האָט גערן אַ וויץ און אַ ווערטל און האָט צו אַלץ אַ פּאַסיק מעשהלע. דער עיקר, ער פאַרמאָגט געמיט און פאַרלירט זיך נישט אין די שווערסטע און האַרבסטע מאָמענטן און סיטואַציעס. דערפאַר איז ער אַזוי אָנגענומען און באַליבט באַ זיינע באַקאַנטע, באַ די אַלע, וואָס קומען מיט אים אין אָפּטערער באַרירונג.

דער פאַרבאַנד האָט אין אים אַ טרייען, מסירת־נפשדיקן טוער, וואָס בויט דעם בנין פון ערשטן טאָג. ער צייכנט זיך אויס מיט אויסדויער, מיט עקשנות און פעסטקייט. דאָס אַלץ נעמט זיך פון זיין טיפער אָרגאַנישער אמונה, אַז זיין וועג, דער וועג פון דער באַוועגונג, איז דער ריכטיקער.

מיט צענדליקער יאָרן צוריק, ווען ער האָט פאַרלאָזט זיין אַלטע היים אין פוילן, אויפן וועג קיין אַמעריקע, האָט ער זיך געזעגנט „מיטן אַלטן מאַרק, וואָס איז געשטאַנען אין זיין אָרעמער איינגעפאַלנקייט אַזוי, ווי אין די קינדער־יאָרן, אָבער פאַר מיר (באַנטשעקן) איז ער אויסגע־וואַקסן, געוואָרן רייצנדיק און ליב... געוואָרן אייגן, ווי עפּעס אַ טייל פון זיך אַליין, וואָס מען קען מער קיינמאָל נישט פאַרגעסן".

ער זאָגט עדות אויף זיך אין זיין בוך: „און איך האָב נישט פאַרגעסן... די נאַכט הינטער דער שטאָט האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך פאָר, אַז איך לאָז זיך אין אַ ווייטער און נייער וועלט. אָבער די אַלטע איז מיך נאָכגעגאַנגען, געיאָמערט און געוואַרעמט מיין נשמה ביז אין די עלטער־יאָרן, ביז אַצינד".

אַזוי האָט ער פאַרענדיקט זיין בוך וועגן זיין לעבן ביזן אַרויספאָר קיין אַמעריקע.

פינף יאָר שפּעטער, ווען עס ווערט געפייערט זיין 70־סטער געבורטסטאָג, אַ סך צענדליק יאָרן אין דער נייער וועלט — קאָן באַנטשעק ערלעך איבערחזרן די זעלבע ווערטער. אין זיין התנהגות מיט מענטשן, אין זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, אומעטום און שטענדיק, פילט מען אין אים דעם „יאָמער און די וואַרעמקייט" פון דער אַלטער יידישער וועלט. עס איז נאָך צוגעקומען נאָך איין שטריך, וואָס איז געוואָרן באַ אים אַ סימן מובהק פון זיין כאַראַקטער און מהות: זיין טיפע ליבע און אָרגאַנישע אויסגעבונדנקייט מיט דעם לאַנד, ווו ס'איז אויפגעקומען און בויט זיך פאַנאַנדער די מדינה ישראל.

חיים טורנער

איך האָב אים באַגעגנט אין משך פון לאַנגע יאָרן. אין פאַרשידענע שטעט און לענדער. פוילן, דייטשלאַנד, ארץ־ישראל. אָבער איך האָב געהאַט די זעלטענע געלעגנהייט מיטצואַרבעטן מיט אים גאַנץ נאָענט, אין כסדרדיקן קאָנטאַקט, אין דער דרוקעריי „ליגאַ" ביים אַרויסגעבן די „נייוועלט".

כ'האָב אים געדענקט גוט פון לאָדזש, אַלס יוגנטלעכן, אַקטיוון חבר. אַ פעיִקער חבר מיט אַנטוויקלטן אינטעלעקט, געניִיגט צו דענקען זעלבשטענדיק און פאַרטיפן זיך אין יעדן ענין. ער איז געווען אינסטרוקטאָר באַ דער יוגנט. דאָס האָט יענע יאָרן געמיינט זייער פיל. עס האָט זיך נאָך געטראָגן אין דער לופט דער גייסט פון רוסישן אָקטאָבער, וועלכער האָט געעפנט נייע פּערספּעקטיוון פאַר דער מענטשהייט בכלל און קודם כל פאַר דער אַרבעטערשאַפט. די יוגנט איז געווען אויפגערודערט און איר געמיט אויפגעבראַוזט. עס הויבט זיך אָן אַ נײַ לעבן, און מען דאַרף זיך צו אים גרייטן. מען דאַרף זיך לערנען כדי פאַרשטיין דאָס לעבן און וויסן, וואָס מיר קאָנען אויפטאָן מיט אונדזערע כוחות. איז דערצו בויטיק מכשיר זיין זיך און אַנדערע, נאָענטע, צו יענעם נייעם לעבן.

און חיים טורנער האָט גענומען אויף זיך די ערנסטע און הייליקע אויפגאַבע — אינסטרואירן די יוגנט צו יענעם לעבן. ער האָט געזוכט די יוגנט. נישט אַזוי די פון די רייכע הייזער, פון די פאַרמעגלעכע עלטערן, וואָס געבן זייערע קינדער בילדונג, יעדנפאַלס די עלעמענטאַרע בילדונג אין שול. פאַראַן אָבער זייער אַ סך קינדער באַ אָרעמע עלטערן, וואָס ווייסן נישט פון קיין שום לערנען, פון שול און אויך נישט פון חדר. די עלטערן געבן זיי אָפּ וואָס פריער אין דער „לער" צו אַ בעל מלאכה, אָדער אין אַ געשעפט, אַלס שיק־ייִנגל, אַבי דאָס קינד זאָל עפּעס פאַרדינען און ברענגען אַהיים די עלטערן צושטייער אויף אויסהאַלטן די משפחה.

טורנער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער יוגנט פון די אָרעמע

געסלעך און פאַרלעגענע שטאָט־פּערטלען, זי צונויפגעבראַכט אין אָונט־שולן, ווו מען האָט זי געלערנט פּשוט לייענען און שרייבן. דערביי האָט מען שוין געטראַכט, ווי צו פאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען פון די לערן־יינגלעך, זיי אָרגאַניזירן און אַריינציען ביסלעכווייז אין פּאָליטישן לעבן. חיים האָט געהערט צו יענע אינסטרוקטאָרן, וואָס זיי איז געגאַנגען באמת, ווי אַרויסצוציען די יוגנט פון דער אָפּגעשטאַנענקייט און אַרויפפירן זי אויפן זיכערן וועג צו באַנעמען און פאַרשטיין דאָס לעבן אַרום, כדי צו קעמפן פאַר זיין פאַרשענערונג.

האָבן חיים און זיינע חברים אויפגעשטעלט קאַדרען יוגנטלעכע, וואָס מיט דער צייט האָבן זיי אויסגעפילט די רייען פון באַוווסטזיניקע קעמפער פאַר דער אַרבעטער זאַך. די מעלה חיימס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער אַליין האָט געהערט צו דער מחנה אַרבעטער. ער האָט געאַרבעט אין אַ דרוקעריי, ווי אַ זעצער, איינגעזאַפּט אין זיינע לונגען בליי אָן אַ שיעור, אָבער ער האָט אויך אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך נישט באַגנוגנט מיט מעכאַנישער אַרבעט. ער האָט געזעצט דעם כתב יד און בשעת מעשה אריינגעדרונגען אין דעם מיין פון גאַנצן זאַך. אויפגענומען דעם רעיון און אים קאָנטראָלירט. איז ער טאַקע אַ ריכטיקער, אָדער איז ער פּאַרפירעריש צוליב זיין אויסערלעכער גלאַטקייט און גלאַנץ?

טורנער איז געצווונגען געווען אַריבערצופאָרן אין בערלין; אָט דער אַריבערפאָר אין איינעם פון די אייראָפּעאישע קולטור־צענטערן האָט אים געבראַכט אומגעהויערן נוצן. ער האָט זיך באַמיט נישט דורכצולאָזן די מינדסטע געלעגנהייט און געניסן פון דער אַרומיקער קולטור. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך די לערעס פון גרויסע מענטשלעכע גייסטער. דערביי האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט פון דער נאָענט צו דערקענען די פאַרשידענע שטרעמונגען אין דער אַרבעטערשאַפט, די אידעישע געראַנגלען, און באַזונדערס — דאָ איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם פאַרשאַרפטן אָפענעם קאַמף צווישן די פאַרשידענע ריכטונגען אויף דער יידישער אַרבעטער גאַס. בערלין איז צו יענער צייט געוואָרן אַ צענטער פאַר יידישע פּאָליטיקער, פאַר יידישע שריפטשטעלער און קינסטלער. כסדרדיקע דיסקוסיעס, רעפעראַטן און שמועסן מיט אַקטיווע טוער האָבן געשלייפט חיימס מוח, און ער איז געקומען אין ארץ־ישראל ווי אַ רייפער פּאָליטישער מאַן. עס האָט אים אָפּגעגאָלטן און ער איז אַריינגעצויגן

געוואָרן אין דער גרופּע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אויפשטעלן דעם יידישן אָרגאַן „נייוועלט״ אין לאַנד. אין פלוג איז חיים טורנער געווען אַ זעצער. אייגנטלעך איז ער אין דעם פאַל געווען אויך דער דרוקער, דער ספּעציאַליסט. אין עצם אָבער, איז ער געווען אַ סך מער ווי דאָס. ער האָט געהאַט אַ דירעקטע השפּעה אויף דעם כאַראַקטער און אויסזען פון „נייוועלט״.

די נאָענטסטע דירעקטע מיטאַרבעטער פון דער צייטונג, סיי אַלס שרייבער און סיי אַלס רעדאַקטאָרן, זענען געווען דער שרייבער פון די שורות און דניאל לייבל (אלכסנדר). די רעדאַקציע און די דרוקעריי האָבן זיך געפונען אין רמת־גן אין אונדזערע קאָאָפּעראַטיווע הייזער. טורנער און חבר יצחק לעוו, וואָס איז געווען דער דרוקער, האָבן געוווינט דאָרט טאַקע אויפן אָרט. די צוויי רעדאַקטאָרן — אין תל־אביב. אַ פּאָר מאָל אין וואָך האָבן מיר געמוזט זיין אין דער דרוקעריי ביז שפּעט אין דער נאַכט ביים שטעלן די צייטונג און ביים דרוקן זי. מיר זענען געווען אויך די קאָרעקטאָרן.

איך פלעג זיך זייער אָפט מיישב זיין מיט טורנערן וועגן מיינע אַרטיקלען. סיי בנוגע זייער אינהאַלט און סיי בנוגע דער פאָרם, דעם סטיל, באַשטימטע אויסדרוקן.

איך האָב געהאַט צוטרוי צו זיין אינטעליגענץ, צו זיין לאָגיק און געשמאַק. ער פלעגט זיך נישט קרעמפּירן און אָפן זאָגן זיין מיינונג, באַגרינדנדיק זי אויף זיין שטייגער. זיין געדאַנק האָט געהאַט וואָג. זיין אַרגומענטאַציע — געוויכט.

טורנער האָט געהאַט אַ חוש פאַר שרייבן גוט. ער האָט אַליין אָנגעשריבן עטלעכע בעלעטריסטישע זאַכן, וואָס האָבן אַ ליטעראַרישן ווערט. ער האָט אַ סך געלייענט און איז געווען באַהאַוונט אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. דאָס וואָס ער איז לאַנגע יאָרן געווען אַן אינסטרוקטאָר באַ דער יוגנט האָט געווירקט אויף זיין כאַראַקטער און התנהגות. ער האָט זיך נישט געכעסט, נישט געצאָרנט און נישט געשטור־רעמט, נאָר אַלץ געפּרוווט באַטראַכטן רויִק, לאָגיק און לאָגיש דערליידיקן. זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען זענען געווען גוט פאַרטראַכט און אויס־געפירט.

טורנער איז געווען אַ גוטער רעדנער, הגם ער האָט נישט געהאַט

קיין שטאַרקן חשק אַרויסצוטרעטן אין דער עפנטלעכקייט. ער האָט שטענדיק געהאַלטן, אַז ער איז נישט גענוג צוגעגרייט און אַנדערע וועלן עס מאַכן בעסער פון אים.

מיר האָבן אים אַרויסגעשטעלט אַלס ערשטן קאַנדידאַט אויף אונדזער רשימה צו די שטאָטראַט־וואַלן אין רמת־גן. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער ראַטמאַן, וואָס האָט גיך געוווּנען דעם צוטרוי פון דער ברייטער באַפעלקערונג. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט איר טאָג־טעגלעכקייט און אָנפשרותדיק אָנגעגריפן די קרומקייטן פון דער באַהאַנדלונג פון די אומפּאַרמעגלעכע שיכטן דורך די שטאָט־טאַטעס.

ער האָט געהאַט אַ גוטע השפּעה אויף זיינע קינדער און זיינע זון און טאָכטער, מיט די אייניקלעך, זענען עד היום פון די בויער פון משמר הנגב, נאָכדעם, ווי מ׳האָט אויסגעהאַלטן דעם נסיון און געבליבן אויף דעם פּאָסטן אין די שווערע ביטערע טעג פון פאַרפעסטיקן זיך.

אַלע זיינע יאָרן, אין אַלע לענדער, ווו חיים טורנער האָט געווירקט אין דער פּאַרטיי האָט מען זיך צו אים באַצויגן מיט אַכטונג און געוווּסט ווי צו שעצן.

מרדכי ביטערמאַן

אונדזער אָרגאַניזאַציע אין פּתח־תקוה האָט זיך מיט רעכט געציילט צווישן די פעסטע, אויסגעהאַלטענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס לינקע פּועלי ציון האָט פאַרמאָגט אין לאַנד. אין אַ געוויסער מאָס איז דאָ געווען אַ טראַ־דיציע פון אַמאָליקע יאָרן, אָבער נאָך מער איז עס געווען צו פאַרדאַנקען אַ גרופּע טוער, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן דער פּאַרטיי־טעטיקייט מיט לייב און לעבן, אַריינגעדרונגען אין דער געדיכטעניש פון דער מאַסע און גע־שטאַנען טריי אויף דער וואַך פון אירע אינטערעסן, נישט שפּאָרנדיק קיין כוחות און אָנשטרענגונגען זיי צו פאַרטיידיקן און באַפרידיקן. אין דער דאָזיקער גרופּע האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער יונגער רירעוודיקער מרדכי ביטערמאַן.

איך האָב אים תמיד באַטראַכט ווי אַן אידעאַלן טיפּ פון אַ פּראָלע־טאַרישן טוער. דאָס איז זיין ציל אין לעבן — דער קאַמף פאַר די אַרבע־טער־אינטערעסן. צוליב דעם עקזיסטירט ער. ער ווייסט שטענדיק, צו יעדער צייט און ביי אַלע אומשטענדן, וווהין ער גייט און וואָס ער האָט צו טאָן. קוקנדיק אויף אים, האָט מיך געוויינטלעך באַהערשט דער געדאַנק: אָט אַזאַ דאַרף זיין אַ פּראָלעטאַרישער טוער: ערלעך, טריי, פעסט, גרייט נאָכאַנאַנד צו קעמפן פאַר פּרינציפּן און איז נישט מזלזל קלייניקייטן. ער רופט זיך אָפּ אויף אַקטועליטעטן און זעט, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. לויט דעם ווייסט ער צו דערליידיקן אויך די ברענענדיקע פראַגן.

איך האָב אייגנטלעך נישט געוווּסט זיין אָפּשטאַם און ווי ווייט ער איז געגאַנגען אין פּרט פון בילדונג. איך האָב אָבער אין זיין עצם דערשיינען געשפּירט, אַז ער שטאַמט פון האַרעפּאַשניקעס און געהערט צו דער פאַמיליע, וואָס איז שטאַרק אויף איר ראָל אין לעבן.

ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין פאַרריסנקייט, אָבער ער איז געבענטשט געווען מיט פּערזענלעכן זעלבסטבאַוווסטזיין, און נאָך מער — מיט קלאַסן־באַוווסטזיין. ער האָט געוווּסט דעם ווערט פון זיין קלאַס אין פאָלק און

אין לאַנד, אין דער אַנטוויקלונג פון דער נייער געזעלשאַפט, וואָס מיר גייען דאָ אויפשטעלן.

ער האָט געוואַכט אומדערמידלעך איבער די אינטערעסן פונעם אַר־בעטער, ווייל ער האָט געוווּסט אַז דערפון הענגט אָפּ דער גורל פון גאַנצן ישוב, פון דער מדינה.

ער האָט אָרגאַניש מיטגעלעבט דאָס לעבן פון זיין אַרבעטער־סביבה — האָט ער נאַטירלעכערהייט געוווּסט, וואָס דעם אַרבעטער איז נייטיק און וואָס ער פאַרלאַנגט. ער איז געווען אויסגעבונדן מיט דעם אָרום, נישט צוגעקוקט זיך פון ווייטן, ווי אַ זייטיקער, נאָר געווען איינגעטונקען אין יענעם קאָך־קעסל פון דער יוירנדיקער און ברויזנדיקער ווירקלעכקייט פונעם אַרבעטנדיקן פאָלק. ער האָט אַליין פאַרזוכט דעם טעם פון מאַטע־ריעלער נויט, ער האָט גוט געקענט פון אייגענער דערפאַרונג, וואָס מיינט גייסטיקע געדריקטקייט און האָט זיך געשטעלט אין דער דער ערשטער ריי אויפן פראָנט פון קאַמף פאַר ענדערן נעגאַטיווע פאַקטן און אָפּשאַפן גבאישע תקיפות.

איך האָב אים נישט איין מאָל געזען, ווען ער איז אויפגעטרעטן צו פאַרטיידיקן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער און באַשיצן זייערע רעכט. איך האָב זיך איינגעקוקט אין זיין פנים, אין זיינע זשעסטן און באַווע־גונגען, אין זיין בליק, און איך האָב געזען בחוש, ווי טריי ביטערמאַן איז צו די, וואָס האָבן אים אָנגעטרויט די שליחות, מחמת אין עצם האָט ער אַליין זיך אויסגעוויילט די שליחות, געווען דורכגענומען מיטן פּראָבלעם און אים נישט אָפּגעלאָזט ביז ער האָט נישט געפונען די געהעריקע לעזונג. ביז דאַן האָט ער נישט געקאָנט רוען אַ מינוט.

ביטערמאַן איז טאָג ווי נאַכט געווען פאַרנומען מיט ענינים פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. דער אמת אָבער איז, אַז ביי אים איז עס נישט געווען קיין קורצזיכטיקער פּראָפעסיאָנאַליזם. ער איז געווען — אַ פּאָליטישער מענטש, אַן אויסגעשפּראָכענער קעמפער. לגבי אים איז דער קאַמף פאַר פּראָפעסיאָנעלע פאָדערונגען געווען געקניפּט און געבונדן מיטן פּאָליטישן קאַמף, וואָס באַנוגנט זיך נישט מיט די מאָמענט־באַדערפענישן, נאָר האָט אין אויג די נויטיקייט צו ענדערן די געזעלשאַפט אין אירע יסודות.

מרדכי איז דערצויגן געוואָרן אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג און איר

איז ער געבליבן טריי זיין גאַנץ לעבן. פון איר האָט ער איבערגענומען די אינסטרואירנדיקע און דערציערישע ליניע, און ביי דעם ליכט פון זיין יוגנט־לערע איז אים געראָטן צו דערלערנען און דערקענען דיווירקלעכקייט אין אַלע אירע גלגולים און נישט ווערן צעטומלט צוליב אירע משונהדיקע שפּיצלעך און פאַרקריפּלונגען.

ער איז געווען אַ חבר. אומגערן און נישט טראַכטנדיק וועגן דעם האָט ביטערמאַן דעמאָנסטרירט דורך זיין פּערזענלעכקייט און אויפפירונג, וואָס עס מיינט דער באַגריף חבר. האָט ער אָנגעטראָפן אַן אַרבעטער, וואָס האָט זיך געגוויטיקט אין הילף, האָט ביטערמאַן נישט אַריינגעקוקט אין זיין פּאַרטיי־ביכל. ער איז צו אים צוגעגאַנגען און אים באַהאַנדלט, ווי אַ ברודער אין נויט, ווי אַ חבר אין געראַנגל; דערביי האָט ער נאַטירלעך שטאַרק חשק געהאַט צו געווינען אים, ווי אַ חבר צו דער אידעע.

ביטערמאַן איז געווען אויסגעבונדן אין זיין סביבה. די אַרבעטער זענען אים נישט געווען פרעמד, וואָס נאָר אין אַ צרה קריכט אַרויס דאָס געמיינזאַמע פאַר זיי אַלע; אדרבא, די אַרבעטער זענען אייגנטלעך געווען זיין נאַטירלעכע סביבה, אין וועלכער ער האָט זיך אויסגעלעבט, וועמענס ווייטאָקן ער האָט געווייטיקט און פאַר וועמעס רעכט ער האָט געקעמפט.

זיינע חברים ווי זיינע באַקאַנטע האָבן עס געוווּסט און דערפאַר האָבן זיי אים ליב געהאַט ווי אַ ברודער, ווי אַ חבר, ווי אַ מאַן, וואָס איז אינגאַנצן דער סימבאָל פון אמת.

ער האָט נישט גענוצט קיין עלנבויגן כדי אַרויפצושטופּן זיך צום אויבן־אָן. פאַרקערט, ס'האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, ווי די אַרבעטער אַליין האָבן געמאַכט פאַר אים אַ וואַרע און אָפּגערייניקט דעם וועג צו דער ערשטער שורה, ווייל זיי האָבן מיטן געזונטן אינסטינקט דערשפּירט, אַז דאָרט איז ביטערמאַנס פּלאַץ. זיי האָבן אַרויסגעפילט, אַז ביטערמאַן איז ראוי און דעריבער איז ער מחויב צו שטיין אין דער שפּיץ. ער איז נישט געשטאַנען, נאָר געשפּאַנט. געפירט נאָך זיך די חברים. נישט קיין פאָל־געוודיקן המון, נאָר אַן אָרגאַניזירטע מחנה פון דיסציפּלינירטע קעמפער. ער איז ווי געבוירן צו זיין אַ חלוץ, וואָס שפּאַנט פאַר דער מחנה. זיין חלום איז געווען, דער שטאַרקסטער פאַרלאַנג, אַז די מחנה זאָל זיך נישט צוריקציען און אָפּטרעטן, נאָר, דורכגענומען מיטן קלאַסן און נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין, אים נאָכפאָלגן און שפּאַנען פאָרויס צו דעם ציל פון זיין לעבן.

אַן דער מחנה האָט נישט דער מנהיג קיין ווערט. אַז ווייל איז דעם מנהיג, צו וועמען די מחנה האָט צוטרוי. ס'איז נישט געווען קיין בלינדער צוטרוי. די חברים האָבן געקענט ביטערמאַנען, ווי אַ זייעריקן, געקענט אים דורך און דורך, זיין איבערגעגעבנקייט און טריישאַפט, צו דעם ציל און צו דעם וועג, און נאָר דערפאַר האָבן זיי אים געפאָלגט און זיך געצויגן צו אים.

מרדכי ביטערמאַן איז געווען דער אויסדערווייילטער פון דער מחנה. איך ווייס נישט, צי זענען ווען פאָרגעקומען וואַלן און אַן אָפּשטימונג. אָבער ביטערמאַן איז אָן ספק געווען דער האַרץ־אויסדערווייילטער פון אַלע חברים.

מיר האָבן עס געזען מערערע מאָל אין זיין לעבן.

אָט די באַציונג צו ביטערמאַנען האָבן דעמאָנסטרירט די חברים אויך בעת ער איז נסתלק געוואָרן. צו דער לויה האָבן זיך געצויגן די אַרבעטער צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס גלייך פון דער אַרבעט. זיי האָבן נישט באַוויזן צו בייטן די אַרבעטס־קליידער, זיי האָבן נישט געפילט קיין נויטיקייט דאָס צו טאָן. זיי זענען דאָך געקומען באַגלייטן צום לעצטן וועג אַן אַרבעטס־מאַן. זיי האָבן אים דערקענט בשעת דער אַרבעט; מיט אים האָבן זיי געשמועסט און זיך מתווכח געווען בנוגע אַרבעטס־אָנגעלעגנהייטן. ער וועט זיי פעלן אינעם געראַנגל פאַר די באַדינגונגען פון אַרבעט.

דער טרויער האָט זיי געפאַקט ביי דער אַרבעט אין די וואַרשטאַטן און פאַבריקן, ווען זיי האָבן פלוצים דערפילט אַ פוסטן, ליידיקן חלל אויף דעם אָרט, ווו ס'האָט זיך תמיד געפונען מרדכי ביטערמאַן.

זענען פון די אויגן גערונען טרערן נאָך דעם, וואָס איז אַוועקגענומען געוואָרן.

אים וועט מען נישט פאַרגעסן. אים וועט מען געדענקען.

געווען אַ טרייער, ערלעכער פּראָלעטאַרישער קעמפער. — מרדכי ביטערמאַן!

דוד פרידמאַן

אין פּאַריז זענען אין פאַרשידענע תקופות טעטיק געווען און געווירקט חברים פון פאַרשידענעם גייסטיקן קאַליבער און השפּעה. אָבער מיר שטייט די לעצטע יאָרן פאַר די אויגן די געשטאַלט פון דוד פרידמאַן. לויטן אויסערלעכן אויסזען, אַ חלוש, אַ מאַגערער מענטש, וואָס צייכנט זיך נישט אויס מיט באַזונדערער פיזישער קראַפט. האָט ער, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, פאַרמאָגט אומגעהויערע מאָראַלישע, גייסטיקע קראַפט. וואָס איז אים בייגעשטאַנען גראָד אין די ביטערע צייטן פון נאַצישער אָקופּאַציע, ווען איבער פּאַריז האָט זיך אויסגעשפּרייט די נאַצישע הערשאַפט.

אינזשיניער דוד פרידמאַן האָט געשטאַמט פון פּוילן און איז אויסגע־וואַקסן אין לאָדזש אין אַ פאַרמעגלעכער משפּחה, וועלכע איז געבראָכן געוואָרן שפּעטער. ער האָט שטודירט לכתחילה אין וואַרשע, אָבער געענדיקט זיין שטודיום האָט ער אין פראַנקרייך אַלס אינזשיניער פון עלעקטריציטעט. זיין ספּעציאַליטעט איז געווען באַם בויען עלעקטרישע דאַמבעס.

נאָך אין וואַרשע האָט ער מיטגעאַרבעט מיט אונדזערע אַקאַדעמישע קרייזן און אין פּאַריז האָט ער גיך פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין פּאַרטיי־אָנפירונג.

נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָב איך באַזוכט פראַנקרייך מערערע מאָל, און איך געדענק גוט מיינע באַגעגענישן מיט חברים. צווישן זיי געדענקט זיך מיר אויסגעצייכנט דוד פרידמאַן, מיט וועמען מיר האָבן פאַרבראַכט לענגערע שעהן אין שמועסן וועגן דער פּאַרטיי אין פראַנקרייך און אויך וועגן דער באַוועגונג אין דער וועלט. ער האָט געהאַט אינטערעס פאַר אַלע פראַגן און דיסקוסיעס, וואָס זענען אָנגעגאַנגען אין דער באַוועגונג. ער האָט פאַרמאָגט אינטערעס פאַר טעאָריע און נישט ווינציקער — פאַר דער פּראַקטיק פון דער אָרגאַניזאַציע. מיט זיין אַרבעט־זאַמקייט און פּינקטלעכקייט באַם אויספירן אויפגאַבעס האָט ער געקענט

דינען ווי אַ מוסטער פאַר אַנדערע חברים. ער האָט זיך נישט געיאָגט נאָך עפּאָלעטן און כיבודים. אָבער זיין טעטיקייט האָט אים אַרויסגעהויבן און אויסגעשיילט פון אַנדערע טוער. אויף אים און זיינע פאַרפליכטונגען האָט מען געקאָנט בויען.

ער האָט פאַרטראָטן די אָרגאַניזאַציע אין אַ רייע אינסטיטוציעס. כ׳דערמאָן זיך זיין אָנטייל אין „ליקא״, דער ליגע פאַר קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. מיט בערנאַרד לעקאַש, וואָס איז געשטאַנען בראש פון דער „ליקא״, האָב איך זיך געהאַט געטראָפן אין פוילן בעת זיינעם אַ באַזוך, און מיר האָבן זיך באַפריינדעט. יעדעס מאָל, וואָס איך האָב באַזוכט פּאַריז, האָב איך זיך צונויפגעטראָפן מיט אים און מיט אַנדערע פאָרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע. דוד פלעגט געוויינלעך וואָרענען, נישט צו פיל טרויען די „ליקא״ניקעס אין זייער אינטערעס פאַר דער קאַרדינאַלער לעזונג פון דער יידנפראַגע. זיי זענען טאַקע גרייט ערלעך און ערנסט צו קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם, האָט ער געהאַלטן, אָבער אין תוך זענען זיי אַסימילאַטאָרן און זיי וואָלטן געוואָלט פטור ווערן פון דער יידנפראַגע. זיי באַנעמען זי נישט אין איר טיפן היסטאָרישן, כ׳וואָלט זאָגן: מאַרקסיסטישן מהות.

אין יאָר 1937 באַטייליקט זיך דוד אין צוגרייטן דעם אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס. ער ווערט אויך געוויילט אין דער פאַרוואַלטונג אַלס פאָרשטייער פון פּועלי־ציון אונטערן נאָמען גאַרין. כאַראַקטעריסטיש איז זיין אַרויסטרעט אויפן קאָנגרעס, ווען ער וואָרפט־פאָר אַלגינען, פאַרוואָס אין זיין רעדע האָט ער קיין איין מאָל נישט באַנוצט דעם אויסדרוק יידישע נאַציע. ער שטרייכט אונטער די אַלוועלטלעכקייט און די איינהייטלעכקייט פונעם יידישן פאָלק. אינטערעסירט אים קנאַפּ דער וויכוח יידיש־העברעיש. ער וויל האָבן אַ גאַנץ נאָרמאַל פאָלק אויף אייגענער טעריטאָריע, — וועט ממילא געלעזט ווערן אויך די פראַגע פון זיין שפּראַך.

ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער צוליב זיין פיזישן פעלער (ער איז געווען אַ לאָמער) נישט מאָביליזירט געוואָרן. ער האָט געקראָגן באַשעפטיקונג אין אַ גרויסער עלעקטריציטעט פאַבריק. ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו פּאַריז, איז דוד פרידמאַן צוזאַמען מיט דער פאַבריק אַריבערגעפירט געוואָרן קיין מאַנדאַר אין דעם ראַיאָן

פון ווישי. האָט ער פון דאָרטן ווייטער אָנגעפירט מיט דער אַרבעט און זיך אָפט געטראָפן מיט חברים. אַ יאָר שפּעטער איז די פאַבריק אַריבערגעפירט געוואָרן קיין ליאָן. אין דער געגנט זענען צו יענער צייט געווען קאָנצענטרירט אַ גרעסערע צאָל יידישע פּליטים און די טעטיקייט צווישן זיי איז געפירט געוואָרן אומאונטערבראָכן. דודן איז געגאַנגען אויפצוהאַלטן באַ די יידן דעם גייסט פון ווידערשטאַנד, גע־קעמפט מיט אַלע כוחות קעגן דער בהלה און פּאַניק, וואָס האָט אַרומ־געכאַפּט באַדייטנדיקע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג. האָט ער גאַנץ אָפט אָרגאַניזירט צוזאַמענטרעפונגען, ווו ער און אַנדערע חברים האָבן רעפערירט וועגן דער לאַגע און געבראַכט ביישפּילן פון דער גע־שיכטע, וואָס האָבן געזאָלט איבערצייגן, אַז סוף נאַציזם צו שענדלעכער מפּלה.

פּסח 1942 האָט דוד נאָך צונויפגערופן קיין ליאָן אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ, וווהין עס זענען געקומען שליחים פון אַנדערע טיילן פון פראַנקרייך. צו דער קאָנפערענץ איז געקומען פון פּאַריז ספּעציעל די חברטע יהודית טאָפּטשע. דוד וואַכט איבער אַלץ. אפילו, אַז עס ווערן באַשטימט אַנדערע חברים צו דער געוויסער אַרבעט, פאַרלאָזט זיך נישט דוד אויף זייער פּינקטלעכקייט, וויסנדיק, אַז יענע חברים היטן נישט אָפּ איבעריקס זייער אויפגאַבע און ער קומט אַליין „הגם נישט גערופן, דאָך אַליין געקומען״. צופעליק פלעגט טרעפן, אַז זיין קומען איז טאַקע געווען בויטיק.

אַזוי גיט מען איבער ,אַז דעם 9־טן פעברואַר האָט דוד נישט געזאָלט זיין אינעם לאָקאַל פון דער פעדעראַציע.

אָבער ער האָט געוווּסט, אַז אין דעם טאָג וועלן זיך צונויפקומען די נויטבאַדערפטיקע שליחים פון פאַרשידענע ראַיאָן־קאָמיטעטן צו דער־ליידיקן דרינגענדיקע ענינים.

און די קאַטאַסטראָפע איז געקומען. די דייטשן האָבן שוין געפּילט דעם טעם פון די מפּלות, און זיי האָבן פאַרשאַרפט זייערע אונטערדריקונגס מעטאָדן. האָבן זיי זיך פאַרלייגט אויף דעם לאָקאַל פון דער פעדעראַציע אין ליאָן. דוד איז געשטאַנען בראש פון דעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד אין יענעם ראַיאָן. איז ער געקומען צו אויפנעמען די פאָדערונגען פון די, וואָס האָבן געזוכט הילף און זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן ביז די שליחים פון קאָמיטעט וועלן קומען צו זיי אין זייערע באַהעלטענישן.

ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פֿאַלן, האָבן די נאַציס געלאָזט פֿריי אַריינקומען ווער ס'האָט נאָר געוואָלט, אָבער צוריק אַרויס איז שוין קיינער נישט. בלויז אַ דריי חברים איז געלונגען אַרויסצורייסן זיך פֿון דער באַלאַגערונג, און פֿון זיי האָט מען זיך דערוווּסט וועגן דעם אומגליק.

דוד פֿרידמאַן האָט זיך נישט פֿאַרלאָרן, נאָר מוטיק געשטאַנען בראש די אַלע פֿאַרכאַפּטע און געשפּאַנט אין זייער שפּיץ, געשמידט אין קייטן, צום אומקום.

ער האָט פֿאַרענדיקט זיין קורצן לעבן אין אוישוויץ.

געבליבן נאָך אים זענען פֿאַרטרויערטע חברים, זיין פֿרוי, בלומטשע, און אַ טעכטערל, וואָס איז געבוירן געוואָרן געציילטע חדשים נאָך זיין אַוועקגיין.

דוד טאַבאַטשניק

איך ווייס, אַז ס'איז נישט דער ריכטיקער איינדרוק, אָבער יעדעס מאָל, וואָס איך טראַכט וועגן חבר דוד טאַבאַטשניק, איז דער נאָמען אין מיין פאָרשטעלונג פאַרבונדן מיטן נאָמען פתח־תקוה. נישט סתם דערפאַר, וואָס זינט יאָרצענדליקער איז ער אַ דאָרטיקער תושב און לאַנגע יאָרן זינט זי איז געוואָרן אַ מוניציפּאַליטעט, פאַרנעמט ער אַ גאָר בכבודיקן אָרט אין דער מוניציפּאַלער אָנפירערשאַפט.

געוויס — דאָס אויך. אָבער דער עיקר איז, ווייס איך, אַז פּועלי־ציון אין פתח־תקוה זענען אויפגעבויט געוואָרן, זיך פאַרוואָרצלט אין דער דאָר־טיקער סביבה און זענען דאָס, וואָס זיי זענען אַ דאַנק דער ענערגישער דינאַמישער טעטיקייט פון דוד טאַבאַטשניק.

כ'קען נישט אין דער פּאַרטיי אַ צווייטן, וואָס זאָל אַריינגעבן זיין גאַנצע דם התמצית אין אויפהיטן, פלעגן און אַנטוויקלען אַ פּועלי־ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל, ווי דוד.

צענדליקער יאָרן האָבן די פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל געהאַט שטור־מישע און זיי האָבן קיין מאָל נישט געפירט זייער שיף אויף רויקע וואַ־סערן — שפּאַלטונגען און פאַראייניקונגען, שמעלערע, ענגערע, ברייטערע, חברים האָבן געביטן פּאָזיציעס, אָפּגעפאַלן, צוגעשטאַנען, איבערגעלאָפן — פתח־תקוה איז ביי אַלע ענדערונגען און דערשיטערונגען געבליבן די פּועלי־ציוניסטישע פעסטונג, נישט צו רירן זי פון אָרט. עס זענען געמאַכט געוואָרן כסדר פּרוּוון: אָרגאַניזאַציאָנעלע, דורך כלומרשט צו געבן הילף, אַריינשיקן פאַרשטאַרקונג, וואָס האָט אין לעצטן סך הכל געזאָלט אָפּשאַפן די השפעה פונעם פּוע"צ פאַקטאָר. עס האָט נישט געראָטן. עס האָבן מיט ליבע, זאָרג און מסירת נפש געוואַכט איבער דער מויער דוד און זיינע נאָענטע טרייע מיטאַרבעטער.

דאָס האָט געמיינט וואָך זיין לגבי די אינטערעסן פון די אַרבעטער, פון דעם כלל און פון דעם יחיד. געווינען און אָנהאַלטן דעם צוטרוי און גלויבן פון די ברייטסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

איך שעם זיך נישט צו זאָגן, אַז פאַר מיר איז עס דער גרעסטער שבח, וואָס כ׳קאָן אונטערטראָגן דוד טאַבאַטשניקן.

איך זע אין אים שטענדיק דעם פלאַם־פייערדיקן פּאָליטישן קעמפּער, וואָס נוצט אויס יעדע געלעגנהייט און יעטוועדע פּאָזיציע כדי צו רעאַליזירן די פּרינציפּן פון זיין סאָציאַליסטישן ציוניזם.

דוד איז מערערע מאָל דערשינען אין חוץ לארץ ווי דער שליח פון ארץ־ישראל. נישט וויכטיק, צי איז ער דעמאָלט געווען אַן אָפיציעלער שליח פון אַן אָרגאַניזאַציע, צי איינגעלאַדן דורך אונדזערע חברים צו אַ באַזוך, סיי ווי — דוד האָט זיך תמיד באַטראַכט פּאַקטיש ווי אַ שליח, וואָס טראָגט אַחריות פאַר זיין וואָרט און טאַט, פאַר זיין אויפטריט און התנהגות.

ער האָט געהאַט צו יעדער צייט אַ באַדייטנדיקע וואָגיקע לאַדונג פון ארץ־ישראל, ער האָט געהאַט וואָס צו דערציילן, דווקא מיט וואָס צו מאַניפעסטירן די רעוואָלוציע אינעם יידישן לעבן, ווי זי ווערט רעאַליזירט אין גרויסע און קליינע זאַכן אין יידישן לאַנד.

תיכף נאָך דער באַפרייונג האָט דוד טאַבאַטשניק אונטערגענומען אַ ביז גאָר אַחריותדיקע אָבער אויך שווערע שליחות אין אייראָפּע כדי זיך דאָרט צו טרעפן מיט דער שארית־הפליטה און מיטהעלפן ביי דער עליה ב׳, וואָס האָט זיך דאַן געהאַלטן אין אָרגאַניזירן אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב. ער איז דאַן פון לאַנד אַפּגעשוווּמען אומלעגאַלערהייט מיט אַ פּאַס אויפן נאָמען דוד פעפער און אונטער דעם דאָזיקן נאָמען איז ער טעטיק געווען אַ לענ־גערע צייט אין מערב־אייראָפּע, דער עיקר אין בעלגיע און אויך אין פראַנקרייך. פון יענע צייטן שטאַמען זיינע ענגע חברישע פאַרבינדונגען מיט די דאָרטיקע פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציעס און חברים, וואָס האָבן אים נאָענט געזען בעת דער אַרבעט און געהעריק אָפּגעשאַצט זיין אייפער, זיין אַרבעטסזאַמקייט און איבערגעגעבנקייט.

מ׳האָט אים געהערט און מ׳האָט אים געגלייבט. ער האָט נישט גענוצט קיין פּוסטע מליצה און שיין־רעדעריי. זיין כוח איז באַשטאַנען אין די פאַקטן, אין לעבעדיקעביישפּילן, וואָס ער האָט געזייט מיט אַ ברייטער האַנט.

זינט דאַן האָט דוד מערערע מאָל באַזוכט די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אין די יידישע ישובים אין מערב־אייראָפּע, געווען אויך אין די דרום און

צפון אַמעריקאַנער לענדער און אומעטום טעטיק געווען צווישן חברים, אַנטייל גענומען אויף באַראַטונגען, פאַרזאַמלונגען, קאָנפערענצן, אויפגעטרעטן מיט רעפעראַטן און אויף מאַסן־מיטינגען. נישט בחינם שפילט ער אַ וויכטיקע ראָל ביי דער אָנפירונג פון דעם וועלט־פאַרבאַנד אחדות העבודה פועלי־ציון, וואָס זיין עיקר אויפגאַבע איז אויפצוהאַלטן די באַציונגען מיט די שוועסטער־פּאַרטייען אין חוץ־לארץ און קאָנצענטרירן זייער טעטיקייט אין וועלט־מאַסשטאַב.

איך האָב באַזוכט לענדער, ווו דוד איז געווען און אויפגעטראַטן. דער רושם פון זיינע באַזוכן און די ווירקונג איז נישט אָפּצושאַצן.

און נישט נאָר באַ יידן.

דוד טאַבאַטשניק איז געווען דער גאַסט פון די סקאַנדינאַווישע לענדער, און צוליב זיין מוניציפּאַלן אַמט, אויפגענומען געוואָרן דורך גאָר חשובע פּאָליטישע אינסטיטוציעס און פּערזענלעכקייטן, האָט ער צו פאַרשרייבן אויף זיין חשבון ערשטקלאַסיקע געווינסן פון פריינט פאַר אונדזער ווערק.

מיר האָבן זיי געזען באַ זייערע באַזוך דאָ אין לאַנד און באַוווּנדערן דודס דערגרייכונגען אויף אָט דעם געביט.

כ'וועל נישט פאַרגעסן אונדזער טויזנט־קעפּיקן פּועלי־ציון כינוס באַ באַראַכאָווס קבר אין „אהלו", אָרגאַניזירט דורך חיים בראַנד.

צו יענער גראַנדיעזער מאַניפעסטאַציע פון פּועלי־ציון אַכטונג און פּיעטעט צו זייער פאַרשטאָרבענעם לערער האָט דוד געבראַכט זיינעם אַ גאַסט פון שוועדן, וואָס האָט אויך געזאָגט זיינע ריירנדיקע ווערטער אויפן כינוס.

אַזעלכע געלעגנהייטן האָט דוד נישט איין מאָל אויסגענוצט. דערפאַר — אַן אמתער יישר כוח.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז זיין טעטיקייט אויפן מוניציפּאַלן געביט. שוין יאָרן ווי ער איז וויצע בירגערמייסטער פון פּתח־תקוה און האָט אויפן דאָזיקן אַמט צו פאַרצייכענען גאָר באַדייטנדיקע דערגרייכונגען, וואָס די איינוווינער פון זיין שטאָט ווייסן ווי געהעריק אָפּצושאַצן.

דוד איז אַ זעלטענער מכניס אורח. גליקט־אָפּ עמעצן פון אויסלענדישע באַזוכער אַריינצופאַלן אין דודס הענט, מעג מען אים מקנא זיין. ער וועט זען דאָס לאַנד און באַקענען זיך פון נאָענט מיט אונדזער ווערק. הונדערט פּראָצענט! דוד שפּאָרט נישט קיין צייט און מי, קומט־צו אין יעדן וויכ־

טיקן פונקט, און דער גאַסט פאָרט אַוועק אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס, אַז ער וועט זיך שוין רייסן צו אַ צווייטן באַזוך.

דוד טאַבאַטשניק ווייזט אַרויס די גאַנצע צייט אַ געהעריקן אינטערעס און אויפריכטיקע פאַרשטענדעניש פאַרן פּראָבלעם פון יידיש־אַראַבישע באַציִונגען. פאַר אים איז עס נישט אַבסטראַקטע טעאָריע. איך בין מיט אים געווען אַ פאָר מאָל בײַ זיינע צוזאַמענטרעפן מיט אַראַבישע חברים און איך האָב געוווּנען צו אים נאָך דרך־ארץ און אַכטונג. ער ווייסט ווי צו האַלטן זיך מיט זיי, ווי אַ גלייכער מיט גלייכע, ער ווייסט, ווי צו ראַנגלען זיך פאַר זייערע רעאַלע רעכט אין הסתדרות גופא.

איך האָב דודן דערקענט נאָך אַ גאָר יונגן בחור מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע, בעת איך פלעג זייער אָפט באַזוכן פתח־תקוה מיט רעפעראַטן איבער פּאָליטישע און ליטעראַטור־טעמעס אין עברית און אין יידיש.

דוד איז אין דער אַרבעט אויסגעוואַקסן, זיין קאָפּ איז ווייס, אָבער אין די אויגן איז דער זעלבער ברען. עס שפּאַרט פון אים ענערגיע און ער איז פול מיט איניציאַטיוו־פּלענער.

ער וויל זען אַ שטאַרקע געאייניקטע אַרבעטערשאַפט, וואָס זאָל מיט פעסטער האַנט דורכפירן איר פּאָליטיק אין לאַנד.

ליידער איז דער וועג פול מיט אַנטוישונגען, אויף וויפל עס פעלט דער באַוווּסטזיין אין דער אומפאַרמיידלעכקייט פון אַזאַ פּראָלעטאַריש־ציר־ניסטישן גאַנג.

חיים לייב פוקאַטש

מיט אַ 35 יאָר צוריק האָב איך זיך „אָנגעזעצט" אויף דעם חבר חיים לייב פוקאַטש ער זאָל שרייבן וועגן די ערשטע יאָרן פון דער פועלי־ציון באַוועגונג אין פוילן. איך האָב געוווּסט, אַז ער געהערט צו די ראשונים און אַז ער האָט פאַרזוכט דעם ספּעציפישן טעם פון ערשטקייט. ס'איז מיר דעמאָלט נישט איינגעפאַלן, אַז ווען עס איז וועט זיך „אָנזעצן" עמעצער אויף מיר, איך זאָל שרייבן זכרונות וועגן פוקאַטשן, ווי וועגן אַ שוכן עפר.

איך געדענק אים גוט. ער איז געווען פול אָנגעלאָדן מיט לעבן, אָנגעזאַפּט מיט אַקטיוויטעט. און אויב ער האָט געליטן, ווי מיר שיינט, פון געוויסע פיזישע מיחושים, איז עס אָבער בשום אופן נישט געווען צו דערקענען אויף אים און צו פילן עס אין דער גייסטיקער אַרבעט זיינער, אין זיין ברויזנדיקער טעטיקייט אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט.

ח. ל. פוקאַטש האָט ווירקלעך געהערט צו די ערשטע פועלי־ציון אין פוילן. וועגן דעם האָט ער אַליין דערציילט אין דעם „אַרבעטער פנקס", וואָס כ'האָב אַרויסגעגעבן אין יאָר 1926 אין וואַרשע. זיין טעטיקייט איז אָבער געווען באַזונדערס פאַרבונדן מיט דעם ראַיאָן שערפּץ־ריפּין. נאַטירלעך ווייס איך נישט קיין פּרטים וועגן זיין אַרבעט די ערשטע יאָרן, ווען פוילן איז נישט געווען אין דער ראַם פון מיין פּאַרטיי־טעטיקייט. אָבער זינט מיין באַזעצן זיך אין פוילן סוף 1918 בין איך געשטאַנען אין שטענדיקן אומאיבעררייסלעכן קאָנטאַקט מיט פוקאַטשן און כ'האָב אים באַטראַכט ווו איינעם פון די טייערסטע און איבערגע־געבנסטע טוער אין דער באַוועגונג. ער האָט זיך באַטייליקט אין אַלע מער־וויכטיקע ראַיאָנען און צענטראַלע באַראַטונגען. מיר האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע מיינונגען און זיך גערעכנט מיט זיין רעאַגירן אויף דערשיינונגען אין פּאַרטיי־לעבן.

יענע יאָרן בין איך געווען אַ גאַנץ אָפטער גאַסט אין שערפּצער ראַיאָן מיט רעפעראַטן אויף פאַרשידענע פּאָליטישע און ליטעראַרישע

טעמעס; אין ריפין בין איך געווען דער פערזענלעכער גאַסט פּוקאַטשעס. כ'האָב זיך דערנענטערט צו זיין משפחה, דערקענט פון נאָענט זיין הויז און פאַמיליע־לעבן. ער האָט מיך פאַראינטערעסירט ווי אַן אייגנאַרטיקער טיפּ פון יידישן סאָציאַליסט. ער האָט געפירט זיין אייגענעם שניידער־וואַרשטאַט, ווו עס זענען געווען באַשעפטיקט אַרבעטער. אָבער איך האָב נישט געזען אַליין און נישט געהערט פון אַנדערע, מען זאָל זיך באַציען צו פּוקאַטשן, ווי צו אַ באַלעבאָס. אַרבעטער און פּשוטע פאָלקס־מענטשן האָבן זיך צו אים באַצויגן ווי צו אַן אייגענעם מענטש, און זיי האָבן אַלע געהאַט צו אים דרך־ארץ. דאָס האָט זיך גענומען דער עיקר דערפון, ווי מיר האָט געשיינט, וואָס די אַרומיקע, בפרט די וואָס זענען געקומען אין נענטערער באַרירונג מיט אים, האָבן אַרויסגעשפירט זיין מענטשלעכן חברישן אמת און אָנערקענט זיין ערלעכע, אויפריכטיקע באַציִונג צו דער אַרבעטערשאַפט און צו איר אידעאַל.

פּוקאַטש האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער אינטערעס צו אַרבעטערישער קולטור און בילדונגס־טעטיקייט. און וואָס מיר פערזענלעך איז געפעלן, איז זיין אינטערעס צו טעאַטער, צו שפּיל. ער האָט פאַרמאָגט אַ מין נאַטירלעכע איינגעבוירענע נויגונג צו טעאַטער און האָט זיך באַמיט צו דערוועקן דעמזעלבן אינטערעס אויך ביי די אַרבעטער און יוגנט אין שטעטל, ווי ער וואָלט וועלן דורך דעם מיטהעלפן דער אַנטוויקלונג פון זייער געשמאַק און כאַראַקטער.

פּוקאַטש איז געווען אַ גוטער חבר. ער האָט נישט איבערגעקליבן און אויסגעזוכט קיין „איידעלערע" און מער „בכבודיקע" אַרבעטן אין דער אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך געפילט, און אַזוי האָבן די חברים אים באַטראַכט, ווי דער טאַטע פון דער אָרגאַניזאַציע. ווי אַ טאַטע, האָט ער געזאָרגט פאַר אַלץ, פאַר אַלעם און פאַר אַלעמען. נישט ווייל ער האָט עס געמוזט, נאָר ווייל ער האָט עס געוואָלט. אין דעם פּרט איז ער געווען, אפשר נישט ווילנדיק און נישט בכיוון, אַ מוסטער פאַר אַנדערע חברים. אַזאַ דאַרף זיין אַ חבר.

ער האָט געהאַט אין אויג סיי די גייסטיקע אַנטוויקלונג, סיי די פּאָליטישע טעטיקייט, גענוי ווי אויך די מאַטעריעלע באַדערפעניש פון דער באַוועגונג.

פּוקאַטש האָט פאַרבעטן אַ ספּעציעלן רעזשיסער פאַר זיין אַמאַטאָרן־

גרופּע אין ריפּין. די גרופּע האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט אויפפירונגען אין ריפּין גופא, נאָר זי האָט געגעבן פאָרשטעלונגען אין די שטעטלעך פון דער נאָענטער סביבה. פוקאַטש האָט געשעפּט נחת דערפון, מחמת ער האָט עס באַטראַכט ווי אַ וויכטיקן פונקט אין זיין טעטיקייט־פּראָגראַם פאַר קולטור. האָט ער געזאָרגט אויך פאַרן רעזשיסער, ער זאָל פאַרמאָגן די געהעריקע קוואַליטעט, אי פאַר דעם רעפּערטואַר, ער זאָל אַנטשפּרעכן דער אויפגאַבע: הויבן דעם קולטור־ניוואָ פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער פוילישער פּראָווינץ.

פוקאַטש האָט נישט געוואָלט יוצא זיין מיט איינלאַדן די אַרום־פאָרנדיקע פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס, וואָס נישט אַלע האָבן זיי געוווסט אָפּצושאַצן זייער אויפגאַבע אין דער פּראָווינץ, אַז מען דאַרף איר אונטערטראָגן געזונטע קינסטלערישע שפּייז. צו אָפט פלעגט מען אַראָפּפאָרן אַהין, כדי צו פאַנגען אין נעץ דעם אויסגעהונגערטן „עולם־גולם" און אים מהנה זיין מיט „כינקע פינקע" און כלערליי „ציפּקע פייערס" און כדומה מאַכערייקעס.

פוקאַטש האָט אויף דעם שטח געוווסט צו שטעלן פאָדערונגען און זיין איבערקלייבעריש. און אויף אייגענער איניציאַטיוו האָט ער צוגעגרייט מיט זיין אייגענער „טרופּע" פאָרשטעלונגען פון בעסערער קוואַליטעט. אַזוי אַרום האָבן די אָנגעפּאָרענע גאַסטראָליאָרן זיך געמוזט צופּאַסן צו דעם מער אַנטוויקלטן געשמאַק פון די איינלאַדער.

מיר האָבן זייער אָפט, ביי יעדער געלעגנהייט פאַרבראַכט מיט פוקאַטשן אין דיסקוסיעס, וואָס זענען געווען אויסן אויפצוקלערן טעמאַטיש און פּראַקטיש פּראָבלעמען פאַר חברים, וועלכע זענען געשטאַנען בראש פון די פּראָווינצער אָרגאַניזאַציעס און זיי האָבן געוואָלט קריגן געניטע אינסטרוקציעס פון העכערע אינסטאַנצן. זיי האָבן נישט אָנגענומען קיין „תורת לאָקשן" פון אויבן, נאָר אַליין דורכגעטראַכט און דורכגעמוחט די פּראַגן, ביז עס האָט זיך זיי „געלייגט אויפן שכל".

מיר אַלע אין דער באַוועגונג האָבן געוווסט צו אַכטן און ערן דעם חבר פוקאַטש נישט נאָר מחמת זיין עלטער; אדרבא, מיר האָבן אים געשעצט צוליב זיין דינאַמישקייט און פרישקייט, צוליב זיין טריישאַפט דער באַוועגונג און טיפן אינטערעס צו איר גורל.

פוקאַטש האָט פאַרנומען אין זיין שטעטל ריפּין אַ זייער וויכטיק

פאַראַנטוואָרטלעך און בכבודיק אָרט, ווי אויך אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַ טוער פון די לינקע־פּועלי־ציון, פון דער יידישער ביבליאָטעק, אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון ספּאָרט־קלוב „גוויאַזדאַ־שטערן".

זיין שטוב איז געווען אָפן פאַר אייגענע און פאַר דורכפאָרער. ס'איז געווען אַ הויז, ווו מען האָט תמיד געשמועסט וועגן ערנסטע ענינים פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, פון דער יידישער ליטעראַטור. אָפּגערעדט דערפון, אַז דאָ אין הויז האָט מען נישט אויפגעהערט צו שמועסן און פירן וויכוחים וועגן ארץ־ישראל, וועגן דעם הווה און וועגן דער צוקונפט פון דעם יידישן לאַנד.

ס'איז נישט באַוווסט, ווי אַזוי חיים לייב פּוקאַטש האָט פאַרענדיקט זיין לעבן. עס זענען געקומען די שווערע היטלער־יאָרן, און אויב אין ריפּין גופא איז נישט געווען קיין געטאָ, האָט דאָס שטעטל אָבער נישט אויסגעמיטן די נאַצישע אכזריות. קלאַנגען זענען געווען, אַז פּוקאַטש איז אומגעקומען אין קאַמף. עס איז צו גלויבן, אַז אַזוי האָט דער פּועלי־ציון־טוער זיך אויפגעפירט, ווי ס'האָט אים דיקטירט זיין גאַנץ דורכגעמאַכט לעבן.

ד״ר נחמן סירקין

אַ הערלעך בלאַט אין דער געשיכטע פון יידישן סאָציאַליסטישן געדאַנק. יוגנט־דערינערונגען פון דער זעלבסטבאַוווסטער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, פאָטער פונעם „סאָציאַליסטישן ציוניזם״.

נחמן סירקין — אַ לעבן פון גייסט און קאַמף, פול סתירות און גלגולים. אַלס לייט־מאָטיוו — דאָס שטרעבן צום אמת פון פעלקער־באַפרייענדן און מענטשן־דערהויבנדן סאָציאַליזם. נחמן סירקין איז אָן ספק געווען דער גלענצנדסטער פאָרשטייער פונעם אָפּשטאַרבנדן דור יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן באַרייכערט און באַפרוכפּערט מיט גרויסע שעפערישע אידעען די יידישע גאַס, די יידישע קולטור.

אין 1898 האָט סירקין אויפגערודערט די יידישע אינטעליגענץ מיט זיין ערשטן אַרטיקל וועגן סאָצ.־ציוניזם אינעם ווינער „דייטשן וואָרט״. אין 1901 גיט ער אַרויס זיין „אויפרוף צו דער יידישער יוגנט״ און אין 1903 דעם „המון״ אין יידיש און „השחר״ אין העברעיש. פונעם אינטעליגענטן שטיבל צום המון, צו דער ברייטער גאַס, און נחמן סירקין ווערט דער קאָפּ פון דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונג.

נאָכן אוגאַנדאַ־פּראָיעקט גייט ער אַוועק פון פּאַלעסטיניזם. פון זיין פעדער גייט אַרויס דער קלאַסישער פּאַמפלעט קעגן די ציוני־ציון און דעם קליין מענטשעלע באַ דער פאָלקס־באַוועגונג. אין גיכן קערט ער זיך אום, און פון דאַן־אָן בלייבט ער איינער פון די פירנדע גייסטער פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג אין אַמעריקע.

סירקין געפינט זיך אינעם עקסט־רעכטן פליגל פון דער באַוועגונג. ער איז איר וואָרט־פירער און פאַנאַטישער אַגיטאַטאָר. אַן אַריסטאָקראַט לויט זיין גאַנצן אינערלעכן מהות, איז ער פּסיכאָלאָגיש פרעמד דער מאַסע, איר טאָג־טעגלעכן לעבן און קאַמף. אַ טרוימער, אַ שטרעבער, מיט שעפערישער אינטואיציע און איניציאַטיוו פון געדאַנק, דערהייבט ער זיך נישט זעלטן צום פּאַטאָס פון גרויסע מאָראַלישע פּערזענלעכקייטן. ער וויל נישט

וויסן פון דעם אָרגאַנישן אָביעקטיוון געשיכטלעכן גאַנג, ער פּירט אַריין דעם וואָלונטאַריסטישן פּרינציפּ און חלומט צו פאַרמען די באַוועגונג, דאָס גאַנצע פאָלק לויט זיין ווילן.

סירקין איז אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון יידיש, ער איז אַ טיפּישער פאַרטרעטער פון דער שיטה, וואָס לייקנט־אָפּ אינגאַנצן דעם „גלות״. פון ארץ־ישראל און נאָר פון איר האָט ער געשעפּט זיין באַגייסטערונג, זיין פּאַטאָס; פון דער ביבל, פון די נביאים, פון העברעיִש. און אין דעם פּרט איז די אחדות־העבודה מיט יאָרן צוריק אין ארץ־ישראל געווען דאָס זעלבע, וואָס סירקיניזם אין חוץ־לארץ.

ער איז די לעצטע יאָרן, זינט דער שפּאַלטונג אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג, נאָך מער פרעמד געוואָרן דעם קאַמף און טאַקטיק־וועגן פון יידישן אַרבעטער־אַוואַנגאַרד. ער איז אָבער תמיד געבליבן קרישטאָל־ריין אין זיינע שטרעבונגען, טאַלאַנטפול אין פאַרטיידיקן זיינע איבערצייגונגען.

אַ שאַרפזיניקער פּובליציסט, אַ פלאַמיקער, ברויזנדער פאָלקס־טריבון, אַ גייסטרייכער אָריגינעלער דענקער, האָט סירקין כסדר געוויצט דעם געדאַנק אויך בײַ זיינע פאַרביסענע קעגנער. געוועקט דעם דראַנג צו וויסן, צו דענקען, צו פאָרשן.

נחמן סירקין האָט געפירט אַן אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן אָבסקוראַנטיזם, קעגן קלעריקאַליזם (זיין גלענצנדיקער אַרטיקל „ימים נוראים״), קעגן עם־הארצות און קליינקעפּלדיקייט (זיין קלאַסישער אַרטיקל־פּאַמפלעט וועגן „בונד״, „דער עם־הארץ פון דער ייד. אַרב. גאַס״), פאַר דער מאָדערנער וועלטלעכער קולטור. ער איז געווען דער אייביקער טרוימער פון יידישן פּראָלעטאַרישן געטאָ, דער שטורמער פון דער גלות־באַסטיליע פון באַלעבאַטישער טעמפּקייט און באַגרענעצטקייט פון יידישן קליינמענטשעלע. דער באַגייסטערטער וועקער און רופער צו גייסטיקער פרייהייט און מאָראַלישער דערהויבנקייט, דער אַנזאָגער פון דער היסטאָרישער אויסלייזונג־שליחות פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין יידישן לעבן.

מיטן ד״ר נחמן סירקין האָב איך זיך מיט יאָרן צוריק געטראָפן אין ווילנע, בעת ער איז נאָך געווען דער פירער פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן (ס. ס.) און געשריבן, אַגב, זיין באַרימטן פּאַמפלעט „ציונים, אין האַג אַריין״. זעלטן ווער נאָך ווי ער האָט באַוויזן אויפצוכאַפּן דאָס באַלעבאַטישע

און מענטשלעך־נישטיקע אינעם דעמאָלטיקן „קליין־ציוניזם", וועמען ס'האָט געפעלט שווונג און היסטאָרישער אויסבליק. סירקין האָט אויך אין זיין ס.ס.ישן גלגול פאַרמאָגט דעם ליידנשאַפטלעכן פאַטאָס פאַר געשיכטלעכער רעוואָלוציע אינעם יידישן מענטשן־טיפ. אָט דער דראַנג צו אינערלעכער באַפרייונג און דערהויבנקייט פון יידישן כלל און יחיד האָט סירקינען באַשטימט אין זיין יוגנט צו ווערן דער התלהבותדיקער פריידיקער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם. דאָס זעלבע געפיל האָט אים געטריבן אַוועק פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו די ס. ס. ער האָט געוואָלט פאַרוועבן געמיינזאַם די באַפרייונגס־רעוואָלוציע פון דער מענטשהייט מיט דער באַפרייונגס־באַוועגונג פונעם נביאים־פאָלק, וועלכער האָט אַנטפלעקט פאַר דער מענטשהייט די העכסטע הייכן פון מאָראַלישער שיינקייט, די באַרגשפיצן פון אמת און צדק און אַליין פאַרמשפט געוואָרן אין לויף פון דורות צו זיין דער מוסטער פון געפאַלנקייט און אונטערטעניקייט צווישן די פעלקער אויף דער ערד.

אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט סירקין אָנגעטראָפן דעם „בונד", וואָס האָט זיך אויפגעפירט ווי דער „עם־הארץ פון דער יידישער אַרבעטער גאַס", איבערגענומען זיך מיט דער תקיפות פון זיין עם־הארצות: מיר ווייסן נישט און מיר ווילן נישט וויסן פון קיין גורל־פראַגן פאַרן יידישן פאָלק; מיר ווייסן נישט און ווילן נישט וויסן פון קיין אייגנאַרטיקער באַפרייונגס־באַוועגונג פון דער יידישער נאַציע; מיר זענען אין בעסטן פאַל נייטראַל צום ווייטערדיקן קיום און צוקונפט פון יידישן פאָלק. מיר ווייסן בלויז איין זאַך — נידער מיט דער צאַרישער זעלבסט־הערשאַפט!

סירקין האָט אין דער רעוואָלוציע געזען נישט די ווירקונג פון „בלינדע סטיכישע" כוחות, וועלכע טוען מיטן מענטשן וואָס זיי געפעלט, נישט פרעגנדיק זיין מיינונג און נישט רעכענענדיק זיך כלל וכלל מיט זיינע פאַרלאַנגען און סימפאַטיעס. דער מענטש איז פאַר סירקינען געווען די אויסדערוויילטע באַשעפעניש, דער „בחיר כל היצורים", וואָס קאָן און דאַרף דיקטירן דער געשיכטע איר גאַנג. דער ווילן פון דעם מענטשלעכן כלל — דאָס איז די עיקרדיקע באַוועג־קראַפט אין לעבן.

דער וואָלונטאַריזם אין דער געשיכטע, די אַנטשיידענע פעולה פון ווילן — דאָס איז אין יענע יאָרן געווען די קווינטעסענץ פון סירקינס פראָפאַגאַנדע־אַרבעט. דערפאַר איז ער אויך אַוועק סוף־כל־סוף פון די

סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן; אַדרבא, זיי אַ בריה און ווייז אַרויס דיין ווילנס־ענערגיע, דיין באַוווסטזיניקע טאַט, בעת דו געפינסט זיך אין אַ פּוסטן חלל און האָסט פאַר זיך אַן אַבסטראַקטע טעריטאָריע. איז סירקין געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט צוריק מיט די פּועלי־ציון פאַלעסטינצעס אין אַמעריקע. אויך זיי האָבן, מעשה אַמעריקאַנער, געהאַלטן דער עיקר פונעם ווילנס־מאָמענט. ער איז געווען אַ מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט. איך האָב אָבער אין יענער צייט נישט געפילט זיין השפעה נישט אין צ. ק. און אויך נישט אין דער פאַרטיי. סירקין האָט זיך קנאַפּ־וויאָס געמישט אין פּראַקטישע אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגן; טאַקע נישט געהאַט קיין נטיה צו אַזעלכע ענינים. ס׳האָט אים תמיד געטראָגן אין די ווייטע עולמות. האָט ער געגעבן די פּועלי־ציון אין אַמעריקע דעם שבת־קודש, די נשמה יתירה.

געווען אַ צייט, נאָך די פאַראייניקונגס־אונטערהאַנדלונגען, ווען אין צענטראַל קאָמיטעט זענען געזעסן צוזאַמען אי זשיטלאָווסקי, אי סירקין, און ביידע האָבן געקאָנט ווירקן אין דער פאַרטיי, אָבער ביידע האָבן נישט געווירקט, סיידן אין די אויסערגעוויינטלעכע מינוטן, ווען מ׳איז אַרויס צו דער ברייטער גאַס, בעת אַ צוזאַמענפאַר אָדער בשעת אַן עפנטלעכן אַרויס־טריט אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ גרויסער פּאַסירונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. זשיטלאָווסקי האָט געווירקט מיט דער קראַפט פון לאָגיק, סירקין האָט גענומען, ניין, מיטגעריסן מיטן פלי פון זיין דמיון. אָבער ביידע זענען געווען אַנדערש געוואַקסן און נישט געקאָנט „האַלטן פוס" מיטן צ. ק.; געוויינטלעך האָבן די חברים פון צ. ק. צווישן זיך, געהאַלטן סירקינען, צוליב זיין פיבערדיקן לייַדנשאַפטלעכן דמיון און „וויטן קוק", פאַר אַ בטלן, אַ פאַנטאַזיאָר, אַ בעל־חלומות, וואָס האָט נישט קיין אַנונג וועגן דער פּראָזע פון רעאַלן לעבן.

כ׳האָב באַמערקט, אַז סירקין האָט עס געפילט און באַנומען און... געשוויגן. געליטן פאַר זיך, שעמעדיק, און געשוויגן. די חברים פון צ. ק. האָבן זיכער אַליין אָנערקענט און צוגעגעבן, אַז ער איז מיט עטלעכע קעפּ געוואַקסן העכער פון זיי. אָבער אַמעריקע נייטיקט זיך נישט אין קעפּ, נאָר אין הענט. יאָ, אין דער מדינה פון פּראַקטישע ביזנעס, איז דעצידירנ־דיק דער חוש פאַר רעאַליטעט. אין אַ יום־טוב, אַז מ׳איז אויפגעלייגט, אַז מ׳האָט צייט, אַז עולם קומט לכתחילה מיטן פאַרלאַנג אַוועקצושווימען פון

די „ביזנעס" און אַריינקריגן זיך אין דעם היכל פון גרויסע אידייען, — דענסטמאַל, „פליעז", מהיכי תיתי, דענסטמאַל ווערט אַרויסגעשיקט אויפן ערשטן פייער ד"ר סירקין. דאַרט טויג ער זיך אויס. אָבער בעת מ'האָט צו באַטראַכטן די לויפנדיקע פּראַזאַישע ענינים, מערסטנטיילס פון געלט־אַקציעס, פון זאַמלונגען פאַר פאַרשידענע פאָנדן, דאַן איז סירקין אַ באַ־לאַסט, אַן איבעריקע משא, וועלכע שטערט. ער איז דאָך ריין ווי אַ טויב; אויפן פשוטן לשון מיינט עס — נאַיוו, מלמדיש, און ס'איז געזינטער אי פאַר אים אי פאַר דער באַוועגונג, אַז ער וועט זיך מישן וואָס ווינציקער.

סירקין האָט זיך באַטייליקט אין דער אָנפיר־אַרבעט פון דער פּאַרטיי. זיין השפעה בעת מיין באַזוך איז געווען אַ מינימאַלע. אין דער פּאַרטיי גופא האָט מען אים אויסגענוצט, ווען ס'האָט זיך געפאָדערט אַ כוח, אַן אויטאָריטעט קעגן דער אויטאָריטעט פון באָראָכאָוון, אַלס רעפּרעזענטאַנט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער שיטה אינעם פּועלי־ציוניזם. אָ, דערויף איז סירקין געווען אַ מאדים; דאָ האָט ער געקאָנט „פונאַנדערפירן די הענט". קיינער, אַחוץ סירקינען, האָט נישט געוואָגט צו רעדן אין אַזאַ טאָן פון ביטול, פון חוזק און אויסלאַכן באָראָכאָווס „גימנאַזיסטישע" טעאָריעס, וואָס אַ „משוגענער" האָט „אויסגעקוועטשט פון גראָבן פינגער". עלטערע חברים, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן די גאַנצע צייט אין דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג, האָבן זיך געשעמט פאַר אַזעלכע אַרויסטרעטונגען סירקינס, אַפילו ווען די דאָזיקע חברים האָבן נישט איינגעשטימט מיט באָראָכאָוון און זיך אָפּגעשאָקלט פונעם מאַרקסיזם, וועלכער האָט זיי אויסגעזען דאָ אין אַמעריקע אַזוי דאָגמאַטיש. ס'איז דאָך אָבער פאַרט באָראָכאָוו, ס'איז דאָך אָבער פאַרט דער קאָפּ פון די רוסישע פּועלי־ציון, מיט וועמען די גאַנצע וועלט־באַוועגונג האָט זיך געגרויסט און גע־שטאָלצירט.

אָבער אין שפּיץ פון דער פּאַרטיי אין אַמעריקע האָבן זיך אַרויס־געררוקט מענטשן, וואָס האָבן נישט דורכגעמאַכט די חבלי־לידה פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג און נישט באַנומען די רעוואָלוציאָניזירנדיקע ראָל, וואָס באָראָכאָוו האָט געהאַט אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס דווקא דערמיט, וואָס ער האָט געזוכט און געפונען דעם רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס פונעם פּועלי־ציוניזם נישט נאָר אין די הויכע ספערן פון געדאַנק, נאָר אין דער „פּראָזע" פון טאָג־טעגלעכן קלאַסן־קאַמף, אין דעם, וואָס דווקא

די אויסגעלאַכטע „סטיכישע פּראָצעסן" גאַראַנטירן די אָביעקטיווע מעג־לעכקייט צו רעאַליזירן דעם אויפגעבערויזטן ווילן אונדזערן צו פרייהייט־טאָט. אפשר אומגערן, אָבער אינסטינקטיוו, אין זעלבסטפאַרטיידיקונג, האָט דער צ. ק. געזוכט צו מינימיזירן די באַדייטונג פון באָראָכאָוון און דעם ווערט פונעם באָראָכאָוויזם. ער האָט זיך געמוזט אָנשפּאַרן אויף סירקינען, און פאַמעלעכערהייט איבערנעמען אינגאַנצן דעם סירקיניזם.

מיט דער צייט האָט סירקין געפונען די עפנטלעכע אויפגאַבע אויך באַ דער פּאַרטיי אין אַמעריקע. זעלטן ווו אין אַן אַנדער יידישן מאַסן־ישוב האָט זיך אַזוי איינגעגעסטיקט און איינגעפעסטיקט די יידישע פּלוטאָקראַטיע און פאַרכאַפּט די גאַנצע השפּעה אויף דעם יידישן לעבן; זי איז געוואָרן דער שליח־ציבור דאָ אין אַמעריקע. די יידישע בורזשואַזיע, אין דער געשטאַלט פון די „יאַהודים" מיט זייער פרעמדקייט צו די יידישע מאַסן, די „אָרעמע ברידער", האָבן געשאַלטעט און געוואַלטעט אין אַמעריקע. מ׳האָט זיך מיט זיי גערעכנט, ווייל זיי האָבן געגעבן אַ סך געלט אויף „טשאַריטי", אויף צדקה און ווייל זיי האָבן געקאָנט אָנשפּאַרן אין די „הויכע פענצטער" און זיך משתדל זיין אין אַן עת־צרה פאַר יידן. אָבער אין נאָמען פון אַט־דער שתדלנות און מיטן כוח פון זייער צדקה האָבן זיי געפאָדערט פון די יידישע מאַסן, יענע זאָלן בלייבן אין הינטער־גרונט, זיי זאָלן זיך נישט וואַרפן אין די אויגן און נישט אַרויסקומען מיט זייער מאַסן־יידישקייט, כדי מ׳זאָל נישט פוגם זיין דעם אַמעריקאַנער פּרצוף פון די רייכערע ברי־דער, כדי מען זאָל זיך נישט אַרויסשטעלן פאַר די גויים ווי אַ פרעמדער קערפּער, וואָס גלוסט נישט זיך אויסמישן און אַסימילירן מיטן גאַנצן קאָס־פּאָליטישן אַרום. די יידישקייט פון דער בורזשואַזיע איז געווען אַ דורכויס נעגאַטיווע; זי האָט זיך גענערט פון יידישע צרות, פּאָגראָמען און סתם רדיפות, אָבער די אַלע פּורעניותן זענען געווען דאָרט ווייט, ערגעץ אין אַ העק, באַ די פינצטערע באַיאָרן אין רומעניע און באַ די אָפּגעשטאַנענע פּויערים אין רוסלאַנד. נישט אין אַמעריקע, נישט באַם „אַנקל סעם", וואָס ווייסט נישט און וועט נישט וויסן פון יידן־פאַרפאָלגונגען און אַנטיסעמי־טיזם. דערפאַר דאַרף מען דאָ אויפן אָרט נישט וויסן אויך פון יידישן נאַ־ציאָנאַליזם. פון אייגענע דרכים אין יידישן לעבן.

אויפן שטח פון באַוווסטזיניקער אַסימילאַציע האָט זיך די יידישע פּלו־טאָקראַטיע אין אַמעריקע צונויפגעטראָפן מיט דער יידישער... סאָציאַליס־

טישער באַוועגונג. ריכטיקער — מיט דער דעמאָלטיקער רעפּרעזענטאַנץ פון דער יידישער אַרבעטער־גאַס — מיט די „גענאָסן". אין דעם עצם וואָרט „גענאָסן" איז פאַר זיך נישט געווען קיין שום אַנדער טייטש, ווי אַן אָנווייז אויף סאָציאַליסטישער געזינונג. אין אַמעריקע האָט אָבער דאָס וואָרט באַקומען אַ ספּעציפישן אינהאַלט, באַצייכנט אַ גאַנצע לעבנס־באַנעמונג, אַ שיטה אין יידישן אַרבעטער־לעבן, וואָס האָט געפּרעדיקט אַסימילאַציע און באַקעמפט ביטער און מיאוס יעדע דערשיינונג, ווו ס'איז געקומען צום אויסדרוק דער אויפגעוואַכטער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין, דער ווילן צו נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג.

אויך דער „גענאָסע" האָט נישט געוואָלט הערן פון יידישע פּראָבלעמען, פון אייגנאַרטיקע יידישע באַדערפענישן און פאָדערונגען אין אַמעריקע גופא. אויך דער „גענאָסע" האָט זיך אינטערעסירט מיט די יידן פון מעבר לים נאָר פון שטאַנדפּונקט פון מיטגעפיל אין נויט, און געטראַכט, ווי צו זאַמלען געלט און שטיצן די אָרעמע „גענאָסן" פון „יוראָפּ".

פועלי־ציון האָבן געהאַט דעם פאַרדינסט, וואָס זיי האָבן איינגעפירט אין אַמעריקע, אין דער אַרבעטער־באַוועגונג דעם באַגריף חבר. חבר איז געווען היימישער, אייגענער, ס'האָט געאָטעמט פון דעם וואָרט אַליין מיט נאַטירלעכקייט און פשטות, מיט צוגעלאָזנקייט, פריינטשאַפטלעכקייט און וואַרעמקייט. דער גענאָסע איז געווען טרוקן, מתנגדיש, פרעמד און קאַלט. פּונקט אַזוי ווי די פועלי־ציון האָבן נישט געהאַט קיין ערגערן זידל־וואָרט פאַר די קעגנער אינעם אַסימילאַטאָרישן לאַגער, ווי „גענאָסן באמת", אַזוי האָבן אויך די לייט פון „פאָרווערטס" אויסגעדריקט זייער גאַנצן ביטול און פאַראַכטונג צום נאַציאָנאַליזם אין דעם וואָרט „חברים".

סירקין האָט דאָ געהאַט פאַר זיך די פאַסיקע סביבה און די דאַנקבאַרע אויפגאַבע צו שטעמפּלען דעם גענאָסיזם אַלס לעבנס־פילאָזאָפיע סיי פון די רעליגיאָנס־גענאָסן אין דעם לאַגער פון דער פּלוטאָקראַטיע, סיי פון די סאָציאַליסטישע אידעען־גענאָסן אין דער אַרבעטער־מחנה.

זיין שאַרפע פעדער און בייסיקע צונג האָבן אויסגעפירט אַ וויכטיקע, היסטאָרישע שליחות פאַר פועלי־ציון. דאָ איז שווער געווען צו געפינען אַ צווייטן, וואָס זאָל פעיִק זיין שיקן אַזעלכע פאַרגאַלטע פיילן און טרעפן אַזוי פּינקטלעך אין האַרץ פון גענאָסיזם, ווי דאָס האָט געטאָן מיט טעמפּעראַמענט און טאַלאַנט ד"ר נחמן סירקין.

י. זרובבל

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי איז אָן שום ספק איינער פון די אינטערע־סאַנטסטע און אָנזעעוודיקסטע געשטאַלטן פון דעם פריערדיקן דור אין דעם וועלט־יידנטום. ער פאַראייניקט אין זיך פון דעם שענסטן און ליכטיקסטן פון יענער תקופה, וואָס אירע בולטסטע סימנים זענען געווען: כסדרדיקע אומרו פון געדאַנק, גערעאַנגל קעגן פאָרורטיילן און קאַמף קעגן אידעישער רוטין. ד״ר זשיטלאָווסקי איז זיין גאַנץ לעבן געווען פאַרכאַפּט דורך אַ דראַנג נאָך וויסן. ער האָט געשטרעבט צו דערווערבן וויסן פאַר זיך גופא און צו ברענגען וויסן צו אַנדערע, אין דער ערשטער ריי, צו די פאָלקסמאַסן.

ער האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין עם הארצות און האָט זיין גאַנץ לעבן געווידמעט זי צו באַקעמפן און אויסראָטן. כאַראַקטעריסטיש פאַר זשיטלאָווסקין איז דער פאַקט, וואָס ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט ברענגען בילדונג פאַרן פאָלק, פאַר דעם מענטש פון גאַס, וואָס איז צוליב זיין נידעריקן סאָציאַלן און מאַטעריעלן מצב געווען דערווייטערט און אָפּגעריסן פון די ווענט פון בית־מדרש; זשיטלאָווסקי האָט זיין פאַרביטערונג אויסגעלאָזן צו דער כלומרשטער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך דערוואָרבן וויסן און חכמה מחוץ די מויערן פון דעם יידישן געטאָ און האָט זיך דווקא דערפאַר באַוווסטזיניק אָפּגעפרעמדט פונעם פאָלק, פון איר יידישן פאָלק, פון „עמך״, און געזוכט דעם וועג זיך פון אים אינגאַנצן און שנעל אָפּצוזונדערן.

כ׳האָב זיך מיט זשיטלאָווסקין פערזענלעך באַקענט בעת מיין ערשטן באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין יאָר 1912. דאָן איז ער געווען אין זיין פולער אינטעלעקטועלער קראַפט, אין זיין גאַנצער גייסטיקער פראַכט. דער גלאַנץ פון זיין פערזענלעכקייט האָט פאַרכישופט אַלע, וועמען מ׳איז אויסגעקומען זיך צו געפינען אין זיינע ד׳ אמות.

ס׳וועט נישט זיין איבערטריבן צו זאָגן, אַז אין יענער צייט האָט

זשיטלאָווסקי פולשטענדיק באַהערשט די מוחות פון די יידישע פאָלקסמאַסן. קיינער האָט זיך צו אים נישט געקענט גלייכן אויף דער יידישער גאַס, נישט נאָר אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, אין פּרט פון פּאָפּולערקייט, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן, ווי אַ טיפער לעקטאָר און אַ פּאַרכאַפּנדיקער רעדנער, וואָס ווייסט ווי צו פירן זיינע צוהערער אויף די וועגן פון דער הלכה און אגדה און פאַר וועמען ס׳זענען אָפן און קלאָר אַלע געשלענגלטע סטעזשקעס, וואָס פירן צום פּרדס פון געדאַנק.

ד״ר זשיטלאָווסקי איז אין אָנהויב באַרימט געוואָרן אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער אונטערערדישער באַוועגונג. ריכטיקער געזאָגט, איז זיין נאָמען באַקאַנט געוואָרן אין די סטודענטן־קאָלאָניעס אין דייטשלאַנד און אין דער שווייץ, וואָס האָבן ברייט געעפנט די אוניווערסיטעט־טויערן פאַר הונדערטער „פרעמדע״ סטודענטן, וועלכע האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו שטודירן אין זייער פאָטערלאַנד, ווו ס׳האָט געהערשט דער דרוק פון צאַריזם.

זשיטלאָווסקי האָט געהערט צום ערשטן „מנין״, וואָס האָט פאַרלייגט די יסודות פאַר דער פּאַרטיי פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (ס. ר.) די דאָזיקע פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן אַן עקשנותדיקן קאַמף קעגן דער הערשאַפט פון צאַר און דער טיראַנישקייט פון זיינע העלפער. די געוואָגטע טעראָר־אַקציעס פון די ס.ר.ן האָבן די פּאַרטיי שנעל פּאָפּולער געמאַכט. מיטן גלאַנץ פון אָט דער פּאָפּולאַריטעט איז זשיטלאָווסקי אָנגעקומען דאָס ערשטע מאָל קיין אַמעריקע, צוזאַמען מיט דער „באָבע פון דער רעוואָלוציע״, קאַטערינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ.

זיינע פאָרשונגען פון די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם האָבן אָבער זשיטלאָווסקין נישט באַפרידיקט. ער האָט דעריבער שוין גאָר פרי אָנגעהויבן זיך צו פאַרטיפן, ווי ער האָט עס געקענט, אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אַרויסגייענדיק אויך דאָ פון שטאַנדפּונקט פון סאָציאַליזם ,און איז אַזוי אַרום געקומען צו לאָגישע אויספירן, וואָס האָבן געפאָדערט אַוועקצושטעלן די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע.

געווען אַ געוויסע עפּאָכע אין זשיטלאָווסקיס לעבן, ווען ער איז אויפגעציטערט געוואָרן צוליב די שאָטן־זייטן, וואָס ער האָט געפונען אין יידישן קיבוץ, וועלכער האָט זיך אים אויסגעדאַכט צו זיין אַ קיבוץ פון אויסנוצערס, וואָס לעבן פון אָנגעראַבעוועטער פרעמדער פּראַצע.

זשיטלאָווסקי, דאָן אַ טיף באַאיינפלוסטער דורך דער ליבעראַלער רוסישער ליטעראַטור, איז דורכגעדרונגען געוואָרן מיט אַ באַזונדערער סימפּאַטיע און פאַרערונג צום ערד־אַרבעטער, צום פאַרשקלאַפטן רוסישן פּויער.

זענען אָבער געקומען די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און דאַן אויך די חיבת־ציון באַוועגונג און האָבן אַ שטויס געטאָן זשיטלאָווסקיס געדאַנקען־גאַנג אין אַ נייער ריכטונג. דאַסמאָל איז ער אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַנטקעגן אַן אַקטועלער גורלדיקער פראַגע, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ בפירושן סאָציאַלן כאַראַקטער און אינהאַלט, אַ פראַגע, וואָס האָט דירעקט אָנגערירט דאָס לעבן גופא פון די יידישע מאַסן.

פאַר זשיטלאָווסקין איז נישט שווער געווען צו געפינען דעם נאַטירלעכן צוזאַמענהאַנג צווישן דער נאַציאָנאַלער פראַגע און דער סאָציאַלער לאַגע. ס׳איז אַוועק אַ קורצע צייט און ער האָט זיך געגרייט צו אָרגאַניזירן אַ באַוועגונג אונטערן נאָמען „תשועת ישראל״, וואָס אין איר יסוד איז געלעגן דער סינטעז פונעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן, און וואָס איר פּראָגראַם איז באַשטאַנען אין אַריבערפירן יידן צו אַ פּראָדוקטיוו לעבן, צו ערד־אַרבעט. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז דווקא די יידישע חברים צווישן די שפּיצן פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ זענען געווען קעגן דעם, אַז אַזאַ יידישע סעקציע זאָל אין דער פּאַרטיי געשאַפן ווערן.

זשיטלאָווסקי האָט זיך אָנגעשטויסן פּנים אל פּנים מיט דער יידישער אַסימילאַציע און איז אַרויס אין קאַמף קעגן איר. ער האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז די פּאָגראָמען זענען „דער אויסדרוק פון סאָציאַלן אויפברויז״, ווי ס׳האָט געזאָגט דער אויפרוף פון צענטראַל־קאָמיטעט. אין יאָר 1887 פאַרעפנטלעכט ער זיינע: „געדאַנקען וועגן דעם היסטאָרישן גורל פון די יידן״; אין יאָר 1892 דערשיינט זיין בראָשור: „דער סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע״.

זשיטלאָווסקי באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיט שרייבן ביכער און אַרטיקלען. ער ברענגט אַליין זיין וואָרט דירעקט צום פאָלק. זיינע רעפעראַטן מאַכן אַ טיפן איינדרוק. ער גייט פון אָרט צו אָרט און ציט צו די יוגנט און די נייע אינטעליגענץ, וואָס גייען אים נאָך און זענען דורשטיק צו הערן די תורה פון זיין מויל.

אין יאָר 1903 קומט ער קיין אַמעריקע זיך צו באַזעצן, און דאָ טרעט ער אַרויס מיט זיין גאַנצער גייסטיקער קראַפט אין קאַמף קעגן

שונד און קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס האָבן געהערשט אויף דער יידישער גאַס, צוליב דער השפעה פון די ערשטע אימיגראַנטן, וואָס זענען געווען דורכגעפּרעסן פון אַסימילאַציע־טענדענצן.

גרויס איז געווען זשיטלאָווסקיס איינפלוס אויף אַלע פּאַרטייען, וואָס האָבן געווירקט אויף דער יידישער גאַס. ער אַליין האָט נישט געהערט צו קיינער פון זיי. לויט זיין אינטעלעקטועלן מהות איז ער געווען אַ מורה הלכה און נישט קיין מורה דרך. דעריבער האָט ער אין פאַרשידענע צייטן צוגעהאָלפן פאַרשידענע פּאַרטייען, ער האָט זיך אָבער קיינמאָל צו די פּאַרטייען אינגאַנצן נישט איבערגעגעבן.

ער האָט אָנגעגריפן דעם ציוניזם אין דער בונדישער פּרעסע, ער איז געווען אַ שותף צו די סיימיסטן אין זייער קאַמף פאַר פולע נאַציאָנאַלע רעכט און פאַר אַ סיים פאַר די יידישע מינדערהייטן אין אַלע תפוצות. ער האָט געפּרעדיקט טעריטאָריאַליזם, זיך דערנענטערט צו פּועלי־ציון און געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער פאַראייניקונג פון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

איך האָב זיך נענטער באַקענט מיט אים אין ניו־יאָרק. אין זיינע האַנדלונגען פלעגט ער אַרויסווייזן פאַרשטאַנד, יישוב־הדעת, געמאָסטנקייט אין יעדן וואָרט און אין יעדער באַוועגונג זיינער ווען ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף סתירות, האָט ער, ווי אַ מייסטער פון דיאַלעקטיק, געוווסט ווי זיי אויסצוגלייכן, ווי צו באַזייטיקן שוועריקייטן, ווי אָפּצו־טעמפּן צוגעשפּיצטקייטן, ער האָט אויך געהאַט ספקות, וואַקלענישן און קווענקלענישן; מערער נאָך, ער פלעגט נישט מיד ווערן זיי צו זוכן דאָרט, ווו מ׳האָט זיי מיטן פשוטן אויג נישט אַרויסגעזען. ער פלעגט זיך אַרונטערלאָזן אין די טיפענישן און זיי אַרויסשעפּן, כדי צו געפינען פאַר זיי זיין אייגענעם ענטפער, אויפצודעקן זיין אייגנאַרטיקן טייטש, דעם קלאָרן און לאָגישן פירוש, דעם, וואָס לייגט זיך אויפן שכל. און ווען ער האָט שוין דעם באַשייד געפונען, האָט אים די תשובה נישט לאַנג באַפרידיקט, מחמת פון זיין נאַטור האָט ער כסדר זיך באַמיט צו פאַרטיפן און דערגרונטעווען צום „ענדגילטיקן" אמת, צו וועלכן ער איז ביז צום סוף פון זיינע יאָרן נישט דערגאַנגען.

אין יאָר 1914 האָט ער באַזוכט ארץ־ישראל. די העברעישע קנאים האָבן אויפגעהויבן אַ געוואַלד צוליב זיינע אַרויסטריטן אין יידיש מחמת

זייער קעגנערשאַפט צו דער יידישיסטישער באַוועגונג, וואָס זשיטלאָווסקי איז מיט רעכט באַטראַכט געוואָרן ווי איר גרינדער און כהן גדול. אָבער בעת דעם דאָזיקן באַזוך זיינעם האָט זשיטלאָווסקי געווידמעט זיין אויפמערקזאַמקייט נישט דווקא בלויז דער שפּראַך־פראַגע. אויף אַ פאַר־זאַמלונג אין פּועלי־ציון סניף אין יפו האָט זשיטלאָווסקי דעפינירט די דריי פּראָבלעמען פונעם ישוב: די קאָלאָניזאַציע פראַגע, די אַראַבישע פראַגע און די קולטור פראַגע.

וואָס שייך דער קאָלאָניזאַציע, האָט ער צווישן אַנדערן געזאָגט: „היות ווי מיר האָבן אינגאַנצן אויפגעהערט צו רעדן וועגן דער אויסגעברייטערטער טעריטאָריע (גרויס־ארץ־ישראל, אריינגערעכנט סיריע און ארם נהרים), און מיר אָריענטירן זיך בלויז אויפן קליינעם שטח, וואָס הייסט ארץ־ישראל, איז פאַרשטענדלעך, אַז מיר טאָרן נישט זיצן און וואַרטן ביז מיר וועלן קענען פאַרזעצן איין איינציקע ליניע פון אַ קאָנצענטרירטער קאָלאָניזאַציע. מיר דאַרפן בכן דערוואָרבן פאַר אונדז איין פונקט נאָכן אַנדערן אין אַלע ערטער, וווהין מיר קענען נאָר דערגרייכן".

ער האָט אויך אונטערגעשטראָכן, אַז „אונדזער פאָלק דאַרף נישט אַזוי האָבן נאָך שטעט מיט געשעפטן און מיט שווערער אינדוסטריע, ווי דער עיקר — די פעטע לאַנד־שטחים, דעם טוי פון הימל און די ברייטע פעלדער; מיט איין וואָרט — די געזונטמאַכונג פון קערפּער, וואָס קומט פון לעבן אויף דער לאַנדווירטשאַפט. דעריבער איז פאַר־שטענדלעך, אַז דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע איז באַשערט צו שפּילן אַן עיקרדיקע און אַנטשיידנדיקע ראָל".

זשיטלאָווסקי האָט קריטיקירט די פאָרם פון קאָלאָניזאַציע, וואָס שטעלט־אויף גרונט־באַזיצער, פאַרמערס, וועלכע עקספּלואַטירן דעם אַראַבישן אַרבעטער. „די נאַציאָנאַלע שנאה, וואָס קומט־צו צום קלאַסן־קעגנזאַץ איז ווי בוימל אויפן פייער און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ צעשטערנדיקן פאַקטאָר". „מיר וועלן באַגיין אַ גאָר שווערן חטא כלפּי אונדזער פאָלק, אויב מיר וועלן צוהעלפן דער פּריוואַטער קאַפּיטאַליסטישער קאָלאָניזאַציע".

זשיטלאָווסקי זעט אַ „ברכה אין דער קאָלאָניזאַציע, וואָס עס פירט דורך דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד אויף זיין אייגענער ערד, אַ קאָלאָ־

ביזאַציע, וואָס שאַפט אַ יידישן אַרבעטנדיקן ישוב, ווערלכער האַלט זיך אַליין אויס". „נישט קעמפן פאַר יידישער אַרבעט, נאָר בויען דעם ישוב אויפן יסוד פון יידישער אַרבעט. דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד דאַרף אַנהויבן די קאָלאָניזאַציע, וואָס איז דער עיקר באַזירט אויפן יידישן אַרבעטער, אויף יידישער פּראָדוקטיווקייט". „נישט אַ מלחמה פון דעם יידן קעגן דעם פרעמדן, נייערט פון דער קולטור און דער ציוויליזאַציע קעגן דער באַרבאַרישקייט. אַ מלחמה פאַר פאַרשריט פון דער אַרבעט אָן אונטערשיד פון נאַציע".

זשיטלאָווסקי האַלט, אַז מיר דאַרפן געבן צו פאַרשטיין די אַראַבער, אַז „זיי זענען נישט אומשטאַנד אויסצונוצן די כוחות און די אייגנשאַפטן פון דער ארץ־ישראל ערד און אַז נאָר מיט אונדזער אַנטייל וועט אונדז געלונגען אַרויסצוציען פון דער ערד אַלע אירע באַהאַלטענע אוצרות און באַנייען ווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן". ער הויבט אויך אַרויס „די געמיינזאַמע אַרבעט פאַרן באַנייען און אויפבויען דאָס לעבן דורך נאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט".

זשיטלאָווסקי דעפינירט דעם „כאַראַקטער פון דעם פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם לויט זיינע פּאָזיטיווע שטרעבונגען צו מענטשלעכער פרייהייט, צו קולטורעלן רייכטום, צו סאָציאַלן יושר און צו אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט". ער שטעלט זיך אַנטקעגן „יענער שיטה פון גלות־פאַרניינונג (שלילת הגלות), וואָס איז זיך מייאש פון אונדזער קיום אין די גלות־לענדער און איז לחלוטין מבטל דעם באַפרייונגס־קאַמף, וועלכן מיר פירן אין אַלע ערטער פון אונדזער צעשפּרייטונג". „פון צעפּוילטקייט און דעגענעראַציע קען קיין אויפלעבונג נישט אַרויס־שפּראָצן". „אמת איז, אַז אונדזער קיום אין גלות איז אַ פעלערהאַפטער. דאָס פעלן פון אַ טעריטאָריאַלער באַזע באַשעדיקט אַלע פאָרמען פון אונדזער לעבן... דעריבער מוזן מיר אויפמונטערן אונדזער לעבן דורך גרינדן מערערע טעריטאָריאַלע צענטערס אין פאַרשידענע לענדער. טערי־טאָריאַליזם קומט בכן נישט, ווי אַ לעצטע ראַטונג פון אונדזער קיום, נייערט ווי אַ צולאָג און אַ דערגאַנצונג. דער טעריטאָריאַלער ישוב קומט נישט במקום דעם לעבן אין גלות, נאָר ווי אַ צולאָג צום לעבן אין גלות... זענען זיי ביידע אָפּהענגיק און באַדינגט איינס פון דאָס צווייטע, און

נאָר אַ דאַנק זייער אָרגאַנישער פאַרבינדונג באַקומט דער נייער צענטער אַ נאַציאָנאַלן ווערט״.

ווייטער שטעלט זשיטלאָווסקי פעסט, אַז ארץ־ישראל „קען ווערן בלויז אַ טעריטאָריאַלער צענטער פון יידישן פאָלק, אָבער נישט אַ זיכערער אַנטרינונגס־אָרט פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. די יידן וועלן אויפשטעלן פאַר זיך נאָך אַנדערע טעריטאָריאַלע צענטערס״. דערפון קומט ער צו זיין קעגנערשאַפט „צו דער פאָרם פון דער קולטור, וואָס מען אַנטוויקלט אין לאַנד, און וואָס דינט דאָ „ווי דער לעבנס־יסוד פאַר דער העברע־אישער שפראַך״. „מיר קענען איבערלאָזן די העברעיִשע שפראַך ווי אונדזער אָפיציעלע שפראַך, אָבער אינעווייניק דאַרפן מיר אַנטוויקלען די שפראַך, וועלכע אַנטשפּרעכט בעסער אונדזערע באַדערפעניש ן — די יידישע״. אויב עס וועט געשען און אונדז וועט געלינגען אָפּצושיידן זיך פונעם יידישן פאָלק און שאַפן דאָ אַ קולטור אין העברעיש — דאַן רייסט איר אָפּ דעם טייל פון פאָלק, וואָס זיצט אין ארץ־ישראל, פון די אַנדערע פאָלקס־טיילן. ס׳וועט דאַן אויפשטיין אַ נייער יידישער שבט, וואָס וועט נישט קענען און נישט פאַרשטיין זיינע ברידער. מיר וועלן זיין אָפּגעזונדערט און אַנדערש אין אַלע אונדזערע לעבנס־געוווינהייטן, און דאַן וועט ארץ־ישראל פאַרלירן איר ספּעציפישן ווערט פאַרן יידישן פאָלק. וואָס וועט דאַן אַזאַ ארץ־ישראל זאָגן דעם יידישן האַרץ? דאָס עקזיסטירן פון אַ זעלבשטענדיקער און פרייער העברעיִשער קולטור וועט אין די אויגן פון די יידישע מאַסן אויסזען בלויז ווי אַן אַבסטראַקציע, ווי עפּעס, וועגן וואָס מען הערט פון דער ווייטנס און נישט, ווי אַ לעבעדיקע זאַך, וואָס מען פילט מיטן האַרצן, וואָס דרינגט אַריין אין די מאַסן און באַווירקט זיי אומבאַוווסטזיניקערהייט.״

זשיטלאָווסקי האָט שוין דאַן אַנערקענט, אַז דער ישוב וועט זיין בכוח צו באַאיינפלוסן דעם גלות: „דער ישוב האָט אַ פּריווילעגירטע פּאָזיציע דערמיט, וואָס אַלץ ווערט דאָ געטאָן לשם נאַציאָנאַלע צילן און וואָס די נאַציאָנאַלע פאָן פלאַטערט דאָ איבער יעטוועדן אָרעמסטן און קלענסטן אויפטו!״ „תל־אביב, איז אין פאַרגלייך מיט בראָנזוויל ווי אַ קאַרליק אין פאַרגלייך צו אַ ריז. אָבער וויפל רעש און באַגייסטערונג האָט זי שוין אַרויסגערופן אין יידישע הערצער. דאָס איז דער ספּעציפישער כוח פון דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב״. „וואָלט דאָס קולטור־לעבן, דאָס

לעבן פון די שול־אַנשטאַלטן, פון דער ליטעראַטור זיך אויסגעדריקט אין דער שפּראַך, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק פאַרשטייט, וויפל ליכט און נחמה־שטראַלן וואָלטן דאַן אַרויס פון דאָנען און זיך פאַרשפּרייט אין גאַנצן גלות כדי צו דערוואַרעמען די הערצער. איר וואָלט שוין אין דעם פאַל הייגט געקענט זיין, ווי דער דערקוויקנדיקער טוי אויף די הערצער. אַלע פאָלקסמאַסן וואָלטן געקענט טרינקען פון דעם לעבעדיקן קוואַל, וואָס שפּרודלט אין ארץ־ישראל, און אריינעטעמען אין זיך דעם ריח פון די לעבעדיקע בלומען, וואָס גייען־אויף אויף דעם דאָזיקן פרייען באָדן".

און זשיטלאָווסקי האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „אַ גרויס אומגליק וועט געשען אונדזער פאָלק, אויב ס'וועט אויסגעגראָבן ווערן אַ תהום צווישן דעם גלות און ארץ־ישראל, אויב מ'וועט דאָס פאָלק אונדזערס צערייסן אויף צוויי שבטים — אַ יידישן און אַ העברעישן. מיר דאַרפן זיך פאַראייניקן צו זיין איין פאָלק מיט איין שפּראַך, און אויף אַלע וועגן, אויף וועלכע מיר זענען צעשפּרייט, דאַרפן מיר ווענדן אונדזער האַרץ צו איין קולטור. אַלע פאַרשידענע ריזלענדיקע וואַסער־קוואַלן, וואָס זענען צעשפּרייט איבער דעם ערד־קיילעך דאַרפן זיך פאַראייניקן אין איין מעכטיקן שטראָם. אין דער דאָזיקער בשותפותדיקער קולטור קען ארץ־ישראל פאַרנעמען דאָס צענטראַלע אָרט, פון וועלכן עס וועלן זיך ווי דורך אַן עלעקטרישן שטראָם צעגיין די לייכטנדיקע שטראַלן פון אַ ריינעם און פרייען יידישן לעבן און מאַכן אויפציטערן אַלע יידישע הערצער פון די העכסטע ביז די נידעריקסטע שיכטן, כדי זיי צו פאַראייניקן אין איין איינציק קולטור־פאָלק. און ווער קען פאָראויסזען, וואָסערע פאָלגן דאָס קען האָבן!"

אָט — די מיינונג, וואָס זשיטלאָווסקי האָט דאַן אַרויסגעבראַכט אין דער שפּראַך־פראַגע, האָט אַרויסגערופן אַן אַנטשידענע קעגנערשאַפט מצד די חברים, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער פאַרזאַמלונג. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין דער שפּיץ פון די, וואָס האָבן דאַן שטאַרק דיסקוטירט מיט זשיטלאָווסקין, איז געווען אַלכסנדר כאַשין, וועלכער איז אַ צייט שפּעטער געוואָרן איינער פון די הויפּט־פאַרלוימדער פון ציוניזם און פון די פאַרשוועכער פון ארץ־ישראל.

אין אַ פּריוואַטן שמועס האָב איך געפרעגט זשיטלאָווסקין וועגן

זיינע איינדרוקן פון ארץ־ישראל. זיין תשובה איז נישט געווען קיין צווידייטיקע: „דאָס איז אַ גוט און אַ צוגעפּאַסט לאַנד בתנאי, אַז איר קולטור זאָל זיין יידיש״. אויבנאויפיק האָט עס געקענט אויסזען, אַז די שפּראַך־פראַגע וועט ביי אים איבערוועגן ביים באַשטימען זיין באַציונג צו דער יידן־פראַגע און צו איר ציוניסטישער לייזונג. אָבער בלויז צוויי יאָר שפּעטער איז אויף מיר אויסגעפאַלן צו באַגריסן זשיטלאָווסקין אין ניו־יאָרק אין נאָמען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי צו זיין צושטיין, ווי אַ חבר פון דער באַוועגונג.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן געפונען צענטראַלע מענטשן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, און פועלי־ציון האָט דאַן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אַרויסגעבראַכט די פראַגע וועגן צונויפרופן אַ יידישע אַרבעטער־קאָנפערענץ מיטן ציל אויסצואַרבעטן אַ פּראָיעקט פון איין שלום־פּאָרשלאַג, וואָס זאָל אריינגעמען ארץ־ישראל און זאָל דאָך זיין געמיינזאַם פאַר אַלע שטרעמונגען און טיילן. דער לאָזונג איז געווען: אַ נאַציאָנאַלער יידישער אַרבעטער־קאָנגרעס. זשיטלאָווסקיס צושטייער צום געדאַנק פון אַזאַ קאָנגרעס איז געווען אַ גרויסער. קיין אַמעריקע איז דאַן געקומען פּיאָטר (פּנחס) רוטענבערג, וואָס זיין נאָמען איז געווען פאַרבונדן מיט דעם דערשיינען פון דעם רוסישן פּאָפּ גאַפּאָן אין דער באַוווסטער דעמאָנסטראַציע צום צאַרישן פּאַלאַץ אין פּעטערבורג. רוטענבערג איז פאַר דער צייט געוואָרן אַ חוזר בתשובה און האָט זיך דערנענטערט צום יידישן פאָלק. ער האָט זיך אפילו אויסגעקליבן אַ נייעם ביינאָמען: בן־עמי. מיט זיין גאַנצער ענערגיע און אייזערנעם ווילן האָט ער זיך געווידמעט דער טעטיקייט פאַרן קאָנגרעס. קיין רעדנער־קראַפט האָט ער נישט פאַרמאָגט. דערפאַר האָט אָבער זיין בליק פאַרמאָגט דעם כוח, וואָס דרינגט דורך און באַווירקט הערצער, וואָס באַפעלט און באַצווינגט. זשיטלאָווסקי פלעגט באַגלייטן רוטענבערגן אויף אַלע זיינע נסיעות ווי זיין וואָרט־טרעגער.

לאַנגע יאָרן איז זשיטלאָווסקי נישט פאַרבליבן אין דער פועלי־ציון מחנה. מיט דער צייט האָט ער איינגעזען דעם ווערט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און אפילו צוגעהאָלפן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. ער האָט זיך, וואָס אַן אמת, צו איר אָפיציעל נישט אָנגעשלאָסן ווי אַ חבר;

די באַוועגונג האָט אָבער געוווּסט, ווי אויסצונוצן זיין סימפּאַטיע און צו מאָביליזירן זיין השפּעה אויפן שטח פון קולטור.

ער איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער שפּיץ פון דעם „איקוף" און פון דעם וועלט־קאָנגרעס פאַר יידישער קולטור, וואָס איז זיך צונויפ־געקומען אין פּאַריז אין יאָר 1937. אין דער זעלבער צייט האָט זיך זשיטלאָווסקי באַטייליקט אין יעדער פּראָגרעסיווער קולטור־טעטיקייט, אפילו ווען די קאָמוניסטן האָבן קיין חלק אין איר נישט געהאַט און זענען געשטאַנען פון דער ווייטן.

אין יאָר 1924 האָט זשיטלאָווסקי באַזוכט פּוילן. דאָס איז געווען אַ לאַנגער רעפעראַטן־טור, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יום־טוב פאַר די יידישע פאָלקסמאַסן און פאַר דער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור. דאָס איז געווען אַ מעכטיקע דעמאָנסטראַציע פון יידישער גייסטיקער התרוממות, אין וועלכער ס'איז געקומען צום אויסדרוק דער דראַנג פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן צו אַ דערקוויקנדיקן און דערמונטערנדיקן געדאַנק, וואָס גיט אַריין גלויבן אין דער מענטשהייט און אין די אייביקע ווערטן פון דעם אַרבעטנדיקן מענטשן.

„מיינונגען, וועלט־אַנשויונגען, פּלענער — האָט זשיטלאָווסקי געזאָגט אויף דער געזעגן־מסיבה, וואָס איז דאַן פאַר אים איינגעאָרדנט געוואָרן, דריקן אויס דעם אלמענטשלעכן געדאַנק און קאַמף. מיינע סתירות — און אַזעלכע זענען זיכער געווען — זענען דער פּראָדוקט פון פאַרשידענע צייטן און פון פאַרשידענע באַדינגונגען; זיי דרינגען אַרויס פון דעם ווילן אַרויסצובאַקומען דעם אמת, אַמאָל דעם טייל זיינעם, אַמאָל דעם אַנדערן טייל. דאָס זענען אָבער אין דער ווירקלעכקייט בלויז אויסגעדאַכטע סתירות, איידער מען האָט נאָך באַוויזן זיך אין זיי אַריינצוטראַכטן טיפער... כ'האָב געוואָלט און געשטרעבט אַריינצוברענגען אין דער יידישער קולטור דעם פאָרש־גייסט, דעם גייסט פון נישט באַפרידיקטקייט, דעם גייסט פון קעגנזאַצן... פּלענער קענען זיך בייטן און ענדערן. דאָס וויכטיקע און דאָס באַשטימענדיקע איז די באַציונג, דער שטאַנדפּונקט. נישטאָ קיין אַבסאָלוטער אמת".

און שוין דאַן האָט ער פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „כ'וואָלט וועלן, אַז יעדער ייד זאָל קענען זאָגן צו זיך אויף דער עלטער מיט אַ פולן האַרצן: דאָס האָב איך געקענט טאָן, דאָס האָב איך געטאָן. כ'בין דאָך

אַן אַלטער מאַן און כ׳זאָג איצט צו מיין פאָלק: איך בין דיינער און מיינע חלומות זענען דיינע. כ׳האָב געחלומט אַ חלום. מיינע חלומות געפינען זיך אין מיינע שריפטן״.

שוין אַ לאַנגע צייט, ווי זשיטלאָווסקי האָט געהאַט פאַרלאָזן די פּועלי־ציון־באַוועגונג, און דאָך האָט ער אָנגענומען מיין איינלאַדונג צו האַלטן אַ רעפעראַט אינעם לאָקאַל פון דער פּאַרטיי אין וואַרשע. זיין לעקציע איז פאָרגעקומען אין דער באַוווסטער „אַרבעטער־היים״ אויף קאַרמעליצקא 23. דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט, כאָטש אַריינגעיין האָבן געמעגט בלויז חברים און אַקטיווע סימפּאַטיקער. אין מיין אַריינפיר־וואָרט האָב איך אונטערגעשטראָכן די חילוקי דעות, וואָס עקזיסטירן צווישן אונדז און כ׳האָב אַרויסגעהויבן דאָס בשותפותדיקע, באַזונדערס זשיטלאָווסקיס קאָלאָסאַלן צושטייער צום קולטור־אוצר פון אונדזער פאָלק.

די לעקציע (אויב כ׳האָב קיין טעות נישט ,איז זי געווען איבער: רעליגיע, פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט), האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט מיט ריינקייט פון געדאַנק, מיט שאַרפקייט פון אַנאַליז און פאָלקסטימלעכקייט פון שפּראַך. זי האָט געהאַט נאָך אַ מעלה — זי האָט דער „אַרבעטער־היים״ אַריינגעבראַכט אַ מאַטעריעלן ריווח פון גאַנצע 100 דאָלאַר, מחמת זשיטלאָווסקי האָט פאַר איר קיין געצאָלט נישט גענומען, מאַכנדיק דערמיט דעם איינציקן אויסנאַם צווישן אַלע זיינע דעמאָלטיקע רעפעראַטן אין פּוילן.

כ׳האָב זיך אגב דערמאָנט וועגן אַ מעשה, וואָס חברים פון איינער אַ שטאָט אין אַמעריקע האָבן מיר אַמאָל דערציילט: זשיטלאָווסקי איז באַ זיי געווען צום ערשטן מאָל מיט אַ לעקציע. האָבן די חברים איינגע־אָרדנט פאַר אים אַ מסיבה נאָכן רעפעראַט, און ווען זשיטלאָווסקי האָט שוין געהאַלטן באַם געזעגענען זיך, האָט דער אָרגאַניזירער פון אָוונט, פּרובירט אים אַריינשטעקן אין האַנט אַריין די באַלוינונג פאַרן רעפעראַט, אַז קיינער זאָל עס נישט באַמערקן. איז זשיטלאָווסקי אָפּגעשפּרונגען ווי אַן אָפּגעבריטער: וואָס גיט איר מיר עפּעס אַ מתן בסתר? ווען איר גייט אַריין אין אַ ביכער־קראָם קויפן מיינס אַ בוך, באַצאָלט איר דען נישט אָפענערהייט? פונקט אַזוי באַצאָלט איר נישט באַהאַלטענערהייט דעם שוסטער און דעם שניידער. פאַרוואָס־זשע זאָלט איר האַנדלען אַנדערש מיט אַ לעקטאָר, וואָס ברענגט פאַר אייך די פּרוכט פון זיין גייסטיקער אַרבעט?...

כ׳בין געהאַט געקומען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אין שליחות פון „ציש״אָ״ אין פּוילן. די פאַרשטייער פון „בונד״ אין דער „ציש״אָ״ זענען געווען קעגן דעם מ׳זאָל יענעם מאָל שיקן אַ „ציש״אָ״־דעלעגאַציע קיין אַמעריקע, היות ווי אַהין איז שוין געהאַט אַרויסגעפאָרן אַ בונדישע דעלעגאַציע דורכצופירן אַ זאַמלונג פאַרן „בונד״. די מענטשן פון „אַרבעטער־רינג״ האָבן, לויט די אָנווייזונגען פון „בונד״, געשיקט בריוו קיין וואַרשע, מען זאָל אָפּלייגן דאָס אַרויספאָרן פון דער „ציש״אָ״־דעלעגאַציע. די מערהייט אָבער פון דער „ציש״אָ״־אָנפירונג האָט דאָך באַשלאָסן, אַז די דעלעגאַציע זאָל אַרויסגעשיקט ווערן. מיין טענה איז געווען ,אַז אין אַמעריקע לעבט מען נישט בלויז פונעם „אַרבעטער־רינג״. אויב דער „אַרבעטער־רינג״ וועט זיך אָפּזאָגן צו העלפן אונדזער דעלעגאַציע, וועלן מיר געפינען הילף און שטיצע באַ די צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער און אויך באַ די יידישע שרייבער און באַ דער יידישער אינטעליגענץ אין אַמעריקע, וואָס זענען טריי געבליבן דער יידישער קולטור און וואַרטן נישט אויף אָנווייזונגען פון „בונד״ און פון „אַרבעטער־רינג״. פון אַלע חברים, וואָס זענען אויסגעוויילט געוואָרן אין דער דעלעגאַציע, בין איך געבליבן דער איינציקער, וואָס האָט מסכים געווען צו גיין קעגן דעם פּראָ־בונדישן שטראָם. און אַזוי איז אויסגעקומען, אַז כ׳בין געצוווּנגען געוואָרן אין אַמעריקע איינער אַליין דורכצופירן אַן אַקציע פאַר די יידישע שולן אין פּוילן. דער ערשטער, וואָס האָט זיך געשטעלט באַ מיין זייט און מיר געהאָלפן ,איז געווען ד״ר זשיטלאָווסקי, וואָס האָט מסכים געווען אָנצונעמען דעם פאָרזיץ פון דעם קאָמיטעט ,וועלכער איז געשאַפן געוואָרן פאַר דער אַקציע. ווי גליקלעך איז ער געווען, ווען ער האָט, אַ פּאָר חדשים שפּעטער, געקענט מעלדן אויף דער אָפּשלוס־מסיבה, אַז די אַקציע איז געלונגען אין אַלע פּרטים!

די לעצטע יאָרן האָט ער זיך וואָס אַמאָל מער דערווייטערט פון די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע קרייזן צוליב זייערע חילוקי־דעות מיט די קאָמוניסטן און זייער נעגאַטיווער באַציִונג צום ראַטנפאַרבאַנד. אַזוי אַרום איז דער קרייז פון זיינע מקורבים געוואָרן אַלץ אַן ענגערער און אַ באַגרענעצטער ; האָבן דאָך אויך די קאָמוניסטן אים נישט אָנגענומען אינגאַנצן, אַזוי ווי ער איז, צוליב זיין אַנטי־מאַרקסיזם.

גערעכט איז געווען זשיטלאָווסקי, ווען ער האָט הונדערט און איין מאָל דערקלערט, אַז ער איז נישט קיין פּאַרטייאישער; ער זעט דאָס פּאָזיטיווע, וואָס שטעקט אין יעדער פּאַרטיי, וועלכע איז טעטיק אויף דער יידישער גאַס. ער האָט אָבער אויך געזען דאָס נעגאַטיווע אין זיי אַלע. דעריבער איז ער גרייט צוצוהעלפן צו יעדער פּאָזיטיווער אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן אין הסכם מיט די פּרינציפּן, וואָס זענען פאַר אים געווען הייליק זיין גאַנץ לעבן: די זעלבשטענדיקייט פון יידישן פאָלק (מיר זענען נישט 4 פּראָצענט פון אַנדערע, נייערט גאַנצע 100 פּראָצענט פון אונדז אַליין); סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם זענען נישט קיין קעגנזאַצן, און ס'איז נישטאָ קיין שום סתירה צווישן זיי. ס'עקזיסטירט אַ יידן־פראַגע, ס'עקזיסטירט אַ יידישער אַרבעטער־קלאַס, ס'איז פאַראַן אַ יידישע אַרבעטער־באַוועגונג און פאַראַן אויך אַ יידישער סאָציאַליזם. אונדזער חוב איז זיך צו באַטייליקן ווי אַ יידיש פאָלק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג .דערפאַר דאַרפן מיר אָנטיילנעמען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ווי אַ יידישער אַרבעטער־קלאַס. מיין איבערצייגונג איז, אַז מען דאַרף פאַרפעסטיקן דאָס לעבן פון יידישן פאָלק אויף יסודות פון אַרבעט און וויסנשאַפט.

די יידישע אינטעליגענץ געהערט צום יידישן פאָלק, דעריבער מוזן מיר באַקעמפן אומברחמנותדיק די אַסימילאַציע. די יידן מוזן אין אַלע זייערע ווין־לענדער קעמפן נישט נאָר פאַר בירגערלעכע, נאָר אויך פאַר נאַציאָנאַלע רעכט.

זשיטלאָווסקי איז פאַרבליבן געטריי צום עיקרדיקן לאָזונג פון זיין רעפעראַט: „ייד און מענטש". יידישקייט און מענטשלעכקייט זענען זיך איינס דאָס צווייטע נישט סותר, פאַרקערט, זיי דערגאַנצן איינס דאָס צווייטע. וואָס מער ייד דו ביסט, אַלץ מער מענטש ביסטו, און פאַרקערט: וואָס מער דו ביסט געטריי דער מענטשלעכער ווערדע אין דיר, אַלץ מער ביסטו טריי דעם יידן אין דיר. אַנטקעגן דעם לאָזונג פון די משכילים: היה יהודי באהלך ואדם בצאתך (זיי אַ ייד אין דיין געצעלט און אַ מענטש אין דרויסן), האָט זשיטלאָווסקי געקעמפט פאַר אַ נייעם לאָזונג: זיי אַ מענטש אויך ביי דיר אין געצעלט און זיי אַ ייד אויך אין דרויסן.

ער אַליין, זשיטלאָווסקי, איז געווען דער סימבאָל פון דעם נייעם

יידן, וואָס קעמפט פאַר די ווערטן פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט אין דער היים פון דער זיך באַנייענדיקער יידישער ווירקלעכקייט.

זשיטלאָווסקי האָט פאַרמאָגט אַ סך אַנהענגער און פאַרערער. ער האָט אָבער נישט אויפגעשטעלט קיין שום באַוועגונג און איז נישט געשטאַנען בראש פון קיין שום אָרגאַניזאַציע פון פאַרווירקלעכער. גרויס איז געווען זיין כוח אין לאָגישן דענקען, אָבער די לאָגיק האָט נישט שטענדיק גענומען אין חשבון די ווירקלעכקייט, וואָס אירע דרכים און טאַטן זענען פון צייט צו צייט „אומלאָגיש". זיין נאָמען איז אים פאָרויסגעגאַנגען. ער האָט אָבער קיין כוח נישט געהאַט איינצושפּאַנען אין רייטוואָגן פון זיין הלכה די מענטשן פון מעשים. ער אַליין האָט זיך נישט געקענט איינשפּאַנען אין טעגלעכער פּאַרטיי־טעטיקייט און זיך ווידמען דער נויטיקער גרויער פּשוטער אַרבעט פון קלייבן ציגל און שלעפּן קלעצער. אים האָט זיך געגלוסט דער סוף מעשה במחשבה תחילה. ער איז נאָכגעגאַנגען ווי אַ געפאַנגענער נאָך דער לאָגיק, און דאָס איז געווען פאַר אים פאַטאַל. אַלע האָבן דורשטיקע געטרונקען זיינע רייד, אָבער קיינער האָט זיך נישט אויפגעפירט לויט זיין שולחן ערוך. און זיין סוף איז געווען, אַז ער איז פאַרבליבן אַ פאַרלאָזענער און איינזאַמער אין דער ברוינזנדיקער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער מחנה; אַ געפאַנגענער באַ די קאָמוניסטישע קרייזן, וואָס פאַר זיי איז געווען באַקוועם זיך צו האַלטן באַ זיין נאָמען, אָבער וואָס האָבן אויך אין אים נישט געזען קיין פירער.

אין יאָר 1912 האָט דער גריגאָרי גרשוני־בראַנטש פון „אַרבעטער־רינג" געפייערט זשיטלאָווסקיס 25־טן יובילײ. עס זענען פאַרבעטן געוואָרן און געקומען צו דער פייערונג פאַרשטייער פון פאַרשידענע פּאַרטייען, פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן ביז פּועלי־ציון; יעדער פון די רעדנער האָט אַרויסגעבראַכט דאָס, וואָס איז שותפותדיק פאַר זיין פּאַרטיי און זשיטלאָווסקין, און האָט אונטערגעשטראָכן דעם „אָפּנויג" פון דעם יובילאַר, וואָס ווען נישט ער, וואָלט זשיטלאָווסקי געווען אינגאַנצן אַן „אונדזעריקער".

צום סוף האָט זשיטלאָווסקי אין זיין ענטפער־רעדע געזאָגט: רבותי, איר אַלע קענט מיך, ווי אַן „אייעריקן", און בלויז מיין „אָפּנויג" געפעלט אייך נישט. הערט־זשע אַ מעשה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן. און זשיטלאָווסקי

האָט געבראַכט די מעשה מיטן ציגנבאָק, וועלכע איז שפּעטער געווען זייער אָנגענומען אין אַמעריקע.

אין אַ שטעטל איז געקומען אַ מגיד. איז ער, בין מנחה למעריב, געשטאַנען אויפן באַלעמער אין בית־מדרש און געדרשנט. יידן, פאַרהאָרע־ווּעטע, פאַרשמאַיעטע, זענען אַריין אין בית־מדרש, אָפּגעכאַפּט מנחה, אויסגעשפּיגן צו „עלינו" און צוריק אין גאַס. באַמערקט דער מגיד, ווי איינער שטייט אַ צוגעשמידטער צום אָרט אַקעגנאיבער און עסט זיך ממש איין אין אים מיט די אויגן, נישט אָפּצורייסן אויף אַ רגע. יעדע ווײַלע שאָקלט ער מיטן קאָפּ אויף יאָ, נאָר אין מיטן דערינען גיט ער אַ צוק מיט די אַקסלען אויף ניין. אָטאָ יאָ, און אָט — ניין. איז דער בעל־דרשער געווען זייער טשעקאַווע אויפן דאָזיקן פאַרשוין, און ווי נאָר ער האָט געענדיקט די דרשה, איז ער אַראָפּגעלאָפן צו יענעם ייד: זאָגט מיר, כ'בעט אייך, וואָס אַזוינס האָט איר נישט געקאָנט פאַרדייען אין מיין דרשה, וואָס איר האָט זיך אָפּגעטרייסלט און געצוקט מיט די אַקסלען, ווי איר זענט זיך מתיאש אינגאַנצן? איך האָב דאָך געזען, אַז איר האָט זיך באמת איינגעהערט און ס'רוב אפילו צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, משמעות, איר זענט מסכים. טאָ זאָגט מיר, כ'בעט אייך, מיט וואָס זענט איר נישט מסכים, כ'בין מוכן ומזומן אייך מסביר זיין די שטעל. אדרבא!...

רופט זיך אָפּ יענער: מיסטער מגיד, איר זענט, נעבעך, אין אַ גרויסן טעות. איך האָב נישט אָנגעהויבן צו הערן אייער דרשה. ס'קריכן מיר איצט נישט אין קאָפּ קיין דרשות. אַ גרויס אומגליק, לא עליכם, האָט מיך געטראָפן — מ'האָט באַ מיר צוגעגנבעט מיין ציגנבאָק. לויף איך אַרום אַ גאַנצן טאָג, ווו די שטאָט האָט אַן עק, און זוך מיין תכשיט. נישטאָ־ווי אין וואָסער אַריין. דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט מנחה־צייט. בין איך אַריין אין בית־מדרש. פון דאַווענען איז מען דאָך נישט פּטור. שטיי איך אַזוי און דאַוון אין געהאַקטע צרות. כ'הער, איר דבּרט. הויב איך אויף דעם קאָפּ, גלאָט אַזוי, אַ קוק טאָן, ווער דרשנט דאָרטן? ערשט: טאַטעניו, פאָטער אין הימל: ס'איז דאָך ער, מיין ציגנבאָק. אַ האָר זאָל עס פעלן .ווי אַ טראָפּן וואַסער. דאָס בערדל, דאָס קולעכל... שאָקל איך מיטן קאָפּ: יאָ, ס'איז מיינער. גיט איר זיך פּלוצים אַ דריי־אום מיטן פּראָפיל צו מיר — ניין, זאָג איך מיר, ס'איז נישט מיין ציגנבאָק.

אַ טעות. גיט איר זיך אַ כאַפּ צוריק און שטעלט זיך ווידער אַן־פּאַס — בין איך קאַפּאַבל צו שווערן באַם ארון־קודש, אַז ס׳איז פּאַרט מיינער. פֿאַלט אייך איין אַ דריי־טאָן זיך אין פּראָפּיל, און כ׳בין ווידער אַ דערשלאָגענער: כ׳צוק מיט די אַקסלען — ס׳הויבט זיך נישט אָן, קיין דמיון, ס׳איז נישט מיין ציגנבאַק...

דער נמשל איז געווען קלאָר. רבותי, האָט זשיטלאָווסקי אויסגעפירט, איר האָט געהאַט אַ טעות אין פּשט. יעדער איינער פון אייך האָט מיך אָנגענומען פאַר זיין ציגנבאַק. נאָר דער פּראָפיל מיינער טויג נישט. דערקלער איך אייך בפני כל עם ועדה, אַז ניין, איך בין נישט אייער ציגנבאַק, קיינעמס נישט.

דער עולם האָט געקייכט פון געלעכטער. דער משל — אַ פיינער! דער נמשל — אַ געלונגענער. אָבער פאַר זיך האָבן פועלי־ציון געטראַכט: ביסט פאָרט אונדזערער, זאָלסט נאָר שטיין אַן־פּאַס, און נישט „מיטן פּראָפיל״, צום יידישן לעבן.

זשיטלאָווסקי האָט דערקלערט: כ׳געהער צו זיך אַליין. נעמט מיך־אָן, ווי איך בין, אַזוי, מיטן אַן־פּאַס, אַזוי מיטן פּראָפּיל מיינעם.

און מ׳האָט אים נישט אָנגענומען.

דער מענטש, וואָס האָט זיין גלייכן נישט געהאַט אין פרט פון פּאָפּולערקייט, איז געשטאָרבן גאָר נישט לאַנג צוריק, און שוין געדענקט מען אים נישט מער. דער יונגער דור קען אפילו זיין נאָמען נישט. ער האָט געשריבן אַ סך ספרים, געהאַלטן טויזנטער פאָרלעזונגען, זוכה געווען צו אַ סך כבוד און פאַרערונג, און האָט נישט באַוויזן אויפצושטעלן קיין איין לעבנס־ווערק, וואָס אויך אַנדערע זאָלן דאַרפן פאַרזעצן צו זיין רום און גרויסקייט.

ש. אַנ־סקי

דעם 9טן יאַנואַר 1910, בעת מען האָט אין פּעטערבורג געפּייערט ש. אַנ־סקיס יובל פון 25־יאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט, האָט אַנ־סקי געענטפערט אויף די באַגריסונגען מיט אַ כאַראַקטעריסטישער אינטימער רעדע. ער האָט געזאָגט:

„...שווער איז דער גורל פון אַ שרייבער בכלל, אָבער באַזונדערס שווער איז דער גורל פון אַ יידן אַ שרייבער. זיין שרייבן איז צעריסן. ער לעבט אויף צוויי גאַסן, מיט דריי שפּראַכן. לעבן אויף אַזאַ מין „גרע־נעץ" איז אַן אומגליק, און דאָס גראַד איז מיר אויסגעקומען איבערצוטראָגן. מיט 25 יאָר צוריק ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אין דער ליטעראַטור, האָט זיך אין מיר אויפגעוועקט די שטרעבונג צו אַרבעטן לטובת די געדריקטע, פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן, און עס האָט זיך מיר דעמאָלט געדוכט, — און דאָס איז געווען מיין טעות — אַז צווישן יידן וועל איך זיי נישט געפינען. איך האָב געהאַלטן, אַז ס'איז אוממעגלעך צו שטיין מן הצד פון פּאָליטיק, און ווידער האָב איך ביי יידן נישט גע־פונען קיין פּאָליטישע שטרעמונגען. טראַגנדיק אין זיך אַן אייביקע שטרע־בונג צום יידנטום, האָב איך זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן און בין אַוועק אַרבעטן צו אַן אַנדער פאָלק. מיין לעבן איז געוואָרן צעבראָכן, צעשפּאָלטן, צעריסן.

אַ סך יאָרן זענען אַוועק ביי מיר אויף דער דאָזיקער „גרענעץ", אויף דער מחיצה צווישן דיביידע גאַסן, — און דעריבער בעט איך, פון דעם 25־יאָריקן סך־הכל פון מיין ליטעראַרישער אַרבעט אויסשניידן 16 יאָר. אָבער אויך אָט די צייט, וואָס איז געווען געווידמעט ליטעראַטור, איז נישט אַוועק פאַר מיר אומזיסט. עס לעבט אין מיר די האָפענונג, אַז עס וועלן פאַרשווינדן די איצטיקע פינצטערע צייטן, ווייל דאָס רוסישע פאָלק האָט נישט אין זיך קיין שינאה צו יידן. מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָבן יידן געלעבט אין זייער לאַנד. מיר האָבן עס אָנגעוואָרן. יידן האָבן זיך געשאַפן

אַ צודעק פון דינים און מינהגים. מיר האָבן דאָס אויך אָנגעוואָרן. און איצט מוזן מיר בײַ זיך אין האַרצן באַשאַפן עפּעס פעסטס, וואָס זאָל אונדז געבן די מעגלעכקייט צו לעבן אַלס אומה, אַלס פאָלק. איצט איז בײַ אונדז אַנדערש, ווי דאַן, ווען איך האָב אָנגעשריבן מײַן ערשטע דערציילונג. מיר האָבן הן קולטורעלע, הן פּאָליטישע שטרעמונגען והן אַ ליטעראַטור".

די דאָזיקע רעדע איז באמת, ווי אייניקע האָבן בשעתו באַצייכנט, אַן אויפריכטיקער וידוי פון אַ שרײַבער, אַן עסקן, וואָס האָט זיך ערלעך מיט לײַב און לעבן אָפּגעגעבן דער טעטיקייט צווישן אַן אַנדער פאָלק און זיך שפּעטער געכאַפּט, אַז ער האָט פאַרנאַכלעסיקט דאָס אייגענע פאָלק, וואָס נייטיקט זיך אַ סך מער אין אָט דער הילף פון דער אייגענער אינטע־ליגענץ; זי כאַראַקטעריזירט צום בעסטן דעם פּסיכישן איבערבראָך, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַנ־סקין.

געבאָרן אין יאָר 1863 אין אַן אומפאַרמעגלעכער יידישער משפּחה אין אַ יידישער שטאָט וויטעבסק, איז ער אין דער פריסטער יוגנט דער־ווײַטערט געוואָרן פון יידישן לעבן און פון יידישער סביבה. עס זענען גראָד געווען די יאָרן, ווען אין צאַרישן רוסלאַנד האָט אויפגעשפּראָצט און זיך פונאַנדערגעבליט די ראַדיקאַלע, דערנאָך בפירוש סאָציאַליסטישע באַוועגונג. די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען האָבן זיך אַרײַנגעריסן אויך אין דער יידישער גאַס, און ווי אַנ־סקי אַליין זאָגט עדות, האָט ער נישט געזען אַרום זיך בײַ יידן דעם באָדן און די ראַם פאַר פּאָליטישער טעטיקייט. ער האָט זיך דערנענטערט צו די רוסישע פּויערים און אַרבעטער, זיך אויס־געלערנט ספּעציעל אַ פאַך, אײַנבינדערײַ... כדי אַליין צו זײַן צווישן די געדריקטע און עקספּלואַטירטע. ער איז „געגאַנגען אין פאָלק", ווי אַ גרוי־סער טייל פון דער רוסישער אינטעליגענץ, וואָס האָט געוואָלט אויף אַזאַ אויפן אויסקויפן אירע זינד לגבי דעם פאָלק.

זײַן ערשטע ליטעראַרישע אַרבעט פאַרעפנטלעכט ער אין יאָר 1884 אין רוסיש „די געשיכטע פון איין פאַמיליע".

אין יאָר 1892 פאָרט אַנ־סקי אַרויס אין אויסלאַנד, אין בערלין, בערן, פּאַריז, ווו ער באַקענט זיך מיטן לעבן פון די אַרבעטער. אין יענער צײַט באַקענט ער זיך מיט שריפטשטעלער און אַרבעטער־טוערס, סײַ פּאָליטישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד און סײַ רעוואָלוציאָנערע טוערס פון אַנדערע פעל־קער. ביז גאָר אינטערעסאַנט איז ווי דער באַרימטער דײַטשער אַנאַרכיסט

רודאָלף ראָקער באַשרייבט זיינע באַגעגענישן מיט אַנ־סקין אין פּאַריז. אַנ־סקי איז דעמאָלט אַלט געווען 30 יאָר, ראָקער — 20. אויך ראָקער האָט זיך אויסגעלערנט אַ פּאַך — איינבינדעריי. „איינער פון די אויסער־געוויינטלעכע מענטשן צווישן די יידישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס מיט זיי האָב האָב איך זיך באַקענט דעמאָלט, שרייבט ראָקער, איז געווען דער יידיש־רוסישער שרייבער ש. ראַפּאָפּאָרט (דער אמתער נאָמען פון ש. אַנ־סקי.)... דער שטילער, מאָגערער יונגערמאַן מיטן שמאָלן פּנים און פאַר־חלומטע, אַ ביסל מעלאַנכאָלישע אויגן, האָט זיך ווינציק באַטייליקט אין אַלגעמיינעם שמועס. ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן און אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס אַנדערע זאָגן". און ווייטער. „מיין פריינד ראַפּאָפּאָרט איז געווען זייער אַ באַגאַבטער מענטש. אָבער זיין ממש ריינדיקע באַשיידנקייט האָט אים געשטערט זיך אַרויסצורוקן אויף דעם חשובן אָרט אין לעבן, וואָס ער איז ווערט געווען צו פאַרנעמען. ער האָט דעמאָלט געלעבט אין גרויס דחקות... זיין ענוות און נייגונג זיך צופרידנ־שטעלן מיטן ווינציקסטן האָט גאָרנישט געהאַט קיין גרענעצן. איך בין זיכער, אַז ער האָט דעמאָלט געלעבט מיט אַ שטיקל ברויט מיט טיי, כאָטש ער אַליין האָט וועגן דעם קיין מאָל נישט גערעדט".

אַנ־סקי האָט שטאַרק געליבט דאָס רוסישע פאָלק אין זיינע שמועסן מיט ראָקערן. „אין רוסלאַנד לעבט דער סאָציאַלער גייסט, דער וויכטיקס־טער פאַרבאַדינג פאַר אַ סאָציאַלער איבערקערעניש. ער נייטיקט זיך בלויז אין רעוואָלוציאָנערן שטויס, און די רוסישע איבערקערעניש וועט מיט אירע צילן איבערשטייגן די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע". אין דער זעלבער צייט האָט אַנ־סקי זיך באַצויגן זייער סקעפּטיש צו דער אַזוי געריפענער דייטשער גרינטלעכקייט... ער האָט געהאַט עפּעס אַ מין גע־היימע מורא פאַר אָט דער גרינטלעכקייט. אין זייער אייפער אַלץ אַריינ־צופרעסן אין אַ באַשטימטער סכעמע, האָבן די דייטשן, לויט אַנ־סקין, אַלץ מער פאַרלאָרן דעם מענטש גופא. דער מענטש איז נישט בנמצא אין אַלע זייערע באַטראַכטונגען און ספּעקולאַציעס. זיי זענען אַרויף אויף קרומע וועגן, האָט אַנ־סקי געהאַלטן, דאָס וועט מוזן דערפירן צו שלעכטע רע־זולטאַטן, צו פיל פּלאַנמעסיקייט האָט געמוזט, לויט אַנ־סקין, צעשטערן די מענטשלעכע נשמה און יעדן סאָציאַלן גלייכגעוויכט. שוין אין יענע יאָרן האָט אַנ־סקי געטענהט, אַז „די דייטשן פעלט די ווידערשטאַנדס־קראַפט

צו קאָנען אויפשטעלן אַ ווירקנדיקן כוח קעגן די שטרעבונגען פון זייער רעגירנדיקער קאַסטע. זיי האָבן אַן איבערמאָסיקן באַגריף וועגן געזעצלעכקייט, און דאָס פאַרנעפּלט פאַרן דייטשן פאָלק אַלע פּערספּעקטיוון"...

פון 1894 ביז 1900 איז אַנ־סקי געווען דער פּריוואַט־סעקרעטאַר פון דעם רוסישן סאָציאַליסטישן גייסטיקן מנהיג פּיאָטר לאַווראָוו. אין יענער צייט שרייבט אַנ־סקי עטלעכע רעוואָלוציאָנערע איינאַקטערס, וואָס ווערן אויפגעפירט אין די אומלעגאַלע קרייזן, ווי „אין אַ קאָנספּיראַטיווער דירה", „פאָטער און זון". ער טרעפט זיך אַלץ אָפטער מיט זיין יוגנט־חבר, ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, וועלכער האַלט רעפעראַטן אין די קאָלאָניעס פון די יידישע סטודענטן, און אַנ־סקי הייבט זיך אָן דערנענטערן צו יידישע טעמעס און צו דער יידישער אינטערעסן־ספערע. ער גייט אַריבער צו יידיש. זיין פעדער געהערט דאָס ליד „די שבועה", וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן ווי דער הימען פון דער ערשטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אויף דער יידישער גאַס, דער „בונד". שפּעטער האָט ער אָנגעשריבן נאָך אַ ליד, וואָס איז געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער צווישן רעוואָלוציאָנערע יידישע קרייזן „אין זאַלציקן ים". אַגב, אין אָט דעם ליד איז געווען אַזאַ סטראָפע: משיח און יידנטום זענען ביידע געשטאָרבן, אַ נייער משיח קומט אָן — דער יידישער אַרבעטער, גבֿירישער קרבן, הייבט אויף פון פרייהייט די פאָן.

מ'האָט געשמועסט, אַז אין די שפּעטערע יאָרן האָט אַנסקי עפּנטלעך אויסגעדריקט זיין חרטה אויף אָט דער סטראָפע.

דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער, זלמן זילבערצווייג, דערציילט, אַז די פּיעסע „אין אַ קאָנספּיראַטיווער דירה" איז אויפגעפירט געוואָרן דורך דער רוסישער סאָציאַליסטישער קאָלאָניע אויף איר יערלעכן באַל אין בערן (שווייץ). די הויפּטראָלן האָט געשפּילט חיים זשיטלאָווסקי (אַגענט פון אָכראַנקע) און וויקטאָר טשערנאָוו (שפּיאָן פון דער זשאַנדאַרמעריע).

נאָך דעם מאַניפעסט פון 1905 קערט זיך אום אַנ־סקי קיין רוסלאַנד, ווו ער באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דער אַרבעט פון דער פּאַרטיי ס. ר. (סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן). געוויס איז אויך דאָ געווען די השפּעה פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, איינער פון די וואָס האָבן פאָרמולירט די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי און אויך אַריינגעבראַכט אַ פּונקט וועגן אַ פּאָזיטיווער באַציונג צו נאַציאָנאַלע פאָדערונגען.

זיין לאַנגיעריקע טעטיקייט צווישן די רוסישע פאָלקסמאַסן האָט איצט

געפונען איר נאַטירלעכן המשך אויף דער יידישער גאַס. אַנ־סקי וואַרפט זיך אַריין מיט אַ זעלטענער התמדה אין דער זאַמלונג־אַרבעט פון יידישן פאָלקלאָר. ער האָט פריער באַוויזן אַרויסצוגעבן ביכער וועגן רוסישן פאָלקלאָר, וועגן פאָלקסווערטלעך און לעגענדעס, וואָס צירקולירן צווישן פשוטן פאָלק. זיי האָבן באַקומען אַ גוטן אָפּרוף אין דער ליטעראַטור און זיין נאָמען איז געוואָרן פּאָפּולער. איצט באַטייליקט זיך אַנ־סקי אין אַ וויסנשאַפטלעכער עקספּעדיציע פון דער יידישער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט, באַזוכט קנאַפּע 70 פּונקטן אין וואָלין און פּאָדאָליע, ווו ער, צוזאַמען מיטן מוזיקער יואל ענגעל און אייניעם פּודאָווין, זאַמלען רייכע קאָלעקציעס פון אַנטיק־חפצים און כתבי־ידן, לעגענדעס, פאָלקס־מעשיות, לידער, ניגונים אד״גל.

עס רוקט זיך אָן די ערשטע וועלט־מלחמה, דער יידישער תחום־המושב געפינט זיך אונטערן פייער, און אַנ־סקי שפּאַנט זיך איין אין דער הילפסאַרבעט פאַר די מלחמה קרבנות. ער דערגרייכט גאַליציע, און ווי ש. ל. ציטראָן דערציילט, האָט ער געהערט פון אַנ־סקין, אַז די אידעע וועגן „דיבוק״ איז צו אים געקומען אין 1914 אין גאָרליצער בית־מדרש. די ערשטע צוויי אַקטן האָט ער געשריבן אין גאַליציע, די צוויי לעצטע אַקטן — אין מאָסקווע.

אַז מ׳באַקענט זיך מיט אַנ־סקיס וואַנדער־לעבן איבער יידישע שטעט און שטעטלעך און מ׳נעמט אין אַכט זיין ספּעציעלן אינטערעס צום פאָלקס־שאַפן, זיין אומדערמידלעכע זאַמלונג־אַרבעט פון לעגענדעס און ניגונים, אויפגענומען פון פאָלקסמויל און נישט ערגעץ פון טעאַטער־בינעס אָדער רעדנער־טריבונעס, איז לייכט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי אין זיין מוח האָט זיך געגומען וועבן דער תוכן פון דער פּיעסע „דער דיבוק״, וואָס האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזן ביז ער האָט זי אָנגעשריבן, אַגב, צו ערשט אויף רוסיש.

ס׳איז אין אַנ־סקין אַריין אַ דיבוק. ער איז געווען זייער אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער איז אַרויסגעטראָטן מיט רעפעראַטן אין צענד־ליקער שטעט. זיינע מיטצייטלערס זאָגן עדות, אַז אַנ־סקי איז געווען אַן אויסגעצייכנטער רעדנער. ער האָט פאַרמאָגט אַן אויפריכטיקן טאָן, אַ בילד־לעכע שפּראַך און גוטע באַהאַוונטקייט אין דער טעמע, וואָס ער האָט באַהאַנדלט. זיין פיגור, די געשטאַלט אַליין האָט אימפּאָנירט און געוועקט

צוטרוי. אַ הויכער מיט אַן עטוואָס געבויגענער פּלייצע, ווי ס׳וואָלט אויף איר געדריקט די משא פון איבערגעלעבטע געשעענישן, אויגן יונגע, בליצנדיקע, האָט ער געהאַט דערפאָלג און זיינע רעפעראַטן האָבן אומעטום געצויגן אַ גרויסן עולם צוהערערס.

משה שאַליט ברענגט אין עטלעכע אַרטיקלען פון נאָענטן עבר (באַנד 3 און 4) אויסשניטן פון רעצענזיעס איבער אַנ־סקיס אַרויסטרעטונגען אין פּעטערבורג, אָדעס, קיִעוו און אַנדערע שטעט. כאַראַקטעריסטיש זענען די טעמעס, וואָס אַנ־סקי האָט באַהאַנדלט אין זיינע רעפעראַטן: וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די שפּראַכן אין דער יידישער ליטעראַטור; געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן אין דער יידישער פאָלקסשאַפונג; וועגן מענדעלע מוכר ספרים; די יסודות און כאַראַקטער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור; פאָלקס־ליטעראַטור און דער לייענער פון פאָלק; די יידישע ליטעראַטור און אירע פּערספּעקטיוון; וועגן יידישן פאָלקסליד; וועגן דער יידישער פאָלקסמוזיק; פּאַטערלענדישע מלחמה און די יידן; לעגענדעס און אגדות פון די יידן אין דרום־מערב געגנט; די רעאַלע און מיסטישע יסודות פון יידישער משיחות; די יידישע פאָלקסשאַפונג (מעשהלעך פון אומשטערבלעכן גייסט); וועגן מצב פון יידישן טעאַטער; די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פון יידנטום (וועגן לעגיאָן פאַר ארץ־ישראל); טעאַטער פאַרן געריכט פון דער רעוואָלוציע.

אַנ־סקי האָט דורכויס געוואָלט זען דעם „דיבוק" אויפגעפירט אויף דער סצענע. ער האָט די פּיעסע פאַרגעלייענט פאַר אַ געקליבענעם עולם פון שרייבערס, געזעלשאַפטלעכע־און טעאַטער־טוערס, אַרטיסטן, ביי יעדער געלעגנהייט. אויף זיין ווענדונג האָט ביאַליק איבערגעזעצט די פּיעסע אויף העברעיִש און זי פאַרעפנטלעכט אין פרישמאַנס התקופה. אַנ־סקי האָט דורכויס געוואָלט, אַז די פּיעסע זאָל אויפגעפירט ווערן דורך סטאַניסלאַווסקיס קונסט־טעאַטער („כודאָזשעסטווענע טעאַטער"). אין זיינעם אַ בריוו צו זשיטלאָווסקין (30סטער נאָוועמבער 1920) שרייבט אַנ־סקי, אַז סטאַניסלאַווסקי האָט געהאַט אויפגענומען די פּיעסע פאַרן „כודאָזשעסטווענע טעאַטער" און בעת מעשה געזאָלט זאָגן, אַז „די מיסטיק" פון דער פּיעסע איז אָריגינעלער ווי די מיסטיק פון מעטערלינקס פּיעסן. דער דיכטער פיאָדאָר סאָלאָגוב האָט געשריבן, „איר אויפנעם וועט זיין אַ קריטעריום פאַרן פּובליקום. ווען מען זי גוט אויפנעמען, הייסט עס, אַז דאָס פּובליקום איז

דערוואַקסן צו דער קונסט, צו דער ריכטיקער און איינציקער פון סצעני־שער קונסט־מיסטעריע".

עס איז דורכויס כדאי צו לייענען, וואָס אַנ־סקי גופא האָט געשריבן צו זשיטלאָווסקין וועגן דעם „דיבוק".

„די פּיעסע איז, פאַרשטייט זיך, אַ רעאַליסטישע וועגן מיסטיקער. דער איינציקער נישט־רעאַלער שטריך אין איר איז — נישט לאהס רייד און וויזיעס, נאָר דער משולח. אים האָב איך אָמיסנע געשילדערט מיט מיסטישע שטריכן. אַריינגעפירט האָב איך אים לויט דער עצה, ריכטיקער, לויט דער פאָדערונג, פון סטאַניסלאַווסקין, און אַריינפירנדיק אים, האָב איך שוין ממילא פאַרברייטערט די אידעע פון דעם ווערק. געשטעלט איבער דער טעמע פון „הנאהבים והנעימים" נאָך איין עטאַזש, אַ העכערן.

אין דער גאַנצער פּיעסע גייט אַ קאַמף צווישן אינדיוויד און קאָלעק־טיוו. ריכטיקער — צווישן דער שטרעבונג צום אינדיווידועלן גליק און דער אָפּהיטונג פון קיום הלאומי. חנן־לאה רייסן זיך צו זייער פּערזענלעכן גליק. דער צדיק טראַכט נאָר וועגן דעם, עס זאָל נישט פאַרוועלקן דער צווייג פון אייביקן בוים פון הויז יעקב. ווער פון זיי איז גערעכט?

פון זיין ערשטן אַרויסטריט אַנטקעגן לאה־חנן, הייבט אָן דער צדיק איבערצייגן זיך, אַז די ציונג פון דיביידע נשמות (שטרעבונג צום אינ־דיווידועלן גליק) איז נישט קיין זאַך פון פּריצות־עול, פון שרירות־לב, נאָר האָט טיפע וואָרצלען. ווייזט זיך אַרויס, אַז אין הויכע היכלות איז עס אָנגענומען געוואָרן. חננען האָט געצויגן אַ העכערער כוח. און אַז דער צדיק קאָן פון זיין וועג נישט אָפּטרעטן. סוף כל סוף זענען מנצח חנן־לאה. אָבער איז דער צדיק אומגערעכט?

דאָ קומט דער משולח פון העכערן עולם. פון יענעם עולם, וואָס שמעלצט צונויף אין זיין פּלאַם די העכסטע בערגשפּיצן מיט די טיפסטע טאָלן. פאַר אים זענען ביידע, אי חנן־לאה, אי דער צדיק גערעכט, און נאָך מער באַרעכטיקט אין זייער קאַמף. דער משולח האַלט זיך ביים צדיק, ריכטיקער, האַלט אים פאַר די לייצעס, און אין דעם מאָמענט פון העכסטן קאַמף, אַז דער צדיק שרייט אויס זיין חרם און ביי חננען גייען־אויס אין קאַמף די לעצטע כוחות, באַשטימט דער משולח: ‚דער לעצטער פונק האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן פלאַם'".

אַנ־סקי האָט זיך נישט דערוואַרט אויף אַן אויפפירונג ביי סטאַניס־לאַווסקין צוליב פאַרשיידענע טעמים.

האָט ער די פיעסע געלייענט פאַר דער „ווילנער" טרופע אין ווילנע. אָבער אויך דאָ האָט מען זי נישט געשטעלט.

אין וואַרשע האָט אַנ־סקי ווידער געלייענט דעם „דיבוק" פאַר די „ווילנער". איך געדענק יענעם טאָג, ווען אַחוץ די אַרטיסטן איז געווען פאַרזאַמלט אַ קרייז שרייבער צו הערן די פיעסע. אַנ־סקי איז געווען אַ גור־טער פאַרלייענער. מיר האָבן געהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. עס האָבן זיך אויפגעוויקלט פאַר אונדזערע אויגן יידישע פאָלקס־אוצרות, מעשה נאָך מעשה, מופתים און נסים פון רביים, און ס'האָבן זיך אַנטפּלעקט „צוויי וועלטן". דער רושם איז געווען אַ שטאַרקער. אָבער איך געדענק זייער גוט, אַז די מערהייט האָט געהאַלטן, אַז אויף דער בינע וועט אַזאַ פּיעסע נישט האָבן קיין געהעריקן אָפּקלאַנג. זי וועט נישט „נעמען" דעם עולם. מ'האָט עס נישט אַרויסגעזאָגט אָפן, כדי נישט צו פאַרשאַפן עגמת־נפש דעם מחבר, וועלכער האָט זיך, אַגב, שוין דעמאָלט געפונען אין אַטוואַצק און זיך נישט געפילט בקו הבריאות. דוד הערמאַן, דער רעזשי־סער, האָט אָבער גלייך געזאָגט, אַז די פיעסע דאַרף אויפגעפירט ווערן צוליב די פאָלקס־אוצרות, וואָס זי פאַרמאָגט.

פריש איז ביי מיר דער איינדרוק פון יענעם מערקווערדיקן אָוונט אין ווילנער שטאָטזאַל אין יאָר 1918. אַלץ איז ווייס, העל, פאַרגאָסן מיט ליכט, און אַ ליכטיקייט איז אויסגעגאָסן אויף די פּנימער פון טויזנטקעפּיקן עולם צוהערערס. איך האָב זיך אָקערשט וואָס אַריינגעכאַפּט פון יענער זייט, פון מינסק. דער קאָנדוקטאָר האָט פאַר איין מאַרק פון „אָבער־אָסט" מיך געבראַכט מיט דער באַן קיין ווילנע. איך האָב נישט געהאַט מיט זיך קיין שום באַגאַזש, אַחוץ אַ טעקע מיט די בייטיקסטע זאַכן פאַר אַ קור־צער נסיעה. איך האָב געהאַט בדעה זיך אומצוקערן קיין מינסק גלייך נאָך דעם באַזוך אין דער שטאָט, וואָס מיט איר זענען געווען ביי מיר פאַרבונדן די שענסטע מאָמענטן פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, בכל אופן די ערשטע אויפשפּראָצונג פון פועלי־ציוניסטישער ליטעראַריש־פּוב־ליציסטישער פאַרלעגערישער אַרבעט אויף יידיש.

איך האָב ערשט געהאַט באַזוכט ראַטנפאַרבאַנד, געבליבן שטעקן עט־

לעכע חדשים אין מינסק, זוו איך בין געווילט געוואָרן אַלס ראַטמאַן פון דער יידישער קהילה. אין ווילנע איז געווען צוגעגרייט מיין רעפעראַט אויף דער טעמע: שלום, רעוואָלוציע, פּאַלעסטינע. איך בין געווען, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, פון די ערשטע, וואָס האָבן געבראַכט אַן עפנט־לעכן גרוס פון ראַטנפאַרבאַנד.

און ס׳איז געקומען אַ גרויסער עולם.

דער רעפעראַט האָט דערוועקט אינטערעס און ס׳האָבן זיך געמעלדן אַן ערך 10 אָפּאָנענטן. חייקל לונסקי, דער כראָניקער פון ווילנע, האָט, גע־דענקט זיך מיר, אין אַ ליטעראַטור־אויסגאַבע געשריבן באַריכות וועגן אָט דעם אָוונט און די וויכוחים אין שייכות מיט מיין רעפעראַט. ביי מיר איז געבליבן דער שטאַרקסטער רושם פון דעם אַרויסטרעט פון איין אָפּאָנענט: ש. אַנ־סקי.

מיט עטלעכע חדשים צוריק האָבן מיר זיך מיט אים געטראָפן אין מאָסקווע. איך האָב אָפּגערעדט מיט פנחס רוטענבערגן און מיט אַנ־סקין צו באַגעגענען זיך ביי רוטענבערגן אין הויז, ווו רוטענבערג וועט פאַר אונדז פאַרלייגענען זיין פּלאַטפאָרם, אויף וועלכער עס דאַרפן זיך פאַר־אייניקן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. רוטענבערג איז קיין רוסלאַנד געקומען פון אַמעריקע, ווו ער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער יידישער קאָנגרעס־באַוועגונג, צוזאַמען מיט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, באָראָכאָוו, בן־צבי און בן־גוריון. ער איז גערופן געוואָרן נאָך דער פעוור־ראַל־רעוואָלוציע דורך זיין אַמאָליקן פּאַרטיי־חבר, קערענסקי, און איז טאַקע באַשטימט געוואָרן אַלס ציווילער גובערנאַטאָר פון פּעטראָגראַד. די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט אים אָבער אַראָפּגעזעצט, און נאָך אַ געוויסער צייט זיצן אין תפיסה האָט ער זיך געפונען אין מאָסקווע, גרייט צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע.

יענעם פרימאָרגן, ווען ס׳האָט געזאָלט פאַרקומען אונדזער באַגעגעניש, האָט דאָרא קאַפּלאַן געשאָסן אויף לענינען בעת זיינעם אַ באַזוך אין אַ פאַבריק. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָרא קאַפּלאַן איז פאַר איר גירוש קיין סיביר געווען אָנגעהעריק צו דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָ־נערן (ס.ר.). האָט די פּאָליציי אָרגאַניזירט אַ געיעג נאָך די אַלע, וואָס האָבן געהאַט אַ וועלכע עס איז שייכות צו ס.ר.

אַז איך בין געקומען אין דער באַשטימטער שעה צו רוטענבערגן, האָב

איך נישט געפונען קיין שפור פון אים און כ'האָב זיך נישט געקאָנט דערוויסן, וווהין ער איז פאַרשוווּנדן.

עס איז נעלם געוואָרן אויך ש. אַנ־סקי.

ערשט איצט, אין ווילנע, האָב איך דערזען אַנ־סקין צווישן דעם עולם צוהערערס, און ער איז אויפגעטראָטן שאַרף און מיט פּאַטאָס, מיר שײַנט אַלס ערשטער אָפּאָנענט.

מיר האָט זיך אײַנגעשניטן אין זכרון זײַן אַרײַנפיר:

דער רעפעראַט האָט אין זײַן טיטל דרײַ נעמען, וואָס זענען קלאָרע באַגריפן. שלום — ווער פון אונדז גאַרט נישט נאָכן אויסגעבענקטן שלום? ער איז נייטיק פאַר אונדז, יידן, און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. פּאַ־לעסטינע, ס'מיינט ארץ־ישראל — נו, וועלכער ייד וויל נישט מיר זאָלן דערלעבן זײַן אין אַן אייגענער מדינה. פרומע יידן זענען מתפּלל צום הימל, זיי זאָלן צוריק זען מיט די אייגענע אויגן דאָס אויפגעלעבטע ציון. הלוואַי!

אָבער דאָ קומט נאָך איין באַגריף: רעוואָלוציע?!

און דאָ האָט זיך אַנ־סקי צעפלאַמט. דאָ האָט מען געקאָנט און גע־מוזט דערקענען דעם אַלטן גרויו געוואָרענעם קעמפער פאַר מאָראַלישע ווערטן, פאַר דערהייבונג פונעם מענטש, בפרט פונעם פּשוטן פאָלקסמענטש. ער האָט גענומען אויסרעכענען אַ צעטל חטאים און פּשעים, וואָס די פירערס פון דער רעוואָלוציע אין ראַטנפאַרבאַנד זענען באַגאַנגען און באַגייען נאָך אַנאַנד, ווי ביליק און דערנידעריקט עס איז ביי זיי דער מענטש, דער אַרבעטער, וואָס אין זײַן נאָמען און כלומרשט אין זיינע אינטערעסן איז געקומען די רעוואָלוציע...

איך געדענק ווי היינט, אַז די רעדע אַנ־סקיס האָט מיך אויפגערודערט מיטן טיפן אויפריכטיקן אמת און איר מאָראַלישן פּאַטאָס. ס'איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין רייד וועגן ספּעציפישע יידישע אינטערעסן. פאַר־קערט, עס האָט געהייסן, אַז פאַר יידיש, יידישער ליטעראַטור און וויסנ־שאַפטלעכער פאָרשונג איז געקומען די בליציים, און די יידישע שרייבערס האָבן זיך געגרויסט מיט זייער נייער פּאָזיציע אין דעם קולטור־היכל פון רעוואָלוציע, ווו ס'קומט־אויף אַ נייע וועלט. אַנ־סקי איז דעמאָלט אַרויסגע־טראָטן אין פאַרטיידיקונג פון אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע עטישע ווערטן און זײַן שטימע איז געווען אָנגעזאָפּט מיט צער און ווייטיק.

איך האָב זיך דערמאָנט די נישט צושטאַנדגעקומענע באַגעגעניש אין מאָסקווע, און האָב אין אים געזען דעם פאַרשעמטן פּליט פון דער רעוואָ־לוציע. ער האָט געמוזט אַנטלויפן, זיך ראַטעווען מיטן לעבן. ער האָט איצט געוואָלט ראַטעווען אויך דעם נפש, זיין גייסט, וואָס איז געבליבן געטריי די אייביקע אמתן פון די נביאים און די לערעס פון סאָציאַליסטי־שער הלכה. צי דען מוז די פּראַקטיק זיין אַזוי אַנדערש און להיפוך צו דער טעאָריע?!

מחמת דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד האָב איך נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך אומצוקערן קיין מינסק: אַלע באַנען זענען געווען פאַר־נומען מיט פירן דאָס מיליטער פון די אָקופּירטע פוילישע געגענטן אַהיים.

איך בין אַריבער קיין פוילן. אין ווארשע האָט אויפגעשטורעמט מיט יוגנטלעכער פרישקייט דאָס פּאָליטישע און קולטורעלע לעבן. אַהער האָבן זיך געצויגן פּליטים פון דערבייַיקע לענדער. עס האָט זיך צעכוואַליעט די יידישע שול־ און קולטור־אַרבעט. ס׳איז אויפגעקומען די ציש״אָ. עס זענען אַריבערגעקומען די „ווילנער" און געווונען די מאַסן פאַרן רייַנעם טעאַטער. עס איז געקומען אַהער אויך דער קראַנקער ש. אַנ־סקי.

ווי איך האָב אויבן דערציילט, האָט ער פאַרגעלייענט דעם „דיבוק" פאַר די „ווילנער" און אַ קרייז פאַרבעטענע ליטעראַטן. די ווילנער האָבן זיך געצויגן פּליטים פון דערבייאיקע לענדער. עס האָט זיך צעכוואַליעט דער גורל צוגעאיילט דעם ענדגילטיקן באַשלוס. אַנ־סקי איז נפטר געוואָרן דעם 8טן נאָוועמבער 1920. די לוויה איז געווען אַ גראַנדיעזע און ביים קבר האָבן די ווילנער באַשלאָסן אויפצופירן דעם „דיבוק" צו די שלושים פון דעם מחבר.

פינף חדשים שפּעטער איז געקומען די „הבימה" אין מאָסקווע און אונטער דער רעזשי פון סטאַניסלאַווסקיס תלמיד, דעם געניאַלן וואַכטאַנ־גאָוו, אויפגעפירט דעם „דיבוק" אין העברעיש. ווארשע איז געווען די ערשטע, און דוד הערמאַן האָט געהאַט זיין אייגענע קאָנצעפּציע. די אויפ־פירונג, געענדיקט צו די שלושים, האָט געמאַכט אַ טיפן רושם און גענומען דעם עולם מיט שטורעם. מאַרעווסקי האָט געשאַפן אַ מאָנומענטאַלע פיגור פון דעם מיראָפּאָלער צדיק, ר׳ עזריאל. נח נאַכבוש אַלס משולח, אָרלעסקאַ אַלס לאה, שטיין אַלס חנן און דער גאַנצער אַנסאַמבל האָבן זיך דורכגע־נומען מיט דער אַטמאָספער פון שלושים, פון אבלות און יידישער מיסטיק,

און ס׳האָט ווי אָנגעוואָרפן אַן אימה אויפן זאַל. עס געדענקט זיך מיר נישט אַן ענלעכע שטימונג ביי אַ פּרעמיערע ווי יענעם אָוונט אין טעאַטער „עליזעאום״ אין וואַרשע. דוד הערמאַן האָט מצליח געווען און זיין פאַר־אויסזאָג איז מקוים געוואָרן. דער „דיבוק״ האָט מנצח געווען און זיינע ניגונים האָבן זיך אַריינגעריסן אין אַלע יידישע הייזער. קינד און קייט האָבן נאָכגעזונגען דעם ניגון פון די בטלנים, און דער משולח איז געוואָרן די פּאָפּולערסטע געשטאַלט. אָפּגערעדט וועגן דעם צדיק ר׳ עזריאל מיראָפּאָלער.

מיר איז אויסגעקומען דערנאָך זען דעם „דיבוק״ אין דער אויפפירונג פון „הבימה״. אַחוץ אַ ריי סצענישע עלעמענטן, איז גלייך פון ערשטן מאָמענט קענטיק געווען די ווייטקייט און פאַרשיידנקייט פון די צוויי קאָנ־צעפּציעס. וואַכטנגאָוו האָט זיך געפונען אונטער דער השפעה פון דער רעוואָלוציע. כ׳האָב בשעתו אונטערגעשטראָכן אין מיינעם אַן אַרטיקל, אַז דער שטאַרקסטער אַקט באַ אים איז דער צווייטער, און אין דעם דאָזיקן אַקט איז דער שטאַרקסטער מאָמענט, ווען די קבצנים, וואָס זענען געבליבן אומצופרידן מיט דעם קאַרגן דרשה־געשאַנק פון סענדער בריניצער בעת דעם חתונה־מאָלצייט, זענען פּלוצעם אַרויסגעקראָכן פון אַלע לעכער און שפּאַלטן אין דער רגע, ווען דער משולח האָט מכריז געווען, אַז „אין דער כלה איז אַריין אַ דיבוק״; זיי האָבן מיט חוצפה און נקמה־געפיל אויס־געזונגען אין איין קול דריי מאָל: „אַהאַ! אַהאַ! אַהאַ!״

דער דאָזיקער „אַהאַ״, האָב איך געשריבן, איז אַ מאָטקווער, דורכגע־דרונגען מיט סאָציאַלן פּראָטעסט און נקמה. דאָס קומט אים, דעם גביר, סענדער בריניצער; פאַר זיין באַוואָלען די אָרעמע לייט, דערפאַר איז אין זיין טאָכטער אַריין אַ דיבוק...

אין דער וואַרשעווער אויפפירונג פעלט דאָס אונטערשטרייכן אָט דעם עלעמענט פון סאָציאַלן צוזאַמענשטויס.

סיי ווי, ס׳איז באַשערט געווען אַנ־סקין, ער זאָל אַריין אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער איןביידע לשונות און פאַרנעמען אַ רע־פּרעזענטאַטיוון פּלאַץ. איך קען נישט נאָך אַ פּיעסע פון יידישן אינהאַלט, וואָס זאָל אויסגעפירט ווערן אין אַזוי פיל לענדער און איבערגעזעצט ווערן אויף אַזוי פיל שפּראַכן.

פאַר „הבימה״ איז דער „דיבוק״ געוואָרן די וויזיט־קאַרטע ביים אויפ־

טרעטן אין חוץ־לארץ. נישט וואָס די אַנפּירער אָדער אַרטיסטן ווילן עס, נאָר די וואָס פאַרבעטן, שטעלן בפירוש אַלס תנאי, מ׳זאָל אויפפירן דעם „דיבוק". ביז איצט איז עס געווען פאַרבונדן מיט חנה ראָווינאַס אויפטריט אין דער ראָל פון לאה, לעצטנס פאַלט אַוועק דער מאָמענט, ווייל ראָווינאַ זאָגט זיך אָפּ קאַטעגאָריש אויפצוטרעטן אין דער ראָל. אָבער דער פאַר־לאַנג בלייבט און גילט ווייטער, ווען מ׳ווייסט אַפילו פון פריער, אַז די ראָל וועט אויסגעפירט ווערן פון אַ צווייטער אַרטיסטין.

ס׳איז אָבער אַ פאַרדריסלעכער טעות און אַן אומבאַרעכטיקטע עוולה, מ׳זאָל אַנ־סקיס נאָמען פאַרבינדן בלויז מיטן „דיבוק"... אַנ־סקי איז געווען איינע פון די ליכטיקסטע געשטאַלטן אין אונדזער ליטעראַטור און געזעל־שאַפטלעכער משפחה. ער האָט געלעבט אין אַ דור, וואָס האָט זיך יאָרנ־לאַנג געשליידערט פון קאָסמאָפּאָליטיזם צו נאַציאָנאַליזם, זיך געצאַפּלט צווישן אַסימילאַציע און אייגענעם יידישן דרך אין קולטור. ער איז געווען דורכגענומען און אַנגעזאַפּט מיט טיפער מענטשלעכער עטיק און האָט געשטרעבט צו טראָגן גליק פאַר אונטערדריקטע און געפאַלענע, נאָר פאַר־זאַמט זיך אויפן וועג צו דער גערודפטער אייגענער יידישער מאַסע. אָבער מיט דער רגע, ווי ער האָט זיך געכאַפּט ביים טעות, איז ער מיט לייב און לעבן געוואָרן געטריי זיין איינציקן לעבנס־אידעאַל: צונויפגיסן דעם אינדיווידועלן גליק מיט דעם פאַרזיכערטן קיום־האומה.

ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געשילדערט דעם אויפקום פון „צוימען־ברעכער" אין דער יידישער סביבה. זיין „אַשמדאי" האָט באַ־זירט אויף יידישע לעגענדעס און פאַרמאָגט אַ טרעפלעכע סאַטירע. זיין חורבן גאַליציע געהערט נאָך איצט צו די רירנדיקסטע מגילות פון אונדזער אומקום. די נישט־פאַרענדיקטע דראַמע „טאָג און נאַכט" האָט צו טאָן מיט טראַגישער יידישער צעצווייטקייט אין צייטן פון פורעניות. ערשט נאָך זיין טויט, ליידער, זענען דערשינען זיינע כתבים אין 17 בענד.

כאַראַקטעריסטיש איז אַנ־סקיס באַציִונג צום ענין יידישע מדינה. ער איז, כידוע, נישט געווען קיין ציוניסט און האָט עס באַ פאַרשיידענע געלעג־נהייטן אונטערגעשטראָכן. דווקא דערפאַר איז אינטערעסאַנט צו וויסן, ווי אַזוי אַנ־סקי האָט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אויפגענומען די פראַגע וועגן אַ יידישן לעגיאָן. אין יאָר 1915 האָט אַנ־סקי געהאַלטן אין דער פעטערבורגער יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט אַ ספּעציעלן רעפעראַט

וועגן אַט דעם פּראָבלעם. געהייסן האָט דער רעפעראַט „די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פון יידנטום". די צייטונג דיען דערציילט: „דער צענטראַלער געדאַנק פון רעפעראַט איז געווען, אַז די יידן דאַרפן אין דער איצטיקער וועלט־מלחמה פאַרווירקלעכן זייער טויזנט־יאָריקע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע, ד"ה אויפריכטן די יידישע מדינה אין פּאַלעסטינע, דעם דאָזיקן ציל דאַרף דינען די באַשאַפונג פון אַ יידישן לעגיאָן, דערהויפּט פון ענגלישע און אַמעריקאַנישע יידן, וואָס זאָלן צוזאַמען מיט ענגלענדער און פראַנצויזן דעראָבערן פּאַלעסטינע".

נאָך קלאָרער האָט עס אַנ־סקי אַרויסגעבראַכט אין זיינעם אַ רעפעראַט אין קיעוו אין יאָר 1916. ער אַליין האָט דערציילט דעם אינטערוויוער פון „אָדעסקיאַ נאָוואָסטי": ...„בין זייענדיק קיין ציוניסט, בין איך אָבער אין גאַנצן מסכים מיט זשאַבאָטינסקיס שטאַנדפּונקט (וועגן לעגיאָן). דאָס אַלטע, גראָע יידישע פאָלק צערטלט אין זיין פיל ליידנדיקער נשמה שוין צוויי טויזנט יאָר דעם חלום וועגן דעם לאַנד, וואָס האָט אַ דאַנק אים באַ־פרוכפּערט די מענטשהייט מיט אַ הויכער וועלט־קולטור. אין דעם, וואָס קיין איין מאָמענט האָט זיך דאָס דאָס יידישע פאָלק נישט צעשיידט מיט דעם דאָזיקן חלום, אין דעם, וואָס אַט דער טרוים גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך זיין רעליגיע, קולטור, לעגענדעס — אין דעם אַלעם איז פאַראַן עפּעס, וואָס מען דאַרף און וואָס צווינגט צוצוהערן זיך. פּאַלעסטינע איז געשאַפן געוואָרן דורכן יידנטום. און איצט, אין אַזוינע אויסשליסלעכע היסטאָרישע מאָמענטן, ווען ס'גייט דער גרויסער איבערבוי פון דער וועלט, איז דער ערן־חוב פון דער נאַציע צו פּראָקלאַמירן אירע היסטאָרישע רעכט אויף פּאַלעסטינע. ס'איז נישט גענוג צו מעלדן וועגן רעכט און אָנצוגעבן בקשות. ס'איז נייטיק אַרויסצוווייזן די גרייטקייט אויך אַוועקצוגעבן דאָס לעבן".

און נאָך שאַרפער דערקלערט אַנ־סקי זיין פּערזענלעכע באַציִונג צום לעגיאָן פאַר פּאַלעסטינע: „דאָס איז דער חוב און כבוד און געוויסן פון יידישן פאָלק... איך וואָלט געווען גליקלעך אָפּצוגעבן די לעצטע יאָרן פון מיין לעבן צו פאַרווירקלעכן די גראַנדיעזע נאַציאָנאַלע אידעע, וואָס וואָלט אומגעקערט דאָס יידישע פאָלק צו די העראָישע צייטן פון די מכבייער און בר־כוכבא".

אַנסקי איז נישט געווען קיין מענטש פון פשרות לגבי עטישע ווערטן

און מענטשלעכע רעכט. איז ער אויפגעטראָטן אַ געוויסע צייט אין פאַר־טיידיקונג פונעם חדר, ווייל „דאָס איז די שול וואָס האָט אין משך פון 20 יאָרהונדערטער אויפגעהיט דעם נאַציאָנאַלן גייסט פון יידישן פאָלק. דער חדר, זאָגט אַנ־סקי, פאַרבינדט דאָס יידישע קינד מיט דעם נאַציאָנאַלן עבר, ער באַקאַנט אים מיט זיין פאַלעסטינע, מיט זיין קעניג שלמה.

דער חדר גיט אין אים אַריין די „הויכע ביבלישע מאָראַל". דערביי שטרייכט ער אונטער: „שרעקלעך איז נאָר דער קלעריקאַליזם, ווי אַ שטרעבונג צו פּאָליטישער הערשאַפט, אָבער נישט רעליגיע און יידישע רעליגיע בפרט".

מיר ברענגען דאָ אַנ־סקיס מיינונגען וועגן פאַרשיידענע אידעען און פּראָבלעמען, וואָס דאָס מיינט כלל וכלל נישט, אַז מיר זענען אין די אַלע פראַגן מסכים מיט אים. עס איז אָבער נייטיק צו דערקענען אַנ־סקין, ווי ער איז געווען. נישט נאָר ווי דער מחבר פון איין פיעסע, „דער דיבוק", וועל־כער האָט אים געשאַפן אַ וועלטנאָמען.

אַנ־סקי איז געווען אַ טאַלאַנטפולער שרייבער, אַ ריינע עטישע פּער־זענלעכקייט, אַ געטרייער זאַמלער און אָפּהיטער פון יידישער פאָלקס־שאַפונג און אַן איבערגעגעבענער קעמפער פאַר הויכע אידעאַלן פון יחיד און קאָלעקטיוו.

ער האָט געהאַט אין זיין לעבן איין שטאַרקע ליבע — ער האָט ליב געהאַט דאָס פאָלק. אַ געוויסע צייט איז עס געווען דאָס רוסישע פאָלק, אָבער ער האָט איינגעזען זיין טעות, און בלב ונפש זיך איינגעוועבט אינעם יידישן פאָלק, ווי איינער פון זיינע ליכטיקסטע און טאַלאַנטפולע זין.

אין יאָר 1909 האָט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי אויפגעהויבן עפנטלעך די פראַגע וועגן „רעווידירן דעם דרייפוס־פּראָצעס, אין וועלכן עס ווערט טאָג־טעגלעך פאַרמשפּט און געקרייציקט אונדזער אומשולדיקער ברודער פון נצרת". ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ הייסע דיסקוסיע אַרום דעם. זשיט־לאָווסקי האָט געפאָדערט אַ געענדערטע באַציִונג פון יידן צו קריסטוסן און צום קריסטנטום. אַ וואָרט אין דעם וויכוח האָט גענומען אויך ש. אַנ־סקי. זיין ליידנשאַפטלעכן אַרטיקל פאַרענדיקט אַנ־סקי מיט די ווייטער־דיקע שורות:

„ניין, מיר יידן, האָבן נישט וואָס צו רעווידירן אונדזער מישפּט אַנט־קעגן קריסטוסן. אויב עס וואָלט געקאָנט זיין אַ רייד פון אַ רעוויזיע, וואָלט

מען דאַרפן רעווידירן דעם גאַנצן צווייטוויזנט־יאָריקן מישפּט און דעמאָלט וואָלטן יידן אפשר געקאָנט האָבן וועלכע עס איז טענות צו קריסטוסן, זיינע יורשים און תלמידים. נאָר דאָס יידישע פאָלק מאָנט ביי קיינעם נישט. דאָס איינציקע, וואָס יידן באַגערן, איז — אַז כאָטש זייערע אייגענע קינדער זאָלן אויפהערן צו מאַרטירן מיט דעם נאָמען פון קריסטוס״.

און דאָ קומט דער שטאַרקער פּאַטאָספולער שלוס:

„יידן וועלן קיין מאָל נישט שלום מאַכן מיט קריסטוס, ווי זיי וועלן קיין מאָל נישט אויפהערן רופן טיטוסן — טיטוס הרשע. קריסטוס, וואָס אין זיין נאָמען האָט זיך טויזנטער יאָרן געגאָסן יידיש בלוט, זענען געשענדעט געוואָרן יידישע טעמפּער, צעריסן געוואָרן ספר־תורות און דאָס גאַנצע פאָלק איז געמאַכט געוואָרן ללעג וקלס — דער נאָמען וועט קיין מאָל נישט ווערן הייליק און טייער פאַר דעם יידישן פאָלק. און אין יעדן פּרוּוו, אין יעדן אַרויסטריט צו מאַכן שלום צווישן ,אונדז און דעם צלם׳, וועט דאָס יידישע פאָלק זען מער נישט ווי אַ נייע באַליידיקונג פאַר זיך, פאַר דעם יידנטום און פאַר די הונדערטער דורות פון קדושים און פאַרפאָלגטע, וועלכע האָבן אונדז איבערגעלאָזן זייער טראַגישע ירושה, זייער אמונה, זייער ניסיון, זייער אָן ראַכע פאַרגאָסענע בלוט, זייערע נישט־אויסגעוויינטע טרערן און דעם הייליקן נאָמען ייד״.

פאַר אַ סך יידישע מענטשן איז נישט לייכט געווען צו פאַרשטיין, פאַר וואָס דער לוויה־קאָמיטעט אין וואַרשע האָט באַשלאָסן אויפצושטעלן איין אוהל איבער אַזעלכע דריי פאַרשיידענע שרייבערס, ווי פּרץ, דינעזאָן און אַנ־סקי. עס איז אָנגעגאַנגען, געדענקט זיך מיר, אַ שעהן־לאַנגער וויכוח צווישן אונדז, די מיטגלידער פון יענעם קאָמיטעט. אָבער היינט צו טאָג אין דער רעטראָספּעקציע זעט דער באַשלוס אויס צו זיין אַזוי נאַטירלעך. אויפן שער פון אוהל־פּרץ שטייען די אייביקע גלייענדיקע ווערטער פון דער „גאָלדענער קייט״ וועגן די „שבת־יום־טובדיקע יידן״, וואָס הייבן זיך העכער און העכער ביז צום כסא־הכבוד, „נישט צו בעטלען, נישט צו בעטן, נאָר צו פאָדערן״, אַז „אויסגעלייזט זאָל ווערן די וועלט״.

גערעכט זענען מיר געווען, ווען מיר האָבן אָנגענומען, אַז אַנ־סקי איז ראוי צו רוען אין דעם אוהל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון פּרץ.

קיין שענערע און מער בכבודיקע מצבה האָבן מיר נישט געקאָנט אויסזוכן פאַר אים.

י. זרובבל

קסעניאַ פון נען

זיי ווערן אַלץ ווינציקער און ווינציקער — די מענטשן פון יענעם דור, וואָס איז סוף נײַנצנטן יאָרהונדערט אויפגעטראָטן אין גורלדיקן קאַמף קעגן אַלמעכטיקן רוסישן צאַריזם. אויף דער עלטער הערט מען זיי אויף צו באַמערקן, און זעלטן ווער עס קוקט זיך אום אויף זיי. און דאָס איז אַ שאָד. פאַראַן וואָס צו הערן פון זיי, פאַראַן וואָס צו לערנען ביי זיי. סיי פון דעם, וואָס זיי דערציילן וועגן אַנדערע, וועגן דער תקופה זייערער, סיי פון דעם, וואָס מען דערקענט אין זיי גופא אינדיווידועל.

די סאָציאַל־און פּאָליטיש־צעשטורעמטע צייט האָט אויסגעשמאָלצן מענטשן פון אַ באַזונדערן טיפּ; אין זייער האַלטונג, אויפפירונג, אין זייער גאַנצן מהות איז געווען אַן אַנדערשקייט, וואָס האָט זיי אויסגעטיילט פונעם אַרום, ס'האָט פון זיי געאָטעמט מיט ציכטיקייט, לויטערקייט.

איינע אַזאַ פון יענעם דור איז פון אונדז דאָ נישט לאַנג אַוועק: קסע־ניאַ פון נען.

קסעניאַ קסענאָפאָנטיעווונאַ פּאַמפּילאָווא־זילבערבערג. אַזוי האָט זי געהייסן לויט אירע אָפיציעלע פּאַפּירן. חברטעס אין איר יוגנט האָבן זי גערופן פּאַרצויגן: פּאַמפּישאַ. אין ארץ־ישראל איז זי צווישן אונדז אַרומ־געגאַנגען אַ פּערטל יאָהונדערט פּשוט, אומפּאַרשלייערט ווי חברטע קסעניאַ.

פון וואַנען איז זי געקומען צו אונדז?

אין איר בוך, וואָס איז דערשינען ערב איר פּטירה, שרייבט קסעניאַ:

„פון דער ווייט בין איך געקומען אין לאַנד. פון דעם ברעג פונעם בלאָ־וואַסערדיקן דניעפּער, פון די ברייטע פליינען פון פּערעקאָפּ, פון די הויכ־קייטן פון טשאַטערדאַג, פונעם שוואַרצן ים — דורך פּעטערבורג, מאָסקווע, סיביר, פינלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך, איטאַליע, און עס איז שוין אַ האַלבער יובל, אַ דריטל פון מיין לעבן, ווי איך זיץ דאָ אין לאַנד".

ווי האָט זיך קסעניאַ געפילט אין ארץ־ישראל?

„פון דער רגע, וואָס איך בין געקומען, האָט מיך דורכגענומען אַ מאָד־

נער געפיל, אַ טיפע פרייד וואָס כ'האָב זיך אומגעקערט צו באַקאַנטע געליבטע פלעצער, אַ געפיל פון טרעפן זיך נאָך אַ צעשיידונג און נישט פון אַן ערשטער באַגעגעניש.

די חברים, יוגנטלעכע אין עלטער פון 16—1, האָבן איינגענומען מיין האַרץ.

איך וועל מיט אַ שטילן האַרבסטווינט אַרומרעמען זייער שטורמישן פרילינג".

קסעניאַ איז געבוירן ביי פּראַוואָסלאַוונע עלטערן. פון דורות האָט זי איינגעזאַפּט די קריסטלעכע אמונה, און פסוקים פון נייעם טעסטאַמענט האָבן אָנגעפילט איר געמיט און געגעבן זינען און ציל איר לעבן. אָבער די גאַנצע צייט, אין דער היים און אויף אירע וואַנדערונגען, חברט זי זיך מיט יידן. יידישע מיידלעך זענען אירע ערשטע חברטעס אין שול און אין אוניווערסיטעט, און צווישן די חברים אין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט טרעפט זי איר נאָענטסטן, אינטימען פריינד, וועמען זי באַגלייט ביז צום עשאַפאָט, איר מאַן, לעוו זילבערבערג, וואָס ער שטאַמט פון יידן.

אמת, נישט אַלע יידן, וואָס קסעניאַ האָט געטראָפן אין די ערשטע יאָרן, האָבן זיך אָנערקענט צום יידישן פאָלק, און נישט ווינציק פון זיי האָבן בכלל געלייקנט אין דעם קיום פון יידן ווי אַ פאָלק. דאָס איז געווען אידעאָלאָגיש. אין דער פּראַקטישער טאָג־טעגלעכקייט האָט קסעניאַ ביי זיי אַלע אַרויסגעפילט דאָס אייגנדיקע אינעם יידישן כאַראַקטער, דעם שטאַרקן עמאָציאָנעלן עלעמענט אין זייער פּסיכיק. די באַגעגעניש מיט ציוניסטישע קרייזן האָט איר געגעבן די געלעגנהייט צו דערקענען דעם דערנערוועג פון דעם מאַרטירער־פאָלק און דעם עטישן ווערט פון דער באַוועגונג, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל איבערצואַנדערשן אין יסוד דעם מצב פון פאָלק, כדי ער זאָל קאָנען פון דאָס ניי אָנטפּלעקן זיין הויכן שאַפערישן גייסט, ווי אין די צייטן פון די נביאים.

וואָס אַזוינס קאָן דערוועקן ביי אַ קריסטלעך קינד אַן אינטימען אינטערעס צום הייליקן לאַנד? דערויף ענטפערט קסעניאַ גאַנץ פשוט: „פאַר מיר אין מיין פריסטער קינדהייט זענען עס געווען די ערשטע הייליקע תפילות און מעשיות פון די הייליקע שריפטן, אויך די ווערטער וואָס חזרן זיך כסדר איבער אין דער גאָטעסדינסט אין קלויסטער: „ליב צו דיין פאָלק ישראל", אָדער די געזאַנגען וועגן ,ציון'.

אין מיין יוגנט האָט דערויף געווירקט די פריינדשאַפט מיט ציוניסטן, די ציוניסטישע התלהבות. שפּעטער איז געקומען דאָס באַוווסטזיין, אַז נאָר דער סאָציאַליזם וועט באַפרייען אַלע פעלקער און נאָר ער וועט פאַרענט־פערן די יידן־פראַגע".

לעוו זילבערבערג, אַ באַרימטער טעראָריסט, האָט געשטאַמט פון יידן. אָבער „די משפחה פון מיין מאַן, דערציילט קסעניאַ, איז געווען אַ יידישע אַסימילירטע פאַמיליע, וואָס האָט אָנגענומען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן. איך האָב אָבער געוואָלט, אַז מיין טאָכטער זאָל וויסן, אַז איר פאָטער איז געווען אַ ייד און אַז זי איז אויף העלפט אַ יידישע. מיין שוויגער פלעגט מיר זאָגן: דו ביסט די איינציקע יידישקע צווישן אונדז, ס'איז געקומען די צייט ווען מיין טאָכטער איז אויסגעוואַקסן. ביי מיר אין שטוב — פריינד־ציוניסטן, חברים פון קיבוץ, וואָס פאָרן קיין ארץ־ישראל אָדער קומען פון ארץ־ישראל. און ס'איז געווען נאַטירלעך מיין באַשלוס אַליין צו לעבן אָט דאָס לעבן, באַטייליקן זיך אין דעם געראַנגל, וועגן וועלכן עס דערציילן מיר די אַלע, וואָס קומען פונעם לאַנד".

קסעניאַ האָט זיך נישט איין מאָל אָנגעשטויסן אויף פאַרוווּנדערונג, הלמאי איז זי געקומען צו יידן אין ארץ־ישראל. זי האָט עס נישט געקאָנט תופס זיין. „איך בין זיכער, שרייבט זי, אַז מיין וועג איז געווען אַ פּשוטער און נאַטירלעכער. אַזוי פיל יידן האָבן אָפּגעגעבן זייערע כוחות, פעיִקייטן, דאָס גאַנצע לעבן זייערס פאַר אַנדערע לענדער. פאַר וואָס זשע זאָל אויס־קוקן אַזוי משונהדיק ווען אַ גוי קומט צו יידן? אייניקע זענען דערצו געקומען, מעגלעך, מחמת דעם שולדגעפיל פאַר זייער אַנטיסעמיטיזם, — מחמת זיי האָבן געוואָלט מכפּר זיין אויף אָט דעם חטא; אַנדערע — ווייל די יידישע געשיכטע און איר אויסדערוויילטקייט האָט זיי געוואַלדיק געצויגן, אָדער ווייל זיי האָבן געגלייבט, אַז די גאולה וועט קומען מיטן אויפקום פון ירושלים; נאָך אַנדערע — מחמת זייער גלויבן, אַז כל זמן עס וועט נישט געלייזט ווערן די יידן־פראַגע, דאָס הייסט, כל־זמן עס וועט נישט אויפקומען די מדינה פון יידן און זייער זעלבשטענדיקייט, וועלן נישט פאַרענטפערט ווערן אויך די אַנדערע פראַגעס".

קסעניאַ איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל אין עלטער פון פופציק יאָר: אַ פאַרטיקע, אויסגעפורעמטע פּערזענלעכקייט. האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז דער דינאַמישער אינטעלעקט איז נאָך אין אָט דעם עלטער מסוגל

אויפצונעמען נייע עלעמענטן, וואָס זענען עלול צו איבעראַנדערשן די געשטאַלט פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערקע און איר צוגעבן אַ נייעם קאָלאָריט — אַן ארץ־ישׂראלדיקן.

אין פלוג קאָן מען זאָגן, אַז איר עצם מהות האָט זיך געביטן. אמת, אויבן אויף זענען עס צוויי פּאָליוסן אין איר לעבן. ביז ארץ־ישׂראל — צווישן סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן פון דער ערשטער פּאַרמאַציע, אונטער דער אידעאָלאָגישער השפעה פון הערצען, לאַווראָוו, מיכאַילאָווסקי און פון די אַקטיווע טעראָריסטן סאַזאָנאָוו, פּעראָווסקאַיאַ, זשעליאַבאָוו, באַלמאַשאָוו; דאָ, אין ישׂראל — אין דער קיבוצישער באַוועגונג, וווּ אַרבעט איז בחינת רעליגיע, אינעם ערשט אויפשפּראָצנדיקן נען, צווישן יוגנט פון הגשמה עצמית, פון כסדרדיקער מאָראַלישער רייניקונג און שטרעבונג צו אַ העכערן עטישן לעבן.

האָט אָבער קסעניאַ דערוויזן, אַז ס׳איז נישט קיין סתירה. מיט איר אויפפירונג און מיט אירע מעשׂים, דורך איר אויפנעמען דערשיינונגען און רעאַגירן אויף זיי, דורך איר באַציִונג צו מענטשן, צו פליכט און אויפגאַבע האָט קסעניאַ אָן כוונה אַרויסגעבראַכט איר אומפּאַרמיידלעכקייט און געטרייקייט צו זיך. ס׳איז נישט נייטיק געווען קיין איבערפורעמונג; אַדרבא, זי האָט אין נען געפונען דעם זעלביקן קלימאַט וואָס האָט באַווירקט איר נשמה די ערשטע פופציק יאָר פון איר לעבן. רעוואָלוציאָנערע פּיאָנערישקייט איז געווען די קווינטעסענץ פון קסעניאַס נאַטור, דער סימן־מובהק פון איר דור. איר בוך האָט זי באַטיטלט עם דורי — מיט מיין דור. עס איז אייגנטלעך די שילדערונג פון ערשטן דור אירן, אין רוסלאַנד. זי האָט געהאַלטן ביים צוגרייטן צום דרוק אַ צווייט בוך, וואָס האָט געזאָלט שילדערן איר לעבן אין ארץ־ישׂראל. אָן ספק וואָלט אויך אָט דאָס בוך געקאָנט טראָגן דעם זעלביקן נאָמען: מיט מיין דור. אין דעם איז באַשטאַנען דער וואונדער קסעניאַ, וואָס זי איז תּמיד געווען פאַרוועבט מיט איר דור. דורות זענען אַוועק, דורות זענען געקומען, אָבער קסעניאַ איז אין תוך געבליבן די זעלביקע און מיטגעגאַנגען מיט אַלע אירע דורות. חלילה, זי האָט נישט געהערט צו דעם מין קאָמעלעאָן, וואָס בייט זיינע קאָלירן ביים צופּאַסן זיך צום אַרום. איר גליק איז באַשטאַנען דערין, וואָס אין ביידע סביבות אירע — רוסלאַנד און ארץ־ישׂראל — האָט זי אָנגעטראָפן די זעלביקע אַטמאָספער פון רעוואָלוציאָנערער פּיאָנערישקייט,

פון אַרבעטערישער בראשיתדיקייט. איז דאָס אַרבעטנדיקע חלוצישע ארץ־ישראל לגבי קסעניאַ געווען אַ נאַטירלעכער המשך. איןביידע לענדער — געראַנגל פאַר עטישער און גייסטיקער דערהייבונג פון יחיד צוליב און אַ דאַנק דעם כלל.

אין רוסלאַנד האָט קסעניאַ אויפגעבליט אינעם דרומדיקן זוניקן קרים. עס איז געווען דער אויפגאַנג פון די זוניקע שטרעבונגען פון דער יוגנט־לעך־אויפגעשטורעמטער אינטעליגענץ אָפּצושאַפן דעם באַליידיקנדיקן חילוק צווישן אָרעם און רייך, צווישן מיאוסקייט און שיינקייט, שיפלות און לויטערקייט. דער לאָזונג „גיין אין פאָלק" האָט דערמאָנט דער אינטע־ליגענץ איר מאָראַלישן חוב אַרויפצוהייבן די יעניקע, וואָס שמאַכטן אינעם עמק הבכא פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און פּאָליצייאישן דרוק, און אַריינפירן זיי אין היכל פון קולטור און ציוויליזאַציע.

די ערשטע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך נישט מקריב געווען פאַרן פאָלקסוויל און נישט מפקיר געווען זייער אייגן לעבן פאַר אַן אַבסטראַקטן אידעאַל, זיי האָבן אָבער געזען דעם זינען פון זייער לעבן אינעם פאַרבינדן אים מיטן גליק פון פאָלק. אַן דעם האָט דאָס לעבן פאַרלאָרן ביי זיי יעט־ווען טעם. זיי האָבן כלל וכלל נישט געהאַט קיין חשק צו שטאַרבן אויף דער תליה. זיי האָבן גוואַלדיק ליב געהאַט דאָס לעבן אין אַלע זיינע אַנט־פּלעקונגען, ליב געהאַט אַלץ, וואָס אָטעמט, שפּראָצט און בליט, יעדעס גרעזל און בלימל, ליב געהאַט די נאַטור, הנאה געהאַט פון זונאויפגאַנג און שקיעה, פון הימל און ים. אָבער דערצו האָבן זיי געהאַט אַן איידעלן חוש פאַר רעאַלער ווירקלעכקייט, וואָס האָט פאַרקריפּלט דעם מענטש, דעם בחיר היצירה, און דורך דעם פאַרמיאוסט און פאַרשאַטנט דעם גאַנצן יקום.

קסעניאַ, די טאָכטער פון איר דור, האָט זיך מיט יוגנטלעכער דינאַ־מישקייט אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און זיך געשטעלט אין אַקטיוון דינסט דער אידעע. טורמע, באַליידיקונג, פאַר־שיקונג האָבן זי נישט איינגעבראָכן, נאָר אויפגעמונטערט, און די קאַלטע, פאַרפראָסטיקטע טייגע האָט אויפגעוועקט אין איר נייע כוחות, הונגעריקע נאָך מעשים, וועלכע פירן צו רעאַליזירונג פונעם אידעאַל. דער וואַרעמער קרים גייט איר נאָך אינעם פאַרשנייטן סיביר, און האָבנדיק אַרומגעוויקלט דעם שוואַנגערנדיקן פרויען־קערפּער מיט אַ דינאַמיט־גאַרטל, שפּירט זי

נישט קיין שום פּחד אין אירע ריזיקאַלישע נסיעות פון דער טעראָריסטי־שער באַוועגונג. ווייל תמיד און אומעטום פילט קסעניאַ אויס איר אייגענע שליחות. עס רופט זי און עס באַפעלט איר דער אייגענער באַוווסטזיין, דאָס געבאָט פון איר אייגן האַרץ.

„ווער ס'האָט נישט מורא פאַרן טויט, זאָגט קסעניאַ, יענער איז אַל־מעכטיק, אַ כל־יכול".

אינעם עלטער פון 15 יאָר שרייבט זי אין איר טאָגבוך: „ווּנדליק מיר, געהערט נישט דער מענטש צו זיך אַליין... ער איז אַ טייל פון דער גאָרער מענטשהייט, אַ בלאַט פונעם בוים, אַ טראָפּן פונעם ים. פאַר יעדן טאָג פון מיין לעבן, פאַר יעדן טו מיינעם גיב איך אָפּ חשבון דער מענטשהייט. ס'איז נישטאָ דער מענטש, וואָס זיין לעבן זאָל דורכגיין אָן איבערצולאָזן שפּורן. עס איז איין רינג אינעם אומענדלעכן לעבן פון דער גאַנצער מענטשהייט און עס האָט תמיד אַ השפּעה אויפן לעבן פון די אַנדערע מענטשן".

צוויי יאָר שפּעטער שרייבט זי: „אין דעם געפיל, אַז דו געהערסט צו דעם גאַנצן כלל איז פאַראַן עפּעס משונהדיקס, וואָס כישופט און רייצט און ציט, אָבער שרעקט אויך מיט זיין פאַרנעם און רחבות. איך פיל זיך ווי אַ קליינער טייל פון דעם גייסטלעכן, נישט נאָר פון דעם מענטשן־כלל, נאָר אויך פונעם גאַרן יקום. ווייל גייסט איז אין אַלץ. מיר דוכט, אַז אויך דער הימל און די שטערן, די קלאַנגען און פאַרבן — זיי אַלע לעבן אינעם מענטש און דער מענטש לעבט אין דעם אַלעם. ס'איז אַ מאָד־נער געפיל: ווי אומענדלעכע כוואַליעס פון אַ דינסטן שבדינסטן עטער באַוועגן זיך אַרום מיר, נעמען מיך אַרום. אָט דאָס געפיל כישופט און שרעקט. שרעקט מיט זיין מעכטיקייט, מיט דעם, וואָס קיין שום זאַך גייט נישט דורך אין דער וועלט אָן אַ רושם, וואָס וועגן יעדן מענטש דאַרף איך טראַכטן ווי וועגן זיך גופא. מיר דוכט, אַז אינעם עצם לעבן, אין אָט דעם כוח, וואָס האַלט זיך אין באַנייען און איז תמיד באַוועגלעך, — אין דעם איז פאַראַן די פּאָעזיע, אַז דאָס עצם לעבן איז פּאָעזיע"...

אויבנאויפיק האָט עס אויסגעזען, ווי עגאָצענטרישקייט באַהערשט זייער טראַכטן, און נאָך מער איז זייער געפיל קאָנצענטרירט אויף דעם אייגענעם איך. נאָר ס'איז אַן אייגנאַרטיקער עגאָיזם, וואָס קוקט כסדר אין זיך, אָבער גלייכצייטיק, און אפשר בעיקר אויף דעם כלל.

„ווילן וויל איך גליק און פרייהייט — שרייבט קסעניאַ אין איר טאָג־בוך — אָבער דערצו איז נייטיק אַז אַלע זאָלן זיין גליקלעך און פריי".

די ערשטע רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגן האָבן כסדר געוועקט דעם יחיד, ער זאָל זיך שטעלן אין דינסט פונעם כלל. „אָבער אַן דרויסנדיקן דרוק, אַן פליכט און עול, אַן אַ באַפעל פון וועלכער עס איז העכערער מאַכט. דאָס דאַרף קומען ווי אַן אייגנשאַפט פון דער פערזענלעכקייט, וואָס זוכנדיק אַ באַפרידיקונג פאַר זיך, פירט זי זיך אויף דווקא אַזוי און נישט אַנדערש".

דער היסטאָריקער פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין איר אונטערערדישן פעריאָד, סטעפניאַק־קראַווטשינסקי, כאַראַקטערי־זירט די מענטשן פון יענעם דור אַזוי: „זיי שטרעבן נישט נאָר צו דער־גרייכן אַ באַשטימטן פּראַקטישן ציל; זיי זוכן אויך צו באַפרידיקן דעם פערזענלעכן טיפערן באַדאַרף אין מאָראַלישער לייטערונג... דאָ איז געווען מער התגלות ווי אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע... יעדער וואָס האָט פאַר־מאָגט אַ לעבעדיקע נשמה, האָט זיך אָפּגערופן אויף דעם דאָזיקן רוף צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד און די מענטשהייט. דורכגענומען דורך און דורך מיט דער פאַרביטערונג און טרויער אויף זייער לעבן ביז אַהער, האָבן זיי פאַרלאָזן זייער היים, פאַרלאָזן די עשירות, דעם כבוד, די פאַ־מיליע און זיך איבערגעגעבן דער באַוועגונג מיט יענער פלאַמיקער שיכ־רות, מיט יענער ברענענדיקער אמונה, וואָס ווייס נישט פון קיין שום אָפּהאַלט און ציט זיך נישט צוריק פאַר קיין שום קרבן; וואָס ליידן און אומקום דינען לגבי זיי ווי אַ מעכטיקער הייסער מאָטאָר, וואָס פאַרהאַר־טעוועט אין דער אַרבעט".

צי האָט קסעניאַ נישט פאַרנומען דעם זעלביקן ניגון אין דער חלו־צישער אַרבעט אין ארץ־ישראל?!

קסעניאַ דערציילט: „ביסטו גרייט צו שטאַרבן? פרעגט מיך אַן על־טערער חבר. — ניין. פאַר וואָס שטאַרבן?! לעבן וויל איך, ענטפער איך. צו וואָס טויט? איך חלש לעבן... איך האָב נישט קיין שפירונג פון טויט און כ'האָב נישט קיין פחד פאַר אים. פאַראַן נאָר לעבן, בלויז לעבן, און זיין געשטאַלט איז ווונדערלעך שיין און פול מיסטעריע".

יענער דור האָט זיך פאַקטיש דאָס גאַנצע לעבן געגרייט צום טויט. „זיכער האָב איך נאָך נישט אויסגעמאָלט זיך קאָנקרעט וואָס אַזוינס איז

דער דערנערקראַנץ, אָבער איך האָב געשטרעבט פאָרויס, זייענדיק גרייט צו קריגן אים ווי אַ קרוין אויף מיין יונגן קאָפּ״.

קסעניאַ האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דער יידן־פראַגע נאָך אין אירע קינדעריאָרן, ווען זי האָט זיך באַנוצט מעכאַניש מיטן צורוף „זשיד״ און באַקומען אַ פאָרוווּרף פון איר באָבען, וועלכע האָט איר אויפגעקלערט, אַז אַלע מענטשן זענען גלייך. שפּעטער ווערט זי געצוווּנגען צו פאַר־טראַכטן זיך וועגן אַ סך פּראָבלעמען, וואָס פאָדערן אַ באַלדיקן ענטפער. די ערשטע — די יידן־פראַגע.

זי דערציילט: „מאַרוסיאַ פרעגט מיך: וואָלסטו געוועזן מסוגל צו ליבן אַ ייד? איך ענטפער: צי איז נישט אַלץ איינס, צו וועלכער באַציע דער מאַן געהערט? אמת, אויב כ׳וועל חתונה האָבן מיט אַ ייד, וועט ער דאָך אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. אָבער אויב ער וועט בייטן זיין רעליגיע צוליב דער חתונה, האָט דאָך אַזאַ איבערגאַנג צום קריסטנטום קיין שום ווערט נישט און ברענגט נישט קיין כבוד דעם מענטש. אָדער וועט אפשר די ליבע מכפר זיין? — פּרובירט זי זיך אַליין אויס, — און ענטפערט גלייך: ניין, די אידעען פונעם מענטש, זיין גלויבן און זיינע מיינונגען דאַרף ער אָוועקשטעלן איבער די אינטערעסן פון ליבע. זיי טאָר מען נישט אונטערריאַכן, פאַרשקלאַפן צו קיין שום זאַך. זיי זענען דערהויבענער פון אַלץ, זיי זענען הייליק״.

קסעניאַ איז זיך געבליבן געטריי, און זי האָט אויפגעהיט אָט די גע־טריישאַפט אירע צו אידעען אין די שווערסטע צייטן פון איר לעבן.

אָט די עטישע שלימותדיקייט, אידעיִשע און פּסיכישע, צייכנט אויס קסעניאַן און פירט זי נישט־געשטרויכלט אין איר לעבן. ווייל עס קומט פון איר פּנימיותדיקייט, איז פאַרוואָרצלט אין איר כאַראַקטער, אין איר געמיט. זי גיסט עס אַריין אין איר סביבה און שטעקט אָן דערמיט אַלע, וואָס טרעפן זיך מיט איר, אויפן לאַנגן זיגזאַגן־וועג אין די ווייטסטע געגנטן פון סיביר. אין די הויפּטצענטערס פון אייראָפּע, ביי די ברעגעס פון ירדן און כנרת.

דערציילט וועגן איר אַ חבר אין נען: „נישט געווען קיין געשעעניש אין לעבן פון לאַנד, אינעם לעבן פון קיבוץ, אינעם פערזענלעכן לעבן פון חברים פון נען, וואָס קסעניאַ זאָל עס נישט אויפנעמען ווי איר אייגענעם

ענין, ווי איר זאָרג, ווי איר אייגענעם ווייטיק. זי האָט נישט דורכגעלאָזן קיין אַסיפה, קיין וויכוח, זיך צוגעהערט, געשפּאַנט, וואַך".

„נאָר אָט האָט זיך צעכוואַליעט דער האָרע־טאַנץ, די קערפּערס פלאַטערן. אייגער פרעגט מי אנחנו? און דער פלאַקערנדיקער טאַנצנדיקער גוש ענטפערט: ישראל. צעשטורעמט זיך נאָך מער דער טאַנץ, און אויף אַ באַנק מן הצד שטייט קסעניאַ. אירע גוטע אויגן גלעטן די יוגנטלעכע אינעם דביקותדיקן ריקוד. שפּעטער זאָגט זי מיט איר באַזונדערן שמייכל: זע, מ׳קאָן שטיין אויף דער באַנק מן הצד, נישט באַוועגן זיך און טאַנצן צוזאַמען מיט אייך מיט דער גאַנצער דביקות".

מן־הצד, און דאָך אין סאַמע האַרץ פון קיבוץ, פון אונדזער גאַנצן היגן לעבן האָט זיך געפּוּנען קסעניאַ. זי האָט געווייטיקט נישט נאָר דעם ווייטיק פונעם מענטש. נאָענט איז איר געווען אויך דער צער פון דעם בוים. זי האָט געשטראַלט, בעת ס׳איז נאָך אַ האַרבן וויכוח אין נען אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס: דער דין פון דעם בוים אין נען איז ווי דער דין פון אַ חבר. אויסרייסן אַ בוים, איז ווי אויסשליסן אַ חבר; דער ענין מוז געשטעלט ווערן אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג צום אָפּשטימען. „ווונ־דערלעך איז געווען, דערציילט משה מאָסענזאָן, צו זען ווי קסעניאַ ווישט די אויגן און זאָגט: איצט קאָן מען אומגיין מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן ביי דיביימער".

און ווידער: ביימער. „בעת מ׳האָט אַרונטערגעשניטן עקאַליפּטוס־ביימער צום פאַרקויפן, האָט קסעניאַ זיך מכבד געווען מיט אַ קראַנץ עקאַ־ליפּטוס־צווייגן, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פון דער נייער בליִונג פונעם אונטערגעשניטענעם בוים. דערביי האָט זי געזאָגט צו אַ חבר: זע נאָר, זע, די נייע בליִונג פונעם עקאַליפּטוס איז נישט גרין. זי פאַרמאָגט עפּעס אַ בלוילעכע פאַרב אַן אייגנאַרטיקע. ס׳וועט זיין וווּנדערלעך אַריינצושטעלן אָט די צווייגן אין מיין בלומען־וואַזע. זי האָט זיך פאַרטראַכט און צעשמייכלט: געדענקסט אונדזער קאַמף מיט אַ סך יאָרן צוריק פאַר דעם, אַז דער דין פון דעם בוים זאָל זיין ווי דער דין פון אַ חבר? אָבער דאָס אַרונ־טערשניידן עקאַליפּטוסן מיינט דאָך נישט אויסוואָרצלונג, אמת? אויך די דיכטערין רחל האָט געשריבן אין איר ליד, אַז אָט דער בוים, וויפל מען זאָל אים נישט אונטערשניידן, אונטערהאַקן, וואַקסט ער ווייטער און בליט ווייטער?"

אַזוי האָט זי דאָך פון תמיד אין דעם טויט געזען אַ ווייטערדיקן המשך פון לעבן.

אַמאָל, אַמאָל האָט אַ ציגיינערין, אַ טרעפערין, לויט די ליניעס פון דער האַנט און לויט קאַרטן, איר פאָרויסגעזאָגט: „וועסט פאַרגיין זייער ווייט, קראַסאַוויצע, אין דער ווייטער וועלט. געדענק מיינע רייד: ווו דו וועסט נישט גיין — וועסטו טרעפן פריינד". און קסעניאַ גיט צו: „אין די ווייטסטע וועלט־עקן בין איך געווען, און אומעטום האָב איך געטראָפן פריינד"... אין ארץ־ישראל, פאַרצייכנט קסעניאַ אין איר טאָגבוך: „איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל געפינען אַ סביבה, וואָס וועט מיר זיין נאָענט. איך האָב געוואָלט לעבן צווישן אַרבעטער, אין אַ קאָלעקטיוו. אָט דעם לעבן האָב איך געוואָלט אָפּגעבן אַלץ, וואָס כ'האָב אָנגעזאַמלט אין מיין לעבן: די פעיִקייט צו פאַרשטיין, די פעיִקייט צו ליבן און מיין ביסל פיזישע כוחות, וואָס זענען קיין מאָל נישט געווען צו פיל. איך האָב געוווסט, אַז דאָ, אינעם קאָלעקטיוו, וועל איך געפינען גליק, אַ רמז אויף סאָציאַליזם, צו וועלכן כ'האָב מיין גאַנצן לעבן געשטרעבט".

וואָס, וואָס, אָבער ליבשאַפט האָט קסעניאַ פאַרמאָגט און פאַרטיילט הויפנס אירע חברים, בפרט דעם קליינוואַרג, מיט וועמען זי איז געווען אויסגעבונדן, ווי אַן אמתע האַרציקע גוטע באָבע... צו די אייגענע אייניק־לעך פון איר לייבלעכער און געליבטער טאָכטער האָט קסעניאַ גראָד נישט געהאַט קיין צוטריט...

קסעניאַ האָט געפילט ארץ־ישראל. זי אַליין האָט עס אויסגעדריקט אָפנהאַרציק, צניעותדיק און חנעוודיק: „מיין באַגעגעניש מיטן לאַנד איז געגליכן צו אַ באַגעגעניש מיט אַ געליבטן, און איך ווער נישט זאַט צו זען עס אין אַלע זיינע ניואַנסן און אַנטפּלעקענישן".

זי האָט אין לאַנד געפונען המשך. זי שרייבט: „אינטערעסאַנט, מ'האָט אַהער אַריבערגעבראַכט פון רוסלאַנד די בעסטע אייגנשאַפטן פון דער רוסישער פאָלקסטימלעכקייט. דערפאַר איז דאָ אַזוי גרויס די ליבע צו דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט און שטאַרק דער אינטערעס צו די מענטשן פון יענע טעג און צו מיר ווי איינע פון זיי. דערויף האָב איך נישט געוואַרט. דאָס איז איינער פון די באַזונדערע שטריכן וואָס גיסן צונויף דאָס וואָס איך האָב געלעבט פריִער מיט דעם וואָס איך לעב איצט...

איך אָטעם אַריין, נישט צום אָנזעטיקן זיך, די לופט פון דער העראָישער פרייהייט אין דעם ריטעם פונעם קאָלעקטיוו".

זי האָט געוואָלט לעבן אין קיבוץ אין זכות פון איר עבר. האָט זי, גרייטנדיק זיך צו דער עליה, געלערנט אַ פאַך נאָך אין איטאַליע, און זיך אויסגעלערנט שערעריי. איז געווען אַ נחת צו זען, דערציילט אַ חבר, ווי קסעניאַ שערט דעם עולם, אַלטע און יונגע, און מאַכט זיי פרישער, שענער, נישט נאָר דורך איר מלאכה, נאָר אויך דורך דעם וואָס זיי פאַרברענגען אַ געוויסע צייט אין איר אַטמאָספער.

אַ באַזונדער טראַגיש־דערהויבענער קאַפּיטל אין קסעניאַס לעבן זענען אירע באַציִונגען מיט דער טאָכטער. אין אַ קליינער היילשטאָט לעבן ניצאַ, פראַנקרייך, האָט זי אויסגעטראָגן איר איינציק קינד. „דורך אַלע פענצטער קוקט צו מיר דער ים — גרויס און בלאָ. איך וויל, אַז מיין קינד זאָל האָבן אַזעלכע אויגן, בלאָע — אינעם זונליכט, און גראָע, שטאָליק־קאַלטע — אין שטורעם". אין יענעם צימער האָט די קאַמפּסגרופּע פון סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן געגרייט די באָמבעס אויפצורייסן דעם צאַרישן רעזשים. מישן זיך צוזאַמען דער ציטער פון ערשטער מוטערלעכקייט מיטן ריח פון זויערשטאָפן און דינאַמיט. חדשים שפּעטער פאָרט מען אין רוסלאַנד; אונטער געפאַלדעוועטן ברייטן קלייד — אַ שווערער דינאַמיט־פּאַנצער. אָן איינזאַמע, אין בערן, געבוירט זי דאָס טעכטערל. בלויז איין איינציק מאָל האָט דער פאָטער, לעוו זילבערבערג, געזען זיין קליין קינד. און אָט איז געקומען דאָס גרויליקע. דער פאָטער איז פאַרשפאַרט אין פּעטראָפּאַוור־לאָווסקער פעסטונג. ס'קומט פאַר דער מישפּט, און דער פסק־דין איז — טויט. קסעניאַ קריגט זיין לעצטן בריוו. ער שרייבט: ....„איך האָב אויס־געמיטן צו זען דאָס קינד... ביי יעדן מענטש איז דאָ אַ גרענעץ צו דעם כוח פון זיין ליידן. כ'האָב געקאָנט זען מיין מוטער. מיט גרויסער אָנ־שטרענגונג וואָלט איך געקאָנט זען דיך. אָבער זי... דאָס איז איבער מיינע כוחות. דאָ איז מיין גרענעץ. כ'קאָן נישט. אַז איך שטעל מיר פאָר אין דמיון דאָס קליינע נפשל, וואָס כ'קען זי ניט און האָב זי אַזוי ליב, אַז איך שטעל מיר פאָר, ווי זי וועט זיך איינקוקן, נישט פאַרשטייענדיק וואָס ס'קומט פאָר און, אפשר, וועט זי נאָך אויסברעכן אין אַ געוויין, דער־זעענדיק דאָס פרעמדע פּנים... כ'וועל נישט קאָנען. איך ווייס, אַז אויך איך, וואָס קיינער חוץ דיר האָט מיך נישט געזען לאָזן אַ טרער — אויך איך

וועל זיך פונאַנדערווייגען ווי אַ קינד אויף די אויגן פונעם זשאַנדאַרם... מיין לעצטער און פלאַמיקער פאַרלאַנג איז, אַז אונדזער טאַכטער זאָל האָבן אַ מוטער, וואָס מיט איר וועט זי לעבן און וואַקסן. און אַז זי וועט אויס־וואַקסן, וועסטו איר ווייזן יענע הערלעכע בלעטער אין דיין העפט, וועסט איר דערציילן, ווי ליב איך האָב געהאַט דיך, זי. וועסט איר אויך זאָגן, אַז איך האָב זיך געשיידט מיט דעם, וואָס איז מיר צומערסטן טייער, מיט דער גרויסער ליבע און מיטן לעבן — אין מיין קאַמף קעגן דעם צער און ליידן פון אַנדערע".

די טאַכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ קאָמוניסטישן מנהיג, אַ ייִד פון איטאַליע. פריִער אַליין אַ ציוניסט, וואָס גרייט זיך צו עליה. דערנאָך, פאַרכאַפּט פון קאָמוניזם, האָט ער איבערגעריסן מיט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו יידן, צו ארץ־ישראל. קסעניאַס טאַכטער האָט זיך פאַרבונדן מיט איר חבר, מיט דער אידעע אויף טויט און אויף לעבן... ווי איר מוטער. און זי האָט איבערגעריסן מיט דער מוטער, דער ציוניסטקע, אַוועק־געריבט פון קסעניאַ נישט נאָר זיך, נאָר אויך דעם נחת פון אייניקלעך...

זי פאַרצייכנט: „אין יאַנואַר 1952 איז מיין טאַכטער געשטאָרבן. ביז איר לעצטער מינוט בין איך געווען נעבן איר. ביז מיין לעצטער מינוט וועט זי רוען אין מיר". זי שטאַרבט נישט ווי לאַנג די מוטער לעבט, ווייל אינעם מוטער־האַרץ לעבט זי ביזן לעצטן אָטעמצוג".

קסעניאַ האָט אָט די אינטימסטע טראַגעדיע אירע אויפגענומען מיט ווערדע, מיט מאָראַלישער שיינקייט און קראַפט.

זי איז געווען גרייט צום טויט. זי האָט באַצייטנס, מיט יאָרן צוריק, אַנגעזאָגט מען זאָל, נאָך איר טויט, נישט פאַרציִען דעם אָרון מיט שוואַרץ. דאָס פנים זאָל זיין אָפּגעדעקט; די הענט פאַרלייגט רויִק אויף דעם קער־פער און דער גאַנצער אָרום זאָל זיין געהילט אין בלומען און אין גרינס. זי האָט געוואָלט, עס זאָלן דעם אָרון באַגלייטן די טענער פון „אינטערנאַ־ציאָנאַל", „התקווה" און פון דעם אַרבעטער־ליד „דרכו עוז, חברים, ישרו צעד"...

„נאָר איין מאָל אין לעבן קומט צום מענטשן די שעה פון טויט — דאַרף מען זי מאַכן שיין, פּרעכטיק, ליכטיק, נישט דערדריקן די נשמה, נאָר

זי דערהייבן און אויפפרישן. אויב אַן אַזכרה — זאָל עס זיין אַ גוטער קאָנצערט. אויב אויפהענגען דאָס בילד, איז אַן טרויער־צודעק. יום־טובדיקע טישטעכער, בלומען, אַ גוטער אָוונטברויט. די בלוי־ווייסע פענער פון ישראל און די רויטע פענער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג... ווייל ס'איז נישטאָ קיין שום טויט, נאָר אַ לעבנסשטראָם אַן אָפּהאַלט, אַן אויפהער"...

קסעניאָ איז איינגעשלאָפן אין אַ נאָר וואָס אויסגעקאַלכטן צימער לכבוד פסח. פרישע בלומען זענען געשטאַנען אויפן טיש און אַ בוך אין איר האַנט. מיתת נשיקה. געשטאָרבן ווי אַ צדיקת.

זי האָט באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן נאָר דעם ערשטן טייל פון איר בוך.

„דערמיט פאַרענדיק איך די אידיליע פון מיין לעבן. אין ערשטן בוך און אויך אינעם צווייטן (וועלכן כ'וועל נאָך, האָף איך, שרייבן) איז מענטשלעך לעבן און אין אים איז איינגעפלאָכטן, נישט אָפּצוטיילן, דאָס פערזענלעכע און געזעלשאַפטלעכע. ווייל דאָס לעבן איז איין שטיק, וואָס קאָן נישט צעטיילט ווערן, ווייל ס'איז איין גאַנצקייט. געווען איז דאָס לעבן ווי אַ שנירל פערל, און די פערל זענען אויפגעשנירלט געוואָרן איינס צו איינס, פעסט. און דערנאָך איז דאָס שנירל איבערגעריסן געוואָרן. מיט לייכטן זיפץ פאַלן די פערל אינעם חלל און דער פאָדעם, וואָס האָט זיך אויסגעליידיקט, וויסלט זיך אָן האָפענונג.

„עס גייען דורך יאָרן. איינע אַליין גיי איך אַרום צווישן מענטשן, מיר פרעמדע. איך האָרעווע, היט אָפּ און דערציִ מיין טאָכטער, די איינע און איינציקע. עס זענען אַדורך יאָרן. מיין טאָכטער איז אַ פרוי און אַ חברטע צו איר מאַן. איך האָב דערפילט מיין חוב. בין איך פריי אויסצוקלייבן זיך מיין וועג. און מיין וועג פירט צו אָט דעם לאַנד. דאָ אין לאַנד קלייב איך אויס די אַרבעטער־באַוועגונג, דעם קיבוץ מאוחד, די קבוצה פון אַר־בעטער־יוגנט.

— „אַזוי האָט זיך ווידער פאַרגאַנצט און פאַרפעסטיקט דאָס שנירל פון מיין לעבן. אַ גאַנץ שנירל, אַ שווער־וואָגיק שנירל".

אַזוי האָט געלעבט און אַזוי איז געשטאָרבן קסעניאָ. זי האָט פול־שטענדיק באַשטעטיקט די כאַראַקטעריסטיק, וואָס דאָבראָליובאָוו האָט געגעבן יענעם דור: „מענטשן, וואָס פאַרמאָגן רעאַלע חושים, שטאַרקע

נערוון און אַ געזונטן דמיון. פאַר זייערע אויגן איז תמיד געווען דער מענטש און זיין ממשותדיק גליק. דער עיקר — אָנערקענען די לעבעדיקע בלוט־קרובהשאַפט צווישן זיי און דער מענטשהייט, פאַרשטיין די סאָלידאַ־ריטעט פון אַלע מענטשלעכע באַציִונגען צווישן זיי אַליין גופא. אין פלוג קולט פון מאַסן; מסירות־נפש, וואָס איר מקור איז עגאָיִזם; שטרעבונג פון דעם מענטש, דעם יחיד, דערצו".

דער מאָטאָ צו איר בוך איז אַ פסוק פון תהילים „גאָט, באַהיט די גרים".

נחום ניר

דורך צענדליקער אַרטיקלען און גרעסערע אַרבעטן האָט ח׳ נחום ניר געהאָלפן צו אַנטוויקלען דעם רעוואָלוציאָנערן פועלי־ציון געדאַנק אין אָנבליק פון די גראַנדיעזע וועלט־אומענדערנדיקע געשעענישן פון אונדזער תקופה: פועלי־ציוניזם האָט פאַר אים קיינמאָל נישט געגאָלטן אַלס פאַר־גליווערטע דאָגמע, און אונדזערע פעסטגעשטעלטע פּרינציפּן פון צענדליקער יאָר צוריק זענען פון אים נישט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ רעליקוויע, צו וועלכער מען טאָר זיך נישט צורירן, מחמת עס קאָן זיך אינגאַנצן צעשיטן פון אַזאַ באַרירונג מיט די ווינטן פון נייער צייט. פאַרקערט, ח׳ ניר געהערט צו דער גרופּע פאַרטיי־טעאָרעטיקער, וועלכע זענען נישט געבליבן שטיין פאַרשטייפטע אויפן אַלטן פסוק, נאָר געהאָלפן ווייטער שפּינען דעם געדאַנק און באַרייכערן אים, באַקרעפטיקן מיט דער דערפאַרונג פון מאַסן־קאַמף און אויפגעוויקלטע ווירטשאַפטלעכע פּראָצעסן אויפן וועלט־שטח.

ח׳ ניר האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט פעסטשטעלן אַבסטראַקטע פאַר־מולעס פאַרן פועלי־ציוניזם; ער האָט כסדר שטודירט די לעבעדיקע ווירקלעכקייט און אַנטפּלעקט אירע כוחות; אויפן יסוד פון פאַקטן און ציפערן האָט ער געקאָנט דערווייזן דעם אמת פון אונדזערע לאָזונגען. ער האָט דעריבער נישט געלאָזט אויסן אויג די פּראָצעסן, וועלכע זענען פאַר דער צייט בולטער און קענטיקער געוואָרן אין דער אַלגעמיין־מענטשלעכער געשיכטע און אין צוזאַמענהאַנג מיט זיי געמאַכט געהעריקע אויספירן אויך פאַרן יידישן מאַסן־לעבן און פאַר דער טעטיקייט פון דער פועלי־ציון פאַרטיי.

אָנגעהויבן האָט דער ח׳ ניר נאָך אין יענע יאָרן, ווען דער פועלי־ציוניזם איז געווען אין די וויקעלעך. אַ געוויסע צייט איז ער געווען פון די הייסעסטע פאַרטיידיקער און באַגרינדער פון דעם אַזוי־גערופענעם „פּרינ־ציפּיעלן פּאַלעסטיניזם״ אין אונדזער באַוועגונג. דער דאָזיקער שטאַנד־פּונקט איז געווען אַן אייגנאַרטיקער דערמיט, וואָס בויענדיק אַלץ אויפן יסוד פון מאַטעריאַליזם, האָט ער אָבער גענומען אין חשבון אויך דעם

גייסטיקן עלעמענט, וואָס פּאַלעסטינע האָט פאַרנומען אַן אָרט אין דער פּסיכיק פון די יידישע מאַסן אין משך פון לאַנגע, לאַנגע דורות. דאָס האָט נישט געזאָלט אַנטשיידן אַלס ערשטער מאָטיוו, אַלס דירעקטער גורם צו דער וואַנדערונג פון יידישע מאַסן קיין ארץ־ישראל. אָבער דאָס האָט געזאָלט זיין אַנטשיידנדיק אין יענעם מאָמענט, ווען עס ווערן געגעבן צוויי מעגלעכקייטן, אָדער ווען עס איז שוין פאַראַן דער פאַקטאָר פון דירעקטער מאַטעריעלער פאַראינטערעסירטקייט ביי דעם יחיד. דאָ קומט־אויף די מאַסן־פּסיכאָלאָגיע און די „פּרינציפּיעלע" באַציונג צו פּאַלעס־טינע, וועלכע איז אַן אַנדערע אין פּרינציפּ, ווי צו די איבעריקע לענדער.

דאָס איז געווען דער איבערגאַנגס־מאָמענט פאַר דעם אינטעליגענט, וועלכער האָט געזוכט דעם וועג צו דער מאַסע. ווירקלעך האָט דער ח׳ ניר זיך גיך איינגעלעבט אין דער פּראָלעטאַרישער סביבה פון דער באַוועגונג און ער איז מיט דער צייט געוואָרן דער שטאַרקסטער באַגרינדער פון אונדזער פּראָגנאָסטישן פּאַלעסטיניזם, וועלכער האָט געבויט זיינע אויס־רעכענונגען נישט אויף די רודימענטאַלע געפילן פון ווייטן עבר, נאָר אויף די אומפאַרמיידלעכע און אומאָפּנויגלעכע פּראָצעסן פון היינט און מאָרגן.

אַ געוויסע צייט איז ה׳ ניר געווען פּאַסיוו אין דער באַוועגונג: ערב און אַנהייב די מלחמה־יאָרן. אָבער, ווי נאָר עס האָט אַ הויך געטאָן דער הייסער אָטעם פון רעוואָלוציע אין יאָר 1917, איז ער צוריק אויפן פראָנט פון קאַמף און טאָקע גלייך אין די ערשטע רייען. פון דאַן־אָן האָט ער אויף קיין רגע נישט פאַרלאָזט די פּאָזיציע. שטענדיק אין אַלע שלאַכטן — אויף די ערשטע פּאָזיציעס, אויף דער פייער־ליניע. און שלאַכטן זענען גראָד אין די דאָזיקע יאָרן געווען. אַ קאַמף אינעווייניק און אויף דרויסן. עס האָט געמוזט געלייטערט און קריסטאַליזירט ווערן דער פּועלי־ציוניזם אין ליכט פון דער גרויסער רעוואָלוציע. אין משך פון יאָרן איז אָנגעגאַנגען די מחלוקה צווישן רוסישן און אַמעריקאַנישן פּועלי־ציוניזם, צווישן באָ־ראָכאָוויזם און סירקיניזם. איצט האָט זיך נאָך דעם רעוואָלוציע־אויסברוך אָט דער שטרייט צעפלאַקערט, ווי קיין מאָל נישט פריער, און ס׳האָט געמוזט קומען די ענדגילטיקע אַנטשיידונג. עס האָט נישט געקאָנט און נישט געטאָרט הויזן צוזאַמען אונטער איין דאַך דער וואָלונטאַריזם, וואָס האָט געשטעלט אויפן ווילן און דורך דעם אויך געקומען צו דער משונהדיקער

טעאָריע פון קאָנסטרוקטיוויסטישן סאָציאַליזם אין פּאַלעסטינע מיט דער הילף פון דער יידישער בורזשואַזיע אין נאָמען פון סתמיקער נאַציאָנאַלער גאולה, און דעם באָראָכאָוויזם, וועלכער האָט ערשט איצט אַרויסגערוקט מיט דער גאַנצער קראַפט דעם לאָזונג פון קלאַסן־קאַמף אַלס איינציקן וועג פון מאַסן אין דעם פּראָצעס פון ווירטשאַפטלעכן אויפשטייג פון פּאַלעסטינע, און די איינציקע מעגלעכע און באַרעכטיקטע אָריענטירונג פון די יידישע אַרבעטער אויפן קאַמף און זיג פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב.

אויף דער באַרימטער שטאָקהאָלמער באַראַטונג איז ח׳ ניר געווען פון די פירנדע חברים, וועלכע האָבן געהאַלטן הויך און פעסט אין זייערע הענט די פאָן פון מאַרקסיסטישן באָראָכאָוויזם. אַלס מיטגליד אין דער דעלעגאַציע פון פועלי־ציון קיין ארץ־ישראל איז ווידער ח׳ ניר געווען דער, וואָס האָט שוין דעמאָלט געוווסט אָפּצושאַצן די קאָלאָסאַלע אַנט־וויקלונגס־מעגלעכקייטן און פּערספּעקטיוון פון ווירטשאַפטלעכן אויפשטייג פון פּאַלעסטינע; אָבער טאַקע גראָד דערפאַר באַקעמפט אויפן שאַרפסטן אופן די אוטאָפּישקייט פון קאָנסטרוקטיוויזם אַלס וועג פון סאָציאַליזם אין ארץ־ישראל און פאַרויסגעזען די באַדייטונג פון דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל אין לאַנד און ממילא אויך די דעצידירנדיקע ראָל פונעם קלאַסן־קאַמף אין דעם רעאַליזירונגס־פּראָצעס פון דעם טעריטאָריאַלן יידישן אַרבעטער־צענטער אין פּאַלעסטינע.

אין יאָר 1920 איז ח׳ ניר געווען פון די, וואָס האָבן געהאָלפן אויס־שמידן די איינהייטלעכע ליניע פון מאַרקסיסטישן פועלי־ציוניזם אין וועלט־פאַרבאַנד, און שפּעטער האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט דעם זעלבן שטאַנד־פונקט צו פאַרטרעטן אויך אויף דעם אויסערלעכן פראָנט, אויף די באַראַ־טונגען און קאָנפערענצן מיט די פאָרשטייער פון אינטערנאַציאָנאַלן אַר־בעטער־קלאַס, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרטושן און פאַרלייקענען די אייגנ־אַרטיקע קלאַסן־אויפגאַבן פון יידישן אַרבעטער־קלאַס און נישט געוואָלט זען די ספּעציפישע באַדינגונגען פון יידישן מאַסן־לעבן, די פּראָצעסן פון אומעטומיקער אומשיכטונג און טעריטאָריאַליזירונג אין פּאַלעסטינע, וועלכע בילדן־אויס דעם פאָן פאַר דעם קלאַסן־קאַמף פון אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער־קלאַס גראָד אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער מאַרקסיסטישער איינשטעלונג בנוגע דער איצטיקער עפּאָכע.

ח׳ ניר האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט טעאָרעטישער קאַבינעט־אַרבעט. יאָרן־לאַנג איז ער פון די געציילטע טוער, וועלכע האָבן אויך אָנגעפירט פּאָליטיש מיט דער באַוועגונג; באַשטימט איר פּאָליטיק אין די וויכטיקסטע מאָמענטן און די טאַקטיק אין די פאַרשידענע קאַמפן אירע אין יידישן און אַלגעמיינעם לעבן.

ח׳ ניר באַטייליקט זיך רעגולער און אומאונטערבראָכן אין דער פּועלי־ציוניסטישער פּרעסע פון דער גאָרער וועלט און אין אַ ריי לענדער האָט ער געווירקט אויך מינדלעך מיט זיין שאַרפן אַנאַליטישן וואָרט פון בייסנ־דיקער קריטיק לגבי אַנדערע און פון סינטעטישן בויען אויף אינווייניק.

ח׳ ניר האָט באַרייכערט די טעאָרעטישע ליטעראַטור פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג מיט אַ ריי ווערטפולע אַרבעטן. זיין פּאָפּולערע באַלייכטונג פון די גרונט־עיקרים פון פּועלי־ציוניזם און ברייטערע סטודיע איבער דער „ווירטשאַפט און פּאָליטיק אין ארץ־ישראל״ ווי זיין „פּאַלעסטינע אין ציפערן״, האָבן פיל בייגעטראָגן צום פאַרשטאַרקן און קאָנקרעטיזירן דעם אידעישן וויסן אין די ברייטסטע פּאַרטייִשע קרייזן. זיין אַרבעט „געשיכטע פון סאָציאַליזם״ האָט נישט נאָר אין די ענגערע פּאַרטיי־קרייזן, נאָר אויך וויט איבער זיי אויסגעברייטערט דאָס פאַרשטענדעניש פאַר דער ראָל און באַדייטונג פון סאָציאַלע אידעען און קאַמפן אין דער געזעלשאַפט־לעכער אַנטוויקלונג.

ח׳ ניר וווינט צענדליקער יאָרן אין ארץ־ישראל, און אויך דאָ האָט ער גלייך פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער אַרבעטער־געזעלשאַפט־לעכקייט, ווי אַן אומדערשראָקענער און קאָמפּראָמיסלאָזער קעמפער פאַרן מאַרקסיסטישן־פּועלי־ציוניזם.

ח׳ ניר האָט פאַרדינסטן אויך אין קאַמף פאַר דער קולטור פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אויף זיין יידישער שפּראַך. ער איז געווען פון די גרינדער און דער לאַנג־יאָריקער פאָרזיצער פון יידישן זשורנאַליסטישן און ליטעראַטן־פאַראיין אין פּאַלעסטינע. ער איז פון די איניציאַטאָרן און רעדאַקטאָרן פון די פילצאָליקע זאַמלביכער אויף יידיש אין ארץ־ישראל גופא. דערמיט האָט ער מיטגעהאָלפן אַוועקצושטעלן דאָס פּראָבלעם פון יידיש אין ארץ־ישראל פאַר דער ברייטער יידישער קולטור־געזעלשאַפט־לעכקייט אויך אין אַנדערע לענדער און געוועקט דאָס געפיל פון פאַראַנט־

וואָרטלעכקייט ביי די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין דער גאָרער וועלט פאַרן אויסגאַנג פון קאַמף פאַר יידישער מאַסן־קולטור אין ארץ־ישראל.

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך אינעם ח׳ נירס טעטיקייט, וועלכע דערהייבט אים צו דער הויך פון אָנפירער פון דער וועלט־באַוועגונג פון פועלי־ציון, איז דאָס, וואָס ער האָט באַוויזן אין משך פון די אַלע יאָרן בלייבן טריי דער פועלי־ציוניסטישער אידעאָלאָגיע פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער־קלאַס און נישט פון זיינעם אַ טייל. אין די פריע יאָרן פון אונדזער באַוועגונג איז אָנגעגאַנגען אַליידנשאַפטלעכער וויכוח וועגן דעם „דאָ״ און דעם „דאָרט״ אין דער פועלי־ציון־אידעאָלאָגיע, וועגן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דער אַרבעט און דעם קאַמף פון די יידישע מאַסן אין אַלע זייערע ביז־איצטיקע וווין־לענדער, און דעם קאַמף אין דעם אויפשטייגנדיקן טעריטאָריאַלן אַרבעטער־צענטער אין ארץ־ישראל.

באָראָכאָוו האָט טרעפלעך כאַראַקטעריזירט די דאָזיקע שייכות ווען ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסגעבראַכט די איינהייטלעכקייט און די גלייכוועריקייט פון דעם אומעטומיקן קאַמף און דעם אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג פון די אַלע טייל־פּראָצעסן, וועלכע גיסן זיך צונויף אין דעם איין־אַלגעמיינעם איינהייטלעכן גראַנדיעזן איבעראַנדערשונגס־פּראָצעס פון דעם יידישן מאַסן־קאָלעקטיוו.

מיט דעם אויסוווקס פון דעם פּאַלעסטינער ישוב און מיט דער פונאַנ־דערוויקלונג פון דעם קאַמף פון די יידישע מאַסן אין אַנדערע לענדער איז אַלץ מערער בולט געוואָרן די ריכטיקייט פון דער דאָזיקער אייַנ־שטעלונג. נאָך מערער איז עס קלאָר געוואָרן אין די לעצטע יאָרן, ווען די אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק אין פּאַלעסטינע, גלייך ווי דער אויפקום פון דעם רעוויזיאָניסטישן פאַשיזם דאָרט, האָבן אונטערגעשטראָכן דעם ענגן צוזאַמענהאַנג צווישן דעם, וואָס קומט פאָר אין פּאַלעסטינע און דעם היסטאָרישן געראַנגל צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל אין דער גאָרער וועלט. און דאָך האָבן זיך געפונען גראָד אין ארץ־ישראל גרופּן, וואָס האָבן, צוליבן ווירקלעך־מערקווערדיקן און וווּנדערלעכן אויסבוי־פּראָצעס פון לאַנד, זיך פאַרגאַלאָפּירט און אָנגעהויבן אָריענטירן זיך, אויב אַפילו פאַרשטעל־טערהייט, אויף פּאַלעסטינע־צענטריזם, נישט וועלנדיק באַנעמען די אומ־געהויערע אַנטשיידנדיקע באַדייטונג, וועלכע עס האָט פון שטאַנדפּונקט פון פועלי־ציוניזם, פאַר די יידישע מאַסן און זייער ווייטערדיקן קיום און

גורל אומעטום, זייער קאַמף פאַר אומשיכטונג און פּראָדוקטיוויזירונג אויך אין אַלע לענדער מחוץ פּאַלעסטינע.

ח׳ ניר האָט באַוויזן די גבורה, וווינענדיק לענגערע יאָרן אין ארץ־ישראל און נעמענדיק דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין דעם דאָרטיקן לעבן און קאַמף פון די יידישע מאַסן, אויפהיטן אין דער גאַנצער פרישקייט און עמפּינדלעכקייט דעם חוש פאַר דעם יידישן אַרבעטער־קאַמף, ווי פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאַמף אין דער גאָרער וועלט. אין די צייטן פון פּיינלעכע אינערלעכע רייסענישן, ווען ענגער קורצזיכטיקער ארץ־ישראל „אתה בחרתנו‏ִזם" האָט געוואָגט אַנטקעגנצושטעלן זיך דער אַל־וועלטלעכקייט פון פּועלי־ציוניזם, איז ח׳ ניר געווען פון די ווינציקע, וואָס האָבן מיט זעלטענער עקשנות און אינערלעכער פעסטקייט געקעמפט פאַר דער ריינקייט און גאַנצקייט פון פּועלי־ציוניזם גראָד אויף דעם באָדן פון ארץ־ישראל.

די פּאָזיציעס פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל ברייטערן זיך אויס. די באַדייטונג פון דעם דאָרטיקן יידישן ישוב וואַקסט זיך פאַר־באַנדער, אָבער דווקא איצט איז נייטיק אויפצוהאַלטן די מאַרקסיסטישע אָר־יענטאַציע פון דער באַוועגונג און נישט פאַרגראָבן זיך אין די ענגע ד׳ אמות פון דעם היינטיקן ארץ־ישראל, אַוועקקערנדיק זיך אַלצאיינס, צי מיט ביטול, אָדער מיט ווייטיק פון דעם גרויסן יידישן „גלות". ח׳ ניר האָט זיך אויסגעקעמפט אַזאַ פּאָזיציע, ווען די באַוועגונג האָט דאָס רעכט צו קוקן אויף אים, ווי אויף איינעם פון די, וואָס זענען פאַרפליכטעט אויך ווייטער ווייזן איר דעם וועג פון פשרהלאָזן קלאַסן־קאַמף, פון אויסגעהאַל־טענער מאַרקסיסטישער טאַקטיק און פעסטער אינערלעכער דיסציפּלין.

עס איז אַ צייט ווען די יידישע מאַסן־נויט אויפן פאָן פון אַלגעמיינעם קריזיס שרייט מיט טויזנטער קולות, ווען אַלגעמיינע רעאַקציע און פאַשיזם ברייטערן אויס זייערע נעסטן אויך אין דער יידישער סביבה, ווען צענדלי־קער און הונדערטער טויזנטער פון די יידישע מאַסן זוכן אַן אויסוועג פון זייער לאַגע אין קאַמף אויף די ערטער און אין איבערוואַנדערונג אין פּאַלעסטינע. אין אַזאַ צייט האָט די פּועלי־ציון באַוועגונג די אויפגאַבע אויפצוטרעטן מיט דער גאַנצער אַנטשיידנקייט קעגן אַלע פאַלשע און שעדלעכע פאַרפירערישע טעאָריעס פון אָפּאָרטוניזם און סאָציאַלן רע־פאָרמיזם אין דער אַלגעמיינער און אין יידישער אַרבעטער־גאַס, באַקעמפן

אומברחמנותדיק אַלע פרווון אַוועקצושלעפּן די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין זומפּ פון בירגערלעכן שאָוויניזם און קלאַסן־פאַרראַט.

די באַוועגונג איז זיכער, אַז ח׳ ניר געהערט צו די, וואָס זענען באַרופן אויך ווייטער פירן זי אויף די וועגן צו דערפילן איר היסטאָרישע שליחות אין קאַמף פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער־קלאַס.

*

האָבן זיך אַדורכגעיאָגט דריי צענדליק יאָר. די צווייטע וועלט־מלחמה. פאַשיזם, נאַציזם ,גאַז־קאַמערן און קאַלך־אויוונס, 6 מיליאָן יידן פאַר־טיליקט, יידישער געטאָ־אויפשטאַנד, וואַלד־פאַרטיזאַנקעס, יידישע בריגאַדע און פאַראַשוטיסטן פון ארץ־ישראל און — אויפקום פון יידישער מדינה.

אונדזער באַוועגונג האָט דערפילט איר שליחות אין געטאָ, אין גלות און אין דער מדינה. האָט אויך ניר געהאַט וואָס צו טאָן.

ער איז איינער פון אירע שליחים אין כנסת, אין עקזעקוטיוו פון יידישער אַגענץ. די באַוועגונג הויבט אים העכער און העכער. ער איז אַ געוויסע צייט פאַרזיצער פון כנסת, אַפילו — פאַרטרעטער פון מדינה־פּרעזידענט.

זענען דורך פולע דרייסיק יאָר.

דעם 15טן מערץ 1964 האָבן מיר אין די ראַמען פון אַ וועלט־באַראַטונג אין תל־אביב, געפייערט ניר׳ס 80טן געבוירן־טאָג.

האָב איך געזאָגט ביי דער געלעגנהייט: איך בין זיך מודה, חברים, אַז די לעצטע חדשים און וואָכן גיי איך אום און טראַכט: ווי אַזוי וועל איך היינט צו טאָג קאָנען באַגריסן עמעצן פון יענע אַמאָליקע יאָרן.

מען קאָן דאָס אָפּפטרן איינס־צוויי: האָסט אַ שיינעם לעבן געלעבט, — אַז וויל איז דיר און אַז וויל איז אונדז.

אמת איז אָבער, אַז איך פרעג זיך: — צי בין איך טאַקע צופרידן און מרוצה פון דעם, צו וואָס מיר האָבן דערלעבט? כ׳מיין, נישט פּערזענלעך, אינדיווידועל, נאָר ווי אַ מענטש פון דער באַוועגונג, וואָס האָט תמיד געפונען דעם טעם און זינען פון לעבן טאַקע אין דער באַוועגונג. ווייל ער האָט געהערט צו איר און ווייל זי האָט אים געגעבן אַ ציל אין לעבן.

מוז איך זיך אַליין זאָגן, די לעצטע צייט, אַז די שמחה איז ביי מיר נישט קיין פולע.

פּערזענלעך — אַן אמתער יום־טוב! ניר האָט זוכה געווען און דער־לעבט די אַכציק, וואָס פאַרשעמען נישט זיינע אַכצן. ער האָט דאָס באַוווּסט־זיין, אַז ער איז געגאַנגען אַ לעבנס־גאַנג, וואָס זיין ריכטיקייט האָט זיך באַשטעטיקט נישט נאָר לגבי אים אַליין. הלוואי וואָלטן מיט דעם וועג געגאַנגען די אַלע, צו וועמען ער האָט זיך געווענדעט און גערופן — וואָלט אונדזער לעבן בכלל אַנדערש אויסגעזען, ווי עס זעט אויס איצט. איז נירס יום־טוב פאַר מיר פּערזענלעך אַ יום־טוב.

אָבער, אַז מ׳קוקט זיך אַרום, זעט מען אַלץ ווינציקער פון יענע, וואָס האָבן געוואָלט אויך זען נאָך איינעם און נאָך איינעם אין דעם עלטער, נישט דווקא אין יאָרן, נאָר עלטער אין פּרט פון דעם, וואָס מיר האָבן גע־געבן דער באַוועגונג, און נישט בלויז אונדזער אייגענער באַוועגונג.

נאָך אַלעמען איז עס דאָך געווען אַ צייט, ווען יענע ראשונים האָבן געבראַכט אַ נייע בשורה און האָבן געמאַכט אויפצייטערן די יידישע גאַס. נישט בלויז די יידישע אַרבעטער־גאַס.

אָפּט טוט ווי דאָס האַרץ, ווען דו זעסט, אַז דער און יענער האַלט זיך אַ שטייגער באַ דער תורה פונעם „בונד״. אָבער דער „בונד״ האָט פאַרט אַמאָל אויפגעטרייסלט דעם יידישן אַרבעטער, און אים, דעם אַר־בעטער, אָרגאַניזירט קעגן עקספּלואַטאַציע און פאַר סאָציאַליזם. ס׳האָט אים בלויז געפעלט איינס — ער האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי צו פאַרוואַרצלען אַט די אַלע גוטע זאַכן און שיינע אידעאַלן אין דער יידישערווירקלעכקייט. אַט די ווירקלעכקייט איז באַ אים געווען אַ סטאַטיש׳ע. בעת מיר, פּועלי־ציון, האָבן זי געזען אין איר דינאַמישקייט. מיר האָבן געזען די יידישע וועלט אין וועלט־מאַסשטאַב און דעריבער האָבן מיר געזען אויך די גאַנצע וועלט. מיר האָבן נישט געקאָנט זען בלויז יידן און נישט דעם אַרום, דאָרט, ווו ס׳האָבן זיך געפונען יידן. ווען דער „בונד״ האָט גערעדט וועגן אַ לאָקאַלער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, פּוילן, ליטע, האָבן מיר גערעדט וועגן אַ רעוואָ־לוציע אין וועלט־היקף. פון דאַנען האָט געשטאַמט אונדזער מאָראַלישער כוח. זענען מיר דען געווען בעסערע ווי אַנדערע, אָדער מיר האָבן פאַר־מאָגט אַן אַנדער מאָראַל? ניין. מיר האָבן אָבער געזען דאָס וועלט־פּראָב־לעם, און דאָס פּראָבלעם פון יידישן פאָלק, האָבן מיר, ביידן געזען, ווי אַ טייל פונעם וועלט־פּראָבלעם.

האָבן מיר געהאַט דעם מוט צו זאָגן, אַז ס׳קאָן נישט געמאָלט זיין קיין

רעוואָלוציע, אויב אין איר וועט נישט זיין אָרגאַניש איינגעגלידערט די רעוואָלוציע אין יידישן לעבן.

צי מיינען מיר דערמיט צו זאָגן, אַז ס׳קאָן נישט זיין קיין רעוואָלוציע אָן יידן? אַז מ׳קאָן נישט איבערהיפּערן די יידן? חלילה. מיר האָבן נאָר אונטערגעשטראָכן, אַז ס׳וועט זיין נישט עטיש, נישט מאָראַליש, אויב דווקא דאָס פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די נביאים, וועלכע האָבן דער גאַנצער מענטשהייט געגעבן די דערהויבנדיקע מאָראַלישע אידעאַלן, זאָל אַליין דאַרפן פאַרניכטעט ווערן דורך דער רעוואָלוציע, כלומרשט צוליב דער רעוואָלוציע.

הלוואי וואָלטן אַלע חברים, וואָס זענען דורך אונדזער באַוועגונג דער־צויגן געוואָרן, פאַרמאָגט אָט די מאָראַלישע אַחריות, וואָס די באַוועגונג האָט אויף זיך גענומען לגבי דעם גאַנג פון יידישן לעבן, וואָלט אונדזער פאַרטיי געהאַט אַן אַנדער פנים און אונדזער ווירקלעכקייט וואָלט אויך אויסגעזען אַנדערש.

איז גוט, וואָס נאָך אַזוי פיל יאָרן פאַרשטייען שוין אַלע, אַז וואָס מיר זענען — זענען מיר, אָבער פּועלי־ציון זענען מיר.

מיר האָבן תמיד באַנומען דעם באַגריף פּועלי־ציון אַנדערש און מער, ווי דעם פּשוטן טייטש אַרבעטער פון ציון. מיר האָבן געהאַט פאַר די אויגן די יידישע אַרבעטער אין דער גאָרער וועלט. ציון איז פאַר אונדז געווען נישט געאָגראַפיע, נאָר רעוואָלוציע — די גרינטלעכע ענדערונג, וואָס וועט פאָרקומען אין יידישן לעבן. אונדזערע חברים האָבן אָנגעהויבן די קבוצישע באַוועגונג, געגרינדעט דעם „החלוץ״, און אַלץ, וואָס זיי האָבן געשאַפן, האָט געבראַכט צו אַ שינוי אין ציון. ס׳איז נישט מער דער ציון, וואָס אַמאָל, אין עבר. ס׳ווערט געשאַפן און ס׳קומט־אויף אַ נייער ציון, דער פּועל־יוצא פון אונדזער רעוואָלוציע — פון דער אינטעליגענץ און אַרבעטער, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט דורך דער באַוועגונג, דורך איר דערציִונג, דורך די חברים, וואָס זענען אַהער געקומען און דאָ אָנגעהויבן שאַפן. נישט צופעליק איז די „האָמלער גרופּע״, די „ראָסטאָווער גרופּע״ געווען פּועלי־ציון. נישט צופעליק זענען די גרינדער און ערשטע פון ‚השומר׳ געווען פּועלי־ציון.

פון דאַנען שטאַמט אונדזער מאָראַלישער כוח. נישט דאָ איז דאָס אָרט

צו דיסקוטירן, צי די פועלי־ציון האָבן בלויז גערעדט, אָדער, אַז די ערשטע רעאַליזירער זענען געקומען פון אונדזערע רייען.

אויך דאַן ווען פועלי־ציון־לינקע זענען געווען אַ קליינע פּאַרטיי דאָ אין לאַנד, האָבן אַלע זיך באַצויגן מיט דרך־ארץ צו אָט־דער קליינער מינדערהייט. יעדער האָט זיך באַצויגן צו זיי מיט כבוד; וויפל זיי זאָלן נישט זיין און ווער זיי זאָלן נישט זיין, אָבער זיי זענען טריי און איבער־געגעבן דעם געדאַנק. דערמיט האָבן פועלי־ציון געגאָלטן ווי אַ מוסטער און ביישפּיל פאַר אַנדערע.

ניר האָט דורכגעמאַכט אָט דעם וועג מיט דער באַוועגונג. ס׳פּאַסט אפשר נישט צו באַנוצן דעם אויסדרוק מיט דער באַוועגונג. וואָס איז דען די באַוועגונג אָן נירן און צענדליקער זיינס גלייכן? ניר איז נישט גע־קומען צו דער באַוועגונג מיט 60 יאָר צוריק. אַז ניר, טאַבענקין און אַנ־דערע האָבן זיך פאַרזאַמלט, איז געשאַפן געוואָרן די באַוועגונג. זיי זענען נישט געקומען אויף אַלעם גרייטן. זיי זענען געשטאַנען באַם וויגל פונעם יידישן סאָציאַליזם. פאַר זיי, ביז זיי איז נישט געווען בכלל קיין יידישער סאָציאַליזם. יידישער סאָציאַליזם מיינט: יענער סאָציאַליזם, וואָס האָט פאָרויסגעזאָגט די וויזיע פון דער רעוואָלוציע אין אַלגעמיינעם יידישן לעבן אין ברייטסטן זין פון אָט דעם באַגריף. ניר האָט געהאַט די גרויסע זכיה צו זיין צווישן די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן אויסצופורעמען דעם געדאַנק און די סאָציאַליסטישע יידישע וויזיע, וואָס מער ער האָט דערקענט די יידישע ווירקלעכקייט.

ווער נאָך אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט געהאַלטן אין באַרייזן און באַזוכן די יידישע וועלט, ווי פועלי־ציון? דאָס האָט זיך גע־נומען נישט דערפון, וואָס זיי האָבן געוואָלט לערנען נאָך אַ קאַפּיטל גע־גראַפיע און זען נאָך אַ מדינה און נאָך אַ לאַנד. זיי האָבן אָבער יאָ געוווּסט, אַז אומעטום, אין יעדן אָרט זענען פאַראַן יידן, איז דאָ אַ יידיש לעבן. מיר האָבן געהאַט אינטערעס צו יעדן אַזאַ אָרט. דערגאַנגען זענען מיר צו מאַראָקאָ און טוניס, צו איספּאַהאַן און טעהעראַן און אַזוי אויפגענומען די יידישע פּראָבלעמאַטיק אין איר וועלט־מאַסשטאַב.

באַ נירן, אין זיינע ביכער פון איצט געפינען מיר נישט בלויז זיין פּערזענלעכע ביאָגראַפיע. דאָס איז, אין דער אמתן, די ביאָגראַפיע פונעם

יידישן לעבן. די ביאָגראַפיע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, די ביאָגראַפיע פון אונדזער רעוואָלוציע.

די ביאָגראַפיע פון דער יידישער רעוואָלוציע איז געקניפּט און געבונדן מיט דער ביאָגראַפיע פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער.

מיר ווייסן, אַז מ'האָט אים פאַרגעשלאָגן, ער זאָל זיין באַ די באַל־שעוויקעס דער קאָמיסאַר פאַר יידישע אַנגעלעגנהייטן, און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון. איז עס דאָך נישט קיין צופאַל. פאַר וואָס האָט מען פאַרגעשלאָגן דווקא אים, און פאַר וואָס האָט ער אָפּגעזאָגט? ער האָט נישט געוואָלט, מחמת אַזאַ איז געווען די שטעלונג פון דער פּאַרטיי, פּועלי־ציון. ס'איז נישט געווען קיין פראַגע וועגן ווערן אַ קאָמיסאַר, נאָר וועגן דעם עיקר — וואָס וויל די רעוואָלוציע מאַכן אין יידישן לעבן? ער איז גרייט צו אַננעמען אַזאַ אַמט, אָבער נאָר אין מאָמענט, ווען ער האָט אַ רעוואָלוציאָנער־יידישן פּראָגראַם דערצו.

מיר האָבן געהאַט די טראַגישע זכיה צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיטן קאָמאינטערן. אין יענע יאָרן האָט זיך געפאָדערט אַ גרויסער גייסטיקער כוח קעגנצושטעלן זיך דעם קאָמאינטערן און אים זאָגן בפירוש: איך נעם־אָן דיינע 21 באַדינגונגען, אָבער אויך דו מוזט אַננעמען דעם איין באַדינג מיינעם — נעמלעך, דיין לעבנס־באַנעמונג זאָל אויפנעמען אויך דאָס יידישע לעבן. ביסטו דערצו גרייט — איז אַדרבא! חלילה, נישט — איז נישט! ווייל אָט דער איין באַדינג אונדזערער דעצידירט בנוגע דיינע 21 באַדינגונגען. קאָן איצט ניר מיט שטאָלץ און מוט באַטראַכטן זיין ביזאיצטיקן וועג, ווייל די באַוועגונג קאָן מיט פרייד און שטאָלץ קוקן אויף נירן און אים זאָגן: דו האָסט אונדז נישט פאַרלאָזן. האָסט באַוויזן צו באַשטיין אויף יענע פּרינציפּן, וואָס מיר האָבן באַשטימט לגבי דער יידישער רע־וואָלוציע, לגבי דער ענדערונג, וואָס דאַרף פאַרקומען אין יידישן לעבן, כדי מיר זאָלן קאָנען זאָגן ערלעך, אַז ס'איז הייליק און אומבאַרירט אַלץ דאָס, וואָס קומט פאַר אינעם אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן לעבן.

איך ווייס נישט, חברים, צו וועל איך נאָך האָבן אַ געלעגנהייט צו רעדן וועגן נירן. אייגנטלעך איז אַזאַ געלעגנהייט פאַראַן יעדן טאָג, באַ יעדער טרעפעניש מיט אַרבעטער, היינט צי אין דריי וואָכן אַרום, צי אין אַ האַלב־יאָר שפּעטער — יעדע באַגעגעניש אונדזערע מיט דער יידישער אַרבעטער־

ווירקלעכקייט, יעדער געראַנגל אונדזוערער פאַר די פרינציפּן, וואָס מיר האָבן אַריינגעבראַכט אין יידישן לעבן — דאָס מיינט אונדזער באַגריסונג צו נירן.

אויך ער קאָן זאָגן: די חברים מיינע טוען דאָס, וואָס איך האָב געטאָן מיין גאַנץ לעבן. דאָס שטאַרקט מיך און מאַכט מיך גליקלעכער. די גאַנצע ווירקלעכקייט איז אין מיר, און איך בין אין דער באַוועגונג, און דערפאַר לעב איך אין דער באַוועגונג. אַזוי לאַנג, ווי די באַוועגונג לעבט, לעב איך אין איר. און אַזוי לאַנג ווי עס לעבט די אַרבעטער־באַוועגונג, לעבט אונדזער באַוועגונג „אחדות־עבודה—פּועלי־ציון". דאָס איז אונדזער באַוועגונג און דאָס איז אויך אונדזער ווירקלעכקייט, פון ארץ־ישראל. ס'איז לגמרי נישט קיין צופאַל, וואָס אונדזער באַוועגונג האָט אויף זיך גענומען די איצטיקע אויפגאַבע לגבי דער אייניקייט פון דער אַרבעטערשאַפט.

איך זע, חברים, אַז מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּגליטשן אין ישראל פון דעם וועג, מיט וועלכן מיר האָבן געשפּאַנט צענדליקער יאָרן און דערגאַנגען ביז אַהער.

איצט געפינען מיר זיך אויפן שייד־וועג. איך אַליין בין שוין אין אַזאַ עלטער, ווען איך מעג זאָגן, אַז איך פיל, ווי דאָ קומט פאַר עפּעס אַזוינס גרינטלעכעס, יסודותדיקעס, עפּעס אַזוינס, פון וואָס עס הענגט אָפּ דער המשך און קיום פון דער מדינה.

איר קיום הענגט אָפּ פון דעם, צי וועט זי ווייטער גיין מיטן שטעג, וואָס מיר האָבן געוואָלט, מיטן שטעג, וואָס פירט צו סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט; מיט קיין אַנדערן וועג וועט זי נישט אויסהאַלטן. זי האָט איר זין און באַרעכטיקונג, נאָר ווי אַ סטימול פאַר דער רעוואָלוציע אין לעבן פונעם גאַנצן יידישן פאָלק, סיי פון יענע טיילן זיינע, וואָס וועלן פאַרבינדן זייער לעבן מיט דער מדינה גופא, סיי פון יענע, וואָס ווילן זיך פאַר־קנסן מיט איר, בלייבנדיק אַליין אין אַנדערע לענדער.

מיר קאָנען זיך ווינטשן, אַז די באַוועגונג זאָל באַווייזן דעם כוח מיט נירן און יינגערע בראש צו פאַרהיטן די מדינה פון דעם אַראָפּגליטש און אַרויפשפּאַנען צוריק אויפן ברייטן שליאַך, וואָס פירט דירעקט צו דער רעאַליזירונג פונעם אידעאַל. ס'איז אַ ברכה פאַר נירן— ס'איז אַ ברכה פאַר דער באַוועגונג.

י. זרובבל

זאב אַבראַמאָוויטש

צענדליקער יאָרן קענען מיר זיך, נענטער, ווייטער, אינטימער, צי פאָרמעל — אָבער שטענדיק, פון דער ערשטער באַגעגעניש — האָב איך צו ז. אַבראַמאָוויטשן אַ נאַטירלעכן געפיל פון דרך ארץ און רעספּעקט. איך בין עלטער פון אים, איך האָב שוין פאַרנומען אין דער באַוועגונג אַ גאַנץ אָנגעזעענעם אָרט, ווען איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט, און דאָך האָב איך געפילט און אָנערקענט זיין באַזונדערקייט און געשאַצט זיין ווערטפולקייט.

ער איז אין תוך אַ וויסנשאַפטלער .נישט קיין פּאָליטיקער און אוודאי נישט קיין פּראַקטישער טוער, נאָר אַ טעאָרעטיקער, וואָס האָט אינטערעס צום עצם געדאַנק און איז תמיד אַ היימישער אין דער וועלט פון רעיונות.

אַבראַמאָוויטש פאַרמאָגט אַ ספּעציעלן טאַלאַנט צו מסביר זיין אַ שווערע סוגיא, אויפקלערן און מאַכן פאַרשטענדלעך אַ האַרבן ענין. דאָס קומט אים אָן אַזוי לייכט, אַז ס'באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז אַנדערש קאָן ער נישט. זיינע אַרגומענטן און מאָטיווירונג זענען אין פּלוג אַזעלכע געוויינלעכע, צוגעגנלעכע, אַז זיי „לייגן זיך אויפן שכל", ווי דו וואָלסט זיך אַליין געזאָגט, אַז דאָס טאָר מען נישט זען אַנדערש, ווי אַבראַמאָוויטש האָט עס אַרויסגעבראַכט.

מען מוז דערמאָנען אַבראַמאָוויטשעס שמייכל. בעת ער רעדט וועגן ערנסטע ענינים, בליצט אַרויס פון זיינע אויגן אַ שמייכל, וואָס איז מקרב און מאַכט היימישער די גאַנצע אַטמאָספער: נישט נויטיק די שפּאַנונג, די אָנגעצויגנקייט; מ'דאַרף נאָר נאָכפאָלגן דעם לאָגישן געדאַנק און מיטגיין זיין גאַנג. נישט אָפּווייכנדיק אין אַ זייט. כ'מיין נישט צו זאָגן, אַז אַבראַמאָוויטש איז פּאָפּולאַריזאַטאָר. ביי אים ווירקט מער די לאָגיק איידער די פּאָפּולערקייט. נישט ווייל ער מאַכט די זאַך פּשוט, נאָר ווייל ער ברענגט עס אַרויס מיט אַ געזונטער לאָגיק.

אָט דער שטריך איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַבראַמאָוויטשן דעם וויסנשאַפטלער. ער נוצט נישט קיין שווערע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער

און קאָמפּליצירטע באַגריפֿן אין זיין אַרגומענטאַציע. דעריבער איז לייכט און אפֿילו אָנגענעם און באַקוועם מיטצוגיין מיט אים, אָן איבעריקער אָנשטרענגונג. איר באַמערקט אַליין נישט, ווי ס'איז אייך ליכטיק געוואָרן אין מוח און איר באַנעמט דאָס, וואָס ס'האָט אייך אויסגעזען אַזוי שווער תּופֿס צו זיין.

אַבראַמאָוויטש האָט אַ סך שטודירט — אין אויסלאַנד און אין רוסלאַנד, אין אוניווערסיטעטן און אין ביבליאָטעקן. אָבער ער האָט פֿאַרשטאַנען אויך דעם ווערט פֿון פֿאַרזאַמלונגען, פֿון רעפֿעראַטן און וויכּוחים, וווּ טעאָריעס און פּראָגראַמען ווערן פֿאַנאַנדערגעגלידערט און צענומען אויף זייערע באַשטאַנד־טיילן און ס'ווערט געגעבן אַ געלעגנהייט צו דערקענען אַלע רינגעלעך און זייער אָרגאַנישע געקייטלטקייט.

נאָך אַלס גאָר יונגער בחור האָט ער געהאַט דעם מוט אויפֿצוטרעטן אַלס אָפּאָנענט ביי אַזעלכע קאָריפֿעען פֿון סאָציאַליסטישן געדאַנק, ווי מאַרטאָוו, לענין, באָגדאַנאָוו. ער האָט געזוכט דעם אמת לאַנג איידער ער האָט באַשלאָסן צוטרעטן צו אַ פּאַרטיי. בנוגע פּועלי־ציון האָט ער אויך געהאַט באַשלאָסן זיין ענדגילטיקן אָנשלוס נאָר נאָך דעם, ווי ער האָט זיך באַגעגנט מיט באָראָכאָוון און זיך דורכגעשמועסט וועגן די פֿראַגן, וואָס האָבן געמאַטערט יענעם דור יידישע אינטעליגענץ. אַבראַ־מאָוויטש האָט זיך ספּעציעל פֿאַראינטערעסירט מיט דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע פֿון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט. ער האָט זיך באַטראַכט און געפֿילט אַלס אַ ייד. האָט אים געפּייניקט דער פֿאַקט, וואָס די סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג מיידט־אויס צו געבן אַ קלאָרן וויסנשאַפֿטלעכן מאַרקסיסטישן ענטפֿער אויף דער יידנפֿראַגע. זי איגנאָרירט לגמרי די פֿראַגע, ווי זי וואָלט נישט עקזיסטירט. ביי באָראָכאָוון האָט אַבראַמאָוויטש געפֿונען דעם ערנסטן מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, און, אַ דאַנק דעם, אויך צו דער יידנפֿראַגע.

און אַבראַמאָוויטש איז געוואָרן אַ באָראָכאָוויסט. געוויס האָט ער געהאַט אַ סך אָפּצופֿרעגן און אפֿילו צוצוגעבן צו דעם אָנגענומענעם באָראָכאָוויזם. דאָ האָט ער אָבער אָנגעטראָפֿן דעם יסוד. וויבאַלד ס'איז פֿאַראַן די באַזע, דער אויסגאַנג־פּונקט, קאָן מען שוין ווייטער מאַכן די לאָגישע אויספֿירן, אויב אַפֿילו זיי וועלן נישט אינגאַנצן שטימען מיט באָראָכאָווס אָריגינעלער אויפֿפֿאַסונג.

אַבראַמאָוויטשן איז אויסגעקומען צו פירן אַ פאַרצווייגטע פּאַרטייאישע טעטיקייט אין צאַרישן רוסלאַנד און אין ראַטנפאַרבאַנד, אין דער מאַנדאַ־טאַרישער פּאַלעסטינע און אין דער מדינת ישראל. ער איז געווען אַקטיוו אין וואָרט און אין שריפט. מ׳קאָן זאָגן מיט זיכערקייט, אַז אַבראַמאָוויטש האָט געהאַט אַ גאָר שטאַרקע השפעה אויף זיינע צוהערער און ער האָט באַוויזן אויפצושטעלן מחנות תלמידים און חסידים. ער האָט זיך אייגנטלעך קיינמאָל נישט געהאַלטן ביי דער אָפּיציעלער ליניע, און אָפט געווען מחולק מיט דער אָנפירונג אין אַ ריי וויכטיקע פראַגן. ער האָט אָבער פאַרמאָגט די מאָראַלישע דיסציפּלין אונטערצוואַרפן זיך דער מערהייט, נישט פאַרבאַהאַלטנדיק זיין אייגענע איינשטעלונג. האָט מען אים נישט סתם „טאָלערירט" נאָר הויך געשאַצט און געערט זיין פּרייוויליקן מיטגיין מיט דער פּאַרטיי.

אויב אין חוץ לארץ איז אַבראַמאָוויטש אויפגעטרעטן אין אַלע באַדינגונגען, ווי דער אינטעלעקטואַל, האָט ער אין ארץ ישראל אויף זיך גענומען דעם עול פון אַרבעט, פון פיזישער אַרבעט. ער איז נישט געווען איבערקלייבעריש ביי אָננעמען אַרבעט. יענע ערשטע יאָרן פון דער הסתדרות איז שווער געווען חברים, וואָס האָבן נישט געהערט צו דער הערשנדיקער פּאַרטיי, צו קריגן אַ פּאָסטן, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן זייער וויסן און פעיִקייט,אָפּגערעדט שוין זייער סטאַזש אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. האָט גענומען אַ סך יאָרן ביז אַבראַמאָוויטש האָט באַקומען די געלעגנהייט צו פאַרווענדן אין לאַנד זיינע רייכע ידיעות און פּילזייטיקע קוואַליפיקאַציעס. אַבראַמאָוויטש האָט עס אָנגענומען נישט ווי אַן אָפּקומעניש, אַ קרבן, נאָר ער איז בפירוש געווען צופרידן, וואָס ער איז באַ דער אַרבעט ווי די אַנדערע חברים זיינע. ער האָט דורכדעם געוווּנען אַ סך אין די אויגן פון די אַרבעטער, וואָס האָבן דערנאָך מיט אַ באַזונדער אינטערעס זיך צוגעהערט צו זיינע לעקציעס.

לויט דער נאַטור און כאַראַקטער אַ זייער צוגעלאָזענער צו מענטשן, נאָענטע און ווייטע, פעיִק נישט נאָר צו רעדן אַליין, נאָר אויך נישט ווינציקער — צו הערן דעם צווייטן. הערן נישט פון יוצא וועגן, נאָר זיך איינהערן מיט דער כוונה צו דערהערן עפּעס נייעס, וואָס איז אים פריער געווען אומבאַקאַנט און פרעמד. האָט ער געזאַמלט פאַקטן נישט בלויז פון ביכער, נאָר פון לעבן, און אַזוי אַרום האָט ער דורך פאַקטן

באַגרינדעט זיין טעאָריע און דורך דער טעאָריע מער פאַרשטאַנען דעם מיין פון די פאַקטן .ער האָט געוווּסט, אַז ס'זענען נישטאָ קיין צופעליקייטן אין דער געשיכטע, אַז ס'זענען פּראָצעסן, וואָס אַנטוויקלען זיך אומפאַרמיידלעך און מיט קאָנסעקווענטקייט. האָט ער געוווּסט צו דערקלערן אויך די נעגאַטיווע דערשיינונגען אין אונדזער אַנטוויקלונג, זיך נישט אָפּגעשראָקן און נישט מבולבל געוואָרן צוליב קריזיסן און דורכפאַלן. ער האָט צו יעדער צייט געקאָנט זיך פאַררופן אויף ביישפּילן אין דער געשיכטע, כדי באַנעמען דאָס, וואָס קומט פאָר אויך ביי היינטיקן טאָג.

אין זיינע צייטן און אויף זיינע אויגן איז געוואַקסן דער ישוב. געווען שטייגנדיקע כוואַליעס פון עליה און אָפּפלוסן פון ירידה, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ מרה שחורה אויף דעם ישוב. אַבראַמאָוויטש האָט באַטראַכט אַלץ מיט זיין ניכטערן בליק און געלערנט דעם עולם, ווי צו פאַרשטיין די אַנטוויקלונג פון פּראָצעסן אין זייער אויפשטייג און נידערגאַנג, אַבי צו האָבן די זיכערקייט אין דעם פּראָגנאָז, וווהין עס פירט דער וועג.

אַבראַמאָוויטש האָט געשטאַמט פון פאַרמעגלעכע עלטערן, אָבער אַליין האָט ער זיך דערצויגן צו באַשיידנקייט, וואָס אָפט האָט זי געשטאָכן די אויגן, אויף וויפל זי האָט געגרענעצט מיט אָפּגעלאָזנקייט. נישט, חלילה, מיט קמצנות.

דאָס האָט ער זיך אויסגעלערנט נישט אין ארץ־ישראל. נאָך אין אויסלאַנד, אין די אוניווערסיטעט־שטעט אין זיינע סטודענטישע יאָרן, האָט ער קוים געהאַט אויף אַ מינימום אויסקומעניש. ער האָט זיך נישט געקימערט נישט וועגן מלבושים און נישט וועגן דערנערונג. לויטן אויסערלעכן רושם האָט מען נישט געקאָנט חושד זיין, אַז מ'האָט פאַר זיך אַ דענקער מיט ענציקלאָפּעדישער אויסבילדונג פון העכער מדרגה. דערפאַר אָבער פלעגט ער גלייך געווינען די אויפמערקזאַמקייט פון דער אודיטאָריע, ווי נאָר ער האָט גענומען דאָס וואָרט. ער איז נישט געווען קיין אָראַטאָר אין אָנגענומענעם נוסח, נישט געבליצט מיט רעדנערישע איינפאַלן און טריקס. זיין צויבער איז געלעגן אין זיין איינפאַכער איינגנאַרטיקייט, וואָס האָט מיטגעריסן און ממש געכישופט דעם געדאַנק.

אַבראַמאָוויטש האָט אַ סך געשריבן. ער האָט געניצט אַ שלל פּסעוודאָנימען. אַ חוץ זיין אייגנטלעכן נאָמען האָט ער געחתמעט בעלסקי, ראַמפּאַזוף, מרים ז. א. געשריבן מערסטנטייל וועגן עקאָנאָמיש־וויסנשאַפטלעכע ענינים, אָבער נישט ווייניקער האָט ער זיך אָפּגערופן אויף אַקטועלע פּאָליטישע פּראָבלעמען. זיינע מאמרים זענען שטענדיק געווען גרינטלעכע אַרבעטן, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַ סך קלאָרקייט אין די באַהאַנדלטע טעמעס. ער האָט דורכגעפירט סעמינאַרן, ווו די תלמידים האָבן זיך אויסגעלערנט צו באַטראַכטן פראַגן לויט אַ באַשטימטער שיטה און נוצן אַ וויסנשאַפטלעכן מעטאָד. דער עיקר האָט ער געלערנט נישט אָנצונעמען בלינדערהייט כלומרשט פעסטגעשטעלטע אמתן, נאָר אַליין זוכן און אויסגעפינען דעם אמת, אין וועלכן דו אַליין לפחות זאָלסט זיין איבערצייגט, אַז ס׳איז טאַקע אמת.

מיר האָבן זיך געטראָפן מיט אַבראַמאָוויטשן אין פאַרשידענע סיטואַציעס אויף צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן. שטענדיק אַלס פּועלי־ציון, הגם נישט שטענדיק אינעם זעלבן לאַגער. פּועלי־ציון האָבן באַקומען אַ שם, צוליב זייערע אָפטע שפּאַלטונגען. האָסט קיינמאָל נישט געוווסט באַם צוריק פאַראייניקן זיך, ווילאַנג וועט אָנהאַלטן די דאָזיקע גאַנצקייט. עס האָט כסדר געלויערט צוקאָפּנס די נייע שפּאַלטונג.

צום לויב פון דער באַוועגונג מוז געזאָגט ווערן, אַז אין די שווערסטע צייטן פון שפּאַלטונג האָבן ביידע צדדים נישט מפקיר געווען און נישט פאַרלאָזן דעם געמיינזאַמען אויסגאַנג־פּונקט, דעם עיקר פון באָראָכאָוויזם. מ׳האָט זיך געשפּאָרט און געאַמפּערט וועגן דעם פירוש, ווי איז ריכטיקער צו אויסטייטשן באָראָכאָווס כוונה.

אין דעם פּרט האָט אַבראַמאָוויטש, דער תלמיד מובהק פון באָראָכאָוון, זיך דערלויבט גאַנץ קענטיקע אָפּנויגן, וואָס האָבן געשטאַמט פון עצם באָראָכאָוויזם, וועלכער דערלויבט און איז אָפילו מחייב פון דאָס ביי קאָנטראָלירן און אויספּרובירן דעם אָנגענומענעם כלל אין ליכט פון די ענדערונגען וואָס די צייט האָט מיט זיך געבראַכט.

האָט אַבראַמאָוויטש באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן בראָשורן און ביכער איבער פראַגן פון ווירטשאַפט, פון קאָאָפּעראַציע. אַ באַזונדער ווערט האָט זיין בוך איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ווו ער גיט אַ ברייטערן איבערבליק איבער דעם, ווי די נאַציאָנאַלע פראַגע איז באַהאַנדלט געוואָרן

דורך אַ ריי לערער פון סאָציאַליזם, ווי מאַרקס, קאַוטסקי, לענין, סטאַלין, ביז צו באָראָכאָוון. דאָס וויכטיקסטע אין דער אַרבעט באַשטייט דערין, וואָס אַבראַמאָוויטש פטרט נישט אָפּ דעם ענין מיט פאַרופן זיך אויף די באַקאַנטע איינשטעלונגען פון די באַרימטע מחברים, נאָר ער אַנאַליזירט שאַרף און אויספירלעך יעדע איינשטעלונג און באַהאַנדלט זי אין ליכט פון די באַשטימטע באַדינגונגען אין פאַרשידענע לענדער. ער דערווייזט אויך, פאַרוואָס און פון וואָס האָט זיך גענומען דער אונטערשיד צווישן די מחברים לגבי די מסקנות, הגם זיי האָבן געהאַט דעמזעלבן מאַרקסיסטישן יסוד.

אַבראַמאָוויטש העלפט זיך שטאַרק אַרויס מיט באָראָכאָווס פעסט־שטעלונג, אַז די פּראָדוקציאָנס באַדינגונגען באַשטימען די באַזונדערקייט פון דער נאַציע, נישט אָפּוואַרפנדיק דערביי די אַנדערע סימנים, וועלכע עס האָט אַ שטייגער אָנגעצייכנט סטאַלין. גראָד אָט די פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען באַשטימען דעם באַזונדערן כאַראַקטער פון דער יידישער נאַציע און איר אַלוועלטלעכקייט.

פון דעם, מיין איך, האָט אויך געשטאַמט זיין אַזוי גערופענער פּאַלעסטינע־צענטריזם, היות נאָר דאָ און בלויז דאָ וועלן געשאַפן די פּראָדוקציאָנס־באַדינונגען, וועלכע געבן די מעגלעכקייט די יידן צו אויפ־קומען ווי אַ נאָרמאַלע נאַציע.

אויך אַבראַמאָוויטש האָט מיטגעמאַכט די שפּאַלטונגען אין פּועלי־ציון. סיי אין ראַטנפאַרבאַנד און סיי אין ארץ־ישראל. דאָרט — מיט די י. ס. ד. קעגן די יעקאָפּיסטן און דאָ — מיט די אַזוי גערופענע „יצחקיסטן" קעגן דער פּאַרטיי פון וועלט־פאַרבאַנד. כאַראַקטעריסטיש איז אָבער, וואָס אין ארץ־ישראל האָבן זיך די אָפּגעשפּאַלטענע חברים אויסגעקליבן דעם צונאָמען „יצחקיסטן" און נישט אַרויסגערוקט אַ שטייגער, אַבראַמאָוויטשן, הגם ס'איז נישט געווען קיין סוד, אַז טעאָרעטיש האָט מען זיך מער סומך געווען אויף דעם עלטערן, אויף דעם וועטעראַן אַבראַמאָוויטש. נאָר לויט זיין גאַנצן כאַראַקטער האָט זיך אַבראַמאָוויטש נישט געפּאַסט און נישט אויסגעטויגט צו זיין דער פירער פון אַזאַ קעמפערישער שפּאַלטונג־גרופּע, ווי דאָס האָט געקאָנט טאָן, דער יינגערער פון אים, טעמפּעראַמענטפולער יצחקי...

באַ דער לעצטער שפּאַלטונג אין „מפ"ם" איז אַבראַמאָוויטש געבליבן...

„נייטראַל״, בעת די חברים פוןביידע מחנות האָבן אים געוואָלט אַריינציען אין זייער מיט. ער פאַרמאָגט אַ סך באַריר־פּונקטן מיט ביידע — קאָן ער ביי זיך פּועלן מיטאַרבעטן מיט ביידע אויף די געביטן, וואָס אַפּעלירן צו אים.

אַזוי איז דער אָריגינעלער מאַרקסיסטישער דענקער, איינער פון די בעסטע פּועלי־ציון־טעאָרעטיקער, דער לאַנגיאָריקער קעמפער פאַר אויפשטעלן און אויפהיטן די פּועלי־ציון אַרמיי צוגעקומען צו זיינע 75 יאָר, זייענדיק אַליין מחוץ פון וועלכער עס איז פּאָליטיש־פּאַרטייאישער ראַם.

זיכער איז אָבער אַז אַלע די, וואָס האָבן זיך ווען עס איז געטראָפן מיט אַבראַמאָוויטשן, געזעלשאַפטלעך, צי פּערזענלעך, האָבן ביז היינט אויפגעהיט צו אים דעם טיפסטן דרך ארץ און אַכטונג און זייערע ברכות באַגלייטן אים אומעטום ווו ער קערט זיך און ווענדט זיך.

נאָך אַ סך לאַנגע געזונטע, שאַפערישע יאָרן.

גאָלדע מאיר

פאַרשידענע שטעט אין אַמעריקע האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון צוליב פּאַסירונגען, אָדער באַגעגענישן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט זיי.

איינע אַזאַ שטאָט איז מילוואָקי, וואָס מיר איז אָנגענעם זי צו דער־מאָנען. דאָס איז נישט דווקא, מחמת די שטאָט אַליין צייכנט זיך אויס מיט באַזונדערער שיינקייט, מיט אַ ספּעציפישן פּייזאַזש, אָדער וואָס אירע איינוווינער זאָלן פאַרמאָגן זייער אייגנאַרטיקייט. כ'האָב באַזוכט מילוואָקי עטלעכע מאָל, געהאַט דאָרט אינטערעסאַנטע פאַרזאַמלונגען, גע־ראַטענע אויפטריטן, אָבער געווונען האָט זי מיך צוליב איין איינציקער באַגעגעניש, ווען איך האָב זי באַזוכט צום צווייטן מאָל, בעת דעם ערשטן וועלט־קריג. דאָס האָט גראָד נישט געהאַט צו טאָן מיטן קריג און קיין שום שייכות צו דעם וויכוח, וואָס איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אויף דער יידישער גאַס מכוח דעם אַריינטריט פון אַמעריקע אין מלחמה, נאָך דעם, ווי זי האָט אַ צייט אָנגעהאַלטן איר נייטראַליטעט.

איך האָב דאָרט, אין מילוואָקי, געפונען גאָלדען — גאָלדע מאיר (די פריערדיקע גאָלדע מאירסאָן). איך זאָג: געפונען, און נישט, ווי מ'זאָגט געוויינלעך, געטראָפן, אָדער באַגעגנט.

ווייל איך האָב שוין דעמאָלט, מיט קנאַפּע 50 יאָר צוריק, גענוצט דעם זעלבן אויסדרוק: געפונען. ווען איך בין געקומען צוריק פון מילוואָקי קיין שיקאַגאָ און האָב אין הויז פון דעם פירנדיקן חבר אין ראַיאָן־קאָמיטעט באַ דזשיי שפּיראָ איבערגעגעבן מיינע איינדרוקן פון מילוואָקי, האָב איך בפירוש געזאָגט: חברים איר זאָלט וויסן, אַז אין מילוואָקי האָב איך געפונען אַן אבן־טוב, אַ דימענט, וואָס הייסט גאָלדע.

איך האָב זי געטראָפן צווישן די אַנדערע חברים און חברטעס, סיי בעת די לעקציעס, און סיי דערנאָך, אויף די אָרגאַניזאַציע־פאַרזאַמלונגען און באַם באַנקעט, וווּ מיר האָבן פאַרבראַכט, ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע יאָרן, אין זינגען פאָלקסלידער און ניגונים. איך האָב זי באַ־

מערקט — אַ צוריקגעהאַלטענע, באַשיידענע, כמעט שווייגנדיקע, האָט זי געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט מיט איר אופן פון צוהערן און איינהערן זיך. זי האָט זיך צוגעקוקט און איינגעקוקט אין דעם, וואָס איז פאָרגע־קומען אַרום איר. ס׳האָט זיך געמערקט און געשפּירט אַן אינטימער, די־רעקטער פּערזענלעכער אינטערעס אין איר באַציונג און רעאַגירונג.

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַ פאָלקסשול־לערערין. דער איינדרוק איז געווען פון אַן אַמאָליקער רוסישער פאָלקסלערערין, וואָס האָט עס באַטראַכט ווי אַ שליחות פון „גיין אין פאָלק״, „טראָגן ליכט אין די אָרעמע פאָלקס־שיכטן״. זי איז נישט געווען אַקטיוו אין דער פּאַרטיי־אַרבעט.

נאָך אַ פּאָר שמועסן, האָב איך איר פאָרגעלייגט איבערנעמען אויף זיך באַשטימטע פליכטן און אויפגאַבן אין דער אַקטיווער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי; איך האָב געבויט אויף מיין ערשטן דירעקטן איינדרוק, ווי כ׳האָב זיך צוגעוווינט צו דערקענען מענטשן, בעת די שנעלע קורצע באַזוכן. ס׳האָט אויף מיר אַ ווייע געטאָן מענטשלעכע וואָרעמע אידעיִשע אויפ־ריכטיקייט, ערלעכער געדאַנק, גראַדער שכל, וואָס מ׳רופט "קאָמאָן סענס״.

פון אייגענער דערפאַרונג האָב איך הויך געשעצט די דערמאָנטע שטריכן און אייגנשאַפטן באַ פּאַרטיי־טוער. ס׳האָט מיר נישט אָפּגעגליקט אַליין דורכצומאַכן די געהעריקע שול פון בילדונג און וויסן. אָבער פון פריסטער יוגנט האָט מיך דער גורל צונויפגעפירט גאַנץ נאָענט מיט לערער און חברים פון דעם שניט, ווי בער באָראָכאָוו, יצחק בן־צבי, און די דאָזיקע נאָענטשאַפט האָט משפּיע געווען מיין גאַנצן לעבנס־גאַנג. ממילא — אויך מיין צוגאַנג צו מענטשן און מיין אָפּשאַצן זיי און זייער ווערט פאַר דער פּאַרטיי.

די ביידע דערמאָנטע חברים האָבן פאַרמאָגט די אייגנשאַפטן פון מענטשלעכקייט און איינפאַכקייט, צוגעלאָזנקייט און אינטימער פּערזענ־לעכער פאַראינטערעסירטקייט, וואָס האָט אַרויפגעלייגט אַן אייגנאַרטיקן חותם אויף די אינערלעכע חברישע באַציִונגען אין דער פּאַרטיי „פּועלי ציון״. ס׳האָט זיך אָפּט פאַרלוירן די גרענעץ צווישן חבר און חבר, און אומבאַמערקטערהייט איז מען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ משפּחה. דער פאַמיליע־כאַראַקטער פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג, האָט לגמרי נישט געהאַט צו טאָן מיט קליינצאַליקייט פון דער אָרגאַניזאַציע. איך האָב אַט

דעם כאַראַקטער געשפּירט אויך אין יענע לענדער, וווּ די באַוועגונג איז אויסגעוואַקסן צו אַ מאַסן־פּאַרטיי, וואָס האָט געציילט צענדליקער טויזנטער. און דאָך איז געבליבן אויפגעהיט דער אינטימער פאַמיליע־כאַראַקטער אין די באַציִונגען און פאַראינטערעסירטקייט פון אַ חבר מיטן גורל פון צווייטן חבר, פון זיין משפּחה.

אין גאָלדען האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט, נאָך ביי די ערשטע באַגעגענישן אין מילוואָקי, אָט דער עכט־מענטשלעכער שטריך אין אירע האַנדלונגען, אין אירע באַציִונגען און אָפּשאַצונגען.

דער דאָזיקער איינדרוק איז פאַרשטאַרקט און פאַרפעסטיקט געוואָרן אין משך פון צענדליקער יאָרן ביי געמיינזאַמער טעטיקייט און דעצידירנדיקע באַגעגענישן. דערפאַר איז מיר געבליבן אַזוי נאָענט און ליב דער נאָמען מילוואָקי.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די רוסישע רעוואָלוציע, און אויפן רוף פון פּועלי־ציון אין רוסלאַנד בין איך, צוזאַמען מיט באַראָכאָוון, געפאָרן אַרבעטן אַהין, האָט די פאַרטיי אין אַמעריקע פּראָקלאַמירט אַ זאַמלונג לטובת אַ ספּעציעלן פאָנד פאַר די חברים אין רוסלאַנד, זיי צו העלפן אויסנוצן די גינסטיקע רעוואָלוציאָנערע שטימונג אויף פאַרן ענין ארץ־ישראל און דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם.

די פאַרטיי האָט אויף דער גיך אָרגאַניזירט מיינעם אַ טור איבער צען שטעט אין לאַנד צו געזעגענען זיך מיט מיר און צו שאַפן די באַשטימטע קוואָטע פאַר דעם דערמאָנטן פאָנד. צווישן די אויסגעוויילטע שטעט איז געווען אויך מילוואָקי. דער טור איז געווען אַ געראָטענער, אַריינגעבראַכט אויפלעבונג אין די אָרגאַניזאַציעס, ווי בכלל אויפגעפרישט די מענטשן. נאָך יאָרן פון מלחמות און שחיטות, האָט אַ ווייע געטאָן אַ נייע שטימונג פון איבעראַנדערשונג אינעם רעזשים און אינעם אַרט לעבן פון דער געזעלשאַפט. האָבן זיך געעפנט נייע פערספּעקטיוון אויף פאַר יידן, סיי אין רוסלאַנד גופא, און נאָך מער — פאַר דער רעאַליזירונג פונעם ציוניזם. פון דעסטוועגן איז געווען אַ באַזונדערע שטימונג פון צער, בעת דער געזעגענונג אויף די ערטער.

צו יענער צייט האָט זיך נאָך דער קריג נישט פאַרענדיקט אינגאַנצן, און אויף די ימען און אָקעאַנען האָבן געלויערט אונטער־וואַסער שיפן.

די סובמאַרינס האָבן ממשיך געווען זייער פאַרניכטונגס־אַרבעט, און

די סכנות זענען געווען גרויס אויך פאַר אונדזער נסיעה, וואָס איז גע־גאַנגען דורך די סקאַנדינאַווישע לענדער.

איך האָב זיך געוויצלט איבער די סכנות, אָבער די חברים זענען געווען געשטימט נישט פריידיק און נישט גענייגט צו וויצן.

גאָלדע איז באַם געזעגענען זיך געווען ערנסט געשטימט. איך האָב באַוויזן פאַר דער צייט אַרויפצוברענגען איר „קעיס" אויך אין ניו־יאָרק פאַרן צ. ק., אַז מ׳מוז זי אַרויסנעמען פון דער פּראָווינץ, ווייל אַזוי אַרום וועלן מיר געווינען אַ וויכטיקן כוח פאַר דער פּאַרטיי־אַרבעט. אויך אַנדערע חברים, וואָס האָבן באַזוכט מילוואָקי, האָבן געטיילט מיין מיינונג, און ס׳איז געווען פאַרויסצוזען, אַז גאָלדע וועט אָנהייבן שפּאַנען אַ נייעם לעבנס־וועג.

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם ראָמאַנטיש־פּאָעטישן טאָן פון איר געזעגענונגס טעלעגראַמע, וואָס זי האָט צוגעשיקט צו מיין אַרויס־שיפן זיך פון אַמעריקע, ווו זי האָט אָנגעזאָגט די „כוואַליעס פון ים" צו שיצן און ברענגען צום זיכערן ברעג...

אין דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער ברכה, פאָרמולירט אין ביבלישן סטיל, איז געווען אַזוי פיל מאַמעשע וואַרעמקייט און חברישע האַרציקייט אַז די ווערטער האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון און זיי באַגלייטן מיך עד היום.

צענדליקער מאָל האָבן מיר זיך געטראָפן מיט גאָלדען אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ. זי איז געשטיגן; נישט געשפּרונגען, נאָר זיך געהויבן אומאיבעררייסלעך, אָן עלנבויגנס, נאָר דורך אינערלעכער דער־הויבנקייט און פאַרוואָרצלטקייט אינעם קאָמפּליצירטן טראַגיש־פּאָעטישן יידישן לעבן.

זי האָט אויפגעהיט די פשטות און טיפע פערזענלעכע פּאָראינטערע־סירטקייט. בעת מיר זיינען ביידע, יאָרן שפּעטער, געקומען צו די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראלדיקן ישוב צו מאָנען זייער פינאַנסיעלן צו־שטייער צו דער רעטונגס־אַקציע פאַר די יידן אין היטלערס פּיסק; בעת מיר האָבן זיך געטראָפן אויף זיצונגען פון דער רעגירונג און ציוניסטישער עקזעקוטיווע, ווי צו קאָנצענטרירן די מאַסן פון פאָלק אַרום דעם ווערק פון דער אייגענער מדינה! בעת מיר האָבן זיך מיישב געווען מכוח שריט, ווי צו באַוועגן די פּאַסיווע צו אַקטיוון אויפטריט אין דער גורל־

תקופה פון יידישן לעבן, באַ באַראַטונגען מיט מיר, ווי די פירערין פון אונדזער אויסערן־פּאָליטיק — שטענדיק האָב איך זי געזען אין דעם זעלבן שיין פון אַ גוטער חברטע, וואָס לערנט נישט פון ביכער, נאָר פון לעבן, און האָט ליב, פּשוט ליב דעם מענטש, זיין ריינקייט און עכטקייט. פאַראַן איז איר אַן אינערלעכע נאַטירלעכע אָרגאַנישע גאווה אויף איר יידישקייט. נישט מחמת זי האַלט עס העכער ווי די אַנדערע נאַ־ציאָנאַלע קולטורן, נאָר מחמת, ס'איז אירע, אייגענע, דורכגעווייטיקטע און דורכגעבלוטיקטע יידישקייט.

איך בין לעצטנס ווידער געווען אין מילוואָקי. אין אַ שנייאיקן טאָג בין איך פון שיקאַגאָ צוגעפאָרן מיט דער באַן צו גאָלדעס שטאָט. געטראַכט די גאַנצע צייט וועגן איר, וועגן איר לעבן און לעבנס־אויפטו. געוואָלט זען, וואָס איז געוואָרן מיט אירע חברים, מיט די יידן און זייער אויפטו דאָרט.

עס זענען נאָך פאַראַן אָרגאַניזאַציעס, אָבער עס ווערט אָפּגעשוואַכט זייער טעטיקייט. פאַראַן אַ פּרעכטיקער צענטער, וואָס אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע אַרבעט. אָבער עס פעלט דער יידישער אינטימער עלעמענט. אָפּגערעדט פון יידיש לשון. די שולן פון צוויי אָרגאַניזאַציעס טראַכטן וועגן זיך פאַראייניקן. אפשר וועט מען צוזאַמען אויסהאַלטן. דער דראַ־מאַטישער קרייז גרייט צו גריילעך אַן אויפפירונג אין יידיש. אָבער עס ווערט אַלץ פאַרמינערט די צאָל בעלנים אויף אַ יידיש־פאָרשטעלונג. מ'האָט געהאַט בדעה צוצוציִען די יידישע יוגנט צום אייגענעם צענטער. ווייזט זיך אַרויס, אַז גראָד נישט־יידן האָבן חשק זיך צו באַטייליקן אין זיינע אַקטיוויטעטן און געניסן פון זיינע באַקוועמלעכקייטן. איז דאָ נישט לאַנג געווען אַ ספּאָרט־פאַרמעסט און, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, האָט די יידישע גרופּע געוווּנען, אַ דאַנק דער נישט־יידישער מיטגלידערין, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט...

אין מילוואָקי האָבן זיך לעצטנס אָנגעזאַמלט נייע אימיגראַנטן, „ניו־קאָמערס". מ'האָט געהאָפט, אַז זיי וועלן אַריינטראָגן אַ פרישן גייסט און אויפלעבן די טעטיקייט, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן. אָבער יענע זענען פאַרטאָן איצט אין „איינאָרדענען זיך". אויך היינט, ווי מיט 50 יאָר צוריק,

מוז מען טראַכטן ווי שנעלער און לייכטער זיך „אויסגרינען”. געליטענע פון דער „היטלער־תקופה” האַלטן זיך בדרך כלל פון דער זייט, זיי איז נמאס צו קהלן זיך. זיי האָבן אָנגעווירן דעם גלויבן און דעם צוטרוי אין דער געזעלשאַפט. זיי זוכן תכלית. אַ נייע „אַמעריקאַניזאַציע” אין דער שטאָט פון גאָלדען, וועלכע איז אַזוי ווייט פון פּראַקטישקייט, פון פּריוואַטע „ביזנעס” מיטן רוקן צום כלל.

זיי, די „גרינע” זענען געקומען אין גרויסע צאָלן צו דער באַגעגעניש מיט מיר. כ'האָב זיי דערמאָנט זייער אינטענסיווע אידעישע פאַרגאַנגענהייט, די אַלט־איינגעזעסענע, גאָלדעס חברים, האָבן זיך דערפרייט, זייערע פּנימער האָבן אויפגעשטראַלט: אפשר, אפשר וועט זיך טאַקע אָנהייבן אַ נייע תקופה און מ'וועט קאָנען מחדש זיין ווי אַמאָל...

פאַרטאָג האָט מיך אָפּגעפירט צו דער באַן אַ „ניי־געקומענער”. על־טערע מענטשן איז שוין שווער אויפצוהייבן זיך פרי און שלעפּן זיך אַ ווייטן וועג אין דער צווייטער טייל שטאָט. דער ניי־געקומענער גע־דענקט מיך פון זיין אַלטן חרוב געוואָרענעם שטעטל אין פּוילן. ער מוז סיי־ווי אויפשטיין פרי און אַרויסגיין צו דער שווערער אַרבעט. דער עיקר אָבער, ער האָט זיך דערמאָנט, און עס האָט זיך אויפגעעפנט אַ קוואַל: זכרונות, דערפאַרונג, מוסר השכל.

עס ווערן אַלץ ווינציקער די, וואָס געדענקען דאָרט גאָלדען. און נאָך ווינציקער די, וואָס ווילן גיין אין איר וועג.

משה ערעם

אין ארץ־ישראל האָט זיך נישט צופעליק פאַרזאַמלט אַ גאַר באַדייטנ־דיקע גרופּע פּועלי־ציון, וואָס האָט אין פאַרשידענע לענדער און צייטן צוגעטראָגןביישטייערונגען צום אידעישן פאַרמעג פון דער באַוועגונג. ס'איז איבעריק אונטערצושטרייכן, אַז יעדע גרופּע אָדער יחיד זענען אַליין געווען באַאיינפלוסט פון די אַנטוויקלונגען אין זייער לאַנד, וואָס מ'האָט געקאָנט אַרויסשפּירן פון זייערע טעאָרעטישע אַרבעטן, סיי אין תוכן און סיי אין סטיל.

אין דעם פּרט, מיין איך, אַז ס'וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז משה ערעם איז אַ פולבאַרעכטיקטער רעפּרעזענטאַנט פון דער איינגאַר־טיקער פּועלי־ציוניסטישער תורה, ווי זי האָט זיך אויסקריסטאַליזירט דאָ, אין לאַנד אין פּראָצעס פון די כל־ערליי דערשיינונגען, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש דורכויס און בלויז פאַר ארץ־ישראל.

קיין ארץ ישראל איז ערעם געקומען, קאָן מען זאָגן, אַ פאַרטיקער, רייפער מענטש, מיט זיינע אויסגעשפּראָכענע קלאָר־פאָרמולירטע טעאָריעס און פאָרמולעס .ער האָט באַוויזן צו לעבן אוןווירקן אין ראַטנפאַרבאַנד, אין קאָוונע, אין בערלין, און אין יאָר 1924 זענען די לוחות־הברית פונעם פּועלי־ציוניזם שוין געווען אויסגעהאַמערט און באַקאַנט בכל תפוצות ישראל.

אָבער גראָד יענע יאָרן האָבן זיך אין ארץ־ישראל אָנגעהויבן צו מערקן ענדערונגען, עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע, און אין שייכות דערמיט אויך געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע יווירונגען. דאָס האָט געפאָדערט אָוועקצושטעלן דעם טראַדיציאָנעלן באַראַכאָוויזם צום עקזאַמען אין ליכט פון דער נייער אָנרייפנדיקער ווירקלעכקייט. פאַר די יאָרן זענען פאָרגעקומען גרינטלעכע ענדערונגען אין לעבן אויך פון אַנדערע לענדער און פעלקער, פון וואָס עס איז באַאיינפלוסט געוואָרן אויך דער גאַנג פון יידישן לעבן.

יידישע ישובים זענען אויפגעקומען און אַרויסגעוויזן טענדענצן צו פאַרפעסטיקונג אין אַ ריי לענדער, געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע פאָרמאַציעס

זענען אַרויסגעשוווּמען אויף דער אויבערפלאַך און געזוכט משפיע זיין די מאַסן.

מ׳האָט נישט געקאָנט און נישט געטאָרט פאַרשטייפן זיך פאַרמעל אויף אַנגענומענע, פון אַמאָל־פעסטגעשטעלטע כללים כדי יוצא זיין לגבי פראַגעס, ספקות, פראָבלעמען, וואָס האָבן געפאָדערט אַ קאָנקרעטן ענט־פער, אין הסכם מיט די נייע באַדינגונגען.

אמת, פון אַלע באַוועגונגען, וואָס האָבן אין משך פון צענדליקער יאָרן געווירקט אין דער יידישער גאַס, איז דער פועלי־ציוניזם געווען די איינציקע, וואָס איז אַרויס מיט „גאַנצע ביינער״, ווי אַ זיגערישע, וואָס די ווירקלעכקייט האָט באַשטעטיקט אירע גרונט־הנחות.

אָבער טאַקע דערפאַר האָט זיך פון אָט דער באַוועגונג געפאָדערט אַ קלאָרע אָנווייזונג, וואָס זאָל געטאָן ווערן איצט, אין די נייע ראַמען, באַ די געענדערטע אומשטענדן.

משה ערעם האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט צווישן די פועלי־ציון־טוער, אין ארץ־ישראל, וואָס האָט געווידמעט זיין טעאָרעטישע קראַפט אויף אויסצואַרבעטן אָט די קאָנקרעטע אָנווייזונגען, ווי צו האַנדלען און ווירקן אין דער נייער צייט, בפרט אין ארץ־ישראל. ס׳איז געווען די תקופה פון בריטישן מאַנדאַט, ווען די ציוניסטישע אָנפירונג האָט זיך געזען פאַרפליכטעט צו צוזאַמענאַרבעט מיטן מאַנדאַטאַר, און ס׳האָט זיך געפאָדערט אַ ברייטע פּאָליטישע אויפקלערונג צווישן די מאַסן, כדי צו צעשטערן די מאַנדאַט־אילוזיעס, וואָס האָבן געוועסט געגאָלטן ווי צייכנס פון... משיח־צייטן.

ערעמס מאַטעריעל איינאָרדענען און איינוואָרצלען זיך אין לאַנד איז נישט געווען אַזוי גלאַטיק; ער האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג פון יסורים און אַנטוישונגען; האָט ער דאָך געהערט צו דער אָפּאָזיציאָנעלער פּאַרטיי, צו די לינקע פועלי־ציון. האָט מען אים געטראָפן אַלס אַרבעטער באַ בוי, אויפן שאָסיי, באַם פענצטערל אין קראַנקן־קאַסע... איך דערמאָן זיך, ווי אַן אָנגעזעענע טוערין פון מפא״י האָט געזאָגט, אַז זי מיידט־אויס אַריינצוקומען אין קופת־חולים, ווייל זי קאָן נישט זען... ערעמען, ווי ער שטייט באַם פענצטערל און גיט־אַרויס צעטלעך צו באַזוכן באַם דאָקטאָר.

די דאָזיקע מאַטעריעלע לאַגע האָט נישט געשטערט ערעמען צו

אָפּגעבן זיך מיט לייב און לעבן דער פּאַרטיי־אַרבעט. אין דער פּראָפּע־סיאָנעלער־באַוועגונג, אין אַרבעטער־ראַט, אַרומפאָרן מיט רעפעראַטן, זיין מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָר פון די פּאַרטיי־אויסגאַבעס אין יידיש און עברית.

ערעם האָט זיך פון תמיד אויסגעצייכנט מיט איניציאַטיוו באַ אויפשטעלן אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פאַר פאַרשידענע צוועקן. ער האָט איניצירט די אָרגאַניזאַציע פון „אַנטיפאַ". געשריבן מעמאָראַנדומס צו דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערשאַפט וועגן די אויפגאַבן פון פּועלי־ציון, ווי פון דער אַלגעמיינער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. איניצירט און זיך באַטייליקט אין צוזאַמענטרעפונגען מיט פאָרשטייער פון פּראָפאַינטערן און אַנדערע פאָרשטייער פון אויסלענדישע סאָציאַליס־טישע און קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

ערעם באַזיצט אַ גרינטלעכע באַקאַנטשאַפט מיט דער אינטערנאַציאָ־נאַלער אַרבעטער־באַוועגונג און איר ליטעראַטור אין פאַרשידענע שפּראַכן. זיינע מעמאָראַנדומס און ספּעציעלע בראָשורן איבער די אַקטועלע דערשיי־נונגען אין ארץ־ישראל קאָנען, אָן ספק, בילדן אַ באַדייטנדיקן צושטייער צו אַט דער ליטעראַטור. ס'איז כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט פאַר ערעמען, וואָס יעדעס מאָל ווען דאָס לאַנד איז אויפגעטרייסלט געוואָרן צוליב „געשעענישן", האָט ער זיך נישט באַגנוגנט מיט אָנשרייבן אַ קאָרעספּאָנדענץ, וואָס שילדערט אויבנאויפיק די פּאַסירונג, נאָר זיך גענומען גרינטלעך אויספאָרשן סיי די פאַקטן און סיי די סיבות, וואָס האָבן געפירט דערצו און, אין שייכות דערמיט אויך מאַכן די קאָנסעקווענטע אויספירן.

זיינע געזאַמלטע כתבים וועלן געוויס העלפן אַ סך פאַנאַדערצוקלייבן זיך אין די גאַנץ קאָמפּליצירטע דערשיינונגען אין ארץ־ישראל זינט דעם אָנהויב פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

איז שוין לייכט צו פאַרשטיין, פון וואַנען עס שטאַמט ערעמס טיפער אינטערעס צו די יידיש־אַראַבישע באַציִונגען. פון די ערשטע טעג זיינע אין לאַנד האָט ערעם געזוכט אָנצוקניפּן פערזענלעכע פאַרבינדונגען מיט אַראַבישע אַרבעטער, געוואָרן אַן אַריינגייער אין זייערע הייזער און געעפנט זיין טיר פאַר אַראַבישע חברים. ער האָט ווערבירט אַראַבישע חברים פאַר דער פּאַרטיי און ס'וועט פאַרשריבן ווערן אויף זיין חשבון

דער דערפרייענדיקער פאַקט, וואָס אין די שווערסטע צייטן פון צווישן־פעלקערלעכע צוזאַמענשטויסן און אפילו בעת דעם דעצידירנדיקן באַפרייאונגס־קריג, האָבן מיר געהאַט חברים אַראַבער, וואָס האָבן אויפגעהיט זייער טריישאַפט צום יידישן אַרבעטער ישוב און ממש איינגעשטעלט זייער לעבן, נישט פאַראַטנדיק זייער ערלעכע איינשטעלונג אין דער פראַגע וועגן אַ פרידלעך צוזאַמענלעבן פון יידן און אַראַבער אויפן שטח פון ארץ־ישראל.

נישט צופעליק און נישט צוליב סענסאַציע איז ערעם געשיקט געוואָרן, צוזאַמען מיט אַן אַראַבישן חבר אין שליחות אין חוץ־לארץ, כדי צו מאַניפעסטירן די מעגלעכקייט פון אַזאַ צוזאַמענלעבן און יידיש־אַראַבישע סאָלידאַריטעט. אין אַמעריקע, און קאַנאַדע, אין מערב־אייראָפּע און אין פוילן האָבן יידישע מאַסן און נישט יידישע פּאָליטישע פאַרשטייער געהאַט די געלעגנהייט צו דיסקוטירן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם פריי און אָפן מיט ביידע חברים.

ערעם ווייסט, ווי צו שווימען אינעם ים פון יידישן וויסן. ער איז פון די איצט זעלטענע יודעי ספר, און זיינע פּאָליטישע קעגנער פון דעם רעליגיעזן לאַגער דאַרפן זיך אָפט גוט אונטערגאַרטלען כדי צו פאַרענטפערן ערעמס קשיות פון זייער אייגענעם שטאַנדפּונקט...

ערעם געהערט צו די ווייניקע אַרבעטער־טוער, וואָס זענען איינגע־היימישט אין דער פּראָבלעמאַטיק פון יידישן לעבן סיי אין לאַנד און סיי אין די תפוצות. אַן אַקטיווער טוער אַלע יאָרן אין דער הסתדרות, איז ער אַ דעפּוטאַט אין דער כנסת די גאַנצע צייט, חוץ איין קאַדענץ, אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ, אַ מיטגליד אין דער אַנפירונג פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, לאָזט ער נישט דורך קיין געלעגנהייט צו באַזוכן די יידישע ישובים און קנעלן מיט זיי פּועלי־ציוניזם אויפן אָרט. אַלס אַקטיווער מיטגליד אין דער ליגע פאַר הילף דער רויטער־אַרמיי אין די יאָרן פון צווייטן וועלט־קריג, איז ערעם אויך געווען אין דער דעלעגאַציע פונעם ישוב, וואָס האָט געבראַכט קיין טעהעראַן די מתנות פאַר דער רויטער־אַרמיי. זיצנדיק אין כנסת איז ערעם אַלע יאָרן אין ענגן קאָנטאַקט מיט דער באַפעלקערונג, כדי צו וויסן אירע אמתע נויטן און רעאַלע באַדערפעניש.

בפרט, אַז ערעם האָט אינטערעס נישט נאָר פאַר כלל; ער האָט

פאַרשטענדעניש פאַר די נויטן פונעם יחיד. סיי אין וועד־הפועל פון הסתדרות, סיי אין די קאָמיסיעס פון דער כנסת און סיי אין דער סוכנות אין זיין קליטה־אָפּטיילונג האָט ער זיך צונויפגעטראָפן פנים אל פנים מיט דער אינדיווידועלער נויט, וועלכע מאָנט באַפעלעריש אַ ממשותדיקן ענטפער נישט אין רייד, נאָר אין מעשים. אָט די שיטה פון געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט האָט ערעמען דערנענטערט צו דעם יחיד און אים היימיש געמאַכט מיט דעם פשוטן עולם, וועלכער זעט אין אים אַן אייגענעם, אַן אונדזעריקן, פאַר וועמען מען קאָן פריי אויסגיסן דאָס פאַרביטערטע האַרץ.

ערעם שאַצט אָפּ ריכטיק דעם ווערט פון אחדות אין דער אַרבעטער באַוועגונג, בפרט אין ישראל, וועלכע האָט צו קעמפן סיי אויפן אויסערלעכן און סיי אויפן אינערלעכן פראָנט. איז ער שטענדיק גרייט אויפצונעמען דעם רעיון וועגן פאַראייניקונג, אָבער ער מיינט עס מיט אַן אמת, און ער טרעט דעריבער אַרויס אויפן שאַרפסטן אופן קעגן יענע פּרובן, וואָס זוכן אונטער דער מאַסקע אייניקייט, באַהערשן די מינדערהייט און זי איינשפּאַנען אין יאָך פון דער אַנדערש־דענקענדיקער מערהייט בלויז מיטן כוח פון פאָרמעלער אייניקייט.

אין דעם פּרט איז ערעם טריי זיין אָפּשטאַם, דעם פּועלי־ציוניזם, אויך ווען ער טרעט־אויף אונטער פאַרשידענע פּאָליטישע נעמען פון צייט צו צייט.

ערעם איז אַ גוטער לעקטאָר. ער האָט נישט ליב אָפּצופּטרן דעם עולם מיט אַ רעדע סתם. דער עולם דאַרף לערנען פון דער לעקציע — דאַרף זי זיין אַ גרינטלעכע, אַן אויפקלערערישע. אויב זי מוז נישט געבן אַ פולן באַפרידיקנדיקן ענטפער און לעזונג פון דעם פּראָבלעם, — אדרבא, זאָל זי צווינגען נאָכצודענקען און אויסנוצן דעם לעקטאָרס מעטאָד, כדי אַליין אפשר צו קומען צום געוווּנטשטן ענטפער.

איך בין געווען אַן עדות פון ערעמס אַרויסטרעטונגען אין פּוילן, אין די שטאַטן, און אין קאַנאַדע. דער עולם האָט ליב אים צו הערן, ווייל ער פילט באַ אים די מענטשלעכע, כ׳וואָלט זאָגן אינטימע פאַראינ־טעריסירטקייט אין דעם, וואָס ער ברענגט אַרויס פאַרן צוהערער.

ערעם געהערט צו די אַרבעטזאַמסטע טוער אין דער באַוועגונג. אָפּט וווּנדערט מען זיך, פון וואַנען נעמט ער צייט פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען.

אומעטום טרעפט מען אים: בײַ אַ פּריוואַטער שמחה, בײַ אַ מסיבה, בײַ אַ קראַנקן חבר אין שפּיטאָל, צי, חלילה, בײַ אַ לוויה. ער איז כסדר אונטערוועגנס, הגם ער האָט נישט קיין פּאַרקער־מיטלען, וואָס זאָל זיין געקניפּט און געבונדן בלויז מיט אים. ער באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דער פּאַרטיי־פּרעסע און איז שטענדיק גרייט צו רעאַגירן אויף אַקטועלע דערשיינונגען.

ערעם איז אַ בכבודיקער פירנדיקער חבר, אָנערקענט אין פּאַרטיי־קרייזן, אויך אין יענע לענדער, וועלכע ער האָט נישט באַזוכט.

פּאול גאָלדמאַן

דער טרעגער פון טריישאַפט און אחריות — אַזאַ איז פאַר מיר תמיד דערשינען אונדזער פּאָול גאָלדמאַן. טריישאַפט צו דער אידעע פון דער באַוועגונג און צו דער באַוועגונג גופא. אחריות פאַר דעם אמת פון דער באַוועגונג און פאַר זיין רעאַליזירונג.

גראָד האָט אים די באַוועגונג אַוועקגעשטעלט אויף אַזעלכע פּאָסטנס, ווו די ביידע אייגנשאַפטן האָבן זיך קריסטאַליזירט, געלייטערט און אָנגענומען זייער פעסטע ענדגילטיקע פאָרמען.

פּ. גאָלדמאַן איז גאָר יונג אַריין אין דער באַוועגונג. געווען אַ יוגנט־לעכער באָראָכאָוויסט אין פּוילן. ער האָט דעם באָראָכאָוויסטישן דראַנג צו וויסן, צום אמת פון דער יידישער ווירקלעכקייט מיטגעבראַכט אַלס פערצן־יאָריקער בחורל קיין אַמעריקע. ס'איז אַ סברא, אַז אַדאַנק אָט דער באָראָכאָוויסטישער אייגנשאַפט זיינער איז ער נישט צעטומלט געוואָרן אין דעם רעש פון דער „נייער וועלט", נישט נתפעל געוואָרן פון אירע אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן און גלענצנדיקע געלעגנהייטן, נאָר אויפגעהיט דעם פסיכישן גלייכגעוויכט און זיך נאָך פאַרפעסטיקט אויף דער פּאָזיציע פון זעלבשטענדיקן דענקען, פון זעלבסט־אַנאַליז און קאָנטראָל.

לאַנגע יאָרן געשטאַנען האַלב אין שאָטן, אָבער אין דער זעלבער צייט זיך געלערנט און איינגעזאַפּט אין זיך נאָכאַנאַנד, אומאויפהערלעך די דערפאַרונג פון דעם „פרייען גאָלדענעם, דעמאָקראַטישן לאַנד"; נישט געלאָזן אָפּמעקן אָדער אפילו בלויז פאַרטושן זיין נאַציאָנאַלן אוממיטלבאַרן געפיל און פאַרטונקלען זיין קלאַסן־באַוווסטזיין.

אַ יידישער סאָציאַליסט, וואָס ווייסט נישט קיין שום פשרות, איז פּ. גאָלדמאַן, יאָרן לאַנג פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי אינעם „יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט" מיט זיין איבערוויגנדיקער אַנטי־ציוניסטישער מער־הייט. דעסגלייכן רעפּרעזענטירט ער די פּאַרטיי אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, — אַ סביבה פון אויסגעשפּראָכענע אַנטי־סאָציאַליסטן און

כאַראַקטעריסטישן רעפאָרמיזם פון „אַמעריקאַנער" פועלי־ציון פון סירקינס שניט.

דאָס איז געווען די פּאָליטישע שולע, וואָס פּאָול גאָלדמאַן האָט דורכגעמאַכט. מ׳קאָן זאָגן אָן קווענקלעניש, אַז ער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. כסדרה, אומעטום געטראָגן שטאָלץ די פאָן פון באָראָכאָווויסטישן פועלי־ציוניזם און ווירדיק אָפּגעהיט די שליחות פון זיין באַוועגונג.

נישט שטענדיק איז עס געווען אַ לייכטער פּאַרמעסט. אים איז אָפט אויסגעקומען צו בלייבן כמעט אַליין, פאַרלאָזן פון אייגענע חברים, פון וועמען ער האָט ערשט נעכטן געזאָלט לערנען דעם אמת פונעם נישט געפעלשטן רעוואָלוציאָנערן באָראָכאָוויזם.

דאָ זענען אים בייגעשטאַנען די רייף־געוואָרענע אייגנשאַפן זיינע: אַמעריקאַנישע ווירקלעכקייט.

נישט קיין פיזישע פּאָגראָמען, נישט קיין פּאָליטישע דיסקרימינאַציע, יידישע ווירקלעכקייט אין אַלע אירע אַנטפּלעקענישן. נישטאָ קיין בעסערע פייער־פּראָבע פאַרן סאָציאַליסטישן ציוניזם, ווי די יידיש־אַמעריקאַנישע ווירקלעכקייט.

נישט קיין פיזישע פּאָגראָמען, נישט קיין פּאָליטישע דיסקרימינאַציע, נישט קיין בירגערלעכע רעכטלאָזיקייט און נישט קיין קולטורעלע איזאָלאַציע. נישט פּאַריאַכט און נישט גערודפט, נישט פאַרשפּיגן און נישט באַעוולט — פרייע פולבאַרעכטיקטע בירגער, פאַר וועמען עס זענען אָפן געווען אַלע וועגן, וואָס פירן צום זיכערן דערפאָלג און רום. אָבער גראָד אויף אָט דעם פּאָן וויקלט זיך אויף די אייגנאַרטיקייט פונעם יידישן נאַציאָנאַלן גאַנג אינעם סאָציאַלן לעבן. גריילעך באַ דעם פרייען אומגעשטערטן אויסוואַל וואַרפט זיך אין אויג און עס שרפעט דעם מוח די אומאָפּנויגלעכע טענדענץ אין יידישן לעבן צו ווירטשאַפטלעכער דעפּראָלעטאַריזאַציע, צו נאַציאָנאַלער דעפאָרמירונג און קולטורעלער אַסימילאַציע. גראַד דאָ, אין דעם פרייען קאַפּיטאַליסטיש־אַנטוויקלטן אַמעריקע, אין דער אַטמאָספער פון זאַטקייט און רויִקייט, האָט זיך אַנטפּלעקט דער מקור פון אָרגאַנישן יידישן אומרו בנוגע דער נאַציאָנאַלער צוקונפט, האָט אָנגעהויבן עקבערן דעם מוח דער פּחד פאַר פאַרפרעמדקייט פון די ווייטערדיקע יידישע דורות און פאַר דער דערשיטערונג פון יענעם פּראָלעטאַרישן יידישן פאַקטאָר, וואָס איז געהאַט אויפגעקומען אין די

פּאַראייניקטע שטאַטן. אַט יענער פּיל הונדערט טויזנט קעפּיקער יידישער אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע האַט דאָך געקענט גילטן ווי דער שטאַרקס־טער אַרגומענט קעגן פּועלי־ציוניסטישן כלומרשטן „פּעסימיזם" לגבי דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער „פּאַרקריפּלטער" „סטראַטעגישער באַזע" פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אויסער ארץ־ישראל. איצט ווערט ער צערונען, אויסגעוועפּט...

די אַנטוויקלונג פון יידישן לעבן אין אַמעריקע האַט געבראַכט נייע פאַקטן צו באַקרעפטיקן די לעבנס־תורה פונעם באָראָכאָוויסטישן פּועלי־ציוניזם.

פּאָול גאָלדמאַן איז אַ נייער טיפּ פון פּועלי־ציון, אַ פּראָדוקט פון דער אַמעריקאַנער יידישער סביבה. אין דעם איז זיין כוח. פון דאַנען זיין פעסטקייט, זיין עקשנות, און — נאַטירלעכערהייט — די טריישאַפט און אחריות.

*

פּ. גאָלדמאַן איז אַ גוטער האַרציקער חבר.

אויסערלעך פאַרשלאָסן און שטרענג, פּינקלט כמעט שטענדיק אין זיין בליק אַ צאַרטער שמייכל, וואָס זאָגט עדות אויף אַ וואַרעמע האַרץ און אַ קוואַל פון חברשאַפט. ווען דעם שרייבט זיך און עס רעדט זיך לייכטער, ווי עס מאַניפעסטירט זיך אין טאָג־טעגלעכקייט, אין באַציִונג מיט לעבעדיקע חברים, אין אָפט גרויע אומאינטערעסאַנטע, „נודנע" קליינקייטן. אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן צו ווערן דער פאַקטישער רעפּרעזענטאַנט פון דער וועלט־באַוועגונג פאַר כלערליי געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זענען צו אים געשיקט געוואָרן בריוו און מעמאָראַנדומס, זענען צו אים געפלויגן טעלעגראַמעס און צו אים האָבן געקלונגען טעלעפאָנען. און זיי האָבן געטראָפן אין פּינטל. עמפּינדלעך איז געווען זיין האַרץ און מוח צו יענעם שטומען אַלאַרם, וואָס יידישע נויט און אומגליק האָבן פון דער צווייטער זייט אָקעאַן צו אים אַריבערגעשיקט אוממיטלבאַר.

פּ. גאָלדמאַן איז געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן זיך אָנגעקגעלאָזט אין די טיפענישן פונעם יידישן עמק הבכא, ווען ס'האָבן זיך נאָך געריכערט די האָלאָוועקעס פונעם היטלער־חורבן. ער האָט זיך צונויפ־

געטראָפֿן פּנים אל פּנים מיט דער שארית הפּליטה די ערשטע מינוטן, נאָך איידער זי האָט זיך באַוויזן צו „אַקלימאַטיזירן" אין די „די. פּי. קעמפּס" אין דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע. ער האָט געזען דעם שרעק פֿאַרן לעבן און דעם אומצוטרוי צום מענטש, וואָס די אָפּגעראַטעוועטע האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פֿונעם גיהנום. און ער האָט אָט דעם טיפֿן יידיש־מענטשלעכן ווייטיק און טרויער מיטגענומען מיט זיך אויף זיין וועג אַלס געזעלשאַפֿטלעכער און פּאַרטיי־טוער. דאָס האָט אים דערצויגן צו דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער מדרגה פֿון אַ שליח־ציבור.

ער האָט געזען סאָציאַלע הילף־אַנשטאַלטן, וואָס זענען אויפֿגעקומען מיט די געלטער פֿון אַמעריקע; אָבער ער האָט אין זיי דערקענט אויך ענערגיע און לעבנס־כּוח פֿון די איבערגעבליבענע. ער האָט געזען שול־ און קולטור־אינסטיטוציעס, וואָס זענען געווען אָנגעוויזן אויף מאַטעריעלער הילף פֿון דרויסן. זיי האָבן אָבער לגבי אים אין זיך פֿאַרקערפּערט אמתע ליבע פֿון חברים צום יידישן קינד און ערנסטע זאָרג פֿאַר אונדזער נאַציאָנאַלן המשך.

פּ. גאָלדמאַן איז עטלעכע מאָל געווען אין ארץ־ישראל; און דאָ האָט ער פֿאַרגאַנצט זיין פּאָליטישע אויסבילדונג אויפֿן יסוד פֿון דירעקטער באַקאַנטשאַפֿט מיטן וווּנדערלעכן פּראָצעס פֿון ווידעראויפֿלעבונג פֿון יידישן פֿאָלק אינעם ווידעראויפֿגעבויטן פֿאָטערלאַנד. נישט פֿון ספֿרים און נישט פֿון רעדעס, נאָר פֿון דער ווירקלעכקייט האָט פּ. גאָלדמאַן געשעפּט זיינע ידיעות וועגן דער געוואַלדיקער רעוואָלוציאָנערער באַדייטונג פֿונעם ישראל־ווערק פֿאַר דער איבעראַנדערשונג פֿון דער יידישער פּסיכיק און כאַראַקטער. דווקא ער, דער „אַמעריקאַנער", האָט באַנומען דעם מערק־ווירדיקן טעמפּ און כּישופֿדיקן ריטם פֿון בוי און אויפֿשטייג, וואָס זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער יונגער מדינה און קאָנען האָבן אַ פּאָזיטיווע השפּעה אויך אויף דער יידישער יוגנט און אַרבעטערשאַפֿט אין דער „נייער וועלט".

זיינע אָפּטע באַזוכן אין דער יידישער אייראָפּע און אין ישראל, באַרייכערן זיין מחשבה און געמיט, פֿאַרגרעסערן דעם היקף פֿון זיין אַנאַליז און מאַכן זיכערער זיין אויספֿיר.

ער איז אָפֿט מחולק געווען אין וויכטיקע עיקר־פֿראַגן מיט די אָנערקענטע אויטאָריטעטן פֿון דער באַוועגונג. גאָלדמאַן האָט קיין איין

רגע נישט געצווייפלט, צי ער זאָל אַרויסטרעטן פאַרטיידיקן זיין באַזונדערע שטעלונג, וויבאַלד ער האָט געהאַלטן אַז זי דאַרף זיין די שטעלונג פון דער גאַנצער באַוועגונג. ס'איז אין דעם נישט געווען סתם העזה; אוודאי נישט זעלבסט פאַרריסנקייט און איינרעדעניש. ס'איז געווען דער אָרגאַנישער דראַנג צו ראַנגלען זיך אין דער אייגענער באַוועגונג פאַרן אמת, ווי ער פאַרשטייט אים. ער האָט תמיד מוט און אחריות אָפּצוטרעטן פון דער אייגענער פּאָזיציע און פאַרנעמען דעם העכערן ווילן און באַשלוס פונעם קאָלעקטיוו, צו וועלכן ער געהערט.

ערליך מיט זיך און צוטרוי צום קאָלעקטיוו — דיביידע עלעמענטן זענען געפּאָרט אין גאָלדמאַנס כאַראַקטער. אַ דאַנק דעם איז ער געשטיגן אויף דעם לייטער פון פאַרטיי־שליחות ביז צום שווערן פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט פון פאַרטיי־סעקרעטאַר און מיטגליד פון פאַרבאַנדס־ביוראָ.

צוזאַמען מיט דער באַוועגונג דורכגעמאַכט אויפטרייסלונגען, טעאָרעטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע, באַ איר געלערנט, ווי בייצושטיין די אַטאַקעס פון קעגנער און זיך נישט לאָזן מיטרייסן פון איינשלעפערנדיקע אילוזיעס.

סיי אין ענגערע קאָמיסיעס און אויף פולע פּלענומס פון דער פאַרטיי און פון פּאָליטישע קערפּערשאַפטן, וווּ ער טראָגט דאָס וואָרט פון פּועלי־ציון — אומעטום איז זיין וואָרט געוויכן און געמאָסטן, אויסגערעכנט נישט אויפן אויסערלעכן מאָמענט־עפעקט, נאָר אויף דעם דויערנדיקן אינטערעס און תכלית פון דער באַוועגונג.

גאָלדמאַן האָט חוש פאַר גרויסקייטן און ווייסט דעם ווערט פון קלייניקייטן. ער פאַרמאָגט פּאַטאָס פאַרן היסטאָרישן ווערק און מיאוסט זיך נישט מיט זאַמלען ערשטע ציגל און אויסשמירן זיך אין ליים פון לויפנדיקער פּראַקטיק. אדרבא, ער ווייסט דעם סוד פון אַנטציקן זיך מיט בליעכץ נאָך איידער עס ווערן צייטיק די פּרעכטיקע פּירות.

אין רגעס פון עצבות טראָגט ער ליכטיקן ביטחון און ביי די שווערסטע שטרויכלונגען פאַרלירט ער נישט זיין כאַראַקטעריסטישן לעבנס־אָפּטימיזם.

אַזוי שפּאַנט ער צענדליקער יאָרן אין די פאָדערשטע רייען פון אונדזער באַוועגונג און שטעקט אָן זיינע מיטקעמפער מיט פלאַמיקער אמונה אין זיכערן נצחון.

י. זרובבל

חיים פינקלשטיין

חיים פינקלשטיין איז אַן אייגנאַרטיקע געשטאַלט אין אונדזער יידישער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער קולטור־וועלט. ער איז אַקטיוו דער עיקר אויפן פּעדאַגאָגישן געביט, ווי דער דירעקטאָר פון דער גרעסטער יידיש־וועלטלעכער שול אין בוענאָס איירעס און ווי דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון צוויש״אָ — דער גרעסטער שול־אָרגאַניזאַציע אין אַרגענטינע. ער איז נישט געקומען צו אַ פּאַרטיקער שול־אינסטיטוציע, הגם ס'איז געווען אין אַנהויב די באַראַכאָוו שול. ער האָט זי פאַרטראַכט, געווען איר געוואַגטער איניציאַטאָר און מיט זיין אויסערגעוויינלעכער ענערגיע, עקשנות און אַרבעטזאַמקייט, געוואָרן אויך דער רעאַליזאַטאָר פון דעם וווּנדערלעכן יידישוועלטלעכן שול־ווערק אין דרום־אַמעריקע, דעם מאָדערנעם קולטור־בנין.

חיים פינקלשטיין האָט די שול פאָרמירט נישט נאָר אָרגאַניזאַציאָנעל, נייערט געגעבן איר תוכן און נשמה, ביז זי איז געוואָרן אַ מוסטער פאַר היינטצייטיקער יידישער דערציִונג. ער האָט זי פּעדאַגאָגיש אויסגעבויט און אויסגעשטאַלטעט — פון די ערשטע עלעמענטאַרע קעמערלעך ביז צו דער מיטל־שול, לערער־סעמינאַר און זיך פאַרמאָסטן נאָך העכער. אים געהערט דער פּראָגראַם און דער פּלאַן פון די לימודים פאַר קינדער און די אויסבילדונג פון לערער, וועלכע קריגן זייער אַרבעטס־וואַרשטאַט אין דער שול, פון וועלכער זיי שטאַמען און ווו זיי אַליין האָבן זיך דערצויגן.

חיים פינקלשטיין איז איינער פון די באַליבטע רעדנער אויף דער יידישער גאַס נישט נאָר אין אַרגענטינע. ער געהערט צו דעם המשך־דור אין דער אַלוועלטלעכער פּועלי־ציון באַוועגונג. איז ער נישט באַגרענעצט אין שטח פון טעטיקייט. ער באַזוכט גאַנץ אָפט פאַרשידענע ישובים אין דרום־אַמעריקע, איז נישט איין מאָל געווען דער גאַסט פון די וויכטיקסטע צענטערן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי דער רעפּרעזענטאַנט פון פּועלי־ציון האָט ער באַזוכט מער ווי צען מאָל ארץ־ישראל; ער קומט נישט זעלטן ווי אַ דעלעגאַט צו ציוניסטישע און קולטור־קאָנגרעסן און ווי אַ

מיטגליד פון אַקציאָנס־קאָמיטעט אין דער מדינה ישראל, סיי ווען זי איז נאָך כמעט דורכויס געווען „אויף רושטאָוואַניעס" און סיי ווען זי איז אַריבער צו דער תקופה פון פאַרמעסט און שווונג אין דער ברייט און אין דער הויך.

זיין יידישע שפּראַך פאַרמאָגט די מעלות און חנען פון זאַפּטיקייט און קליינגעווודיקייט, פון פאַרביקייט און מעלאָדישקייט, אַ דאַנק זיין קלאָרער אויסשפּראַך און נשמהדיקער צאַרטקייט. ער איז מאָלער־וויזיאָנער און רעאַלער קאָנסטרוקטיווער בויער. סיי אַלס דערציער און סיי אַלס פּאָלי־טיקער פאַרמאָגט ער די וויזיע, וואָס דרינגט־דורך זיין מהות און שפּרייט פאַר אים אויס די מאַפּע פון אַ בעסערער און שענערער וועלט, פון אַ מער גליקלעכער שאַפנדיקער מענטשהייט. צוליב זיין קאָנסטרוקטיווער נאַטור זוכט ער דעם קאָנקרעטן ממשותדיקן וועג, אויף וועלכן מען קאָן פירן אַהין מאַסן פון פאָלק.

אַ פּעדאַגאָג, אַ מאַרקסיסט זוכט חיים פינקלשטיין דעם שורש און פלייסט זיך אַריינדרינגען אין טיפן עבר, כדי אויסצוגעפינען די דינע, כמעט אומגעזעענע פעדעם פון וועלכע עס איז אויסגעוועבט די איצטיקע ווירקלעכקייט. ער האָט פאַר זיינע אויגן די אַרכיטעקטור פון גאַנצן בנין, אָבער ער היפערט נישט איבער און לאָזט נישט אויס קיין איינציקן ציגל באַם פאַרלייגן דעם פונדאַמענט פון דער געביידע.

ער שרייבט אויף ליטעראַרישע, געזעלשאַפט־פּאָליטישע טעמעס און מיט באַזונדערער התמדה — איבער פּראָבלעמען פון דערציִונג. זיין סטיל איז אַ קאָנצענטרירטער, בילדערישער און פינקטלעכער. ער איז בעל פּה און בכתב פּאָפּולער און אין דערזעלבער צייט גרינטלעך און איבערצייגנדיק.

צענדליקער יאָרן איז זיין, פינקלשטיינס היימישע וועלט די וועלט פון קינדער. אויך צו דערוואַקסענע באַציט ער זיך ווי צו קינדער. ער זעט זיין פליכט, זיי צו דערציען. ער פילט און אָנערקענט זיין אחריות פאַר זייער התנהגות און טואונג. איז זיין באַנעמונג אַ ווייכע, אַ צאַרטע, שיינט תמיד און כסדר אַ שטראַלנדיקער שמייכל פון ווילגעוויגטקייט אויף זיין פּנים, מיט ווען ער זאָל נישט פאַרברענגען. פעלן אים אויס אין רעדן און אין שרייבן נישט־געמותדיקע אויסדרוקן, אָפּשטויסנדיקע טענער, ווירקט ער ווי אַ באַרואיקנדיקע מעלאָדיע, און וועגן וואָס ער זאָל נישט רעדן, קאָן מען אים הערן שעהן־לאַנג.

חיים פינקלשטיין האָט אויפגעשטעלט דורות תלמידים און געווונען הונדערטער חסידים פון יידישן וואָרט, פון יידישער שפּראַך, ליטעראַטור, באַ וועמען ער האָט איינגעפּלאַנצט טיפע פאַרשטענדעניש און אינטערעס צו יידישער קולטור. ער אַליין איז אַ מוסטער פון אַרבעטזאַמקייט, אַ דינאַמאָ־מענטש, וואָס רייסט־מיט און באַוועגט אַלע אַרום. ער איז אין זיין אונטערנעמערישקייט ריזיקאַנט, האָט נישט מורא פאַר שטרויכלונגען און האַלט זיך נישט צוריק מחמת אַ דורכפאַל, נאָר ווי אין לייוויקס „אייביק", „הייבט ער זיך אויף און שפּאַנט אַוועק ווייטער"...

ער גלויבט אין זיך, און זיינע נאָענטע גלויבן אין אים. זיי ווייסן אַז ער איז טריי צו זיין אמת, און זיי ווערן אָנגעשטעקט מיטן זעלבן אמת. ער איז באַליבט ביי די תלמידים אויך לאַנג שפּעטער, ווי זיי האָבן פאַרלאָזט די שול. אין דרום־אַמעריקע און אין ישראל, קלאַמערן זיך אָן אים הונדערטער זיינע געוועזענע תלמידים מיט אַכטונג און ליבע, ווייל זיי האָבן זיך איבערצייגט אין משך פון יאָרן, וואָס פאַר אוצרות פון מענטש־לעכקייט און יידיש וויסן חיים פינקלשטיין האָט זיי מיטגעגעבן פאַרן געראַנגל אין לעבן. ער האָט זיי באַלאָדן מיט יידישער טראַדיציע, מיט יידישן געשיכטלעכן נסיון, מיט פּיאָנערישער העזה און רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס.

חיים פינקלשטיין לערנט צו שאַצן די יידישע אויפטוען אין אַלע אומשטענדן פון די פאַרשידענע תקופות אין גלות־צעשפּרייטקייט; דערוועקט דרך ארץ פאַרן יידישן כללישן און יחידישן שאַפן אונטער אַלערליי באַדינגונגען. ער האָט אַליין מיט זיין גראַנדיעזן קולטור־ווערק געגאָלטן ווי אַ סימבאָל פון די מעגלעכקייטן, וואָס קאָנען דערגרייכט ווערן אויך אונטערן האָגל פון רדיפות, באַשרענקונגען בעת מ'איז פאַרשטויסן אין ענגע ד' אמות פון יידישער סביבה. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויפגעוויקלט פאַר זיינע תלמידים די ברייטע יריעה, וואָס חלוצישער פאַרמעסט האָט אויפגעבראַכט אין ארץ־ישראל, וואָס פאַר אַ שאַפנדיקן טאַלאַנט דער יידישער מענטש איז מסוגל דאָרט צו אַנטפּלעקן אין זיך און אינעם יידישן כלל.

ווערט מיט יעדן יאָר גרעסער די מחנה פון פינקלשטיינס תלמידים, וואָס זענען עולה קיין ישראל, הן כדי זיך צו פאַרפולקאָמען אַלס לערער און אינסטרוקטאָרן פאַרן גלות, הן כדי אַליין זיך איינשפּאַנען אין דעם

חלוצישן עול פון די פאַנאַנדערבויער פון דער יידישער מדינה.

חיים פינקלשטיין איז פון דער נאַטור באַשאַנקען מיט פעיקייטן. ער באַגנוגנט זיך נישט דערמיט, נאָר גייט זיין גאַנץ לעבן „אין חדר״, ווערט נישט מיד אין פאַרמערן און באַרייכערן זיינע ידיעות, פאַרטיפן זיין וויסן כדי מיטשפאַנען מיט דער צייט און דערגרונטעוועון זיך צו די קאַלאָסאַלע דערגרייכונגען פון מענטשלעכן מין.

אָפענער מוח צום געדאַנק, שנעלע אָריענטאַציע פאַר רעאַגירונג, שטרעבונג צום אמת, שאַרפער בליק און עמפינדלעכער געהער — די אַלע אייגנשאַפטן זענען אים בייגעשטאַנען אין די שווערסטע צייטן און קאָמפּליצירטע סיטואַציעס, ער זאָל זיך נישט פאַרלירן און בלייבן הילפלאָז. ס׳העלפט אים שטענדיק אַרויס זיין באַראַכאָוויסטישער אַנאַלי־טישער מעטאָד און געפיל פון אחריות פאַר די מחנות, וואָס שפאַנען מיט אים. ער פאַרדינט זייער צוטרוי יעדעס מאָל פון דאָס ניי.

דערפאַר איז זיין וואָרט וואָגיק און זיין השפעה אַ דויערנדיקע.

זיין יידיש איז — מאַניפעסטאַציע. זי פאַרמאָגט די איידלסטע ניואַנסן פון מחשבה, די פיינסטע וויבראַציעס פון געפיל און די טרוימערישקייט פון ליריק. זיינע אַ רעדע איז דורכגעפלאָכטן מיט פאָליטישער חכמה און לעבנס־געניטקייט, ער איז נישט אייליק אין אַנאַליז, און זיין דעציזיע איז נישט צום אָפּוועגדן.

חיים פינקלשטיין איז אַ גרויסער מכניס אורח. ער האָט הנאה צו ווייזן זיינע גיטער, שול־קלאַסן, וואָס ווימלען מיט טויזנטער רירעוודיקע קינדער, וואָס דאָס כאַראַקטעריסטישע אין זיי איז דער חשק צו לערנען און די גרייטקייט צום פרייען שפּיל. אָט די עשירות זיינע באַוווּנדערן אורחים פון דער גאָרער וועלט: זי רופט ביי זיי אַרויס קנאה, וואָס וועקט צו אייגענעם פאַרמעסט.

חיים פינקלשטיין שטאַמט פון בריסק דליטא. אַן עילוי פון דער יוגנט ,איז ער אַליין אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ באַראַכאָוו־שול אין זיין היים־שטאָט, שפּעטער אין דער באַראַכאָוו־יוגנט ,און דעם באַראַכאָוויסטישן דרך איז ער געבליבן טריי זיין וויטערדיקן גאַנג אין לעבן. ער האַלט זיך באָם כלל: חנוך לנער על פי דרכו. ער וואַלגערט נישט אַרויף קיין תורה ווי אַן איבעריקע לאַסט, וואָס באַשווערט. ער דערקענט די אייגנשאַפטן פון די תלמידים און צוהערער און באַמיט זיך צוצוקומען צו זייער

אינערלעכער וועלט, נישט פלעפן זי, נישט צעשטערן, נאָר אָרגאַניש זי ענדערן, דורך סיסטעמאַטישער באַרייכערונג און דערוועקונג פון אייגענע גייסטיקע און פסיכישע כוחות.

ער האָט ליב דעם מענטש און מ׳ענטפערט אים צוריק מיט ליבע, מיט ליבע און דרך ארץ.

ער קוקט נישט פון אויבן אַראָפּ אויף די קינדער, נאָר דערהויבט די קינדער צו זיך, אָפּלערנענדיק פון זייער עכטקייט, אָפּנהאַרציקייט, דמיון און כסדרדיקן וווקס.

✶

חיים פינקלשטיין איז אָנגענומען אין דער געזעלשאַפט, מיט זיין מיינונג רעכנט מען זיך אין אחריותדיקע מאָמענטן, צו זיין וואָרט הערט מען זיך גוט צו. ער איז נישט יוצא מיט געבן עצות און אויסאַרבעטן פּלענער. ער געפינט זיך אַליין אין דער ערשטער שורה פון די אויספירער. דאָס איז זיין נאַטירלעכע שליחות, צו וועלכער ער איז אויסדערוויילט פון זיין אייגענעם געוויסן און לויט דעם איינשטימיקן פאַרלאַנג פון אַלע אַרום אים.

פינקעלשטיינען, ווי אַ פּעדאַגאָג, האָט אָפּגעגליקט, וואָס ער האָט נאָך אין די יוגנט־יאָרן אויפגענומען די פּועלי־ציוניסטישע דערציִונג און וועלט־באַנעם. האָט ער אויסגעמיטן דעם פלאָנטער אינעם שפּראַכן־קאַמף לגבי יידיש און העברעיש. ווי די פירער פון די באָראָכאָוו־שולן אומעטום, האָט חיים פינקלשטיין גלייך לכתחילה איינגעזען און אָנערקענט די אָרגאַנישע באַהעפטקייט צווישן דיביידע שפּראַכן פון יידישער נאַציאָנאַלער קולטור, אין וועלכע עס איז געקומען צום נאַטירלעכסטן אויסדרוק דער ספּעציפישער יידישער מחשבה־סטיל און פון וועמען עס שטראָמט שטענדיק דער כאַראַקטעריסטישער אייגנאַרטיקער ניגון פון יידישן גייסט. חיים פינקלשטיינס דערציִונג־שיטה האָט אַריינגענומען די ביידע עלעמענטן, נישט ווי קעגנזאַצן, נאָר, בפירוש ווי איין שלימות, אַ גאַנצקייט אַ האַרמאָנישע, אַ זיווג אַ באַשערטער, אַ געראָטענער פון די קולטור־אוצרות, וואָס האָבן געגערט דעם ייד אויף זיין לאַנגן וועג פון זעלבשטענדיקייט דורך גלות צוריק צו מלוכהשער זעלבשטענדיקייט.

נישט קיין „ויתרוצצו״ צווישן יידיש און עברית, ווי צווישן גלות

און מדינת ישראל. נאָר ווי אַ געבענטשטע קעגנזייטיקע דערגאַנצונג, אין וועלכער עס ווערט געוועבט די איינהייטלעכקייט פון דעם וואַנדער־פאָלק איבער אַלע ערדן צו זיין אויסגעחלומטער און אויסגעקמפטער פאָליטישער, ווירטשאַפטלעכער און גייסטיקער סוווערעניטעט אויף תמיד און אויף אייביק.

*

איז צו באַגריסן די ערשטע זאַמלונג פון חיים פינקלשטיינס כתבים. ס'איז דערלאַנגט בלויז אויפן שפּיץ גאָפּל, כדי טועם צו זיין פון זיין פולן שייער שעפערישקייט. זאָל עס זיין אַ גוטער אָנהויב אין אַ גליקלעכער שעה. דער מחבר איז נאָך נישט צוגעקומען אַפילו צו דער העלפט פון זיין לעבנס־גאַנג און האָט שוין זוכה געווען צו זען בחוש די צייטיקע פרוכט איבער אַלע ערדן צו זיין אויסגעחלומטער און אויסגעקעמפטער פאָליטי־שער, ווירטשאַפטלעכער און גייסטיקער סוווערעניטעט אויף תמיד און אויף הלוואי ווייטער און מערער.

י. זרובבל

דניאל לייבל

דניאל לייבל איז געבוירן געוואָרן דעם 20סטן נאָוועמבער 1891, אינעם שטעטל דעמביץ (מערב־גאַליציע). די משפחה זיינע איז דאָרט לאַנג נישט געבליבן און זינט 1899 האָט זי געוווינט אין דער גרעסערער שטאָט טורנע (טאַרנאָוו), ווו דניאל לייבל האָט געלערנט אין חדר און אין אַ פוילישער פאָלקשול. זיין פאָטער, אַ משכיל און הייסער חובב־ציון, האָט אים נאָך געלאָזט לערנען גמרא אין אַ בית־מדרש און ערשט אין יאָר 1909 איז ער אָנגעקומען אין פינפטן קלאַס גימנאַזיע. ער האָט נישט לאַנג דאָרט גע־לערנט, אַ יאָר שפּעטער האָט מען אים אויסגעשלאָסן פאַר זיין ציוניזם און סאָציאַליזם. דאָס איז שוין געווען די השפעה פון יעקב קענער פון קראָקע, וועלכער האָט צו יענער צייט פונאַנדערגעוויקלט אַן אינטענסיווע טעטיקייט צו שאַפן גרופּעס פועלי־ציון־יוגנט.

דניאל לייבל געהערט צו די ערשטע יוגנטאָוונטעס אין גאַליציע. אין יאָר 1910 האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט אינעם קאַמף פון די יידישע מאַסן צו אָנגעבן אין דער פאָלקסציילונג יידיש ווי זייער אומגאַנגשפּראַך.

ער איז צוריק אין דעמביץ, ווו ער לערנט אין גימנאַזיע און באַקומט מאַטורע. אין צווישן טרעפט ער זיך מיט יצחק לויפבאַן און אַנדערע, וועלכע שטעלן אויף די אָרגאַניזאַציע „השחר", ווו עס ווערט געפּריידיקט סאָציאַ־ליסטישער ציוניזם.

דניאל קומט אין ווין, ווערט אַ פרייער צוהערער אין אוניווערסיטעט. אין טורנע טרעפט ער זיך מיט ד"ר יצחק שיפּער, וואָס דערוועקט אין אים אינטערעס צו געשיכטע און שפּראַכפאָרשונג. אין ווין לערנט ער פון בער באָראָכאָוון דעם ווערט פון פילאָלאָגיע פאַר דער קולטור פון פאָלק.

אין 1910 באַזוך איך דאָס ערשטע מאָל טורנע אויפן וועג פון גאַליציע קיין ארץ־ישראל. דניאל לייבל דערציילט אַליין, אַז די דאָזיקע באַגעגעניש האָט געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן רושם. דער אונטערשייד אין יאָרן איז צווישן אונדז געווען אַ קליינער. ער — 18, איך — 23. אָבער מיך האָט באַגלייט דער אָרעאָל פון רעוואָלוציאָנערער אַקטיווקייט אין רוסלאַנד און

דער פאַקט, וואָס איך בין עולה קיין ארץ־ישראל. ס'זענען פאָרגעקומען הייסע דיסקוסיעס. קעגן מיר איז אַרויסגעטראָטן דער שפּעטער באַרימטער העברעיִשער פּעדאַגאָג, צבי שאַרפשטיין, וואָס האָט באַקעמפט דעם ענין קלאַסנקאַמף אין ארץ־ישראל. ווייזט אויס, אַז דניאל לייבל האָט אָנגענומען אונדזער פּועלי־ציוניסטישע קאָנצעפּציע און מיר זענען געוואָרן נאָענטע פריינד. ס'איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה און דניאל לייבל איז מאָביליזירט געוואָרן אין עסטרייכישן מיליטער. דער סוף מלחמה האָט געבראַכט צו דער פאַראייניקונג פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין גאַליציע און פּוילן. ס'האָט אָנגעהויבן דערשיינען דער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי, די אַרבעטער־צייטונג. קיין וואַרשע איז אַריבערגעקומען אַ גרעסערע גרופּע אינטעלעקטואַלן פון גאַליציע, ווי ד״ר יצחק שיפּער, יעקב קענער, שכנא זאַגאַן, נתן בוקסבוים, נפתלי וויייניג, שפּעטער ד״ר רפאל מאַהלער, שאול אַמסטערדאַם, א. ש. יוריס. דניאל לייבל איז פאַרבעטן געוואָרן מיטצו־אַרבעטן אין אונדזער צייטונג.

ווי דער הויפּטרעדאַקטאָר פון אַרבעטער־צייטונג האָב איך גיך אָפּגע־שאַצט לייבלס זשורנאַליסטישע פעיִקייט און אַרבעטזאַמקייט, בפרט זיין קענטשאַפט אין יידישער שפּראַכפאָרשונג. מיר האָבן אים צוגעצויגן צו דער מיטאַרבעט אין די באַראַכאָוו־שולן און ער איז געוואָרן אינסטרוקטאָר אויף די לערערקורסן פון ציש״אָ. דאָס איז געווען די עפּאָכע פון יידישן קולטור־רענעסאַנס אין פּוילן. אַ גרעסערע גרופּע יידישיסטישע אינטעליגענץ איז געקומען פון אוקראַיִנע מיט אַ רייכער דערפאַרונג אין די ראַמען פון יידישן מיניסטעריום און דער קולטור־ליגע. זענען געמאַכט געוואָרן ערנסטע פּרוּוון צו פונאַנדערוויקלען אַן ענלעכע טעטיקייט אין פּוילן — ביי גאָר אַנדערע באַדינגונגען. ווי אַן אַקטועלע פראַגע האָבן מיר אויפגענומען די רעפאָרם פון יידישן אויסלייג. דאָס איז בייטיק געווען קודם־כל פאַר דער יידישער שול, וואָס האָט זיך שטאַרק צעוואַקסן און איז אויפגעקומען אין צענדליקער שטעט און שטעטלעך, און אויך פאַר דער יידישער פּרעסע און פאַר די ביכער־פאַרלאַגן. דניאל לייבל איז פאַר אונדז געווען אַן אבן־טוב און ער האָט זיין שליחות אויסגעפילט בשלימות. ער האָט געקעמפט ווי אַ לייב קעגן דעם „שטומען עיין". אַ קאָמיסיע פון נח פּרילוצקי, שמואל לעהמאַן און אַנדערע האָט זיך מיט דעם פאַרנומען וואָכן און חדשים, און דניאל לייבל האָט זיך דאָ געפילט אין זיין נאַטירלעכער אַטמאָספער.

אין דער צייטונג האָט ער געשריבן אויף פאַרשיידענע אַקטועלע טעמעס. דאָס האָט אים נישט געשטערט אָפּצוגעבן זיך מיט זיין ליבלינג־אַרבעט — מיט יידישער פּאָעזיע. ער האָט געשריבן לידער און אין יאָר 1922 אַרויסגעגעבן אַ לידערבוך אין גרינעם לאָמפּענשיין, לידער פון עכטער ליריק. ער האָט אויך איבערגעזעצט אין יידיש קאָנאָפּניצקאָס דראַמאַטישע פּאָעמע פּראָמעטעאוס און סיזיף ווי אויך דניאל און ריכטער פון וויספּיאַנסקי. ער האָט עס געטאָן כדי צו באַקענען דעם יידישן לייענער מיט וויכטיקע פּאָעטישע ווערק אין אַנדערע שפּראַכן און אויך כדי צו באַרייכערן די יידישע פּאָעזיע מיט מאָטיוון פון דער נישט־יידישער ליטעראַטור. די דאָזיקע ליניע האָט ער אָפּגעהיט זיין גאַנץ לעבן. מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער הייבט ער אויף די פראַגע אין נייוועלט — ער ווייזט אָן אַז מ'האָט כמעט אויפגעהערט איבערצוזעצן אין יידיש די קלאַסיקערס פון דער וועלט־ליטעראַטור, מאָדערנע וועלט־ליטעראַטור און וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור. „אַז מ'זאָל דאָס פאַרמולירן סאָציאָלאָגיש, זאָגט ד. ל., מיינט עס: יידיש האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פאַרמיטלער פון וועלטקולטור פאַרן יידן. אַ ייד וואָס קען בלויז יידיש, האָט שוין היינט נישט די מעגלעכקייט דורך יידיש אויפצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיטן ליטעראַרישן און וויסנשאַפטלעכן וועלט־געשעען".

ער מאַכט דערפון דעם טרויעריקן אויספיר: דער יידישער לייענער „זוכט זיין לעקטור אין פויליש, אין רומעניש, אין דייטש, אין רוסיש. די צרה איז אָבער, אַז ווען ער גייט איבער פון יידיש צו אַן אַנדער שפּראַך, לייענט ער שוין נישט בלויז וועלט־ליטעראַטור אין איר. ער ווערט בכלל אַ לייענער אין דער דאָזיקער שפּראַך, ער לייענט שוין אין איר אויך זאַכן, וועלכע ער וואָלט יאָ געקענט באַקומען אין יידיש... ער ווערט אָפּגעפרעמדט פון דער יידישער ליטעראַטור, פון יידישער טעמאַטיק און פּראָבלעמאַטיק בכלל; פון שונד אין יידיש צו ליטעראַטור אין יידיש איז נאָך דאָ אַ וועג, פון שונד אין פויליש, דייטש, רומעניש איז צו יידישער ליטעראַטור נישטאָ קיין וועג".

ער שטעלט זיך אָפּ דערויף, וואָס אין אַמעריקע לייענט דער ייד אין ענגליש נישט נאָר ענגלישע ליטעראַטור, נאָר וועלט־ליטעראַטור בכלל. דאָס אייגענע קומט פאָר אין פראַנקרייך און אין די שפּאַנישע לענדער. „צו יידיש קומט ער אָן בלויז נאָך יידישקייט, אין בעסטן פאַל". אויך דאָ זעט

ער די סכנה. „ווען ער קריגט זיין יידישקייט אויך אין ענגליש, פּאַרלירט זיין יידיש דעם לעצטן אינהאַלט".

דניאל לייבל האָט אויפגענומען דעם פּועלי־ציוניזם נישט בלויז, ווי אַן ענטפער אויף אַ פּאָליטישער פּראָבלעם. אין דער טעריטאָריאַליזירונג פונעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן האָט ער געזען דעם נייעם יסוד אויף פאַר דער נאָרמאַליזירונג פון דער יידישער קולטור. זעט ער טאַקע אַן אַנדער אַנטוויקלונג פאַר דער העברעיִשער ליטעראַטור, ווען זי ווערט אויפגעלעבט דורך אַ פאָלק, וואָס אַנטוויקלט זיין לעבן אויף זיין אייגענער טעריטאָריע. ער איז אָבער ערנסט באַזאָרגט וועגן דעם גורל פון יידיש, נישט געקוקט דערויף וואָס ער פרייט זיך מיט דעם ווונדערלעכן פונאַנדערוווקס פון דער יידישער ליטעראַטור.

ער באַגריסט פון גאַנצן האַרצן דאָס דערשיינען פון אונדזער גרויסן משלים־דיכטער אליעזר שטיינבאַרג. ער מיינט: „יידישע ליטעראַטור איז אַן שטיינבאַרגן נישט געווען גאַנץ אין איר מהות. שטיינבאַרגס משל האָט איר געפעלט בפירוש צום שלימותדיקן אויסדרוק פון יידישן גייסטיקן שטייגער.

דער משל! ווי אַ רויטער פאָדעם ציט ער זיך דורך טויזנטער יאָרן אין אונדזער שטייגער, נאָך פון יענע צייטן ווען ליטעראַטור איז צו שריפט נישט דערגאַנגען. וויפל צירונג אַזעלכע זענען אַריין אין תנ"ך און ווי צעוואַקסן דער מין האָט זיך אין שפּעטערדיקע תקופות, אין מדרש, אין דער העברעיִשער מיטל־עלטערלעכער דיכטונג און ביי די מגידים אין שפּעטער־דיקע יאָרן. און דאָ קומט אַ יידישע ליטעראַטור, און אויב זי נעמט זיך שוין אַ מאָל צו אַ משל, בלייבט ער אַלץ ווייט, ווייט הינטערשטעליק הינטער דעם פאָלקס מויל, וואָס האָט דווקא אויף דעם געביט אַרויסגע־ברענגט אַזאַ שפע פון יאָדערדיקער חכמה, בילדערישקייט, וואָרטמאָלעריי און די ברכה פון עמך־לשון".

דניאל לייבל שרייבט: „וואָס שייך שטיינבאַרגן איז ביי מיר קיין ספק נישט: זיין משל איז די קווינטעסענץ פון אַן אויסערגעוויינלעך רייך און טיף מענטשן־לעבן און וועלטבאַנעם. און דערביי איז ער אַזוי יידיש, אין לשון, אין שפּיל, אין קנייטש און קוועטש, אַז ס'איז שווער זיך אויס־צומאָלן, ער זאָל ווען עס איז איבערגעזעצט אָדער כאָטש איבערגעאַרבעט ווערן אין אַן אַנדער שפּראַך — כדי די דרויסנדיקע וועלט זאָל קאָנען

האָבן כאַטש אַ מינדסטן באַגריף וועגן אַ יידישן לאַפּאַנטען, אַ מאָדערנערן, אַ טיפערן, אַ נישט צו גלייכן מער דיכטערישן איידער דער פראַנצויזישער".

דניאל לייבל איז שטענדיק געבליבן געטריי זיין אַלגעמיינער פּאָליטיש פילאָסאָפישער איינשטעלונג. האָט ער אומעטום געזוכט דעם סאָציאַלן עלעמענט. ער זאָגט עס אויך לגבי שטיינבאַרגס משל: „הגם געטראָגן פון גרויסן אינטעלעקטואַלן שווונג, איז ער פאָלקסטימלעך ביז גאָר: דער אופן דערציילן, דאָס לשון, דאָס בילד, די וואָרטמאָלעריי, ועל כולם — די מאָראַל פונעם פשוטן ערלעכן געזונטן פאָלקסמענטש. ער איז אין אַלעמען סובלי־מירטע געהויבענע כפול־שמונהדיקע פאָלקסטימלעכקייט, פאָלקסטימלעך זיין לומדות און פאָלקסטימלעך זיין מאָטיוו, די באַציִונג צום גביר, צום עולם הזהניק, צום צבועק, פאָלקסטימלעך די ליבע צום האָרעפּאַשניק, צום ליידנדיקן מענטשן, צו דער ליידנדיקער בהמה. און פאָלקסטימלעך זיין תורה — נישט לאָזן זיך שפּאַנען".

און אַזוי, פאַרענדיקט ער, „איז שטיינבאַרג טאַקע געוואָרן איינער פון די באַדייטנדיקסטע רעפּרעזענטאַנטן פון דעם סאָציאַלן מאָטיוו אין דער יידישער ליטעראַטור, פון די סאַמע באַדייטנדיקסטע".

אין די געבראַכטע ציטאַטן איז צו דערקענען אויך דניאל לייבלס אייגענעם סטיל. „דער אמתער סטיל פון אַ מענטשן, זאָגט ער, איז נישט דער, וואָס מען באַהערשט אים, אַפילו מייסטעריש, נאָר דער וואָס מען ווערט פון אים באַהערשט, אויף אַלע שטחים ווו מען איז".

דניאל לייבל האָט געהאַט זיין אייגענעם סטיל: אין רעדן, אין שרייבן, אין לעבן. אַפילו אין זיינע פּאָליטישע רעזאָלוציעס האָט זיך געפילט דער געשליפענער ניואַנס, דער לייכטער בייג פון געדאַנק.

איך האָב דערמאָנט אויבן זיין קאַמף קעגן שטומען „עיין" אין אויס־לייג. מ׳קאָן דרייסט זאָגן, אַז פונקט אַזוי האָט דניאל לייבל זיין גאַנץ לעבן געפירט אַן עקשנותדיקן קאַמף קעגן שטומען זאַץ, קעגן שטומען וואָרט, סיי אין רעדן און סיי אין שרייבן, ווי באַלד זיי האָבן גאָרנישט צוגעגעבן צום עצם, צום עיקר־געדאַנק.

ער איז דעריבער געווען אַ שטרענגער רעדאַקטאָר, קפּדניש צו יעדן אויסדרוק, צו יעדער פאָרמולירונג, וואָס האָט איבערגעחזרט אומנייטיק דאָס שוין אַרויסגעבראַכטע. גענומען האָט עס זיך ביי אים פון זיין דיכטע־רישער נאַטור. ער איז אין עצם געווען אַ פּאָעט, געוווּסט דעם סוד פון

צימצום, פון קאָנצענטראַציע, פון אָנדייט און אָנווונק. ער האָט געהאַט אַ סענסיטיוון אויער פאַר אַן איבעריקן קלאַנג, פאַר אַ פרעמדן טאָן.

דניאל לייבל איז געווען פאַרליבט אין שפּראַך. אין היימישער שפּראַך. איז ער דאָך געווען היימיש אין ביידע אונדזערע שפּראַכן: יידיש און העברעיִש. נישט געליטן פון אַ „ויתרוצצו" צווישן זיי, ביידע האָבן זיך בשלום איינגעלעבט אין זיין נאַטור, ווי אַ גאַנצקייט; ער האָט, לויט מענדעלעס זאָג, געאָטעמט נאָרמאַל מיט ביידע נאָזלעכער.

ער האָט געהאַט אַ פענאָמענאַלן זכרון, האָט אַ סך געלערנט, כסדר געלערנט. ער איז געווען אַ זעלטענער מיטשמועסער, און ליב געהאַט צו שמועסן. צו שמועסן אַליין און צו הערן דעם מיטשמועסער. כדאי צו לייענען זיינע שמועסן מיט ביאַליקן.

גוט באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור, האָט ער געשטעלט פאַר־דערונגען צו דער יידישער און העברעיִשער ליטעראַטור. געזוכט אין זיי די מאָטיוון, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם יידישן מענטש. פונקט ווי ער האָט פאָ־ליטיש נישט אָנגענומען דעם „בונד" און די יידסעקציע, מחמת זיי האָבן נישט געזען דעם ייד, זיך גופא, אין דער אַלגעמיין־מענטשלעכער ראַם, אַזוי האָט ער אויך אין דער ליטעראַטור נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם פאַלשן, דעם פרעמדן טאָן. ס'איז כאַראַקטעריסטיש אין דעם פרט לייבלס באַציִונג צו ראָמאַן בראַנדשטעטער, דעם אייניקל פונעם באַקאַנטן העב־רעיִשן שרייבער מרדכי בראַנדשטעטער. ער דערציילט, אַז בעת ער האָט אַ מאָל באַזוכט זיין בן־עיר, דעם באַרימטן שרייבער, האָט אים יענער גע־געבן צו לייענען אַ פּויליש ליד פון זיין גאַנץ יונגינקן אייניקל און גע־פרעגט זיין מיינונג. לייבל האָט אַ קוועטש געטאָן מיט דער פּלייצע און אַרויסגעשטאַמלט, אַז אַזוינס קאָן אָנשרייבן יעדער אינטעליגענטער תלמיד. דאָס זאָגט נישט, אַז ס'איז אַ טאַלאַנט, געגוי ווי עס זאָגט נישט, אַז ס'איז נישט קיין טאַלאַנט.

מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער האָט זיך לייבל געטראָפן מיט דעם אויסגעוואַקסענעם אייניקל, מיט דעם באַקאַנטן פּוילישן שרייבער ראָמאַן בראַנדשטעטער, אין ארץ־ישראל. יענער האָט אים ביי דער באַגעגעניש דערציילט, אַז דער זיידע האָט אים אַ מאָל איבערגעגעבן לייבלס מיינונג וועגן זיין ליד. איבערגעגעבן אַפילו וועגן זיין קוועטש מיט דער פּלייצע.

ס'איז בראַנדשטעטערן נישט געגאַנגען אין ארץ־ישראל. זיינע אַ פּיעסע

איז דורכגעפאַלן ביי די ערשטע אויפפירונגען. שרייבט לייבל: „דער קאַטאָ־ליציזם האָט אַ גוטן חוש. ער האָט געפירט אַ שווערע מלחמה אין פוילן, אין דער ליטעראַטור, געהאַט קעגן זיך דעם גייסט פון מיצקיעוויטש און סלאָוואַצקי, דאָס „יונגע פוילן", אַ זשעראָמסקי, אַ בזשאָזאָווסקי... נאָך ערגער איז געוואָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. פוילישע קולטור האָט געברעקלט די מויערן פון יידישן געטאָ. ס'איז אויפגעקומען אַ טובים, אַ סלאָנימסקי און דווקא די שטאַרקסטע טאַלאַנטן זענען געווען גאַטירלעכע אַנהענגערס פון דער אַנטיקאַטוילישער ליניע אין דער ליטעראַטור און אין לעבן. אין אַזאַ אַטמאָספער איז יעדער אַנטפלעקטער, אַפילו נישט געשמד־טער, ייד, וואָס האָט אַרויסגעוויזן כאָטש אַ קערנדל פון קאַטוילישן צוגאַנג, געווען אַ געווינס. האָט מען דעם יונגן בראַנדשטעטער גענומען צורעדן צום שמד. לכתחילה איז עס נישט געגאַנגען. קיין פּאָזיטיוון יידישן תוך, קיין יידישן וויסן, קיין קענטעניש פון יידישן פאָלקסלעבן, פון יידישע פּראָבלעמען און יידישע גייסטיקע ווערטן האָט ער דערביי נישט אַרויס־געוויזן. ער האָט זיך איבערגעיאָגט מיט פוילישע אַנטייידישע פּאַמפלע־טיסטן אין לינגוויסטישער עקוויליבריסטיק און אויסגעזוכט אַלטע און נייע זידלערייען... אַז ער איז געקומען צום ערשטן מאָל אין ארץ־ישראל אַן דער מינדסטער קענטעניש פון פאָלק, פון שפּראַך און לאַנד, איז ער גע־וואָרן אַן עקסטרעמער ציוניסט, אַן עקסטרעמער יידישער נאַציאָנאַליסט... ער האָט נישט געהאַט אין זיך אַזוי פיל פּאָזיטיווע יידישקייט, ער זאָל אויס־האַלטן דעם ערשטן דורכפאַל ביים יידישן פּובליקום. מיט אַ מאָל איז פאַר־שוווּנדן זיין יידישער און ציוניסטישער פּאַטריאָטיזם... ער איז אַוועקגעפאָרן קיין איטאַליע און האָט ווידער אויפגענומען דעם איבערגעריסענעם ראָמאַן מיטן קאַטאָליציזם. געשמדט זיך, חתונה געהאַט מיט אַ קרובה פון אַ פּוי־לישן בישאָף, און צוריקגעקומען אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן, ווי אַ קאַטאָליק...

ווייזט אויס, אַז ראָמאַן בראַנדשטעטער האָט נישט בלויז גרויס טאַ־לאַנט, נאָר אויך געניטן פּראַקטישן פאַרשטאַנד. קיין אייניקל פון ר' מרדכי דודן וועט ער דאָרט נישט זיין. קיין וואָרצלען אין פאָלקסבאָדן וועט ער שוין קיין מאָל נישט האָבן"...

אָט די איינשטעלונג צו דעם משומד איז ביי דניאל לייבל נישט קיין צופעליקע. זי דרינגט אַרויס פון זיין גאַנצן מהות. ער זאָגט אויף זיך עדות

אין זיין פּרעכטיקן אַרטיקל וועגן יעקב קענערן: „אין קאַמף קעגן די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן פון פּ. פּ. ס. און קעגן די בירגערלעכע ציוניסטן האָט זיך גענומען אויסבילדן דער באַזונדערער פּרצוף פון פּועלי־ציון אין גאַליציע. ס'איז דאָ אַנגעגאַנגען אַ שטענדיקער געראַנגל צווישן די השפּעות פון אַן אינטעליגענט, וואָס האָט זיך אָוועקגעריסן פון אַסימילאַציע, האָט אָבער געהאַט אַ ווינציקע באַציִונג צום סאָציאַלן געראַנגל, און צווישן די אינטערעסן פון די אַרבעטער, פאַר וועלכע דער פּראָבלעם פון אַסימילאַציע איז בכלל נישט געשטאַנען, ווייל זיי זענען לויטן וועזן פון זייער באַזונ־דערן קיום געווען אי נאַציאָנאַל, אי צוגעגרייט אויפצונעמען דעם סאָציאַ־ליסטישן געדאַנק אין אַ נישט־אַסימילאַטאָרישער פאָרמולירונג. קענערס אַרבעט און פּראָפּאַגאַנדע זענען געגאַנגען אויף דער ליניע פון ציוניסטישן סאָציאַליזם, וואָס איז געווען אָנגעצייכנט דורך די לעבנס־באַדינגונגען פון די יידישע האָרעפּאַשניקעס אין גאַליציע".

נאָך איידער באַראָכאָווס השפּעה האָט דערגרייכט צו גאַליציע, האָבן שוין רעאַלע באַדינגונגען און אינטערעסן אויפן אָרט מכשיר געווען די מוחות און הערצער פאַרן סאָציאַליסטישן ציוניזם. נישט אימפּאָרטירט פון דרויסן, נאָר מיט טיפע וואָרצלען אינעם פאָלקסבאָדן.

פון דאַנען שטאַמט אויך לייבלס מאָניזם בנוגע דעם קאַמף פאַר דער אַנטוויקלונג פון ביידע שפּראַכן, ווי בנוגע דעם קאַמף פאַר די רעכט פון יידישן פאָלק סיי אין זיין אייגענער מדינה, סיי בנוגע די תפוצות, ווו ער האָט געזען לעבן מיליאָנען יידן אויך ווייטער.

אין ווינער אוניווערסיטעט האָט זיך לייבל אָפּגעגעבן מיט שטודירן סעמיטישע פילאָלאָגיע. בנוגע יידישער לינגוויסטיק האָט ער דעמאָלט אָנגעשריבן זיין אַרבעט „דער וואָקאַל־באַשטאַנד פון פּרעגער יידיש אין אָנהייב פון 18טן יאָרהונדערט". נאָך אַן אַרבעט זיינע איז געווען „מיזרח־יידישער אורדיאַלעקט", ווי אויך „מילואים צו מאַקס ווײַנרייכס אַרבעט, 'קורלענדער יידיש'" אין לאַנדוי־בוך. מ'דאַרף דערביי געדענקען, אַז די דאָזיקע פאָרש־אַרבעטן האָט דניאל לייבל געטאָן ווי אַ צוגאָב צו זיין פּאַרטיי־פּאָליטישער טעטיקייט, וועלכע ער האָט נישט אָפּגעלאָזן אַלע זיינע יאָרן סיי אין פּוילן, סיי דערנאָך אין ארץ־ישראל, וווהין ער איז עולה געווען אין יאָר 1923.

אַגב, די פּועלי־ציון־טוערס האָבן חשק געהאַט עולה צו זיין ביי יעדער געלעגנהייט. אָבער די פּאַרטיי האָט כסדר זיך פאַרלייגט אויף נייע געביטן

און זי האָט נישט געקאָנט מותר זיין אויף אַקטיווע מיטאַרבעטערס. האָט זי זיי צוריקגעהאַלטן, בפרט אַז זיי האָבן זיך נישט געקאָנט דערשלאָגן צו קריגן אַ סערטיפיקאַט. דניאל לייבלען האָט אָפּגעאַלטן אין דעם פּרט. כידוע האָט אונדזער אָרגאַן אין פּוילן, אַרבעטער־צייטונג, שטאַרק געליטן פון די אָפטע קאָנפיסקאַציעס פאַרן שאַרפן טאָן פון די לייט־אַרטיקלען, וועלכע האָבן אָנגעגריפן די הערשנדיקע מאַכט. האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ גאַנצע גרופּע „זיץ־רעדאַקטאָרן”, וואָס זאָלן זיין געחתמעט אַלס פאַר־אַנטוואָרטלעכע רעדאַקטאָרן. איך מוז איצט צוגעבן, אַז מיר איז נישט געווען כלל צום האַרצן שרייבן שאַרפע אַרטיקלען בעת איך האָב געוווּסט, אַז זיצן וועט גיין אַן אַנדערער, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק.

מיר האָבן די גרופּע צוניפגעשטעלט פון באַוווּסטזיניקע חברים, וועלכע האָבן גערן געטראָגן די אַחריות פאַר אונדזער קאָלעקטיווער אַרבעט. אַזוי איז אויסגעפאַלן דער גורל אויך אויף לייבלען און נאָך אַזאַ אַרטיקל מיינעם איז ער געגאַנגען „זיצן” אין מאָקאָטאָווער תפיסה אויף עטלעכע חדשים ביז צום געריכט. מיר האָבן אים אָבער אַרויסגענומען אויף ערבות און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל דורך בערלין.

אויפן וועג האָט ער באַנוצט אַ פּאַס אויפן נאָמען אַלכסנדר דאַוויד, דערפון זיין פּסעוודאָנים אַלכסנדר אין ארץ־ישראל.

אַ שטיקל צייט האָט דאָ אלכסנדר געאַרבעט באַ פעלדמעסטעריי צו־זאַמען מיט זיינע פּאַרטיי־חברים יעקב פּעטערזייל און לייבל שמעוני. דער־נאָך איז ער אָנגעקומען ווי אַ קאָרעקטאָר אין דבר, ווו ער האָט געאַרבעט 32 יאָר ביז ער איז אַרויס אויף פּענסיע. ער האָט מיטגעאַרבעט מיט בערל קאַצענעלסאָן, משה שרת, זלמן שזר, משה ביילינסאָן.

ער האָט זיך גלייכצייטיק אָפּגעגעבן מיט דער פאָרשונג פון העברעיִש און תנ״ך, ספּעציעל מיט די נביאים און די אָפט אומפאַרשטענדלעכע אָדער פאַרגרייזטע טעקסטן. דאָ האָט ער אַרויסגעוויזן זעלטענע בקיאות און חריפות וואָס האָבן צוגעצויגן דעם אינטערעס פון אונדזערע שפּראַך־און תנ״ך־פאָרשערס. אַ גרויסן אָנזען האָט צווישן די וויסנשאַפטלערס אַרויסגערופן דער פאַקט וואָס אין ספר ישעיה איז דער טעקסט פון אַ שטעלע געווען אַזאַ ווי לייבל האָט אויסגעפונען און פאַרגעלייגט עס צו קאָרעגירן.

מיר ווילן דאָ ברענגען אַ פאַל, וואָס איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש

פאַר דניאל לייבל, ווי אַ תנ״ך־פאַרשער. דער העברעיִשער אוניווערסיטעט אין ירושלים האָט, ווי באַקאַנט, אַרויסגעגעבן אַ „ירושלימער תנ״ך״, וואָס „איז דורכגעקוקט געוואָרן געניו דורך פּראָפעסאָר מ. ד. קאַסוטאָ, וועלכער האָט אַליין פאַרגליכן די כתב־ידן און אַריינגעטראָגן לויט זיינע אויס־פאַרשונגען בערך צוואַנציק טויזנט אויסבעסערונגען, כדי דער טראָפּ און אויף טייל ערטער די אָרטאָגראַפיע זאָל זיין לויט דער מסורה״; „ביזן היינטיקן טאָג, דערציילט דניאל לייבל, אַז אויב עמעץ האָט געוואָלט האָבן אַ תנ״ך אָן מפרשים און אָן וויסנשאַפטלעכע חידושים, האָט ער אויפן ספרים־מאַרק נישט געקאָנט געפינען קיין אַנדערן תנ״ך, ווי אַזעלכן וואָס עס האָבן אַרויסגעגעבן און פאַרשפּרייט די מיסיאָנערישע פאַרלאַגן... פרומע יידן האָבן טאַקע מורא געהאַט פאַר אַזעלכע מיסיאָנערישע תנ״כ־לעך: ווער ווייסט, ווו די גויִים האָבן דאָרט פאַרדרייט דעם יידישן תנ״ך כדי זייער קריסטלעכע אמונה זאָל זיין גערעכט... דאָס זענען געווען אומ־זיסטיקע פחדים, על־פי־רוב האָבן דאָך די מיסיאָנערן געדרוקט די אויס־גאַבע, וואָס עס האָט באַזאָרגט דער העברעיִשער שרייבער, דיכטער און פאַרשער מאיר הלוי לעטעריס מיט אַ הונדערט יאָר צוריק. פון דעסט־וועגן איז דאָס געווען אַ מאָדנע לאַגע: דאָס פאָלק פון תנ״ך האָט נישט געהאַט קיין אייגענע אויסגאַבע פון זיין וויכטיקסטן בוך און געמוזט אָנקומען דערנאָך צו פרעמדע, צו שונאים!

איז עס באמת געווען אַ גוטע בשורה, ווען דער ירושלימער אוניווער־סיטעט האָט צוגעזאָגט אַן אייגענעם יידישן תנ״ך, נישט אַפאָטאָגראַפירט פון אַ גויִישן, נישט איבערגעדרוקט, נאָר פון אָנהייב אָן — פון דער צו־גרייטונג פונעם שריפטטיפּ, איבער דער פעסטשטעלונג פונעם טעקסט מיט די נקודות, מיטן טראָפּ, ביז צום דרוק — געמאַכט דורך יידישע שריפט־קינסטלערס, געלערנטע, גראַפיקערס, דרוקערס...

און וואָס איז איצט אַרויסגעקומען? — פרעגט דניאל לייבל — און ער ענטפערט מיט ווייטיק: „אַ פאָטאָגראַפישע אויסגאַבע פון אַ תנ״ך, וואָס איז לכתחילה אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1894 דורך אַ לאָנדאָנער מיסיאָנערן פאַרלאַג און איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דעם קריסטלעכן געלערנטן משומד קריסטיאַן דוד גינזבורג מיט אַריינגעקלעפּטע אויסבעסע־רונגען צום טראָפּ פונעם פּראָפעסאָר קאַסוטאָ. מ׳האָט געוואָלט פּטור ווערן פון לעטעריסעס תנ״ך און מ׳איז אַריינגעפאַלן אין גינזבורגס״.

ד. ל. האַלט, אַז „דער פאַרריכטער טראָפּ [דורך פּראָפ׳ קאַסוטאָ] האָט זיך אַוודאי זיין חשיבות. אָבער אַרויסגעבן אַ נייעם תנ״ך בלויז צוליבן טראָפּ, וואָס זעלטן ווען אַ געלערנטער וועט צו אים אָנקומען כדי עפּעס צו דערגיין, דאָס קאָן היינט, אין דער מיט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, באַם היינטיקן מצב פון דער תנ״ך־וויסנשאַפט, נישט גילטן ווי אַן עפּאָכאַלער אויפטו, ווי מען וויל עס פאַרשטעלן, נאָך די עפּאָכאַלע אויפטוען אויף דעם געביט — טאַקע פון דעם משומד קריסטיאַן דוד גינזבורג אין זיין עשרים וארבע ספרי הקדש, מדויקים היטב על פי המסורה ועל פי דפוסים ראשונים, עם חליפים והגהות מן כתבי יד עתיקים ותרגומים ישנים, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1894 אין מיסיאָנערן־פאַרלאַג חברת מוציאי לאור תורת יהוה התמימה אין לאָנדאָן און נאָך די אויפטוען פון דעם דייטשן געלערנטן, וואָס האָט דערויף אָוועקגעגעבן אַ גאַנץ לעבן און פאַרעפנטלעכט אין רודאָלף קיטעלס ביבליאַ העבראַיקאַ אין פּראָטעסטאַנטישן פאַרלאַג ווירטעמבערגישע פּריווילעגירטע ביבל־פאַרלאַגס־אַנשטאַלט, 1937, לעצטע אויסגאַבע 1951״.

דער אויספיר: „דאָס איז אַ פּרומער תנ״ך, וואָס זיין וויסנשאַפטלעכקייט ליגט אין טראָפּ און ער איגנאָרירט די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפטלעכער טעקסטקריטיק, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין משך פון קרוב טויזנט יאָר״.

דערביי איז צו דערמאָנען, אַז מיט צוועלף יאָר צוריק ווען מען האָט אָנגעהויבן מאַכן די הכנות צום נייעם תנ״ך, האָט דניאל לייבל געשריבן אין דער העברעישער צייטונג הגה: „איר ווילט דווקא האָבן אַ תנ״ך אַרויסגעגעבן דורך יידן, נעמט און דרוקט איבער דעם תנ״ך פון לעטעריס. הלוואי זאָלט איר דערביי נישט מאַכן מער גרייזן, ווי באַ אים געפינען זיך. קיין מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע וועט סיי ווי נישט אַרויסגעבן דער ירושלימער אוניווערסיטעט, וואָס האָט אַזאַ לאַנגע צייט נישט געהאַט קיין קאַטעדרע פון תנ״ך מחמת מורא פאַר ביבל־קריטיק״.

ער לאָזט אויס: „איך האָב זיך דעמאָלט נישט פאַרגעשטעלט, אַז מען קאָן קאַסטרירן גינזבורגס תנ״ך און איינפלאַנצן אין אים אַנשטאָט דעם קאַסוטאָס טראָפּ״.

אַזוי האָט דניאל לייבל רעאַגירט אויף נעגאַטיווע דערשיינונגען פון אונדזער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. ער האָט זיך נישט צוריקגעצויגן פאַר

דעם אויטאָריטעט פון ירושלימער אוניווערסיטעט, בעת ער איז געווען באַ־וואָפנט מיט גרינטלעכע ידיעות אויף דעם געביט. אַזוי איז ער געווען אָפּ־געהיט אין אַלע זיינע אַרויסטרעטונגען מינדלעך און שריפטלעך!

ער איז אָנגענומען געוואָרן ווי אַ מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע פאַר דער העברעיִשער שפּראַך. ער האָט זיך ממש געריסן צו דער וויסנשאַפט־לעכער אַרבעט, וואָס איז עלול געווען אים אין גאַנצן צו פאַרשלינגען. אָבער די פּאַרטיי־צוואַנגען האָבן אים געהאַלטן אין צוים און ער האָט גע־מוזט זיך פאַרנעמען מיט פּראָפעסיאָנעלע ענינים פון די אַרבעטער אין תל־אביב, אויפטרעטן אויף פאַרשיידענע אַרבעטער־קאָנפערענצן, רעדאַגירן די צייטונגען פון דער פּאַרטיי אין ביידע שפּראַכן. צו דעם איז צוגע־קומען דער געראַנגל פאַר יידיש אין ארץ־ישראל. דאָ האָט דניאל לייבל געזען פאַר זיך אַ פעלד פאַר קאָנסטרוקטיווער אַרבעט. ער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע חברים געשאַפן דעם ערשטן קלוב פאַר יידיש־שרייבערס אין לאַנד, בעת אַרום האָט געבושעוועט דער „גדוד מגיני השפה", באַפאַלן ברוטאַל יעדע פאַרזאַמלונג אין יידיש, נישט דערלאָזט קיין געדרוקטן וואָרט אין דער דאָזיקער שפּראַך. דער ליטעראַטן־פאַראיין האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אייגענע ליטעראַטור־זאַמלביכער, „איינס, צוויי", זיי זענען גע־וואָרן אַן אַדרעס פאַר יידישע שרייבער־געסט, וועלכע האָבן אָנגעהויבן באַזוכן דאָס לאַנד. ביז ס'איז געקומען די צייט פאַר אַרויסגעבן אַן אייגענע יידישע צייטונג „נייוועלט". ס'איז דער פאַרדינסט פון לינקע פּועלי־ציון, וואָס זיי האָבן פאַרלייגט אַ פעסטן יסוד פאַר דער יידיש־קולטור אין לאַנד. רעפעראַטן, מיטינגען, פאַרשטעלונגען, זאַמלביכער, ביבליאָטעקן, דראַמ־קרייזן און לסוף די צייטונג „נייוועלט" און דער „י. ל. פּרץ־פאַרלאַג". אין אַלעם איז געווען אויך די געבענטשטע האַנט פון דניאל לייבל.

לייבל האָט אַ געוואַלדיקע השפּעה אויף די יונגע דיכטערס און שריפטשטעלערס. ער איז דער, וואָס רוקט אַרויס י. פּאַפּיערניקאָוו, ווי דעם „ערשטן יידישן פּאָעט אין לאַנד": „אין זיין זכות, זאָגט ער, האָט דאָס לעבעדיקע ארץ־ישראל פון דער דריטער עליה פאַרנומען אַ פּלאַץ אין דער יידישער ליטעראַטור אפילו פריער ווי אין דער העברעיִשער. אַ ריי יאָרן האָט פּאַפּיערניקאָוו, אַזוי צו זאָגן, געשאַפן די דיכטערישע שפּראַך פאַר ארץ־ישראל אין יידיש, אָנגעוויזן אויף די באַזונדערקייטן, אויף די בילדער, אויף די מאָטיוון".

דעריבער איז גרויס געווען לייבלס פרייד, ווען אין ירושלימער אוני־ווערסיטעט איז געשאפן געוואָרן אַ קאַטעדרע פאַר יידיש. ער שרייבט: „די „ריינלעכע שיידונג" צווישן יידישער ליטעראַטור און העברעיִשער, וואָס האָט אפשר פּלאַץ אין אַן אַמעריקאַנישער אָדער ענגלישער הויכשול, ווו יידיש געהערט צו גערמאַניסטיק און העברעיִש צו סעמיטיסטיק, קאָן דאָ בשום אופן נישט אַנגיין. דאָ איז צווישן די ביידע ליטעראַטורן פאַראַן אַ ,פּערסאָנאַלע אוניע' ווי זי האָט געלעבט אין מענדעלען און פּרצן און אין — ביאַליקן. און ווי זי לעבט נאָך איצט אין שניאורן, אין פיכמאַנען, אין בערקאָוויטשן. קאָנסט נישט לערנען אין העברעיִשן אוניווערסיטעט יידישע ליטעראַטור אין אָפּגעריסנקייט פון העברעיִשער. קאָנסט אין העב־רעיִשן אוניווערסיטעט נישט לערנען דעם יידישן מענדעלע און ביאַליקן אָפּגעריסן פונעם העברעיִשן, ווי מ'קאָן נישט לערנען געשיכטע פון דער יידישער השכלה אָפּגעריסן פון דער העברעיִשער. דאָ פאָדערט זיך אַז די ,פּערסאָנאַלע אוניע' צווישן יידיש און העברעיִש, דאָס באַוווסטזיין וועגן דער צוויישפּראַכיקייט פון אונדזער ליטעראַטור זאָל זיין טיף איינ־געוואָרצלט אין דעם דענקען פון דעם פּראָפעסאָר גופא — און דאָס האָט זיך טאָקע געטראָפן מיט דב סדן".

בעת דעם פּראָגער פּראָצעס איבער סלאַנסקין, איז דניאל לייבל אַרויס־געטראָטן שאַרף קעגן דער „קאָנצעפּציע וועגן ישראל אַלס מדינה, וואָס פאַרדאַנקט איר עקזיסטענץ אַ שפּיאָנאַזש־געשעפט" — אַן אָפּשיילעכקייט, וואָס באַפלעקט נישט בלויז דאָס לעבן פון צענדליקער און הונדערטער טויזנטער אַרבעטער און פאָלקסמענטשן, וועלכע האָבן אין בויט און יסורים אין משך פון צענדליקער יאָרן פאַרלייגט די יסודות פון דער קומענדיקער מדינה; נישט בלויז דעם אָנדענק פון די פיל טויזנטער יונגע פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן אָוועקגעגעבן זייער בלוט און לעבן אין אונדזער באַפרייונגס־קריג, — אַן אַנטי־אימפּעריאַליסטישער פאָלקסקריג אין פולן זינען פונעם וואָרט. זי איז אויך אַ באַפלעקונג פון אַ הערלעכן קאַפּיטל פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַרישקייט מצד די ביי־אויפגעקומענע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס צום גערודפטסטן פון אַלע פעלקער אין דער וועלט, וואָס מיל־יאָנען זיינע זין זענען פאַרטיליקט געוואָרן דורך די נאַציס אויף זייער ערד. אַנשטאָט כבוד פאַר דער הילף, וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך די סאָציאַ־ליסטישע מדינות דער יונגער מדינת־ישראל אין איר פאַרטיידיקונגס־

קאַמף — אַט די הילף, וואָס האָט באַקומען איר פּרעכטיקן אויסדרוק אין דער גראַמיקאַ־דעקלאַראַציע — טראָגט די דאָזיקע קאָנצעפּציע זיי אונטער דעם ספּקדיקן כבוד פון אָפּגעגאַרטע דורך אַ בינטל שפּיאָנען... ניין דאָס איז בשום אופן נישט קיין גוטער דינסט דעם קאַמף פון די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער־מאַסן אין ישראל פאַר סאָציאַליזם, פאַר סאָלידאַרישקייט מיט די לענדער פון סאָציאַליזם, פאַרן שלום, קעגן אימפּעריאַליזם... זיי האָבן זיך פאַרדינט אַ בעסערע הילף אויך מצד דער טשעכאָסלאָוואַקישער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, איידער די אַנטי־ישראלדיקע קאָנצעפּציע פון דעם פּראָגער מישפּט".

זיין פּאַרטיי־פּאָליטישע איינשטעלונג האָט דניאל לייבלען געצוימט און נישט געצווונגען צו ליגנערן. אדרבא, ער איז געבליבן געטריי זיינע עטישע פּרינציפּן און האָט שאַרף פאַראורטיילט די פאַלשקייטן און עוולות, וואָס זענען געטאָן געוואָרן אונטער דער מאַסקע פון כלומרשטער רעוואָ־לוציאָנערישקייט.

✶

אָן ערך אַ האַלבן יאָרהונדערט האָבן מיר זיך געקענט, געאַרבעט מערסטנס אין איין מחיצה — אין רעדאַקציעס און אין סעקרעטאַריאַט פון דער פּאַרטיי, אין פּוילן און אין ארץ־ישראל. איך געדענק נישט, מיר זאָלן זיך ווען עס איז האָבן געקריגט צי צעווערטלט, הגם גאַנץ אָפט געווען מחולק אין פאַרשיידענע פראַגן. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין איידל־קייט און איינגעבאָרענער העפלעכקייט. נישט דערצערנען און נישט ווערן אין כעס. איך האָב אים באַקענט ווי גאָר אַ יונגן בחור אין זיין היימישער סביבה און מיר האָבן זיך לעצטנס געטראָפן אין זיין הויכן עלטער — אַ פינף און זיבעציקער, וואָס איז פאַרטאָן אין ווייטע עולמות פון חקירה, און איך געדענק נישט קיין עיקרדיקן אונטערשייד אין מהות פון מיין באַענטן חבר און פריינד.

ווי ווייך ער איז געווען אין דער דיסקוסיע, איז ער געווען האַרט און אומבייגעוודיק־פעסט אין זיין שטעלונג, נישט אָפּצוטרעטן, נישט אָפּצו־וויכן. עטיש אין זיין האַנדלונג, מאָראַליש אין זיין אויפפיר, איז ער באַ־שטאַנען אויף זיינס, אויף אַ קוצו של יוד.

רייך אין דמיון ווי אַ פּאָעט, איז ער געווען דיסציפּלינירט ווי אַ וויסנ־

שאַפטלער. האָט זיך באַ אים געפּאָרט פאַנטאַזיע און רעאַליטעט, האָט ער זיך געשטיצט אויף פּערספּעקטיוו און געווען געטריי דערווירקלעכקייט.

אַ חבר מיטן גאַנצן האַרצן, וואָס איז נישט איבערקלייבעריש אין שליחותן, פּילט אויס אַלץ נישט נאָר קאָרעקט, נאָר געטריי און בשלימותדיק.

שטענדיק אויפריכטיק, נישט חניפותדיק, תמיד מיט אייגנווערדע. אין אַ ריי געביטן איז ער אָנגעגאַנגען ביי אונדז, ווי אַן אורים ותומים, אָבער קיין מאָל נישט פאַרמאָגט קיין שמץ פון פאַרריסנקייט און העכערקייט.

אַ ביז גאָר וויכטיקע מעלה — געוווּסט די חכמה פון אַרבעטן אין אַ קאָלעקטיוו, נישט אָנוואָרפן זיין מיינונג, נאָר איבערצייגן אין איר ריכטיקייט. נישט אַראָפּגעלאָזט זיך צו דער מאָסע, נאָר דערהייבן זי צו זיך. געוועקט אין איר שאַצונג פון אייגענעם ווערט און באַוווּסטזיין פון אייגענעם כוח. געווען אָפּגעהיט אין אויסדרוק און שפּאָרעוודיק אין וואָרט. געוווּסט דעם תכלית פון די רייד און געצילט דירעקט אין פּינטל. ליב גע־האָט דאָס פאָלק, געקענט זיין געשיכטע און געזאָרגט דערפאַר, אַז די ווייטערדיקע קאַפּיטלען אירע זאָלן זיין אַ נאַטירלעכער אָרגאַנישער המשך פון זיין בראשית.

נישט געהערט צו די ראשונים, אָבער געווען זייער געטרייער יורש און זיך אַריינגעפּלאָכטן אין זייער געוועב, ביז צו פולער אידענטישקייט.

וועט ער דערמאָנט ווערן ווי איינער פון זיי, אין איינעם מיט זיי.

*

ערשט דאָ נישט לאַנג צוריק האָבן מיר געפייערט דניאל לייבלס 75סטן געבוירן־טאָג. אמת, שוין אַ פּאָר יאָר, ווי ער איז מחוץ דער פּאַרטייאישער טעטיקייט. ער איז אַרויס אויף פּענסיע און האָט באַשלאָסן אָפּגעבן די פרייע צייט דער תנ״ך־פאָרשונג. הגם ער האָט די לעצטע יאָרן היפּש אונטערגעקרענקט, האָט ער אָבער געשמאַק געטאָן זיין אַרבעט, און מיט הצלחה. יעדעס מאָל, וואָס כ׳פלעג אים באַזוכן אין ירושלים, פלעגט ער מיך מכבד זיין מיט אַ מתנה — אַ נייעם אָפּדרוק פון זיינער אַ פאָרש־אַרבעט. ער האָט אָנגעהויבן צונויפשטעלן אַ באַנד פון די דאָזיקע פאָרש־כתבים.

אָבער מיר, זיינע נאָענטע חברים, האָבן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט זיין אָפּגעריסנקייט פון דער באַוועגונג און געהאַלטן, אַז די באַ־

ווענונג איז מחוייב צו אָפּצייכענען זיין געבוירן־טאָג; דאָס פֿאָדערט זיין כבוד, פונקט ווי דער כבוד פון דער באַוועגונג.

די פייערונג איז פאָרגעקומען אין תל־אביב און ער איז ספּעציעל געקומען צו איר.

ס'איז פאַר אונדז אַלעמען געווען אַן איבערלעבונג. די צייטונג פאָלקס־בלאַט איז דערשינען מיט עטלעכע אַרטיקלען וועגן אים און זיין לעבנס־אויפטו. די פייערונג איז געראָטן מיט איר אמת חברישער וואַרעמער אַטמאָספער און טיפער אַכטונג, וואָס אַלע באַטייליקטע האָבן אַרויסגעוויזן צום בעל־היובל.

אין זיין בליק האָט זיך אָנגעצונדן דאָס באַקאַנטע פייערל, וואָס האָט תמיד געשטראַלט פון זיין פנים, ס'האָט אַ גלעט געטאָן זיין ווייכער שמייכל פון צופרידנקייט און פאַרגעבונג, ווי ס'וואָלט פאַר אונדז דאָ נישט געשטאַנען אַ 75־יאָריקער זקן, זאָט מיט יאָרן און לעבנס־דערפאַרונג, נאָר „אונדזער אַלכסנדר", ווי דאָ ערשט נעכטן.

ווייזט אויס, אַז ער אַליין איז אויך געווען איבערראַשט פון דער באַגעגעניש. מעגלעך, אַז אין זיין פריייוויליקער התבודדות האָט אים שטילערהייט געפרעסן אַ וואָרעם פון ספק: אפשר האָט מען מיך טאַקע פאַרגעסן נאָך ביים לעבן, ווי באַלד איך קהל זיך נישט און וואַרף זיך נישט אין די אויגן... און פּלוצעם — אַ פרייד, וואָס שטראָמט פון אַלע זייטן, אומבאַגרענעצט. האָט ער זיך פאַרכליניעט: דאָך כדאי געווען דער אָנשטרענג, די זריעה איז אָנגענומען געוואָרן אינעם פאָלקסבאָדן.

אַ צו שטאַרקע איבערלעבונג. ס'האָבן אים פאַרפעלט כוחות; אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער ווידער אַריין אין שפּיטאָל, און איידער וואָס־ווען איז דער נאָמען דניאל לייבל אין אַ שוואַרצער ראַם. אויס. נישטאָ מער דאָס איידעלע פנים, דער הויך־געשטאַלטיקער מאַן מיטן געקאַרבטן שטערן פון אַ תלמיד־חכם. די ערשטע פייערונג איז געווען זיין לעצטע געזעגענונג.

י. זרובבל

זלמן שזר

וואונדערלעך זענען די וועגן פון לעבן, וואָס אַ מענטש גייט אין זיי. אין פלוג איז יעדער טראָט אַ צופעליקער און האָט נישט קיין שייכות צום צווייטן. אפֿט חידושסטו זיך ממש אויף די פּלוצעמדיקע זיגזאַגן און אָפּ־בויגן, וואָס ווערן געמאַכט אָן כוונה און אויסרעכענונג, ווי אויף צו להכעיס, גאָר אין להפוכדיקער ריכטונג. אין לעצטן סך־הכל ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דער וועג האָט געפירט גרייליך צו דעם באַשטימטן פּונקט, ווי דער גאַנצער גאַנג וואָלט געווען געצילט צו אים, און נאָר צו אים.

✶

זלמן רובאַשאָוו געהערט צו די ערשטע, וואָס האָט אויפגענומען די פּועלי־ציוניסטישע אונדזער פּלאַטפאָרמע, ווי זי איז אין יאָר 1906 אַרויס־געבראַכט געוואָרן פאַר דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג דורך בער באָראָכאָוו.

זיינע יוגנטיאָרן האָט רובאַשאָוו פאַרבראַכט אין שטויבץ, אַן אָפּגעע־לעגן יידיש שטעטל אין מינסקער גובערניע. קיינער פון די גרינדער פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג האָט אים צו יענער צייט נישט געקענט פּער־זענלעך און נישט געהערט זיין נאָמען. אַ נישט גערופענער, איז ער אַליין געקומען, זיך געמאָלדן, און אָן שום שהיות אַריינגענומען געוואָרן אין דער חברותא, און הגם אַ סך יינגער פון די אַנדערע, איז ער פאַררעכנט גע־וואָרן צווישן די עשרת הראשונים פון סאָציאַליסטישן ציוניזם.

אַזוי האָט זיין לעבן גלייך מלכתחילה באַקומען תוכן און ציל, און אַלע זיינע יאָרן איז ער אויסן געווען מקיים צו זיין די באַשערטע שליחות, ביז ער איז אַרויף אויפן שטול פון דעם נשיא פון מדינת ישראל, ווי זלמן שזר.

✶

1905. אין דער באַהנטער שטילער אוקראַאינישער שטאָט פּאָלטאַווע איז אויפגעקומען נאָך אַ „טאָלק" פּועלי־ציון צו די פיל „טאָלקן", וואָס האָבן

שוין עקזיסטירט אין אַ סך טיילן פון צאַרישן רוסלאַנד. אָבער גראָד דעם פּאַלטאַווער „טאָלק" איז באַשערט געווען צו דערפילן די היסטאָרישע אויפגאַבע פון צונויפזאַמלען די צעשאָטענע. פאַרפרעמדטע „טאָלקן" און זיי צעמענטירן אין איין פּאַרטיי מיט אַ געמיינזאַמער פּראָגראַם און פאַר־פליכטנדיקן אָרגאַניזאַציאָנעלן סטאַטוט.

דער איניציאַטאָר פון דעם פּאַלטאַווער „טאָלק" איז געווען דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער פּרעזידענט פון מדינת־ישראל, יצחק בן־צבי ז״ל.

דער פּאַלטאַווער צוזאַמענפאָר (פּורים, 1906) איז אויפגעדעקט געוואָרן דורך דער צאַרישער אָכראַנע און האָט זיך געמוזט אין איילעניש פונאַנדער־פאָרן, איבערלאָזנדיק פאַר אַ טעאָרעטישער באַראַטונג צו פאַרענדיקן די פּראַגראַמאַטישע וויכוחים און מאַכן די נייטיקע סך־הכלען. די געגויע פאַר־מולירונג פון די פעסטגעשטעלטע טעזיסן און הנחות איז איבערגעגעבן געוואָרן באָראָכאָוון, און ער האָט עס גלענצנדיק געמאַכט אין זיין היסטאָ־רישער אַרבעט אונדזער פּלאַטפאָרם. די דאָזיקע אַרבעט איז פאַרעפנט־לעכט געוואָרן קאַפּיטלעכווייז אין אַ רוסישער אויסגאַבע פון פּאַלטאַווער ראַיאָן־קאָמיטעט יעווריסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ.

אונדזער פּלאַטפאָרם האָט גלייך דערוועקט אינטערעס צוליב דער חריפות און עמקות פון איר טעאָרעטישן אַנאַליז, מחמת דעם פאַרמעסט אויסצופאָרשן די פּראָצעסן, וואָס ווירקן אין יידישן לעבן אויף די פאַר־שיידנסטע שטחים, אַנמערקנדיק דערביי די דיפערענציאַציע צווישן די קלאַסן אין יידישן פאָלק און די ראָלע פון יעדן איינעם פון זיי.

מ׳האָט דערשפּירט אין דעם חיבור, שוין אין די איינצלנע קאַפּיטלען זיינע, נאָך איידער מ׳איז צוגעקומען צו דער סומירונג, אַז מ׳האָט אָנגע־טראָפן אויף אַ שפּרודלדיקן קוואַל, וואָס איז מסוגל צו שטילן דעם דאָרשט פון דער אינטעליגענץ, וואָס האָט געלעכצט נאָך אַ פרישן רעיון בנוגע דער לייזונג פון דעם טראַגישן יידישן פּראָבלעם.

מיר האָבן אין פּאַלטאַווע געוווּסט, אַז די ברייטערע שיכטן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט וועלן נישט קאָנען געניסן פון אָט דעם קוואַל, מחמת זיי איז פרעמד די רוסישע שפּראַך. איז טאַקע געווען אַ באַשלוס פון צוזאַמענפאָר אַריבערצוטראָגן די טעטיקייט פון די אָנפיר־אינסטאַנצן קיין ליטע, אין יידישן תחום־המושב און ממילא אַריבערגיין אויף יידיש, דער

שפראַך פון די מאַסן. דערווייל אָבער האָט מען זיך געמוזט באַגנוגענען מיטן רוסישן מקור, ביז עס וועלן זיך שאַפן די געהעריקע באַדינגונגען.

פלוצעם ברענגט אונדז איין מאָל די פּאָסט אַ שווערן פּאַקעט פון דער ווייטער פּראָווינץ. צו אונדזער אַלעמענס שטוינונג געפינען מיר אינעם פּאַקעט אַ גאַנץ באַדייטנדיקן כתב־יד אין יידיש. אויף שמאָלע, לאַנגע פּאַפּיר־פּאַסן זענען דאָ איבערגעזעצט אין יידיש די ביז איצט דערשינענע פּרקים פון אונדזער פּלאַטפאָרם. בפירוש, איך געדענק, ווי מיר אַלע זענען געבליבן געפּלעפּט. ווער פון אונדז וואָלט איינגעפאַלן, אַז ערגעץ ווו אין אַ העק זיצט זיך אַ בחור אַ מתמיד, וואָס פּילט אַרויס די נויטווענדיקייט צוצוטראָגן די ניי־אויפגעוויקלטע פּועלי־ציוניסטישע „פּלאַטפאָרם" צום יידישן אַרבעטער אין זיין אייגענער יידישער שפּראַך, כדי ער זאָל די „סתרי תורה" באַנעמען און פאַרשטיין אין זיי יעדעס וואָרט! דאָ זיצן שאַרפע מוחות און ברעכן זיך דעם קאָפּ, ווי אַזוי מאַכט מען עס, און דאָרטן, אין פולער התבודדות, אָן פּאַנדן און אָן באַשלוסן, האָט אַ בחורל אויף אייגענער איניציאַטיוו און אַחריות אָפּגעטאָן אַזאַ וויכטיקע אַרבעט...

אַגב, האָט אונדז דער פּאַקט איבערצייגט אויך אין דעם, אין וואָס מיר האָבן פריער געספקט, אַז די יידישע שפּראַך איז שוין מסוגל איבערצוגעבן קאָמפּליצירטע טעאָרעטישע רעיונות, אָפּהיטנדיק די גענויקייט פון באַגריפן און ניואַנסן פון מחשבה.

ליידער האָבן מיר נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרעפנטלעכן די איבערזעצונג, קודם־כל דערפאַר, ווייל באַראַכאָוו האָט געהאַלטן ערשט פון פּאַרנט און ס'איז נאָך געווען ווייט צום סיום פון זיין עפּאָכע־מאַכנדיקן ווערק. אָבער דער נאָמען פון דעם פרייוויליקן איבערזעצער, זלמן רובאַ־שאָוו, איז אַרויפגענומען געוואָרן אויף דער רשימה פון די ערשטע, וואָס זענען ראוי צו שטעלן זיך בראש פון דער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט אין דער יידישער שפּראַך, בעת מיר וועלן זי אַריבערטראָגן אין הארץ פון יידישן תחום.

כך הווה. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, אַ כוואַליע אַרעסטן האָט זיך צעגאָסן איבערן לאַנד. די רעדאַקציע פון „יעווריעסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָ־ניקאַ" איז פאַרחתמעט געוואָרן, באַראַכאָוו — אַרעסטירט, די אָנפירנדיקע חברים, וואָס זענען געבליבן אויף דער פריי, זענען צעיאָגט געוואָרן איבער

פאַרשיידענע ראַיאָנען. אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן אויסצופילן דעם באַשלוס פון צוזאַמענפאָר וועגן איבערטראָגן די צענטראַלע טעטיקייט קיין ליטע, און איך האָב זיך באַזעצט אין ווילנע. דאָרט האָבן זיך אין גיכן קאָנצענטרירט נאָך חברים און מיר זענען צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן דעם ערשטן צענטראַלן אָרגאַן פון פועלי־ציון אין רוסלאַנד אין יידיש, דער פראָלעטאַרישער געדאַנק; גלייכצייטיק איז אויך געגרינדעט געוואָרן דער פאַרלאַג דער האַמער.

מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף דער פראַגע פון שפּראַך: יידיש. בעראָכאָוו האָט פון פּאַלטאַווער תפיסה צוגעשיקט זיינע אַרטיקלען אין רוסיש. יצחק בן־צבי האָט געשריבן רוסיש; דאָס גלייכן זאָר און אַדים.

מ'האָט געמוזט אָנקומען צו איבערזעצונג. דאָ האָבן מיר זיך דערמאָנט אין דעם מתמיד פון שטויבץ, דעם איבערזעצער פון אונדזער פּלאַטפאָרם, און מיר האָבן אים אַרויסגערופן קיין ווילנע. דאָס מאָל האָט רובאַשאָוו געהאַט איבערצוזעצן די ערשטע גרעסערע שטודיר־אַרבעט פון יצחק בן־צבי, אונטער דעם פּסעוודאָנים אבנר: די יידישע אומוואַנדערונגען. אַ מיס־טישע האַנט האָט צונויפגעפירט כסדר די דאָזיקע צוויי מענטשן. דאָס ערשטע מאָל האָט רובאַשאָוו געטראָפן יצחק בן־צבי ווי אַ שליח פון צ. ק. אויף דער ראַיאָן־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון אין מינסק, און איצט איז ער געווען פאַרנומען מיטן מחבר צוזאַמען ביים ענדגילטיקן אויסרעדאַק־טירן זיין וויכטיקן חיבור. ער איז געווען דער יינגסטער צווישן אונדז. אַ צוריקגעהאַלטענער, מיט איינגעבוירענער איידלקייט און העפלעכקייט, האָט ער געגאַלטן ווי אונדזער מיזיניקל מיטן פאַרצערטלטן נאָמען זלמנקע. שטענדיק עקזאַלטירט, כאַפּט התפעלות פון יעדן געדאַנק, און יעדער אויפטו איז פאַר אים אַן אַנטפּלעקונג. די אויגן צינדן זיך אָן מיט אַן אינערלעכן ליכט, און דאָס פּנים פלאַמט מיט פאַרשעמטער באַשיידנקייט. ער האָט זיך איינגעטונקט אין דער יידישקייט פון ווילנע, זין געטובלט אין איר קדושה און נישט־געקינצטלטער פרומקייט, מושפע געוואָרן פון אירע ביבליאָטעקן און בתי־מדרשים, שולהויף־שמועסן און פּאָליטישע אַסיפות. זענען דאָך צו יענער צייט אין ווילנע געווען פאַרזאַמלט די גדולים פון אַלע פראָלע־טאַרישע און ציוניסטישע פּאַרטייען. דאָרט האָבן זיך געשליפן די מוחות, און די רעיונות וועגן גלות און גאולה האָבן זיך געלייטערט אין עפנטלעכן געפעכט.

דער ווילנער פעריאָד איז געווען דער פעריאָד פון באַגײַנענדיקער חברישקייט און בחברותאדיקער אָרעמקייט, וואָס דערנענטערט, פאַרהייּמישט און פאַראייגנט. דאָרט, אין ווילנע, אין די ענגע צימערן פון רעּדאַקציע, אין די שיטערע אַלייען פון „טעלאַטניק", פאַרביימערטן „זווערינעץ", אין די שפּאַצירן איבער די שמאָלע יידישע געסלעך האָט זיך געּוועבט אַ פרײַנדשאַפט צווישן יידישע יוגנטלעכע, וואָס זענען אַרויס צוזאַמען אין פרימאָרגן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג מיט אַן אייגענעם נייעם הימען צום אויפגייענדיקן טאָג פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג. די דאָזיקע דינע פעדעם זענען אין גאַנג פון לעבן דיקער און פעסטער געוואָרן.

✶

ס'זענען אַדורך עטלעכע יאָר. זלמן רובאַשאָוו שטודירט אין פעטערּבורג און שניידט זיך אויף אַ וויסנשאַפטלער, אַ היסטאָריקער אונטער דער השפעה און אַנפירערשאַפט פון אונדזער נאַציאָנאַלן היסטאָריקער שמעון דובנאָוו. איך בין אין רעדאַקציע פון האחדות אין ירושלים, צוזאַמען מיט אבנרן, גאָלדען (רחל ינאית) און אַלכסנדער כאַשין — אַלע „ווילנער" פון יענער בראשית־תקופה. מיר שרייבן זיך דורך. אין זיינע בריוו צו מיר בעט ער וואָס מער פרטים וועגן לעבן אין ארץ־ישראל, ער וויל וויסן וועגן יעדער קלייניקייט. ער קלייבט זיך צו קומען אויף אַ באַזוך. איך אייל אים אונטער: פון בריוו קאָן מען ווינציק וואָס זיך דערוויסן. מען מוז זען און פילן מיט אויגן און האַרץ. ענדלעך איז ער מיט אונדז אין ירוּשלים. דערווייל — אויף אַ קורצן באַזוך. ער גייט אַרום איבערן לאַנד, ווי אין אַן אייגענעם אַלט באַקאַנטן היימלאַנד. ס'לעבט אויף פאַר אים די ווייטע פאַרגאַנגענהייט. גראָד אין אָט דער התגלות פונעם אַמאָל דערּשפירט ער די טריט די פעסטע פון יידישער אייביקייט. תשעה באָב פאַרּברענגט ער אַן אויפגעטרייסלטער ביים כותל מערבי און זיין פעדער שענקט אונדזער האחדות די נביאותדיקע שורות פון אַ מאמר „הנצחיות שבעבר". פאַר רובאַשאָוון איז עס די אַנטפּלעקונג פון יידישער געשיכטלעכער געקייּטלטקייט, וואָס ווערט נישט איבערגעריסן, נאָר באַקומט איר טיפערן אינערּלעכן זינען אין דורותדיקער המשכדיקייט...

ווי ס'איז געווען צו דערוואַרטן, האָט ער זיך גלייך ביי דער ערש־

טער באַרירונג פּאַרקנסט צום לאַנד פון יידישער אויסדערוויילטקייט. ער איז געצוווּנגען זיך אומצוקערן קיין בערלין, אָבער ער וועט שוין מיט רעכט גילטן ווי אַן ארץ־ישראלדיקער. ביי די ווייטערדיקע פאַרשאַרבעטן איז ער ענג פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג און ער נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל אין אַלע אירע עפנטלעכע טואונגען.

✶

ס׳דונערן די האַרמאַטן פון דעם ערשטן וועלטקריג, און אין פייער ווערט געבוירן דער אָנהייב פון אַ נייעם קאַפּיטל וועלט־געשיכטע. צווישן די חורבות פון דער אומקומענדיקער וועלט הערט זיך אַלץ הילכיקער דער מאַרש פון רעוואָלוציע און פעלקער־באַפרייונג.

דעצעמבער 1918 טרעפן מיר זיך אין וואַרשע, אויפן ערשטן לעגאַלן צוזאַמענפאַר אין באַפרייטן פוילן. רובאַשאָוו קומט פון בערלין. איך — פון ראַטנפאַרבאַנד, וווהין כ׳בין געקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן ווי אַ פּליט פון ארץ־ישראל. קנאַפּע 11 יאָר זינט אונדזער באַגעגעניש אין ווילנע — און רובאַשאָוו דערשיינט איצט ווי אַן אויסגעפורעמטער מאַן מיט זיין אייגענעם צוגאַנג צו פראַגן, זיין אופן ריידן, טיפקייט פון אַנאַליז און זיין פּאַטאָס פון אויספיר סיי אין יענע טעג און סיי אין יאָרן שפּעטער. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זען, ווי אויף מיינע אויגן שפּרייט פונאַנדער אַ גייסטיקער אָדלער זיינע פליגל, שוועבט הויך איבער דער קעגנוואַרטיקייט, נישט כדי זי, חלילה, צו פאַרלאָזן, נאָר, אַדרבא, כדי פונאַנדערוויקלען איבער איר דעם בלויען הימל פון היסטאָרישער וויזיע און לויטערן צוקונפט־אידעאַל.

נאָך לאַנגע יאָרן האָבן מיר זיך אין וואַרשע דערנענטערט פון דאָס ניי און גייסטיק אויפגעפרישט סיי דאָס געמיינזאַמע און סיי די חילוקי־דעות צוליב די טיפע ענדערונגען אין דער אַלגעמיינער מענטשלעכער געזעל־שאַפט, וואָס האָבן זיך אויסגעווירקט אויך אויף דער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק.

רובאַשאָוו האָט רעפערירט וועגן פּאַלעסטיניזם אין דער נייער צייט און איך האָב דעמאָלט מיט 45 יאָר צוריק, געשריבן וועגן אים אין אונדזער אַרבעטער צייטונג:

„דער שאַרפער איבערצייגנדיקער פאַרטראַג פון רובאַשאָוון אַנטפּלעקט

די ווייטסטע אייביקע פּערספּעקטיוון פונעם פּועלי־ציוניזם אין אַלע עפּאָכעס, שיילט אַרויס דעם קערן פון אונדזער תורה און פּאַרלאַנגט אויפצונעמען דעם פּאַלעסטיניזם מיטן גאַנצן האַרצן״.

דער צוזאַמענפּאַר איז אויסגעפּאַלן גריילעך, אין טאָג פון באַראַכאָווס ערשטער יאָרצייט. וואַרשע האָט נאָך נישט געזען אַזאַ פייערלעכקייט צום זכר פון אַ יידישן פּראָלעטאַרישן טוער, ווי יענע באַראַכאָוו־אַקאַדעמיע אין קאַמינסקי־טעאַטער אויף אַבאַזשנאַ גאַס. עס זענען אַרויסגעטראָטן מיט אַפּשאַץ־רעדעס און זכרונות ד״ר יצחק שיפּער, מ. יאָרבלום, ז. רובאַשאָוו, דער שרייבער פון די שורות און אַנדערע.

האָב איך אין אונדזער צייטונג געגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון רובאַשאָווס אַרויסטרעט בכלל: „זלמן רובאַשאָוו — אַזוי, פון דער זייט וואָלט איר אים אפשר נישט באַמערקט. אָבער קוים שטעלט ער זיך ריידן, מוזט איר אים הערן. ער באַצווינגט אייך מיט זיין טיף־אַריינדרינגענדיקן געדאַנק, און אפשר נאָך מער — מיט יענעם סטיכישן ענטוזיאַזם און אויפריכטיקן אמת, וואָס שפּאַרט פון יעדן וואָרט זיינעם. ער זשעסטיקולירט שטאַרק מיט די הענט, מיטן גאַנצן גוף. האָט איר אים אָבער געהערט איין מאָל, קאָנט איר זיך נישט פאָרשטעלן די רעדע אָן די באַוועגונגען. אַזוי פיל נשמה און פייער איז אין זיי. האָט איר אים דערקענט, ווייסט איר שוין, אַז אויך בשעת ער שווייגט, רוט ער נישט. ס'פלאַמט כסדר דאָס האַרץ, ס'צוקט דער געדאַנק. אַ פּאָלקסטריבון מיט גמרא־שכל פון אַ חריף און דעם וווּלקאַנישן טעמפּעראַמענט פונעם געבוירענעם אמת־קעמפער״...

*

מיר האָבן זיך ווידער צעשיידט. אונדזערע פּאָליטישע וועגן זענען זיך, אין פלוג, פונאַנדערגעגאַנגען. אָבער מיר האָבן זיך נאָך אַנאַנד באַגעגנט אויפן אַלוועלטלעכן פעלד פון יידישער אַקטיוויטעט, אין ארץ־ישראל און אין די תפוצות. רובאַשאָוו איז אַרויסגערוקט געוואָרן אין די פאָדערשטע שורות פון סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער געזעלשאַפטלעכקייט. אין בערלין, פּאַריז, לאָנדאָן, אויף אַלוועלטלעכע ציוניסטישע און אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־קאָנגרעסן, אין יאָרן פון שווערן געראַנגל קעגן פרעמדן אָקופּאַנט און אין צייטן פון טיפסטער אויפטרייסלונג ביים פּאַר־

לייגן די יסודות פון אייגענער יידישער מלוכהשקייט און אַרבעטער־חלוצישקייט.

רובאַשאָוו־שזר איז געוואָרן דער טרעגער פון יידישן נאַציאָנאַלן פּאַטאָס, וואָס סטימולירט האַרץ און מוח, רייסט מיט אָפּגעשוואַכטע און אומגלייביקע, פלאַנצט מיט זיכערער האַנט פּרוכטיקע קערנער פון התלהבות און אמונה.

ער איז דער מאַן פון וואָרצלען. ער זוכט און דעקט־אויף אויך פּאַר אַנדערע דעם שורש פון געשעענישן און געפינט אויס די געקייטלטקייט פון פּאַסירונגען. ער ווייסט דעם סוד ווי אַזוי אַריינצוּוועבן דעם יחיד אינעם וויברירנדיקן כלל, און דורך דעם באַקאַנטן עבר צייכנט ער די וועגן, וואָס פירן אומאָפּנייגלעך צום פאַרנעפּלטן אומבאַקאַנטן עתיד.

דענקער, היסטאָריקער, דיכטער, שריפטשטעלער און אָראַטאָר — שפּילט שזר אויף אַלע קלאַווישן פון יידישן שכל און דמיון. אַזוי איז ער געוואָרן מיט דער צייט איינער פון די גרעסטע אינזשינערן פון יידישער פּסיכיק, אָנשפּאַנענדיק זי צו מרידה קעגן גלות און צו מסירת־נפש ביים רעאַליזירן די גאולה.

פאַר אים, דעם היסטאָריקער און קולטור־שאַפער, גילטן נישט קיין אָפּגעריסענע שטיקלעך יידישע געשיכטע, קיין פאַראיינצלטע אויסדרוקן פון יידישן סאָציאַלן אָדער נאַציאָנאַלן געראַנגל. ער האָט אויסגעשפּרייט די וווּנדערלעכע יריעה פון יידישער המשכדיקייט און אַנטפּלעקט די אייביקע קוואַלן פון יידישער יצירה אין אַלערליי אומשטענדן ביי אַלערליי באַדינגונגען.

אין זיין סאָציאַליזם דערקענט מען דעם חסיד, פּונקט ווי אין זיין חסידות געשטאַלטיקט זיך דער סאָציאַליסט. שווער צו זאָגן, וועלכער עלעמענט דאָמינירט אין זיין מהות. עס שטראָמט פון שזרן אהבה. אהבה צו אַלץ, וואָס איז געבוירן בצלם און אָטעמט מיט שאַפונגס־פרייד. ער איז תמיד אַ פאַרליבטער. אין זיינע אויגן שטראַלט די חדוה פון מעגלעכער דערגרייכונג. קיין מאָל ווערט נישט אויסגעלאָשן זיין אייגענער פלאַם. ער נייטיקט זיך נישט אין דרויסנדיקער סטימולירונג. ער איז נאָך אַנאַנד בחינת „כל עצמותי תאמרנה". ס'איז דער אינערלעכער ברען פונעם עילוי. די התמדה פונעם בקי און חריף, וואָס קאָן זיך ענטוזיאַזמירן אַפילו איינער אַליין. ווייל אויך אין התבודדות איז ער נישט איינזאַם. ער איז

שטענדיק אין דער מחיצה פון שאַפנדיקע גייסטער, וואָס האָבן משפיע געווען דורות, און עס ווערט דערביי נישט פאַרשטומט זיין אייגענער ניגון.

ער האָט דעם כוח צו קוקן אַהינטער, און זיין בליק איז נאָך אַנאַנד געווענדט פאָרויס. איז דער היינט לגבי אים נישט קיין פאַרגליווערטער צופאַל, נאָר אַ דינאַמישע כוואַליע אין מעכטיקן אומאויפהערלעכן לע־בנסשטראָם.

דעריבער פילט מען אין זיינע היסטאָרישע פאָרשונגען דעם פיבער־דיקן אָטעם פון דער היינטצייטיקייט, פונקט ווי אין די כלומרשט פּראַקטישע טעטיקייטן שפירט מען ביי אים די דערהויבנקייט פון היסטאָרישער פּער־ספּעקטיוו.

✶

ס'איז אים באַשערט געוון צו ירשענען דעם שטול נאָך זיין פאָרגייער, יצחק בן־צבי. זיי האָבן ביידע פון דער פּריסטער יוגנט געשפּונען צוזאַמען דעם פאָדעם פון יידישער וויסנשאַפט, פון אהבת ישראל, פון יידישער זעלבשטענדיקייט און המשך, וואָס מיינט נצחיות.

געציילטע וואָכן פאַר בן־צביס פּטירה איז אַ דעלעגאַציע מיט זלמן שזרן בראש אַרויסגעפלויגן קיין רוים צו באַגלייטן פון דאָרט באַראַכאָווס אָרון פון ראַטנפאַרבאַנד, כדי דער פאָלטאַווער גאון זאָל מיט אַ פאַרשפּע־טיקונג פון 45 יאָר קומען צו קבורה אין דעם באָדן פון דער אויסגעוויז־יאָנירטער יידישער מדינה.

אַ מערקווערדיקע סימבאָלישע שליחות. דער אַוועקגייענדיקער נשיא פאַרטרויט די באַראַכאָוו־קבורה דעם אַמאָליקן זלמן רובאַשאָוו, וואָס האָט מיט אַ יובל יאָרן צוריק אויפגענומען „אונדזער פּלאַטפאָרם” אין יידיש.

שעהן לאַנג אין דער שפּעטער נאַכט זענען מיר געזעסן אויפן פּליפּעלד אין רוים און זיך געשיפּט אין ים זכרונות וועגן אונדזער מורה־דרך און חבר.

אויף מאָרגן רעדט שזר מיט חסידישער התלהבות ביים אָפענעם קבר אין כנרת וועגן באַראַכאָווס פּלאַטפאָרם, וואָס האָט געטראָגן די עליה קיין ארץ־ישראל.

האָט אים דאָס האַרץ געזאָגט אין דער רגע, אַז ער וועט געזאָלבט

ווערן צו פאַרנעמען דעם אָרט פון זיין גוססדיקן חבר, דעם צווייטן נשיא פון ישראל?

עטלעכע טעג שפּעטער ווערט זלמן שזר אויפגערופן אַרויסצוברענגען די לויטערקייט פון דער געשטאַלט בן־צבי, וואָס איז נסתלק געוואָרן.

עס נעמט נישט לאַנג, דער נייער נשיא דערשיינט אין דער כנסת, און דאָס פאָלק בכל תפוצות ישראל שלינגט די ווערטער פון דער שבועה, וואָס דער דריטער נשיא גיט אָפּ פייערלעך צו מקיים זיין דעם רצון פון דער מדינה.

אַזוי רינגלט זיך אויס די נייע מסורה פון סאָציאַליסטישן ציוניזם פון דור צו דור:

בער באָראָכאָוו — יצחק בן־צבי — זלמן שזר —

„אונדזער פּלאַטפאָרם" האָט אויסגעהאַלטן די מסעות פון יידישן פאָלק צו דער אייגענער מדינה.

דער ייִנגסטער פון די עשרת הראשונים, זלמן שזר — האָט זוכה געווען צו דעם נשיא־שטול אין ירושלים.

י. זרובבל

אויטאָ־פּאָרטרעט

איך בין אַלט געוואָרן אַכציק יאָר; אייניקע ווילן האָבן — יונג געוואָרן אַכציק.

וואָס איז די נפקא מיניה? עלטער אַליין, פאַר זיך גופא, דעצידירט נישט וועגן דעם ווערט פונעם מענטש. מכריע זײַן קאָן נאָר דער אויפטו פונעם מענטש אויפן וועג צו אָט דעם עלטער. נימצא, אַז די באַציִונג צו דעם מענטש מצד דער געזעלשאַפט איז אַ פּועל־יוצא פון דעם, ווי זי שאַצט אָפּ זײַן אויפטו און דערגרייכונג.

אין דעם פּרט דאַרף איך נישט זוכן ווייט. איך האָב פאַר זיך תמיד די געשטאַלט פון בער באָראָכאָוו — מײַן לערער און וועגווייזער. באָראָכאָוו האָט פאַרלאָזן די וועלט אינעם עלטער פון זעקס און דרייסיק יאָר. זײַן קלאַסישן חיבור וועגן די עיקרים פונעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם האָט ער מגלה געווען אין עלטער פון קוים פיר און צוואַנציק יאָר, דאָס האָט פון דעסטוועגן לגמרי נישט געשטערט, אַז פופציק יאָר נאָך זײַן פּטירה זאָל באָראָכאָווס נאָמען זײַן געאַכט און געליבט ביי די פאַרשיידענע קרייזן און שיכטן נישט נאָר אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר אַפילו גאָר ווייט מחוץ זײַן אייגנטלעכער פּאַרטיי — פּועלי־ציון.

ס'איז אַ פּשוטער כלל: פאַר זײַנע יאָרן איז דער מענטש נישט פאַראַנטוואָרטלעך. זייער לויף און דויער הענגען אָפּ נישט פון אים. ער טראָגט אָבער יאָ די פולע אַחריות פאַר זײַנע מעשים: ווי האָט ער געלעבט און ווי אַזוי האָט ער אויסגעלעבט זײַנע יאָרן — די מערערע, צי די ווייניקערע.

עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז מײַן געבורט איז פאַרבונדן מיט צוויי דאַטעס, וואָס צווישן זיי איז אַ מרחק פון אַ צוואַנציק יאָר.

מײַן מוטער האָט מיך געבראַכט אויף דער וועלט דעם 14טן יאַנואַר 1886.

אָן שום ספק האָט אויף מײַן גאַנג אין לעבן געהאַט די ערשטע באַדייטנדיקע השפּעה די סביבה פון מײַן פאָטערס הויז, וווּ כ'האָב פאַרבראַכט די יאָרן פון קינדהייט און יוגנט, דערנאָך דער חדר, די תלמוד־תורה, די

מלמדים, די לערערס, די „לער"־יאָרן אַלס סטאָלער, מצבה־קריצער און שילדן־מאָלער.

און דאָך בין איך זיכער, אַז דעם כאַראַקטער פון מיין לעבן, זיין אינ־האַלט און ריכטונג האָט באַשטימט מיין געזעלשאַפטלעכע געבורט, וואָס דאַטירט פורים, 1906.

ביידע דאַטעס זענען פאַרוועבט מיט דער זעלבער שטאָט — פּאָלטאַווע. אין עצם איז די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין פּאָלטאַווע געווען פאַר־קאָכט אין דער רוסישער קולטור. אַפילו די געזעלשאַפטלעכע תלמוד־תורה פאַר קינדער פון דער יידישער אָרעמקייט האָט זיך באַנוצט מיט רוסיש, ווי די לערנשפּראַך; די יידישע ביבליאָטעק האָט זיך געפירט אין רוסיש, און די יוגנטלעכע ליטעראַטור־קרייזלעך האָבן געשאַרפט זייערע אומגע־ניטע פעדערס אויף רוסישע לידער. זענען אויך מיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון געמאַכט געוואָרן אין רוסיש, און שרייבערישע סמיכה האָב איך באַקומען פונעם רוסישן שריפטשטעלער וולאַדימיר קאָראָלענקאָ.

אָבער טאַקע אין פּאָלטאַווע האָב איך זיך גאַנץ פרי געטראָפן מיט בער באָראָכאָוו און יצחק בן־צבי, וועלכע האָבן מיך חבריש אַריינגעפירט אינעם היכל פון געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער מחשבה און טואונג. אין פּאָלטאַווע איז זיך אויך צונויפגעקומען דער גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון פּועלי־ציון, ווי אַ פּאַרטיי, ווו איך בין אויך געווען דעלעגאַט.

איז דאָרט געקומען דער גורלדיקער ווענדפּונקט אין מיין לעבן. איצט ווערט געפייערט זעכציק יאָר זינט דעם פּאָלטאַווער צוזאַמענפאָר, וואָס האָט פאַרלייגט די יסודות פונעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם. ווערט אין דער אמתן דורך דעם געפייערט אויך מיין צווייטע געבורט, ווייל דאָרט איז אויך פאַרפעסטיקט געוואָרן מיין אייגענער נאָמען, וואָס איך טראָג אים עד־היום און האָב אים איבערגעגעבן מיינע קינדער.

צאַרישע זשאַנדאַרן, פּאָליצייאישע אַרעסטן און תפיסה האָבן מיך אין דער פריסטער יוגנט אָוועקגעגזלט פון מיין מוטער, פון איר הויז, פון מיין ברודער און שוועסטער, פון וועלכע איך בין געוואָרן אָפּגעריסן און דער־ווייטערט אַלע מיינע יאָרן.

די פּאַרטיי האָט מיך גלייך אַדאָפּטירט, ווי אַן אייגענעם, מיך אויפגע־האָדעוועט, דערצויגן, געהיט, געשיצט און באַשירעמט ביז צום היינטיקן טאָג.

די פּאַרטיי האָט מיר געוויזן די וועלט, די יידישע און די אַלגעמיינע;

מיך צונויפגעפירט מיט יידישע אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס אין אַלע ווינקעלעך פונעם ערדקיילעך; געלערנט קוקן דער ווירקלעכקייט גלייך אין פּנים, זען זי, ווי זי איז, פאַרטיפן זיך אין אירע פּראָבלעמען, אויפנעמען דעם גרויליקן יאָמער פון דער יידישער גלות־טראַגיק און מיך דערהייבן דורכן פּאַטאָס פון אונדזער גאולה־געזאַנג. די פּאַרטיי האָט מיך דערצויגן, נישט צו שרעקן זיך פאַר ליידן און יסורים פון גערעַנגל הייגט, און פאַרויס איינזאַפּן אין זיך די שטראַליקע פונקען פון דעם ניצחונדיקן מאָרגן.

די זעכציק יאָר פּאַלטאַווע האָבן אַזוי אַרום אַריינגעבראַכט זין און געגעבן טעם די אַכציק יאָר פון מיין לעבן.

פּאַלטאַווע איז געווען און האָט געגאָלטן ווי דער אומפעלערדיקער קאָמפּאַס, וואָס האָט מיך נישט דערלאָזט צו פאַרבלאָנדזשען אין די פּלאָנ־טערנישן פון די לעבנס־לאַבירינטן; פּאַלטאַווע האָט אויך געפּלעגט און פאַרשפּיצט מיין געוויסן צו אָנווענדן די ריכטיקע מאָראַלישע מאָס ביים אָפּשאַצן מענטשן און האַנדלונגען, פּראָצעסן און געשעענישן.

פּאַלטאַווע האָט מיר דיקטירט מיין שליחות אין לעבן, נישט באַגרענעצט נישט מיט צייט און נישט מיט אָרט, נאָר זי אויפגעוויקלט אומעטום און נאָך אַנאַנד וווּ ס'איז צעשפּרייט און פאַרוואָגלט אונדזער יידיש נע־ונד־פאָלק.

פון דער האַלב רוסיפיצירטער שטאָט אין אוקראַינע האָט מיך די פּאַרטיי אַריבערגעפּלאַנצט אין דער יידיש־יידישער ווילנע, וווּ דאָס יידישע לשון האָט אויפגעפּרילינגט, זיך פונאַנדערגעשפּראָצט אין דער וואַרעמער אַטמאָספער פון היימישקייט, זיך געקרעפטיקט אין מאַסן־פאַרזאַמלונגען און אויפגעבליט אין אינטימע ליטעראַרישע מסיבות.

מיין פּאָליטישע אַקטיוויטעט האָט מיך אַריינגעפירט אין דעם וווּנדער־לעכן אוניווערסיטעט פון לוקישקער תפיסה, און אַ באַפרייטער פון טורמי־שער התבודדות, האָב איך באַוויזן איינצוהויכן אין זיך די יום־טובדיקייט פון מענדעלעס פייערונגען אין דער יידישער געדיכטעניש פון ליטע און פוילן.

די האַרציקייט פונעם גאַליציאַנער כלל, דער פּאָליטישער אויפברויז פון פּויליש־יידישע אַרבעטער, די זעלבסטשוץ־גרייטשאַפט פון פּאַרטייאישע קאַדרען, ווי די דאַרשטיקייט פון די פּאָלקסמאַסן נאָך קונסט אין דער אייגע־נער שפּראַך האָבן געווירקט אומאויפהערלעך. דער ווילנער פּראָלעטאַרישער געדאַנק אין יידיש, און דער ירושלימער האחדות אין העברעיש האָבן

פּאַרפיקסירט אין מיין פּסיכיק די אָרגאַנישע באַהעפטקייט פון דיביידע שפּראַכן פון אונדזער נאַציאָנאַלער שאַפונג. דאָס באַוווסטזיין, אַז פאַר די קינדער, וואָס זענען אויסגעבענקט נאָך יידישקייט, איז נייטיק אַ יידיש־וועלטלעכע דערציִונג, האָט מיך פאַרקנסט מיט דער מאָדערנער שול, ווי דעם וויכטיקסטן פאַקטאָר קעגן שפּראַך־אַסימילאַציע און קולטור־הכנעה.

אין שליחות פון דער פּאַרטיי בין איך עולה געווען קיין ארץ־ישראל אין איר חלוקהשער אָפּגעשטאַנענקייט, ווען ס'האָט זיך ערשט גענומען פאַר־מירן דער באַוואָפנטער כוח פון „השומר" און ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שפּראָצן פון קבוצות און קאָמונעס, וואָס האָבן אויסגעפלאַסטערט דעם וועג פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונדזער אייגנאַרטיקייט אינעם באַ־נייען די לאַנג פאַרלאָזענע יידישע מדינהשקייט.

איך האָב געבראַכט די ערשטע גרוסן פון דעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל אין וויקעלעך צו דער קעגנערישער יידישער אַרבעטערשאַפט אין די אַמעריקעס, וועלכע איז אָבער מיט דער צייט געוואָרן דער הויפּטשטיצער און מיטהעלפער פון דעם קאָנסטרוקטיוון ווערק פון יידישן אַרבעטער אין דער זעלבשטענדיקער מדינה.

יידיש און העברעיִש, גלות און היימלאַנד, וויזיאָנערן און קעמפערס פאַר אַ נייער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער רעאַליטעט — מיט דער פאָן פון פּאַלטאַווע אין הארצן, האָב איך אַנטפּלעקט דעם גליקלעכן סינטעז פון כלומרשטע סתירות, און געפירט צו האַרמאָנישער גאַנצקייט און פולער אייניקייט צווישן אונדזער פיינטלעכן נעכטן און דינאַמישן היינט, אין אויסבליק פונעם סאָלידאַרן מאָרש צום ליכטיקן מאָרגן פאַר אַלע פעלקער, בתוכם דאָס יידישע פאָלק.

אָט דאָס איז געווען דער גאַנג פון מיין לעבן.

אין צאַרישן רוסלאַנד, ווי אין דעמאָקראַטישן עסטרייך, אין דער פרייער אַמעריקע, ווי אין פּאַלעסטינע אונטער דעם יאָך פון טערקישן דעספּאָטיזם, אין דער ציוויליזירטער אייראָפּע, ווי אינעם אָפּגעשטאַנענעם אָריענט, אין לאַנד פון די פּאַמפּאַס, אַרגענטינע, ווי אין לאַנד פון גרינסטן גרינס, ניי־זעלאַנד, אין צפון און אין דרום־אַפריקע, אין אַלע יבשות, לענדער, שטעט און שטעטלעך, וווהין מ'קומט צו מיט פערד און וואָגן, צי מיט באַן און שיף, אָדער מיט עראָפּלאַן — אומעטום האָט מיך מיין שליחות געבראַכט און אַריינגעגאָסן אין מיר מוט און עקסטאַז צו טראָגן די בשורה פון געראַנגל

און דעם רוף צום קאַמף פאַר אַלגעמיינער פרייהייט און אויסלייזונג, און גלייכצייטיק צו מונטערן און וועקן, אַז אין צענטער זאָל תמיד גילטן דער לאָזונג פאַר זעלבסטבאַפרייונג און זעלבשטענדיקייט פון יידישן אַרבעטנדיקן פאָלק.

אַזוי האָט מיך די שליחות אין נאָמען פון פאָלטאַווע אַריינגעוועבט אין דער יידישער אייגנקייט און היימישקייט פון שפּראַך און קולטור, קונסט און ליטעראַטור. כ'האָב פון אייגענער דערפאַרונג דערשפּירט דעם אמת פון מענדעלעס אַ זאָג און כ'האָב באַנומען מיטן גאַנצן מהות מיינעם, אַז איך בין אַ פּאָדעם אינעם ווונדערלעכן געוועב וואָס ווערט געשפּונען אין דער וועלט, ווי סאָציאַליסטישער ציוניזם.

אין דער פּראַקטיק האָט עס געמיינט צו דערקענען, אויפן פּאָן פון דער אומעטומיקער יידישערווירקלעכקייט, דעם נייעם יידישן מענטש, און זיין גאַנג אין דער איצטיקער תקופה. זיין מאָראַלישע קראַפט אויסצושטיין רדיפות, פּאָגראָמען, אינקוויזיציע, היטלער־פאַרלענדונג, און בלייבן פעסט ביי דעם באַוווסטזיין פון אויסדערוויילטקייט און העכערקייט לגבי פאַר־פאָלגערס און פאַרטיליקערס, אַ דאַנק זיין עטישער ריינקייט און קוואַליקער אייביקער אמונה אין דעם סופיקן ניצחון פון יידישער גאולה, ווי ס'איז אים איבערגעגעבן געוואָרן מדור־לדור בירושה פון אונדזערע נביאים און גייס־טיקע מנהיגים.

כ'האָב זיך אויסגעלערנט צו באַוווּנדערן די באַפליגלטקייט פונעם יידישן דמיון, וואָס האָט אָנגעוואָרן די אַחיזה אין ערדישע פּאָזיציעס און, בלית ברירה, זיך געגערט מיט זכרונות פונעם הערלעכן עבר און מיט חלומות וועגן דעם זוניקן עתיד.

האָב איך זיך געזען באַרעכטיקט און פאַרפליכטעט אויסצוברייטערן דעם היקף פון מיין שליחות מחוץ די פאַרטיי־ראַמען און קומען אין ענגערן קאָנ־טאַקט מיט די עכטע פאָלקסמאַסן, כדי אַרויסצושלעפן זיי פון סאָציאַלער און קולטורעלער שיפלות, בייטן זייער מעמד ביים שאַפן רעאַלע ממשותדיקע ווערטן און סטימולירן דעם חשק צו ווערן מיטבאַטייליקט אינעם געשיכט־לעכן געראַנגל פון דער מענטשהייט אַרויסצוקריגן די סודות פון די נאַטור־כוחות, זיי באַהערשן און פאַרווענדן צום גליק פון אַלע, אַלע.

אַזוי איז מיט דער צייט נעלם געוואָרן פון מיין האָריזאָנט די צוגע־טראַכטע סתירה צווישן ייד און מענטש, וואָס האָט כסדר מיך געפּייניקט,

און אין ארץ־ישׂראל וואוהין כ׳האָב זיך צוריקגעקערט נאָך יאָרן פון גע־צוווּנגענער גאַסטפריינדשאַפט אין דער פרעמד, האָב איך באַגריסט דעם יידישן אַרבעטמענטש, וואָס האָט דערגרייכט דאָ די העכסטע הייכן פון קולטור אויף יבשה, אויפן ים און אין דער לופט, און ווייסט צו באַנוצן זיין אַרבעט און וויסן ביים נאָרמאַליזירן דאָס לעבן פון זיין אייגענעם פאָל־קסטימלעכן פאָלק. וווערטיקן פאָלק.

אין די פילמאָליקע נסיעות צו דער וועלט בין איך אַלץ נענטער צו־געקומען צו דער ווירקלעכקייט פון אונדזער פאָלק, וואָס פורעמט איבער דעם מהות פון דעם מאָדערנעם ייד־מענטש אַ דאַנק דעם אויפגאַנג פון זיין צוריקגעפונענעם און באַנייטן פאָטערלאַנד.

ס׳איז נישט קיין באַרימערייַ צו זאָגן אין מיין אַכציק־יעריקן עלטער, אַז כ׳האָב באַוויזן צו טועם זיין די שיינקייט פון דער וועלט אין אַלערליי אַנטפּלעקונגען אירע. איך אָטעם עד־היום די ברוּיזיקייט פון די וואַסער־פאַלן אין ניאַגאַראַ און פאַרכליניע זיך פון דעם גאָסרעגן וואָס ווערט אויפ־געשוימט דורך די וויקטאָריאַ־פאַלס אין ראָדעזיע; איך בין נאָך אַלץ באַ־גייסטערט פון דער פאַרהיסטאָרישער פּראַכט פונעם גרענד־קעניאָן פון אַריזאָנאַ און פון די הויך־אויפשיסנדיקע הייסע גייזערס אין ניי־זעלאַנד. ס׳גלעטן מיך די „בלויע בערג״ פון אויסטראַליע; ס׳רודערן־אויף די ווייסע נעכט אין די סקאַנדינאַווישע פיאָרדן און איך טראָג אין זיך דעם כישוף פון האָנג־קאָנג, ריאָ דע זשאַנעיראָ, און, און, און — — —

אָבער אָט די פילפאַרביקע וועלט־פּאַנאָראַמע האָט נישט פאַרבלאַסט און נישט פאַרמינערט די שיינקייט און היימישקייט פון עין־גדי און כנרת, פון הר תבור און גלבוע, דעם נשמה־אויפציטער וואָס עס האָט אַרויסגערופן אין מיר דער קלעטער אויפן באַרג פון יידישער גבורה — מצדה — און נאָך מער — די אומעטומיקע נייע שיינקייט און פרישע פייזאַזשן וואָס דער יידישער מענטש האָט אויפגעוויקלט דורך זיין פּראַצע דאָ, ווו ס׳האָט גע־הויערט טויזניעריקע וויסטקייט און פאַרשאַלטנקייט.

ווי זאַפטיק זענען די פירות פון אייגענער ערד, ווי מחיהדיק איז די לאַנדשאַפט פון דער אייגענער געשאַפענער מדינה!

ס׳איז נישט קיין סתמיקע פּאָעזיע פון טינט און פעדער. ס׳ווערט מקוים די לייוויקישע פּאָעטישע וויזיע פון געלייטערטער ערד און אויסגעלייזטן

יידישן מענטש, וואָס האָט מורד געווען אין גורל און געשאַפן די פּאָעמע פון יידישער אַרבעט און נאַטור־אומבייט.

מיין אינטענסיווע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע טעטיקייט האָט מיך נישט דערוויטערט אויף איין רגע פונעם אינטערעס צו ליטעראַטור און קונסט. בעלטאַוו, אַוועגאַריוס און מאַרקס האָבן אין מיין מוח און האַרץ זיך איינגעלעבט מיט גאָרקי, טורגעניעוו און טאָלסטאָי, שפּעטער — מיט מענ־דעלע, שלום־עליכם, פּרוג און פּרץ. אַדרבא, אַראָפּלאָזנדיק זיך אין די אויפגערודערטע ערדפּלאַסטן פון די פּאָלקסשיכטן האָב איך דאָרט אָנגעטראָפן שפּרודלדיקע שטראָמען, איבערלעבונגען, טראַכטענישן און געפילן, וואָס האָבן געגאַרט נאָך אויסדרוק און פאַרקערפּערונג צו באַפרוכפּערן די קינ־סטלערישע שאַפונג אין אונדזער סביבה.

אויב קאָראָלענקאָ האָט מיט יאָרן צוריק מיך דערמוטיקט צו האַלטן די שרייבערישע פּעדער, האָט דער גרויסער רוסישער שריפטשטעלער אין דער זעלבער צייט פאַרמאַגט די אַחריות אויפמערקזאַם צו מאַכן מיר, דעם אָנפאַנגער, אַז ס׳איז מיין חוב צו לאָזן מיינע יידישע העלדן אויפטרעטן אין זייער נאַטירלעכער שפּראַך — יידיש.

איז מיר פּרי באַשערט געווען צו פילן אויף זיך אין וואַרשע דעם דורכדרינגלעכן בליק פון פּרצעס מאַנערישקייט צו אומגעקינצלטער עכט־קייט ביים שאַפן. כ׳האָב פאַרזוכט די וואַרעמע הכנסת־חברים פון יעקב דינעזאָן, ביי וועלכן כ׳האָב געפּועלט אויסצולייען מיר דאָס נאַר־וואָס דער־שינענע בוך פון יהואשעס לידער — אַ מתנה פּרצן — און כ׳האָב געמאַכט דעם ערשטן שריט אין דער ליטעראַטור־קריטיק. באַלד דערנאָך האָבן די אינטים פאַרבראַכטע שעהן מיט פּרץ הירשביינען אין ווילנער רעדאַקציע געפונען זייער אָפּקלאַנג אין אַ ליטעראַרישן בריוו און געעפנט מיר דעם צוטריט צום יידישן טעאַטער.

די באַגעגעניש מיט ש. אַנ־סקי און שפּעטער מיט י. ח. ברענער האָבן פאַרטיפט און פאַרפּעסטיקט אין מיר דעם ליטעראַרישן אינטערעס. דער „נשף בראשית״ פון „הבימה״ אין מאָסקווע און „דער דאָרפסיונג״ ביי די „ווילנער״ אין וואַרשע האָבן געגערט און געזעטיקט דעם שטייגנדיקן קונסטהונגער פון מיין געמיט און כ׳האָב געשטעלט מיין פּעדער און מויל אין דינסט אויך פון דער טעאַטער־קריטיק.

אַזוי האָבן זיך פּאָליטישער פיבער און ליטעראַרישער פּאַטאָס צונויפ־

געפּאַרט אין מיין נשמה. די ליטעראַטור־טעטיקייט איז אַריינגעפלאָכטן געוואָרן, ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון מיין שליחות, אין דער יידישער גאַס. איך האָב געזוכט פאַר זיך דעם ציל: ברענגען דאָס געשליפענע קערנדיקע יידישע וואָרט בעל־פה און בכתב אין די תפוצות־ישראל; אויפּאַקערן די פאַרשמאַכטע הערצער, אַז די יידישע ליטעראַטור זאָל ווערן דער קנין פון מיליאָנען יידן, וועלכע זענען אין תוך הן די טרעגערס און הן די געניסערס פון אונדזער קולטור.

דער גאָרטן פון דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך צעבליט אין משך פון די צענדליקער יאָרן. דעם הויכפּונקט פון גליקזעליקייט האָב איך זינט יהואָשן באַקומען אין דער לאַנגער צוגעבונדנקייט און פריינדשאַפט מיט ה. לייוויק — די ליכטיקסטע געשטאַלט אין אונדזער ליטעראַרישער וועלט, וואָס האָט אויסגעשטראַלט איר מאָראַלישע מענטשלעכע העלע שיין אויף מיין לעבן.

אויף אייגענער הויט האָב איך זיך אויסגעלערנט ביי דער נאַטור צו פאַרשטיין די גענויעצמאַסיקייט און אומפאַרמיידלעכקייט פון ענדערונגען, כדי נישט צו הויערן איבערן פאַרעלטערטן און אָפּגעלעבטן, נאָר שפּאַנען מיט אָפענע אויגן און צעשפּרייטע אָרעמס אַנטקעגן דעם פרישן און אויפגייענדיקן פרימאָרגן פון אונדזער גצזעלשאַפטלעכקייט.

ס'האָט מיך געטראָפן די קללה פון אונדזער דור און כ'האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן דעם „באַרג־חורבן" פון יידישן אומקום אין אייראָפּע, פאַרנומען דאָס גסיסה־כאָרכלען פון פּוילישן יידנטום; זיך געוואָרגן מיטן גיפטיקן רויך פון די פאַרשרפעטע גלות־אילוזיעס ביי מיליאָנען אומגעקומענע אין די נאַצישע קאַלכאָויוונס.

אָבער איך בין אויך געבענטשט געוואָרן מיט דער זכיה צו ווערן איינגעגלידערט אין אונדזער נאַציאָנאַלן אויפקום, אָטעמען מיט אייגענע לונגען זיין אויפשפּראָץ און בליונג, די שטרויכלונגען און דערגרייכונגען פון יידישער זעלבשטענדיקייט אויף אייגענעם פּאַטערלענדישן באָדן.

צו אַכציק יאָר האָב איך דערלעבט צו זען דעם אָנהייב פון פאַרווירקלעכן די פאַלטאַוער וויזיע.

ווייס איך, אַז אויך מיין שליחות איז נישט אַוועק אין ניוועץ.

אָבער גריילעך איצט בין איך איבערצייגט, אַז מיר זענען ערשט אויף דער שוועל פון דער רעאַליזירונג.

מיר האָבן נאָך איבערצוגעבן אונדזערע יורשים די ירושה פון די פּאַלטאַווער גייסטיקע ווערטן אין זייער שלימותדיקייט און לויטערקייט.

אין דעם און נאָר אין דעם איז די ערבות אַז די קומענדיקע דורות וועלן ממשיך זיין דאָס ווערק מיט דעם זעלבן אימפּעט און התלהבות, ווי ס'האָבן אים אָנגעהויבן די ראשונים.

ס'טרעפט אָפט, אַז עס שטייט צו צו אונדז אַ ניגון, וואָס מ'קאָן זיך פון אים נישט באַפרייען. ער באַגלייט אונדז כסדר און וויל נישט אָפּטרעטן. דוכט זיך, ער איז שוין פאַרשווונדן און פאַרשוויגן געוואָרן. ערשט ניין — ער איז ווידער דאָ, ווי ער וואָלט געוואָרן אַ חלק פון אונדזער מהות.

אַזוי האָט זיך צו מיר צוגעהאָפטן דער ניגון פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם, און צענדליקער יאָרן נאָך אַנאַנד זינגט ער אין מיר אינעווייניק און זינגט אַרויס, ווו איך קער זיך און ווו איך ווענד זיך. אין לויף פון די יאָרן איז ער געוואָרן מער קאָמפּליצירט, צובאַקומען מער ניואַנסן און וויברירונגען, און לעצטנס פילט ער אָן מיין געמיט און געפיל און געדאַנק. ער איז געוואָרן מיין לעבנס־ניגון.

עס זינגען אים מיט מיר הונדערטער און טויזנטער, צענדליקער טויזנטער. אַלט געוואָרענע און יונג אויפגעקומענע. ווו איך בין געוועזן, אומעטום האָט מען זיך אויסגעלערנט ביי מיר דעם ניגון, איך האָב גערן געזונגען און געלערנט אַנדערע, זיי זאָלן אים זינגען. לעצטנס האָב איך ווידער צום וויפלטן מאָל דורכגעמאַכט לאַנגע נסיעות, און מ'האָט מיך געבעטן פון ס'ניי זינגען דעם אַמאָליקן ניגון. זיי געדענקען אים, נאָר זיי ווילן אים הערן נאָך אַ מאָל פון מיר.

בעט איך זיך ביי מיינע חברים און פריינד: לערנט איין דעם ניגון גוט. איך וויל, איר זאָלט אים קאָנען זינגען אויך אָן מיר. ווי פּרצעס קלעזמער בעט איך זיך ביי זיי: אַדרבא, איר קאָנט אים אויסגעצייכנט זינגען מיט מיר. לאָמיר זיין זיכער, אַז איר קאָנט אים פּונקט אַזוי גוט אויך אָן מיר. זינגען אַליין און אָנשטעקן מיטן געזאַנג אַנדערע.

גייט אין יידישן לעבן, דאָרט זענען פאַראַן די נאָטן. לערנט זיך אויס די נאָטן — וועט איר זינגען דעם ניגון. ס'איז די שטענדיקע מעלאָדיע פון אונדזער אויפגייענדיקן לעבן. די מעלאָדיע פונעם סאָציאַליסטישן ציוניזם.

די מעלאָדיע פון דער לעגענדע, וואָס איז געוואָרן ווירקלעכקייט; די מעלאָדיע פון ווירקלעכקייט, וואָס ווערט אויסגעזונגען ווי אַ לעגענדע.

כ׳געדענק אייך

דער אומרו לאָזט מיך נישט צו רו.

ווי זיי וואָלטן זיך צונויפגערעדט און אָפּגעמאַכט, קומען זיי זיך צונויף די קליינע שטעטלעך פון פוילן, רינגלען מיך אַרום און גיסן אויס פאַר מיר זייערע טענות און תביעות:

— פאַרוואָס האָסטו אונדז פאַרגעסן און מפקיר געווען? געדענקסטו נישט, ווי יעדעס מאָל ווען דו האָסט אונדז באַזוכט, אין וועלכער געגנט פון פוילן דאָס זאָל נישט האָבן געווען, זענען מיר צו יעדער צייט דיר אַנטקעגן געקומען מקבל־פּנים זיין? אין יעדער שעה פון מעת לעת, גאַנץ אין דער פרי, צי שפּעט באַנאַכט; אין מיטן וואָך, צי אפילו שבת, פרייטיק נאָך ליכט בענטשן, אָדער שבת־צונאַכטס נאָך הבדלה. מיר האָבן געאײַלט דיך מקבל־פּנים זיין אין הייסע טעג, ווען די זון האָט געברענט און אין קאַלטע פראָסטיקע נעכט, אין רעגן אָדער שניי־זאַווערוכעס, געוואַרט אויפן אָנקום פון באַן, צי קאַלייקע, צי שיף, ווען מען האָט נאָך געדאַרפט פאָרן מיט אַ פור אין שטעטל אַריין, אָדער גיין צופוס היפּשע קילאָמעטערס, כדי נישט אויפצורייצן פרומע יידן, באשר דער פרעלעגענט איז געפאָרן אום שבת...

פאַרוואָס־זשע האָסטו אונדז פאַרגעסן? פאַרוואָס דערמאָנסטו אונדז נישט?

ס׳איז געקומען די פינצטערע שעה ווען היטלערס בעסטיעס האָבן זיך פאַרנומען אויף אונדז, צו פאַרטיליקן אונדזער פויליש יידנטום, און מיר האָבן זיך געראַנגלט, יעדער איינער אויף זיין שטייגער. דאָס יידישע שטעטל האָט זיך נישט אונטערגעגעבן דעם ימח שמוניק. מיר זענען געקראָכן אין קעלערס, געקלעטערט אויף בוידעמער, זיך אויסבאַהאַלטן אין סטויגן תבואה, אין גריבער, און איינקוואַרטירט זיך אין קברים אויף בית־עלמינס; דו האָסט דאָך אונדז גוט געקענט, יאָרן לאַנג געוווּסט, אַז מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט מיאש געווען; פאַרקערט, אין די ביטערסטע מינוטן האָט געקעכלט אין אונדז די האָפענונג, אַז דאָס יידישע

פאָלק וועט נישט אונטערגיין און וועט נאָך איבערלעבן אויך דעם נאַצישן המן...

אַ סך פון אונדז זענען אומגעקומען. ווער — אין די טויט־לאַגערן, ווער — צווישן די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער. טאָ — פאַרוואָס האָסטו אונדז פאַרגעסן?

מ׳שרייבט געשיכטן און כראָניק וועגן גרויסע שטעט, וועגן אָנגעפּאַקטע ישובים, וועגן מענטשן באַקאַנטע, מפורסמדיקע. און ווו זענען מיר, די קליינע שטעטלעך? ווו איז אונדזער יזכור?

...אַזוי הער איך נאָכאַנאַנד אָט־די שטימען, וואָס וועקן כסדר אין מיר דעם אומרו.

בעט איך זיך באַ זיי: גלויבט מיר אויף נאמנות, אַז איר זענט זיך טועה. איך געדענק אייך זייער גוט. איר זייט מיר איינגעבאַקן אין האַרצן און איינגעקריצט אין מוח. קען איך דען פאַרגעסן דאָס שטעטל? ווער און וואָס וואָלטן מיר געווען ווען נישט דאָס שטעטל, וואָס האָט אויפגעהאָדעוועט אַ דור געטרייע יידן, וועלכע האָבן מיט סטיכישן לעבנס־דורשט אויסגעפורעמט אַ נייע מאָדערנע יידישקייט. נישט קיין דור עם־הארצים, וואָס ווייסן נישט, פאַרוואָס און מיט וואָס זענען זיי יידן. כ׳געדענק אייער יוגנט. מיר זענען דאָך דעמאָלט אַלע געווען יונג און די יונגקייט האָט געשפּייזט אונדזערע חלומות, וויזיעס, אידעאַלן. נישט געווען קיין פּאַרטיי־פּראָפעסיאָנאַלן אינעם שטעטל. ס׳איז געווען אַ טעטיקייט דורכאויס לשמה. מ׳האָט געפיבערט מיטן אידעאַל, געאָטעמט מיטן רעיון פון גאולה פאַר יידן און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. „פאַר אייער און אונדזער פרייהייט״. כ׳געדענק אייערע וועלדער, אייערע פליינען, ווו מיר פלעגן שפּאַצירן כדי צו דערציילן אייך בסוד־סודות וואָס דער צ. ק. האָט באַשלאָסן און וואָס איר האָט אויסצופילן. כ׳געדענק, ווי איר האָט אַלץ מקבל באהבה געווען, ווי די תורה למשה מסיני. כ׳געדענק, ווי ס׳האָבן געפלאַמט אייערע אויגן, ווי ס׳האָבן געשטראַלט אייערע געזיכטער, ווי איר האָט זיך געפרייט אָן אַ שיעור, ווען ס׳איז צו אייך „אַראָפּגעקומען איינער פון וואַרשע״, איינער, וואָס איר האָט יאָרנלאַנג בלויז געהערט זיין נאָמען פון דער ווייטנס. געלייענט און געקוויקט זיך מיט זיינעם אַ מאמר, געחזרט אויף אויסנווייניק זיינעם

אַ זאָג, אַ ווערטל, אַן איינפאַל, בפרט אַ שאַרפע פּאָלעמיק מיטן פּאָליטישן קעגנער.

כ׳געדענק אייערע שטיבער, די אָרעמע היימען מיט אַזוי פיל עמך׳דיקער וואַרעמקייט, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו קוואַלן די גאַנצע צייט, וואָס „דער גאַסט פון וואַרשע״ האָט געגנאָסן פון אייער אברהמישער הכנסת־חברים.

כ׳געדענק אייערע פאַמיליעס, ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס זענען פון קינדווייז אָן אויפגעצויגן געוואָרן אין אַן אידעישער אַטמאָספער, און ס׳איז געווען אַזוי אמתדיק, ווען די שפּעטערדיקע יוגנט האָט דעקלאַרירט, אַז זי איז פּועלי־ציוניסטיש געוואָרן נאָך אין דער מאַמעס בויך...

ליידער געדענק איך נישט אויבן־אויף יעדן אייערן ווינקל; אין פּוילן זענען דאָך געווען אַזוי פיל פאַרוואָרפענע ווינקלען. ס׳איז אָבער גענוג צו דערמאָנען איין נאָמען, און באַלד שווימען אויף אַ גאַנצע ריי שכנותדיקע שטעטלעך, וואָס האָבן זיך געטוליעט צו דעם גרעסערן, מער בכבודיקן פּונקט, און, בלית־ברירה האָבן חברים געמוזט שפּאַנען צענד־ליקער קילאָמעטער צו פוס כדי אַריינצוכאַפּן דאָרט אַ לעקציע פון אַ רעדנער, וואָס וועט מסתמא אַזוי שנעל נישט באַווייזן צו באַזוכן זיי, אין קליינעם פּונקט. כ׳געדענק אייך, חברים פון אָרעמע, פאַרלאָזענע שטעטלעך, ווי איר האָט מיט פּיאָנערישער ליבע און חסידישער התלהבות אָנגעצונדן קולטור־ליכטיקייט, אויפגעשטעלט ביבליאָטעקן און לייען־זאַלן, ווו מען האָט געשלונגען די שאַפונגען פון אונדזערע שריפטשטעלער, אויפגעריכט כלעריי געזעלשאַפטן, פאַר אָוונט־קורסן, פאַר ייִוו״אָ־זאַמ־לונגען, פאַר טעאַטער־ליבהאָבער, פאַר ציש״אָ־שולן...

אָבער אין לויף פון יאָרן, בפרט זינט אַ וואָלקן פון בלוט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן פּוילישן יידנטום, האָבן זיך די באַזונדערע שטעטלעך פאַרלאָרן אינעם גרויסן כלל, און ס׳איז שווער צו דערקענען און אויסשיילן דאָס איינציקע שטעטל, מיט זיינע חברים־אָנפירער און חברים־מאַסע, זייערע אָפיציעלע פּריוואַטע נעמען און אונטערערדישע צונעמען, בעת עס ברענט דעם זכרון איין פייערדיקער נאָמען: פּועלי־ציון אין פּוילן.

עס גייט מיר נאָך, ווי אַ שאָטן אַ חבר און בעט מיך: חבר זרובבל,

שרייבט וועגן גאָוואָראָווע... זאָג איך אים צו און לייג־אָפּ פון טאָג אויף טאָג. גאָוואָראָווע, אין שכנות מיט רוזשאַן, נישט ווייט פון אָסטראָ־לענקע, אויפן וועג קיין לאָמזשע. נו, געוויס געדענק איך. געווען אַ שות־פותדיקע פאַרזאַמלונג אין וואַלד — רוזשאַן און גאָוואָראָווע. נאָך פּאָר מיר איז דאָרט געווען עמנואל רינגעלבלום און אַנדערע רעדנער פון וואַרשע. אויך איך בין דאָרט געווען און נתפּעל געוואָרן פון דער התלהבות פון די חברים און זייער אָרגאַניזאַציאָנעלער עקשנות אויסצו־צייכענען זיך מיט זייער אַרבעט, נישט געקוקט אויף דער קליינער באַפעלקערונג און אָפּגעלעגנקייט פון דער הויפּט־באַן־ליניע.

ס׳פאַרדריסט ביז ווייטיק, וואָס ס׳איז פאַרנעפּלט דער מוח און כ׳קאָן נישט דערמאָנען איינצלנע נעמען. איז, צוריק־געשמועסט, אַזוי בעסער. ס׳איז דאָך, אין סך־הכל, געווען אַן אויפטו נישט פון יחידים, נאָר פון אַ פּאַרטיי־קאָלעקטיוו. אים, דעם קאָלעקטיוו געדענק איך, און זיין אויפטו וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

ניין, כ׳וועל אייך נישט פאַרגעסן. אייער יזכור איז מיט בלוט־פעדעם אַריינגעוועבט אינעם גרויסן, אוי, ווי גרויסן יזכור פונעם פּוילישן ייִד.

רויטע צאַפּלדיקע רויזן

אין פּאַריז האָט מיך אויפגערודערט די התגלות פון קונסט. אפילו נאָך די פּאַראייניקטע שטאַטן האָט פּאַריז פאַרכאַפּט און אויפגעשטורעמט מיין געמיט. טעג און נעכט, פרייע פון פּאַליטישער טעטיקייט, האָב איך זיך געטובלט אין שיינקייט און געאָטעמט די לופט פון פרייהייט. אין לוווּר, אין לוקסעמבורגער גאַלעריע, אין די עליזער פעלדער, אין בולאָנער וואַלד, אין ווערסאַיל, טראָקאַדעראָ, מאָנמאַרטר, מאָנפּאַרנאַס, באַ דער באַסטיל, אויפן בית עולם פּער לאַשעז, באַ דער קאָמונאַרן־וואַנט, אין דער מאַדלען־קירכע, אויפן אייפל־טורעם און אויף די קאָנצערטן פון דעם דאָן שטאַרק באַרימטן קוואַרטעט טוש.

צופעליק בין איך איינגעשטאַנען אין האָטעל „נאָטר דאַם", פּונקט אַנטקעגן איבער דער באַרימטער קירכע. פלעגט מיין בליק האָבן פּאַר זיך כסדר די ווונדערלעכע מיסטעריעזע כימערעס, און שעהן־לאַנג האָב איך געפרוווט פאַרשטיין דעם זין פון זייער שדישן שמייכל און כיטרען קוקעלע.

אָבער די טיפסטע אומפאַרגעסלעכע איבערלעבונג האָב איך געהאַט יענעם אָוונט אין „טראָקאַדעראָ", ווען כ'האָב זוכה געווען צו זען איסאַ־דאָראַ דונקאַן אין איר גלאַנץ־אויפטריט.

די באַרימטע טענצערין האָט דאַן אויפגעשטורעמט די וועלט מיט אירע געוואַגטע „באַקעטע טענץ". די פיליסטערישע פּרעסע, נישט נאָר אין פראַנקרייך, האָט געבושעוועט אין נאָמען פון הייליקער צניעות און טראַדיציאָנעלער אָפיציעלער מאָראַל.

אָבער די פּאַריזער מאַסן האָבן פאַרגעטערט די גרויסע קינסטלערין. אירע אויפטריטן האָבן געהאַט אַ געוואַלדיקן דערפאָלג און די זאַלן זענען געווען תמיד פול געפּאַקט.

איך האַלט זיך נישט עד היום פאַר קיין מבין אין טאַנץ־קונסט. אָבער זינט דער פּריסטער יוגנט האָב איך אינסטינקטיוו הנאה פון באַוועגונגען און ליניעס פון מענטשלעכן קערפּער; אָפט האָבן מיר אָט די באַוועגונגען

אַזוי גוט פאַרטייטשט די מוזיק, וואָס כ'האָב זי קיינמאָל נישט געלערנט און קיינמאָל נישט געוווסט דעם טעם, פאַרוואָס זי רופט בײַ מיר אַרויס אַזעלכע טיפע עמאָציעס; פּירט מיך אַריבער לייכט, גראַציעז, ממש אומבאַמערקטערהייט פון שטימונג צו שטימונג, פון פרייד צו טרויער, פון רעזיגנאַציע און אָנגעבראָכנקייט צו התפעלות און עקסטאַז.

איך געדענק לגמרי נישט דעם פּראָגראַם פון יענעם אָוונט אין טראָקאַדעראָ. דער אמת איז, אַז אויך בשעת מעשה האָט אויף מיר די קינסטלערין געמאַכט דעם שטאַרקסטן רושם גראָד נישט דורך דעם אָפיציעלן פּראָגראַם, נאָר דווקא דורך אַ „נומער", וועלכן זי האָט אויסגעפירט אויף דער עקשנותדיקער פאָדערונג פונעם עולם שוין נאָכן פאַרענדיקן דעם פּראָגראַם.

ס'איז געווען אַרום חצות; דער טויזנט־קעפּיקער עולם, וואָס האָט אָנגעפילט דעם פּרעכטיקן זאַל „טראָקאַדעראָ" איבער די ברעגעס, האָט לאַנג, לאַנג אַפּלאָדירט דער קינסטלערין און זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז פונאַנדערגיין.

דער אָרקעסטער איז שוין אויך אַוועק. אַ טייל באַלויכטונג איז אויס־געלאָשן און אין זאַל איז געוואָרן האַלב טונקל. אָבער אַ גרופּע פון אַ פּאָר הונדערט סטודענטן האָבן זיך צוגעשטופּט צו דער ראַמפּע אין עקזאַלטאַציע, געשטורעמט און געמאָנט, די קינסטלערין זאָל ווידער און ווידער דערשיינען.

האָט עס מיר אויסגעזען אַזוי פאַנטאַסטיש, מיסטיש. מער ווי דריי פערטל זאַל איז פּוסט און פינצטער. בלויז דאָ, גאָר נאָענט צו דער שוואַך־באַלויכטענער בינע, זענען די געמיטער אויפגעשטורעמט און די פּנימער באַלויכטן מיט אַן אינערלעכער שיין פון דערוואַרטונג.

און די „חסידים" האָבן זייערס געפּועלט.

קלאַנגען פון דעם אָרגעל האָבן זיך פּלוצים פאַנאַנדערגעגאָסן, און די טענער פון שאָפּענס „לויה־מאַרש" האָבן גענומען וויברירן אין דעם חלל. אין ווינקל פון דער האַלב־טונקעלער סצענע האָט זיך באַוויזן איסאַדאָראַ דונקאַן — אַ גרויסער סילועט שפּאַנט לאַנגזאַם און דערנענטערט זיך צו דער ראַמפּע. אַ מענטש רוקט זיך מיט זיכערע טריט צום סוף פון זיין לעבן. דאָ ערגעץ לויערט אויף אים און גייט אים נאָך דער טויט. דער סילועט שפּאַנט זיינע גורל־טריט ביז ער קומט צו צום לעצטן פּונקט.

עס לאָזן זיך אויס די כוחות, עס האַקן זיך אונטער די פיס: אויס, דער סוף איז געקומען. דער מענטש פאַלט און איבער אים פאַרציט זיך אַ שוואַרצער שלייער.

שוואַרצער טרויער פאַרשפרייט זיך איבער דער סצענע.

ביין. אין דער לעצטער רגע ווי אין גסיסה, שטרענגט זיך אָן דער מענטש צו דערמאָנען דאָס פאַרגאַנגענע לעבן. על כל פנים — די מאָמענטן פון שפּאַנונג, דינאַמיק, שאַפונג.

ווי דורך אַ כישוף איז דער שוואַרצער שלייער פאַרשוווּנדן און ס׳הויבט זיך אויף אַ שלאַנקע יונגפרוי אין ווייסן קלייד, באַצירט און באַפּוצט מיט רויטע, צאַפּלדיקע רויזן.

ווייזט אויס, אַז יעדע דערינערונג איז פול אָנגעלאָדן מיט פריידיקייט און אויפלויכט.

לאָזט זיך די יונגפרוי אַוועק אין טאַנץ. טאַנץ פון זכרונות; טאַנץ פון דורכגעלעבטן לעבן. צוערשט אומזיכערע, עטוואָס קווענקלענדיקע באַוועגונגען, פאַרלאַנגזאַמטע טריט. אָבער וואָס ווייטער, אַלץ האַסטיקער, שנעלער, ביז צו שווינדלדיקער גיכקייט.

און ווי די שפּורן פון זכרונות, שיטן זיך איבערן דורכגעטאַנצטן קרייז און שפּרייטן זיך פונאַנדער די אָפּגעפאַלענע רויטע, צאַפּלדיקע רויזן. אַ שטורמיש לעבן געווען און עס לאָזט נאָך זיך שאַרפע, בונטע סימנים, געצייכנטע דורך רויטע, צאַפּלדיקע רויזן.

אָבער — וויפל דויערט אַ מענטשלעך לעבן, אפילו אַ שטורמיש לעבן? קורץ זענען די טעג פון אונדזער לעבן, און די יונגפרוי איז ענדלעך צוגעקומען צו דער העכסטער הויך, צום אַפּאָגיי.

איצט הייבט זיך אָן דער גאַנג צום סוף. ווערט דער טאַנץ פּאַמעלעכער, לאַנגזאַמער, ביז עס לאָזן זיך אויס די כוחות, עס האַקן זיך אונטער די פיס, עס ברעכן די קני. אויס. דער סוף איז געקומען. געענדיקט דער לעבנס־טאַנץ. דער מענטש איז געפאַלן און איבער אים איז ווידער פאַרצויגן דער שוואַרצער שלייער.

דאָס בערגל לעבן איז פאַרדעקט מיט טויט־שוואַרצקייט.

אָבער, וואונדער איבער וואונדער: איצט שרעקט שוין נישט די שוואַרצע אבלות צוליבן טויט — פון אַלע זייטן און ווינקלען, ציען, כישופן,

רייצן און רופן די רויטע, צאַפּלדיקע רויזן, וואָס זאָגן עדות, אַז ס׳איז געווען אַ רויט, צאַפּלדיק לעבן, פול געגוס און גליק...

דער ענטוזיאזם פונעם עולם איז אין לשער.

צענדליקער יאָרן זענען אַוועק זינט יענעם אָוונט אין טראַקאַדעראָ — וואָסערע יאָרן, וואָסערע איינדרוקן און איבערלעבונגען — און איך זע ווי איצט, אַזוי קלאָר און שאַרף, די ריזיקע סצענע פון טראַקאַדעראָ איינגעאַנצן אין האַלב־טונקל, ערגעץ־ווו שאַטנט אַ שוואַרצער שלייער פון אבלות, אָבער מעכטיק און פריידיק כישופן און מונטערן פון אומעטום רויטע, פרישע, צאַפּלדיקע רויזן.

ווי וויל איז דער געזעלשאַפט, אַז נאָכן טויט פון אירן אַן אויסדער־וויילטן, קאָן זי גובר זיין דעם ווייטיק און צער צוליב דער אבידה און ווערן דערהויבן ביי דער פריידיקער דערינערונג וועגן דער שאַפערישקייט פונעם לעבן, וואָס האַלט אויך ווייטער אין ווירקן.

ווי וויל איז די איבערגעבליבענע, וואָס מוזן נישט זיצן שבעה און צינדן שוואַרצע ליכט צו קאָפּנס דעם בר־מינן, נאָר זיי וואַרעמען זיך גליקלעכע ביי די פונקען און שטראַלן, וואָס זענען נישט פאַרזונקען מיטן טויט, נאָר מיניען זיך און ווינקען פון אַלע שטעגן ווו דער שעפערישער גייסט האָט געשפּרייזט במשך זיין דינאַמיש לעבן.

נישט וויכטיק איז דער טויט. סוף כל אדם למות. ס׳איז אָבער כדאי געווען אַזאַ לעבן צו לעבן!

איך בין נישט קיין מבין אויף טענץ, און איך קאָן קיינמאָל נישט פאַרטייטשן און אויפקלערן מיט וואָס און פאַרוואָס דער, אָדער יענער טאַנץ־אויפטריט האָט מיך אויפגערודערט און גורם געווען ביי מיר אַ באַשטימטע, אינערלעכע אויפטרייסלונג.

איך ווייס אָבער ,אַז די דערינערונג פון יענעם שאַפן־טאַנץ פון איסאַדאָראַ דונקאַן מיט העכער פינף צענדליק יאָר צוריק אין טראַקאַדעראָ רודערט־אויף מיין געמיט עד היום; איך דערשפּיר און באַנעם זיין אמתן טעם און טיפערן מענטשלעכן זין יעדעס מאָל, ווען עס טרעפט אַן אומגליק און אַ גרויסער גייסט ווערט דורכן גורל אַכזריותדיק אַרויסגעריסן פון אונדזער מיט. מיר שטייען אַלע מיט געזונקענע קעפּ און צעבראָכענע הערצער, עלול אַריינצופאַלן אין טיפן יאוש און זיך אַן ווידערשטאַנד איבערענטפערן אין רשות פון שוואַרצן טרויער.

אין אַזאַ מאָמענט פאַרנעם איך מיטן גאַנצן וועזן מיינעם די קלאַנגען פונעם אָרגעל אין זאַל פון טראָקאַדעראָ; די טענער פון שאָפענס לויה־מאַרש וויברירן אין טונקעלן חלל, און די וווּנדערלעכע געשטאַלט פון אַ יונגפרוי אין ווייסן קלייד טראָגט זיך אין אַ ווירבלדיקן טאַנץ, שפּריי־טנדיק איבערן גאַנצן לעבנס־וועג רויטע, צאַפּלדיקע רויזן.

שרעקט מיך נישט מער דער שוואַרצער שלייער פון טויט און אבלות — מיך מונטערן און קרעפטיקן די רויטע צאַפּלדיקע רויזן, וואָס זענען געבליבן נאָכן שאָפּעריש, דינאַמישן לעבן!



בער באָראָכאָוו
1917 — 1881

שטייען :	דוד טאַבאַטשניק געב. 1908	אַבושווערבער געב. 1908	דניאל לייבל 1967 — 1891	ל. שמעוני געב. 1900	משה ערעם געב. 1896	ג. גרשוני 1959 — 1900	חיים בראַנד 1964 — 1897
זיצן :	זאב אַבראַמאָוויטש געב. 1891		חיים פינקלשטיין געב. 1911	נחום ניר געב. 1884		יעקב זרובבל געב. 1886	פ. ל. גאָלדמאַן געב. 1904

יצחק בן־צבי
1963 — 1884

שלמה קאַפּלאַנסקי
1950 — 1884

לעאָן כאַזאַנאָוויטש
1925 — 1882

מוליע עדעלמאַן
1954 — 1876

ישראל שורעק
1919 — 1892

אריה האָלענדערסקי
1940 — 1879

ישראל שוחט
1961 — 1886

מאַניע שוחט
1961 — 1880



יצחק אחדותי
געפאַלן 1912

בערל קליי
געפאַלן 1915



עמנואל רינגעלבלום
1944 — 1900

שכנא זאַגאַן
1942 — 1891



ברוך אייזנשטאַט
1937 — 1889



יעקב פעטערזייל
1955 — 1899



נתן בוקסבוים
1943 — 1890

יעקב קענער
1951 — 1884

יוסף ראָזען
1954 — 1894

יצחק לעוו
1954 — 1891



חיים טורנער
1953 — 1900

מרדכי ביטערמאַן
1963 — 1911

חיים קראַפט
1964 — 1887

יאָסל כּץ
געשטאָרבן 1952



א. ש. יוריס
געב. 1890

יהודה טיבערג
געב. 1900


יוסף ראָטנבערג
1960 — 1914

שמעון ראָזענבערג
1962 — 1899


יונה קאָווענסקי
געב. 1900

משה אָדערבערג
געב. 1890

שמואל באָנטשעק
געב. 1890

אייזיק העמלין
1967 — 1891

משה מענאַכאָווסקי
געב. 1893

מעקס פעדערמאַן
געב. 1902

דוד פרידמאַן
אומגעבראַכט 1943

שלמה שווייצער
געב. 1903

חיים זיידמאַן
1913 — 1956

משה גערשאָנאָוויטש
געב. 1896

קסעניאַ
1957 — 1881

גאָלדע מאיר
געב. 1898

חיים זשיטלאָווסקי
1943 — 1865

נחמן סירקין
1924 — 1868



ש. אנסקי
1920 — 1863

זלמן שזר
געב. 1889

רינגעלבלום־אינסטיטוט – תל־אביב, רח׳ ברנר 14

ביז איצט דערשינען:

ילקוטי פועלי־ציון:

המהפכה הראשונה והשניה ברוסיה	1947
מבלפור עד בוין	1947
המאבק בזירה הבין־לאומית (חלק ראשון)	1954
המאבק בזירה הבין־לאומית (חלק שני)	1955
מוליע (שמואל עדלמאַן) — זאַמלבוך צו זיין אָנדענק	1955
יוסף רוזן, כתבים נבחרים	1957
דריי — אָנדענקבוך: פּאָלאַ עלסטער, הערש בערלינסקי, אליהו ערליך	1966
שמעון ראָזענבערג — געדענקבוך	1966

דערשינען אין אַרגענטינע:

פון בריטישן מאַנדאַט ביז דער יידישער מדינה (באַנד איינס)	1954